STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01050

GOYROLES

Mordecai Strigler

*Permanent preservation of this book was made possible
by The Jane Dorothy Perlmutter Foundation
in honor of
David Perlmutter*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

גורלות

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

85

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מרדכי שטריגלער

גורלות

בוך איינס

*

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָסאיירעס 1952 — התשי״ב

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
M. Strigler, París

MORDCHAI STRIGLER

GOIROLOIS

(DESTINOS)

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1952

גורלות

באַנד פיר פון דעם ציקל

„אויסגעברענטע ליכט"

געשריבן אין פּאַריז אין די יאָרן 1948 — 1950

ערשטער טייל

מיטן סוף צוקאָפּנס...

קאַפּיטל איינס

— 1 —

שאַ — — —

זאָל שטיל זײַן! פּיר טויזנט נײַע מענטשן שפּרײַזן איצט אַרײַן אין דעם נאַכטיקן מויל פֿון ווערק צע. זיי ווייסן נאָך גאָרנישט, גאָרנישט! איז גלײַכער אַזוי. זאָלן זיי זען די צעוויגטע ביימער און די אײַנגעדרימלטע באַראַקן. זאָל אַלץ ווערן טויב און שטום און זאָל קיין איין סקעלעטן־פֿינגער זיך נישט באַווײַזן בײַ די פֿענצטער... פּיר טויזנט מענטשן קענען נאָך פֿאַרלירן די לעצטע רויִקע נאַכט וואָס זיי איז אפֿשר באַשערט אי־בערצולעבן.

איז גלײַכער אַזוי!

טאַקע דערפֿאַר שפּרײַזן זיי אַרײַן — און זייערע שאָטנס, אין דער נאַכטיקער דערעפֿענונג פֿון טויער, קרימען זיך נישט, טרייסלען זיך נישט. נעבן טויער שטייען נאָר עטלעכע פּאָליצײַ־לײַט מיט רויטע פֿנימער און עטלעכע מענטשן פֿון דער קאָמענדע, וואָס הערן נישט אויף צו ציילן:

— 67... 69... 73... הונדערט!

די פֿנימער בײַם טויער זאָגן אָן, אַז דאָ ל ע ב ט מען; מען איז געזונט! דערפֿאַר טוליעט יעדער פֿון די אַרײַנגעקומענע זײַן פּעקל צו זיך און די שפּיציקע טויער־צײַן שטעכן זיך נאָך אין זײַן האָפֿענונג נישט אַרײַן...

מען וועט זיי פֿירן דורך זײַטיקע שטעגלעך, ביז צו די נײַע באַ־ראַקן. דאָרט וועלן זיי קענען פֿרײַ אויסציִען די גלידער אויף די פּרישע ברעטער פֿון די נײַע בעטלעך. מיד זענען זיי אוודאי פֿון לאַנגן וועג — וועלן זיי גליקלעך אײַנשלאָפֿן. די ביימער אַרום וועלן זיך שטום שאָקלען, ווי פֿרומע אָפּנאַרער און די מענטשן וועלן נאָך אפֿשר פֿאַרן אײַנשלאָפֿן צוגיין צו די פֿענצטער און אַ קרעכץ טון פֿון פֿאַרגעניגן:

— אוי... ביימער!... פרישע לופט...

ווי ווייניק די וועלט דאַרף האָבן — אָפּצונאַרן אַ מענטש! זיי וועלן היינט האָבן אַ רואיקע נאַכט, מיט וועלכער זיי וועלן זיך אַליין מאָרגן מקנא זיין. אַלץ איז פאַרשלאָפן. דער גאַנצער טומל איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדער וועלט אַריין אויף די פּאָר שעה. בלויז פון צייט צו צייט לאָזט זיך הערן אַ פּאָליציייאיש פייפעלע. דערנאָך גיט זיך אַ דער־טראָג אַ ווייטער עכאָ פון אַ באַקאַנט קול:

— העי, ווי האַלט עס דאָרט מיטן פּערצנטן באַראַק?

— שוין פול ביז צו דער שוועל, פּאַניע קאָמענדאַנט!...

און ווידער צישעט די שטילקייט ווי אַ פּאַרטייעטע שלאַנג אין איר שוואַרצער באַהעלטעניש. זעט אויס, אַז עס איז שוין גאָר שפּעט געווען, ווייל די מענטשן פון די באַראַקן האָבן זיך שטילערהייט אַוועקגעשאַרט פון די פענצטער און אַנגעהויבן שנאָרכן אויף די האַרטע געלעגערס. די וואַך ביי די דראָטן האָט זיך געביטן און די צוריקגייענדיקע פּאָליציי האָבן הויך געגענעצט. אויך ביים טויער, אַנטקעגן מעכעלעס באַראַק איז בלויז געבליבן איין וועכטער, וואָס האָט זיך פויל אָנגעלענט אויף זיין געפּאַרבט ביידל. פיר טויזנט מענטשן האָט דער אַרומגעצוימטער קאַסטן נאָר־וואָס אַריינגענומען אין זיך און עס איז נאָך זיי אַפילו קיין צייכן נישט געבליבן אויפן אָרט, דורך וועלכן זיי האָבן נאָר־וואָס אַריינגע־שפּרייזט.

— 2 —

שוין אַ לאַנגע צייט האָט דער פאַבריקס־דירעקטאָר, ד״ר ראָסט, זיך באַמיט אומעטום וועגן אַ פרישן טראַנספּאָרט יידן. ענדלעך האָט ער באַ־קומען די דערלויבעניש זיך צו טיילן מיטן מענטשלעכן רויב פון דער קראָקעווער יעראָזאָלימסקאַ, מיטן קאָמענדאַנט אַמאָן געטט. דערנאָך איז אַוועק אַהין דער וואַכפירער שומאַן מיט אַ גרופּע ווערקשוץ און זיי גע־ברענגט צו פירן אין לאַנגע, פאַרהאַקטע וואַגאָנעס. די צייט האָט אָבער שוין אויסגעזען אַנדערש צו זיין. מען האָט זיי בעסער באַהאַנדלט ווי אַנדערע טראַנספּאָרטן און זיי האָבן אַפילו אַריינגענומען זייערע גע־ברענגטע זאַכן ביזן לאַגער אַריין.

איצט זענען זיי דאָ און פּרוּוון שוין כאַפּן אַ דרימל אין זייער נייער

וועלט. וויפל מענער זענען געקומען? וויפל פרויען? פון דער שטור־מער פעכיקייט, וואָס מעכעלע זעט דורכן פענצטער, קען ער עס נישט דער־גיין. וואָס האָבן זיי געטראָגן אין די פעק־האַרבן זייערע? אויך דאָס קען ער נישט וויסן. נאָר דאָס האַרץ אין מעכעלען קלאַפּט ווידער מיט יענער האַסטיקייט, ווי יעדעס מאָל ביים אַנטרעפן זיך מיט אַ סוד־איינגעהיל־טער זאַך, וואָס זאָגט אָן נייע איבערראַשונגען. נייע פיר טויזנט מענטשן! זיי ברענגען מיט זיך ידיעות פון אַן אַנדער שטיק וועלט און זיי ווייסן זיכער פון אַ סך געשעענישן, וואָס דאָ קען מען זיי נישט וויסן.

ער קען זיך נישט אָוועקלייגן שלאָפן. דאָס דינע, מילדע ווינטעלע רופט אים אַרויס, ציט אים — און מעכעלע שאַרט זיך ביז אין קאַרי־דאָרל אַריין, עפנט די טיר צום דרויסן און שלינגט אין זיך אַריין שטי־קער פייכטע, פינצטערע שטילקייט. די נאַכט פון אַ דייטשער אַמוניציע־פאַבריק ווערט שוין נישט איבערראַשט פון קיין סודות. זי ציט אין זיך אַלץ אַריין און לאָזט עס אַראָפּ אין איר שוואַרצן, פוסטן קעלער. אַפילו די מרה־שחורהדיקע ביימער האָבן ליב צו שטיין אין אַזעלכע נעכט אויס־געגלייכט, אַריינגעוואַקסענע אין דער טונקלקייט אַריין — אַזוי ווי אויך זיי וואָלטן איצט געשטאַנען אויף אַ לאַגער־אַפּעל. מסתמא האָט זיי עמע־צער געגעבן אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן אויפהערן מיט זייער שטומען רכילות־ברומעריי — שווייגן זיי... און מיט זיי צוזאַמען שווייגט אַלץ מיט: די מענטשן אין די באַראַקן, די שאָטנס אין דרויסן, דער וואַלד, די פאַבריק; די גאַנצע, אָפּגעשטופּטע וועלט...

מעכעלע וויל עפּעס אויפכאַפּן פון דעם שטילן נאַכט־געררויש, וואָס די לופט האָט שטענדיק אַנגעגרייט פאַר דער ליידיקייט. אין ווערק צע ווערן אָבער איצט באַשטימט די גורלות פון פיר טויזנט פרישע לעבנס און קיינער וועט איצט זיך נישט אָפּרייסן און קומען דערציילן דעם ביי־געריקן יינגל, דאָס וואָס ער וויל. אויך די לופט האָט איצט אַ פאַרשטיקט מויל. בלויז פון דער צווייטער זייט געסל האָט מעכעלע דערקענט דאָס האַרבע קול פון קאָמענדאַנט ווייזנבערג:

— וואָס פּגע״סטו מיך אַזויפיל? עס איז נישטאָ פאַר אַלעמען קיין פלאַץ? טאָ זאָלן זיי די נאַכט איבערזיצן און באַקענען זיך מיטן ווערק צע זיצנדיק... אַז יענע האָבן מיטגעברענגט אַזויפיל פעק — טאָ ווי אַזוי קען פאַר אַלעמען זיין פלאַץ?

אַ ווייכלעך־בעטנדיק קול האָט נעבן אים עפּעס געשאָרכט. די ווער־

טער זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען אין מיטן וועג און מעכעלע האָט קוים געקענט אויפֿכאַפּן:

— מיידלעך... מיד פֿון וועג... אַזוי ווייט...

אָבער וויזנבערג האָט לאַנג נישט געלאָזט רעדן:

— נו־נו, שוין געהערט דערפֿון... מ׳קען דעם פּזמון! אַ פּאַליציאַנט זענט איר? אַ מלמד! בנאמנות — אַ מלמד! ווי נאָר זיי זעען אַ קליידל — מעגסטו ביי זיי נעמען די היטלען און אַריינוואַרפֿן אין קלאָזעט אַריין... ווייכע הערצער באַקומען זיי באַלד! דריי מיר בעסער איצט נישט קיין קאָפּ, ווייל מאָרגן דאַרף איך אויפֿשטיין גאָר פֿרי...

עס האָט זיך נאָר געהערט אַ סאַלוטירנדיקער קנאַל פֿון צוויי צוזאַמענגעקלאַפּטע פּיס און דערנאָך האָבן צוויי פּאָר שטיוול זיך געלאָזט הערן פֿון צוויי באַזונדערע ריכטונגען.

דערמיט האָט זיך דאָס נאַכטיקע וואַנדלען אין דער פֿינצטערניש נישט געענדיקט. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען הערן פֿאַרזיכטיקע, פּאַליצייאישע טריט. איין גראָב, קראַצנדיק קול, אין וועלכן מעכעלע האָט דערקענט דעם ברויט־קאָמענדאַנט הערצקע לעדערמאַן, האָט זיך אפֿילו געריסן הויך און שיכורלעך:

— יאַטן, אייך דוכט זיך, אַז איר האָט אַלץ געזען... און איך זאָג אייך — אַז גאָרנישט! איר האָט געדאַרפֿט זען ווי אַזוי ז י האָט געקוקט אויף די יונגען — וואָלט איר פֿאַרשטאַנען! די נכפה האָט זי שיער באַקומען... און דאָס טויג נישט, זעט איר... איר קענט מיר ערלעך גלויבן, אַז עס טויג נישט! אַן איבערקערעניש וועט דאָ ווערן! פֿאַרלאָזט אייך אויף הערצקען...

ווער עס איז די „זי״ און פֿאַרוואָס זי האָט שיער די נכפה באַקומען, האָט זיך מעכעלע נישט געקענט אָנשטויסן. דערפֿאַר האָט ער אויך נישט געקענט פֿאַרשטיין, מיט וואָס קען דאָ ווערן ערגער דערפֿון... און ווענען?

דאָס געזעמל האָט זיך אָוועקגעשאַרט און זייערע ווייטערדיקע ווערטער איז שוין נישט מעגלעך געווען צו הערן.

— 3 —

פאַרטאָג האָט מען דעם עולם געוועקט פריער צו דער אַרבעט. אויך דער פרימאָרגן־אַפּעל איז געמאַכט געוואָרן אין גיאייל, אַזוי ווי מען וואָלט געזוכט אַ מיטל די „אַלטע״ פון לאַגער פריער אַרויסצופּטרן. ווי נאָר די טאָג־שיכט האָט זיך אַ ריר געטון דורכן טויער האָבן זיך אַ שאָט געטון איבערן הויף גאַנצע מחנות מיט די פריש־געקומענע. זיי האָבן גע־האַט אַנדערע פּנימער ווי די ווערק־צעניקעס: פולע, אויסגעגלעטע. אויך דאָס אָנטון זייערס איז געווען ניי און עלעגאַנט. בלויז די קנייטשן אויף די מלבושים האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ וואַלגערן זיך אין וואַגאָנעס. זיי האָבן זיך צעשפּרייט אין אַלע ווינקלען, אָנגעטראָפן באַקאַנטע און ווי־דער געפרוווט שמייכלען איינער צום צווייטן, טרייסטן זיך:

— נו... ס׳איז נאָך נישט עק וועלט! אָט איז מען אויף אַ פרישן אָרט — און גאָרנישט! מען לעבט נאָך... און קיינער עסט נישט אויף!

פון טויער האָט געגומען שטראָמען די מחנה פון דער נאַכט־שיכט. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אויסגעדאַרטע סקעלעטן, מיט די ברוינע און געלע קאָלירן. זיי האָבן זיך צעשראָקן אַרומגעקוקט אויף דער פרישער מחנה איינוווינער פון ווערק צע. ווער האָט זיי באַדאַרפט? ביי אַ סע־לעקציע טאָר מען נעבן אַזעלכע נישט שטיין! דאָס איז איינע פון די פאַר־זיכטיקייטן, וואָס אַ געניטער ווערק־צעניק געדענקט... און דאָ זענען זיי געקומען אַזויפיל! וואָס אַ דייטש קען זיך טראַכטן, בעת מען שטעלט אַוועק „אַן אַלטן״, אָפּגעריסענעם האַלע־מענטש נעבן אַזעלכע פרישע יונגען — קען שוין אַ ווערק־צעניק וויסן פון פריערדיקע צייטן... דערפאַר האָבן זיי זיך אַזוי אַ יאָג געגעבן מיט זייערע שלעפּ־טריט ביז צו די באַ־ראַקן, ווי זיי וואָלטן מורא האָבן, אַז עמעץ זאָל זיי קיין איין סעקונדע נישט זען, אַנטקעגן־איבער די דאָזיקע...

אַ בלאַסער גליווער איז קלעפּן געבליבן אויף אַ סך מכלומרשט־פריי־לעכע שמייכלען:

— אַ ז ו י ? ווערט מען דאָ אַט־אַזוי־אַ?

אָבער די מענטשן פון דער נאַכט־שיכט איז אַ שאָד געווען זיך אָפּ־צושטעלן אויסטענהן, יעדער רגע, אין וועלכער מען פאַרזוימט דעם שלאָף, איז אַ פאַרשפּילטע. האָבן זיי נאָר אין מיטן גאַנג צוגעוואָרפן עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער:

— קוקטס־קוקטס! איר וועט עלטער ווערן מיט אַ וואָך — וועט איר שוין זען ווי אַזוי די שטיוועלעך וועלן אויסזען! וואָס האָט איר נישט קיין צייט צו וואַרטן? אַז מען וועט לעבן — וועט מען זען!

און באַלד איז זיך די גאַנצע חברה אָנגעפּלויגענע סקעלעטן צע־לאָפן אין אַלע ווינקלען און פאַרשוואונדן. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי די באַראַקן וואָלטן קברים געווען, וואָס האָבן זייערע טירן צעעפנט און די מתים זענען אַרויס אויף אַ מינוט מיט זייערע געל־צעהאַדערטע פליגל. איצט, אַז זיי האָבן זיך נאָר באַוויזן פאַר די לעבעדיקע — האָבן זיי עס שוין גענוג. דערפאַר זענען זיי צוריק אַריין אין זייער רו אַריין! גענוג געשפּאַסט מיט די אָנגעשראָקענע, צעקראַכענע לעבנס!

די קעפּ ביי די נייע האָבן זיך פלוצים אַראָפּגעבויגן. מסתמא האָבן זיי אין איין מינוט אַלץ פאַרשטאַנען, ווייל דאָס פריילעכע באַגריסונג־געשריי איז איינגעשטילט געוואָרן און זיי האָבן זיך גענומען שאַרן זיי־טיק צו די נייע באַראַקן. עמעץ האָט נאָר אַ וואָרף געטון אַ וואָרט איבער די קעפּ:

— אומעטום — איין וועלט! נישטאָ זיך וואָס איינצורעדן... יעדער דייטש האָט זיך נאָר זיין באַזונדערן שטייגער ווי אַזוי ד אָ ס צו מאַכן...

קיינער האָט דעם דאָזיקן ברום גאָרנישט אָפּגעענטפערט...

— 4 —

צווישן דעם נייעם שטראָם האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע צענדליק הויכע, שטאַרקע יונגען מיט ווייס־בלויע, קיילעכדיקע היטלען. דאָס זע־נען געווען פּאַליציאַנטן פון דער יעראָזאָלימסקאָ. זיי האָבן מיט זיך גע־ברענגט די האָפענונג, אַז אויפן נייעם אָרט וועלן זיי ווידער פאַרנעמען דעם זעלבן פּאָסטן. האָבן זיי פאַראַדירט מיט די ברייט־לאַמפּאַסירטע היט־לען און שוואַרץ־גרויע מונדירן.

שוין תיכף ביים אַראָפּגיין פון צוג האָבן זיי גענומען באַפעלן אויף זייער עולם, צוגעהאָלפן מאַכן אָרדענונג און געשריגן. די מאַסע האָט זיי געקענט פון פריערדיקן לאַגער און דערפאַר געהאָרכט און זיך אונטער־געגעבן. ווי נאָר זיי זענען אַריין איבערן טויער, האָבן זיי אָבער פאַר־שטאַנען אַז דאָ וועט עס אַזוי גלאַטיק נישט צוגיין. דאָ זענען שוין פאַ־

ראַן אַנדערע פּאָליציי — און אין צענדליקער, וועלכע טראָגן אַנדערע מי־גים היטלען און ווייסן גיכער וועלכן קאָנטאַקט מען דאַרף אָנהאַלטן, בכדי צו האָבן דאָס גומענע שטעקעלע אין דער האַנט.

זענען די פריש־געקומענע פּאָליציי באַלד געוואָרן איינגעבראָכן, ני־דערגעשלאָגן און געקוקט אַרום זיך מיט תחנונימדיקע אויגן. זיי האָבן זיך דערביי געגומען פאַרזיכטיק אויסשיילן פון דער גאַנצער מחנה געקומע־נע און באַמיט זיך אַז זייערע פּאָליציי־קעפּ זאָלן זיך וואָס מער אַרויס־זען. די אַלטע מחנה פּאָליציי האָט זיי פון דער ערשטער מינוט אָן געגנו־מען באַטראַכטן מיט קילע, שטעכיקע בליקן, ווי אויף אַזעלכע וואָס קומען זיך דאָ אַריינרייסן אין זייער וועלט אַריין; האָבן זיי זיך גענומען דרייען נעבעך צום קאָמענדאַנטן־באַראַק און געזוכט וואָס בולטער זיך צו באַ־ווייזן אין דער קאָמענדאַנטינס אויגן... פון אַלע זייטן האָבן זיי פאַרוואָרפן בליקן צו איר פענצטערל, געוואַרט, אויסגעקוקט זיך די אויגן. זיי וואָלטן זיך איצט געוואָרפן צו די פיס; בעטן, צוזאָגן... וואָס וואָלטן זיי דען דאָ נישט אַוועקגעגעבן, אַבי צו בלייבן ביי אַ ברעקל מאַכט? אָבער ביי די קאָמענדאַנטן, אין „ווייסן הויז", האָט מען זיך געשושקעט, באַטראַכט פּלע־נער, ווי אַזוי איינצושטעלן אַ נייע אָרדענונג.

זיי האָבן באַין־אופן נישט געוואָלט ווערן אַזוי ווי די געלע, וואָס זיי האָבן דאָ באַמערקט. דאָס האָט מען געקענט פאַרשטיין. דערפאַר האָבן די פרעמדע פּאָליציי געמאַכט זיך שרייען אויף די אייגענע מענטשן פון פרישן טראַנספּאָרט און געזוכט מיט אַלע מיטלען, מען זאָל זיי באַ־מערקן: זאָל „זי" זען זייערע שטיוול, דאָס שטרענגקייט אויפן פנים און די געזונטע געשטעלן זייערע! דערנאָך וועט זי זיכער פאַרשטיין אַז זיי קענען נאָך נוצן ברענגען!

צו די נייע האָט מען געדאַרפט האָבן פרישע פּאָליציאַנטן. די פריש־געקומענע באַפעלער זענען פּאַסיק דערצו: זיי קענען דעם עולם, ווייסן ווער עס האָט מיט זיך „עפּעס" געברענגט און אויף זיי קען מען זיך פאַר־לאָזן! נאָר אין קאָמענדאַנטן־באַראַק האָט מען זיך איינגעשלאָסן, נישט געוואָלט אַ בליק טון אויף זיי. צענדליקער מענטשן פון דער אַלטער גוואַרדיע האָבן שוין לאַנג געוואַרט אין דער ריי. מען האָט זיי צוגע־זאָגט, אַז ווי נאָר עס וועט קומען אַ פרישער טראַנספּאָרט — באַקומען זיי די פּאָליציי־היטלען. טאָ וואָס ווילן זיי, די אָקאָרשט־געקומענע? זיי גרייטן זיך ווידער איבערצונעמען די מאַכט! אָבער דאָ זענען מענטשן

אויסגעריסן געוואָרן אין דער פאַבריק, אָפּגעאַרבעט זייערס און זיי האָבן אויך געוויסע פאַרדינסטן פאַר דעם ווייסן הויז. זיי זענען שוין אויסגע־קאָכט מיט אַלע הויף־סודות און ס׳טויג נישט מיט זיי אָנצוהייבן... וואָס וועט דאָ זיין?

די אַלטע ווערק־צע־פּאָליציי האָבן זיך אַלעמאָל געוויזן אויפן פּלאַץ, געקוקט מיט טריבע, בייזע אויגן אויף דער נייער גרופּע, וואָס האָבן גע־וואָרפן אונטערטעניקע בליקן צו דער וואַרקאָוויטשנס פּענצטערל — און זיי האָבן קוים באַוויזן צו דערשטיקן דעם כעס אין זיך:

— וואַרטס, וואַרטס... נאָך אַ טאָג אָדער צוויי וועט איר זיך קע־נען אָפּגעבן מיט פּוסטע חלומות! מיר וועלן נאָר געבן אַ פייף — און איר וועט זיך אַלע מוזן אויסשטעלן אין דער ריי. דערנאָך וועלן מיר ווידער געבן אַ פייף — און איר וועט מוזן מאַרשירן... ביז צום טויער פון דער פאַבריק וועלן מיר אייך צופירן און דאָרט וועלן קומען די מייסטערס און באַטראַכטן אייערע פעסטע פּלייצעס... דערנאָך וועט יעדער איינער איינגעצויגן ווערן אין אַ באַזונדערער האַלע און די מאַשינען וועלן זיך אַזש צעברומען פון גרויס איבערראַשט גליק: שוין לאַנג נישט געשפּירט אויף זיך אַזעלכע געזונטע, פרישע הענט...

קאַפּיטל צוויי

— 1 —

די קאָמענדאַנטין פון ווערק צע האָט איצט איבערגעלעבט אַ פּי־בערדיקע שטימונג. די האָפענונג צו דערגרייכן דאָס סעקרעטאַרל פון איר קאַנצעלאַריע איז צערונען געוואָרן. יענער האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין יינגינקער אַלינקע און נישט געזען מער די וועלט פאַר די אויגן. די קליינע געליבטע מאַרעקס האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַן אויסגעפּוצטע, גאָלדענע פּאַווע און צו יעדן איינעם באַזונדער צוגעוואָרפן גליקלעכע און זיסע שמייכלעך. ווען פּעלאַ האָט דאָס געזען — איז זי שנעל אַריינגע־לאָפן צו זיך, אָפּגעשלאָסן די טירן און לאַנג זיך דאָרט געזוימט.

זי האָט געוווסט אַז דער גאַנצער לאַגער האָט שטילערהייט איבער־געטראָגן זיין גאַנצע סימפּאַטיע צו דער קליינער, וואַרשעווער לאַלקע...

דאָס איז געווען די איינציקע, וואָס האָט פאַרשאַפט קרענקונג דער קאָמענ־דאַנטין און דערפאַר איז איר דער גאַנצער לאַגער געווען דאַנקבאַר. זי האָט אויך געוווּסט, פעלאַ, אַז אירע פּאָליציי־לייט דערציילן זיך וועגן איר און וועגן איר דערשטיקטער פאַרליבעניש אַלערליי בייסיקע וויצן. נישט איינמאָל האָט זי זיך אַליין אונטערגעגנבעט צום פּאָליציי־ווענטל און זיי אויסגעהערט. איז זי געוואָרן נאָך פאַרביסענער, אויפגעקאָכטער...

אַלץ אין איר האָט געדורשט נאָך נקמה, אָפּצוטון עפּעס וואָס זאָל אויפרודערן דעם לאַגער און געבן צו פילן איר מאַכט אויף אַ באַזונדערן אופן. זי האָט פיינט באַקומען די אַלע פראַנטישע פּאָליציאַנטלעך, וואָס לויפן איר אַנטקעגן מיט טענצלדיקע טריטעלעך און מיט אַזויפיל היגטי־שער חניפה אין די אויגן. זי האָט אויך פיינט באַקומען איר שוועסטער מיט אירע כסדרדיקע אַוואַנטורעס און נאַרישע פאַרליבענישן. פּונקט אַזוי האָט זי מער נישט געקענט פאַרטראָגן דעם שוואָגער, וואָס האָט שוין צופיל אַרומגערודערט מיט די לאַגער־מיידלעך. דערביי איז די משפּחה נאָך מער אויסגעוואַקסן. די מוטער האָט גענומען זיך זוכן קאַנטשאַפט צווישן די עלטערע יידן מיט פרומע אויגן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין קאָמענ־דאַנטן־באַראַק און זי ממש דערשטאָכן מיט די פייכטע, טרויעריקע בליקן זייערע. דערצו האָט דער עלטסטער שוואָגער, פעלדמאַן, יעדן אָוונט גע־נומען מאַכן סעודהלעך ביי זיך אין שטוב... און זיינע צופרידענע קרעכצע־לעך פון יענער זייט וואַנט האָבן זי נישט געלאָזט איינרוען.

זי האָט אַפילו אויפגעהערט אַריינצופאַלן אין די באַראַקן, טרייבן די מיידלעך אין מיטן דער נאַכט אָדער זידלען די אויסגעדאַרטע מענער, פאַרוואָס זיי זענען סקעלעטן און האָבן שוין מער נישט קיין מענטשלעך פּרצוף אויף זיך...

אין די פריערדיקע צייטן, בעת די דייטשן פלעגן אָפּקלויבן מענטשן צום שיסן, איז פעלאַ געווען די ערשטע אויפן פּלאַץ. זי פלעגט זיין דער־שראָקן, אויפגערעגט. בלויז אירע פאַרגרעסערטע נאָז־לעכער האָבן זיך צוגעשאַרפט, אַזוי ווי זיי וואָלטן אומווילנדיק הנאה געהאַט פון אַזאַ באַ־זונדערן גערוך, וואָס דער טויט האָט דאָ אָנגעטראָגן... זי האָט אַרומגע־טאַפּט די אויסגעקליבענע מיטן בליק, געוואָלט דערגיין ביי זיי, ווי אַזוי דער ערב־טויט זעט אויס. דערביי האָט זי אויך געהאַט אַזאַ פאַרבאָרגענע פרייד, וואָס זי האָט דאָ אויך אַ שטיקל כוח צו באַשטימען און זי האָט געציטערט פון גליק, וואָס די מענטשלעכע לעבנס צאַפּלען זיך אַזוי ווי

אויף אירע פינגער... אירע אויגן האָבן דאַן אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן גלאַנץ פון עקזאַלטאַציע, וועלכן זי האָט נישט שטענדיק געקענט באַהאַלטן אונ־טערן שמאָלן טרויער־רעמל, וואָס זי האָט מיטפּיליק אָנגעצויגן אויף די צונויפגעצויגענע ליפּן... דאָס צוזען דעם צוגרייטונגס־ספּעקטאַקל צו אַ בלוטיקן שניט האָט זי אויפגערודערט און מען האָט קיינמאָל נישט גע־קענט וויסן וואָס אין איר איז דאַן שטאַרקער: דער דערשראָקענער צער, אָדער דאָס נישט־באַקלערטע גליק פון רויש און פאַרכלינישקייט מיט דער סכנה?..

זי האָט איבערגעלעבט דעם טויטס באַזוכן צווישן די באַראַקן. דער באַוווסטזיין, אַז ער איז דאָ פּאַראַן, נאָר זי מיינט ער נישט — האָט זי אויפגעלעבט, געטראָגן זי און צעשטורעמט... נאָך אַזעלכע מינוטן איז זי גרייט געווען אַלץ אויפצועסן און אַלע הנאות אַריינשלינגען אין זיך. זי האָט אין אַזעלכע נאָך־סעלעקציע־נעכט געוואָלט אַ סך טאַנצן, מורא געהאַט צו בלייבן אַליין אין איר חדרל און אַריינ־געצויגן איין יונג פּאָליציאַנטל נאָכן צווייטן, זיי זאָלן זיין מיט איר, באַ־וואַכן זי, אָפּטרייבן די שאָטנס און וואָס נענטער צורוקן צו איר זייער יונגע פאַרגעסנקייט און זאָרגלאָזיקייט.

אויך דאָס האָט אויפגעהערט. האָט זי פיינט באַקומען אַלעמען פון ווערק צע און דערמיט האָט זי אויך פיינט באַקומען אַלץ וואָס דאָרט פּאַסירט. זי האָט זיך טיילמאָל געמאַכט פאַרגעסן און אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן צווישן די געסלעך מיט אַ פריילעך, אָנגעצויגן שמייכעלע. זי האָט זיך אפילו געזעצט אין די פאָדערשטע רייען פון די קאָנצערטן, גע־לאָזט אַרומטאַנצן נעבן זיך אַלערליי קאָמפּלימענטן־זאָגער און אונטער־טעניקע שמייכעלעך. אין מיטן איר פריילעכער שטימונג האָט זי זיך אָבער אַ ריס געטון און געלאָזט זיך לויפן צוריק. זי האָט אויפן וועג אַ כאַפּ געטון איר גרויסאויגיק טעכטערל און מיט איר פאַרשווונדן אין איר אויסגעפּוצטן חדרל.

דער גאַנצער לאַגער האָט געוווסט, אַז עס מוז קומען עפּעס גאָר־פרישס, וואָס זאָל זי פאַרכאַפּן. איר געקרענקטער שטאָלץ האָט זי נישט געלאָזט זיך אָנפולן מיט עפּעס אַזוינס, וואָס אַלע קענען דאָ און וואָס געהערט שוין לאַנג צום ווערק צע.

— 2 —

זינט עס איז געקומען די ידיעה אַז מען ברענגט אַ נייעם טראַנספּאָרט האָט פעלאַ צוריק באַקומען יענעם גלאַנץ פון נייגער אין איר בליק. זי האָט ווידער געהאַט אויף וואָס צו וואַרטן. און בשעת די מחנה האָט אין יענער נאַכט אַריינגעשפּרייזט דורכן טויער, האָט זי ביי דער שיין פון טויער־לאָמפּ זיך איינגעגעסן אין דער כוואַליע פרישע פּנימער, געזוכט צווישן זיי עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זי אַ טרייסל טון. אָבער די שעה איז געווען אַ שפּעטע און די רייען האָבן זיך שנעל־שנעל אַדורכגעטראָגן פאַרביי איר בליק. דערביי זענען געשטאַנען עטלעכע פּאָליציי־לייט און געפּאָרשט יעדן ציטער אירן מיטן אויג — האָט זי נישט געקענט זיך פאַר־האַלטן לענגער אויף אַ באַזונדערן פּנים, אַפילו ווען דאָס האָט זי אויף אַ סעקונדע אַ רוף געטון... האָט זי ג ע מ ו ז ט צייט האָבן, לאָזן די מחנה אַריינוואַקסן אין זייערע באַראַקן. דערביי האָט זי געהאַט אַ סך אַרבעט פון פאַרהאַנדלען מיט אירע אונטערקאָמענדאַנטן און נאָנטע.

דאָ איז איצט געווען די בעסטע געלעגנהייט זיך אַ שפּיל צו טון מיט אַלעמען. איר שוואָגער ווייזנבערג איז איר גענוג געלעגן אויף די נערוון. איר שוועסטער, די פרוי ווייזנבערג, האָט שוין געהאַט איר געליבטן און דאָך האָט זי נישט אויפגעהערט צו פּייניקן פעלאַן אַז זי איז שולדיק אין אַלץ, אין איר שלימזלדיקייט. וואָלט זי נישט געלאָזט ווייזנבערגן אַזוי הויך וואַקסן — וואָלט ער נישט געווען צעלאָזט אַזוי זיינע ווילדקייטן און גיכער געהאַלטן זיך נעבן איר, נעבן דער משפּחה. דאַרף מען אים איצט קורצער מאַכן די הענט. אויך דער צווייטער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, פעלד־מאַן, איז זיך אַביסל צופיל פאַרקראָכן. די ערשטע צייטן האָט ער זיך גע־וויזן ווי אַ שטרענגער; אַ שרייער מיט אַ שטאַרקער האַנט. ווי אָבער די מיידאַנעקער קאַעל־לייט זענען געקומען — האָט עס אים פאַרכאַפּט אַזוי ווי אַ כישוף. ער האַלט זיך אין איין דרייען מיט די אָפּגעריסענע יינגלעך וואָס זינגען יידישע לידער און רעדן וועגן עפּעס אַזאַ יידישער פּאַרטיי, צו וועלכער אויך ער, פעלדמאַן, האָט אַמאָל געהערט...

דערצו האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ מאָדנע „קוזינקע“! זי איז אַזאַ שטילע און שווייגעווודיקע... זי קוקט אויף אַלע קאָמענדע־לייט מיט אַזאַ ריינעם און דאָך שטעכיקן בליק, אַז די וואַרקאָוויטשן נעמט פאַר איר מורא האָבן. ער האָט שוין נישט געהאַט וועמען זיך אויסצוקלייבן, נאָר

דאָס דאַרינקע, פאַרגרינטע מיידעלע? ווי פּאַסט זי זיך צו דער קאָמענדע?

אַלץ ווייסט זי, פעלאַ וואַרקאָוויטש: פעלדמאַן האָט דאָס מיידל באַ־קענט אין וואַלד, ווען די גאַנצע גרופּע אָפּגעריסענע איז געזעסן און גע־מאַכט זיך אַ קאָנצערטל... די דאָזיקע בלומטשע געהערט צו דער פּאַר־טייאישער אַריסטאָקראַציע. איר פאָטער איז אַפילו אַמאָל געווען אַ גאַנ־צע פיגור, און דער צעלייגער מיטן גומענעם שטעקעלע, דער גאַנצער קאָ־מענדאַנט פעלדמאַן, איז פון דעם צעקראָכן געוואָרן! ווי נאָר ער האָט גע־הערט דעם נאָמען פון לאָזער קראָג — האָט ער באַלד גענומען נאָכגיין זיין צעפּיעשטשעט, אויסגעדאַרט טעכטערל און — זי האָט עס אַ תל געמאַכט פון אים!

ער לויפט נאָך ווייטער אַרום ווי אַ קאָמענדאַנט, ער פאַלט נאָך אַריין אין די באַראַקן און האַקט איבער די קעפּ. ווען די וואַרקאָוויטשן קוקט — מאַכט ער נאָך ווילדע שטיק, שליידערט מענטשן אויף דער ערד, בריקעט זיי מיט די פיס — אַזוי ווי עס פּאַסט... עס טוט איר אַפילו הנאה, וואָס ער וויל איר נאָך אַלץ געפעלן דערמיט. זי ווייסט אָבער אַז דאָס מיידל מיטן קיילעכדיקן נעזל און כסדרדיקן שווייגן האָט אויף אים מער מאַכט. ווען יענע זעט — איז פעלדמאַן אַן אַנדערער. דאַן רופט ער דאָס אָפּגעריסנסטע יינגל „חברל" און צוליב יענער קריכט ער אין די פינצטערע באַראַקן זיך שושקען מיט אַלערליי מאָדנע טיפּן...

זי איז נישט אייפערזיכטיק אַלס פ ר ו י, פעלאַ! אַלס אַזעלכע קען זי עס זיין נאָר איבער עטלעכע געציילטע. זי האָט אָבער דאָ געוואָלט זיין די הערשערין, די געטין פון לאַגער. איז זי צופרידן געווען, וואָס אַזעלכע מענער ווי פעלדמאַן ווילן פאַר איר אַרויסווייזן זייער גרייטקייט צו דינען און זוכן ווי אַזוי צוצוטרעפן איר געשמאַק. נאָר איבער אים הערשט פאַקטיש אַן אַנדערע. יענע איז שוואַך, האָט קיין שום דעה נישט אין לאַגער — אָבער אירע קיילעכיקע, גלאַנציקע ליפּעלעך גיבן זיך שטענדיק אַ פאַרצי — ווען פעלדמאַן לויפט אַן אַ צעיאַכמערטער, מיטן צעהיצטן גומי־שטעקעלע, וואָס ציטערט ביי אים אין האַנט. ווערט ער ווייך, טוליעט זיך צום קליינעם מיידעלע מיט אַ געבעט אויף פּויליש:

— בליומטשאַ... דו ווייסט דאָך... איך מוז... אַנדערש וועלן זיי נישט פאָלגן...

אויך מיט די אַנדערע איז נישט בעסער. זי ווייסט אַז קיינער דאָ אין לאַגער האָט זי נישט ליב. אַפילו דאָס אייגענע טעכטערל ווייסט נישט,

וואָס דאָס הייסט אַזוינס ליב האָבן אַ מענטש. זיי קומען אַלע צו איר, לייגן זיך ביי אירע פיס. זיי קענען זי לאַשטשען, צערטלען און דערביי נישט פאַרגעסן צו בעטן אַ באַזונדער פּריווילעגיע... אַ הונט איז געטרייער פאַר זיי אַלעמען! זי וועט זיי מער נישט צולאָזן נאָנט צו זיך, פעלאַ! נאָר פון דער ווייטנס! זי קען אָבער אויך ווייך ווערן, זי מוז עס טיילמאָל... דערקענען זיי איר שוואַכקייט, איר פרויען־אינסטינקט — און היטן אָפּ די דאָזיקע מינוטן ביי איר.

מוז דאָ אַלץ געענדערט ווערן! אַ סוף זאָל עס נעמען! אויך זי וויל האָבן אַ ן א יי ג ע נ ע ם מענטש, אַ נאָענטן... און טאַקע אַזעלכן וואָס זאָל זי ליב האָבן, וואָס זאָל זי מ ו ז ן ליב האָבן... ווי אַזוי דאָס קען זיך מאַכן — ווייסט זי נאָך נישט, פעלאַ. דאָס מ ו ז אָבער זיין, עס מוז קומען! דערמיט דאַרף זי אָנשיטן זאַמד אין אַ סך ווערק־צע אויגן. מיט דעם דאַרף זי אויך פאַרווישן אַ סך אַדורכפאַלן, וואָס זי מאַכט זיך נישט וויסנדיק אַז עמעץ ווייסט פון זיי...

אַ סך זאַכן מוזן זיך דאָ איבערקערן — אויב פעלאַ זאָל ווייטער קע־נען זיך אַרומדרייען צופרידן איבערן לאַגער. אָבער נאָר ביי דעם נייעם טראַנספּאָרט איז מעגלעך זיך צו צעפירן די הענט. פעלאַ האָט פיינט צוריקצוגיין. זי קען נאָר זוכן אין דעם אומבאַקאַנטן, צווישן דעם נייעם. עך, וועט זי דאַן טריאומפירן! זי קען עס אָבער נישט מאַכן גראָב. דער־ביי מוזן אָנגעווענדעט ווערן אַלערליי שפּיצלעך, קונצן און איבעררא־שונגען. גלאַטע האַנדלונגען פאַרשאַפן איר קיינמאָל נישט קיין באַזונ־דערע הנאה. עס געשעט שנעל און ברענט נאָך שנעלער זיך אויס. דאַרף מען עפּעס צוטראַכטן, אַפילו ווען דאָס זאָל נאָך דויערן!

— 3 —

שוין דער דריטער טאָג זינט דער נייער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען. טייל פון זיי האָט מען שוין אַוועקגעפירט אין פאַבריק אַריין, צעוואָרפן איבער די האַלעס און זיי זענען פאַרנאַכט צוריקגעקומען מיטן ברוינעם און געלן מעל אויף די שיינע אנצוגן. ביינאַכט דאַרף אָפּמאַרשירן די צווייטע העלפט און דאָקטאָר ראָסט וועט אויך זיי איבערקלויבן פאַר אַלע אָפּטיילונגען.

ווערט די נייע פּאָליציי־גרופּקע נאָך פאַרצווייפלטער. זיי דרייען זיך

איצט האָסטיקער אַרום פּעלאָס פּענצטערל, זוכן אַ וועג נענטער צוצוקו־מען און ציען זיך אומדרייסט צוריק... זי זעט אַלץ, פּעלאַ — אָבער זי האָט צייט. וואָס לענגער זיי וועלן וואַרטן, אַלץ נידערגעשלאָגענער וועלן זיי זיין ביי זיך און נאָכגיביקער. דערפאַר אַרט איר אַפילו נישט, וואָס ווייזנבערג לויפט אַלעמאָל צו דער גרופּקע, שרייט אויף זיי, טרייבט זיי פונאַנדער... מען מוז ביי זיי צונעמען די גאַנצע זיכערקייט אין זיך און דאָן, ערשט דאָן...

וואָס דאַן וועט זיין, גיט זיך נאָך פּעלאַ נישט אָפּ קיין גענויעם חשבון. אָבער די בלויזע דערוואַרטונג פון עפּעס אַזוינס, וואָס ז י קען באַשאַפן אין איין סעקונדע, רודערט זי ווידער אויף און גיט אַ יאָג אויפסניי אירע ווילדע בלוטן, אַזוי ווי מיט בייטשן... זאָלן זיי זיך דאָ דרייען! דווקא צו להכעיס, ווייזט זי זיך איינגאַנצן נישט אַרויס; זיי זאָלן זי אַפילו נישט זען. עס איז איר גוט ביים געפיל אַז צענדליקער מענטשן קוקן זיך איצט אויס די אויגן אויף איר, און זי זיצט דאָ, לאָזט אַלץ אַרויסבאַפעלן דורך איר שוואַרץ־חנעוודיקער דינסט און ציט דערמיט ביי יענע אַרויס דאָס געדולד. זי שוידערט ש ו י ן מיט יענעם זיסן ציטער וואָס זי האָט שטענדיק, בעת אַזויפיל מענטשן קוקן אויף איר צום ע ר ש ט ן מאָל, ווי אויף דער מעכטיקסטער פון דער דאָזיקער אָפּגע־צוימטער וועלט...

שוין לאַנג האָט זי זיך אַזויפיל נישט געפּוצט, צוגעגלעט די לאַנגע האָר און געפּודערט; שוין לאַנג האָט דער זילבערנער שפּיגל זי נישט גע־האַלטן אין זיינע הילצערנע אָרעמס און נישט געשפּירט אַזויפיל שמייכ־לען אירע און די קינסטלעך־צאַרניקע אָנשטעלן אויף זיך... און דאָרט, אויפן צוגעבלומטן פּלעצעל, נעבן דעם פּאָליציי־באַראַק האָט מען דער־ווייל געציילט די שעהען. טייל „אַלטע“ פּאָליציאַנטן פון ווערק צע האָבן שוין אַפילו מקדים געווען און אָנגעזאָגט די „בלויע“:

— גרייט אייך צו... מ׳וועט זיך באַלד דאַרפן לאָזן פירן אין וועג אַריין...

יענע האָבן נישט קיין חשק ווייטער צו הערן און צעפּליען זיך אין אַלע ווינקלען. פון אַ זייט יאָגט זיי נאָך ווייזנבערגס געלעכטער:

— זיי האָבן געמיינט, אַז אונדז פעלט דאָ אויס די סחורה... און דאָ דרייען זיך אַ סך פון מיינע אַליין אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט — וואָסזשע

זאָל איך מיט זיי טון? סיידן זיי פירן צו דער חופּה... און חתונה האָבן קען מען דאָ נאָר מיט אַ האַלע...

אַלע פּאַליציאַנטן האָבן חניפהדיק אונטערגעלאַכט. זיי האָבן דער־פּאַר אַפילו נישט געקענט באַמערקן, ווי אַזוי פעלאַ איז אַרויס פון איר באַראַקל, העל און אויפגעלויכטן. די האָר אירע זענען געווען צניעות־דיק איינגעקראַנצט אַרום איר קאָפּ און דער בליק אירער האָט זיך גע־וואָרפן אין אַ נעץ פון אַזאַ וואַרעם־אויסגעבעטער פייכטקייט. זי איז איצט געוואָרן ייִנגער, שענער — מיט אַ פאַרגעסן ברעקל פון קינדישער גערייצטקייט, וואָס האָט זיך בלייך געשלענגלט אויף איר איינגעצויגע־נעו׳, אונטערשטער ליפּ...

זי האָט זיך אַ לאָז געטון צו אַן אָפּגעשפּליטערטער גרופּע נייע פּאָ־ליציאַנטן און מיט ווייכער היימישקייט זיי אַ נעם געטון:

— טאָ וואָס הערט מען, ייִנגלעך?

די חברה צעוואָקסענע יונגען האָבן פאַר גערירטקייט פאַרלוירן דאָס לשון... אָט ד אָ ס איז ז י ? און אָט אַ ז ו י רעדט זי? פאַר צע־טומלטקייט האָבן זיי עפּעס אָנגעהויבן שטאַמלען... זי האָט זיך דערוויַיל אויסגעצויגן העכער און איר איינגעצויגענע שלאַנקייט האָט זיך נאָך מער בולט געמאַכט... דערביי האָבן זיך אירע ליפּן צוריק אויסגעשפּרייט, ברייטער געוואָרן — לויט יענעם באַזונדערן אויסבויג, מיט וועלכן זי האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן זייער צעפּייערטע פולקייט, וואָס זיימט אַרום די שטאַרקע ווייסקייט פון אירע ציין. אָן לשון זענען זיי געשטאַ־נען, ווען זי האָט גענומען ווערן נאָך צערטלעכער:

— ווי געפעלט אייך אונדזער ווערק צע? זענט איר דאָ שוין אַביסל היימישער געוואָרן?

פון דער וויַיטנס האָבן עס באַמערקט נאָך עטלעכע נייע און זיי האָבן זיך שנעל אַ לאָז געטון נענטער. פון אַלע זייטן האָט מען זי אַרומגע־רינגלט, געשטופּט זיך, געוואָלט אויפכאַפּן אירס אַ וואָרט. יעדער איינער באַזונדער האָט געוואָלט אָפּענטפערן מיט עפּעס גאָר קלוגס, צוליב וועלכן זי זאָל כאַפּן אַ בליק אויף אים, באַמערקן אים...

איבער פעלאַס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ גליקלעכע רויטקייט. איר באַגראָבענע שיינקייט, וואָס האָט זיך נאָר באַוויזן אין באַשטימטע שטי־מונגס־מינוטן אירע, האָט זיך איצט פריי צעטאַנצט אויף איר פּנים און זיך געבאָדן אין אירע צוגעשעמטע פאַרבן. זי האָט איצט יעדן פון זיי

געוואָלט באַזונדער ענטפערן און נישט געקענט. אין פּעלאַן האָט אויפ־געזאָגט אַ ניי געפיל: דאָס שטויסן זיי זיך איצט, נישט נאָר צו דער הויפּט־קאָמענדאַנטין. יעגערס אָרט האָט איצט פאַרנומען די אויסגעצוואָגענע און אויסגעפּוצטע פּ ר ו י . האָט זי דערפאַר, אַ גליקלעכע, זיך אָפּגע־ווערט:

— אָבער ייִנגלעך! איך קען דאָך אַזוי נישט רעדן מיט אַלע צוזאַ־מען! גוט... איר וועט הײַנט קיינער נישט גיין צו דער אַרבעט, אָבער קלײַבט אויס צווישן אײַך עטלעכע דעלעגאַטן צו מיר... אין אָוונט... גוט?

זי האָט געגעבן אַ צייכן אַז דער שמועס איז געענדיקט. אַלע האָבן איר דרך־ארצדיק פרײַ געמאַכט דעם וועג. איז זי אַוועק צום לאַגער־צו מיט וויגנדיקע טריט, דורך וועלכע אירע געזונט־געפאָרעמטע ליטקעס האָבן שטיל אונטערגעפײַפט אויף די נײַע שיך. זי האָט קוים באַוויזן צו זען, ווי ווייזנבערג גיט זיך שנעל אַ יאָג אין דער צווייטער זייט אַרײַן מיט אַ צאָרנדיקן שפּיי, וואָס האָט אַ פּלי געטון מיטן ווינט. מער האָט זי פאַר איר שמייכל נישט באַדאַרפט...

— 4 —

בײַנאַכט, ווען די גאַנצע אָוונט־גרופּע האָט אָפּמאַרשירט, האָבן צוויי מענער שטיל אָנגעקלאַפּט אין פּעלאַס טיר. זי איז געלעגן אויסגע־צויגן אויף אַ פּלושענער קאַנאַפּע און די האָר אירע זענען געלעגן צע־וואָרפן אין אַ גוט־צוגעגרייטער אָפּגעלאָזטקייט. אין צימערל איז געווען געמיטלעך און שטיל. בלויז פון איר גרין־צעפּײַערטן בליק האָט אַרויסגע־שריגן אַזאַ מין דערשטיקטער ווייטיק פון ערבֿ־גליק. זי איז געווען אײַנ־געצויגן אין אַ דינעם זייד, וואָס האָט זיך קאַליריק געפּאַליעט אַנטקעגן דעם טונקעלן אַבאַזשור־ליכט אויף איר טישל.

די צוויי דעלעגירטע פּאָליציאַנטן פון קראָקעווער לאַגער האָבן זיך שטיל פאַרנויגט, ווי פאַר אַ הערשערין פון אַמאָליקע צײַטן און אַרויס־געברומט זייערע נעמען איינער נאָכן צווייטן. דאַן האָט זי זיי שטיל אַ וווּנק געטון, זיי זאָלן זיך זעצן. אין דעם קליינעם, אָפּגעצוימטן צימערל האָט זיך איר בליק נאָך שאַרפער אָפּגעגעבן מיט מעסערדיקן בליץ און מיטן גרינעם ווייך פונעם סאַמעט אויף איר געלעגער. אינעם געמיש פון

ליכט און טונקלקייט, וואָס האָט זיך געקנעטן אַרום איר גוף און אירע צעלאָזטע האָר — האָט זי אויסגעזען אַזוי ווי אײנגאַנצן אַרומגענומען און אײַנגעוויקלט אין סודות: ווי קומט אַזאַ מין פרוי דאָ אַהער? ווי קומט אַזאַ מין טאַפּעטירט צימערל, אַ פּלושענע קאַנאַפּע, ווייכע שטעקשיך און דינענ׳ זייד׳ אין אַ וועלט פון פּיקרין און טראָטיל?

די צוויי מענער זענען געזעסן איבערראַשט און נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהויבן. פעלאַ האָט מיט געמאַכטער האַסטיקייט זיך אויפגעזעצט, אַוועקגעלייגט דעם פולן אָרעם אויפן באַלויכטענעם טישל און אָנגעלענט אויף אים דעם צעכוואַליעטן קאָפּ. זי האָט דערביי אַדורכגענומען מיטן אויג איינעם און דערנאָך דעם צווייטן... דער ערשטער איז געווען אַ הויכער, שוין צו־הויך. דערפאַר האָט זיך זיין פּלייצע אַביסל איבערגעבויגן. אויך זיין פּנים איז געווען אַ קנאָכיקס, אַן אויסגעצויגנס... זיינע פאַרזשמורעטע אויגן זענען געווען צוגעדעקט, אונטער גראָבע האָרניקע ברילן, וועלכע ער האָט זיך געכאַפּט ווישן בעת זי האָט אים אַ ברען געטון מיטן אויג. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אונטערטעניקן פּויליש, אין וועלכן עס האָבן זיך צעקריצט די האַרטע ריישן, וואָס טייל יידן קענען נישט איינבייסן אַזוי לייכט. זעט אויס, אַז אים האָט מען אויסגעקליבן אַלס ר ע ד ע ר, צוליב זיין שאַרפן קאָפּ און געדרייטע, אויסגעקליגלטע רייד. דער אַמאָליקער קלויז־עילוי און שפּעטערדיקער, זיידענער למדן פון אַ קראָקעווער רייך הויז, ענגלאַרד — האָט שוין נישט איינמאָל אַרויסגעהאָלפן מיט זיינע שאַרפע איינפאַלן און המצאות דער טעמפּלעכער פּאָליציי, וואָס האָט אים דערפאַר אַריינגענומען אין דער חברה פון בלויע היטלען. האָט ער אויך דאָ צעפּאָכעט די לענגלעכע הענט, וואָס האָבן גאָר שטאַרק אַרויסגעשטאַרצט פון די קירצלעכע אַרבל. ער האָט זיך אַלץ מער און מער צעפייערט און זיין שיטערע, געקרייזלטע טשופּרינע — וואָס האָט זיך געטרייסלט ווי אַ צוגעקלעפּטע צו זיין הויכן עילויישן שטערן — האָט אָנגעוואָרפן ווילדע קרייזן פון שאָטנס אויף דעם ברעקל באַלויכטענער וואַנט... פעלאַ האָט אַליין נישט געוווּסט, אויב זי הערט אים אָדער נישט. זי האָט נאָר אויסגעדרייט איר שטרענגן בליק צום צווייטן מאַן, וואָס איז געזעסן שווייגנדיק און זי האָט געזען:

אַנטקעגן איר איז געזעסן אַ הויכער, פעסטער מאַן. זיינע העלבלאָנדע האָר זענען געווען געדיכט און גלאַט פאַרקעמט. טיפע באַקנבערד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין גלאַטער, פולער קין. פון זיינע

גרויסע, ליכט־גרינע אויגן, וואָס זענען צוגעשאָטנט געוואָרן פון אַ דין בערגל האַלבע בויגנס בלאָנדע האָר, זענען אויף איר אָנגעשטעלט געווען צוויי שטיקער אָנגעשטרענגטע דעצידירטקייט. ער איז געזעסן און גאָר־נישט געזאָגט. בלויז זייערע בליקן האָבן זיך באַרירט און אין איין סעקונ־דע אַלץ אָפּגעשמועסט און אַלץ געענדיקט. ער האָט נאָר אַ ריר געטון ביי זיין ברייטן, לעדערנעם גאַרטל און זיך אַ צי געטון, ווי איינער וואָס גרייט זין' שוין צום גיין... אין דער איינער סעקונדע האָט זיך פעלאַ פאַרלוירן. איר גאַנץ פנים האָט פאַרראַטן אַ גרימאַסע, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן טאָמער גייט ער שוין טאַקע אַוועק. דאָס האָט ער טאַקע געזוכט. דערנאָך האָט ער' שוין געקענט זיכער פאַרלייגן איין פוס איבערן צווייטן און ברעכן די שטייפקייט פון זיין פּאָזע.

דער צעפלויגענער ענגלאַרט האָט נאָך געוואָרפן מיט רייד, כאָטש זיי זענען שוין לאַנג מער נישט נויטיק געווען. ער האָט אַליין נישט געוווסט, ווי לאַנג ער האָט עס אַזוי גערעדט און געקאָכט זיך, בעת נעבן אים האָט זיך געפירט אַ שטומער און אויספירלעכער שמועס מיט אויגן און דינע קערפּער־באַוועגונגען... און ווען ער האָט זיך געכאַפּט — איז אים דער ווייפלטער „שאַנאָוואַנאַ פאַני" קוים אַרויס פון האַלדז און שטעקן געבליבן אין מיטן דער אָנגעגליטער לופט... האָט ער אָפּגעהאַקט.

ערשט דאַן האָט זיך דער צווייטער אַ שטעל געטון. זיין מעכטיק־געגאָסענע פיגור איז שאָטנדיק צעקראָכן איבער אַלע ווענט, ענג געמאַכט דאָס קליין־געוואָרענע חדרל און דערמאָנט, אַז ריזן שרעקן זיך נישט פאַר קיין נאַכט און נישט פאַר קיין פרוי. זיין קול האָט איצט געקלונגען פעסט, זיכער און באַפעלנדיק:

— די קאָמענדאַנטין דאַרף וויסן, אַז זיי זענען נישט געוואָרן ערשט נעכטן קיין פּאָליציי. זיי ווייסן אויך צו וועמען מען דאַרף רעדן און ווי אַזוי. די שפּראַך פון די באַפעלער האָט נאָך עמעץ באַוויזן צו לערנען און ווי אַזוי מען מאַכט אויף אַ טיר — דאַרף מען אויך קיינעם נישט לערנען... ווייל ער טאַקע זאָגן אָט־וואָס: מען דאַרף עס נישט!... זאָל בעסער דאָ אַלץ בלייבן ווי געווען. די פרישע מענטשן זענען שוין צוגעוווינט צו זייערע פּאָליציי... און בכלל איז בעסער מען זאָל בלייבן צווישן זיך גוט... וואָס איז נאָך פאַראַן צו זאָגן?

וואָס מיט פעלאַן האָט זיך אין יענער מינוט געטון? איינער פון די צוויי עדות איז דערביי געשטאַנען איבערראַשט, דערשראָקן און נישט גע־

ווסט וואָס פריער צו טון. ער האָט פלוצים דערשפּירט, אַז זיין גאַנצע באַרעדעוודיקייט און אַלע קלוגע איינפאַלן זיינע האָבן גאָרנישט קיין ווערט דאָ — אַנטקעגן אָ פול, ענערגיש פּנים און פעסט־אויסגעגאָסענע פּלייצעס. דאָס האָט אים אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט געהאַלטן אין איין קנייטשן דאָס פּאָליציי־היטל אין דער האַנט, ביז דער גלאַנציקער דאַשעק האָט זיך איינגעשפּאָלטן. ער האָט זיך דערפילט איבעריק, קליין, גאָר־נישטדיק... און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין ווישן די אָנלויפנדיקע קיי־קעלעך שווייס פונעם הויכן שטערן.

דערפאַר אָבער האָט זיך דער צווייטער דערפילט נאָך זיכערער. ער האָט זיך נאָך מער אויסגעגלייכט, צוגערוקט זיך נענטער צו איר און אויף אים אַראָפּגעקוקט פון זיין הויכקייט:

— איז וואָס? ווען הערן מיר אַ תשובה? איך אייל זיך שטאַרק, ווייל איך וויל נאָך גיין זיך דערוויסן וווהין מיין פּ ר ו י איז צוגע־טיילט געוואָרן. זי איז היינט אַוועק אין פאַבריק...

ער האָט אַפילו באַוויזן צו באַמערקן פעלאַס ציטער, בעת ער האָט אַזוי געלאַסן און צעצויגן אַרויסגערעדט די ווערטער: מ יי ן פּ ר ו י... איר בליק איז צאַרניק־פאַרנעפּלט געוואָרן און זי האָט זיך גענומען איינ־קורטשען, קליין ווערן...

קיין בעסערן ענטפער האָט ער נישט געדאַרפט.

— .5 —

צום מאָרגנס פאַרטאָג איז ווערק צע איבערראַשט געוואָרן. ווי יע־דעס מאָל האָבן זיך איצט אַריינגעריסן אין די באַראַקן די פּאָליציי, גע־נומען טרייבן די שלאָפנדיקע און רייסן זיי פון די האַרטע געלעגערס. דאָס מאָל זענען זיי אָבער אַריין מיט אַ באַזונדערן צאָרן און אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ איצט געפייערט אַ באַזונדערן נצחון.

די שלאָפנדיקע ווערק־צעניקעס האָבן די ערשטע סעקונדן נישט גע־שפּירט, וו ע ר עס רייסט זיי אַזוי און וועלכע הענט עס טרייסלען אַרויס דעם שלאָף פון זייערע קערפּערס מיט די שטעקנס. ערשט ווען זיי האָבן בגוואַלד אויפגעריסן די אויגן — האָבן זיי דערזען:

אַ מחנה פרעמדע פּנימער, מיט בלויע היטלען איבער זיי, זענען

אַריין ווי אַ שטורעם אין באַראַק, געהאַקט איבער קעפּ, הענט און פיס און דערביי האָבן זיי אַזש געריעוועט פון גליק:

— איר׳ט געמיינט, אַז מיר וועלן דאָ די לונגען אויסשפּייען ביי אייך... וועלן מיר אייך ווייזן! מיר וועלן אייך ערשט לערנען דרך־ארץ...

און פּלוצים האָט מען דערזען אַז עס איז צוגעקומען אַ נייער הער־שער־כח אין לאַגער. אויך טייל פון די אַלטע פּאַליציאַנטן זענען איבער־געראַשט געוואָרן. די בלויע מחנה האָט זיך אינעם פינצטערן, פאַרטאָגיקן לויף אויסגעמישט צוזאַמען מיט זיי — און זיי האָבן זיך עס קוים גע־קענט צוגלייבן:

— די „בלויע" זענען שוין אין דינסט! זיי לויפן שוין, טרייבן שוין אָן און זידלען שוין חוצפּהדיקער און שטרענגער ווי די אַנדערע! ווען איז דאָס געשען? ווי אַזוי?

קיין סך צייט צום קלערן האָבן זיי נישט געהאַט. ווי אונטערטעני־קע האָבן זיי אויך ד אָ ס פלינק אויפגענומען אין זיך, אַ ציטער גע־טון פאַרן אייגענעם פּאַליציי־שטעקעלע און שנעל זיך גענומען אויסמישן צוזאַמען מיט דער נייער גרופּע צעהוליעטע טריאומפירער... אַזוי דאַרף עס מסתמא צו זיין!

ווי נאָר די טאָג־שיכט איז אַרויס צום זאַמל־פּלאַץ האָבן זיי זיך צו־זאַמענגענומען אין אַ זייטיק באַראַקל און דאָרט אויסגעטרונקען אויף ברודערשאַפט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די נייע האָבן שוין זייערע מענטשן ביי דער טויער־וואַך און ביי די דראָטן. ווייזנבערג מיטן פריערדיקן פּאַליציי־קאָמענדאַנט פעלדמאַן זענען אַרומגעלאָפן צעטומל־טע און פעלדמאַן האָט, ביים פאַרדרייען זיינע גרויסע וואָנסעס, יעדן איי־נעם פון זיינע פריינט עפּעס ווי אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין...

אָבער אויך אויף דעם סוד האָט דאָס מאָל ווערק צו לאַנג נישט גע־דאַרפט וואַרטן.

פאַרנאַכט, ווען די צווייטע שיכט האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום זאַמל־פּלאַץ האָט זיך באַוויזן אַ הויכער, פעסטער מאַן מיט שאַרפע אויגן: אויף זיין קאָפּ האָט געגלאַנצט אַ ניי, פּאַליצייאיש היטל, מיט די דריי שטערנדלעך פון אַ קאָמענדאַנט... ער איז געגאַנגען פעסט און זיכער ביז צום טויער. זיין פּאַליציי־אַנצוג איז געווען אַ העלער און גוט־אויסגע־

פאַסטער — און די גלאַנציקע קנעפּ האָבן געפינקלט פון ווי־ווייט. זיין כריפּנדיק־שטאַרקע שטים האָט באַלד באַהערשט די גאַנצע לופט פון פּלאַץ. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך באַוויזן ווייזנבערג. אויך ער האָט גענור־מען אָפּגעבן די קאָמענדעס צו דער פּאָליציי, געהייסן טרייבן די מענטשן און געשריגן מיט איבערגעטריבענער שטרענגקייט. אין איין מינוט איז אָבער פּאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דער נייער, אויסגעהאַמערטער מאַן איז שטאַרקער, זיכערער...

ווייזנבערג האָט שוין איצט באַפוילן צוליב עפּעס אַן אינערלעכן מ ו ז — און עס איז קענטיק געווען, אַז דאָס וויל ער עפּעס פאַרשרייען, פאַרטושן... דערפאַר האָט אָבער דער פרישער, געזונטער מאַן קאָמאַנדע־וועט רואיק, מיט אַזאַ טאָן וועלכן אַלע נעמען געהאָרכן אָן דעם מינדסטן קלער. פון אַ זייטיק ווינקל האָט זיך באַוויזן די קאָמענדאַנטין, פעלאַ. זי איז געווען אָנגעטון אַ בלוי, דין קלייד און מיט אַ באַזונדער־געמאַכטער פריזור. זי האָט זיך, ווייזט אויס, צום היינטיקן פאַרנאַכט גאָר שטאַרק געפּוצט און געגרייט. פון מינדסטן נעגעלע אירן האָט איצט אַרויסגע־לויכטן און אַרויסגעשריגן ד י ק אָ ק אָ ט ע ... דאָס ערשטע מאָל, וואָס ווערק צע האָט זי געזען אויסגעטון פון דער קאָמענדאַנטישער הויט און דערשיינען אַלס ב ל ו י ז ע פ ר ו י ...

זי האָט איצט נישט געטראָגן די לאַנגע נאַגייקע מיטן צוגעדינטן שפּיץ. זי האָט אויך גאָרנישט געזאָגט, נישט געשריגן... אירע צעלויכטן־גרינע אויגן האָבן נאָר אַלעמען אַדורכגענומען מילד־גליקלעך און איראָ־ניש. פּאַר די אויגן פון אַלעמען איז זי צוגעגאַנגען צום הויכן, פרעמדן קאָמענדאַנט, אַריינגעשטעקט איר פולן, נאַקעטן אָרעם אונטער זיינעם און געבליבן אַזוי שטיין, מיט אַ פאַרחלשט־תענוגדיקן פאַרוואָרפן דעם צע־פלויגענעם קאָפּ האָר הינטער זיך... און ווען ער האָט געמאַכט אַ וויטער־דיקן שפּרייז — האָט זי זיך אים נאָכגעצויגן מיט פאַרלוירענע, שיכּורע טריט...

די גרופּן האָבן זיך דערוויל אויסגעשטעלט לויט זייערע האַלעס. די מענער־רייען זענען געשטאַנען שטיל און שווייגנדיק. הינטער זיי זענען געשטאַנען די פרויען־אָפּטיילונגען און שטיל געציטשעט צווישן זיך. דעם נייעם קאָמענדאַנטס דערשיינען האָט זיי איינגעשטילט. ער איז איצט גע־ווען אָנגעצויגן מיט אַ ברייטן לעדערנעם פּאַסעק, ווי אַ הויכער אָפיציר.

זיין העלע, צוגעגלעטע טשופרינע האָט זיך איצט געשפּילט מיטן ווינט און קייקעלעך האָר האָבן זיך געקוליעט שטיפנדיק אויף זיין גלאַטן, באַ־שפּרענקלטן שטערן. פון זיינע גרויסע, געלבלעכע אויגן האָט איצט אַרויס־געשריגן אַזאַ האַרט־באַפעלערישס און אַדורכנעמערישס. צוויי טויזנט פּאָר מיידל־אויגן האָבן אים אַרומגענומען מיט קנאה, שרעק און נייגער. ער האָט עפּעס אַ הויכן זאָג געטון און דערנאָך עמעצן געזוכט מיט די אויגן צווישן די רייען. פעלאַ, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט אין זיין אָרעם, האָט אַ צי געטון זיין קאָפּ צו זיך... אַריינגעזאָגט אים עפּעס אין זיין געל־האָריק אויער אַריין... ער האָט געטון אַ קינסטלעך־ברייטן שמייכל און פעלאָס גרינע אויגן־בליצן האָבן, מיט אַ גיפטיקן לאַכן, זיך אַ וואָרף געטון אויף די פרויען־רייען...

ס׳האָט ווער אַ הויכן קאָמאַנדעווע געטון:

— מאַרש!

און די רייען, ווי צעריסענע שטיקער שלאַנג, האָבן זיך גענומען ציען פאַרביי דעם טויער. דער נייער קאָמענדאַנט האָט זיך אויסגעצויגן מיט זיין שיין־געשניצטער פיגור. נעבן אים האָט געפלאַטערט אַ פרוי אין אַ דין, בלוי קלייד. ער האָט אָבער דעם בליק אָנגעהאָנגען אין אַ מיטלסטן פונקט פון דער לעצטער פרויען־אָפּטיילונג. דאָרט איז עפּעס די ריי נישט געווען אויסגעגלייכט און זיך געוואַקלט פון אַלע זייטן... ער האָט אָבער נישט אויפגעשריגן דערפון. ער האָט נאָר געקוקט אַהין מיט אַ קאַלטער אָנגעשטרענגטקייט.

אין יענער פרויען־ריי האָט זיך אַ קליינע גרופּקע אויסגעשיילט, גע־שאַפן אַ קרייז און עטלעכע מיידל־הענט האָבן זיך געצויגן צו אַ בלייך פרויען־געשטאַלט. דאָס יינגטשיקע, שיינע ווייבעלע האָט דאָרט געוואָלט זיך האַלטן גלייך — און דאָך זיך אַ וואַקל געטון, געוואָלט פאַלן און זיך איינגעקלאַמערט אין די הענט פון איין שכנה, פון אַ צווייטער...

דער פרישער קאָמענדאַנט האָט זיך אַ ריס געטון, געוואָלט צוגיין נענטער. אָבער אַ פעסטע האַנט האָט אים צוריקגעהאַלטן. האָט ער נאָר צוגעשיקט אַהין זיינע פיש־אויגן וואָס האָבן רויט געבליצט, געקאָכט זיך און קלענער געוואָרן, איינגעצויגענער...

די רייען האָבן אַ יאָג געטון. אויך יענע ריי פון פרויען האָט זיך שנעל אויסגעפּרעסט, גלייך געוואָרן... דאָס קליינע, שיינע ווייבעלע איז

געשטאַנען אַן אײַנגעקוועטשטע צווישן עטלעכע מיידל־קערפּערס און זיך חלשדיק געלאָזט נאָכציען. אין דער הויך האָט זיך אַ יאָג געטון אירס אַ שוואַכער אויסגעשריי, וואָס האָט זיך געריסן גאָר ווייט צו דערגרייכן — און אָפּגעשטאָרבן אין דער לופט...

טייל נײַגעריקע פון דער גרופּע האָבן אַ ציי געטון די קעפּ און אָנגעטראָפן זיך אין צוויי שפּיזיקע בליקן־פּאָרן: פון פעלאַן און פון נײַעם קאָמענדאַנט... האָבן אַלע צוריק אַרײַנגעקוועטשט די קעפּ און אָנגעשטעלט די אויגן צום טויער, ביז צום אַרויסגיין...

עפּעס אַ זינלאָזער טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אַלעמען, כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט קלאָר, וואָס דאָ איז אַזעלכעס געשען. בלויז פון אַ גאָר אונטערשטער ריי האָט עמעץ שטיל אַ שושקע געטון אַ צווייטן אין אויער אַרײַן... דאָס האָט זיך געגומען איבערטראָגן מיט אַ נישט־דערהערטער שטילקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן אין אַלע ווינקלען, מיט דעו׳ זעלבעו׳ פּרעפּלעריי:

— דעם נײַעם קאָמענדאַנטס ווײַבעלע... זי האָט איצט געהלשט אין דער ריי... מען האָט זי קוים געקענט אָוועקפירן...

קיינער האָט מער קיין וואָרט נישט אַרויסגעברענגט... דער הויף איז געבליבן מיט זיין ליידיקער שטילקייט. בלויז צוויי געשטאַלטן, ווי צוויי אָוועקגעשטעלטע סטאַטועס, זענען געבליבן אַ ווײַלע ווי פּאַרגליווערט. זייערע אויגן האָבן אַרויסגעגעבן — פון אונטער דער גאַנצער פאַרהאַרטעטקייט, עפּעס פון אַ פּייכטן גלאַנץ, וועלכן ער האָט מורא געהאַט צו צערודערן מיטן מינדסטן באַריר... אײַנגעקלאַמערט אין אים איז געשטאַנען פעלאַ. אירע אויגן האָבן איצט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרפירערישער פריילעכקייט. אויך זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ביז דער שטויב פון די אָפּמאַרשירנדיקע איז נישט פאַרשווונדן פון יענער זייט פאַבריק. דערנאָך האָט זי אים פּלוצים אַ שאַרפן ריס געגעבן:

— קום!

און ביידע האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער זייט פון איר קליין באַראַקל.

קאַפּיטל דריי

— 1 —

ווער איז זי דען געווען, די גאַנצע הויפּט־קאָמענדאַנטין? זי האָט געהאַט מאַכט, גאָר אַ סך מאַכט... אָבער אין איר גאַנצן פאַרנעם איז זי געווען אַן אומגליקלעכע און באַליידיקטע. זי איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ הערשערין, צו זיין אַ ווילדע נ ע מ ע ר י ן פון אַלץ וואָס דאָס לעבן פאַרמאָגט און זי וויל עס דערגרייכן. ווען זי איז געווען יונג האָט זי זיכער געטראַכט, אַז דאָס אַלץ וועט צוגיין אַזוי לייכט, ווי אַ שפּילעכל. קיינמאָל איז זי אָבער נישט געווען בכוח צו באַטראַכטן טיפער אַזעלכע זאַכן, ווי זיי זעען אויס. דערפאַר האָט זי אויך נישט געקענט וויסן אַז טיילמאָל נעמט מען אַריין זאַכן אין דער האַנט, מען האָט זיי — און דאָך זענען זיי נישט דיינע — און קיין כוח קען זיי נישט צווינגען דאָס צו ווערן.

זי איז געווען אָפּגענאַרט, באַליידיקט און פאַרביטערט. איר שטאָלץ האָט זי געצוווּנגען די דאָזיקע פאַרביטערונג נאָך מער צו פאַרטיפן און צו פאַרשאַרפן. זי האָט זיך געריסן איר גאַנץ לעבן צו זיין אַ באַפעלע־רין, אַ הערשערין. אָט האָט זי עס דערגרייכט! דערפאַר האָט זי געוואָלט אָנטאַפּן די רעאַליטעט פון איר מאַכט. זי האָט געשלאָגן, געטון אַלערליי ווילדקייטן, בכדי זיך אַליין איבערצוצייגן, אַז איר הערשאַפט איבער מענטשן איז נישט בלויז קיין פוסטע פאַנטאַזיע, נאָר אַז עס איז טאַקע אמת, אמת!

אָבער אין איר מאַכט־געיעג איז די פרוי אין איר פאַרשקלאַפט גע־וואָרן. זי אַליין האָט זיך געמוזט בענדיקן. ווועמען האָט זי שוין נישט גע־פּרווּוט דערנענטערן צו זיך? זייער אַ סך. זי האָט אָבער קיינמאָל קיין יינגל נישט געקענט צוברענגען צו זיך מיט יענער באַזונדערער הכנעה און ווייכלעכקייט וואָס אַ פרוי דאַרף אַרויסווייזן. איר צאַרט וואָרט אַפילו האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באַפעל און דערפאַר האָט זי צוריקבאַקומען נאָר יענעם באַזונדערן פאַרגעניגן, וואָס מענטשן קענען דערלאַנגען אין אַ צו־שטאַנד פון מורא — הגם מען באַהאַלט זי און מען פאַרגלעט זי.

אין איר ווילדער, צעטרייסלטער עראָטישקייט — האָבן זי געצויגן די שטאַרקע, ברוטאַלסטע יונגען פון ווערק צע. זי האָט זיך אָנגעשיכורט

מיט זייערע קרום־געשלעכטלעכע נבול־פּה־געשרייען און מיט דעם פיבער פון זייערע האָריק־צעוואַקסענע לאַפּעס. פעלאַ האָט אָבער ערגעצוו געהערט וועגן אַזאַ מין דינס און באַשיינטס, וואָס דערגרייכט ווייטער פון יענעם פלייש־צעשפּאַר און קראַכנדיקער אָרגיע. זי האָט געדורשט נאָך אַזאַ מין אַנדער געפיל, וואָס בלייבט נ אָ ך אַלע אימפּעט־שוידערן און פרעסנדיקער קערפּערלעכקייט; נאָך ד ע ם געפיל פון גלעטנדיקער שטילקייט, וואָס בלייבט קלעפּן אין דער וואַרעמקייט פון אַ בליק, פון אַ זייט־באַריר. זי האָט זיך געיאָגט נאָך דעם און עס נישט געקענט דערגרייכן.

און אויב זי האָט זיך שוין אָנגעהאָנגען מיטן אויג אין דעם קליינעם סעקרעטאַרל פון דער ביוראָ — האָט זי אויך געמוזט אַרויסרוקן איר מאַכט פּאָראויס. איז איר כ ו ח געשטאַנען אין וועג, נישט געלאָזט זי אַראָפּבויגן, נאָכגיביק זיין און דערפּאַר... דערפאַר האָט זי דערזען אַז אַ קליין, טענצלדיק מיידעלע — וואָס איז אַזוי שוואַך און טוליעט זיך אַזוי דערשראָקן צום סעקרעטאַרס שטאַרקע פּלייצעס — יענע איז שטאַרקער פאַר איר, מעכטיקער...

רופן צו זיך, נעמען מיט באַפעל — קען זי, פעלאַ... זי קען אַפילו דערפירן דערצו, אַז יענע זאָלן ליגן ביי אירע פיס, קוקן איר אין די אויגן אַריין מיט ג ע ב ע ט... יאָ, נאָר מיט חניפהדיקן געבעט, ווייל זי, פעלאַ, קען צונעמען דאָס פּאָליציי־היטל, קען אַריינשליידערן אין אַ שווערען האַלע און קען אויך שיקן — אָדער נישט אָפּהיטן — פונעם שיספּלאַץ... איז דאָס אָבער גענוג? פאַר איר האָט עס מיט דער צייט אויפגעהערט גענוג צו זיין. נ אָ ך עפּעס האָט זי געוואָלט: זי האָט געזוכט ליבשאַפט אין יענעמס אויג, אַ נאָכגעצויגנקייט — צוליב וועלכן יענער זאָל בענקען נאָך איר שטילערהייט, טראַכטן פון איר, נאָכקוקן מיט אַזאַ טרויעריקער פאַרשמאַכטקייט... און דאָס וועט זי ביי די האָריקע, צעוואָקסענע יונגען נישט קענען געפינען. זיי קענען מסתמא אין גאַנצן נישט אַזאַ מין זאַך. און טאָמער האָט זי א ו י ך ד אָ ס געוואָלט האָבן — איז געקומען אַזאַ קליין, צעשמייכלט פּנימל פון דער דינטשיקער אלינע און געוויזן, אַז דאָס קען נ אָ ר זי דערגרייכן...

נ אָ ר מיידלישע מאַכטלאָזיקייט קען באַווייזן אַזעלכעס פאַר זיך צו דעראָבערן! טאָ ווי אַזוי קען אַזאַ פעלאַ דערפון חלומען?... אַז אַפילו

זי זאָל פּרוּוון שמייכלען אַנדערש, ווי זי האָט געשמייכלט ביז איצט — וועט עס נישט אַרויסקומען ווי עס באַדאַרף צו זיין. מען וועט זי שפּעטער ווידער זען מיטן לאַנגן נאַגייקעלע אין דער האַנט און מיט דעם שטרענגן, קאָמענדאַנטישן פּנים — און אַלץ וועט זיך אָפּווישן פון פּנים, פאַרשווונדן ווערן... מען וועט פאַר איר נישט אויפהערן מורא צו האָבן. דערפאַר וועט אויך קיינמאָל י ע נ ץ געפיל פאַר איר, ד אָ נישט געבוירן ווערן.

איז זי געררייצט געוואָרן, מיט דער גאַנצער כעסדיקער גערייצטקייט וואָס האָט זיך געזאַמלט אַלע יאָרן אין דעם זאַפּט פון אירע אָדערן. זי איז בייז געווען אויף זיך אָבער נאָך מער האָט זי געקאָכט אויף די אַלע מענטשן, אין וועלכע די נאַטור איז אַזוי געפורעמט געוואָרן און נישט אַנדערש. זי האָט פיינט באַקומען די אַלע ווייך-לאַשטשענדיקע מיידלעך פון איר לאַגער און זי האָט גענומען בייז זיין אויף די אַלע שטיוול-אָב-געטועניע מענער פון וועלכע די גאַנצע שטייפקייט האָט נישט באַוויזן דאָס איינע: צו דערשטיקן דאָס ווייכע און צעקראָכענע פאַר צאַרטקייט און שוואַכן גלעט. און טאָמער האָט זיך שוין געפונען איינער אַזאַ — איז ער שוין אַריבערגעפאַלן זיין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, אין וועלכער עס איז מען' ווי זיין שטיק רויער גוף נישט געבליבן.

זי קען נישט ווערן מער איינע פון יענע מיידלעך, וואָס גייען אין פאַבריק און שרעקן זיך פאַר אַ הויכן געשריי. דערפאַר קען זי אויך נישט אַזוי ווי זיי, אָנשטעלן גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן אויף איינעם וואָס געפעלט איר. גרייט זיין מיטן בליק צו רופן און צוזאָגן; אָפּצוגעבן אַלץ פאַר אַ דערנענטערונג, פאַר זיינס אַ וואָרט און זיין שוץ-גרייטקייט. דער-פאַר קען זי אויך זייער גליק פון גאָרנישט זיין — אויך נישט האָבן... זי ווייסט אַז זי ק ע ן דאָס נישט — מוז זי זיך אָפּשליסן פאַרנאַכט, וואַרפן זיך אויף איר אויסגעבעט קאַנאַפּקעלע און די אויגן ביי איר זאָלן זיך טרייסלען אין די אָנגעבלאָזענע, גרינע קישעלעך... און דערפאַר מוז זי אויך אַרויסקוקן מיט קנאה דורכן פענצטער, ווי אַזוי די פּאָרלעך לאָזן זיך אין די פאַרנאַכטן צווישן די ביימער פון וועלדל און לאַכן מיט דער גליקלעכער אומגליקלעכקייט זייערער.

האָט זי אויך געמוזט טיילמאָל נעמען איר לעדערנע שלאַנג אין דער האַנט אַריין און אַרויסגיין, לויפן און צעטרייבן די מחנה ווימלדיקע און טומלדיקע... זי האָט אויך געמוזט אַמאָל אַריינרייסן זיך אין די באַראַקן,

אַראָפּטרייבן די נאַקעטע מיידלעך פון די פריטשן, בשעת יענע האָבן זי אויפגענומען מיט אַ דערשראָקענעם קוויטש... און זי האָט אויך געמוזט אַריינכאַפּן זיך אַמאָל אין די סקעלעטישע מענער־באַראַקן, זיך בייזערן און דערנאָך זיך צעשמייכלען מיט אירע אויסגעפּוצטע ליפּן, בעת די צע־בראָכענע; געכטן־נאָך געוועזענע מענער, האָבן אַזוי מאָדנע געקוקט אויף דעם שיינער, אַזוי הערלעך־אָנגעטוענער פרוי, וואָס שטייט און גלעט זיך די פיין־צוגעקעמטע האָר אין דעם געלן חושך פון אַזאַ פינצטערן ווערק־צײַך־באַראַק — — —

אַ סך זאַכן האָט זי געמוזט טון, פעלאַ וואַרקאָוויטש!

— 2 —

קיינער האָט נישט געקענט וויסן, אויב זי האָט שוין סתם געוואָלט אַ סוף מאַכן צו איר אַליינקייט, אָדער צי זי האָט זיך געוואָלט מיט עמעצן באַווייזן —- און זאָלן אַלע זען, אַז אויף אים — און נאָר אויף אים האָט זי געוואַרט. אַ גאַנצער קנויל מיט נערוון און טראַכטענישן האָבן אין איר געוואַרט אויסצוברעכן און איר געדולד האָט דערצויגן ביז צו אַ געוויסן מאָמענט, ווען ער האָט זיך געמוזט ענדיקן, אייַנברעכן...

אינעווייניק אין איר האָט געברענט אַ ווייטיק פון אַ פּאַרלאָזענער, פון אַ פרוי וועמען אַ בחור האָט צוריקגעשטויסן די ליבע. וואָס מער מאַכט זי האָט געהאַט אין לאַגער — אַלץ מער איז געוואָקסן אין איר די באַליידיקונג און דער ווייטיק. זי האָט זיך געמוזט פילן ני־דערגעשלאָגן אין איר העכסטן שטאָלץ, וועלכן זי האָט זיך איצט געמיט נאָך שטאַרקער צו צעבלאָזן.

אין איר האָט זיך אָנגעשפּאַנט אַ דראַנג נקמה צו נעמען, גע־פינען אַ זאַלב פונקט אויף יענער ווונד וואָס ברענט אין איר און רויבט די רו. זי האָט געמוזט געווינען אַ מאַן, אים צונעמען, טאַקע ממש אויסרייסן פון אַ צווייטערס אָרעם... באַזיגן אַ צווייטע פרוי צוליב אים! זי האָט געדאַרפט אַוועקשטעלן אַ מאַן פאַר אַ פאַר־לעגנהייט, פאַר אַ טראַגישן אויסוואַל: זי אָדער אַ צווייטע וועלכע ער האָט ליב, איז מיט איר פאַרבונדן?...

און ערשט דאַן, ווען יענער וועט אַרונטערפאַלן אירע ווייבלעכע צנ־

שטעלן, אירע שמייכלען און רייץ — וועט עס זי גלעטן און באַרואיקן. איינמאָל האָט יענע, די ייִנגערע און שוואַכערע וואָס האָט דאָ גאָרנישט צו זאָגן, אַרויסגעריסן ביי פעלאַן יענעם תמעוואַטע־שמייכלענדיקן מאָרעק! דאָס איז אָבער נאָך נישט קיין באַווייז... אָט קומט זי אַ צווייט מאָל און באַזיגט אַן אַנדערע! אויך ביי איר מוז עס זיך אויסגלייכן...

זי האָט געמוזט זוכן אַ מאַן, וואָס האָט דאָ נעבן זיך אַ פרוי. אַ שיינע, אַ צאַרטע, אַ געליבטע פון אים. קיין אַנדערער וועט איר נישט איינשטילן די פאַרבאָרגענע געשרייען, דעם אומצוטרוי צו זיך אַליין...

דער צופאַל האָט געוואָלט אַז זי זאָל אים זען. עטלעכע טעג נאָכן קומען האָט פעלאַ באַמערקט שטיין דעם הויכן, אויסגעגלייכטן ראַגנער צווישן די ביימער — נישט ווייט פון קאָמענדאַנטן־באַראַק. נעבן אים איז געשטאַנען אַ שלאַנקע, יונגע פרוי און געציטערט, געקלאָגט זיך אויף עפּעס. און ער, דער הויכער יונג מיט די שטרענגע, שניידיקע אויגן האָט זי אַזוי צאַרט געטוליעט צו זיך, ווייך געגלעט זי...

און אין יענעם אָוונט האָט ער זיך ביי איר באַוויזן צוזאַמען מיט דעם הויכן, אויסגעדאַרטן און ווילדלעכן ענגלאַרט. פון זיין גאַנצן גוף און אָנבליק האָט אַראָפּגעשריגן אַזאַ מין אייזערנע אַנטשלאָסנקייט... אַ הערשערישע נאַטור מיט אַ פעסטן גאַנג! און אין איר צעהיצטן מוח האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי אַזאַ פעסט־אַנטשלאָסענער מאַן היט זיינע פליכטן צו אַ פרוי, וועלכע ער האָט אויסגעוויילט פאַר זיינער. ער האָט זי דערמאָנט, מיט זיין אויסזען און האַנדלונג, אין איר לעצטן אָפיציעלן מאַן. זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אין דער סצענע צווישן די ביימער, ווען ער האָט אַזוי עלעגאַנט־פאָטערלעך געטוליעט דאָס שיינע פרויעלע זיינס... און אויך איצט, ווען ער איז געקומען צו איר אַלס דעלעגירטער פון די נייע פאָליציאַנטן — איז ער געזעסן פעסט, האַרט און געציילט יעדעס וואָרט. בלויז ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין פרוי איז דאָס ערשטע מאָל געגאַנגען היינט צו דער אַרבעט; ווען ער ווייסט נישט ווי אַזוי זי פילט זיך און ביי וועלכער אַרבעט זי איז — האָט ער זיך געהויבן פון פלאַץ און זיין פּנים האָט באַוויזן אַן אומגעדולדיקע גרימאַסע...

אָט די גרימאַסע האָט זי פאַרכאַפּט! די דאָזיקע אומגעדולד אויף זיין פּנים מוז זי צורויבן פאַר זיך! אויף ד ע ם וואָרט זי — און נאָך

אין אַ פּאָר מינוטן קען ער דאָס אָוועקטראָגן, אָפּגעבן עס יענעם ווייבעלע, וואָס פעלאַ האָט נאָר געזען פון ווייטנס, צווישן די ביימער... זי טאָר עס נישט דערלאָזן!

אין דער מינוט איז פעלאַ גרייט געווען גאָר אַ סך אָפּצוגעבן דערפאַר. דאָס איז גליק! ער טאָר אָבער נישט וויסן די ערשטע מינוט, וואָס זי זוכט ביי אים און וואָס זי וויל דאָ צורויבן ביי אַ צווייטער... ער רעדט שטרענג, לאָזט פאַלן ווערטער וועגן ערטער, וווהין אויך ער קען טרעפן... אייגנטלעך וואָלט זי געדאַרפט איראָניש שמייכלען, דערציילן אים אַז ד אָ וועט מען זי דערמיט נישט אָפּשרעקן; זי איז דערפאַר באַוואָרנט און האָט שוין גענוג שאַרפע צונגען באַוויזן איינצושטילן אויף שטענדיק... דערמיט וועט זי אָבער א י ר ס נישט דערגרייכן. איר מ אַ כ ט וועט זיך ווידער אַרויסרוקן פאָראויס, איינגעמען, אָפּשרעקן... ווייל זי דאָס? האָט זי עס שוין נישט גענוג?

ניין, זי האָט דאָס מאָל אָפּגעגעבן די שוואַכע, די כיטרע־דערשראָקענע, וואָס וויל איר איבערגעשראָקנקייט מאַסקירן און דאָך געלינגט עס איר נישט... עס לוינט איר נישט קאַליע צו מאַכן איר שפּיל, צוליב אַ פּאָר נייע פּאָליציאַנטלעך. זאָלן זיי ווערן! זאָלן זיי אויך האַלטן די גומענע שטעקעלעך און אַרומרודערן איבערן הויף... ער אָבער דאַרף מיינען, אַז ער' האָט עס ביי איר נישט אויסגעפּועלט נאָר' א ו י ס ג ע פּ אָ ד' ע ר ט ... דאָס האָט זי אים געמוזט נאָכגעבן... און דערנאָך ערשט זאָל איר איבערגעשראָקענע פּרוילעכקייט אים אַריינוואַרפן אין וואַקלעניש, אין צערודערונג. דאָס וועט זיין איר גליק, איר דערגרייכונג, איר נקמה און איר' זיכערער זיג...

איר וויידגעוואָרענער שמייכל האָט זיך געשפּילט מיט אים, אונטערטעניק געוואָרן מיט אַזאַ באַהאַלטענער הכנעה און צוזאָג, וואָס זי האָט מכלומרשט געוואָלט באַהאַלטן און נישט געקענט. בלויז ער האָט עס באַוויזן אַרויסצולייענען פון איר, דערקענען עס... זאָל עס אים שמייכלען, זאָל ער שטאָלץ ווערן אויף אַ ז אַ דערפאָלג און וועלן אים באַווייזן... איינס ווייסט זי אָבער: נאָר אַזוי אַרום וועט עס אַנדערש זיין ווי אַלעמאָל! נאָר א י צ ט און מיט א י ם וועט זי קענען אַרויסשפּרייזן געאָרעמט, קלאַמערן זיך אין אים און טריאומפירן פאַר עמעצן; א י ־ ב ע ר אַ געוויסן „עמעץ“, וואָס מעג זיך פאַרקערפּערן אין וועלכער פּרוי דאָס זאָל נישט זיין...

— 3 —

דאָס איבערנעמען ראַגנערן צו זיך און באַשטימען אים פאַר קאָמענדאַנט — האָט אין ווערק צע אָנגעמאַכט אַ באַזונדערן, שטילן טומל. דאָס איז געווען צו־שנעל און דערפאַר אַזוי איבעראַשט. אויף אים אַליין איז גאָרנישט קאָנטיק געווען. באַלד אויפן צווייטן טאָג, נאָך דער שטילעו׳ פאַרשטענדיקונג, האָט ער זיך באַוויזן אויפן פּלאַץ מיט אַ שיינעם, גוט־אויסגעפּאַסטן קאָמענדאַנטן־מונדיר, פון וועלכן עס האָבן אַראָפּגעבלאַנקט די שטאָלענע קנעפּ. עס איז געווען קענטיק, אַז פעלאַס האָט אַרבעט שוין אַ סך, בכדי אים גוט אויסצודעקאָרירן און אויסצופּוצן — ווי אירס אַ באַזונדער צירונג... זי האָט פאַר אים באַקומען ערגעץ אַ באַזונדער מין קאָקאַרדע מיט דריי גאָלדענע שטערנדלעך — און אויך אַ פּאָר נייע שטיוול מיט אַזעלכע קונציקע אונטערקלעצלעך האָבן זיך אויף אים באַוויזן. א י ר געשמאַק האָט אַראָפּגעשריגן פון יעדן גאַווהדיקן טריט זיינעם...

ער אַליין האָט זיך ווייניק געמאַכט פון דעם געשעעניש. זיינע גרויסע, קאַלטע אויגן האָבן אויף אַלעמען געקוקט מיט נאַטירלעכער הערשערישקייט — אַזוי ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל קיין אַנדערער נישט געווען.

צום ווייב זיינעם, אין יענעם אָפּגעלעגענעם פּרויען־באַראַק, האָט ער זיך די ערשטע טעג נישט באַוויזן. זיין בליק האָט קוים אַ ציטער געגעבן, בעת ער האָט זי געזען אַרויסמאַרשירן אַ פאַרשמאַכטע דורכן טויער. פעלאַ האָט די ערשטע פּאָר טעג אַזוי־וויי פאַרגעסן, אַז ז י איז דאָ די פאַקטישע הערשערין. אויפן פּלאַץ האָט זי זיך באַוויזן צוזאַמען מיט אים — אָבער די באַפעלן האָט זי א י ם געלאָזט אויסשרייען. זי האָט זיך דערביי פריילעך־צעשטיפט אָנגעהאָנגען אין זיין אַקסל און געמאַכט די מינע פון אַזעלכער, וואָס איז ווילד־פאַרשיכורט פון זיין בלויזער נאָענטקייט — און מער זעט זי גאָרנישט; קיין זאַך גייט זי נישט אָן...

זי האָט עס אָנגעהויבן מיט שפּיל, מיטן צעלאָזן די גאַנצע, שטורעמדיקע ווילדקייט נעבן אים — פאַר אַלעמענס אויגן; זיך געריסן אויף אים, אַרומגעכאַפּט זיין רויטלעכן נאַקן. זי האָט זיך אָבער אויף אַן אמת פאַרליבט אין אים, נאָך די ערשטע פּאָר טעג. זי האָט פאַרלוירן די בייזע שטייפקייט און נישט אָפּגעטרעטן פון אים. ווען אויף די געסלעך פון לאַ־

געו׳ האָט זיך געמאַכט אַביסל רואיקער — האָט זי אים געשלעפּט שפּאַ־צירן איבער זיי און ער איז געגאַנגען. זי האָט זיך דערביי אָנגעהאָנגען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און געלאָזט די פיס פליען אין דער לופט. אירע געשרייען האָבן זיך גענומען טראָגן איבער די געסלעך:

— הויב מיך אויף העכער!... אָט אַזוי... טראָג מיך אַביסל אויף די הענט!

און עס האָט אויסגעזען, אַזויווי זי וואָלט פאַרלוירן איר גאַנצע קאָמענדאַנטישקייט צווישן זיינע לאַנגע, געל־האָריקע הענט. איז טאַקע וואַגנער מיט יעדן טאָג שטאָלצער געוואָרן, שטרענגער. ער האָט געוווסט אַז אין די זייטיקע באַראַקן זיצן איצט ווייזנבערג, פעלדמאַן און די אַנ־דערע פּאָליציאַנטן פון פריער... זיי טרינקען איצט שנאַפּס מיט פאַרבי־טערטקייט און דער שוואָגער פעלאַס, ווייזנבערג, איז דער איינציקער וואָס קען זיך דערלויבן צו דראָען בגילופינדיק:

— עס בלייבט נאָך נישט אַזוי... מיר וועלן נאָך אויך עפּעס באַווייזן אויפצוטון...

ער האָט בלויז געשמייכלט פאַרהוילן, ראַגנער, מיט אַזאַ שמייכל וועלכער דאַרף אַלעמען אָפּשרעקן — כאָטש די סיבה דערצו ווייסט נאָר ער אַליין... די קראָקעווער פּאָליציי האָבן דערווייל אַרומגעפּאַדיעט נעבן איט, צוגעטראָגן דאָס מינדסטע וואָס זיי האָבן נאָר געהערט און זיך גע־האַלטן אַרום זייער איינציקער, מעכטיקער פעסטונג אין ווערק צע. ער האָט זיך גענומען אויסזוכן באַזונדערע מקורבים און אויפשטעלן אַ מחנה פון זיין אָנהענגערשאַפט. פעלאַ אַליין האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן קיין מינוט אויף אַנדערע זאַכן. דערפאַר האָט זי נישט געהערט, אָדער זיך נישט געמאַכט וויסנדיק, ווען ווייזנבערג האָט זיך אַריינגעוואַקלט צו זיין „קוזינקע״ אין באַראַק און אַ געשריי געטון פאַר אַלע מיידלעך:

— איך האָב געוווסט וואָס די זונה קען באַווייזן! זי קען דען בעטער זיין פאַר איר טייער שוועסטערל? איר האָט זיך פאַרגלוסט דווקא אַ מאַן וואָס האָט דאָ עמעצן... אַזעלכע אָפּעטיטן האָט זי שטענדיק. נאָר עס וועט זי אָפּזוכן... אוי, וועט עס זי אָפּזוכן!

וואָס אַזעלכעס פעלען וועט אָפּזוכן האָט קיינער נישט געקענט פאַר־שטיין פון זיינע רייד.

— 4 —

פון „ווייסן הויז" האָבן זיך גענומען טראָגן אַלץ אָפּטערע געשרייען און טומלערייען אין די שטילע נעכט פון ווערק צע. מ'האָט געזאָגט, אַז דאָס קריגט זיך אַרום ווייזנבערגס פרוי מיט זיין קליינער, בלאָנדער גע־ליבטער. אַנדערע האָבן דערציילט אַז זיין פרויס געליבטער האָט גאָר טע־נות צו ווייזנבערגן... דערפאַר אָבער זענען געווען אַ סך באַגלויבטער די, וואָס האָבן דערציילט — אין נאָמען פון פעלאָס דינסטמיידל — אַז דאָס האָבן זיך גאָר פאַרלייגט אַלע פאַרראַטענע און צעקריגטע אין ווייסן הויז אויף פעלאַן.

זיי האָבן זי' פּלוצים דערזען פון דער שוואַכער זייט. אָן דער שטרענ־גער קאָמענדאַנטן־הויט אויף זיך — און דערפאַר זענען פאַרגעקומען שטי־לע אָנפאַלן אויף איר, פאַרוואָס זי האָט אַריינגענומען אַ ווילד־פרעמדן מענטש צווישן דער הערשער־משפחה. דערביי ווייזט ער זיך אַרויס פאַר אַזויפיל זעלבסטשטענדיק, אַז ער קען נאָך אין איינעם אַ טאָג אַלעמען פון דאַנעט אַרויסשמייסן... און אַז ער וועט אַריינבאַקומען די מאַכט אין די הענט — וועט ער אויך זי, פעלען, נישט שוינען! זאָל זי זיך נישט איינרעדן אַז ער איז טאַקע אין איר פאַרליאַפּעט איבער די אויערן... דאָס מאַכט ער זיך נאָר אַזוי! שפּעטער, ווען ער וועט זיך נאָר איינפעסטיקן און אויסטאַפּן ביי פעלען, מיט וועמען מען דאַרף דאָ אַלץ שטיין אין קאָנ־טאַקט — וועט ער זי אַרויסוואַרפן אויף צווי שפּענדלעך, אָדער זי גאָר שיקן אויפן שיס־שטאַנד... זיינע אייגעלעך ווייזן, אויף וואָס ער קען אַלץ פעאיק זיין...

פעלאַ האָט זיך איינגעהאַלטן, נישט גערעדט קיין וואָרט — אַפילו ווען די אַלטע מוטער אירע האָט איר גענומען פאַרוואַרפן און צוגעבן גערעכט די אַנדערע „קינדער"... אַ מאָדנע שווייגעניש איז אויף איר אָנ־געפאַלן! בלויז איין מאָל האָט זי אויפגעשריגן. דאָס איז געווען ווען ווייזנבערג האָט אַ גאָס געטון אויף איר אַ מבול צעהיצטע רייד:

— ווי אַזוי האָסטו געקענט פאַרלירן דעם שכל דיינעם? איך דער־קען דאָך דיך נישט! אַלע מאָל ביסטו געווען געממזרט, אייזן־קלוג און איצט רעדסטו זיך גאָר איין, אַז ער גייט אויס נאָך דיר... דאַרפסט נאָר עפענען די אויגן און זען דאָס ווייב וואָס ער האָט דאָ... איך האָב זי ספּע־ציעל גוט אָנגעקוקט! וואָלט נישט געשאַדט אַז אויך ד ו זאָלסט זי

אַמאָל זען... דערנאָך זאָלסטו צוגיין צום שפּיגל און זיך נאָך אַמאָל באַטראַכטן... אָבער! רואיק! דו הערסט?

זי האָט דאָן אַ געשריי געטון... די גאַנצע קאַלטקייט האָט אין איר אויפגעפּלאַצט און זי האָט געכאַפּט די ערשטע־בעסטע זאַך, וואָס איז איר געקומען אין האַנט אַריין, געשליידערט דעם שוואָגער אין קאָפּ אַריין... איצט האָט ע ר געפונען זיין צייט פון נקמה פאַר געקומען. ער האָט דערזען איר ווייטיקדיקן פּונקט און זיך אָפּגענומען פאַר זיין דעגראַדאַציע, פאַר איר חוזק איבער אים... זי האָט זיך געמוזט אָוועקזעצן. אירע אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון בלייך־געוואָרענעם פּנים, אָבער ווייזנבערגס טאָפּעלטע שכרות האָט געהאַלטן אין איין אַרויסזעצן פון אים און די פינקען זענען זאַלציק אַראָפּגעפאַלן אויף אַ באַהאַלטן־אָפּגעריבן אָרט אין איר נשמה:

— בייזער זיך... וואַרף... אנשטאָט רעדן מיט גוטן, אַזוי ווי מען דאַרף עס טון מיט אייגענע, וואָס מיינען איר טובה — שליידערט זי זיך... וועסט אָבער זען: אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט ראַגנערס בילד־שיינע ווייבל דאָ זיצן אַן אויסגעצירטע און די קאָמענדאַנטין, מאַדאַם פעלאַ וואַרקאָוויטשס, וועט דאַנקען גאָט, אַז זי וועט נאָך קענען אַרבעטן ביי דער פיקרין... אַז מ׳וועט לעבן — וועט מען זען... זאָל זי אויסשפּילן איר חכמה!

פון פעלאַן האָט גענומען זעצן מיט הייסן, פאַרקייכטן אָטעם. עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז עס וועט דאָ באַלד קומען צו עפּעס גרויליקס, מוראַדיקס... פּלוצים האָט זי זיך אָבער באַהערשט און ווי דורך אַ כישוף האָבן אַרויסגעשאָסן די פאַרבן אויף איר פּנים. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און אַרויסגעלאָפן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי צוריק אַריינגעקומען, פירנדיק מיט אַ פאַרביסן שווייגן ראַגנערן פאַר דער האַנט... אין משפּחהדיקן הויז פון די קאָמענדאַנטן איז שטיל געוואָרן. קיינער האָט מער קיין וואָרט נישט אַרויסגעבערענגט. בלויז ראַגנער האָט רואיק און שטאָלץ אַרויסגעצויגן אַ פּעקל דייטשע ציגאַרעטן, וווילעריש דערלאַנגט איינעם ווייזנבערגן און דערנאָך מיט אַ שטומען זשעסט אַריינגעצויגן אַ צווייטן צו זיך און אָנגעצונדן. דער רויך האָט אַלעמען איינגעהילט אין נעפּל... איז שוין ווייזנבערגן נמאס געוואָרן דאָס שווייגן. ער האָט דערפאַר עפּעס אַ ברום געטון און אַרויסגעלאָפן. מען האָט נאָר געהערט, ווי ער קלאָגט זיך פאַר עמעצן הויך אויפן קול, אַזוי ווי ער וואָלט בכיוון וועלן, אַז מ׳זאָל עס הערן אינעווייניק:

— אַז זי ווערט משוגע נאָך אים... זי האָט ביי אים פאַרלוירן אַלע געדאַנקען — און פאַרטיק! נישטאָ מער וואָס צו רעדן...

— 5 —

פון אַלע זייטן האָט מעכעלע געהערט וועגן די רייסערייען אין דער משפּחה פון די קאָמענדאַנטן. עס האָט וועגן דעם דערציילט זיין באַראַק־קאָמענדאַנט פרידלאַנד, עס האָט חוזקדיק צעלאָזט דאָס מויל דער אינזשינער קורץ — און פון אַלע זייטן האָבן זיך וועגן דעם געשושקעט די פּאָליציי. אויך אין מעכעלעס באַראַקל האָט מען זיך וועגן דעם נישט אויפגעהערט אַרומצורייסן.

דער קלוגער און געזעצטער וואָצלאַווסקי, אַ וואַרשעווער למדן און אינטעליגענט, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו דער פּיקרין — האָט אויך דאָ אַרויסגערוקט זיין אייגענעם בליק אויף זאַכן און געשעענישן:

— מעכעניו, לאָז זיך נישט איינרעדן... זי איז טאַקע אַ נפקא, אַן אויסוואורף פון דער וועלט און אַוודאי איז זי אים נאָכגעלאָפן צוליב תאווה און נישט צוליב מעשים טובים! אָבער קיין משוגענע איז זי נישט. זי איז קלוגער פאַר וויינבערגן און פאַר דעם ראַגנערן צוזאַמען!

פאַרוואָס דעם אָפּגעגעלטן וואָצלאַווסקי איז געגאַנגען אין לעבן צו פאַרטיידיקן פעלאַן — האָט מעכעלע נישט געקענט דערגיין. דער ייד האָט אָבער שטענדיק גערעדט אַזוי שטיל און שכלדיק, אַז מעכעלע האָט אים געמוזט אויסהערן. אויך דאָ האָט ער זיך געהאַט זיין לאָגיק דערביי:

— ז י איז... וואָס זי איז! געזען אַ שיינעם, פעסטן יונג — פאַרוואָס נישט? און אַפילו ביי אַזאַ גיהנום ווי זי — קען אויך טרעפן אַ פאַרליבעניש, אַן אמת פאַרליבעניש! זי האָט אָבער אַ קאָפּ אויף די אַקסל און פאַרלירט אים נישט — כאָטש זי מאַכט זיך אַזוי. זי ווייסט אַז ער האָט דאָ אַ שיינע, יונגע פרוי און אויף זיך איז זי אויך אַ מבין — מיט איר גאַנצער שיינקייט... יאָרן קען מען נישט צוריקטרייבן! וואָסזשע מיינסטו טוט זי? זי וויל אים מאַכן וואָס גרעסער... און ער וויל דאָך נישט מער! לאָזט זי אים אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין עסק אַריין. ביים קאָמענדאַנטעוועץ זענען פאַראַן אַ סך זאַכן אָפּצוטון, וואָס די דייטשן טאָרן דערפון נישט וויסן. דעם קאָפּ קען מען פאַרלירן דערביי! ז י האָט שוין געוווסט ווי אַזוי דאָס אַלץ אַדורכפירן, אַז קיין פויגל זאָל דער־

פון נישט דערשנאַפּן... ע ר איז אָבער אומגעלומפּערט און פול מיט איינגרעדעניש. דערפאַר גיט זי אים איבער פאַרשידענע זאַכן אין דער האַנט אַריין — און מאַכט זיך דערביי פאַר אויס מעכטיקע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אויף אים נאָר פאַרלאָזט. דערביי איז זי אין גאָרנישט פאַרמישט און ער טוט ד'ערווייל אַזוינס, וואָס ער ווייסט אַליין נישט — וואָס ער טוט. זאָל ער זיך אָבער שפּעטער צעבריקען — וועסטו זען, ווי אַזוי זי וועט אים דאַן האַלטן ביים קאָפּ! ער וועט אַפילו קיין פּיפּס נישט קענען טון... זי ווייסט שוין איינמאָל ווי אַזוי צוצוגרייטן אַ בייטש אויף אַזעלכן! ביי אירע פּיס וועט ער דאַן מוזן ליגן... דעם מינדסטן באַפעל אירן וועט ער דאַן מוזן געהאָרכן! זאָל ער נאָר האָבן וואָס מער מאַכט, וואָס מער גלויבן, אַז ער איז דאָ דער גאַנצער הערשער... זי וועט אים שוין — צוזאַמען מיט דער ליבע און צוזאַמען מיט די סודות — אַריינרוקן אַזעלכע ביטערע פּיגולקעס, אַז ער וועט זיי נישט קענען אַראָפּשלינגען און נישט אויסשפּייען... ווייניק קאָמענדאַנטישע קעפּ האָט זי שוין באַוויזן אַראָפּצודרייען?...

צוליב די אַלע שטילע דיסקוסיעס און מיינונגען האָבן זיך גענומען טראָגן אַלץ מער און מער זכרונות וועגן פעלאַן. ווער ווייסט? אפשר ציט זי טאַקע דאָרט אַריין איינעם נאָכן צווייטן, ביז צו יענעם תהום פון זינד און מורא — פון וועלכן מ'קען מער נישט אַנטלויפן?

— 6 —

ראַגנער האָט זיך דערווייל צעשפּרייט איבערן לאַגער. ער האָט גענומען דיריגירן די פּאָליציי, גיין אין פאַבריק, טרעפן זיך מיט דייטשן און זיי אויך אויפנעמען אין לאַגער. אין משך פון צוויי וואָכן האָט ער זיך אַפילו באַוויזן איינצובירגערן אין ווייסן הויז אַזוי, אַז קיינער האָט שוין אַפילו נישט געזאָגט קיין הויך וואָרט דערויף. ער האָט זיך אַפילו גענומען אַרומפירן מיט פעלאַס צעבליט טעכטערל, ווי מיט זיינס אַן אייגנס; געצערטלט עס און אויך גענומען היימיש באַגריסן פעלאַס מוטער ווי זיינס אַ גאָר־נאָנטן מענטש.

פעלאַ האָט אים געלאָזט אַרויסטרעטן פאָראויס, שאַפן און רודערן. אין די באַראַקן האָט מען זיך געשושקעט, אַז זי דרייט זיך טיילמאָל פאַרביי נעבן דעם פרויען־באַראַק, ווו ראַגנערס פרוי געפינט זיך... איינמאָל

איז זי אַפילו יענער אַנטקעגנגעגאַנגען, אַ קוק געטון אויף איר שמייכלענ־דיק און געוואָלט מיט איר פאַרפירן אַ שמועס. ראַגנערס פרוי האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו טון און שטיין געבליבן אַ צעחושטע. ווען פעלאַ איז גאָר נאָענט צוגעקומען און עפּעס אַ זאָג געטון — האָט זיך יענע אַ הויב געטון, שטאָלץ אָפּגעטראָטן פון איר און אַוועק מיט רו־איקע טריט. ערשט אין באַראַק איז זי אַוועקגעפאַלן אויף איר בעטל און זיך הויך צעוויינט...

אַלע האָבן מיטגעפילט די פרוי ראַגנער און שטילערהייט געשאָלטן פעלאַן, די רויבערין, מיט די האַרבסטע קללות. איבערהויפּט האָבן עס גע־טון די נייע פרויען, די קראָקעווער. זיי האָבן אויסגעזוכט אַלטע לידער וועגן פאַרראַטענע פרויען און וועגן מענער וואָס מען טאָר נישט גלויבן... זיי פלעגן דאָס זינגען אין די פאַרנאַכטן צוזאַמען מיט די רייד וואָס די מענער האָבן אַמאָל גערעדט און די זיסע צוזאָגן וואָס זיי האָבן געמאַכט. דאָס אַלץ האָט מען אָפּגעטראָגן פעלאַן. זי האָט זיך אָבער דערפון גאָר־נישט געמאַכט. זי האָט נאָר איין מאָל אָנגעזאָגט אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט געפירט אַ פרויען־גרופּע צו דער אַרבעט — אַז ער זאָל די פרוי ראַגנער איבערלאָזן אין לאַגער. יענע האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דער פריווילעגיע און ווייטער געגאַנגען אין דער ריי.

איינמאָל בלויז האָט עס פּאַסירט: ווערק צע האָט די אויגן אומע־טום, אַפילו אין די באַהאַלטנסטע ערטער. דערפאַר האָט מען אויך באַ־מערקט אַמאָל אין דער נאַכט־פינצטערניש צוויי שאָטנס. איינער איז געווען הויך און אוניפאָרמירט און דער צווייטער — קליין און וויינע־דיק... דער קליינער פרויען־שאָטן האָט זיך געבייזערט, געשריגן... און דער גרויסער האָט זיך איבער איר אַראָפּגעבויגן, געצערטלט, געטוליעט זי...

מען האָט זיך געקענט פאַרלאָזן אויף די נייעס־ברענגער און רכי־לות־טראָגער! און זיי האָבן געוווּסט גענוי, וואָס דער הויכער ראַגנער און זיין פרוי האָבן זיך דאָרט אָפּגעסודעט צווישן דיביימער. זי האָט אים געלאָזט רופן דורך אַ קונציקן וועג. עפּעס אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט מיט איר סימפּאַטיזירט, האָט געהאָט אַ האַנט דערין...

איז טאַקע דער צוזאַמענטרעף פאַרגעקומען. זי האָט געוויינט, גע־ריסן זיך די האָר און עס אים אָפּן געזאָגט: מער קען זי נישט. אָן אים

קען זי נישט לעבן. און נישט נאָר דאָס: עס טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן, מען הערט אויף ליב האָבן — איז פאַרפאַלן, צעגייט מען זיך אין פאַר־שידענע וועגן, מען זעט זיך נישט מער און מען איז פריי... ז י ווייסט אָבער אַז ער האָט זי ווייטער ליב, אַלע ווייסן עס. איז גרויס די שאַנד. ד אָ קען זי עס נישט איבערטראָגן! אַלע מיידלעך און ווייבער קומען זי אָנקוקן ווי עפעס אַ בייז ווונדער... האָט זי שוין עטלעכע מאָל זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן, אַפילו זיך שוין אָנגעהויבן איינשניידן ביינאַכט די אָדערן — און עס נישט געקענט דערפירן ביזן סוף. זי האָט שוין אַפילו איינגענומען אַזאַ סם אין דער פאַבריקס־האַלע. דאָס האָט זי אָבער נאָר דערפירט צו חלשות. דערנאָך האָבן זי די חברטעס געראַטעוועט, צוריק־געברענגט... זי וועט עס אָבער סיי־ווי טון. אַנדערש קען עס נישט זיין. זי האָט אים נאָר געוואָלט זען איינמאָל, אַרומנעמען, געזעגענען — א יי־ד ע ר ...

אין יענער נאַכט האָט ער געוויינט, געקלאַמערט זיך אין איר. זאָל זי אים פאַרשטיין! ער האָט געמיינט אַנדערש... נאָר אַ קורצע צייט, האָט ער געהאָפט — און דערנאָך וועט אַלץ גוט זיין. דער פלאַן זיינער איז גע־ווען אַ קלאָרער, אויסגערעכנט געגנוי, נאָר ער האָט עפעס פאַרזען. איצט גייט עס נישט מער! ער קען נישט מער אַנדערש מאַכן, כל־זמן זיי זענען אין ווערק צע. ער טאָר עס נישט. זיי קענעןביידע זיין פאַרלוירן און ע ר וויל נאָך לעבן. דערפאַר מוז זי אים איצט אָפלאָזן, פאַרגעסן. ער טאָר זיך אַפילו מיט איר נישט זען — סיידן זיי וועלן האָבן אויסערגע־וויינלעכע געלעגנהייטן, וועלכע מען קען פריער נישט אויסרעכענען... איצט איז ער אַ געפאַנגענער, אַן אָפגעשלאָסענער! זי מעג עס וויסן און דערפאַר זאָל זי דאָ טון, וואָס עס קען איר נאָר באַקוועמער מאַכן. זאָל זי אָ לעב טון, זאָל זי פריי זיין... ליב? אוודאי האָט ער זי ליב! אָבער אין ווערק צע קען מען פון אַזעלכע זאַכן נישט טראַכטן. דאָ איז אַנדערש דאָס לעבן און מען דאַרף עס היטן מיט וועלכע מיטלען עס מאַכן זיך נאָר. ער טאָר נישט אַנדערש קלערן... זאָל זי עס וויסן!

פאַרטאָג האָבן טאַקע די מיידלעך פון איר באַראַק קוים אויפגעוועקט די פרוי ראַגנער. ווייזט אויס אַז זי האָט עפעס אַראָפגעשלונגען... נאָר דער אָפקלאַנג פון דעם שאָטנדיקן צוזאַמענטרעף אין דער נאַכט האָט זיך אויך געלאָזט שפירן אין ווייסן הויז.

נאָך עטלעכע וואָכן האָט מען פּלוצים ווידער געזען פעלאַס שטרענגע און דראָענדיקע שטים. עפּעס האָט זי דאָרט שאַרף געשריגן און ראַגנער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן. ער איז געווען הכנעהדיק, חניפהדיק — אָבער באַלד דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ שאַרף אָפּענטפערן... ער האָט אַפילו אויסגעצויגן זיך אין זיין גאַנצער הויך, דערקלערט איר, אַז ער איז דאָ אין ווערק צע נישט קיין ייִנגעלע, אויף וועלכן מ׳קען זיך דערלויבן אָנצושרייען... קאָמענדאַנט איז ער! פּאָליציי־קאָמענדאַנט! אָבער ערשט דאַן האָט פעלאַ פאַרלוירן איר בייזע שטרענגקייט. זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַזאַ קאַלט געלעכטערל פון וועלכן ראַגנערן האָט גענומען שווידערן. זי האָט אים בלויז איראָניש נאָכגעקרימט און דערביי געלאַכט אַלץ העכער און הפקרדיקער:

— קאָמענדאַנט!... אָבער נאָר אַזוי לאַנג ווי איך האָב זיך געוואָלט אָפּרוען, אַמוזירן מיט ד יי ן מאַכט... איך האָב עס גענאַרפט — ווייל אַזוי האָט מ י ר געפּאַסט. ווי קען פעלאַ ליב האָבן איינעם אַ האַלעמענטש? האָב איך דיך געשטופּט, אַרויפגעצויגן... ווילסטו אַז איך זאָל דיך געווען גענוג האָבן? א י צ ט קענסטו עס שוין ביי מיר פועלן. איך קען דיך שוין. דו דאַרפסט שוין נישט מער קריכן ביינאַכט אין אַ ביימעררווינקל צווישן דער פינצטערניש. קענסט צוריקגיין, אויב דו ווילסט. איך דערלויב עס אָפּן. בלויז ד אָ ס היטל זאָלסטו איבערלאָזן ווי אַ משכון, מער גאָרנישט...

ווי אַזוי זיי האָבן זיך דאָרט פאַרגלייכט צווישן זיך — האָט ווערק צע שוין נישט געקענט דערכאַפּן. מען האָט נאָר צוריק גענומען זען פעלאַן, ווי אין די פריערדיקע צייטן, זיך יאָגן איבער די באַראַקן, שרייען ביי די אַפּעלן און אָפּגעבן קאָמענדעס איבערן הויף. זי האָט ווידער געשמייכלט מיט אירע געשלענגלטע ליפּן צו די דייטשע מייסטער און אומעטום אָנגעשלאָגן. איצט האָט זי זיך נאָר געוואָרפן צום קאָמאַנדעווען מיטן גאַנצן אימפּעט פון אַ ווידער געפונענער מאַכט.

געבן איר האָט זיך אָפּט גענומען באַווייזן ראַגנער. דאָס מאָל איז אָבער ע ר נאָכגעגאַנגען א י ר ע גענג מיט אַ מאַסקירט־פאַרלוירענעם אויסדרוק אויפן פּנים. ער האָט פאָרזיכטיק צוגעהערט אירע רייד און ווען זי האָט נאָר געזען, האָט ער געכאַפּט אויף די הענט איר קליין, שרייעוודיק מיידעלע און עס געקושט הויך, אויפן קול און געצערטלט עס מיט אַ געמאַכטן, ייִדן־אונטערלעקערישן קול:

— פעליושא, קליינע פעליושא!...

פעלא האָט זיך איינגעהערט, אַמאָל געמאַכט זיך נישט זעענדיק און טיילמאָל האָט זי זיך נישט געקענט באַהערשן און צוגעלאָפן צו אים. זי האָט אים דאַן ווילד אַ קוש געטון און דערנאָך אים געגלעט פאַר אַלע־מענט אויגן איבער די בלאָנדע, שטייף־געשניטענע האָר ווי אַ דערשראָקן ייגגל...

קאַפּיטל פיר

— 1 —

דער נייער שטראָם מענטשן פון קראָקע איז אַנדערש געווען פון די פריערדיקע. אין דער צייט ווען דער מיידאַנקער טראַנספּאָרט האָט גע־ברענגט דאַרע און פּיפּיקע יינגלעך מיט ליידיקע הענט, — וואָס האָבן זיך נאָר געזוכט צו העלפן מיט זייער פלינקייט און דערפינדערישקייט אין צייטן פון נויט — האָט דער קראָקעווער טראַנספּאָרט געבראַנגט הויכע, געזונטע חברה־לייט, מיט געלט און ווערט־זאַכן.

האָבן זיך גענומען דרייען אַרום זיי פּאָליציי־לייט און אַלערליי פאַר־אַרבעטער. מען האָט ביי זיי געזוכט צו פאַרדינען און דערפאַר אויך ווערן נענטער צו זיי. זיי האָבן ביסלעכווייז „אויסגעקויפט" אַלע לייכטערע אַרבעטס־פּלעצער, פון וועלכע מען האָט איינציקווייז אַרויסגענומען די אַלטע און זיי אַריבערגעוואָרפן אין די שיטער־געוואָרענע האַלעס.

אַזעלכע באַקוועמע אָפּטיילונגען ווי „שמיץ", „באַאו", די „צוועלפטע האַלע" און אַנדערע זענען פול געוואָרן מיט מענטשן פון קראָקעווער טראַנספּאָרט. דערפאַר זענען די גיסערייען און די גראַנאַטן־האַלעס פול געוואָרן מיט די אַלטע אַרבעטער, פון די פריערדיקע לייכטע ערטער. עס האָבן זיך שוין געשאַפן פאַרמיטלער, וואָס האָבן געוווסט ווי אַזוי צוצו־קומען ביזן קאָמענדאַנטן־הויז אָדער צו ראַגנערן. דערנאָך האָבן שטילער־הייט גענומען איבערוואַנדערן די סומעס אין אַלערליי וואַלוטעס, אָדער גאָלד, צו די קאָמענדאַנטן.

איבערן מאָגערן, אויסגעדארטן ווערק צע האָט אַ יאָג געטון אַ ווינט פון רייכקייט, פון געלט און לאַגער־לוקסוס — וואָס האָט זיך אויסגע־ווירקט אויך אויף די אַלטע ווערק־צעניקעס. אַ גרויסער טייל פון די נייע

מיט געלט אָדער חפצים האָבן געזוכט צו עסן נאָך אַ שטיקל ברויט, אויסער דער מאָגערער פּאָרציע. זיי האָבן אויך געזוכט אַן עפּל, אַ שטיקל ווורשט. דאָס האָבן זיי דערווייל נאָר געקענט צושטעלן די אַלטע ווערקצעניקעס. האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער מסחר מיט די פּאָליאַקן פון דער פאַבריק. יענע האָבן ווידער גענומען ברענגען לאַנגע, צעשניטענע ברויטן און נעמען פאַר זיי עטלעכע מאָל אַזויפיל, וויפל זיי באַצאָלן אין שטאָט. די ווערק־צעניקעס האָבן דאָס געקויפטע אַריינגעשמוגלט און אויך גענומען ביי די נייע אַלערליי חפצים צום פאַרקויפן די פּאָליאַקן. האָבן אויך די אָרעמע און נאַקעטע אָנגעהויבן פאַרדינען אַן איבעריקן ביסן.

עס איז געווען פאָראויסצוזען אַז אַזאַ מין יאָגעניש וועט לאַנג נישט בלייבן פאַרהוילן פאַר די דייטשן און ווערקשוץ. מען האָט אָבער נישט געוואָלט קלערן וועגן שפּעטער. אַבי מען דערכאַפּט זיך איצט דערווייל דאָס האַרץ! אין לאַגער האָבן זיך גענומען פאַרמערן די געהיימע קרעמלעך, אונטער מיידלערישע געלעגערס און צווישן די שפּאַלטן פון די באַראַקן... מען האָט שוין געקענט זען גאָר אָפט ווי טייל מענטשן שניידן זיך אָפּ ברויט פון אַ ג אַ נ צ ן לאבן און גאָר ווייניקע שמירן נאָך אָן דאָס ברויט מיט פּוטער...

אויך די פרויען־גרופּע פון קראָקע איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי די פריערדיקע... יעדער דייטשער קאָמענדאַנט, וואָס האָט געמאַכט די סעלעקציע ביי זיך אין געגנט, האָט געהאַט זיין באַזונדערן געשמאַק וו ע מ ע ן לעבן צו לאָזן. זענען מיטן מיידאנקער טראַנספּאָרט געקומען קליינע, שלאַנקע מיידלעך אין דער מערהייט. זייער חן איז באַשטאַנען אין זייער יונגער רירעוודיקייט, אין די שיין־פאַרצויגענע ליפּעלעך און אין די פינקלדיק־אַרומנעמענדיקע אויגן...

דערפאַר האָט דער קראָקעווער טראַנספּאָרט געברענגט מיט זיך הויכע און צעוואָקסענע פרויען מיט בערג לייב און אברים אויף זיך. זיי זענען געגאַנגען מיט פעסטע מאַסיווע טריט און אויסגעזען ריזיק צווישן די גרופּן פריערדיקע מיידלעך. זיי האָבן זיך מיטגעברענגט לייטישע קליידונג און געהיטן די מאָדישע שטעטער זייערע, אַזוי ווי עס וואָלט דאָ געווען אַ באַפעל איבערצוואַרטן אַ שטיקל צייט אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף — און מ׳מוז זיך היטן דערווייל, נישט צו פאַרגעסן די גרויסשטאָטישע מאַניערן און מאָדעס...

אינעם געלאָסענעם ווירוואַר זייערן איז נאָך נישט מעגלעך געווען אויסצושיילן קיין באַזונדערע טיפּן; אָבער מיט זייער גאַנצן, געוויכטיקן אַריינמאַרש אין לאַגער אַריין איז געווען קאָנטיק אַז זיי וועלן דאָ איבער־קערן דעם גאַנצן סדר. זיי האָבן זיך די ערשטע צייט געהאַלטן אָפּגע־זונדערט; נאָר געחברט זיך מיט די מענער פון זייער טראַנספּאָרט און גע־האַלטן אין איין דערציילן פון זייער אַמאָליק לעבן, ווען זיי זענען ווייט געווען פון דער געטאָ־מאַסע. מען האָט אַפילו זיך דערציילט אַז צווישן די הויכע, שיין־געשטעלטיקע פרויען און מיידלעך געפינען זיך אַ צאָל גע־שמדטע, וועלכע האַלטן זיך נאָך איצט פאַר קריסטינס און ווילן דאָ מיט קיין יידן נישט האָבן צו טון...

די אַלטע ווערק־צעניקעס, וואָס האָבן אויפגענומען דעם קראָקעווער טראַנספּאָרט מיט חוזק — ווי מען נעמט שטענדיק אויף פריש־געקומענע — האָבן זיך ביסלעכווייז אַריינגעצויגן אין די ווינקלען, בטל געוואָרן ביי זיך און געמאַכט פּלאַץ פאַר די שטאַרקערע, רייכערע און געזונטערע. אויך די מיידלעך האָבן געשפּירט אַז דאָ זענען געקומען אַנדערע, וואָס וועלן פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ. דאָ איז אַן אָרט ווו פעסטע, געזונטע אבֿ־רים שטויסן אָפּ אין אַ זייט יידישן אויגן־פייער און יידישן, שוואַרצן חן... די פּאָליציי האָט זיך גענומען שאַרן אַרום די קראָקעווערינס, זיי צור־שאַנסן די לייכטערע אַרבעטן אין די בעסערע האַלעס, אַרומפּאַדיען אַרום זיי... און יענע האָבן עס אויפגענומען מיט שטרענגער דאַמען־ווירדע, מיט גרויסשטעטישער מאַנירלעכקייט פון גאַליציאַנער אַריסטאָקראַטיע — וואָס באַטראַכט דאָס אַלץ ווי אַ נאַטירלעכקייט, ווי אַ זאַך וואָס קומט זיי סיי־ווי.

אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן געהאַט אַ פרייעם, פליסיקן דייטש אין מויל און לייכט געקענט אונטערקומען די מייסטערס פון די האַלעס, רעדן מיט זיי פון היימישע דייטשע ענינים און זיי האָבן דערפאַר באַלד איבערגענומען דעם ערשטן אָנזען ביי די פאַרשידענע דייטשע מייסטער און באַפעלער. אַפילו דער מערדעריש־קראַנקער מעלאַנכאָליקער, דאָקטאָר ראַסט, האָט זיך געלאָזט איינבייסן — און ווען ער האָט געזען איינע, אַ הויכע שיינע פרוי מיט אַ פול, אויסגעקנעטן פּנים האָט ער קראַנק גע־שמייכלט, געלאָזט זיך פון איר אַוועקפירן אין אַ זייט און אָפּטענהן מיט איר גאַנצע שעהען.

איבער דער פאַבריק האָט זיך אַ שפּיר געטון אַ נייער אָטעם. די פּאָליאַקן האָבן זיך פאַרקוקט אויף די דייטשן און אויך גענומען שענקען מער אויפמערקזאַמקייט די קראָקעווער דאַמען, וואָס האָבן זיי צעחושט מיט זייער אינטעליגענטן פּויליש און מיטן אַריינוואַרפן כסדר ציטאַטן פון די פּוילישע קלאַסיקער און באַרימטסטע אַקטיאָרן... זיי זענען עפּעס ווייכער געוואָרן, אין אָנבליק פון אַזאַ אַריסטאָקראַציע־אָנלויף, מיט וועל־כער זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געחלומט צוזאַמענצוטרעפן... עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָ נעמט זיך אויסוועבן עפּעס אַן אידיליע, אין וועל־כער מען וועט קענען איבערקומען די שווערע צייט. אַלץ איז פּלוצים אַזוי לייכט געוואָרן, אַזוי אָפּגעלאָזן — אַז מען האָט זיך געהאַלטן אין איין ווינטשעווען:

— עס זאָל נאָר לאַנג אָנהאַלטן... אוי, עס זאָל נאָר נישט צעשטערט ווערן...

און ביי פרידלאַנדן אין באַראַק האָבן אַלע גענומען פיינט האָבן דעם קלוגן פּיקרינער וורָאָצלאַווסקי, וואָס איז גראָד אין דער לעצטער צייט געוואָרן מרה־שחורהדיק, ניכטערן און ער האָט געהאַלטן אין איין ברו־מען:

— ד אָ ס איז שטענדיק דער אָנהייב... מען קען שוין אַזעלכע שלום־ושלוה־צייטן, ווען מען קושט זיך מיט זיי פון די פּיסקלעך... הלואי, איך זאָל נאָר ליגנט זאָגן: דערמיט פאַרשטעלט מען אונדז די אויגן, אַז מען זאָל נישט זען וואָס עס גרייט זיך ווייטער...

ווער וויל דאָס הערן אין אַזעלכע צייטן אַ געשווירענעם שוואַרצ־זעער, וואָס איז נאָך דערצו אין גאַנצן באַשטויבט פון פּיקרין? וויפל רו־איקע וואָכן האָט מען עס סך הכל דאָ — אַז מען זאָל זיך לאָזן זיי קאַליע מאַכן פון אַזאַ טרוקענער, אָנגעכמורעטער צונג ווי וורָאָצלאַווסקיס?

— 2 —

ווייזט זיך אַרויס, אַז אינעם קראָקעווער טראַנספּאָרט זענען טאַקע פאַראַן אַלערליי מינים מענטשן. אָט האָט זיך באַלד ביים אָנקומען אַרויס־געשיילט אַ הויכער געזונטער מאַן, וועמען אַ סך האָבן אָפּגעגעבן אַ באַ־זונדערן כבוד. ווען מ׳האָט גענומען איינטיילן די אַרבעטן — איז ער צו־געגאַנגען גאַנץ דרייסט און זיכער צו ווייזנבערגן:

— א י ך וועל דאָך נישט גיין אין דער פֿאַבריק אַרבעטן... טאָ זאָגט מיר: ווי אַזוי קען איך מאַכן, אַז די דייטשן זאָלן דאָס נישט באַמערקן?

ווייזנבערג איז געבליבן פֿאַרוווּנדערט: וואָס הייסט עס? י ע נ ע ר באַשטימט אַז ער וו ע ט נישט גיין אין פֿאַבריק אַרבעטן... וו ע ר האָט עס אַזוי געפּסקנט? ער האָט דערפֿאַר אויפגעקאָכט און זיך צעשריגן:

— ווער ביזטו דאָס פֿאַר איינער?! טראָג זיך קודם־כּל אָפּ אין דיין ריי אַריין, איידער איך וועל דיך מיט עפּעס מכבד זיין... דערנאָך וועלן מיר ווייטער זען...

אָבער יענער איז געבליבן שטיין, אַ שטאָלצער און אויסגעגלייכטער... זיינע גרויסע, ווייכע אויגן האָבן רואיק און זיכער געקוקט דעם קאָמענדאַנט גלייך אין די אויגן, אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט. זיין קול איז דערביי געוואָרן זינגעוודיק־פֿאַרצויגן, אונטערטעניק און אַנטשלאָסן צוגלייך:

— איך בין דער העלבראָמער רבי... אין גאַנץ גאַליציען האָב איך געהאַט מיינע חסידים. אין קראָקעווער לאַגער זענען מיר נסים בייגעשטאַנען און קיינער האָט מיך נישט דערקענט פֿון די שדים. השם יתברך האָט מיר געהאָלפֿן און כ׳האָב באַקומען אַ גראָבע צורה מיט אַ פּאָר באַקן און ידים אַז... מנע, גלייכער אַז מ׳רעדט נישט! אָבער אויך דאָרט האָב איך נישט געאַרבעט... מען האָט שוין עפּעס אויסגעפֿונען פֿאַר מיר. וואָסזשע? וועט דאָ הייסט עס אַנדערש זיין? און וואָס איז מיט השם יתברכס ווילן? וויפֿל רביים זענען דאָס געבליבן, אַז אויך דער העלבראָמער זאָל דאַרפֿן אַוועק אין פֿאַבריק און דאָרט אַוועקלייגן דעם קאָפּ אונטער די הענט פֿון אַן עשיו?

זיינע רייד האָבן ווייזנבערגן צענומען. ער איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרלוירענער אונטער יענעמס בליק און מיט אַלע מיטלען געראַנגלט זיך, נישט אַרונטערצופֿאַלן אונטער דער ווירקונג פֿון דעם רביינס רייד. ער האָט שטענדיק פֿיינט געהאַט די „חסידים" און דאָך זיך אַלעמאָל געשראָקן פֿאַר אַ רבין. ער האָט אים דערפֿאַר געוואָלט גראָב אָפּפּטרן:

— נו, ער האָלט שוין פֿאַר מיר אַ גאַנצע דרשה! רוק זיך בעסער אָפּ אין דיין ווינקל... מיר וועלן זיך נאָך וועגן דעם מיישב זיין...

יענער האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט קיין האָר פון זיין זיכערקייט:

—מיישב זיין זיך — איז נישטאָ וואָס... איר טראַכט בעסער־צו, ווי אַזוי...

ווייזנבערג האָט דערנאָך אַליין נישט געוווסט, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז ער זאָל נישט רעאַגירן אויף אַזאַ חוצפּה... אַזוי רעדן צו אים, האָט ער שוין לאַנג נישט געהערט. נאָר אין אַ טאָג אַרום האָט ער זיך דערוווסט, אַז אויך ראַגנער האָט ביים ערשטן טאָג קאָמאַנדעווען איבערן לאַגער געהאַט צו טון מיט דעם הויכן, צוואָקסענעם ייד און מיטן פרומען ניגונדל אין זיינע רייד. ראַגנער איז צו יענעם געווען העפלעך, צוזאָגעריש און אַפילו דערנאָך וועגן אים דערציילט פּעלאַן. אויך פּעלאַס פרומע מוטער האָט זיך אונטערגעהערט און אויפגעשפרונגען פאַר גליק: די גאַנצע שטוב אירע איז פול מיט טריפות, מיט עבירות פון סדום! דאָס גיהנום מישט זיך דאָ אויס... און זי מוז דאָס אַלץ צוזען! וואָס עס טוט זיך דאָרט אָפּ בלויז אין איין צימערל פון אירע טעכטער! און דאָ האָט איר גאָט צוגעשיקט אַזאַ גליק: אַ חסידישער רבי, צו וועמען מען איז אַמאָל געפאָרן פון ווי־ווייט זיך אויסגיסן דאָס האַרץ, בעטן אַ ברכה... טאָ פאַר וועמען זאָל זי זיך איינשטעלן, אויב נישט פאַר א י ם?

פון גרויס פרייד איז זי אַריינגעלאָפן צום עלטסטן איידעם אירן, דעם ברויט־קאָמענדאַנט פעלדמאַן און געריסן אים ביי די פּאָלעס... יענער האָט זיך אָבער נישט געאיילט, געוואָלט ווייזן זיין חשיבות פאַרן ווייב און שוויגער — דערפאַר האָט ער זי איינגעשטילט:

— שוויגער, באַרואיקט אייך אַ מינוט... נישט אַלץ עסט זיך אַזוי הייס, ווי עס קאָכט זיך! פאַרלאָזט אייך אויף מיר. קודם דאַרף מען אַריינגיין אַ שמעק טון... עס קען זיין אַז דאָס איז גאָר איינער פון די קליינע, פון די פּיצלעך רביים... וואָס קען אַ יידענע זיין אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן? ע ר זאָגט... נו, מילא וואָס מען זאָגט אַליין! איך אָבער וועל שוין אַ טאָפּ טון אין וואָגן — און זען ווו עס האַלט אין דער וועלט...

ערשט דערנאָך איז פעלדמאַן אַריינגעקומען מיט זיינע געלאַסענע, בנעימותדיקע טריט; זיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעווישט דעם שווייס... דערביי האָט ער געלאָזט דאָס ווייב מיט דער שוויגער וואַרטן אַ ווילע מיט שפּאַנונג און ערשט דערנאָך אַרויסגעזאָגט מעשׂה־מבין, קורץ און פּאָרוויקלט:

— יאָ שוויגער... ד אָ ס איז עס... טאַקע פון י ע נ ע, איר ווייסט דאָך שוין...

מער האָט די אַלטע נישט באַדאַרפט. זי איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און געוואָלט זיך לאָזן לויפן, אָבער פעלדמאַן האָט זי פאַרהאַלטן, אָפגעקילט:

— דאָס איז נישט צום לויפן, שוויגער לעבן... מיט אַזאַ מענטש דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צו רעדן! איך בין דאָך נישט א יי ע ר תכשיט ווייזנבערג... איך בין אַריינגעגאַנגען צו אים אין באַראַק, געזעצט זיך אַנטקעגן איבער... אַ קוק געטון אויפן פנים, אויף די אויגן. דערנאָך האָב איך זיך איינגעהערט אין דעם ק ו ל זיינעם... איך קען זיך אויף די זאַכן! אַ רבין קען מען דערקענען אויך אין קול... מ׳דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי. ערשט דערנאָך, ווען איך האָב געזען וו ע מ ע ן איך האָב פאַר זיך — האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ פסוק פון מויל, צוגעגעבן אַ שטיקל גמרא, וואָס כ׳געדענק פון קינדוויייז. ערשט דאַן האָבן זיך זיינע אויגן צעלויכטן און ער האָט מיך פשוט געוואָלט אַרומכאַפּן... אר־וואַ, אַ ייד! אַט אַ ייד!... הײַנט פאַרשטייט איר שוין, ווי אַזוי מען דאַרף צו אים רעדן? ווייזנבערגס צונג איז דערצו נישט געפּאַסט...

דעם אַלטן פעלדמאַן איז קיינמאָל נישט אָנגעשטאַנען דער יחוס מיטן צווייטן שוואָגער זיינעם — און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געשטאָכן דערמיט די שוויגער, אַזוי ווי זי וואָלט אין דעם שולדיק גע־ווען. טאַקע ער איז עס געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענומען זיך איינ־שטעלן פאַרן געקומענעם רבין. קודם האָט ער אים אַריינגעטראָגן אַ לאָבן ברויט מיט מאַרמעלאַד. דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטון וועגן אַ מנין, וואָס מ׳דאַרף מאַכן אויף די ימים־נוראים... אַט וועט אין אַ וואָך אַרום שוין זיין ראש־השנה — איז וואָסזשע טוט מען?

אָבער דער רבי האָט מיטגעברענגט מחזורים און אַפילו אַ שופר איז אים געלונגען צו ברענגען אין וועדק צע אַריין... דערצו איז ער אַ בעל־תפילה — לענדער אויסצופאָרן! מען דערקענט עס אין זיין זינגעוודיקן רעדן! ווי אַזוי זשע זאָל אים פעלדמאַן אָפלאָזן? דערנאָך איז שוין די שוויגער זיינע אַריינגעפאַלן צו פעלאַן, געלאַרעמט, געבעטן און געוואָרנט:

— פייגעלע... איך זאָג דיר, פייגעלע... דו ביזט זינדיק! נישט אויס־קויפן וועסטו זיך... דו ביזט דען אַליין אַ מבין אויף דעם וואָס דו טוסט

אַפֿ? און דאָ איז איצט געקומען אַ... אַ צדיק זאָג איך דיר! אַ גרויסער מענטש... פֿאַרזינדיק אים כאָטש נישט, געדענק!...

זי האָט אַפֿילו נישט געוואָלט הערן, פֿעלאַ... וואָס גייט זי אָן עפּעס אַזאַ פּאַרשוין? עס איז אָבער געווען איר האָניק־וואָך מיט ראַגנערן און איר שטימונג איז געווען אַן אַנדערע ווי שטענדיק, אַ מילד־גליקלעכע... דערצו האָט די מוטער געהאַלטן אין איין קרעכצן, זעענדיק ראַגנערן ביי איר:

— סדום! פּשוט — סדום... און שוין...

האָט זי געוואָלט מיט עפּעס צופֿרידנשטעלן די מוטער... דערביי האָט זי אָנגעכאַפּט אַזאַ פֿאַרטייעטע נייגעריקייט אים צו זען. ווי זי האָט פֿאַר אַזעלכע שטענדיק מורא געהאַט! די לאַנגע, שוואַרצע בערד זייערע! די שטרענגע ברעמען, וואָס שפּיזן זיך אָן צו די זינדיקע! און איצט האָט זי גאָר איינעם ביי זיך, אונטער איר מאַכט... ווי יעדעס מאָל, ווען אַזאַ געפֿיל גיט זי אַ צי — איז זי אַרויסגעלאָפֿן...

שפּעטער איז זי צוריקגעקומען פֿריילעך און צעשטיפּט, אַזוי ווי זי וואָלט צוריק פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין יענעם ווילדן דאָרפֿס־מיידל פֿון אירע קינדער־יאָרן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון און אַרומגעכאַפּט די מו־טער:

— איך האָב אים געזען, דיין צדיק... ער געפֿעלט מיר, מאַמע! גאָרנישט אַזוי ווי זיי, יענע רבים פֿון וועלכע מען האָט דערציילט... ער האָט אַזעלכע גרויסע, בלויע אויגן... און ווען איך בין אַריינגעקומען האָט ער זיך אָװעקגעזעצט, געקוקט מיר אין די אויגן און אַזוי שיין גערעדט... ער האָט מיר אַפֿילו געוויזן זיינס אַ פֿריערדיקע פֿאָטאָגראַפֿיע, ווו ער האָט אַזאַ שיינע באָרד, אַזאַ שוואַרצע און לאַנגע... און פֿון פֿולן פּנים בליצן אַרויס די אויגן!... ער געפֿעלט מיר! איך לאָז אים דערווייל איבער ביז נאָך יום־טוב אין לאַגער... ביזט געדעכט מאַמע, אַזאַ רבין קען מען דאָ אַמאָל דאַרפֿן...

און די מוטער האָט גליקלעך געשמייכלט.

— 3 —

ס'איז געבליבן אַז דער העלבראָמער רבי וועט מכלומרשט זיין דער וועכטער פֿון זיין באַראַק. פֿריער האָט מען אַזעלכן נישט געדאַרפֿט, ווייל

קיינער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט. איצט אָבער האָבן אַלע געבּרענגט מיט זיך ווערט־זאַכן — און ביים רבין וועט קיינער נישט גנבענען... האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַ גאַנצן טאָג איבער די פּאָר ספרים, וואָס ער האָט געבּרענגט מיט זיך און אויפגענומען דער קאָמענדאַנטינס מוטער, דעם אַלטן פעלדמאַנען און נאָך אַ פּאָר יידן, וואָס האָבן זיך גענומען אַריינ־כאַפּן צו אים... פון אַלע זייטן האָט מען אים געטראָגן ברויט, מער וויפל ער האָט געדאַרפט. ער האָט זיך דערפאַר געדונגען מענטשן פאַר פּאַרציעס ברויט, וואָס זאָלן אים רייַן האַלטן דעם באַראַק און אים באַדינען.

ער אַליין איז געזעסן איבער אַ ספר, זיך שטיל צוגעברומט און דער־ציילט זיינע פּאָר צוהערער אַלערליי שיינע מעשהס וועגן בעל־שם־טוב, וועגן צוררי היהודים וואָס האָבן איינגענומען אַ שוואַרצן סוף און וועגן דער גרויסער מעלה פון יידן, וועלכע מען שטראָפט אַזוי האַרב אין הימל, ווייל מען האָט זיי ליב און מען וויל זיי זאָלן תשובה טון. אויך פעלאַ האָט גענומען באַגעגענען דעם העלבראָמער מיט אַ שמייכל, אַריינקוקן אין זיין באַראַק אַריין און אָפּשטעלן זיך מיט אים אויסטענהן... עפּעס איז איר געגאַנגען אין לעבן אים צו שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט מיט אירע אָפענע רייד, ווי זי האָט עס ליב געהאַט צו טון מיט אַנדערע שע־מעוודיק־צוריקגעצויגענע אין לאַגער. דערביי האָט זי אויך נישט גע־קענט דערשטיקן איר באַהאַלטענע מורא פאַר איינעם פון די, וואָס זענען נענטער צו אַן אַנדער וועלט, אין וועלכער עס קען אַמאָל זיין אַלץ געווענ־דעט: גליק, לעבן, דערפאָלג...

אַלץ אין אַזעלכן האָט זי אָנגעצויגן: ווי אַזוי קען דער רבי טראַכטן וועגן איר? ווי אַזוי פילט זיך אַזאַ איינער, ווען ער רעדט פון דער נאָענט מיט אַ פרוי; אָט, מ י ט א י ר אַ שטייגער! ווי אַזוי פילט ער זיך בכלל מיט זיין צוריקגעצויגנקייט, מיט זיין ווייט־זיין פון אַלע לעבנס־ברויזן, וואָס קאָכן אַזוי אין איר און אין אירס גלייכן? ווי אַזוי קען אַזעלכער אַנדערש זיין, בשעת ער איז אויך הויך און צעוואָקסן... ווען זיין קול איז אַזוי ברוסטיק, וואַרעם און ברייט... און זיינע אויגן פלאַקערן אַזוי, ווי קליינע בלויע פלעמלעך...

דער העלבראָמער האָט זי אויפגענומען מיט אונטערטעניקייט, אָפּ־געגעבן איר כבוד. נאָר ווען זי האָט אים גענומען אַריינפירן אין צעטומ־לעניש מיט אַזעלכע רייד, וואָס אַ רבי דאַרף נישט הערן, האָט ער זיך גע־

גומען ווייך אָפּווערן מיט אַ שטיל קול:

— מען טאָר נישט רעדן אַזוי, קאָמענדאַנטין... מען פאַרזינדיקט דאָס מויל...

טאָקע ער האָט עס געמאַכט ביי זיך אין באַראַק אַ מנין אויף ראש־השנה מיטן גאַנצן פּאַראַד. צענדליקער מענטשן האָבן זיך אָנגעפּאַקט אין דעם באַראַקל, אַנדערע זענען געשטאַנען אין דרויסן און צוגעהערט... דער־ביי זענען געשטאַנען פּאָליציי און געהיט, עס זאָל נישט אָנטראָגן עמעצן פון די דייטשן אָדער ווערקשוץ.

צוזאַמען מיטן רבין האָבן זיך אויך אויפגעכאַפּט עטלעכע אַנדערע וויללערנער. עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ דיינס אַ זון און אַ געוועזענער רב אין אַ קליין שטעטל, וואָס האָבן ביז איצט אויסבאַהאַלטן זייער יחוס. אַרום זיי האָבן זיך אָנגעקלעפּט נאָך עטלעכע יידן, זיך געשאַפט טלי־תים און ראש־השנה זענען זיי געבליבן אין לאַגער. פון זיי האָט אַ ווייע געטון מיט פרומער, ימים־נוראימדיקער שטימונג איבערן גאַנצן לאַגער... קיינער האָט זיי אַפילו קיין הויך וואָרט נישט געזאָגט דערויף. און ווען זיי האָבן זיך ראש־השנה ביינאַכט צוזאַמענגעשטיקט ביים העלבראַמער אין צימערל, איינגעהילט אין טליתים — איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט אַלעמען אַריינגעברענגט אין שטוינונג.

עס האָט זיך אַריינגעריסן אין באַראַק אַריין דער קאָמענדאַנט, ווייזנבערג. מיט זיינע שטעכיקע, בייזע אויגן האָט ער אַרומגענומען אַלע צוזאַמענגעקוועטשטע מענטשן. ער האָט דערזען אין ווינקל זיין שוויגער מיט אַ מחזור אין האַנט... דעם שוואָגער זיינעם, פעלדמאַנען מיט אַ טלית פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ... דעם רבין... און די פּאָר צאַנקענדיקע ליכט פון פאַבריקס־חלב, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין זייערע צעשמאָלצן־קאָפּ־טשענדיקע טרערן... דערנאָך האָט ער זיך אַ מינוט איינגעהערט אין דער שטילקייט, וואָס איז באַפאַלן אַלעמען אַלעמען ביי זיין אַריינקומען...

עס איז קענטיק געווען, אַז איצט ראַנגלט זיך אין אים אַ בייזער, קאָמענדאַנטישער כעס מיט עפּעס אַזאַ דערשראָקענער געריטקייט וואָס איז אים באַפאַלן... ער האָט דערפאַר בייז אַ בורטשע געטון:

— וואָס בין איך עפּעס? אַ גזלן פון וואַלד בין איך, אָדער וואָס? פאַרוואָס איז אַזוי שטיל געוואָרן?...

ער האָט נאָך געוואָלט ווייטער רעדן, נאָר זיין שטים האָט זיך אי־

בערגעריסן, איינגעבראָכן... ער האָט דערפאַר האַסטיק עפּעס אַ שלעפּ געטון פון זיין טאַש און אַ קליין, ווייס־שוואַרץ טליתל האָט אַ פלאַטער געטון מיט אַ צאַפּל אין זיינע הענט... ער האָט עס שטום אַ וויקל געטון אויף דער שפּיץ אַקסלען, זיך גענומען שווייגנדיק אַדורכשלאָגן אַ וועג צו דער מזרח־וואַנט און דאָרט געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער. פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים געריסן פאַרגנבעטע בליקן. די שוויגער זיינע האָט זיך גענומען ווישן די אַנלויפנדיקע טרערן. בלויז דער העלבראָמער האָט זיך שנעל ווידער־געפונען. ער האָט אַ צי געטון זיין האַלדז־שטימע און מיט אַ דערשטיקטער התלהבות זיך ווייטער צעברומט:

— ושמור צאתנו... ובואנו... לחיים ולשלום... אוי־אוי־אוי...

— 4 —

מיט זיין ראש־השנה־דאַוונען האָט דער העלבראָמער איינגענומען דעם לאַגער. באַלד אין דער פרי האָט זיך אויך פעלאַ באַוויזן אין באַראַק. זי האָט איצט איינגעהילט דעם קאָפּ אין אַ פרומער שאַל און זיך אַוועק־געזעצט אין אַ ווינקל. זי האָט אויך מיטגעצויגן דעם פאַרגאַפטן, טעמפּן ראַגנער — וועלכער איז געזעסן איינגעשטייפּט אין זיין מונדיר, מיטן שווערן פּאָליציי־הוט אויפן קאָפּ און געגלאָצט מיט די אויגן אויף די מתפּללים. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך געפונען צווישן אַזעלכע יידן — און נאָך דערצו ביים דאַוונען, ווען טייל פון זיי האָבן פאַרוואָרפן אַזעלכע מאָדנע קליידער אויף די קעפּ...

ער איז געוועזן אַזוי ווייט אַסימילירט, אַז ער האָט גאָרנישט געוווסט פון יידן און זייערע מנהגים. דערפאַר איז ער געזעסן אומבאַוועגלעך און פאַרגליווערטערהייט זיך געוווּנדערט, וואָס די מענטשן זענען אַזוי אַריינ־געטון אין דער פּראַקטיקער מאָדליטווע... עס וואָלט אים גאָרנישט איינ־געפאַלן אַז אויך זי, די ווילדע צעשויבערטע פעלאַ... ער האָט זיך קוים דערוואָרט אַז פעלאַ זאָל אים אַ צי טון שטילערהייט:

— קום...

אָבער אין דרויסן האָט ער ווידער געזען ווי די פּאָליציי־לייט לויפן אונטער די פענצטערלעך, כאַפּן־אויף עטלעכע ברעקלעך פון דער תפילה, באַקומען פייכטע אויגן און לאָזן זיך לויפן צוריק... אַנדערע שטופּן זיך גאָר אַריין אין באַראַק און בלייבן דאָרטן שטעקן. אַפילו דער הויכער,

ווילדער שלעגער קויפמאַן קען זיך נישט איינהאַלטן און דרענגט זיך אַריין מיט אַלע כוחות. ער כאַפּט אָן דעם ערשטן בעסטן מחזור, וואָס עמעצער האָלט, ביים ברעג און נעמט פון דאָרט אַרויסכאַפּן שטיקער הייסע ווערטער מיט זיינע בלאָס־געוואָרענע ליפּן. ער כאַפּט אַלץ אַריין שנעל, דערוואַרט זיך קוים ביז מען ענדיקט שחרית און דערנאָך לאָזט ער זיך צו, מיט אונטערגעהאַקטע טריט צום העלבראָמער:

— רבי... איך בין דאָ אַ פּאַרקויפטער, אַ קנעכט... כ׳מוז שוין פאָרן אין דער קיך אַריין נעמען דאָס מיטאָג פאַרן לאַגער. כ׳וועל דערפאַר נישט זיין ביי מוסף... בעט איך אייך: האָט מיך אויך אין זינען... און געדענקט אויך אין מיין כלה, וואָס איז צעריסן געוואָרן אין דער האַלע... גוטשע בת רחל לאה... איר וועט נישט באַדויערן, רבי...

און אַרויס איז ער מיט אַ געזונקענעם קאָפּ...

פון אַלע זייטן האָבן זיך מענטשן געטראָגן צו יענעם באַראַקל, אָנגעלענט זיך אין די ווענט; אָנגעשטעלט דאָס אויער צו די אָפענע פענצטערלעך און עפּעס אַזוי שטאַרק געקרעכצט, געוויינט און אַזוי טרויעריק נאָכגעזאָגט די ווערטער פון דאָרט מיט איבערגעשראָקענע ליפּן...

די שטימונג פון דעם גאַנצן לאַגער האָט זיך איבערגעטראָגן אויך צו די מענטשן פון דער קאָמענדע. דער העלבראָמער האָט דאָ נענטער געמאַכט יענע איבערשטע וועלט צום וועלט צע און ערק צע און אַלע האָבן אויף אַמאָל גענומען פילן, אַז מען דאַרף אויך אויף יענער ווייטער וועלט — ערגעץ צווישן הימל און כמאַרעס, האָבן עמעצן פאַר אַ פאַרשפּרעכער... אַמערסטן האָבן זיך איבערגעשראָקן די שלעגער און מעכטיקע פון לאַגער... ראש־השנה!

פעלא אַליין האָט מיט אַ פרומער פאַרכטיקייט אויפן פנים געבעטן דעם רבין צו געדענקען דעם נאָמען פון איר דערשאָסענעם מאַן... פון אַלע זייטן האָט מען זיך צו אים געשטויסן, געוואָלט צוקומען נענטער — ווי צום איינציקן פאַרשטייער פון הימל אויפן ווערק צע... נישט איינער פון די האָט געהאַט פאַרוואָס זיך צו שרעקן. טייל פון זיי האָבן גלאָט נישט געהאַט דעם מוט צו נעמען אַ סידור אָדער אַ מחזור און זיך אָוועקשטעלן רעדן מיט גאָט דורך אַזעלכע ווערטער, וואָס מען פאַרשטייט אַליין נישט. אַ גאַנץ יאָר האָט מען געטון וואָס מען האָט געטון... דער חשבון האָט אויסגעזען פשוט: מען האָט לגמרי נישט גע־

טראַכט פון עפּעס העכערס! גאָט האָט פאַרגעסן אין אונדז און מיר האָבן פאַרגעסן אין אים... איז אַלץ אויסגעגלייכט.

נאָר איצט, ווען די פּאָר פרומע מיט די צעטרייסלטע גופים האָבן אים מיט געוואַלט צוריק אַראָפּגעבראַכט, דערמאָנט אים אין דער עקזיס־טענץ פון ווערק צע — זעט ער אוודאי אַלעמען, קוקט אַריין אין יעדנס האַרץ און הייבט זיך אָן דערמאָנען, וואָס יעדער איינער באַזונדער האָט דאָ באַוויזן אָפּצוטון... דאַרף מען טאַקע ציטערן! טייל שטאַרקע פון לאַ־גער האָבן זיך גענומען אָפּטראָגן אין דער פאַבריק אַריין, נישט געוואַלט זיין אויפן צעדאַוונטן ווערק צע... דאָ איז אַ מורא צו זיין, דערפאַר אָבער איז די פאַבריק גרויס און מען קען זיך אויסמישן צווישן די האַלעס און מאַשינען. דאָרט הערט מען נישט קיין ווייך געוויין און קיין יידישן זיפץ — וועט דער גאַנצער ראש השנה, מיט אַלע אויבערשטע קאָנטראָלן אַהין נישט דערלאַנגען...

דער פרעמדער ראַגנער איז אָבער דערפון צעטומלט געוואָרן. ער האָט זיך געדרייט איבערן לאַגער, געקוקט אַלעמען אין די אויגן און נישט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי אַלע קענען זיך ענדערן אין פאַרלויף פון איין טאָג... אָט — יידן! די גייע וועלט האָט אים געשראָקן און געצויגן נענטער. האָט ער אין זיך אויסגעזוכט אַ פּאָר פאַרגעסענע יידישע ווער־טער, מיט וועלכע ער זאָל זיך צונויפרעדן מיטן העלבראַמער, פרעגן אים, הערן...

דער העלבראַמער אַליין האָט אָבער אויסגענוצט יענעם טאָג אויף צו פאַראייניקן, צוזאַמענציען וואָס מער פון דער דאַוונענדיקער מחנה צווישן זיך. ער האָט געברענט, געפייערט און דערביי נישט אויפגעהערט צו מוגטערן:

— און אַז מען איז ד אָ — איז וואָס? דאַרף מען שוין אין אַלץ פאַרגעסן? די וועלט האָט זיך נאָך נישט געענדיקט... דער רבונו של עולם וועט נאָך דאַרפן אַמאָל האָבן אַביסל פון זיינע יידן... ער וועט קיין וועלט נישט קענען פירן אָן זיי, איר וועט זען! דאַן וועט ער זיך נעמען אַרומקוקן איבער דער וועלט, זוכן... און מיר דאַרפן זיין גרייט דערצו... פונקט ווי די אָבות אַמאָל — און ווי שמואל הנביא אין עלי הכהנס אויבערשטיבל, וועלן מיר דאַן הערן זיין זוכנדיק קול און מיר וועלן פּלוצים אַ געשריי טון: הנגו! אָט זעןען מיר דאָ, גאָטעניו!...

קיין מאַנגל אין עסן האָט ער נישט געפילט. מען האָט אים גע־ברענגט צו טראָגן פון עטלעכע באַראַקן, פון קאָמענדאַנטן־הויז און פעלאָס מוטער האָט פאַר אים אַפילו גענומען קאָכן אַזאַ שיטער ביסל זופּ פון קאַר־טאָפל... האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און מיט זיינע פולע ליפּן גענומען ווייך בענטשן, קרעכצן, טרייסטן... און אין פאַרלויף פון געציילטע טעג איז זיין באַראַקל געוואָרן אַן אַנגעזען אָרט פון אויפגערודערטן ווערק צע.

קאַפּיטל פינף

— 1 —

דער ווערק צע האָט זיך איצט גענומען פאָרלען פון אַלע זייטן. יעדן פאַרנאַכט האָט מען געקענט זען ווי אַזוי מען שליסט קאַנטשאַפּט, מען ווערט שנעל נאָענט צווישן זיך און דערנאָך בייט מען זיך ווידער אויס. נאָך פעלאַס פאַרבינדונג מיט ראַגנערן איז אַזיוויי אַראָפּ די לעצטע גרע־נעץ פון „מיינס" און „דיינס" אויף דעם געביט. דער הפקר האָט זיך גע־נומען טראָגן פון באַראַק צו באַראַק, ווו עס איז נאָר מעגלעך געווען. אין די מיידל־באַראַקן האָבן זיך גענומען באַווייזן אַלץ מער און מער אָפּגע־גרענעצטע ווינקלען. אַזאַ מיידל וואָס האָט זיך אויסגעפונען אַ „קוזין" מיט וועלכן זי איז זיך צוזאַמענגעקומען — האָט אים שוין געוואָלט האַלטן נעבן זיך. דערפאַר האָט זי צוזאַמענגעטשעפּעט פון עטלעכע שמאַ־טעס אַ פויערהענגל, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פון איר שכנהס בעטל. אין דער ענגער פינצטערניש האָט זי אָפּגעזונדערט איר געליבטן פאַר אַנ־דערעס אויגן, ווען ער איז צו איר אַריינגעקומען. דאָס האָט זיך אָפּגע־רופן אויפן געמיט־צושטאַנד פון די אַנדערע און יעדע איינע האָט פאַר־צווייפלט געזוכט, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון איר קנאָהדיקער איינזאַמ־קייט.

די ערשטע טעג האָט אַפילו פעלאַ מיט ווייזנבערגן גענומען באַ־קעמפן דעם סיסטעם פון די אָפּגעזונדערטע בעטלעך, זיי גערופן מיט די ערגסטע נעמען און געדראָט מיט די האַרבסטע שטראָפן. ביסלעכווייז האָבן אָבער די פּאָליציי־לייט אַדורכגעבראָכן דעם פאַרבאָט און נישט איין מיידל־באַראַק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נעץ פון קליינע, פינצטע־

רע קעמערלעך — נעבן וועלכע עס זענען געשטאַנען אויפגעבראָכענע, נאַקעטע בעטן ווי פאַרשעמטע...

דאָס יאָר 1943 האָט זיך גענומען רוקן צום סוף. אַלערליי קלאַנגען פון פראָנט האָבן זיך גענומען אַריינקריגן אין לאַגער אַריין. די דייטשע מייסטערס האָבן גענומען ברומען וועגן אַ שנעלן סוף און קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס זיי מיינען דערמיט.

די געשווירענע פעסימיסטן האָבן געהאַלטן אין איין באַווייזן אַז באַלד וועט זיך די געשיכטע מיט די יידישע לאַגערן ענדיקן. די דייטשן וועלן איינזען אַז די אַרבעט איז סיי־ווי אומזיסט — וועלן זיי דערפאַר צוזאַמענעמען אַלע יידן, מען וועט זיי אַרויספירן אויף אַ באַשטימט אָרט און אַרויסענדיקן... דערפאַר איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן פון פריער און פון שפּעטער. אויס מיט דער צניעות פון אַמאָליקע צייטן! אויס מיט דער באַרעכנטקייט און מיט אַלע איינגעוואָרצלטע מנהגים פון „מען דאַרף נישט" און „מען טאָר נישט"! אַלץ מעג מען — ווייל מאָרגן וועט שוין גאָרנישט מעגלעך זיין...

נאָר די וועלכע האָבן אַלץ געזען מיט ראָזעברילן, האָבן פאָראויס־געזען אַ שנעלן צוזאַמענברוך פון די דייטשן. זיי וועלן אפילו נישט באַ־וויזן עפּעס אָפּצוטון — און אַלע וועלן באַפרייט זיין... האָבן אַ גרויסע טייל פון די לאַגער־מיידלעך גענומען זיך וואַרפן צווישן די צוויי מיי־נונגען: אויב אַלץ איז טאַקע פאַרפאַלן — טאָ פאַרוואָס נישט אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן? פאַרוואָס זיך פייניקן אין הונגער און איינזאַמקייט? דערביי האָבן זיי אָבער גענומען טראַכטן אויך פון דער צווייטער עווענ־טואַליטעט... יעדע איינע האָט זיך עפּעס געשראָקן פאַר דער באַפרייאונג, מורא געהאַט אַרויסצוקריכן אויף דער אומגעצוימטער וועלט איינער אַליין און זיי האָבן דעריבער געוואָלט עמעצן צובינדן באַצייטנס צו זיך; באַפעסטיקן אים דורך דער ערשטער הפקרות.

די איצטיקע ענגשאַפט אין לאַגער האָט צוגענומען אַלע ליידיקע באַראַקן און פאַרשלונגען אַלע שטילע לאַגער־ערטער אינעם רעש אַריין. האָט טאַקע די נאָענטקייט צווישן זיך געמוזט ג ע וו י ז ן ווערן, אָפּן פאַר אַלעמען. יעדער אין לאַגער האָט געקענט וויסן וועלכע פון זיי עס האָט אַ באַשיצער און נאָענטן — און וועלכע נישט. עס איז געוואָרן אַ מין בושה פאַר די איינזאַמע אַהיימצוגיין אַליין און פאַרנאַכט נישט צו האָבן מיט וועמען זיך אַרומצונעמען. פעלאַ איז געווען פאַרנומען מיט איר

אייגן, צוגערויבט גליק און מער גאָרנישט געקענט זען אין לאַגער. ווייזנ־בערג האָט זיך אין דער פרייער צייט אַרומגעדרייט צווישן די קראָקעווער פרויען־באַראַקן און אין דעם אַריינגעלייגט אַלע חושים.

אין לאַגער האָבן זיך אַריינבאַקומען צוזאַמען מיט די קראָקעווער עטלעכע יידיש־קריסטלעכע מיידלעך. זייער פירערין איז באַלד געוואָרן אַ הויכע, באַברילטע פרוי וועלכע האָט געטראָגן אַ גרויסן צלם און זיך גע־היטן נישט צו קומען אין נאָנטער באַרירונג מיט די יידישקעס. זי האָט גענומען קאָקעטירן מיט אַלע מייסטערס פון איר אָפטיילונג, געהאַלטן זיך אין איין שושקען מיט עטלעכע חברטעס אירע און פון איר באַראַק־ציי־מערל געמאַכט אַ שטיק אַנטיסעמיטישן קלויסטער... צוערשט האָט עס אויסגעזען קאָמיש און נישט איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט זיך אָוועק־געלאָזט אַהין, בכדי דער אָנפירערין צו ברעכן אַביסל די ביינער... ווייזנ־בערג איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט מאַרשירט מיט דער גרופּע. ווי רוי און ווילד ער איז נישט געווען — האָט ער באַזונדערס פיינט גע־האַט משומדים.

ווען זיי זענען אָבער געקומען נענטער איז געשען אַ מאָדנע זאַך. די הויפּט־משומדת, מאַריאַ ביעלאַנסקאַ, איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ פריי אונטערטעניק שמייכעלע וואָס האָט זיי אַלעמען אַנטוואָפנט. מען האָט זיך דערציילט אַז זי איז אַמאָל געווען די פרוי פון אַ גאָר־הויכן פּוי־לישן אָפיציר און דאָס האָט דעם ווילדן, אונטערוועלטישן ווייזנבערג באַ־זונדערס גערייצט און צוגעצויגן. דער אונטערגעדריקטער לעכץ צו גאָר־הויכן יחוס, פון וועלכן ער איז שטענדיק געווען אָפּגעשטויסן, האָט אין אים איצט אויפגעפלאַמט און ער איז פשוט אַריין אין די לאַנגע הענט פון דער הויכער געזונטער מאַריאַ. ווי עס האָט זיך נאָר געשטעלט דער פאַר־נאַכט האָט ער זיך געטראָגן צו איר און פאַרגעסן אין גאַנצן לאַגער, מיט זיינע געליבטע אין איינעם...

אַלץ האָט זיך גענומען דרייען אַרום איין פונקט, וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן אַלע אַנדערע זאָרגן און געשעענישן. די שטילסטע מענטשן פון לאַגער זענען מיטגעריסן געוואָרן און ווערק צע איז געוואָרן איבערגע־צויגן מיט איין גראָבן זאַק פון געשלעכטלעכן פיבער. עס האָט זיך אויס־געוויזן, אַז דאָ האָט אַ גאַנצע וועלט אַליין זיך פאַרמשפּט אויסצולעשן אין אַ זיסן תהום — איידער עס וועט קומען די דייטשע קויל און פאַר־ענדיקן.

— 2 —

צוזאַמען מיט דער צעלאָזנקייט האָט אויך די פּוסטקייט זיך אַראָפּ־געלאָזט און געגומען מאָגען דאָס איריקע. עס איז נישט איינעם באַפּאַלן אַזאַ ווערטלאָזיקייט און מידקייט, ביז צום עקלען פון זיך אַליין. צוזאַ־מען מיט דער געשלעכטלעכער אויפגעבראָכנקייט איז געקומען דער דורשט נאָכן אַנטלויפן דערפון צו עפּעס אַנדערש. זאָל עס זיין ג אָ ט , זאָל עס זיין אַ גלויבן אין עפּעס — זאָל עס זיין גלאָט אַן אילוזאָרישער אָנ־האַלט...

די זעלבע לויפער האָבן זיך גענומען שאַרן צום העלבראַמער, צו נאָך עטלעכע פרומע וואָס האָבן זיך באַוויזן אין לאַגער און צוגעהערט זיך צו די געהיימע סימנים וואָס זיי האָבן נאָכגעזאָגט פון ספרים אַרויס, פון צדיקים און פון צייכנס אויפן הימל... די זינדיקייט האָט געזוכט ווו צו אַנטרינען, נ י ש ט צו ווערן...

מיטן קראָקעווער טראַנספּאָרט זענען מיטגעקומען אַ גרופּע יונגע באָבעווער חסידים. אין די ערשטע טעג האָבן זיי זיך פאַרלוירן צווישן די באַראַקן און האלעס. דערנאָך האָבן זיי גענומען זיך צוזאַמענזוכן, אויס־קאָמבינירט צו וווינען אין שכנותדיקע באַראַקן און זיך האַלטן נענטער — בכדי נישט פאַרשלעפּט צו ווערן אין זינדיקן מבול. זיי האָבן גענומען איינאָרדענען אין איינעם פון די באַראַקן אַ טעגלעכן מנין, לערנען אַמאָל אַ קאַפּיטל תנ״ך צוזאַמען און שמועסן אַ וואָרט תורה צווישן זיך... זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַן אָפּגעהיטענעם יונגגמאַן, וואָס האָט אַמאָל גע־קלונגען איבער גאַליציע מיט זיין חזנישער קראַפט. טאָקע ער האָט גענו־מען יעדן פרייטיק צו נאַכטס דאַווענען פאַרן עמוד און אויסזינגען מיט אַ וויינענדיקן קול אַלע פאַרגעסענע באָבעווער ניגונים...

אין אַזעלכע נעכט, ווען ר׳ יאָסעלע האָט זיך צעלאָזט מיט זיין פויגל־דיק־ציטערדיקער שטים — איז נישט מעגלעך געווען אַוועקצוגיין פון יע־נעם פענצטערל. זיין קול האָט געוויינט, באַקלאָגט און באַשולדיקט. די יאָמערדיק־מאָנענדיקע טרילן האָבן אַריינגעשאָסן ווי פיילן, געריסן שטי־קער און זיך אויסגעטעגעהט מיט דער גאַנצער צערודערונג פון ווערק צע. האָט זיך די חסידישע עדה געהאַלטן באַזונדער און געשיצט זיך צווישן די ווענטלעך פון זייער באַראַקל, אַזוי ווי אין אַ תיבה...

מעכעלע האָט שוין לאַנג אויפגעהערט גלויבן, נישט ג ע וו אַ ל ט גלויבן — און דאָך האָט ער געזען אין דער דאָזיקער גרופּקע זיין אייב־ציקע שוץ. דערפאַר האָט ער זיך דערנענטערט צו זיי, אַמאָל מיטגע־דאַוונט, געבאָרגט אַ פּאָר תפילין — אַבי אויך מיטצושטיין אויף זייער שמאָלן, ענגן אינדזעלע און נישט מיטגעריסן ווערן מיט יענער וועלט, וואָס צינדט זיך אָן און זינקט איין עטלעכע טריט ווייטער פון אים.

טאָקע אין איינעם פון די פאַרנאַכטן האָט ער דאָרט געטראָפן אַ באָרויסן יונג, וואָס האָט אים אַוועקגעצויגן אין אַ זייט און אים פאָרגע־לייגט אַ מסחר:

— צוויי פּאָרציעס ברויט נאָר...

דערביי האָט ער אַרויסגעצויגן פון אונטער דער פּאָלע אַ פּיצינקע תנ״כל פון מאיר לעטעריס, מיט קליינע, שיין־געבויגענע אותיותלעך... ער האָט אַ ווייז געטון מעכעלען:

— דו זעסט? מיינס אַ סטעמפּל איז דערויף פאַראַן... נישט קיין געגנבעטס... פאַר צוויי פּאָרציעס ברויט איז עס דיינס — נאָר מיט איין תנאי: ווען איך וויל — מוזטו עס מיר באָרגן... איך וויל נאָר פון צייט צו צייט אַ בליק טון דערין... מסכים?

די ווערטער פון קליינעם, דיקן ספרל האָבן אַ ברען געטון אין דער לופט און דערמאָנט אַלטע זכרונות... „אַזוי האָט גאָט געזאָגט״... און מעכעלען האָט אַ שניט געטון אין האַרץ: ער האָט געזאָגט... זיינע רייד... און די מעשים וואָס טוען זיך איצט אָפּ אונטער דער זון? אונטער די דעכלעך פון די דאָזיקע באַראַקן? ער האָט געוואָלט דעם יונג צוריקגעבן דאָס תנ״כל און נישט געקענט:

צוויי פּאָרציעס ברויט פאַר די אייביקע רייד פון אַ גאָט, מיט וועלכן ער פירט אַ יונגן, חוצפּהדיק־ריינעם רוגזו! אָט וועט ער אים — פאַרן פּרייז פון ב ר ו י ט ! — קענען אַלע מאָל פון דאָסניי דערמאָנען אין זיינע אייגענע רייד; האָבן וואָס צו מאָנען, מיט וואָס זיך צו פאַרענט־פערן... עפּעס אַזאַ מין לעסטערנדיק־פאַרבענקטע גלוסטעניש איז אים באַ־פאַלן:

— גוט... דו באַקומסט זיי מאָרגן!...

— 3 —

עס האָט זיך אויסגעוויזן אַזוי ווי די דייטשן וואָלטן שוין פאַרגעסן אין דעם לאַגער און אים געלאָזט טון מיט זיך, וואָס ער וויל נאָר אַליין. שוין עטלעכע וואָכן אַז עס האָבן זיך נישט באַוויזן קיין דייטשן אין לאַגער, נישט רעווידירט די באַראַקן און נישט אַדורכגעפירט קיין סעלעקציעס... ווי אַזוי זשע זאָלן די אויבערשטע שיכטן פון לאַגער נישט פאַרגעסן זיך? דער אייביקער אויסטייטשער פון די נייעס אין לאַגער, אינזשינער קורץ האָט דערויף אַ קלאָרן ענטפער:

— דערווייל האָבן זיי מיט זיך צו טון... אַז מען כאַפּט קלעפּ — האָט מען נישט אין זין צו שלאָגן... זיי וועלן זיך אין אונדז ערשט דערמאָנען, ווען עס וועט זיי לייכטער ווערן אויפן האַרצן...

נאָר ווען עס האָט זיך גענומען דערנענטערן דער יום־כּיפּור האָט זיך ווידער די שרעק אַ יאָג געטון איבערן לאַגער. צי ווייל עס איז נאָך געבליבן אין די הערצער דער פּלאָנטער, וואָס מוז אַרויסשפּרינגען אין די דאָזיקע טעג, אָדער דאָס האָבן זיך אויסגעווירקט די פריערדיקע דערפאַרונגען — מען האָט זיך געשראָקן. מען האָט געוווּסט אַז די דייטשן האָבן ליב אָפּצוטון אַלע „יידישע" אַרבעטן זייערע, ווען עס קומט אונטער אַ יידישער יום־טוב. דערפאַר האָבן אַלע גענומען איבערוואַרטן די פּאָר טעג, וואָס גרענעצן זיך מיטן פאַרכטיקן טאָג.

ערב יום־כּפּור פאַרנאַכט האָט זיך דער לאַגער צעפּלאָמט. די גרעסטע טייל לאַגער־איינוווינער האָבן זיך אַפילו שטאַרק נישט אַריינגעטראַכט פאַרוואָס זיי ציטערן אַזוי, אָבער עס איז אָנגעקומען אַזוי ווי פון זיך אַליין. די נאַכט־שיכט האָט זיך געגרייט צום באַלדיקן אָפּמאַרש און דערפאַר זיך געהאַלטן אין איין איילן — און אַליין נישט געוווּסט וואָס פריער צו טון, אין דער שעה ביז צום איינטרעטן אין דער ריי. די בהלה האָט זיך איבערגעוואָרפן פון איינעם צום צווייטן און פאַרצערט דאָס לעצטע ביסל רואיקייט פון דער לופט.

אָט לויפט אַ פרוי, וועמען עס איז געלונגען זיך אַוועקצודרייען פון דער טאָג־אַרבעט מיט אַ שעה פריער... זי פליט שנעל אַריין דורכן טויער און מיט די הענט דעקט זי איין אַ מציאה, וואָס איר איז געלונגען דורכצוטראָגן. דאָס האָט זי באַוויזן אויסצוקנעטן עטלעכע ליכט פון דעם פּאַ־

ראַפּין צו די גראַנאַטן... איצט דאַרף זי נאָר אויסזוכן אַ פּאַרלאָזט שטיקל ווינקל פון אַ באַראַק, ווו זי זאָל קענען אָנצינדן די יאָרצייט־ליכט און קיינער פון דרויסן זאָל עס נישט באַמערקן. פאַרן כאַפּן מיט אַזאַ ליכט אין האַנט — שיסט מען. סאַבאָטאַזש! אָבער זי ציט דערמיט און באַלד וועלן זיך ערגעץ גיסן אירע טרערן איבער דעם אָנגעצונדענעם חלב...

מענער, וואָס דאַרפן באַלד אַרויסגיין צו אַ זעכצן־שעהעדיקער אַר־בעטס־נאַכט האָבן נישט מיט וואָס צו „פאַרפאַסטן", איידער זיי גרייטן זיך צום תענית פון אַ גאַנצן מעת־לעת. די פאָרציע ברויט וועט מען ערשט שפּעטער באַקומען... שטייען זיי דערווייל צעשטעלט אין די ווינקלען, קלאַפּן זיך שנעל איבער די אויסגעדאַרטע ברוסטן די פּאָר פּסוקים „על חטא", וואָס זיי געדענקען פון אויסנווייניק... זיי מאָלן שנעל־שנעל מיט די ליפּן, שלינגען גאַנצע שטיקער און האַלטן אין איין זעצן איבערן האַרץ — גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן אַז דאָס געזאָגטע זאָל וואָס גיכער אַראָפּ־פאַלן אין די האַרץ־טיפענישן און נישט בלייבן שטעקן אין האַלדז...

קליינע גרופּקעס, וואָס געדענקען נישט די תפילות פון אויסנווייניק און האַלטן נישט ביי מתפלל זיין — שטייען און סודען זיך שטילער־הייט. דאָס מאַכן זיי צווישן זיך אָן אָפּמאַך, אַז אין מיטן דער נאַכט, ווען מ'וועט אויסטיילן די זופּ און עס וועט זיין אַ האַלב־שעהעדיקע פּויזע — זאָלן זיי נישט גיין צום קעסל שטיין אין דער ריי... דערמיט וועלן זיי פאַרדינען אַ שטיקל צייט, צו קענען זיך צוזאַמענקומען אין אַ פאַרהוילן פאַבריקס־ווינקל און אָפּכאַפּן איילנדיק דעם „כל נדרי" מיט אַ מנין... דאָרטן מוז מען קענען אריינשפּרינגען אין דער האַלע 51, ווו עס אַרבעטן עטלעכע פרומע יונגעלייט...

די כל־נדרי־שטימונג שפּאַרט אַראָפּ פון דער לופט, פאַלט פון די ביימער און זוכט איינצונעמען אַלע הערצער אין איר קלעם: עס גייט אַ טאָג... אַ נאַכט... צי האָט איר פאַרגעסן וועלכער מעת־לעת עס קומט אָן? באַלד וועט קומען דער גרויזאַמער, פּאָליצייאישער פייף — וואָס מאַכט פון אַלע מענטשן איין גרויסע, איבערגעשראָקענע סטאַדע... נאָך עטלעכע מינוט און עס וועט אַלץ פאַרגעסן ווערן — טאָ נוצט אויס די פּאָר מינוט, בלויז אַ פּאָר געציילטע מינוט, פאַר דעם אָנדענק פון הייליקן טאָג!

שטייען זיי, די צעשאָטענע מענטשן און מען פלאַנט, מען קאָמבי־

נירט וואָס צו טון, ווי אַזוי ערגעץ צו באַקומען אַ מינוט יום־כיפּורדיקייט צווישן די צעררישטע מאַשינען... עטלעכע עלטערע אַרבעטער האָבן אפילו אָפּגעמאַכט ביי זיך: היינט — מוזן זיי זיך אויפרוימען ביז נאָך דער כאַפּעניש! זאָל מען זיי מאָרגן שלאָגן, רייסן פון זיי שטיקער... אָבער היינט ווערן זיי מוזן בלייבן אין לאַגער און אויסדאַווענען אַ גאַנצן כל־נדרי צווישן יידן.... ווער ווייסט אויב דאָס איז נישט דער לעצטער כל־נדרי אין לעבן? טאָ וואָס פאַר אַ ראָל שפּילן דאָ אַ פּאָר קלעפּ פון אַ פאָ־ליציאַנט אָדער מייסטער?

זיי האָבן שוין אפילו אויסגעפונען ריזיקאַלישע באַהעלטענישן אויף די פּאָר שעה פון אַרבעטס־אָפּמאַרש. זיי וועלן זיך פאַרשטעקן אין אַ לאָך אונטער די באַראַקן, אין מיסט־קאַסטן אָדער גאָר אונטערן קלאָזעט... דער־נאָך וועלן זיי זיך אַריינכאַפּן צום רבין אין באַראַק אַריין, איינהילן זיך איבערן קאָפּ מיט אַ מאַנטל און זיך אַוועקזעצן נעבן איינעם וואָס האָט אַ טלית און פאַרגעסן... אין דער גאַנצער וועלט און אינעם גאַנצן לעבן וועלן זיי פאַרגעסן... דערנאָך וועט דער רבי זיך אַ צעלאָז טון ביים עמוד מיט אַ שטיל, איינגעהאַלטן קול:

— על דעת המקום... ועל דעת הקהל...

זייערע אויגן בליצן שוין מיט אַ גליקלעך פייערל... אוי וועט מען זיך עס מחיה זיין! אפשר וועט מען זיך אַ זוי אַרום געזעגענען מיטן נאַרישן לעבן דאָ...

די פאַרטרוילעכע צוהערער זייערע זענען מקנא די פּאָר אַנטשלאָ־סענע, וואָס האָבן עס ביי זיך געקענט פּועלן... מען האָט שוין אָנגעזאָגט דעם העלבראַמער אַז ער זאָל קיינעם פון דער נאַכט־שיכט נישט אַריינ־לאָזן... פּאָליציי וועט דאָרט קומען קאָנטראָלירן, עס וועלן זיכער פאַלן קלעפּ, גומענע שטעקעלעך... מען וועט נאָך ברענגען יידישע הענט צו אַזאַ פאַרברעכן אין דער נאַכט פון כל נדרי! נאָר די אַנטשלאָסענע זענען שוין איצט אין אַן אַנדער וועלט. זיי פיבערן שוין פון דערוואַרטונג, פון קומענ־דיקן פאַרפייניקטן תפילה־גליק. פּלאַקערן זיי, שטעלן זיך עמעצן אַנט־קעגן: זאָלן זיי דערנאָך שלאָגן, אָפּהאַקן די לונגען... זאָלן זיי אַפילו דער־נאָך שלעפּן אין פאַבריק... וואָס גייט אונדז אָן, וואָס נאָכן דאַווענען וועט זיין?

די אָפּגעשראָקענע, וואָס ווילן נישט איינשטעלן, קוקן זיך איבער,

זיי גרייטן זיך שוין צום גיין... שטעקט מען זיך נאָר שטומערהייט די הענט, מ׳וויל עפּעס זאָגן און דער האַלדז ציט זיך פּלוצים איין, דער־שטיקט די ווערטער... קומען נאָר אַרויס אַזעלכע פאַרהוילענע כאָרכלען, וואָס קיין זייטיק אויער טאָר נישט אויפנעמען קלאָר:

— געדענק זשע, כאַצקל... דו וועסט זיין דאָרט... נעם זשע אַרויס פון אונטער מיין בעט! צוויי ליכט צינד פאַר מיר... דו הערסט? דאָרט ליגט אַ צעטל מיט נעמען פון מיין ווייב, די קינדער, די עלטערן... פאַר־געס נישט, כאַצקל...

רויע, פאַרקראַמפּטע הענט דריקן זיך איין איינע אין די אַנדערע... מען טרעט אָפּ אַ ווייל און די ברעמען ציטערן, וואַרפן זיך... נאָר קיין טרער וויל נישט אַרויס אָפּוואַשן דעם ברוינעם שטויב פון ווערק צע אי־בער זייערע אָנגעצונדענע בליקן...

— 4 —

דאָס ערשטע פייפל האָט נישט באַוויזן אַדורכצושניידן דעם יום־כיפּורדיקן נעפּל. די נישט־אויסגעקלאָרטע אימה פאַרן יום־הדין האָט זיך נאָך געקנוידערט אין דער לופטן — ווען עפּעס אַ קול האָט אַ וואָרן געטון פון ווי־ווייט:

— דער וואַכפירער שומאַן איז געקומען! עס זענען אָנגעלאָפן מיט אים אַ גאַנצע באַנדע אוקראַינער...

די פאַרנעפּלטע אימה האָט אָנגענומען הויט און ביין... איצט איז געווען אַ בחושדיקע זאַך, פאַרוואָס צו שרעקן זיך. די ידיעה האָט זיך באַלד צעוואָרפן איבער אַלע באַראַקן. די דאַוונענדיקע יידן, וואָס האָבן נאָך אַלץ זיך געוויגט אין זייער תפילה־זכהדיקער מנחה און געגרייט זיך באַלד אָפּצוכאַפּן דעם כל נדרי — האָבן בליצשנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טליתים און זיי באַהאַלטן אין געהיימע לעכער אונטער די פּריטשן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט די פּאָר קליינע סידורימלעך... אַ דער־שראָקן וואַרטעניש האָט אַלעמען פאַרגליווערט אויף די ערטער און זיך צעלייגט אויף די צעאַקערטע פּנימער: אַ סעלעקציע? אַ בלבול? איבערן הויף צעפליען זיך די גרינע מונדירן, זיי זוכן דאָ עפּעס... באַלד וועלן זיי אַרויסטרייבן דעם גאַנצן לאַגער אויפן אַפּעל־פּלאַץ און עס וועט זיך ווי־

דער פּאַרציען אַ שרעקלעכע נאַכט... אויס מיט אַלע פּלענער! קיין גוטס זאָגט זייער ווילדער אָנקום זיכער נישט אָן. טייל באַווייזן נאָך אַרויסצו־ברענגען פון זיך עטלעכע ווערטער. דאָס באַדויערן זיי, וואָס מען פייפט נאָך נישט צו דער אַרבעט... אוי, ווי גוט עס איז, וואָס מען קען אַמאָל אַרויסגיין אין פאַבריק און נישט זיין כסדר אונטער דעם דאָזיקן לאַגער־פּחד!

איצט העלפן אָבער נישט די אַלע פאַנטאַזיעס. אָט איז די גאַנצע מחנה שוין אַריין אין פרומען סטאַשעווער באַראַק... וואָס זוכן זיי דאָרט? באַלד נעמען לויפן איבערן לאַגער נייע בשורה־אָנזאָגער:

— ס'איז גאָרנישט... קיין רעוויזיע אפילו נישט... זיי זענען שוין אַוועק...

עס איז טאַקע געווען אַ קלייניקייט. גיי ווייס צוליב וואָס די נאַרישע דייטשן קענען אָנברענגען אַ גאַנצע מחנה שומרים! דאָס האָבן זיי נאָר געזוכט איין פּערזאָן — און אים טאַקע מיטגענומען מיט זיך...

עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער פריילעכער מענדל רובין האָט גע־האַט כסדר עסקים מיט פּאָליאַקן. ער האָט דורך זיי איבערגעשיקט ברי־וועלעך צו דער אויסנדיקער וועלט. געווען אַ סך וואָס האָבן געהאַט שטעקן פאַרמעגנס ביי באַקאַנטע קריסטן... איז מענדל געווען דער פאַר־מיטלער. מיט פאַרטרוילעכע פּאָליאַקן האָט ער איבערגעשיקט צעטעלעך, וואָס האָבן געבעטן רחמנות, שטיצע; אַ טייל פון דעם אָנפאַרטרויטן פאַרמעגן... זינט דעם נייעם טראַנספּאָרט האָט מענדל געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט... נישט מער: איין צעטעלע זיינס האָט פאַרוואָגלט אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ.. פון דאָרט איז עס אַריבער צום וואַכפירער שומאַן — איז ער עס געקומען איצט דורכנישטערן מענדלס באַראַק...

מען האָט ביי אים געפונען אַ רוסישע פּאַרטיזאַנען־קעפּי, מיט וועלכן מענדל האָט ליב געהאַט צו פּאַראַדירן אין לאַגער. דאָס איז שוין געווען פעסטצושטעלן, אַז רובין האָט געהיימע קאָנטאַקטן מיט די פּאַרטיזאַנער פון ראַדאָמער געגנט און טאַקע צו זיי שיקט ער עס אַרויס זיינע געהיימע בריוועלעך...

רובין איז אַרויסגענומען געוואָרן און קיינער האָט נישט געוווסט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ווען מ'האָט עמעצן אַרויסגענומען פון ווערק צע — איז שוין געווען אַ געוועגלעכער וועג וווהין אים צו פירן.

אין אַ שעה אַרום פֿלעגט מען נעמען פֿון פֿאַבריק עטלעכע יידן, וואָס זאָלן אַזעלכן קובר זיין. דאָ איז אָבער אַזעלכעס נישט געשען. מען האָט טאַקע מענדלען אַרויסגענומען, אַוועקגעפֿירט... אין לאַגער איז אַנגעפֿאַלן אַ מורא, אָבער קיינער האָט שפּעטער נישט געהערט, אַז מען זאָל אים האָבן דערשאָסן.

דער לאַגער האָט פֿרייער אָפּגעאָטעמט וואָס אין אַ זאַ טאָג איז מען בלויז אָפּגעקומען מיט איינעם. דאָס איז געווען אַ גוטער סימן. דערפֿאַר האָט מען עס שנעל געוואָלט פֿאַרגעסן. ער איז טאַקע געווען אָנגעזען אין לאַגער: איינער פֿון די, וואָס זענען נישט געווען קיין קאַנדידאַטן צו קיין סעלעקציע און ער איז געווען זאַט און געשיצט פֿון דייטשע מייסטערס... אָבער אַז אויך אים האָט דער גורל אָפּגעזוכט — ווער קען עס דען לאַנג געדענקען?

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז מיט רובינען האָט דאָ געמוזט געשען אַ גאַנץ באַזונדערער פֿאַל. אים האָט מען גאָר אַוועקגעפֿירט אויף אַן אויספֿאָרשונג קיין ראַדאָם. וואָס מען האָט אים דאָרט אַזעלכעס געפֿאָרשט, האָט דער קלוגסטער מח נישט געקענט אויסטראַכטן. דערפֿאַר אָבער איז וועגן אים געקומען שפּעטער אַ נייע סאָרט מעלדונג: די הויכע אינסטאַנצן האָבן פֿאַרלאַנגט אַז מען זאָל רובינען אויסמעקן פֿון דער לאַגער־קאַרטאָטעקע. אייגנטלעך האָט מען עס געדאַרפֿט טון מיט אַלע פֿאַרשוווּנדענע און דערשאָסענע פֿון לאַגער. אָבער אָנשטאָט אין דער געוועזענער רובריק „געשטאָרבן" איז ביי מענדלען געווען אָנגעגעבן די סיבה פֿון זיין אויפֿהערן פֿיגורירן אין דער רשימה: באַפֿרייט געוואָרן...

דאָס ערשטע מאָל איז אויסגעקומען אַזוי צו פֿאַרצייכענען אַ ייד פֿון ווערק צע. ווי אַזוי קען אַ ייד באַפֿרייט ווערן אין יידנריינעם פּוילן? וווּהין האָט מען אים באַפֿרייט? ווו קען דען לעבן אַ פֿרייער ייד אונטער די דייטשן? די קאַנצעלאַריע ווייסט אָבער נישט פֿון קיין שאלות. אַזוי האָט מען באַפֿוילן און אַזוי האָט מען איינגעשריבן. עס זענען געווען אַזעלכע ,וואָס האָבן אין דעם געזען איינעם פֿון די גראָבע וויצן, וואָס דייטשן פּראָווען אויפֿן יידישן חשבון און זיי האָבן פֿאַררעכנט רובינען צו די טויזנטער וואָס זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף דער צווייטער זייט לעבן. טייל אָבער האָבן זיך עס נישט געקענט איינרעדן: אויב זיי האָבן דאָ געמאַכט אַזאַ מין אויסנאַם — לעבט ער זיכער ערגעצוו און

עס קומען זיכער מיט אים פּאָר פאַרשידענע זאַכן... אויף מענדלען קען מען זיך פאַרלאָזן! ער וועט נאָך אַמאָל צוריק אויפקומען...

די אַנדערע פּאַסירונגען האָבן זיך אָבער שנעל אונטערגערוקט און אַלע האָבן פאַרגעסן אין דעם איינציקן קרבן פון בהלהדיקן ערב יום־כפור. בלויז אין רובינס באַראַק זענען נאָך געזעסן שטילע יידן און צווישן זיך געשמועסט בייניאַכט מיט פאַרגאַפּט־דערשראָקענע שטימען:

— קיינער ווייסט נישט וואָס אונטער זיינע פּלייצעס שטייט פאַר אים אָנגעגרייט...

און זייערע זיפצן זענען פאַרלוירן געגאַנגען אינעם דרויסנדיקן טומל.

קאַפּיטל זעקס

— 1 —

אין לאַגער האָט זיך ווידער געמאַכט אַ שטיקל בהלה. דאָס מאָל איז דערין שולדיק געווען פעלאָס אויפגעוואַכטקייט. זי האָט אָנגעהויבן אַרומ־גיין פון באַראַק צו באַראַק, זוכן דאָרט פאַרדעכטיקע זאַכן און האַלטן אַלעמען אויפן אויג. דאָס פאַרכאַפּן פּלוצים רובינען האָט זי אויפגעוועקט פון איר שכרות. ער איז אַ שטיקל צייט געווען איר פאַרטרויאונגס־מאַן און נישט איין געשעפטס־שליחות האָט ער פאַר איר דורכגעפירט. איצט האָט זי באַקומען ידיעות אַז מען פאַרשט אים ערגעץ, מען וויל פון אים דערגיין פאַרשידענע זאַכן און זי האָט זיך דערפאַר געשראָקן.

איר שרעק האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַ פאַרדאַכט צו אַלעמען, אַז אין די באַראַקן ווערט עפּעס אָפּגעטון, פאַר וועלכן מען קען זי שפּעטער מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך... איבערהויפּט האָט זי מורא געהאַט פאַר די פּאָר איינצל־שטיבלעך, ווו עס האָבן זיך באַזעצט עטלעכע פּראָמינענטע ווערק־צעניקעס. אויף וואָס דאַרפן זיי דאָס זיין באַזונדער? אויך אַן אויס־רייד דערצו האָט זי געהאַט: אין לאַגער איז געפּראַפּט, מען שטיקט זיך אין דער ענגעניש! ווי אַזוי זשע זאָלן אַנדערע זיך מאַכן פּריווילעגיעס פון באַזונדערע דירהלעך? זי האָט געהאַט מיט טייל פון זיי אַלטע חשבו־נות און באַשלאָסן אויסצונוצן די ענגשאַפט און זיי אַריינוואַרפן איז אַל־געמיינע באַראַקן.

ווי שטענדיק, האָט זי אויך דאָס באַשלאָסן פּלוצים אַדורכצופירן. עטלעכע אָנגעזעענע לאַגערניקעס, וואָס האָבן געוווינט אין פּאָליציי־באַראַקן האָט זי באַפוילן זיך אַרויסצוציען פון דאָרט. זי האָט אויך אויסגעזוכט דעם זיכערן־אין־זיך רעדלמאַן און געמאָלדן אַז זיין צימערל ווערט אָפּגעשלאָסן. זאָל ער זיך שנעל אויסזוכן אַ באַראַק! זי האָט אפילו נישט געשוינט דעם פריערדיקן הויפּט־קאָמענדאַנט פון לאַגער, וועלכן זי האָט אַרויסגעשטויסן — דעם גראָבן אַבראַם...

די אַלע פּראָמינענצלער האָבן זיך געלעבט ברייטלעך, געהאַט צו עסן און נישט געוואָלט, אַז צופיל זייטיקע אויגן זאָלן דאָס זען. הונגעריקע קענען אַלץ וויסן און שווייגן. ווען זיי דערזעען אָבער דאָס אַלץ מיט די אייגענע אויגן — קען זיי אַמאָל די צונג אַ ביס טון און זיי זאָלן עס וועמען איבערדערציילן... נישט איין קלאַנג האָט שוין דערגרייכט, אַז די אויסגעמאַטערטע פון די האלעס האָבן געדראָט, געברומט וועגן נקמה... און גערעדט האָבן זיי רייד, וואָס האָבן געדאַרפט זאָגן: אָדער אַלע וועלן לעבן און האָבן אַ שטיקל ברויט — אָדער אַלע וועלן דאָ אויסגיין...

און בעת מען האָט געגומען אַריבערפירן מענטשן פון די לייכטע אַרבעטס־פּלעצער אין די האלעס, האָבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע וואָס האָבן אָפן דערציילט די מייסטערס:

— מיר זענען אָרעם... מיר פאַרמאָגן גאָרנישט ביי זיך... דערפאַר האָט מען אונדז אַוועקגענומען פון דער אַרבעט אין וואַלד און דאָרט אַוועקגעשטעלט אַזעלכע, וואָס האָבן באַצאָלט די קאָמענדאַנטן דערפאַר... און זיי מעגן וויסן, די מייסטערס, אַז אין לאַגער זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס לעבן נאָך היינט גאַנץ גוט, עסן צו דער זעט און האָבן כח... אָבער גראָד יענע שיקט מען נישט צו די שווערע גראַנאַטן און צום טראָטיל. יענע קעכלען זיך, האַלדזן זיך מיט די מיידלעך; בעת די וואָס גייען קוים אויף די פיס ווערן צוגעשטעלט צו די וואַגאָנעס אייזן און זיי פּלאַצן דאָרט פון הונגער און אויסגעמאַטערטקייט...

עס איז שווער געווען צו באַפעלן די מענטשן מיט אָנגעשוואָלענע אברים, אַז זיי זאָלן האַלטן די צונג צווישן די ציין — צוליב דעם האָט מען זיך באַדאַרפט שטאַרקער היטן, זיין צווישן זיך און קיין בייז, אויסגעהונגערטע אויג זאָל נישט זען וואָס מען עסט און וואָס מען טוט.

די פּאָר מענטשן, וואָס האָבן זיך געפילט אַרונטערגעוואָרפן אונטער

פעלאַס גזירה האָבן דערפאַר שנעל געמאַכט אַ צעטל פון אייגענע מענטשן און באַשלאָסן זיך אָפּצונעמען אַ באַזונדערן טייל פון אַ באַראַק. אַזוי ווי די צאָל איז געווען צו־ווייניק בכדי אויסצופולן אַ גאַנץ צימער — האָבן זיי באַשלאָסן צוצוקאָמפּלעטירן די צאָל מיט עטלעכע פּאַרטרוי־לעכע מענטשן, וואָס כאָטש זיי אַליין וועלן הונגערן — וועלן זיי אויך שווייגן און זיך נישט מישן צו די אַנדערע אפילו מיטן בלויזן בליק...

פאַר די קאָמענדאַנטן — איבערהויפּט פאַר פעלאַן און ראַגנערן — האָט עס געדאַרפט הייסן, אַז דאָ אָרגאַניזירט זיך אַ באַזונדערער באַראַק פאַר דער אינטעליגענץ פון ווערק צע... די אינטעליגענץ — דאָס איז גע־ווען פעלאַס שוואַכקייט. אויך ראַגנער האָט זיך כסדר אינטערעסירט אויב אין לאַגער געפינען זיך אינטעליגענטע מענטשן אויך — אויסער „די אַלע בהמות".

דער דאָזיקער פלאַן האָט דערפאַר געהאַט די בעסטע אויסזיכטן. אַז פעלאַ זאָל אים דערלויבן. די אינטערעסירטע גרופּע האָט גענומען אי־בערוואַרפן די מענטשן פון לאַגער, וואָס זיי קענען — און דאָס צושטאַנד ברענגען. עמעצער האָט אויפגעגעבן אויך מעכעלען אויף דער ליסטע און זי איז שנעל אָפּגעשלאָסן געוואָרן. די קאָמענדאַנטין איז שטאַרק פאַר־כאַפּט געוואָרן פון אַזאַ פלאַן און אַזש אונטערגעשפּרונגען פון צופרידנ־קייט:

— אַ געניאַלער פלאַן! די מענטשן זענען צעוואָרפן אומעטום און עס איז נישטאָ קיין איין לייטישער באַראַק, וווּ מען זאָל קענען אַריינקומען, זיך אַוועקזעצן, שמועסן אַ וואָרט ביי אַ טיש און טאַקע אַמאָל כאַפּן אַ קערטל אויך... זי וויל טאַקע האָבן אַזאַ אָרט, ווו עס איז זיך נישטאָ צו שעמען מיט קיינעם פון די דאָרטיקע... אַ גרויסאַרטיקער איינפאַל: אַ מוסטער־באַראַק פון דער לאַגער־אינטעליגענץ! זי וויל טאַקע אַליין אויך זען, ווען זי פאַרמאָגט דאָ אין לאַגער...

האָט מען גענומען רייניקן דעם ערשטן באַראַק פון די נייע רייען און אים אויסווייסן פון אינעווייניק, ער זאָל באַקומען אַן אַנדער אויסזען. דערנאָך האָט מען גענומען ביסלעכווייז אַרויסציען איין מענטש נאָכן צווייטן פון די באַראַקן און אַריבערטראָגן אינעם מוסטערדיקן צימער. אַהין האָט זיך באַלד אַריבערגעצויגן רעדלמאַן מיט זיין פּאַק בעטגעוואַנט און שטיקלעך מעבל. דערנאָך איז געקומען די ריי אויף די לאַגער־דאָק־

טוירים און די קאָמענדאַנטן פון די אַרבעטס־פּלעצער... נאָך זיי האָבן זיך אַריינגערוקט עטלעכע פּאָליציאַנטן, די פונקציאָנאַרן פון הויף און ענלעכע מיוחסים. עס האָבן אויך נישט געפעלט די פּאָר אָנגעזעענע מענטשן פון הויף, ווי דער אינזשינער קורץ, דער געוועזענער וואַרשעווער שאָקאָלאַד־פאַבריקאַנט שניטבוים, אַדוואָקאַטן און מקורבים צו די פאַבריקס־מייסטער... אפילו דער הינקעדיקער משומד, סטאַשעק האָט אויך זיין פלאַץ דאָרט געפונען... פעלאַ אַליין האָט באַטראַכט יעדן איינעם באַזונדער פון די לאָקאַטאָרן, געפרעגט זיך אויף זיין יחוס און ערשט דערנאָך אים באַשטעטיקט... ווען אַלע מענטשן, וואָס מען האָט גענומען אין באַטראַכט, זענען שוין דאָרט געווען איז געקומען דער אינזשינער וואַרטמאַן צו מעכעלען אין באַראַק אַריין און אים שטיל אַ רוף געטון:

— קומט...

מעכעלען איז שוין היימיש געווען אין דעם אָנגעעיפּושטן באַראַק ביי פרידלאַנדן, עס איז אָבער נישט געווען קיין עצה. וואָס צו נעמען מיט זיך האָט ער נישט געהאַט — איז ער בלויז אַרויס די פּאָר טריט פון זיין באַראַק און אַריינגעשפּרייזט אין דעם באַלויכטענעם צימער, ווו עטלעכע מאַן זענען געזעסן ביים טיש און געשפּילט אין קאָרטן. אויך פעלאַ איז מיט זיי געזעסן. זי האָט געהאַלטן אין איין האַנט איר לעדערן בייטשל און מיט דער צווייטער קונציק געמישט די קאָרטן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אויפן טיש...

ביי מעכעלעס אַריינקומען האָבן אים אַלע דורכגענומען מיט אַ פיינטלעך שווייגן. נאָך לאַנגע חדשים האָט מעכעלע פלוצים דערזען אַז ער גייט אָפּגעריסן... פון אַלע זייטן, אויף די געגאָרנטע בעטלעך, זענען געלעגן צעלייגט וואַטענע און זיידענע קאָלדרעס. ער איינער איז אַריינגעקומען מיט ליידיקע הענט און זיינע צעפליקטע שיך האָבן אָנגעמאַכט אַ גערויש ביי יעדן טריט...

פעלאַ איז פלוצים בלייך געוואָרן, פאַרגעסן אין דעם פריילעכן שפּיל ביים טיש און אירע אויגן האָבן גענומען שיסן מיט צאָרנדיקן פייער. זי האָט אויסדריקלעך פאַרבאָטן אַריינצולאָזן אַהער די מענטשן פון די אָפּגעריסענע באַראַקן פראַווען דאָ געסט... און דאָ האָט זי באַמערקט אַריינקומען אַזאַ איינעם... וואָס זוכט ער דאָ? מעכעלע האָט זיך געוואָלט צוריקציען און נישט געקענט. די פּאָר שכנים אירע ביים טיש האָבן געהאַלפן מעכעלען טרייבן מיט שטומע בייזע אויגן. וואַרטמאַן, זיין באַשי־

צער׳, איז צוגעגאַנגען נענטער און איר עפּעס איינגערוימט. מעכעלע האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט און געזוכט אַ ליידיק אָרט צווישן די בעטלעך. ער׳ האָט אַזעלכעס געזען אין סאַמע עק, נישט ווייט פון דער טיר און ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט פאַרלוירן אויפן קראַנץ.

פעלאַס משוגעת האָט אַביסל נאָכגעלאָזט פון איר בליק. אירע ליפּן האָבן זיך שמייכלענדיק אויסגעקרומט און זי האָט הויך אַ זאָג געטון צו די פּאָר אַרומזיצער:

— נו גוט... איר האָט געוואָלט אַ באַראַק מיט אינטעליגענץ — האָט איר אים... עס פעלט דאָ קיינער נישט, אפילו דער מיסט־רוימער פון לאַגער...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. בלויז וואַרטמאַן האָט פאַרצווייפלט עפּעס געזוכט מיט די הענט און אַליין נישט געוווּסט וואָס ער זוכט. ער האָט ווייזט אויס נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן פעלאַן און זיך צוריקגעהאַלטן. אין מעכעלען האָבן די בלוטן גענומען קאָכן. ער האָט געוואָלט צוגיין צום טיש און אַ זאָג טון עפּעס בייזס, גאָר שאַרפס... ער האָט זיך אָבער אָנ־געטראָפן מיט וואַרטמאַנס צעטומלטן בליק און ער איז צוריק געבליבן זיצן אויפן אָרט.

וואַרטמאַן האָט זיך דערווייל דערנענטערט, געוואָלט אָפּווישן דעם איינדרוק און זיך געווענדעט צו מעכעלען:

— אָט דאָ טאַקע איז אייער אָרט... איר דאַרפט אַ קלער טון וועגן אַ קאָלדרע...

אָפּגעזאָגט זיינס — האָט ער געזוכט אַ וועג אַרויסצוגיין. מעכעלע האָט געקוקט שטאַר צו דער טיר, דורך וועלכער זיין פריינט איז איצט אַרויס. עס איז שוין צו־שפּעט געווען מיטצולויפן. דערפאַר האָט ער גע־מוזט נאָכאַמאָל וואַרפן אַ בליק איבער די אַנטקעגנדיקע בעטלעך, וועמענס אייגנטימער זענען איצט געווען אין פאַבריק... דערנאָך האָט ער פאַרבלאָנקעט מיט די אויגן צום טיש און דערשפּירט עטלעכע פּאָר פיינט־לעכע אויגן אויף זיך. האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער איינציקער נישט־באַדעקטער פריטשע און דערשפּירט אויפאַמאָל ווי ער איז אַריינ־געקראָכן אין אַ קאַלטער, פרעמדער וועלט.

— 2 —

פון די נייע באַראַק־חברים זיינע האָט מעכעלע קוים עטלעכע נעגן־טער געקענט. צווישן זיי האָט ער נאָר געהאַט איין פריינט, דעם אינזשינער וואַרטמאַן וועלכער האָט זיך ווייניק איינגעהאַלטן אין באַראַק. די אַנדערע האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף עפּעס אַ פרעמדן אַריינדרינגער אין זייער וועלט אַריין. זיי האָבן אים טאַקע געמוזט אַריינגעמען צוליב אַ דייטשער קאָנטראָל, עס זאָלן זיך נישט זען קיין פרייע בעטלעך אין מוסטער־באַראַק און עס איז טאַקע גלייכער אַ שטיל ייִנגל איידער אַנדערע שרייער און בעטלער... דאָך האָבן זיי אים געגעבן אָנצוזעהערן מיט ברומערייען און שאַרפע בליקן, אַז ער האָט זיך דאָ נישט וואָס צו מישן נענטער מיט זיי ביים טיש. זיי זענען אַנדערע ווי ער! ביים טיש איז נאָר דאָ פּלאַץ פאַר אַ טייל פון די באַראַק־מענטשן... טאָ זאָל ער נישט פאַרנעמען קיין איבעריק אָרט, זיך האַלטן ביי זיין געלעגער און נאָך דאַנקען גאָט דערפאַר.

מעכעלע האָט דעריבער זיך אַריבערגעטראָגן צוריק אין זיין פריערדיקן באַראַק ביז דער שפּעטער נאַכט־שעה. אָבער אין דער צייט, וואָס אין אַלע באַראַקן איז שוין געווען פינצטער און אַלע זענען שוין געשלאָפן — איז מען נאָך ביי אים געזעסן און געפילדערט איבער די קאָרטן. וואַרטמאַן האָט אים עטלעכע מאָל אפילו געפרעגט, ווי אַזוי ער פילט זיך דאָ; אָבער נאָך זיין שוואַכן ענטפער האָט ער אים מער נישט געוואָלט פרעגן. ער האָט דאָך נאָר געמיינט זיין גוטס... קיין שטימונג לאָזט זיך אָבער נישט ענדערן. מעכעלע אַליין דאַרף זיך זען צו דערנענטערן צו די מענטשן, אַריינציען זיי אין אַ שמועס... דערנאָך וועט סיי־ווי אַלץ בעסער ווערן...

אויף מעכעלען איז אָבער אָנגעפאַלן אַזאַ לאַנג־פאַרטייטע נידערגעשלאָגנקייט, וואָס ער האָט אין פריערדיקן באַראַק שוין לאַנג נישט געפילט. דאָרט איז ער געווען גלייך מיט אַלע, געקענט אַרויסברענגען אַ הויך וואָרט פון מויל... און דאָ קוקן אויף אים אַלע חוזקדיק, מיט אַן עקל צו זיינע בגדים, צו זיין נישט־באַדעקט בעטל און צו זיין הונגעריק פּנים... אפילו דער אינטעליגענטער קורץ האָט זיך אויף אים פאַרלייגט מיט זיינע שפּיציקע רייד. ער איז געווען דער פּאַטענטירטער וויצלינג און חוזקמאַכער פון לאַגער. האָבן אים טאַקע אַלע געקוקט אין מויל אַריין, וואָס

ער וועט דאָ זאָגן. דערפאַר האָט ער מעכעלען אויסגעקליבן אַלס דעם בעסטן ציל זיינעם. ווען מעכעלע האָט זיך איינמאָל צוגערוקט נענטער צום טיש, האָט אים יענער פאַרטשעפּעט, אַלע זאָלן הערן:

— נו, יונגערמאַן... אייך האָט זיך פאַרגלוסט צו ווערן אַריסטאָ־קראַטיש אין ווערק צע... טאָ דערציילט אונדז כאָטש, וואָס מען הערט אויפן מיסט־מאַרק? די ריחות הערט מען טאַקע פון דערווייטנס — דאָך וואָלט נישט געשאַדט, אַז איר זאָלט עס אונדז דערציילן פאָ דראָבנע־מו...

מעכעלע האָט געוואָלט אים אָפּענטפערן עפּעס בייזס און העזה׳דיקס, אָבער די קילע אויגן פון אַלע צוהערער האָבן אים געוואָרנט פאַר חוצפּה־דיקע רייד. האָט ער זיך בלויז אויסגעדרייט פאַרשעמט צו זיין ווינקלדיק אָרט. אַלע האָבן דערביי הויך געלאַכט פון קורצס געלונגענער חכמה.

אַ צווייטע קוועלעניש איז פאַר אים געווען דאָס עסן. ביי פרידלאַנדן אין באַראַק האָבן זיך עטלעכע מאַן צוזאַמענגענומען, אָפּגעקויפט ערגעץ אַ האַלב־קילאָדיק ברייטל, צעטיילט עס אויף חלקים און עס גוט איינ־געריבן מיט אַ ציינדל קנאָבל... דערנאָך האָט מען זיך אַוועקגעזעצט צו־זאַמען, הנאהדיק געקייט יעדעס ברעקל באַזונדער און דערביי זיך דער־ציילט מעשהס פון נעכטיקע טעג. דאָ איז עס אָבער נישט מעגלעך גע־ווען. ביינאַכט האָט זיך דער עולם צוגעזעצט ביים טיש. יעדער פון זיי האָט געהאַט מיט זיך געברענגטע עסנס פון דער פאַבריק, וואָס האָבן פאַרשמעקט דאָס צימערל. עס האָט זיך געמישט ווייס ברויט, ווורשט, פּוטער און אַמאָל אויך אַ היימיש געקעכץ אַזאַ...

מעכעלע האָט נישט געוואָלט צוגיין נענטער צום טיש. דער דיקער און גוטמוטיקער רעדלמאַן האָט אים אין די ערשטע אָוונטן געזען איינ־מאָל צוגיין, בעת ער האָט זיך געשמאַק צעלייגט מיט זיין סעודה. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז מעכעלע קוקט אויף זיינע ביסנס, אויף זיינע מאכלים מיט הונגעריקע אויגן. האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַ זוך געטון ביים ראַנד פון זיין בעטל און דערלאַנגט מעכעלען אַ שטיק שוואַרץ ברויט פון זיין לאַגער־פּאָרציע...

נאָך דעם האָט שוין מעכעלע נישט געוואָלט צוגיין נענטער. ער האָט איינגענורעט דעם קאָפּ צווישן די האַרטע ברעטער, ווען יענע האָבן געגעסן און אים האָט זיך אַלץ אויסגעדוכט, אַז זיי שושקען זיך איבער אים:

— ס׳איז דען מעגלעך עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין? אַז דאָ דרייט זיך דיר אַרום אַט אַזאַ איינער און די אויגן שטאַרן אים אַרויס... ער עסט זיך איין מיטן בליק אין אַלץ וואָס דו האַלטסט אין האַנט. עס דוכט זיך דיר אויס, אַז ער האָט עס נאָר וואָס אַ לעק געטון מיט דער צונג און עס איז דיר נמאָס צו נעמען שפּעטער דאָס עסן אין מויל אַריין... אויף וואָס האָט מען אַזעלכן דאָ געדאַרפט? קאַרג אייגענע מענטשן פּאַראַן אין לאַגער?

מעכעלע האָט זיך דערביי געקורטשעט אין זיין פאַרשטעלט ווינקל, געוואָלט ווערן נאָך קלענער, נישט אַנזעעוודיקער... קיינער זאָל אפילו נישט שפּירן אַז ער איז דאָ פאַראַן, אַז ער זעט און הערט... דערביי האָט ער צוגעהאַלטן די אויגן, אַז ער זאָל טאַקע גאָרנישט זען.

די עלנט האָט אים געטריבן ערגעץ, געריסן שטיקער פון אים: פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט אַריבערטראָגן אַהער? איז אים דען נישט בעסער געווען צו זיין מיט יענע מענטשן זיינע? סיי־ווי וועט אים ווייזנבערג אַרומטרייבן יעדן אין דער פרי און די מענטשן פון אַנדערע באַראַקן הויבן שוין אויך אָן אויף אים צו קוקן, ווי אויף אַ רייכערן, אַ פּריווילעגירטן... אויף אַזעלכן וואָס וווינט אין איין באַראַק מיט די זאַטע און קאָמענדאַנטן... דאָס איז זיכער נישט אומזיסט. מסתמאָ וועט ער גאָר באַלד ווערן אַ פּאָליציאַנט, אָדער עפּעס אַנדערש פון דעם שטייגער... ער האָט זיך דערפאַר אויפגעהויבן פריער פון אַנדערע, שנעל אויסגעזוכט זיין פאַרב און פּענדזל און געכאַפּט זיך צו דער אַרבעט. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס מיסט־וועגעלע און ספּעציעל פאַראַדירט דערמיט פאַרביי די אַלע, וואָס האָבן זיך געאיילט צו דער פאַרטאָגיקער אַרבעט, אַזוי ווי ער וואָלט זיי אַלעמען געוואָלט דערמיט ווייזן:

— איר זעט? כ׳בין דאָ גאָרנישט... אַ בלויזער מיסט־קלייבער בין איך דאָ... איינער פון אייך... כאָטש מיין געלעגער בייגאַכט איז צווישן די אָפּגעקליבענע, די יחסנים...

און עס האָט אים פאַרשאַפט אַ ספּעציעלע הנאה ווען אַ סך אויגן האָבן אים נאָכגעקוקט און געזען ביי וואָס פאַר אַן אַרבעט ער איז דאָ פאַרנומען.

— 3 —

דאָס האָט נאָר געקענט פּאַסירן אין ווערק צע...

זיינע אַלע יאָרן האָט זיך מעכעלע געוואָלגערט אין ישיבות, געלערנט אַ סך און געקומען אין קאָנטאַקט מיט בלויז פרומע יידן, ביז צו זיין געפאַנגען ווערן. ער האָט נישט איינמאָל געהערט דערציילן וועגן משומדים — אָבער קיין איין משומד האָט ער נישט באַקענט נענטער. ווען מען האָט אים איינמאָל אָנגעוויזן אויף אַזעלכן פון דער ווייטנס — האָט ער גענומען אַנטלויפן און אין האַרץ האָט אים עפּעס גענומען אַזוי שרעקלעך וויי טון און שטעכן, אַזוי ווי עס וואָלט אים עמעצער אַריינגערוקט אַ מעסער. משומדים זענען שטענדיק געווען מעכעלעס שרעק. ער האָט זיי געגוג געהאַט פון די אַלטע כראָניק־ספרים, וואָס האָבן דערציילט פון אַלערליי גוישע בלבולים און גזירות, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן פון זיי... ער האָט דערפאַר אַ ציטער געטון, ווען ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אין זיי און פאַר די אויגן האָבן גענומען טאַנצן די פעפּערקאָרנס, בראַפּמאַנס און זייערס גלייכן... צי וואָלט ער אַמאָל געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט מיט אַ משומד? מעכעלע האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראַכט און זיין געדאַנק האָט דערצו אפילו נישט צוגעלאָזט. דערפאַר האָט ער אויך נישט געקענט וויסן, ווי אַזוי ער וואָלט געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל, ווען אַ משומד וואָלט זיך צו אים דערנענטערט...

אָבער באַלד די צווייטע נאַכט פון זיין אַריבערגיין אין נייעם באַראַק אַריין האָט ער דערקענט זיין נאָענטסטן שכן אויפן געלעגער: דער הינקעדיקער משומד, סטאַשעק... דאָס איז געווען ריינער צופאַל. אָבער סטאַשעק האָט זיך אויך נישט געפילט איבעריק גוט אין דער באַראַק־געזעלשאַפט. אייגנטלעך איז ער שוין געווען אין ווערק צע עטלעכע חדשים און געקומען איז ער נאָך פון מיידאַנעק. די גאַנצע צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ ווערקשטעל. אַלס עלעקטרישער אינזשינער און ספּעציאַליסט פון מאַשינען האָט ער זיך גאַנץ גוט איינגעאָרדנט אין דער פאַבריק. אויך מיט די פּאָליאַקן איז ער שנעל היימיש געוואָרן און זיי האָבן אין אים געזען אַן אייגענעם מענטש. דערצו איז סטאַשעק נאָך געווען אַן אויפריכטיקער אַנטיסעמיט. זיין גאַנצע פריערדיקע וועלט איז געווען אַ פּוילישע. דאָרט האָט ער שטודירט, געהאַט חברים, געליבטע... און געזען יידן האָט ער נאָר פון דער ווייטנס. דערביי זענען זיי געווען אַזעלכע אַנדערע — אַז

ער האָט זיי געמוזט פֿיינט האָבן... געמוזט!

אַ פֿאַרביסענער שווייגער איז ער געווען, סטאַשעק. קיינער האָט ביי אים נישט געקענט וויסן ווער ער איז פֿריער געווען און ווי אַזוי ער איז מגולגל געוואָרן ביז מיידאַנעק. עס וואָלט דאָ אויך קיינער נישט גע־ ווּסט אַז ער איז אַ משומד, ווען עפּעס אַ יידענע זאָל אין אים נישט גע־ ווען דערקענען אַ שויבן־האַקער מיט אַ סטודענטיש היטל, וואָס זי האָט אַמאָל געזען. ער אַליין האָט עס נישט געפּרוווט אפילו לייקענען, נאָר צו־ געמאַכט דאָס לינקע אייגל, געקוקט אויף יענער פֿון דער קרום און שפּאָ־ טיש אַוועקגעגאַנגען אָן אַ וואָרט...

דאָס מזל האָט אים צוגעדינט און ער האָט געאַרבעט אין אַן אָפּטיי־ לונג פֿון בלויז פּאָליאַקן. ער האָט זיך מיט זיי צוזאַמענגעלעבט און ווײ־ ניק זיך געמישט מיט די יידן פֿון זיין באַראַק. דאָך האָט ער דאָרט זיך לאַנג נישט געקענט האַלטן. ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן דאָס הויַ־ כע יידישע פּילדערן, דאָס שושקען זיך אַרום אים און דאָס אויסהיטן זיך מיט רייד אין זיין אַנוועזנהייט. עטלעכע מאָל האָט ער אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט „משומד" און אפילו נישט געוווּסט וואָס דאָס מיינט. ביז עמעצער האָט עס אים אָפּגעטייטשט און ער איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. אַ היציקער — מיט אַ בייזן, נערוועזן כאַראַקטער — האָט ער זיך געוואָלט וואַרפֿן שלאָגן און געדראָט אַז ער וועט זיי אָנלערנען, אַלע יידן וועט ער אָנלערנען!... פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיך די באַראַק־יידן נאָך מער געענג־ מען היטן פֿאַר אים און דאָס רעדן וועגן אים איז צוגעגאַנגען נאָך שטילער און פֿאַרביסענער...

ביינאַכט איז ער געלעגן אויף זיין פּריטשע מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. אין זיין יוגנט האָט ער זיך אָנגעהערט פֿאַרשידענע געשיכטעס וועגן יידישן „קאַהאַל" — האָט אים דאָס שטילע סודען געשראָקן און אינטריגירט. ער האָט גענומען לעבן אין אַ וועלט פֿון שרעק, פֿון ציטער־ ניש. עס האָט זיך אים נאָר אויסגעוויזן אַז דאָס בינטל יידישע יאַטן פֿון באַראַק ווילן אים דערשטיקן, אָפּרוימען פֿון וועג... איינמאָל האָט ער גע־ הערט ווי עמעץ פֿאַרוואָרפֿט אַ וואָרט אין זיין ריכטונג: מ ס ו ר ... דאָס האָט זיך אים איינגעקריצט אין קאָפּ. ער האָט קוים געקריגן ביי ווע־ מען אַ פֿרעג צו טון דערויף — און דער כעס האָט ביי אים נאָך מער גע־ נומען זיך קאָכן: ער — אַ מסור!? נאָר פֿון גרויס צאָרן האָט ער זיך פֿאַר־ טרויט זיין דייטשן מייסטער:

— ער איז נישט קיין ייד... צופעליק איז ער דאָ אַריינגעפאַלן אין אַזאַ נישט־קולטורעלער געזעלשאַפט... דאָס לעבן איז אים נמאס! ער בעט דערפאַר דעם דייטש, אַז יענער זאָל שרייבן אַ צעטל צו דער קאָמענדאַנ־טין מען זאָל אים געבן עפּעס אַ גוט אָרט — וווּ ער זאָל קענען רואיק אי־בערשלאָפן די נאַכט... זאָל מען אים אָפּגרענעצן אַ באַזונדער ווינקל ער־געץ! אַבי נישט צו זיין מיט די פילדערנדיקע יידן צוזאַמען!

ער האָט טאַקע געברענגט אין דער קאָמענדע אַזאַ חשוב־באַפעלע־ריש צעטל — אָבער קיין ערטער פאַר אים באַזונדער האָבן זיך נישט גע־פונען. ס'איז נישט געווען וואָס צו מאַכן. איינמאָל איז אפילו סטאַשעקס מייסטער געקומען צו פאָרן אין לאַגער אַריין מיט זיין מאַשינדל. ער איז אַריין אין ביוראָ און אַרויסגערופן פעלאַן. יענע האָט אָבער אים אויפ־גענומען מיט אַ גלאַנציקן שמייכל, אים פאַרבעטן אַ בליק צו טון אין דער ענגעניש פון די באַראַקן און דאַן זאָל ער אַליין זאָגן, אויב זי קען פאַר אַזאַ סטאַשעק געפינען אַ באַזונדער צימער אָדער נישט.

איין זאַך האָט זי בלויז געקענט צוזאָגן דעם הערן מייסטער: זי וועט זיך אינטערעסירן מיט סטאַשעקס גורל. זי וועט אים זען אויסצוזוכן אַ בעסער אָרט צווישן רואיקערע מענטשן... זי פאַרשטייט זיין לאַגע און וועט דערפאַר זאָרגן, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אַזויפיל ליידן. מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. סטאַשעק האָט זי אָבער נישט אָפּגעלאָזט. יעדן פאַרנאַכט האָט ער זי אָפּגעוואַרט, צוגעגאַנגען ווען זי האָט שפּאַצירט מיט ראַגנערן און עלעגאַנט זיך פאַרנויגט פאַר איר... מיט די שענסטע רייד זיינע האָט ער זי צום וויפלטן מאָל געבעטן, דערמאָנט זי אַז אויך זי אַליין וואָלט אַזאַ מין געזעלשאַפט נישט פאַרטראָגן, טאָ זאָל זי אים העלפן! ניין, פשוט ראַטעווען אים זאָל זי... זי איז דאָך אַ מענטש מיט האַרץ, מיט פאַרשטאַנד!

פעלאַ האָט זיך ביסלעכווייז איבערגענומען מיט זיינע רייד און ווען דער פלאַן מיט אַ באַראַק פאַר אינטעליגענץ איז אויפגעקומען — האָט זי אין סטאַשעקן נישט פאַרגעסן. זי אַליין האָט געזאָרגט, אַז ער זאָל זיין דער ערשטער אויף דער ליסטע און זי האָט אים געהאָלפן זיך אַריינציען אַהין. פון ווייסן הויז האָט מען אים באַזאָרגט מיט אַ שטרוי־זאַק און אַ קאָלדרע — און סטאַשעק איז געווען אַ גליקלעכער:

דאָרט וועלן דאָך זיין גאָר אַנדערע מענטשן! זיי זענען טאַקע יידן — אָבער די פראַגע פון רעליגיע און אָפּשטאַם גייט זיי זיכער אַבסאָ־

לוט נישט אָן... זיי וועלן זיכער קיין וועזן דערפון נישט מאַכן! וועט ער זיך דאָרט פילן פרייער, האָבן בייגאַכט מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן און טאַקע נישט פאַרגעסן דאָס לשון... די ערשטע אָוונטן פלעגט ער אַריינ־קומען אין באַראַק מיט אַ הויכן, העפלעכן „גוטן אָוונט" וואָס האָט פאַר־הילכט דעם באַראַק. ער האָט זיך אפילו גאָר היימיש צוגעזעצט צום טיש און שוין געהאַט גרייט אויף דער צונג צו דערציילן אַ פיינעם אַנעקדאָט... אָבער די באַראַק־לייט האָבן אויף אים געקוקט קרום און פול מיט חשד. מען האָט אים קוים אָפּגעענטפערט אויף זיין באַגריסונג און ביי זיין אַוועקזעצן זיך האָבן אַלע געגומען רעדן פאַרדעקט, איינגעהאַלטן. אפילו די דאָקטוירים, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געפּלאַפּלט צווישן זיך אויף פויליש האָבן אין זיין אָנוועזנהייט גענומען רעדן אויף אַ געבראָכענעם יידיש... און דער בייסיקער קורץ האָט ספּעציעל הויך אַ ברום געטון:

— נאָך אַ משומד האָט אונדז דאָ צוגעפעלט אין דער משפחה אַריין...

מער האָט סטאַשעק נישט געדאַרפט הערן. ער האָט אין זיך געהאַט אַ קרענקלעכן שטאָלץ ווי בלויז קוים־געוואָרענע פּאַליאַקן קענען עס האָבן... דערפאַר האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש, אַ שליידער געטון אַ האַרב וואָרט אויפן יידישן אַדרעס און זיך צוריקגעצויגן אין זיין ווינקל אַריין. איצט, נאָך מער ווי שטענדיק איז אים קלאָר געוואָרן אַז די יידן האָבן עפּעס באַהאַלטענע סודות צווישן זיך... גאַנצע פאַרשווערונגען פּלאָ־נען זיי! נאָר אַזוי ווי ער איז דאָ אין באַראַק דער איינציקער קריסט — ווערט דער גאַנצער צאָרן פון די מאַכטלאָזע געווענדעט צו אים... ער האָט דערפאַר גענומען אַריינקומען שפּעט אין באַראַק אַריין, אָפּעסן שנעל דאָס שטיק ברויט, וואָס ער האָט מיט זיך געברענגט און זיך אַוועקלייגן אויפן בעטל זייגעם. ער האָט פּלוצים דערזען, אַז זיין איזאָלירטקייט לאָזט זיך נישט אַראָפּנעמען מיטן בלויזן בייטן דעם באַראַק און דאָס בעטל...

— 4 —

אין די ערשטע אָוונטן איז מעכעלע געלעגן, געמאַכט זיך שלאָפן און נישט געקענט איינדרעמלען. דערפאַר איז ער צופרידן געווען וואָס אפילו אַזאַ שכן ווי סטאַשעק האָט אים אַ לייכטן שטויס געטון אין דער זייט און אַ פרעג געטון:

— פאַניע שכן... אַנטשולדיקט מיר אויב איך פרעג: זענט איר אויך אַ „זשיד״?

מעכעלע האָט געמיינט אַז יענער איז פון זינען אַראָפּ: וואָס פרעגט ער פאַר אַ שאלות? ווי אַזוי קען ער דען זיין דאָ אין לאַגער, אויב נישט אַלס ייד? דערקענט מען עס אים נישט אויפן פנים? אָבער סטאַשעק איז צופרידן געווען, וואָס זיין שכן בייזערט זיך נישט אויף אים און איז אים גרייט אויסצוהערן... דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן שטיל צו שעפּטשען, קיינער זאָל נישט הערן. ער האָט זיך צוגעבויגן נענטער צו מעכעלען און זיין רייסנדיק קול האָט אַזש געציטערט:

— ער פאַרשטייט, דער פאַן מעכעווע?... ער, סטאַשעק האָט איינגעזען אַז אַלע איזראַעליטן האַלטן זיך גאָר גוט איינער מיטן צווייטן... דאָס הייסט אַזוי: זיי קענען זיך שלאָגן, זידלען און אַרויסרייסן דעם ביסן איינער ביים צווייטן... דאָס איז אָבער נאָר אויבערפלעכלעך, דליאַ פּוצו! מען זאָל מיינען אַז עס איז אַזוי... פאַקטיש האָט דער פּראָגרעסיווסטער ייד מער שפּראַך מיט אַ מינדסטן, אָפּגעריסענעם ייד — איידער מיטן אינטעליגענטסטן און געבילדעטסטן קאַטאָליק! עס איז שוין אַזוי... סטאַשעקן וועט מען קיין מעשהס נישט דערציילן! ער זעט דען נישט, וואָס עס טוט זיך דאָ? איז אַזוי: מילא ער — פאַרשטייט ער פאַרוואָס מען שטויסט אים דאָ אָפּ, פאַרוואָס ער מוז זיך האַלטן אָפּגעזונדערט... כאָטש וועגן זיין קאַטוילישקייט וואָלט ער אויך געהאַט געגוג וואָס צו דערציילן... אָבער דערפון וועט מען נאָך רעדן אַמאָל... וווּנדערט אים דערפאַר גאָר איינס:

אויב דער פאַן מעכעווע איז מאַקע איינער פון אָט די אַלע דאָ — פאַרוואָס זשע לייגט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקל גלייך מיט אים, סטאַשעקן? פאַרוואָס גייט ער נישט צום טיש, חכמהט זיך נישט גלייך ווי די אַנדערע? פאַרוואָס פּילט ער זיך אַזוי שלעכט אינעם באַראַק? עט, סטאַשעקן וועט מען קיין מעשהס נישט דערציילן...

וואָס ווערק צע קען אָנמאַכן! אָט ליגט דאָ אַ ייִנגל, וואָס וועט פאַר אַ פינטעלע ייד גרייט זיין די וועלט איבערצוקערן... אַ הייסער און קאָכיקער, וואָס האַלט אין איין מאָנען ביי זיך און ביי אַלעמען — געפינט ער זיך אין אַ באַראַק צווישן בלויז יידן און שוין עטלעכע נעכט ווי ער ליגט און טענהט אַריין מיט אַ משומד; דעם איינציקן אין באַראַק מיט וועלכן ער שמועסט זיך אויס. צוערשט האָט ער יענעם בלויז אויסגעהערט, ווייל ער

האָט אַנדערש נישט געקענט. ער האָט אים אפילו געפּרוווט אָפּשטויסן פון זיך. דערנאָך האָט ער אים גענומען אויסהערן, אָפּענטפערן אים און געזוכט צו פאַרשטיין וואָס עס קאָכט דאָרט ביי יענעם אויפן געמיט — ביז זיי האָבן לאַנגע אָוונטן געהאַט פון וואָס צו שמועסן און נישט מיד געוואָרן...

דער לץ קורץ האָט געהאַט די אויגן אומעטום — האָט ער אויך דאָס שוין באַוויזן צו באַמערקן:

— ווי געפעלט אייך דאָרט דאָס נייע פּאָרל חברים: דער אַמאָליקער ישיבה־ב ע כ ע ר און דער אַמאָליקער משומד און נאָך איצטיקער שונא ישראל? דער רבונו של עולם איז שוין איינמאָל אַ ספּעציאַליסט אויף צוזאַמענפּאָרן מענטשן! נישטאָ וואָס צו רעדן...

קאַפּיטל זיבן

— 1 —

טאַקע דאָ, אין דאָזיקן אַריסטאָקראַטישן באַראַק האָט מעכעלע דער־זען ווי אַזוי מענטשלעכע גורלות ווערן געוואָרפן פון עפּעס אַזאַ פּאַטאַ־לער באַשטימטקייט און אַז דער גאַנצער מענטש זעט אויס אין זייערע הענט, אַזויווי אַ שפּענדעלע אויפן ווינט... עס העלפן אפילו נישט אַלע אָנשטרענגונגען און חכמות — סייווי איז מען איינגעקרייזט אין צירקל — און פּאַרטיק... טאַקע אָט דער סטאַשעק אַליין — ווי משוגעהדיק־צע־בראָכן אָט דער מענטש איז געוואָרן! ווער איז אים שולדיק? אפשר קיי־נער נישט און אפשר אַלע... ער ליגט און בייסט ביינאַכט זיינע נעגל פון אַ ווילדן, מאַכטלאָזן כעס. ער דראָט אַז ער וועט זיך נאָך אַמאָל נוקם זיין, די וועלט וועט ער פאַרברענען! דערווייל קען ער אָבער גאָרנישט טון. דאָס איינציקע נאָר: ער קען זיך אויסרעדן פאַרן ייִנגל, וואָס ליגט נעבן אים... אויסשיסן מיט נקמה־פּלענער, וויינען אָן טרערן, זידלען זיך און דערנאָך זיך אויסדרייען פאַרביסן מיטן פּנים צו דער וואַנט.

אָרעמער, אומגליקלעכער סטאַשעק! ווער איז דיר שולדיק?

ניין, ער וויל נישט דערציילן פון זיין אַמאָל! אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי פּראָסט און געוועגלעך... אַ קינד געווען ווען מ׳האָט אים אָפּגעשמדט.

ער האָט דען אָנגעהויבן דערפון צו וויסן? ערשט ביים אַריינגיין אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער עס געהערט. די עלטערן זענען פרי געשטאָרבן. ער קען זיך קוים דערמאָנען דעם פאָטער. ער האָט געהאַט אַ פּאַספּאָרט אַלס סטאַניסלאַוו און מיט אים האָט ער זיך אויסגעמישט צווישן אַ מחנה פּוילישע ייִנגלעך. שפּעטער איז געקומען עפּעס אַ באַרעמהאַרציקע דאַמע און זיך מיט אים אינטערעסירט, געלאָזט אים לערנען אויף איר חשבון. דערנאָך, ווען זי איז שוין אפילו פאַרשוווּנדן — האָט ער זיך געמאַטערט און דאָס לערנען נישט איבערגעריסן. דערביי האָט אים פּאַסירט אַן אומ־גליק; אַ מאַשין האָט אים געשעדיקט דעם לינקן פוס...

וואָס איז וואָרט אַזאַ היימלאָזע קאַליקע ווי ער? ווער וועט זיך אויף אים אומקוקן מיט אַ פוס, וואָס שלעפּט זיך נאָך? איין זאַך קען אים נאָר ראַטעווען: לערנען זיך! דערגרייכן וואָס מער... קענען זייער אַ סך — און זיין וויסן זאָל צודעקן זיין פיזישן פעלער, איבערשטייגן אים!

אַ סך טעג האָט ער דאַן געהונגערט. זיינע קאָלעגן האָבן אים נישט איינמאָל געהייסן גיין און זען, ווי אַזוי די זשידעס לעבן — און ער האָט געזען... וואָס איז זיך דאָ צו שעמען? ער האָט געהערט אַ שטיק צייט צו דער אַנטיסעמיטישער נאַראָ־יוגנט! אַ סך געליטן האָט ער. אָט האָט ער זיך פאַרליבט אין עפּעס אַ מיידל פון אוניווערזיטעט. ער האָט געוווּסט אַז זיין פעלער קען אים קיין סך נישט פאַררוקן אין אירע אויגן — דאָך האָט זי מיט אים שפּאַצירט, צוגעהערט זיך מיט אינטערעס צו זיינע רעפליקן און טיראַדעס. ער וואָלט זי זיכער געוווּען אַריבערגעצויגן צו זיך. זי האָט אָנגעהויבן פאַר אים האָבן סימפּאַטיע... נו, אַן אַלטע לעגענדע! ווען ער זאָל געוווען זיין רייך, קענען אימפּאָנירן מיט אַביסל געלט! און ער האָט קוים באַוויזן צו האָבן צוויי אנצוגן, וואָס ער האָט געקויפט האַלב־געניצט אויפן אַלטוואַרג־מאַרק! וואָס האָט ער איז געקענט צוזאָגן? זיין פעלער? די גרויסע פאַרדינסטן זיינע? עט, אַן געלט וועט זי ווייט נישט דערפאָרן מיט אים — און זיין אויסזען קען אויך נישט מאַכן פאַרגעסן אַלע פּראַקטישע אויסרעכענונגען.

דערנאָך האָט זיך ווייטער געצויגן דאָס לידל... יאָ, עס איז טאַקע באַנאַל... ער ווייסט עס, סטאַשעק — אָבער ווו געפינט מען דען אין לעבן נישט קיין באַנאַליטעטן? עס איז נאַריש, נאָר ער האָט אַ סך געליטן, געוואָלט אפילו באַגיין זעלבסטמאָרד. ער איז אַ מענטש מיט אַ שטאָלץ אין זיך. האָט ער זיך אַרומגעקוקט און געשטילט זיין ווייטיק אין פּיינט

האָבן יידן, אין אַרומרודערן... קען זיין, אַז ער איז אומגערעכט געווען אין געוויסע פּונקטן — אין גאַנצן משוגע איז ער אָבער אויך נישט געווען. אָבער דאָס אַלץ זענען דאָך מעשהס פון יענער וועלט! אַז סך הכל האָט זיך דאָס געענדיקט אַזוי אַנדערש... ער, סטאַשעק האָט געמוזט אַריין אין געטאָ, אַוועק קיין מיידאַנעק און קומען אין ווערק צע! טאָ ווי אַזוי געדענקען אין אַזעלכע בוידעמס פון נעכטן?

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ערשט דאָ וועט אים אויסקומען איבער־צולעבן דאָס ערגסטע, און דאָ האָט זיך עס אַזוי פאַרשפּיצט, אים אַזוי־פיל ווי געטון — אַז ער וועט עפּעס מוזן באַווייזן! לאַנג אין זיך דריקן דאָס אַלץ — איז נישט קיין ענין פאַר סטאַשעקן, אפילו ווען ער זאָל דערביי פאַרשפּילן זיין לעבן... פאַר מעכעלען האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן דאָס פּוילישע ווערטל: געלט האָב איך נישט — אָבער ערע האָב איך יאָ...

און סטאַשעק האָט געהאַט איין הויפּט־אידעע: ראַטעווען זיין ערע!

— 2 —

אין ווערק צע איז ער געקומען אַליין. די ערשטע צייט האָט ער זיך פאַרגעסן, אַריינגעלייגט דעם גאַנצן חוש אין געפעלן די מייסטער, אין באַווייזן אַלע זיינע קונצן ביי דער אַרבעט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נאָגעניש אין האַרץ, די אַליינקייט. ער איז שטענדיק געווען אַ חברה־מאַן מיט אַ שאַרפער, געשליפענער צונג. אין אַ געזעלשאַפט מיט אים איז געווען פריילעך, אָנגענעם... ער, די קאַליקע, האָט אפילו שטאַרק אויסגענומען צווישן מיידלעך אַמאָל... און ער האָט טאַקע, צוזאַמען מיט זיין נאַאיוויטעט, געהאַט אַדורכגעטראַכטע קלוגשאַפט; אַזאַ מין שאַרפ־זיניקע אינטעליגענץ, וואָס האָט פּלוצים אַ בליץ געטון ווי אַ ווונדער. ער האָט פאַרשטאַנען אַ סך זאַכן און זיין צונג איז געווען אַ בריה זיי שיין אַרויסצודערלאַנגען.

דאָס האָט פאַר' אים געעפנט אַ סך טירן און אים אַריינגעפירט אין פאַרשידענע קרייזן. דאָ, אין ווערק צע האָבן אים אַ סך זאַכן אַנגערעגט, עס האָט אים געצויגן צו געזעלשאַפט און דער עיקר האָט ער נישט גע־קענט ליידן, וואָס „זיינע" שיינע וואַרשעווערינס ווערן פאַרכאַפּט פון גראָבע פּאָליצייַ־הענט, פון מענטשן וואָס ווייסן נישט ווי אַזוי מען דרייט

איבער לײַטיש די צונג... האָט ער׳ געוואָלט זוכן גליק און פון אומעטום אָפּגעשטויסן געוואָרן.

וואָס מער ער האָט זיך געשפּאַרט, געוואָלט אונטערקומען מיט זיסע רייד און מיט זײַנע מאַניערן — אַלץ מער׳ האָט מען זיך פון אים אָפּגערוקט. דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכסטע: מיט וואָס זענען דען אָט די אַלע מיידלעך דאָ יידישע? זיי ווייסן זיכער׳ אַליין נישט מיט וואָס! און אָט די אַלע אויסגעפּראַנטעווטע פּאָליציאַנטלעך? זיי טוען דאָך אָפּ אַלץ וואָס עס איז קעגן די יידישע געזעצן... סטאַשעק האָט אַמאָל אַ שמעק געטון צו טעאָלאָגיע און ער ווייסט! זיי זענען מיט גאָרנישט ענלעך צו דעם וואָס מען דאַרף רופן „ייד“... און וואָס שייך וויסן און לעבנס־קלוגשאַפט — דערגרייכן זיי נישט זײַן שטויב! ער קען עס זיי ווייזן! דאָס אַלץ איז אָבער נאָר לאָגיק, וואָס ער קען באַווייזן מיט רייד און מיט אויפקלערונג. וואָס קענען אָבער דאָ העלפן רייד, אַז עס איז נאָר גענוג געווען צו לאָזן אַרום אים אַזאַ סודותפולן נעפּל — און אַלע האָבן אים גענומען אויסמיידן, אַוועקרוקן זיך פון אים... מיט וואָס איז ער פּאָרט אַנדערש פון זיי אַלע? ער עסט חזיר און זיי נישט? זיי גלויבן אין יידישן גאָט און ער אינעם קריסטלעכן?

קיינער האָט אים אָבער נישט געהערט. אויך זײַנע רייד האָט מען נישט געדאַרפט... „אַ משומד!“... דאָס איז גענוג געווען — אפילו פּאַר די קאָקעטישע רעניעס און לילקעס, וואָס זענען געווען פאַרפּאָלאָניזירט מער ווי אַכצן שיקסעס! איז ער פאַרביטערט געוואָרן. ער בייגט זיך נישט! פּאַר שטילער פאַראַכטונג באַצאָלט ער מיט בייזקייט, מיט שטעכיקער איראָניע... אָט אַזאַ איז ער שוין! דערפאַר האָט ער זיך געמוזט אײַנקנורען אין זײַן ווינקל, זיך צוריקציען...

ער איז ערשט אויפגעלעבט געוואָרן, ווען עס איז אָנגעקומען דער קראָקעווער׳ טראַנספּאָרט. ער האָט זיך דער ערשטער דערוווּסט, אַז אויף דער קאַרטאָטעקע האָבן זיך עטלעכע פרויען געלאָזט אײַנשרייבן אַלס קריסטלעכע. אין יענעם טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי שיכור פאַר פרייד: העי סטאַשעק! איצט איז דײַן צייט געקומען! ער האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף און געשמעקט, געשנישטערט... באַלד האָט ער זיי אַלע געהאַט אויף זײַן ליסטע. ער האָט זיך געדרייט צווישן זיי, געוואָלט דערגיין ווער עס איז ווער... און דאָ האָט ער געהאַט אַ היפּשע אַנטוי־שונג: עטלעכע פון זיי זענען געווען איבערגעעלטערטע, צלמדיקע פרוי־

ען — אַן אַ ברעקל לייכטערע עלעגאַנץ, רייץ און געשמאַק... און סטאַ־שעק האָט פיינט צו זיצן און רעדן וועגן דער עוואַנגעליע אָדער וועגן זייערע נעכטיקע זכרונות. געווען אויך אַ פּאָר יונגע — זענען זיי דאָ אָבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פלינקע יונגען און פון זייערע גלאַנציקע שטיוול. זיי האָבן געוווסט זייער ווערט און געוואָלט זיך לייכטער מאַכן, אַדורכשלאָגן זיך אַ וועג אין לאַגער — און אַזאַ וועג האָט נישט געפירט דורך קאַנטשאַפּט מיט אַזאַ סטאַשעק.

די איינציקע וואָס האָט אים אַרויסגעוויזן אויפמערקזאַמקייט איז געווען די הויכע, געזעצטע מאַריאַ ביעלאַנסקאַ. ער האָט זי נאָר דערזען, האָט ער שוין געוווסט מיט וואָס זי אַ נעם צו טון! ער האָט זיך אָנגעצויגן דאָס פריילעכסטע שמייכעלע און זיך פאַר איר איינמאָל וויציק פאַר־נויגט:

— זאָל לעבן די קריסטלעכע סאָלידאַריטעט!

און איידער יענע האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט ער זיך פאַרגע־שטעלט:

— אייער פאַרערער, וואָס האָט שוין אַ סטאַזש פון איין און דרייסיק יאָר געגנאַד פון דער הייליקער קירכע...

דערנאָך האָט זיך זיין שאַרף, גלאַטיק צינגל אַ צעפיר געטון. אַלע קלוגע רייד און געדאַנקען, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין זיין לעבן, האָט ער געלייגט אויף דער וואָגשאָל און ער האָט מיט זיי זשאָנגלירט פאַר איר, ווי אַ קונצנמאַכער מיט זיינע קאָלירטע סטענגעס. דאָס האָט אויך געווירקט. די הויכע, פעסט־געבויטע מאַריאַ, מיטן פנים פון אַ בייזער בלאָנדער מאַדאָנע האָט זיך צעשמייכלט. באַלד האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן צו אים, דעם נידעריק־געוואַקסענעם און אים ליבלעך אָנגענומען פאַר אַ האַנט:

— קומט...

און עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי צוויי פאַרלוירענע נשמות, וואָס האָבן זיך אַ גאַנץ לעבן געזוכט, האָבן זיך דאָ ווידערגעפונען... דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר סטאַשעקן גליקלעכע טעג און פאַרנאַכטן. ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט האָט ער זיך אַריינגע־כאַפּט אין דעם „געשמדטן" באַראַק אַריין, זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון דער גרויסער מאַריאַס בעטל און זיי האָבן געשמועסט; האַלבע נעכט האָבן זיי אַוועקגעשמועסט! ער האָט געבערענגט פון פאַבריק אַ ברויטל, אַן

אוגערקע, אַ טאָמאַט... אוןביידע האָבן אַזוי איידל געגעסן צוזאַמען. דערציילט זיך וועגן אַלץ וואָס האָט פּאַסירט איבערן טאָג. אפשר האָט מען גערעדט אַ סך נאַרישקייטן — ווער פילט עס אָבער אין גליקלעכע מינוטן? און ער, סטאַשעק, איז געווען גליקלעך! עס איז אים גוט גע־ווען ווען זי האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ, ווען ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר. אויב זי איז עס אויך געווען — האָט ער נישט געקלערט. זי האָט אים גערופן מיט די צאַרטסטע נעמען און דאָס איז גענוג געווען. ער האָט דאָ געהאַט עמעצן! וואָס נאָך האָט סטאַשעק גענדאַרפט? אוי, זענען דאָס געווען גליקלעכע צוויי וואָכן! וואָס קען דער פּאַן מעכעווע וויסן פון אַזעלכע געפילן?

— 3 —

ניין, ער קלאַפּט זיך אַזויפיל מאָל אין האַרץ אַריין און פאַרזיכערט — אַז מעכעלע מוז עס אים גלויבן. ער איז אין איר נישט געווען פאַר־ליבט, אין דער נפקא! ער קען דען נישט קיין פרויען? וואָס איז ער דען? אַ קינד, וואָס האָט נאָר־וואָס געעפנט די אויגן? נאָר זי איז דאָ געווען די איינציקע צו וועלכער זיין גענדאַנק האָט זיך געקענט צוטראָגן. נאָר פון איר האָט ער זיך געקענט דערלויבן צו טראַכטן, קומען נענטער צו איר... דערפאַר איז זי געווען די איינציקע אין זיין מח און ער האָט זי געמוזט אַלץ מער און מער פילן אין זיך. זי האָט דאָ נישט געהאַט קיינעם ווער עס זאָל זי אָפּשטויסן פון די האַרץ־ווענטלעך זיינע... און אָט דערפאַר איז זי געוואָרן זיין וועלט, דאָס גאַנצע לעבן זיינס. אַז דו האָסט נישט קיי־נעם פאַר דיר, פונקט ווי אין אַ מדבר, אויסער איר... ער פאַרשטייט מע־כעלע? אָט דאָס איז עס!

צוליב דעם איז ער איר נאָכגעקראָכן, געפוצט דעם שטויב פון אונ־טער אירע פיס, געקוקט איר אין די אויגן אַריין: וואָס וויל זי? וואָס זאָל ער טון? אַ געטרייעם הונט האָט זי פון אים געמאַכט... דער שלאַק זאָל זי נאָר טרעפן! דערפאַר האָט עס אים אַזאַ שטאַרקן שטאָך געטון אין האַרץ, ווען זי האָט אים איינמאָל פאַרנאַכט דערציילט מיט אַ געלעכטער אַז ע ר איז דאָ היינט געווען, דער זשידאָווסקע קאָמענדאַנט... ער האָט גע־שריגן, געגישטערט און געטשעפּעט זיך צו אַלץ... ער האָט פיינט יויז־לעך ביי „זיך" אין לאַגער! זיין לאַגער איז עס! אַלע מיידלעך פון באַ־

ראַק האָבן זיך דערשראָקן פאַר אים, געפּלאָטערט... בלויז זי, מאַריאַ, האָט אים געקוקט דרייסט אין די אויגן אַריין, — אַריינגעלאַכט אים אין פּנים אַריין — און זאָל ער עס וויסן!

סטאַשעק האָט געדאַרפט זען ווי יענער האָט אויפאַמאָל זיך פאַרלוירן, גענומען אַראָפּלאָזן פון טאָן. אָבער זי האָט אויף אים נאָר געקוקט אַזוי אויפגעריסן־פריילעך, חוזקדיק. ער האָט זיך אַזש גענומען אַנטשולדיקן, עפּעס דערציילן וועגן די דייטשן וואָס לייגן אַלץ אַרויף אויף זיין קאָפּ און ער מוז... וואָס ער מוז? שרייען מוז ער, ווייל אַזוי דאַרף מען... און דערביי האָט ער גענומען אַזוי מאָדנע קוקן אויף איר... זי ווייסט שוין, מאַריאַ, וואָס אַזאַ קוקן באַדייט... האָט זי אים טאַקע געוואָלט אַביסל נעמען די גאַל. זי האָט זיך ספּעציעל אַוועקגעשטעלט אין אַ רייצנדיקער פּאָזע. זאָלן אים די אויגן זיך אויפרייסן נאָך שטאַרקער! זאָל עס אים וואַרפן אַביסל. געטראָפן אויף מאַריען! עס דאַרף אָבער זיין אַמוזאַנט... סטאַשעק וועט נאָך זען, ווי אַזוי אָט דער ברוטאַלער, בייזער קאָמענדאַנט וועט זיך פאַר איר אַוועקשטעלן אויף די קני. ווי אַ ייִנגל וועט ער זיך ביי איר בעטן! און זי וועט דאַן הויך לאַכן; אַלעמען וועט זי דאַן אַריינרופן און זאָלן זיי אָנקוקן דעם אָנגעשטייפטן, באַפעלערישן קאָמענדאַנט! אויך די פרוי זיינע וועט זי לאָזן רופן... און אויך אַלע געליבטע זיינע! העי, וועט דאָס זיין אַ ספּעקטאַקל!...

איר גלאַנץ אין די אויגן איז באַלד נישט געפעלן סטאַשעקן. זי האָט זיך אפילו גענומען פאַרכאַפּן:

— דו וועסט נאָטירלעך אויך זיין דערביי... יאָ, סטאַשיו? וועסט דאָך מיך זיכער קומען שיצן, ווי אַן איידעלער ריטער קומט באַשיצן זיין האַרצנס געליבטע מיט אַ שווערד אין דער האַנט? פון איר לאַכן זעגנען אים אָבער דורכגעלאָפן מוראשקעס איבערן לייב... האָט ער נאָר געטון אַזאַ פאַרכמורעטן ברום:

— נו, דו בריה זיך נאָר נישט צופיל מיט אַזעלכע... ביי זיי קענסטו זיך דערשפּילן...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן און אָפּגעהאַקט. דאָס וואָס אים איז געלעגן אויפן האַרץ — האָט ער נישט געוואָלט אַרויסברענגען פון זיך... עפּעס האָט אים אויפאַמאָל גענומען קאַלט ווערן. זי האָט עס באַמערקט און אַזוי געפּרווירן זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט:

— נו, איך זע אַז מיין ריטער איז שוין אייפּערזיכטיק... און דערביי האָט ער נאָך גאָר שטאַרק מורא אויך...

דאָס האָט שוין אַ שפּיל געטון אויף זיין שטענדיק־אָנגעשפּיצטער אַמביציע און אויך ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. ביידע האָבן אָבער גע־שפּירט אַז עפּעס באַהאַלטן זיי אויס איינער פאַרן אַנדערן... און אפשר פאַר זיך אַליין אויך. זי האָט אים ספּעציעל גענומען גלעטן איבער די האַרטע, נאָכהענגענדיקע האָר זיינע; געווען צוגעלאָזן צו אים מער ווי אַלע מאָל. נאָר ער ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס די הענט אירע זענען געווען מוראָדיק קאַלט און ווען ער האָט זיי געהאַלטן אין זיינע הענט האָט ער נאָר געשפּירט די האַרטקייט פון די ביינער אין אירע פינגער כאָטש זיי זענען שטענדיק געווען אַזוי דיק אָנגעפּעלצט מיט וואַרעמע שטיקער לייביקן סאַמעט... האָט זיך מער דער שמועס נישט געקלעפּט. פּלוצים האָט זי מיד אַ געגעץ געטון — און ער האָט דערפילט אַז דאָס דאַרף צו זאָגן וועגן זיינע רייד: זיי לאַנגווייליקן עפּעס היינט...

אויך אים איז אַזוי טרויעריק געוואָרן... דער טייוול ווייסט עס; פאַרוואָס די שטימונגען אין מענטש זענען אַזעלכע פּאַראַויסלויפער און זיי זאָגן שטענדיק אָן פריער, וואָס עס דאַרף שפּעטער קומען. ער האָט דאַן ווידער אַ בליק געטון אויף מאַריאַן... דאָס ערשטע מאָל אפשר, אַז ער האָט זי אַ ז ו י דערזען. פריער איז ער אויסגעפּולט געווען מיט איר אינגאַנצן אַז ער האָט זי נישט געקענט ד ע ר ז ע ן. בלויז דאַן האָט ער געקוקט מיט געעפנטע אויגן אויף איר צעוואָקסנקייט, איר גאַנ־צע פיגור, דאָס פּנים... זי איז דאָך טאַקע שיין! אויפאַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן אַז ד אָ ס קענען אַלע זען, נישט נאָר ער... אַזאַ פרוי מוז באַ־מערקט ווערן פון די פּאָליציי, פון די קאָמענדאַנטן... פון די דייטשע מייס־טער! פאַרוואָס איז אים דאָס פריער גאָרנישט איינגעפאַלן? פאַרוואָס האָט ער געמיינט, אַז זיין צורירן דעם צלם אויף איר ברוסט מיט נאָענט־קייט קען די גאַנצע וועלט פאַרדעקן נעבן איר?

אוי, ווען ער וואָלט געקענט מאַכן אַז קיינער זאָל זי נישט קענען אָנ־קוקן אין גאַנצן, אַזוי ווי ער האָט עס פּלוצים דערזען! די אויגן זאָלן ביי אַלעמען פאַרשטעלט ווערן!... נאָר ער איז אַ מענטש וואָס לאָזט זיך נישט מיטרייסן מיט קיין פאַנטאַזיעס. ער זעט אַלץ! און געזען האָט ער מיט אַזאַ אונטערבאַוווסטזיניקן בליק, אַז איצט גלעט זי אים שוין מיט הויי־לער רחמנות צו אים, צו זיין קליינקייט, צו זיין הינקעדיקייט און אויך

פון מיטלייד צו זיין משומדישער סיטואַציע אין אַן איינגעשלאָסענער וועלט פון יידן, בלויז יידן... זי האָט זיכער אַזוי געטראַכט, כאָטש דאַן האָט זי נאָך אַליין נישט געוווסט דערפון...

ער האָט טרויעריק געקוקט אויף אירע צעפלאָמט־רויטע האָר און אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער זעט פאַר זיך אַ פלאַקערדיק־רויטע, שיי־נע זון, וואָס גייט אונטער... זי וועט זיכער ווייטער שיינען, אָבער אונ־טער אַן אַנדער ערד, אויף אַן אַנדער וועלט... פאַר אים לעשט זי זיך שוין אויס... אָט טאַקע שוין! עס שפּריצן נאָך אויף אים אירע לעצטע פינקען...

— 4 —

אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, פשוט און געוועגלעך. ביינאַכט האָט ער זיך קוים דערשלעפט ביז צום באַראַק. נאָך אַ לאַנגער צייט האָט ער אין יענער נאַכט ערשט געשפּירט אַז ער הינקט. ער איז אַזוי קליין געוואָרן דאַן ביי זיך, אַזוי נידערגעשלאָגן — ווי עפּעס אַ שטיקל פון אַ פאַרגעסענעם מענטש וואָס האָט זיך — דורך אים — געוואַלגערט אין ווערק צע... נאָר, נאָך אַ נאַכט וואַרפן זיך פון כעס און שלעכטע זעאונ־גען — איז ער אין דער פרי ווידער געגאַנגען צו דער אַרבעט און פאַר־נאַכט — ווידער צו מאַריאַן אין באַראַק.

ער האָט אפילו גענומען צוריקגעפינען דעם הומאָר, די זיכערקייט אין זיך ביים זיצן נעבן איר. ער האָט געוואָלט מיט די רייד פאַרדרענגען אין זיך אַלץ טיפער דאָס געפיל פון נידערגעשלאָגענער אומזיכערקייט און דערפאַר צו־הויך גערעדט, צו־הילכיק געלאַכט... און אפילו נישט געוואָלט זען ווי איר צלם וויגט זיך איצט אָנגעברוגזטער אויף איר ברוסט אונ־טערן דעקאָלט... און ווי זי אַליין הערט אים אויס אַזוי טאָלעראַנט, אַזוי ווי אַ נאָנע וואָס מוז אַלץ איבערטראָגן פון אַ קראַנקן...

אים האָט זיך אָבער אויסגעוויזן אַז איצט איז זיין שאַנס; אַז ער דאַרף איצט קעמפן מיט דער צונג, אויסראַנגלען זי פאַר זיך. ער טאָר נישט אָפּטרעטן! ער קען נאָך געווינען אַלצדינג, אויב ער וועט זי אויפ־לעבן, באַוועגן און אַריינברענגען זי אין אַ הייטערער, צוגעלאָזענער צע־שמייכלטקייט. דערפאַר האָט ער נישט געוואָלט זען ווי זי גורטלט זיך אָן מיט געדולד אים צו הערן און ווי אַזוי זי קוקט זיך עפּעס אום מיט אַזאַ שרעק און דערוואַרטונג...

לאַנג האָט ער נישט געדאַרפט וואַרטן. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר פון באַראַק און עס האָט זיך באַוויזן דער קאָמענדאַנט, ווייזנבערג. ער האָט איצט שטרענג געשמייכלט, קוקנדיק פון ווייטן אויף מאַריאַן און ביי סטאַשעקן האָבן די בלוטן גענומען יאָגן שנעלער, ראַשיקער... זיי האָבן אים פאַרגאָסן דעם קאָפּ, די געדאַנקען, די אויגן... אָט קומט ער טאַקע מאַכן דעם ספּעקטאַקל!

ווי צערייצט און שיכור סטאַשעק איז נישט געווען — האָט ער יע־נעם נאָך אַלץ געזען ווי דורך אַ נעפּל, געזען אויך מאַריאַס צעשמייכלט־אויסגעקרומטע פּנים און ער האָט געוווסט: אָ, ניין! אַזאַ מונדירטער און אויסגעפּוצטער חברה־מאַן מיטן אויסזען פון אַ מאָנאַרך וועט דאָ פּאַר איר נישט קניען... עס איז אַ ליגנט, אַ פּוסטע פאַנטאַזיע! איר פּנים האָט עס אים שוין געזאָגט. ער האָט אָבער קיין צייט נישט געהאַט צו קלערן לאַנג. ווייזנבערג איז צוגעקומען נענטער, אַ בליק געטון אויף מאַריען און איבערראַשט געוואָרן... ער האָט פּלוצים באַמערקט זיצן סטאַשעקן אויפן ווינקל־ראַנד, אַריינגעבויגן ווי פאַרחלשט אינעם בעטל אַריין...

עפּעס האָט ער זיך געוווּנדערט, געחוזקט, באַפּוילן און אויסגע־לאַכט מיט איין און דער זעלבער פראַגע:

— הע, וואָס טוט ע ר דאָ? דער... דער הינקעדיקער?!

מאַריאַ האָט זיך געפּילט אומבאַקוועם. ווייזנבערגס אויגן האָבן שוין גענומען באַפעלן עפּעס מיט אַ שטרענגער בייזקייט און זי... שוין מסתמאָ באַוויזן צו ווערן מיט אים גוט היימיש! ווייל אָט האָט זי גענו־מען צו אים רעדן היימיש־צערטלענדיק און מיט אַ שוואַכן פּראָטעסט:

— אָבער כעניוש... לאָז דאָך... ס'איז דאָך מיין פאַמיליען־פריינט, אינזשינער סטאַניסלאַוו...

ווייזנבערג איז אָבער נישט געווינט צו קיין צאַרטע שפּילערייען מיט ווערטער. זיין צייט איז אים צו טייער. יעדער מינוט איז אַ שאָד צו פאַרלירן אויף ווערטער, וואָס דאַרפן נאָר גענאַרן, כאָטש אַלע ווייסן אַז דאָ נאַרט מען... מען שווינדלט גלאַט אין דער וועלט אַריין מיט די שיינע ליפּן־מאַניערן... ער האָט זיך דערפאַר אָן צערעמאָניעס אַ ווענד געטון צו סטאַשעקן:

— נו... און ער ז י צ ט נאָך אַלץ! וועסט זיך טאַקע נישט אויפ־הייבן?

פון זיין טאָן האָט סטאַשעקן אַ נעם געטון אַזאַ אומגעזונטע קלע־

מעניש אונטערן האַרץ. ער האָט געוואָלט איצט בלייבן זיצן, עפּעס אויס־שרייען, כאַפּן עפּעס אין האַנט אַריין און שליידערן... ער מוז דאָ פאַרטיידיקן זיינס — און קען עס נישט... אַ פּאַראַליזשירנדיקע אָפּהענטי־קייט האָט אים געהעצט און גלייכצייטיק צוגענומען די מאַכט אַרויסצו־ברענגען פון זיך אַ וואָרט, אַ פּיפּס... ווי עקלהאַפטיק ער האָט דאָן אויס־געזען! זי זיצט און זי קוקט אים אָן... און ער באַווייזט נישט קיין העל־דישקייט! ער ווערט גאָר אַ קליין, איינגעשרומפּן פּחדנדל וואָס שטעלט זיך אויף אַזוי דערשראָקן... שטייט און ווייסט נישט וואָס ער זאָל ווייטער טון... און זי זעט, קוקט! אַ פּרוי פון אַ הויכן פּוילישן אָפיציר... וואָס האָט ער נאָך ביי איר צו זוכן, צו געווינען? אויך דערפון האָט ער נישט געקענט טראַכטן. זיינע אברים האָבן אַליין נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן, ווי זיי וואָלטן געזוכט זיך איינצוקלאַמערן אין דער לעצטער פּאָ־זיציע, נישט פאַרלירן זי אַזוי לייכט, אַזוי מיאוס — און אויף שטענ־דיק...

ווייזנבערג האָט דאָס ביי אים באַמערקט. אַ גוטער מענטשן־קענער איז ער דאָס געוואָרן איבער אַנדערעס קעפּ! האָט ער אים דערפאַר צוגע־קלאַפּט די רעשט מיט זיינע ווערטער... האַלב צאַרנדיק און האַלב גוטמו־טיק האָט ער אים גענומען ווייטער דערלאַנגען מיט דער צונג:

— און איצט... טראָג זיך וואָס שנעלער אַרויס פון דאַנעט, הינקע־דיקער טייוול דו!

דער קלאַפּ איז געווען אויפן אָרט. פון גרויס איבעראַשונג האָט סטאַשעק פאַרלוירן דאָס לשון. ווי אין לונאַטישן צושטאַנד האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר. ער האָט נאָך באַוויזן צו הערן ווי מאַריאַ פּראָ־טעסטירט מכלומרשט אויף דעם דאָזיקן טאָן:

— אָבער... פּאַניע כעניעק!...

עס איז אָבער קאָנטיק געווען, אַז באַהאַלטענערהייט אימפּאָנירט איר אַליין גאָר שטאַרק ווייזנבערגס ציניש בּרוטאַליטעט. זי אַליין וואָלט געדאַרפט ווי־לאַנג זיך אַרומשפּילן מיט אָט דעם צוטשעפּעניש... זי וואָלט געדאַרפט אויסזוכן שיינע רייד, דערקלערונגען און גאַנצע בערג מיט ציטאַטן... עס וואָלט געדויערט ווי לאַנג, ביז זי וואָלט אַ סוף געמאַכט דערצו! איז אָבער געקומען ער, דער העלד מיטן קאָמענדאַנטן־היטל און עס געמאַכט אַזוי קורץ, ווי אַ דעראָבערער וואָס פאַרטרייבט אַ פליג פון זיין גרויסן פּאַלאַץ...

ער האָט אפילו נאָך באַוויזן צו הערן ווי ווייזנבערג האָט אויך מאַ־ריאַן געגעבן צו פילן, ווי אַזוי ער נעמט זיך איבער מיט אַזעלכע זאַכן:

— און דו ווייטער, שפּיל מיר דאָ נישט דיינע אינטעליגענטנע שטיק... דו ווייסט דאָך: כל זמן איך בין גוט — בין איך גוט... נאָר אַזעלכע שטיק לייד איך נישט...

מער האָט ער נישט געדאַרפט צו הערן. אָט האָסטו דיר פאַנטאַזיעס אירע! ווי משוגע ער איז נישט געוועזן, בלייבנדיק שטיין אין דרויסן — האָט דאָך ביי אים דער געדאַנק נאָכגעקרומט אירע נעכטיקע ווערטער:

— ער וועט ביי מיר נאָך שטיין אויף די קני... אַלעמען וועל איך רופן און זאָל מען זען... די פּרוי זיינע...

עך, די זונה! — — — —

— 5 —

דאָס בעטל אין באַראַק איז ענג, פינצטערלעך און באַהאַלטן אין ווינקל. קיינער קען דאָ גאָרנישט הערן אויסער מעכעלען. דערפאַר קען דאָ סטאַשעק הויך פאַנטאַזירן אויפן קול און צוריק זיך אָפּנעמען זיין פאַרלוירענעם שטאָלץ דורך רייד, דורך נקמה־פּלאַפּלערייען... וואָס ער פּלאַנט אַלץ אויס! צום ווייפּלטן מאָל חזרט ער שוין איבער:

— איך וועל אים הרגענען! ווי אַ הונט וועל איך אים דערשטעכן!...

די דאָזיקע רייד לאָדענען אים אויס, זעטיקן אים מיט אַזאַ מין געפיל, פאַר וועלכן ער דאַרף זיך מער נישט שעמען. ער אַליין ווייסט גוט, אַז נאָך היינט דרייט ער זיך אַרום מאַריאַס באַראַק, קוקט דאָרט אַריבער מיט אַ פאַרלוירענעם בליק... און ווען ער זעט דאָרט פאַרבייגיין ווייזנבערגן — טוט ער הכנעהדיק אָ צי זיין זייטיק־אַריבערגעלייגט היטל — ווי אין אַמאָליקע סטודענטן־צייטן — און פאַרבויגט זיך... און ווען ער זעט זי פון ווייטנס — הייבט זיך אָן ביי אים דאָס שוואַכע ציטעניש, פון וועלכן ער ווערט ווי פאַראַליזירט... ער בלייבט דאַן שטיין, קוקט אויף איר מיט אַזעלכע בעטנדיקע אויגן — אַז זי זאָל אים זען, דערמאָנען זיך ווי טריי ער איז איר...

איינמאָל האָט ער אפילו באַוויזן אויפצוכאַפּן, ווי ווייזנבערג האָט פריילעך אַ זאָג געטון צו מאַריאַן, ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען נישט ווייט פון אים:

— ער האַלט זיך דאָ אין איין דרייען אַרום דיר, דער הינקעדיקער אַדאָראַטאָר דיינער... מען דאַרף אפשר זאָגן אַ פּאָליציאַנט, ער זאָל אים אַדורכטרייבן מיט אַ שטעקן? ער קוקט מיר נאָך מיט אַזעלכע שליפּיעס פון וועלכע מיר ווערט קאַלט... איך לייד עס נישט!

דאָס האָט ער געהערט און גאָרנישט געענטפערט. ער איז דערביי נאָך מער איינגעקורטשעט געוואָרן, קלענער געוואָרן... און סטאַשעק ווייסט אַליין ביי זיך, אַז אין זיין האַרץ נערט זיך נאָך אַ האָפענונג, אַז די משומדת וועט ווייזנבערגן נמאס ווערן. ער וועט זי אַמאָל איבערלאָזן, ווייל ער וועט זי האָבן גענוג, פונקט ווי ער האָט עס געטון מיט אַנדערע. ער האָט אין איר נאָר געזען דאָס נייע, דאָס אַנדערע פון אַלע פרויען אין לאַגער — דאָס צלמדיקע... דערנאָך וועט ער זי אָפּלאָזן און אפשר טרייבן זי, אַזוי ווי ער האָט פאַרטריבן אים, סטאַשעקן... און ער ווייסט אויך, אַז דאַן וועט ער נישט בייז זיין אויף ווייזנבערגן; ער וועט נישט גרייט זיין זיך אָנצונעמען פאַר מאַריאַס ערע נאָר פאַרקערט: ער וועט אים דאַנקבאַר זיין! ער וואָלט אים געפאַלן צו די פיס פאַר גערירטקייט, וואָס ער האָט זי נאָכגעלאָזט... דערנאָך וואָלט ער אַריבערגעלאָפן צו מאַריאַן און וואָלט זיך געשטעלט נעבן איר, אַן אונטערטעניקער, אַ גריי־טער — — —

דאָס זענען אָבער די אמתע מחשבות זיינע פאַר וועלכע ער דאַרף זיך שעמען; וועלכע ער דאַרף פאַר זיך אַליין באַהאַלטן און זיי פאַר־שרייען מיט אַנדערע — מיט האָנאָראָווע... דערצו נאָך ווען עס הערט אים דאָ עמעצער אויס! דערפאַר הערט ער נישט אויף צו איילן די פוסטן און צו פאַרשיטן מעכעלען מיט רייד:

— אַ שטאַרקער איז ער! מיט וועמענס כח? זי איז עס טאַקע נישט ווערט, די פאַלשע זונה — אָבער דאָך וואָלט איך געוואָלט זען, ווי אַזוי ער וואָלט אויסגעזען אין אַ דועל, איך אַ קאַמף — ווו מיר ביידע זענען גלייכבאַרעכטיקט און פריי... איך וואָלט אים דאַן געוויזן, דעם אונטער־וועלטניק! נאָר אַזוי, אַז דאָס געשעט אין ווערק צע איז ער דער שטאַר־קער! אוודאי האָב איך געהאַנדלט פחדנותדיק... איך האָב אים געקענט אַריינזאָגן כאָטש איין וואָרט — ער זאָל עס האָבן צו געדענקען! וואָס וואָלט אָבער געוואָרן דער סוף? ער וואָלט מיך ליקווידירט, דער באַנדיט און ער וואָלט זיך ווייטער אָפּגעטון זיינע ניאופערייען. אָבער סטאַשעק וועט זיין לעבן פאַר איין שאַרף וואָרט נישט אַוועקגעבן. דאָס איז צו בי־

ליק! בעסער צו לעבן און דאָס האַרץ זאָל יעדן טאָג פּלאַצן — אָבער איך האָב דערבײַ די געלעגנהייט אָפּצוואַרטן, דערשלעפּן זיך — ביז מײַן שעה וועט קומען. אוי, וועלן זיי דאַן וויינען! צו די פֿיס וועט ער מיר נאָך פֿאַלן, ווי אַ וואָרעם וועט ער זיך דאַן דרייען!... און איך — — —

פֿול מיט די גיפֿטיקסטע פֿלעגנער איז ער, סטאַשעק. עס איז קאָנטיק אין אים, אַז מיט זיי נערט ער זיך, שפּײַזט ער זײַנע באַליידיקטע טעג, די משוגהדיקע ליבע זײַנע פֿון וועלכער עס מוז אַרויסשרייען דער האַסט און דער ה אַ ס ...

ער האַלט זיך פֿאַר דעם באַעוולהטסטן מענטש אין לאַגער: אַלע וואָס דרייען זיך דאָ אַרום — זענען צווישן זיך; קענען זיך צוקלייבן זייער געזעלשאַפֿט און ווערן נאָענט מיט אַלע מיידלעך און די פֿרויען וואָס געפֿינען זיך דאָ. ווער שמועסט פֿאַר ווייזנבערגן זענען דאָך אוודאי אַלע אָרעמס צעעפֿנט! אָבער פֿאַר סטאַשעקן איז אַלץ אָפּגעשלאָסן! איין פֿערזאָן האָט ער געפֿונען... און זי האָט נ י ש ט ג ע ט אָ ר ט זיין קיין אַנדערענס! פֿאַר אים האָט מען זי געדאַרפֿט לאָזן, צווינגען זי אפֿילו מיט אים זיך צו האַלטן! דאָס איז שוין אַזאַ מין העכערע באַשטימטקייט, וואָס זיי ביידע געהערן דאָ צו אַן אַנדער וועלט — פֿון וועלכער דאָס ביסל יידן זענען צו ווייט און די קריסטן, די נישט־יידן האָבן זיי אָפּגעשטויסן, פֿאַרמאַכט אונטער דראָטן און שלעסער...

ווי אַזוי האָט מען נישט געהאַט דאָס מינדסטע געפֿיל פֿון ערלעכקייט, פֿון גערעכטיקייט און אַזוי קאַלטבלוטיק דערלאָזט דערצו? פֿאַרוואָס האָט קיינער פֿון לאַגער זיך נישט אַרויסגעשטעלט? און פֿאַרוואָס טרייבט מען אים איצט נאָך מער, מען לאָזט אים נישט אויף די אויגן? אָט וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק די יידן זענען! ער וואָלט אין אַלע נקמה גענומען! אוי, וואָלט ער זיי געוויזן ווי אַזוי מען דאַרף לעבן און ווי אַזוי מען דאַרף היטן די גערעכטיקייט!... נאָר אַזוי? ער מוז איצט קריצן מיט די ציין, אָבער פֿאַן מעכעווע וועט זען, וואָס סטאַשעק קען נאָך באַווייזן! זאָל ער אַליין זאָגן: האָט דען מאַריאַ נישט געמוזט געהערן נאָר צו אים? וואָס האָט אַזאַ ווייזנבערג געהאַט צו זוכן ביי איר? פֿאַרוואָס האָט ער אים פֿאַריאָגט מיט אַזאַ זיגערישער ברוטאַליטעט? מעכעלע איז דאָך אַ שטילער, אַן איידעלער, נישט ווי אַלע בורזשויען דאָ... ער האָט דאָך אין זיך די אַמאָליקע עטיק פֿון די יידישע גרויסע גייסטער... וואַרט! סטאַשעק ווייסט אפֿילו, וואָס די אַמאָליקע תלמודיסטן האָבן וועגן דעם געזאָגט... ער האָט

עס געלייענט אין אַ טעאָלאָגישן זשורנאַל — נאָר ער האָט פאַרגעסן... איז וואָסזשע זאָגט ער מעכעלע? ס'איז ביי אים דען רעכט אַזוי?

עטלעכע נעכט האָט סטאַשעק אַזוי געשיפּעט מיט זיין איבערגע־בראָכענער שטים, אַליין זיך געררייצט און דערנאָך געמוזט אַליין אין זיך דערשטיקן די גערייצטקייט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביסענער, פול מיט שרעקלעכע טראַכטענישן און פּלענער — נאָר דאָך האָט ער זיך גע־בויגן פאַר יעדן, אָפּגעטראָטן דעם וועג... און איינמאָל, ווען מעכעלע האָט זיך פאַרשפּעטיקט און ערשט אין מיטן נאַכט זיך אַריינגעשאַרט אין באַראַק — האָט ער געהערט ווי סטאַשעק העשעט שטיל אַריין אין זיין שטרויזאַק אַריין... און אַזאַ מאָדנע שרעק איז אים באַפאַלן דערביי:

— דער משומד וויינט... און אויך אַ משומד קען וויינען ווי אַלע מענטשן... מיט אַזאַ שטילן ציטער און מיט אַזאַ אַקסל־צוקן, אַזוי ווי אַלע פאַרפּייניקטע און באַעוולהטע מענטשן... ווי מאָדנע: אויך אַזאַ משומד ווי סטאַשעק!

קאַפּיטל אַכט

— 1 —

דורך סטאַשעקן איז מעכעלע אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אַ באַ־זונדערן שיכט מענטשן פון ווערק צע, אויף וועלכע ער האָט פריער קיין אַכט נישט געלייגט. דאָס זענען געווען די אַמאָליקע פּאָלאָניזירטע יוגנט פון די גרויסע שטעט, וועלכע האָבן אפילו נישט געוווסט וויפל שייכות זיי האָבן צו יידן, ביז צום געטאָ אָדער לאַגער.

טייל פון זיי האָט די קריג געטראָפן ביי די גאָר פריע יינגל־יאָרן, ווען אין מח האָבן זיך געפּלאָנטערט אַלע סענטימענטאַלע האווערייען פון די געלייענטע און געלערנטע ביכלעך אַרויס. דערנאָך איז געקומען דער געטאָ, מיידאַנעק און דער פינאַל: ווערק צע... דאָ האָבן צוריק גענומען אויפטייען די פאַרצערטלטקייטן, וואָס די עלטערן האָבן זיי אַמאָל גע־געבן; די דין־הייטלדיקע אַריסטאָקראַטישקייט פון מאַניערן און רייד — וואָס אין די רייך־אַסימילירטע הייזער האָט מען אין דעם געזען דעם הויפּט־ציל, דעם גוטן טאָן... און די גוט־דרעסירטע יינגלעך האָבן זיך

איצט אַ כאַפּ געטון דערצו מיט דעם גאַנצן אימפּעט — נישט אויפן אָרט און נישט אין דער צייט. דאָס זענען טיילמאָל געווען צאַרטע, ערלעכע און קאָמישע דאָן קישאָטן אויפן פּאָן פון דער גראָבער ווערק־צע־וועלט, ווו די לעצטע ניצוצות אַריסטאָקראַטישע אַסימילאַציע האָט זיך געריסן צו דערהאַלטן ביים לעבן...

די גרויע מאַסע פון די ווערק־צעניקעס האָט זיי אויסגעמיטן, געזען אין יעדן פון זיי אַ משומד, אַ מסור אָדער גלאַט אַ פאַרלוירענעם מענטש. פון דער צווייטער זייט האָבן אויך די אַנדערע עלעמענטן זיי אָפּגעשטויסן, אָפּגעלאַכט פון זיי. די פּיפּיקע, פּאָלאָניזירטע מיידלעך און קוזינקעס האָבן געזוכט האַרטע, שטרענגע הענט און מער נישט געוואָלט הערן קיין ראָמאַנטישע סערענאַדעס פון די שול־ביכער. די לאַנגע ציטאַטן פון מיצ־קעוויטש און טובים האָט זיי מער נישט אימפּאָנירט. זענען טאַקע טייל נישט־דעמאָראַליזירטע יינגלעך פון דער אַמאָליקער אַסימילאַציע אונטער־געגאַנגען פון בענקשאַפט, פרעמדקייט און פול מיט פאַרוואונדערטער נישט־פאַרשטענדעניש פאַר דער וועלט.

אין לאַגער איז יעדער איינער דערנידעריקט. אין יעדן מענטש לעבט אָבער אַזאַ ווילן זיך אַמאָל אַרויסצוהייבן, העכער זיין ווי אַנדערע. די פּאָליציי ווערט דערנידעריקט פון די קאָמענדאַנטן און פון די דייטשן — האָבן זיי אָבער די געלעגנהייט זיך צו באַווייזן מיט זייער מאַכט איבער די גרופּן זייערע, איבער סתם מענטשן אין לאַגער. זיי וואָלטן זיכער אַזוי ברוטאַל נישט געווען אין נאָרמאַלע צייטן — ווען זיי זאָלן דערביי נישט האָבן אויפצומאָנען דעם חוב אויך פון זייער אייגענער דערנידע־רונג. דאָס ווערט אַ פאַרכישופט ראָד ביי יעדן איינעם באַזונדער. יעדער לאַגער־איינגוויינער מ ו ז האָבן איבער וועמען זיך העכער צו האַלטן, וועמען צו מאַכן נידעריקער פון זיך — אויב ער וויל נישט פּלאַצן פון שפלות.

אויך די גרויע און געפּייניקטע סקעלעטן־מאַסע האָט עס געזוכט הינטערבאַוווסטזיניק, געמוזט עס זוכן און געפינען. ניין, זיי קענען אי־בער קיינעם נישט הערשן! נישט זיי האָבן דערצו דעם כח און נישט די מאַכט. און אפילו זיי זאָלן קריגן די מאַכט אין האַנט — וואָלטן זייער אַ סך פון זיי נישט געקענט אויסדריקן זייער געוואָלטע העכערקייט מיטן שטעקן און מיט פיזישן אויסדרוק. די דערשלאָגענע האָבן גיכער געזוכט

צו געפינען א זין אין דעם, וואָס זייערע ל יי ד ן זענען העכער ווי אַנדערעס, רייַנער...

דערפאַר האָבן טייל פון די חושכדיקע באַראַק־איינוווינער גענומען אויסזוכן צווישן זיך די פרעמדע און אָפּגעדאַרטע צווייגן, די אַדורכגעפּוילישטע יינגלעך און דערוואָקסענע און איבער זיי געפּייערט מיט פאַר־ביטערונג די העכערקייט פון זייערע אייגענע ליידן און יסורים. יעדער פון די דאָזיקע איז פאַר זיי געווען אַ משומד. און ביי יעדער געלעגנהייט האָט מען זיי נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען:

— מיר? מיר זענען דאָך כאָטש געווען יידן... אָבער זיי? דאָס האָבן זיי דאָך אויך געוואָלט זיין די זעלבע כוליגאַנעס, די זעלבע שעטשקאָס, ביעלסקיס, זשעלינסקיס און גאַיעווטשיקס!... זיי האָבן אַלץ געטון — צו ווערן אַזויווי די אַלע פאָליאַקן וואָס האָבן אונדז געהאָלפן כאַפּן ווי די הינט און אונדז דערשלאָגן. זיי וואָלטן עס אויך געווען געטון — ווען היטלער זאָל עס געווען דערלאָזן. נישט זיי געפינען זיך צווישן אונדז נאָר ז יי ע ר ג ו ר ל ... טאָ וואָס איז דער מער? זייער גורל האָט זיך טאַקע געביטן, אָבער זיי אַליין זענען דאָך געבליבן די זעלבע... זיי רייסן זיך דאָך ווידער צו דער פוילישער גאַס, צו די אויסגעשאָכטענע שטעט און זיי ווילן דאָך איצט אויך זיך אַרומדרייען און זינגען „יעש־טשע פּאָלסקאַ“... טאָ וואָס האָבן זיי מיט אונדז? מען וויל זיי נישט האָבן צו דער מלאכה פון רויבן און שעכטן די יידן — דערפאַר נעמען זיי די זעלבע פאַרציעס ברויט אין ווערק צע וואָס מיר און דערפאַר בלויז גייען זיי צו די גראַנאַטן און צו די קעסלען... אָט וואָס!

האָבן זיך אַזעלכע פרעמדע גענומען צוזאַמענטוליען צווישן זיך — אָבער עס האָט נישט געוואָרעמט... עפּעס האָבן זיי אַלע צוזאַמען פאַר־לוירן אַזעלכעס, צוליב וועלכן זיי האָבן זיך געשעמט איינער פאַרן אַנ־דערן, אויך צווישן זיך. און קיינער האָט נישט פאַרמאָגט גענוג, בכדי אויך דעם צווייטן עפּעס צו דערלאַנגען. זענען זיי אָפּט געלעגן אָפּגעזונדערט אויף די פּריטשעס און צוגעזען, ווי אַזוי די אַנדערע באַרוויסע ברואים קענען זיך רייסן צווישן זיך, זידלען און אַריינפאַרן איינער דעם צווייטן אין דער גאַל און אין לעבן אַריין — אָבער דערנאָך קענען זיי זיך אויך אָוועקזעצן צוזאַמען, שמועסן, דערציילן זיך פאַרשידנס, אויסוויינען זיך צוזאַמען און אויך צוגעלאָזט ווערן צווישן זיך — ווי אייגענע ברידער...

מעכעלע האָט אפילו געזען אַמאָל אַזאַ פאַקט ביי די מענטשן פון

„באאו" אין באַראַק: עס איז געווען אַ רואיקער פאַרנאַכט. אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגענומען די פּאָרציעס ברויט און יעדער באַזונדער האָט פון איר געשניטן קליינע פּאַסיקלעך מיט אַ מעסערל און געלייגט ברעקלעכווייז אין מויל אַריין. איינער, אַ הויכער האָריקער יונג האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שפּיץ פון באַראַק־טישל און אַלע האָבן זיך ביי אים גענומען בעטן:

— אשר... ס׳איז איצט אַזוי רואיק — דערצייל עפּעס...

און דער הויכער, חיהש־באוואקסענער יונג האָט עפּעס גענומען דערציילן אַזוי האַרציק, טרויעריק וועגן אַ מעשה וואָס איז אַמאָל פאַרלאָפן — אַז די שטילקייט אַליין האָט זיך גענומען פאַרגאַפט איינהערן... דערנאָך האָט עפּעס אַ קליין, באַחנט פּיקרינער־ייִנגל פאַרצויגן אַ לידל... געבירטיקס אַ לידל וועגן אַ מאַרעוויכער אברעמל, וואָס האָט נאָך געלאַטכנט ביי גראָבע בייכער, דערנאָך האָט ער געוואָלט מען זאָל אים שטעלן אַ גאָלדענע מצבה...

ביי אַלעמען האָבן זיך געשטעלט אויסגעלייטערטע, קוועליקע טרערן אין די אויגן. פּלוצים האָט זיך ווער אַ שטעל געטון פון אַ זייטיקער פּריטשע... עפּעס אַזאַ הויכער, אַ בלייכער, אַן אומרואיקער... ער האָט גענומען טאַפּן מיט זיינע טריט דעם וועג צום אַרומגעזעצטן טישל מיט אַ מאָדנער פאָרזיכטיקייט — ווי אַ בלינדער וואָס זוכט זיין וועג... אַלע האָבן אויפאַמאָל איבערגעריסן. די ווייך־געוואָרענע אויגן זענען צוריק געוואָרן שטאָליק, האַרט און דראָענדיק. אַ געמורמל האָט גענומען וואַקסן, אָנבלאָזן זיך, שאַרפער ווערן... אשר, דער האָריקער דערציילער האָט מער נישט אויסגעהאַלטן:

— ס׳קאָצל קומט! יידן זיצן און... מ׳זיצט און מ׳רעדט אויף אַ יידישן אופן איז — ברוך הבא! דער משומד פּיכטענהאָלץ וויל שוין אויך זיין אַ מחותן אויף דער חתונה... משומד איינער! דאָ איז נישט קיין קלויסטער!...

דאָס פּנים פון הויכן, דאַרן וואַרשעווער משומד איז פאַרצאָגט געוואָרן... ער איז געבליבן שטיין אַן אויסגעפּאַטשטער אין מיטן חדר און נישט געוווסט וואָס צו טון: צוריקגיין צו דער קויקע זיינער — אָדער צופאַלן צום טיש, אַריינרייסן זיך מיט געוואַלד אין אָט־דער גרופּע, וואָס האָט זיך אַזוי האַרציק דערנענטערט צווישן זיך אויף אַ פּאָר מינוט... אָפּשטויסן די, וואָס דערלאָזן נישט — און מיט געוואלד פאָדערן זיין חלק

מ ע נ ט ש ל ע כ ק יי ט ! דאָ זענען אַלע גלייך — פאַרוואָס קומט אים נישט דאָס ביסל גאָענטקייט, דאָס ביסל גליקלעכע פאַרגעסנקייט פון וועל־כן אַלע דאָ ביים טיש געניסן!? ער האָט זיך, זעט אויס, געיישובט אַ מי־נוט, אויב ער קען דאָס דאָ פ אָ ד ע ר ן, אויב עס וועט אים געליג־גען צו נ ע מ ע ן מיט כח... ער האָט דערפאַר געגלאָצט פאַרלוירן מיט די אויגן, געוואָלט דערגיין, וואָס עס וועט דאָ ווייטער זיין... ביי אַלע־מען האָט זיך פאַרהאַקט דער אָטעם. מען האָט נאָר געהערט זיין שווערן, אָפגעהאַקטן קרעכץ... פלוצים האָט ער זיך אַ ריס געטון. מיט איין שפרונג איז ער געווען נעבן טיש און ווילד גענומען קלאַפן מיט זיין אָפגעשוואַכ־טער פויסט:

— יאָ! יאָ! דער משומד פיכטענהאָלץ! אָבער ער איז דאָך אַ ייד! אַ בעסערער ייד ווי איר דאָ אַלע! אַ בעסערער ייד!...

אַלע האָבן מער קיין וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין רייסן, ביז אַ ווייסע שוים האָט זיך אים צעבלעזלט אויף די ליפּן און ער האָט זיך אַ וואַקל געטון. דערנאָך האָט מען אים שוין אַוועקגע־לייגט אויף דער קויקע און אַלעמען איז עפּעס טרויעריק געוואָרן:

— אפשר טוט מען טאַקע אַזאַ מין פעלער און מען ווייסט נישט פאַרוואָס?

אין ווערק צע קען מען אָבער מיט קיין געבוירענעם געדאַנק לאַנג זיך נישט האַלטן. ער קומט אויף... און דערנאָך מוז מען אים אַוועקשיקן צום טויטן קעסטל, פונקט ווי אַלע ניי־געבוירענע פון ווערק צע...

— 2 —

צווישן די צענדליקער פאַרלוירענע נשמות אַזעלכע האָט זיך מע־כעלען באַזונדערס געוואָרפן אין אויג סטאַשעקס אַ גאָענטער חבר, דער פילאָזאָף־סטודענט, זעלדין. ער האָט מיטגעמאַכט דעם זעלבן וועג וואָס סטאַשעק. יאָ געשמדט, אָדער נישט געשמדט? וועגן דעם האָט ער נאָר געשמייכלט מיט זיינע פולע, דורשטיקע ליפּן: וואָס באַדייט עס דען?

ער איז אַריינגעקומען אין ווערק צע אַ פרישער, אַן אָפּגעזונדער־טער פון דער וועלט. פריער האָט ער שטודירט, געווען אין אויסלאַנד... אָבער גאָרנישט האָט ער געזען. ער האָט פילאָזאָפירט, געחלומט. די ערשטלינגס־פרוון אויפן געביט פון פּאָעזיע און עסיי האָט ער נאָך אָנ־

געהויבן פאַרן אויסברוך פון קריג. ער האָט זיך געריסן צו דער וועלט, זעלדין, אויף זיין שטייגער. פון יידן האָט ער אַזוי ווי גאָרנישט נישט גע־ווּסט. עפּעס האָבן זיי זיך געדרייט אויף זיינע וואַרשעווער גאַסן, גע־טומלט און געהאַט אין זינען גאָר אַנדערע זאַכן וואָס ער. זיי פלעגן פאַר־בייפליען מיט די צעפּאָכעטע שוואַרצע פליגל זייערע און ער האָט גע־ווּסט אַז זיי געהערן צו אַן אַנדערן פּלאַנעט... ווייטער גאָרנישט. אים האָט אינטערעסירט די ליטעראַטור, די פּאָעזיע און די פילאָזאָפיע — האָט ער אין יענער וועלט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך אויסבאַ־האַלטן פאַר דער גרויער וועלט. דערפאַר איז ער געבליבן פאַרחלומט; אַ נישט־דאַאיקער, אַ פאַרטראָגענער...

אויך אין געטאָ האָט ער עס געפּרוווט טון. גאַנצע טעג האָט ער גע־לייענט ביכער, געפירט אַ טאָג־בוך און נישט געוויזן זיך אויף דער גאַס. מיט דעם האָט ער געמיינט אַדורכצוגיין די שוואַרצע היטלער־צייט. אַ געצערטלט קינד איז ער געווען ביי זיינע אַריסטאָקראַטישע עלטערן — און דערפאַר האָט ער זיך עס געקענט דערלויבן אפילו אין די איינגעשלאָ־סענע מויערן... צוליב דעם איז ער דאָ, אין ווערק צע, ביי זיינע ניין און צוואַנציק יאָר געבליבן דאָס גרויסע, פילאָזאָפירנדיקע קינד. זיין פּעכיק־צעקוליעטער קאָפּ האָר מיט די גרויסע, שטראַלנדיקע אויגן האָבן עס אים צוגעהאָלפן ווערן און זיין. דאָס פּנים זיינס, מיט די ווייכע הערעלעך וואָס האָבן זיך קוים דערוועגט צו צעשיטן איבערן מילכיקן, קיילעכיקן פּנים — האָט דערציילט פון פּוכיקע בעטן און ווייכע, ליבנדיקע אויס־געגלעטקייט.

וואָלט ער זיכער געווען שנעל פאַרלוירן געגאַנגען אין דער פאַב־ריק. ער האָט טאַקע געהאַט דאָס גליק אַריינצופאַלן אין דער לייכטער אָפּטיילונג פון שמיצן — זיינע בגדים זענען אָבער שנעל אָפּגעריסן גע־וואָרן, דאָס לייב איז געוואָרן געל און קויטיק און די פיס האָבן גענומען דעפאָרמירט ווערן, אַנגעשוואָלן... ווי אַ קינד, וואָס דער קאַפּריזנער גורל האָט אויף אים אַנגעהויבן טיילוויז וואַכן, ווי זיין אַמאָליקע מוטער, האָט ער דאָס מאָל מזל געהאַט. דער פאָליאַק, וואָס האָט איבער אים אויפגעזען, האָט געהאַט געמיינזאַמע באַקאַנטע מיט זיין פאָטער. ביי יע־נע באַקאַנטע טאַקע האָבן די זעלדינס געהאַט באַהאַלטן אַ פאַרמעגן. האָט זיך אַנגעהויבן אַ שטילע קאָרעספּאָנדענץ און דער האַלב־געשוואָלענער זעלדין האָט איינמאָל שטילערהייט באַקומען אַ סומע געלט, מיט דער

פאַרזיכערונג אויך ווייטער צו באַקומען. וואָס דאַרף ער דען מער?

האָט זיך דער גורל אין ווערק צע אָבער ליב צו שפּילן מיט מענטשן. איז אַ גראַנאַט אַ פאַל געטון אַמאָל אויף דעם שטענדיק־פאַרטראַכטן זעל־דינס פּיס — און אָפּגעריסן אַ שטיק פונעם טריט. איז ער געלעגן אין באַראַק מיט יסורים, מיט ווייטיקן און דערביי ווידער געהאַט מזל: די סעלעקציעס האָבן אים געמיטן... ווי אַזוי — האָט ער אַליין נישט גע־ווּוסט. ער איז אַרויס! עמעץ האָט זיך אונטערגענומען אים צו באַזאָרגן פאַר געלט דאָס וואָס ער דאַרף און ער איז געלעגן און געקעכלט זיך אין דעם אָפּגעלאָזענעם באַראַק. זיין פּנים האָט צוריק באַקומען דאָס קינדי־שע, בלוט־און־מילעכדיקע גלענצל און די אויגן האָבן ווידער גענומען ווייך און פאַרלוירן אַרומנעמען די וועלט... מען האָט אים אויך באַזאָרגט מיט פּאַפּיר און ער איז געלעגן און געשריבן כסדר די פאַרשידענע מחשבות זיינע.

ביים אַרומלויפן פאַרטאָג פון איין באַראַק אינעם צווייטן רייניקן דאָס מיסט — האָט מעכעלע זיך אַמאָל אַריינגעכאַפּט אין יענעם באַראַק אַ בליק טון, וואָס עס מאַכט דער קראַנקער מקובל, משה... אָבער ביים אַריינלויפן האָבן אים פאַרהאַלטן אַ פּאָר טרויעריקע, שוואַרץ־קינדישע אויגן מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל:

— גוט אַזוי... איר זענט דער מאַלער פון לאַגער... איך קען אייך... גוט וואָס איר זענט געקומען...

מעכעלע האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, נישט געוווּסט וואָס דאָס גוטמוטיקע פּנים וויל פון אים. אָבער יענער האָט שוין געפונען לשון מיט זיין פאַרווייכטן, זינגעוודיקן פּויליש און ער האָט אָנגעהויבן רעצי־טירן זיין פּראָזע:

— איך קען אייך... נאַר גייסטיק, לויט מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, ליגנדיק גאַנצע טעג און נעכט אויף מיין ראַגאָזשע־געלעגער. איך האָב זיך דערמאַנט אין היינען, וואָס איז געווען עלטער פאַר מיר און אויך ערשט געזוכט דעם וועג צו זיין פאָלק, ווען ער איז געווען געבונדן צום מאַטראַץ...

מעכעלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך איינעם פון די צענדליקער היץ־קראַנקע וואָס ער טרעפט אָן יעדן טאָג און נישט גע־ווּוסט וואָס צו טון: אַוועקלויפן, אָדער בלייבן זיצן ביי אים אַ פּאָר מי־נוט? כאָטש ווייזנבערגס אויג קען אים דאָ אָפּזוכן און עס זאָלן זיך אָנ־

הייבן די שטענדיקע געשרייען. דער ליגנדיקער האָט זיך, אַזויווי טעלע־פּאַטיש געכאַפּט, פון וואָס מעכעלע קען טראַכטן אין אַזאַ סיטואַציע — און ער איז איבערגעגאַנגען אין אַ פּשוטערן טאָן:

— איך האָב נישט קיין האַלוצינאַציעס... די זאַך איז נישט אַזוי פּאַעטיש אויך: סטאַך האָט מיר דערציילט וועגן אייך. איר זענט אין זעלבן באַראַק. ער וואונדערט זיך וואָס ער איז געוואָרן אַזוי נאָענט גראָד מיט אַזאַ עקסטרעמען נאַציאָנאַליסט און אויסגעקאָכטן ייד... אָט די טאָ־לעראַנץ אייערע איז אינטערעסאַנט... ווייסט איר כאָטש, אַז נישט מיר זענען שולדיק אין דער אָפּגעפרעמדקייט? אָט נעמט מיך אַ שטייגער... איך האָב געמיינט אַז די היינטיקע יידן האָבן מער גאָרנישט ווי שרייעוו־דיקע ווייבער וואָס דאַרפן האָבן אַ סך צירונג און די מענער — גרויסע שטאָף־געשעפטן אויף די נאַלעווקעס. פון וואַנעט זאָל איך וויסן מער? צי בין איך אין דעם שולדיק? כ'האָב טאַקע געוואָלט מיט אייך רעדן דער־פון...

— 3 —

אוודאי איז ער נישט שולדיק, זעלדין! מעכעלע האָט אים געגומען באַזוכן עטלעכע מאָל, אויסהערן זיינע לידער, די פילאָזאָפיע זיינע און געמוזט באַשטעטיקן: נישט ער איז דער שולדיקער... מען קען נישט בייז זיין אויף אים, ווייל זיינע אויגן זענען נאָך אַלץ קינדעריש. מען קען צו אים קיין טענות נישט האָבן, פאַרוואָס ער איז אַלט 29 יאָר און ער ווייסט אפילו נישט, אַז מיט אים אין באַראַק ליגט אַ יידישער מקובל אין זיינע יאָרן און יענער האָט אויך אַ טיפע וועלט, אַ באַזונדערע פון זעלדינען, וועלכע איז גאָרנישט ווילדער פאַר זיינע אויסגעלערנטע חכמות.

מיט זיינע מאַנדלדיק־קרומלעכע אויגן זעט ער אַ סך זאַכן מיט אַ שפּילעוודיקן, לייכטן בליק און מעכעלע האָט קיין אַנדער עצה נישט, נאָר אויסצורעדן אים, לערנען דעם קינד — וואָס איז מיט אַזויפיל עלטער פאַר אים — צו זען דעם ייד, צו זען דעם דייטש און דעם פּאָליאַק; די גאַנצע ציוויליזאַציע זאָל ער דערזען צוזאַמען מיט די טעג אין וועלכע ער לעבט... ווייסט ער נישט פאַרוואָס מען האָט אים געבראַנגט אין ווערק צע אַריין?

דאָס קינדישע פּנימל זיינס האָט זיך אויסגעקרומט דערשראָקן... ער שרייבט נאָך דאָ אין באַראַק, גריבלט זיך אין קולטורעלע סכעמעס —

וועלכע ווערן דאָ צעשמעטערט פון דעם יידישן ייִנגלס רייד. מען מעג זיי באַלד אַרויסרייסן און צעפּליקן. און ער וויל זיך נישט פאַרלירן! ער קלאַמערט זיך נאָך אין דער דערהויבנקייט פון דער קולטור, וואָס טרעט איצט שטיוולדיק איבער לייבער. זי ווערט טאַקע חרוב — אָבער פאַר־וואָס זאָל זי אַזאַ זעלדין נישט אויסהיטן פון חורבן און באַשיצן זי כאָטש ביי זיך אין דער אילוזיע, ביי זיך אויף די געלע בייגעלעך פּאַפּיר?

זעט ער אין מעכעלען די צווייטע וועלט, די שרעקלעכע — וואָס קומט ביי אים צונעמען דאָס לעצטע, וואָס אים איז געבליבן און ער קען זיך נישט ווערן. נעמט ער די באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר און באַהאַלט זיי שנעל אונטער די טאָפּלטע ברעטלעך פון זיין פּריטשע, ווי ער וואָלט זיי אַזוי אַרום געוואָלט באַשיצן... כאָטש אַ סך שורהלעך זענען שוין אַ תל געוואָרן, אפילו ווען זיי קלאַמערן זיך ווייטער אינעם פּאַפּיר.

אַ ווילדע דורשט האָט אים אָנגעכאַפּט צו באַקענען יידן, דעם יידישן געדאַנק. דערביי אָבער שרעקט ער זיך אַזוי, האָט אַזוי מורא דאָס צו באַ־קענען! דאָס איז אַזוי אַנדערש! און ער ווערט דערביי דאַרפן ווערן אַן אַנ־דערער... און ער קען זיך נישט ענדערן... טאָ וואָס וועט זיין? אין זיין פּחד פינטלען זיינע אויגן אַזוי זייטיק־זוכעריש. ווי ער וואָלט זיך גע־בעטן: קוק נישט אויף מיין שרעק! נעם און וואַרף עס אַן אויף מיר מיט געוואַלד! דערצייל, קלער מיר אויף, צווינג מיך דערצו!

זעלדין וויל נישט פאַרשפּילן זיין וועלט — נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך ביי מעכעלען אין די אויגן. דערפאַר נעמט ער אויסמיידן די אַבסטראַקטע טעאָריעס, אַפּווייכן פון זיי. ער וויל עפּעס אויסגעפינען אין זיך רייכס, גליקלעכס פון וועלכן מעכעלע זאָל איבערראַשט ווערן, איבערגענומען ווערן... דערפאַר מסתמא איז ער עפּעס פּלוצים אַריבער־געשפּרונגען צו אַן אַנדער טעמע, פון וועלכער מען האָט גאַרנישט גע־רעדט, נישט אין זינען געהאַט...

ער האָט זיך געגעבן האַסטיק אַ זעץ אויף און זיינע קרומלעכע אויגן האָבן זיך גענומען צעליכטיקן מיט טריאומף:

— אָבער עס איז דאָ!... ס׳איז דאָ אַ גליק אויף דער וועלט, וואָס מ׳קען עס פון ערגעץ נישט פאַרטרייבן! אומעטום איז עס דאָ און עס וועט שוין זיין, ווי לאַנג מיר וועלן לעבן אויף דער וועלט... דאָס וועט אונדז אפילו שיצן אין דער ערגסטער, ווילדער צייט. דאָס רייניקט אונדז, דער־הויבט אונדז און מאַכט אונדז פאַרגעסן אין גאַנצן קאָשמאַרדיקן אַרום.

צו דעם קען קיין ברוטאַליטעט נישט דערגרייכן און קיינער קען עס נישט פאַרגיכטן... און א י ך האָב עס!

מעכעלע האָט שוין געקענט די באַגייסטערטע פאַטעטיק פון זעלדי־נען און געוווסט, ווי אַזוי ער קען זיך אָנשיכורן מיט די אייגענע רייד. דאָס מאָל אָבער האָט דער אומגעריכטער איבערגאַנג און די איבערגע־היצטע אויפרעגונג ביי זעלדינען אָנגעזאָגט עפּעס נייעס, אַזאַ מין קאָנ־קרעט־פריידיקע און ווײ־טועדיקע אַנטפּלעקונג, וואָס האָט אויך מעכעלען מיטגעכאַפּט, מיטגעריסן... זעלדין האָט שוין געפיבערט ווי אַ קראַנקער און ער האָט קוים באַמערקט מעכעלעס צעטומלטקייט. ער האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר אַ האַנט און אים געגומען אַרייניאָגן זיינע היציקע רייד גלייך אין פּנים אַריין:

— וועגן ל י ב ע וואָס זאָגט איר, האָ? וואָס זאָגט איר וועגן ריי־נער, דערהויבענער ליבע? אָט דאָס וועט קיינער נישט קענען צעשטערן... אָט דאָס...

מעכעלע האָט עפּעס געוואָלט איינווענדן און נישט געקענט. זעל־דינס שטראָם רייד האָבן זיך אַ וואָרף געטון מיט אימפּעט, איבערגעיאָגט זיך ווילד — דערפאַר האָט מעכעלע בלויז געלאָזט זיי פאַרבייפליען אי־בער זיך, בריען אים מיט זייער עקזאַלטירטער היציקייט און טריאומף. עס איז אים נישט מעגלעך געווען ווידערצושטעלן זיך. ער האָט געמוזט וואַרטן ביז יענער וועט מיד ווערן פון שיסן מיט די ווערטערדיקע קוילן, זיך אויסשעפּן, אויסלעשן... און מעכעלע האָט ערשט באַוויזן צו הערן די לעצטע ווערטער וואָס יענער האָט גענומען גאָר לאַנגזאַם אויסציען, אונטערשטרייכן און זיי אונטערטראָגן מעכעלען ביזן גהער אַריין:

— ...און איך בין פאַרליבט!... און איך האָב עס!... אַהאַ?!

עפּעס האָט מעכעלען פּלוצים אַרומגענומען אַן אומעט. ער האָט עס... דאָ, אויפן צעטראָטענעם געלעגער, מיט אַ פּוס דיק־אַרומגעבונדן מיט שטויביקע שמאַטעס... עפּעס אַ תאווה אַזאַ האָט אים אַרומגענומען צו שווייגן איצטער, שווייגן ביז צום אַרויסגיין...

— 4 —

ער איז טאַקע געווען פאַרליבט, דער זעלדין, גליקלעך פאַרליבט... און זיין ליבע איז געווען אַ נאַאיווערע פאַר סטאַשעקס — דערפאַר איז זי

געוועז ריינער און טראַגישער. זעלדין איז נישט געוועז אַזוי ברויזיק און צעקאָכט ווי — דער פון דער נאַטור־באַליידיקטער — סטאַשעק. דערפאַר האָט עס אין אים געברענט אין דער שטיל, געפלאַקערט אונטער אַן אָפּ־געהיטענעם, צוגעדעקטן פויערהאַנג. צוליב דעם האָט עס לאַנג אין אים געטליעט, אים בלינד געמאַכט מיט געדולד און גלויבן. און דערפאַר האָט עס זיך אויך געקענט לאַנג אין אים שטיקן, צעשפרייטן זיך דאָרט אינע־ווייניק און פאַרצערן אַלץ וואָס עס האָט נאָר אָנגעטראָפן אין וועג...

מעכעלע האָט ערשט שפּעטער באַוויזן דאָס צו זען און צו הערן — שוין דאַן ווען ער האָט געמומען אויסמיידן זעלדינען, בכדי נישט צו דאַרפן מיט אים מער שמועסן דערפון...

זי איז נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט אַלט געוועז. אין וואַרשע איז זי געוועז איינע פון די צענדליקער טויזנטער יידישע מיידלעך אין חסידי־שע שטובן וואָס האָבן נאָר געערדט פּויליש און דעם אייגענעם טאַטן רעכט נישט אָנגעזען מיטן בליק. אַ קינד וואָס האָט זיך אויסגערייפט אין געטאָ און אין מיידאַנעק. וואָס האָט זי שוין נישט געהאַט אונטער זיך — ביי אירע זיבעצן יאָר? נאָר אַזעלכע בלויע אויגן ווי אירע האָבן געמוזט אויפהיטן דעם גאַנצן ריינעם הימל וואָס האָט געהאָנגען איבער דער וועלט, איידער מען האָט אים פאַררויכערט מיטן טשאַד פון מענטשלעך לייב. און אירע בלאָנדע לאָקן האָבן זיך עפּעס אַזוי ווייך און ליכטיק געקרייזלט — אַזוי ווי אויף דער וועלט וואָלטן נאָר געוועז שפּיגלדיקע טייכעלעך איבער וועלכע גאָט אַליין שיפּלט זיך און לאָזט זיין ווינט דערוויל זיך שפּילן מיט די האָר פון זיינע יינגסטע טעכטער...

...די שענסטע פון לאַגער! אַזוי האָבן אַלע געזאָגט. וויפל ריינע שיינקייט איר פּנימל האָט דאָס באַוויזן אָנצוזאַמלען! אַזאַ מין פאַר־דרימלטער אַלבאַסטער, וואָס קיין שאָרך האָט ביז איצט נאָך נישט אי־בערגעוועקט.

האָט זי געאַרבעט אויפן זעלבן אַרבעטס־פּלאַץ וואָס ער. אוודאי האָט ער פריער נישט געקענט אפילו טראַכטן וועגן דעם, נישט געוואָלט זיך ווייזן אונטער איר בלויעם בליק — מיט די זיידענע, שטילע ברע־מען — מיט זיין שמוץ און אויפגענאַקעטן קויט, אַזוי ווי ער וואָלט גע־ציטערט אַז עס זאָל איר ליכטיקן בליק נישט פאַרטונקלען. פון דער ווייטנס נאָר האָט ער איר נאָכגעקוקט, פון באַהעלטענישן... און געלאָזט די בענקשאַפט אויסנאָגן פון אים דאָס לעצטע. עס איז אים אַזוי אויך

גוט געווען. ער האָט אַ גליקלעכער געטראָגן יעדן טאָג זיין שווער־געוואָרענעם גוף אַהין, ווייל דאָרטן וועט ער זי זען פון דער ווייטנס און דערנאָך ליגן גאַנצע נעכט אויפן געלעגער און זי באַזונגען מיט אימפּעטיק־געטראָגענע שורות אין פאַרחלומטן געדאַנק.

ערשט דערנאָך, ווען ער האָט באַקומען זיין געלט, שטילערהייט זיך געקויפט אַ לייטישער רעקל און זיין טריט איז שוין באַדעקט געוואָרן מיט שיך — איז ער אַמאָל שטילערהייט אונטערגעגאַנגען צו איר. דערשראָקן, שטאַמלענדיק האָט ער זיך איר פאַרגעשטעלט, באַנוצט אַלע שיינע ווערטער וואָס האָבן זיך אין אים געזאַמלט, געזאַמלט פאַר אירעטוועגן... דערנאָך האָט זי געשמייכלט... און גאָר דערנאָך האָט ער איר אונטערגעטראָגן אַ מתנה, ווי אַ קרבן פאַר די אַמאָליקע געטער פון האָמערס צייטן... און זי האָט צוגענומען... און דערלויבט זיך אַ קוש צו טון אין האַנט; אַזוי איידל־צניעותדיק דערלויבט! און אירע אויגן האָבן זיך פאַרלוירן־שעמעוודיק פאַרמאַכט... זי האָט אים אויך דערלויבט אַריינצוקומען צו איר אין באַראַק אַריין און פאָרלייענען די לידער וואָס ער האָט פאַר איר אָנגעשריבן.

אויף אַלץ האָט ער געבעטן דערלויבעניש. און געזעצט זיך האָט ער נעבן איר, ווי די אַמאָליקע ריטער — און זיין פאַרליבטקייט האָט ער איר כסדר אונטערגעטראָגן אויפן זעלבן ציטערדיקן האַרץ. מיט אַ הארפּע וואָלט ער זיינע צעפּייערטע לידער באַגלייט, ווען עס זאָל נישט זיין אין ווערק צע... וואָס האָט ער זיך געהאַט צו שעמען? ער האָט פאַר איר געקניט אין באַראַק, פאַר די אויגן פון אַלע מיידלעך... און מיט אַלץ האָט ער זיך געפירט אַזוי ווי דאָרט, אין יענע פּאָעטישע ספרים שטייט עס געגנוי פאַרשריבן לזכרון.

וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט — האָט ער איר אונטערגעטראָגן. אַליין האָט ער זיך נאָר געגומען אויף ברויט צו דער זעט. אפילו זיין קליידונג איז געוואָרן אָפּגעלאָזן, פאַרנאַכלעסיקט. ער האָט געהאַט אַרום איין זאַך צו קלערן: וועגן שאַפן פאַר איר... וואָס שענערע אויסדריקן געפינען און איר זיי פאָרלייענען מיט דער שטאַרקסטער באַגייסטערונג. יעדן טאָג האָט ער פאַר איר געבערענגט נייע מתנות, וואָס באַקאַנטע פאַליאַקן האָבן אים צוגעשטעלט פון שטאָט. די גאַנצע פאַנטאַזיע האָט ער דערצו גענומען צו הילף. און ער איז גליקלעך געווען: זי האָט צוגענומען, געשמייכלט צו אים, אפילו טייל מאָל אַזוי מלאכיש־ריין אַ גלעט

געטון זיין צעשויבערטן קאָפּ. זי האָט אפילו אָן־ווערטערדיק מסכים גע־וועזן, ווען ער האָט פאַנטאַזירט, שטייענדיק אויף די קני פאַר איר:

— ווענסט זען... לאָמיר נאָר אַרויס אויף דער פריי — וועסטו זען, ווי אַזוי מיר וועלן זיך פאַראייניקן... אַ פּאַלאַץ וועל איך פאַר דיר אויס־בויען, אָפּהיטן וועל איך דיך... איך וועל... און שפּעטער, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט, האָט ער זיך צוגעשלעפּט מיט זיין אַרומגע־בונדענעם פוס צו איר באַראַק, געוואַרט אויף איר אין די פאַרנאַכטן...

עס איז שוין געווען שווער אַריינצוקומען יעדעס מאָל צו איר. טײַלמאָל איז שוין דאָרט פריער געווען ווייזנבערג. ער פלעגט זי אַרויסנעמען מיט זיך, פאַרשווינדן מיט איר ערגעץ אָדער גאָר זיצן מיט איר הינטער דעם אַרומגעהילטן לאַגער־פּאַראַוואַנדל פון שמאַטעס און דעקן... און ווייזנ־בערג איז נישט געווען דער איינציקער. עס איז געוואָרן אַן אָפּטער איינ־גייער ביי איר דער הויכער, פריילעכער דאָקטאָר וואָס קען דערציילן אַ סך וויצן, וואָס מען האָט נאָר געקענט הערן אַמאָל פון אַ געוויסן סאָרט בינע אָדער קאַבאַרעט. ער האָט דערמיט געהאַט גרויס דערפאָלג ביי די פרויען, אָט דער דאָקטאָר מיט די לאַכנדיקע אויגן... אויך ווען ער האָט זיך אַרונטערגעכאַפּט אונטער דער צודעק — האָט זעלדין נישט געקענט אַריינגיין. און יענער איז דאָרט גאָר לאַנג געזעסן. דערצו זענען געקומען נאָך עטלעכע: פּאָליציי, דער געהילף פון ברויט־קאָמענדאַנט...

די קליינע רילקע האָט אָנגעהויבן באַקאַנט צו ווערן. זי האָט גע־נומען גיין מיט שטאָלצע, וויגנדיקע טריט און צופרידן געשמייכלט וואָס פון אַלע זייטן רייסן זיך אויגן צו איר און וואָס די מעכטיקסטע פון לאַ־גער שליכן זיך אַריין אין די אָוונטן אַזוי אונטערטעניק צו איר ווינקל... ווי אַ קינד האָט זי זיך געפרייט דערמיט, געוואָרן גיריקער און שוין זיך מער נישט געקענט באַגיין אָן דער לאַכנדיקער אונטערטעניקייט זייערער...

זעלדין איז אָבער נישט אָפּגעטרעטן פון באַראַק. ער האָט זיך אַוועק־געשטעלט אין דרויסן, אָפּגעשטאַנען שעהען און געוואַרט, פּינטלענדיק כסדר מיט די אויגן צו דער טיר... ער האָט געקענט געדולדיק איבער־וואַרטן אַלעמען, קוקן לאַנגע שעהען אויפן פענצטערל פון וועלכן זי קוקט אַמאָל אַרויס און זיין גליקלעכע לייטזעליקייט האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטון אפילו אין די שעהען פון אויסזיכטסלאָזן וואַרטעניש. עס האָט

אים נישט געאַרט וואָס ווייזנבערג איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען און קרום אַ ברום געטון אויף יידיש:

— נאַדיר נאָך אַ הינקעדיקן אויף מיין קאָפּ...

ער האָט אויך נישט געהערט דאָס לאַכעדיקע שושקעריי פון די מיידלעך אין רילקעס באַראַק, וואָס האָבן נאָכגעקרומט קנאַהדיק און חוזקדיק; ווי אַזוי ער קניט פאַר איר און טראָגט איר אונטער אַלעמאָל עפּעס אַנדערש... און ווי אַזוי זי רעדט, לאַכט און שטיפט זיך אָן מיט אַלע — און ערשט דערנאָך קומט ע ר אַריין אויף אַ רגע. זי איז שוין מיד און לאָזט אים נישט צו גאָר־נאָענט, בעת ער פאַרכליניעט זיך פון אַזאַ מין בעטנדיקן פּרעפל:

— רילקע... אַ קוק בלויז... איין קוק בלויז אויף מיר...

עס איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. ער איז געוואָרן איר שטומער וועכטער נישט ווייט פון באַראַק. ער האָט עס אויך אַנדערש נישט גע־קענט. אויף אַזאַ שטייגער האָט מען אים דערצויגן און אַזוי האָט ער זיך געלערנט אויפפירן מיט דער געליבטע פון האַרץ... וואָס זשע קען ער פרעגן ביים ווערק צע? דאָס לעצטע האָט ער איר אַראָפּגעגעבן פון זיך; גליקלעך געווען מיט דעם באַריר פון אירס אַ שוך און מיט דעם זיידע־נעם איידעלעם שמייכל, מיט וועלכן זי האָט אים דערפאַר באַשענקט. אויך ער האָט נישט אויפגעהערט גליקלעך צו שמייכלען, וואַרטנדיק ביז דער קאָמענדאַנט וועט אַרויס פון איר באַראַק. דאָס וואָס ער זעט אין איר — וועלן זיי קיינס נישט באַווייזן צוצונעמען!

בלויז איין מאָל האָט ער זיך אויפגערעגט, געשריגן מיט עכטער מטורפדיקייט. דאָס איז געווען ווען זיין חבר סטאַשעק איז אַמאָל אַרויס־געגאַנגען צו אים און אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— יוזשעק... געוווג זיך משוגע געמאַכט! דו פאַרשעמסט אונדזער פירמע... אַלע ווייסן, אַז זי איז אַ... קיינע פון זיי איז נישט בעסער! טו אַזוי ווי איך... ביי מיר, אַז ווייזנבערג האָט זיך באַוויזן — האָב איך זיך אָפּגעטראָגן און פאַרטיק... זעסטו דען נישט, ווי עס ציט זיך צו דיינער אַ גאַנצע ריי... אידיאָט!...

ערשט דאָ האָט זעלדין באַוויזן זיינס:

— סטאַשעק! איך וועל דיך דערשטעכן!... דו זאָלסט נישט וואַגן אויף איר צו רעדן! זי איז אַ מלאך, דו הערסט!? אָן אומבאָפלעקטער

מלאך! איך וועל זי נישט לאָזן באַשטויבן מיט די אומרײנע צינגער! איך וועל הרגענען!...

מער איז מיט אים נישט געווען וואָס צו מאַכן.

— 5 —

נאָך לאַנגע חדשים האָט מען זעלדינען געזען אַזוי שטיין. קיינער האָט עס אפילו מער נישט גענומען אין אַכט. עס זענען אַנגעלאָפן ווייטערדיקע פּאַסירונגען וואָס האָבן זעלדינען אָפּגערוקט אין שאָטן. מען האָט פון צייט צו צייט פון אים אָפּגעלאַכט, וויצן געשאַפן. יעדעס מאָל אָבער ווען מעכעלע האָט אים געזען — האָט עפּעס אַ ריס געטון ביי אים מיט אַ באַזונדערן טרויער אין האַרץ: אפשר איז עס אַ גלגול פון אַ ווייטן, פאַרגעסענעם גלויבן אין דער שיינקייט פון אַ פרוי? דער לעצטער כהן פון אַן אָפּגעמעקטער אמונה אויף דער וועלט?

צו זעלדינען האָט מעכעלע שפּעטער אָנגעטראָפן נאָך עטלעכע אַזעלכע חברים. יעדער איינער איז געקומען פון שטובן, וואָס זענען באַלייגט געווען מיט דיוואַנען און וו מען האָט געלערנט אָדעס מיט פאַרמאַכטע אויגן אונטער גאַרבאַדינען, וואָס פאַרשטעלן די וועלט... זיי האָבן געצאַנקט, אויסגעלאָשן זיך נאָך פריער פאַר זייער הייליקער אָדער טמאַדיקער נאַאיוויטעט... זיי זענען געווען ווייט און אָפּגעריסן — אפילו פיינטלעך — פון מעכעלעס וועלט, פון מעכעלעס פאָלק. צענדליקער יאָרן האָט זיך מעכעלעס וועלט געראַנגלט מיט זייערער — אַמאָל איז דער געראַנגל אויך שאַרף און ביטער געווען... נישט איין שוואַרצע לאַטע האָט מעכעלעס קרייז געהאַט אויסצוטראָגן אויפן רוקן צוליב זיי, זייער אינטעליגענטישער העכערקייט און אַסימילאַטאָרישן קרימען מיט דער נאָז...

און דאָ איז געקומען דער טאָג פון צעשטערן גרענעצן, פון פאַרניכטן די געדיכטע ווענט וואָס טיילן אָפּ... זיי זענען געשטאַנען אויסגערויבטע און נאַקעטע, דערשראָקן פאַר דער האַנט וואָס האָט פון זיי אַזוי גרויזאַם אָפּגעריסן דעם שלייער. טיילמאָל זענען זיי באַשפּאָט געוואָרן מיט זייער אייגענעם שפּאָט, אויסגעלאַכט געוואָרן פון זייער אייגענעם חוזק און פאַרקרימט געוואָרן פון זייערע אייגענע קרימערייען...

האָבן די אַנדערע מיטליידער געקוקט זיך מיט דער ביטערניש... געקוקט מיט אַלטע אויגן אויף די משומדים און האַלבע משומדים און גע־

מאַכט עס פאַרן באַלזאַם איבער זייער אַלטער ווונד פון באַליידיקונג, ווייטיק און קילן חשבון. די גרויזאַמע קריעה אינעם מלבוש פון דער יידישער געשיכטע האָט נישט דערקענט קיין סענטימענטן אין טאָג פון גרויסן צאָרן — פאַרוואָס זשע זאָלן עס דערקענען אירע אייגענע קרבנות?

זיי זשע מוחל, שטרענגער גאָט פון פאָלק ישראל, ווען דיין יונגער קנעכט און מורד — דער אָרעמער מעכעלע האָט זיך נישט געקענט מיטרייסן דאַן, כאָטש ער האָט עס געוואָלט... זיי עס אים מוחל, וואָס זיין האַרץ איז נישט גענוג האַרט געווען און זיין אויג האָט זיך אָנגעגאָסן... וואָס ער האָט אַוועקגעכאַפּט דעם בליק ביים משומד פיכטנהאָלצס קלאַפּן מיט געשריי אויפן טיש! און שענק אים די זינד פון אויסהערן די קראַנקע נשמה פון זיין שכן סטאַשעק אויפן בעטל פון פינצטערן ווערק־צעבראַק... און געדענק אים נישט די זינד פון פאַרשטיין אַ חולאתדיקע ליבע פון דיין פאַרבלאָנדזשעטן זון יוזעף זעלדין צו אַ מיידל, וואָס האָט צוליב דער טומאָה פון דער צייט געמאַכט זיך אַ שוואַרצע נעסט אין אַ באַראַק־ווינקל — און אים געלאָזט פאַרשרפהט ווערן פון זיין נאַאיוועד פאַרגלויבטקייט...

און זייט אים מוחל, מעכעלען, איר אַלע גוטע און פרומע לייט — פאַרוואָס ער האָט דאַן נישט מיטגעלאַכט ווען אַלע האָבן געחוזקט... און פאַרוואָס זיין יינגליש הערצל האָט זיך דאַן פאַרקוועטשט נישט ווּיסנדיק אַליין פאַרוואָס...

און פאַרגעסט נישט דערביי אים צו שענקען די זינד פון באַשליסן דאַן צו שטעלן אַמאָל פאַר די דאָזיקע אַ מצבה מיט פאַרקריצטע אותיות, אויף וועלכע עס וועט געגאָסן ווערן אַ טראָפּן פייכטקייט פון אַן אויג... אפשר איז ער שולדיק וואָס ער האָט אויף זיך גענומען דאָס אַלץ צו פאַרשרייבן און מקיים געווען זיין קוים־פאַרבייפליענדיקע מחשבה...

אויב עמעץ פון די בני אָדם, אָדער דער הימל אַליין וועט דאָס לייגן אויף דער וואָגשאָל פון זינד — זאָל אויף דער צווייטער אַוועקגעלייגט ווערן דער צער און דער בזיון פון גיהנום וואָס האָט זיך באַוויזן צו באַהאַלטן אונטער אַזעלכע פאַרשטעלטע קליידער: ווערק צע...

קאַפּיטל ניין

— 1 —

נאָך דער גראַנאַטן־אָפּטיילונג האָט דער רעסאָרט פון אינזשינער שמיץ פאַרשלונגען די גרעסטע צאָל אַרבעטער, הויפּטזעכלעך פרויען. צו אים האָבן זיך אַלע געריסן צו גיין, ווייל אין זיינע אָפּטיילונגען און האַלעס איז די אַרבעט געווען לייכטער. אַהין האָט מען געשיקט די פּראָטעקציאָנירטע, שענערע מיידלעך און די ווערק־צעניקעס, וואָס האָבן געהאַט אַ גוט אויג אין לאַגער.

דער שעף פון די אַלע אָפּטיילונגען, דער לייפּציגער אינזשינער שמיץ, איז געווען אַ רעטעניש פאַרן גאַנצן לאַגער. מען האָט פון אים נישט געקענט דערגיין, וואָס ער טראָגט באַהאַלטן טיף אין זיך. טייל האָבן אים געהאַלטן פאַרן איינציקן דייטש וואָס האָט נישט קיין גרויסע שנאה צו יידן. אַנדערע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ היפּשן שונא ישראל וואָס האָט ליב אויך די שנאה צו יידן — פּונקט ווי אַלץ וואָס ער רעדט און טוט — איינצוהילן אין אַ שמייכל... גיכער פאַר אַלץ אָבער האָט אין אים געשטעקט אַ ווילדע באַוואונדערונג פאַר די כיטרע־באַוועגלעכע יידן, וואָס קענען זיך נאָך דרייען אין די הענט פון טויט און אויסנאַרן ביי אים נאָך עטלעכע לעבנס־טעג. זיין דאָזיקע באַוואונדערונג האָט זיך ביי אים טיילמאָל געפּאָרט מיט אַ מילדערן אויסדרוק און פאַרלייכטערונגען. צוזאַמען דערמיט האָט ער אָבער אויך אָנטייל גענומען אין סעלעקציעס, צעקאָכט זיך טיילמאָל אויפן טייוולדיקן יידנפאָלק און גרייט געווען אָפּצוטון דאָס ערגסטע.

ער האָט אָבער אין דעם נישט געהאַט קיין גלייכן וועג — פּונקט ווי מען האָט בכלל נישט געוווסט גענוי וואָס ער מיינט און וואָס ער טוט. איינס האָט מען נאָר ביי אים געקענט פעסטשטעלן — ער איז אַ וויצלינג, אַ ווילדער לץ. אַמאָל קען עס אויסגיין צום גוטן און אַמאָל צום בייזן. עס ווענדט זיך ביי וועלכע אומשטענדן זיין דאָזיקער שגעון כאַפּט אים אָן...

אין ווערק צע האָט ער געהאַט אַ מוראדיקע מאַכט, אַ זעלבסטשטענדיקע און אויך דער פאַבריקס־דירעקטאָר, ד״ר ראָסט האָט זיך דערמיט געמוזט רעכענען — כאָטש ער האָט אים היפּש פיינט געהאַט,

שמיצס אָפּטיילונגען זענען געווען באַזונדער און ער האָט זיך אַליין ליב געהאַט אויסצוקלייבן די שטאַרקסטע מענער און די שענסטע פרויען. ער האָט זיך אפילו נישט אָפּגעשראָקן צו שטיפן מיט די יידישע מיידלעך ביי זיך אין דער אָפּטיילונג, פונקט ווי ער האָט זיך נישט זשעניִרט צו רעדן וועגן אַ סך זאַכן וואָס אַנדערע דייטשן האָבן נישט געוואָלט ברענגען פאַרן געדאַנק.

מיט דער פּראָדוקציע פון פאַרטיקע מאַטעריאַלן האָט ער כמעט קיין שייכות נישט געהאַט. עפּעס האָט מען דערציילט וועגן געוואַלדיקע דער־פינדונגען וואָס דער ריזן־הויכער, שיינער יונג האָט געמאַכט. קיינער האָט דאָס אָבער נישט געוווּסט אויף קלאָר. אים האָט נישט אינטערעסירט וויפל גראַנאַטן ווערק־צע לאָזט אַרויס און וויפל פאַבריקס־קאָסטקעס פון געלן פּיקרין־גיפט. ער האָט זיך געהאַט זיין באַזונדערע לאַבאָראַטאָריע — צווישן אַ ים האַלעס און ריזיק־לאַנגע באַראַקן פון זיין אָפּטיילונג — ווו ער האָט געהאַלטן אין איין עקספּערימענטירן אין גרויסן פאַרנעם, צו זיינע דאָזיקע אַרבעטן האָט ער געהאַלטן טויזנטער אַרבעטער.

ווען דער עולם פון ווערק צע זאָל נישט געווען זען, ווי אַזוי דער יונגער שמיץ איז אַזוי חשוב אומעטום — וואָלט מען אים זיכער געווען געהאַלטן פאַר איינעם פון די הויפּט־שעדיקער אין דער דייטשער קריגס־פּראָדוקציע. אַלץ וואָס מען האָט געאַרבעט אין זיינע אָפּטיילונגען איז כמעט פאַרניכטעט געוואָרן נאָך אַ שטיקל צייט; כאָטש עס האָט איינגעשלונגען ריזיקע מענגען מיט וויכטיקע מאַטעריאַלן וואָס האָבן שוין גע־נומען אויספעלן דער דייטשער קריגס־מאַשין...

קיינער האָט אפילו רעכט נישט געוווּסט וואָס זיין עיקר־אַרבעט איז און וואָס ער איז דאָ פאַקטיש אויסן. מען האָט נאָר געזען אַז ווען ער דאַרף — פאַרשווינדט ער אויף עטלעכע טעג און ער באַקומט דאָס וויכטיקסטע אַ סך פריער ווי אַנדערע, פּראַקטישערע אָפּטיילונגען... עס איז דערפאַר נישט געווען קיין ווונדער וואָס יידן האָבן גענומען אויסוועבן אַרום דעם הויכן, געזונטן דייטש פאַרשידענע מעשהס.

אָט האָט מען ביי אים גענומען אויסאַרבעטן קליינע, צוויי־צענטי־מעטערדיקע קוילן אין די מיליאָנען. מען האָט זיי געזאַמלט אין קליינע פלאַטשיקע קעסטלעך און אָנגעטורעמט אין די געהיימנישפול־גרויסע, טונקעלע באַראַקן און קעלערס... מען האָט זיך שוין גערעכט אַז אין קורצן וועט די אָנגעזאַמלטע פּראָדוקציע אָוועקגעשיקט ווערן אויף די פראָנטן

און הונדערטער יידן זענען באַשעפטיקט געווען ביים צוגרייטן די קעסט־לעך צום טראַנספּאָרט...

אין דער לעצטער מינוט איז אָבער דער אינזשינער שמיץ געקומען צו לויפן מיט זיין מאַטאָציקל און אָפּגעהאַלטן דאָס אַרויסשיקן. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס עס וועט זיין מיט דער פּראָדוקציע פון עטלע־כע אָפּטיילונגען אין משך פון חדשים. באַלד האָט זיך ווידער געמאַכט אַרבעט. מען האָט פון יעדער קויל אויסגעשאָטן דעם פּולווער און אים גע־זאַמלט אין קאַסטנס. די ליידיקע קופּערנע הילזן האָט מען געזאַמלט באַ־זונדער און דעם פּולווער האָט מען אין געהיים אַרויסגעפירט אויף אַ באַ־זונדער אָרט, אויפן שיס־שטאַנד און אויפגעריסן... פון די טעגלעכע אויפ־רייסן האָט זיך די גאַנצע ערד אַרום דער פאַבריק מוראָדיק געטרייסלט.

אויף אַ צווייט אָרט האָט מען ביי שמיצן אויסגעאַרבעט אַזעלכע מינים ליכט־באָמבעס, וואָס דאַרפן באַלייכטן די נעכט פאַרן שליידערן די עכטע באָמבעס אויפן ציל. אויך דאָ האָט די אַרבעט געברענט. מ׳האָט געטריבן די מאַשינען מיט אַלע כוחות און די פאַרטיקע פּראָדוקציע האָט מען געזאַמלט אין די טונקל־געדרייטע מאַגאַזינען. ערשט ווען עס זענען שוין פאַרטיק געוואָרן פאַנטאַסטישע צאָלן פון דעם דאָזיקן מין און זיי האָבן שוין געזאָלט אַוועקגעשיקט ווערן — איז ער געקומען צופליען אַ פאַרשוויצטער, אַ צעיאַכמערטער:

— אויפהערן!!! זאָפאָרט אָפּשטעלן!

און די גאַנצע פּראָדוקציע איז זיך צעפאַלן, צעשרויפט געוואָרן... די ברויכבאַרע טיילן האָט מען אָפּגעלייגט באַזונדער און די רעשט האָט מען אַוועקגעפירט צום סטאַבילן קבר פון שמיצס אויסאַרבעטונגען אויפן שיס־שטאַנד, ווו זיי זענען פאַרניכטעט געוואָרן.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט מיטן אויסאַרבעטן געוואַלדיק גרויסע גראַנאַטן מיט אַ סודותפולער פילונג. פון ערגעץ אַ פראָנט האָט דער שטענדיק־פרייליכער שמיץ געברענגט צו פירן עטלעכע מעכטיקע מאַשינען, וועלכע זיינע יידן האָבן געמוזט שלעפּן מיט אַלע כוחות ביז אין דער פאַבריק אַריין. זיי זענען צוגעדעקט געוואָרן מיט גרינס און אַלערליי מאַסקירונגס־מיטלען. ביינאַכט איז שמיץ אַליין אַריינגעפאַלן אין לאַגער, אַרויסגעשלעפּט מיט זיינע ווערקשוצן הונדערטער יידן, וואָס זענען קוים געקומען פון דער טאָג־שיכט צו קריכן. דערביי האָט ביי אים די צייט אַזוי געברענט אַז זיינע כאַפּער, מיט די יידישע פאַראַרבעטער

צוזאַמען, האָבן נישט געלאָזט אַרויפציען אויפן גוף די שטיקער שמאַטעס און האַלב באַקעטע האָט מען זיי געפירט אין דער פינצטערניש צום וועלדל... עפּעס האָט מען דאָן געשלעפּט און נישט געוווסט וואָס. דער־נאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג. גרויסע, הונדערט־קילאָדיקע משחיתים זענען באַשאַפן געוואָרן און מען האָט זיי ווידער אָפּגעלייגט אין די אומ־ענדלעכע מאַגאַזינען... דערנאָך האָבן זיך גענומען טראָגן אימהדיקע אָפּ־הילכן פון יענער זייט...

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און די ספּעציעלע אָפּטיילונג פון די אויפרייסער האָבן אוועקגעפירט די זעלבע, פּראָדוצירטע משחיתים צו די טיפע גריבער אויפן שיס־שטאַנד און זיי פאַרניכטעט...

גאַנצע חדשים אַרבעט, צוזאַמען מיט אומשאַצבאַרע אוצרות מאַ־טעריאַל זענען אַוועק מיטן רויך און פאַרניכטונג. דערביי האָט דאָס בלוי־זע אַ תּל מאַכן פון די אויסגעאַרבעטע כלים פאַרשלונגען הונדערטער אַר־בעטס־הענט אויף לענגערע צייטן... אפילו איבערגערעכנטע יידן, די פאַר־אַרבעטער און קאָמענדאַנטן פון זיינע האַלעס און בריגאַדעס האָט עס גע־נומען פאַרדריסן:

— אַזאַ מין סוף צו מאַכן פון כלים און אַרבעט!... אַ משוגענער...

שמיץ אַליין האָט זיך אָבער ווייניק וואָס געמאַכט דערפון. ער האָט שוין איבער דער צייט געהאַט צוגעטראַכט עפּעס אַ נייעם פּלאַן, וועלכן ער האָט זיך גענומען אויספירן. ביזן באַקומען די נייע אינסטרוקציעס און דערלויבענישן — האָט ער זיך דערווייל אַרומגעדרייט אַ צופרידענער, אַ צעשמייכלטער און זיך געוויצלט מיט די יידן... געלאַכט מיט זיינע ספּע־ציעל־סימפּאַטישע מיידלעך און דערביי צוגעהיטן, אַז פון דעם פריערדיקן זאָל קיין זכר נישט בלייבן.

— 2 —

זיין משוגעת אויף דעם געביט האָט זיך נישט איינמאָל איבערגע־חזרט, ביז עס איז שוין געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך. מען האָט געוווסט אַז טיילמאָל לאָדט מען איין די געפּאַקטע קעסטלעך אין די צוגעשלעפּ־טע צוגן און דאָך קען זיך באַווייזן שמיץ... נאָך פון דער ווייטנס קען ער נעמען שרייען נערוועז — ווי זעלטן ווען — מען זאָל תּיכּף אַרויס־שמייסן די אָנגעלאָדענע סחורה... ער קען אפילו, נישט ווי זיין שטייגער,

כאַפּן אַ דיקן שטעקן, אָדער אַ ברעט און האַקן איבער די קעפּ מען זאָל דאָס מאַכן אין געציילטע מינוטן...

דערנאָך האָט מען דאָס אָפּגעלאָדענע אַוועקגעפירט מיט קלענערע וואַגאָנעטקעס אין די ספּעציעלע ערטער, וווּ זיי זענען געלעגן פאַרגע־סענע און געזשאַווערט... עפּעס איז ביי אים כסדר אָנגעגאַנגען אַזאַ מין שטילע רעפּאַראַציע, אַ משוגענע פאַרניכטונג פון וועלכער מען האָט קוים אַמאָל געראַטעוועט די אייזערנע הויטן פון די כלים און זיי אַוועק־געשיקט צום איבערגיסן. דאָס אַנדערע האָט מען אויסגעמישט מיט אי־בערגעעלטערטן טראַטיל און געשפּרענגט אין דער לופט. גאַנצע חדשים האָבן זיך געצויגן זיילן רויך צום הימל און נישט איינמאָל האָבן זיי אַוועקגעשלעפּט מיט זיך אַ פּאָר יידישע לעבנס, וואָס האָבן זיך אַריינגע־קוילערט אין דעם צעעפנטן פּיסק פון דינאַמיט־אָנגעפולטן גרוב...

קיינער האָט אויך נישט געקענט וויסן, וואָס דער מאָדנער אינזשע־ניער וועט טון מיט די מיליאָנען צוויי־צענטימעטערדיקע קוילן, וואָס זענען ביי אים פאַראַן אין די באַהעלטענישן — און ווען זיי וועלן אַרויס־געטראָגן ווערן און זיך אַריינשניידן אין דער לופט אָדער אין מענטש־לעכע גופים. נישט איינמאָל האָט מען פון דאָרט געברענגט צעריסענע יידן און נאָך מער זענען שוין דאָרט געבליבן, ווייל זייערע ביינער האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שטויב און אייזן.

נישט שטענדיק איז אָבער געווען אַזאַ געדרודער אין שמיצס אָפּטיי־לונגען. טיילמאָל האָבן די טויזנטער אַרבעטער, יידן און פּאָליאַקן, זיך באַשעפטיקט מיט זינלאָזער אַרבעט און געהאַלטן אין איין אַריבערטראָגן אומצייליקע קעסטלעך פון איין אָרט צום צווייטן, בכדי זיי מאָרגן ווידער אַריבערצוטראָגן אויפן זעלבן אָרט וואָס פריער. אָבער גראָד דאַן, ווען די משוגענע אַרבעטן פון זיינע מענטשן האָט אויפגערעגט אַנדערע מייס־טער, האָט שמיץ גענומען אַרומלויפן, קלאַפּן אין אַלע טויערן, אַז זיין אַרבעט וועט אָפּגעשטעלט ווערן... אַז ער האָט צו ווייניק לייט פאַר די ריזיקע אונטערנעמונגען זיינע...

ווי אַ באַווייז דערצו, האָט ער גראָד אין אַזעלכע ליידיקע צייטן באַ־פוילן זיינע פאַראַרבעטער מיט עטלעכע וואַכלייט, אַז זיי זאָלן אַריינ־פאַלן ביינאַכט אין לאַגער און אַרויסכאַפּן מענטשן צו דער צוגאָב־אַר־בעט... אין פאַבריק האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט אַ שטיקל שלום צווישן די מייסטער. די האַרן איבער די גראַנאַטן האָבן געקענט טון מיט

זייערע יידן, וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט. ווען זיי האָבן געהאַט אַ סך אַר־בעט האָבן זיי די אייגענע מענטשן פאַרהאַלטן אויף נאָך אַ פּאָר שעה — און נאָך 16 נאָרמאַלע שעה אַרבעט האָבן זיי געמוזט מאַכן דאָס אַנדערע. דערפאַר אָבער האָבן זיי צורו געלאָזט די מענטשן פון די אַנדערע אָפּ־טיילונגען. אַזוי אַרום האָבן די מייסטער פון טראַנספּאָרט אַ שטיק צייט נישט געטשעפּעט די מענטשן פון די גראַנאַטן... דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט, נאָך דעם ווי דער כאַאָס פון פאַרכאַפּן די מענטשן איינער ביים צווייטן איז שוין דערגאַנגען צום הויכפּונקט.

איין שמיץ האָט זיך אויך מיט די כללים נישט גערעכנט. איינמאָל איז ער אַריינגעפאַלן פאַר האַלבער נאַכט מיט אַ גרופּע כאַפּער און מען האָט גענומען ציען די מידע שלאָפער פון די געלעגער. ער אַליין האָט מיט הנאה זיך צוגעקוקט ווי זיינע פאַראַרבעטער שלעפּן גאַנצע מחנות באַראַק־מענטשן אויפן קוים־באַלויכטענעם אַפּעל־פּלאַץ. די גרעסטע טייל איז ערשט נישט לאַנג געקומען פון דער אַרבעט און זיך גענומען פאַר אים קלאָגן:

— הער מייסטער... איך געהער צו די גראַנאַטן... כ'האָב שוין גע־אַרבעט זיבעצן שעה און מוז כאַפּן אַ דרימל... כ'וועל מאָרגן נישט קע־נען אַרבעטן אין מיין אָפּטיילונג...

אָבער גראָד אַזעלכע האָט ער געהייסן מיטנעמען און אַ ווינק גע־געבן צו זיין קאָמענדאַנט, דער גראַבער אבראַם, אַז ער זאָל שלאָגן מיט אַלע כוחות — ביז די געכאַפּטע זאָלן זיך אויפהערן קלאָגן פאַר אים. דער־ביי האָט ער ווילד־הנאהדיק זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער, וואָס ער וועט דאָ אָפּטון זיינע חברים, מייסטער פון אַנדערע אָפּטיילונגען און טאַקע ראַסטן אַליין אויך: זיי וועלן מאָרגן באַקומען אין די האַלעס האַלב־טויטע מענטשן צו די מאַשינען!

דערשפּירנדיק שמיצן אין לאַגער — האָבן זיך אויך אויפגעכאַפּט די קאָמענדאַנטן: פּעלאַ, ווייזנבערג, ראַגנער און אַלע זענען געקומען צו לויפן... זיי האָבן אים געוואָלט פּטור ווערן וואָס פריער און דערפאַר גע־האָלפן ציען די מענטשן נאַקעטערהייט, אַבי צונויפצושטעלן די געהעריי־קע צאָל. דערביי איז נישט איינער אַוועקגעפאַלן פון זייערע קלעפּ אין דער פינצטער.

אויך דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן: ווען מען האָט אים געגעבן 500 מאַן האָט ער פאַרלאַנגט וויטערדיקע פינף הונדערט... דערנאָך דעם

דריטן האַלב־טויזנט... און דאָס כאַפּעניש איז אָנגעגאַנגען ביז עס האָט אָנגעהויבן בלויען... מעכעלע איז געווען פון די ערשטע און ער איז אָפּ־געפירט געוואָרן ביזן עק פון דער פאַבריק, ביי שמיצס אַלטע מאַגאַזינען. די גרופּן האָט מען אַריינגעשטויסן אין די פינצטערע באַראַקן. עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָ גייט מען איבערטראָגן אַ גאַנצע שטאָט פון איין אָרט אויפן צווייטן. אָבער קומענדיק טיפער אין די מאַגאַזינען האָט מען די געכאַפּטע געהייסן זיך אַוועקלייגן, אַז מען זאָל פון זיי קיין פּיפּס נישט הערן...

דאָס האָט געדויערט שעהען, ביז שמיץ אַליין איז אָנגעקומען מיט דער לעצטער מחנה און גענומען שרייען מען זאָל אויפשטיין און מאַר־שירן נאָך אים. ווידער האָט זיך אויסגעשטעלט אַ ריי פון פופצן הונ־דערט מאַן, וועלכע ער האָט געפירט איבער דער גאַנצער פאַבריק און דעם גאַנצן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן קילאָמעטערס, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען ווילד און אָנשטעלעריש:

— ביי מיר וועט איר אַרבעטן, איר באַנדע פוילענצער!... צוליב אייך וועל איך קיין פאַבריק נישט אָפּשטעלן! איך ש... אויף דעם וואָס איר טוט בייטאָג אין דער פאַבריק! מען קען שוין די דאָזיקע געוואַלדיקע אַר־בעטן! היינטיקן אָוונט וועט איר לערנען וואָס מען מיינט אַרבעט אין אַ דייטשער געווער־פאַבריק!...

זיינע קולות זענען אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון אַ צוויי צענדליק פּאָליציי־לייט, קאָמענדאַנטן און צוטשעפּענישן, ביז די גאַנצע פאַבריק איז פול געוואָרן מיט די קולות... אפילו מייסטער האָבן זיך פאַרגאַפט אָפּגערוקט אין אַ זייט, ביים דערזען אַזאַ לאַנגע, ביינאַכטיקע פּראָצעסיע, מיט שמיצן בראש.

פאַר אים איז אָבער דער עיקר ציל געווען פאַרבייצושלעפּן די אָנ־געכאַפּטע מחנה איבער דער פאַבריק. זאָלן די אַנדערע מייסטער זען, אַז ער מוז נאָך כאַפּן ביינאַכט אויף צוגאָב־אַרבעט... דערפאַר וועלן זיי אפשר אויפהערן צו ברומען, אַז ער האָט אויך בייטאָג צופיל לייט אין זיינע אָפּטיילונגען.

נאָכן אַרומשלעפּן זיך אַ גאַנצע שעה האָט ער צוגעפירט די גאַנצע אַרמיי צו אַ שטאָק־פינצטערן קעלער און אַלע האָבן זיך געמוזט אויס־שטעלן אין אַ ריי. דאַן האָט יעדער באַקומען אין האַנט אַ הילצערנע נעץ פאַר גראַנאַטן, וואָס וועגט אַ האַלבע קילאָ און ער האָט געמוזט וואַרטן

אויף די אַנדערע. דערנאָך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די משונהדיקע פּראָצעסיע אויף צוריק, דורך די לאַנגע בייִנאַכטיקע פאַבריקס־גאַסן מיט די איינצלנע, קליינע קעסטעלעך אין די הענט. נאָך צוויי מאַרשן אַהין און צוריק איז אים נמאס געוואָרן דאָס גאַנצע שפּיל. ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז מיט איין לאַסט־אויטאָ קען מען דעם גאַנצן מאַגאַזין אַריבערפירן אין איין האַלבער שעה... דערפאַר האָט ער אַ באַפעל געגעבן צו זיינע פאַראַרבעטער מען זאָל דעם עולם איינשליסן צווישן די קאַסטנס ביז אין דער פרי... זאָלן זיי דאָרט זיצן, דערציילן זיך געשיכטעס, באָקסן זיך אָדער סתם מאַכן גימנאַסטיק... ער האָט עס געגוג...

און נאָך לאַנג, נאָך זיין אַוועקגיין, האָט זיין דונערדיק געלעכטער זיך געפּלאָנטערט צווישן די שווערע, שוואַרצע קודלעס פון די אַרומיקע ביימער...

— 3 —

ער האָט איבערהויפּט ליב געהאַט דעם טומל אַרום דער אַרבעט — מער ווי די אַרבעט גופא. צו אַן אַרבעט וואָס האָט העכסטנס געפאָדערט 20 מענטשן האָט ער טיילמאָל אָנגעטריבן עטלעכע הונדערט און ער האָט געהאַט אַ משונהדיקן פאַרגעניגן, ווען איין מענטש האָט זיך גע־ריבן אין צווייטן און יעדעס פּיצעלע איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון צענד־ליקער הענט אויפאַמאָל... וואָס ווינציקער עס איז געווען צום טון — אַלץ מער האָט ער געהייסן זיינע פאַראַרבעטער שרייען אויף די פּוילענצער... עפּעס האָט אין אים אַליין געלעבט אַזאַ ציללאָזער גערויש און ער האָט אים געוואָלט זען אויך אויסער זיך און אַרום זיך.

דערפאַר האָט ער געקענט בייִנאַכט לאָזן דעם עולם משוגעוואַטע אַרומלויפן פון איין אָרט צום אַנדערן, אָדער אַריינקריכן אין זיינע קאַסטן־לאַבירינטן און אָפּשלאָפן היפּשע שעהען. דערנאָך האָט ער אין דער לעצ־טער אַרבעטס־שעה געמאַכט אַן אומגעריכטע אינספּעקציע און גענומען טרייבן, רודערן, אָנמאַכן אַזאַ געפּילדער — אַזוי ווי אין דער שעה וואָלט מען אויסגעבויט פּיתום מיט רעמסס...

דאָס זעלבע האָט ער אויך געטון נאָכן זעצן מיט דער קאָלבע אין די לאַגער־טירן און פאָדערן מען זאָל כאָטש דעם גאַנצן לאַגער אויפוועקן פאַר זיינעטוועגן... און אַז די געכאַפּטע פאַרטיע איז געקומען — האָט זי

געטראָפן די נאָרמאַלע שיכט יידן ליגן צעוואָרפן צווישן די קעסטלעך און כראָפּען געשמאַק...

אים האָט ווייניק געאַרט, וואָס די מייסטערס פון אַנדערע האלעס האָבן דערנאָך געשריגן אויף זייערע יידן און געבייזערט זיך אויף אים, וואָס ער מאַטערט אויס זייערע אַרבעטער — אַז זיי זאָלן בייטאָג נישט קענען רירן מיט קיין אבר. דאָ האָט זיי נישט געאַרט די יידנס צער — נאָר זייער אייגענע דערנידערונג: וואָס הייסט ער נעמט זיך „זייערע" מענטשן? פאַרוואָס האָט ער אפילו ביי זיי נישט אָנגעפרעגט?

ער אַליין האָט זיך אָבער נישט געמאַכט דערפון. אין דער פרי איז ער געקומען אַ צופרידענער, אַ שטראַלנדיקער באַקוקט וואָס מען האָט אַלץ אָפּגעטון אין משך פון דער נאַכט און זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון זיינע פאַראַרבעטער, וואָס האָבן אַזויפיל באַוויזן צו שאַפן... דערנאָך איז ער אַוועק זיך באַרימען פאַר די מייסטערס פון אַנדערע אָפּטיילונגען ווי סיסטעמאַטיש ביי אים גייט אַלץ... ער האָט געהאַט אַ ים מיט אַר־בעט און נישט געוווסט ווי אַזוי מען וועט עס מאַכן... ס'איז זייער דריב־גענדיק געווען! ער האַנדלט אָבער טאָטאל: ער האָט אָן רחמנות מאָבילי־זירט די פוילע יודענבאַנדען, סיי פון דער נאַכט־שיכט און סיי פון דער בייטאָגיקער! דערביי האָט ער זיי „געגעבן פויער" אויף אַ געהעריקן אופן ביז זיי האָבן עס איבער נאַכט געשאַפן, אָט די טויפלס־באַנדע...

ס'האָט קיינער נישט געקענט וויסן אויב שמיץ נאַרט זיך דאָ אַליין, אָדער ער שפּילט אַזאַ גוט־צוגעטראַכטע קאָמעדיע. קיינער האָט אויך נישט געקענט וויסן צוליב וואָס ער קען דאָס דאַרפן אַזאַ משוגע־שפּיל פון חוזק איבער די מידע יידן און איבער זיינע בייזע און גלויבנדיקע חברים...

די יידן, וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט אַ לענגערע צייט האָבן שוין פאַרשטאַנען זיין מינדעסטן ווונק, געוווסט ווען ער שטעלט אָן דעם כעס און ווען ער איז עס באמת. דערפאַר האָבן זיי אויך געוווסט ווי אַזוי מיט אים אומצוגיין. אין דער צייט, וואָס אין אַנדערע אָפּטיילונגען זענען מענטשן געפאַלן ווי פליגן פון דער אַרבעט — האָבן די מענטשן ביי שמיצן אָנגעהאַלטן לענגער. די אַרבעט איז געווען לייכטער און עס זענען געווען מעגלעכקייטן זיך אויסצורוען. זיי האָט נאָר געקענט טרעפן דער אַלגעמיינער הונגער און די סעלעקציעס, ביי וועלכע אויך שמיץ האָט אַמאָל מיטגעהאָלפן.

אָבער נישט צוליב דעם אַליין האָבן זיך יידן געריסן צו אים. עס איז אויך געווען אַ צווייטע סיבה: פּרנסה...

ביי שמיצן אין די אָפּטיילונגען האָט מען געקענט אויסגעפינען פאַרשידענע זאַכן, פון וועלכע מען האָט געקענט האָבן ברויט — כאָטש מען האָט דערביי געלייגט דאָס לעבן אויף דער וואָגשאָל. מען האָט נאָר געדאַרפט האָבן איינפאַל און פלינקייט. דער איינפאַל האָט גענוצט, אַז מען זאָל קענען צוקלערן, ווי אַזוי אויסצונוצן די פאַרשידענע רוי־מאַטעריאַלן און זיי צו פאַרווערטן. דערביי האָט מען אויך געדאַרפט זיין מוראָדיק פלינק אַז סיי די פּאָליאַקן און סיי די אייגענע יידן זאָלן נישט באַמערקן ווּ אָ ס מען נעמט, ווו און ווי אַזוי מען טראָגט עס אַרויס איבערגעאַרבעטערהייט... עס איז אָבער גענוג געווען אַז איין ייד זאָל עפּעס אַנטדעקן אָדער דערפינדן — און שוין זאָלן עס אים נאָכטון צענדליקער. ביי אַ גרעסערער צאָל אַזעלכע סאַבאָטאַזש־מאַכער איז די סכנה טאָקע געווען גרעסער, אַנזעעוודיקער און מען האָט לייכטער געקענט באַמערקן דאָס אָפּגעטוענע. דערפאַר האָבן אָבער מער יידן גענומען עסן אַן איבעריק שטיקל ברויט און באַקומען אַ שענער פּנים, וועלכעס עס איז לייכטער אויסצוהיטן פאַר געוועלנלעכע סעלעקציעס. פוןביידע סכנות און ביידע טויטן — האָבן די װערק־צעניקעס שטענדיק אויסגעקליבן אַ טויט מיט אַ פולערן מאָגן... און קיין וואָרענונגען האָבן דערצו נישט געקענט העלפן.

מיט דער צייט האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אַן אייגענע, אונטערערדישע יידישע פאַבריקאַציע, ביי וועלכער יידן האָבן באַוויזן זייער מייסטערשאַפט און דערביי אויך זייער טיפן זין פאַר אָפענער קאָנספּיראַציע. בלויז זיי האָבן געוווסט וואָס עס הייסט אַזוינס צו לעבן „פון שמיצס צווייטער פּראָדוקציע" און לאַנגע צייטן האָט עס געדאַרפט נעמען ביז עס איז אַנטדעקט געוואָרן און זיך פאַרענדיקט מיט תליות אויף די ביימער פון לאַגער־הויף...

— 4 —

אין איינעם פון שמיצס לאַבירינטיקע באַראַקן האָבן עטלעכע הונגעריקע יידן אַנטדעקט לאַנגע, ריזיקע רערן, וואָס זענען דאָרט אָנגעלייגט געווען אין די טויזנטער אונטער אַ דיקן שיכט שטויב... וואָס קען מען

דען טון מיט אַזעלכע לאַנגע רערן? קען מען זיי דען עסן? דער שכל אַליין וואָלט געפּסקנט אַז נ י ש ט ... אָבער דער הונגעריקער מח האָט דער־פון נישט אָפּגעלאָזט. דערפאַר האָט זיך אויפן צווייטן טאָג אַריינגעגנבעט אַהין אַ ייִנגל, וואָס האָט אַמאָל געהאַט צו טון מיט שלאָסעריי. דאָס מאָל האָט ער שוין מיטגענומען אַ דיך, שטאָלערן זעגל — וואָס ער האָט באַוויזן זיך צו באַזאָרגן פון אַ צווייטער פאַבריקס־אָפּטיילונג — און ער האָט פּאָרזיכטיק אָפּגעשניטן אַ שטיקל רער, אין דער גרויס פון אַ קאָווע־טעפּעלע... ביינאַכט, אין באַראַק האָט ער פעסטגעשטעלט אַז די רערן זענען פון דיקן אַלומיניום. מער האָט ער נישט געדאַרפט. יעדן טאָג האָט ער זיך אָפּגעשניטן עטלעכע קיילעכדיקע שטיקער, לויט דער מאָס פון אַ שמאָל און לאַנג טעפּל. דערנאָך האָט ער עס אַוועקגעטראָגן צו אַ שלאָ־סער־אָפּטיילונג, וווּ עס האָבן געאַרבעט עטלעכע „אייגענע" ייִנגלעך זיינע און דאָרט האָט מען קונציק צוגעשווייסט אַ באָדן מיט אַ הענטל דערצו און... עס איז אַרויסגעקומען אַ פיין אַלומיניום־טעפּל אין וועלכן מען האָט גאָרנישט געקענט דערקענען דאָס נעכטיקע שטיקל רער פון שמיצס אַ באַראַק...

מיטן מאָמענט, ווען דער ערשטער עקספּערימענט איז געלונגען האָט זיך די געהיימע פּראָדוקציע פון אַלומיניום־טעפּ אַנטוויקלט, פאַרפּיינערט און אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין פאַרקויף, אונטער די דייטשע מייסטערס נאָז... אין שטאָט האָט אַזאַ נייַ טעפּל געדאַרפט קאָסטן אַ פאַרמעגן — די ווערט פון עטלעכע לאַבנס ברויט... און אויך דאָן האָט מען קיין שפּאָגל־נייע נישט באַקומען. האָט זיך דערביי געשאַפן אַ גאַנצער שות־פות: איינער האָט געריסן שטיקער פון די פאַרבאָרגענע רערן, אַ צוויי־טער האָט געשווייסט דעם באָדן מיט די אויערן און אַ דריטער האָט עס אונטערגעטראָגן אַ פּאָליאַק פון אַ צווייטער האַלע און פאַרגעלייגט צום פאַרקויף. עס האָט געהייסן אַז דאָס איז געברענגט געוואָרן פון קראָקע־ווער לאַגער, נישט גענוצט נאָך און דער אייגנטימער מוז זיין עס־געשיר פאַרקויפן פאַר ברויט...

עס האָט גאָר נישט געהאַט קיין שיעור וויפל אַלומיניום־טעפּ די קראָקעווער האָבן עס מיטגעשלעפּט פון זייער לאַגער — ווייל ווי גערן די פּאָליאַקן האָבן נישט צעכאַפּט די מציאות, האָט אַלץ נישט אויסגע־פעלט... און ווער האָט געקענט וויסן, אַז דאָס האָט אַ הונגעריקער מאָגן זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַ דערפינדערישן מח און באַשלאָסן אויף אַז

אייגענעם אופן אויסצונוצן דעם אוצר מיט רערן פון בעסטן מאַטעריאַל, וואָס שמיץ האָט באַהאַלטן פאַר זיינע געהיימנישפולע אויסאַרבעטונגען?

מיט דער צייט האָבן טייל פּאָליאַקן געגומען חושד זיין און נישט געקענט זיך דערטראַכטן צו עפּעס: פונוואַנעט נעמען זיי אַזויפיל פינק־נייע, זויבערע טעפּ צו פאַרקויפן? אַז אין שטאָט איז עס שוין עטלעכע יאָר נישט צו באַקומען — און די יידן זענען אונטער דראָטן, איינגעשלאָסן? ווי אַזוי קענען זיי עס פאַרקויפן פאַר אַ שטיק ברויט?

אַנדערע יידן האָבן דערשנאַפּט אויף אַ פאַבריקס־בוידעם אַ פאַרגע־סענעם באַרג מיט נייער צינק־בלעך. באַלד האָבן זיך דאָרע גופים גענומען אַרומוויקלען מיט גאַנצע קופּאָנען און עס אַריינגעשמוגלט אין לאַגער אַריין. אונטער דעם הויפן שמאַטעס אויפן דינעם קערפּער האָט מען עס נישט אָנגעזען, כאָטש דער פאַבריקס־טויער איז געווען אַזוי שטאַרק באַ־וואַכט פון אוקראַינער און דייטשע ווערקשוץ... אָנשטאָט צו לייגן זיך שלאָפן נאָך אַ נאַכט שווערער אַרבעט — האָבן זיך גאָר אַזעלכע גענו־מען אויסזוכן קיילעכדיקע קיזל־שטיינער, לאַנגע שערלעך און צוזאַמענ־געשטיקעוועט הילצערנע האַמערס, וועלכע האָבן פאַרזיכטיק גענומען אָפּ־הילכן אין לאַגער־וועלדל...

די ערשטע צייט האָט מען זיך נישט געקענט כאַפּן, וואָס די עקשנים וועלגערן דאָרט אַזוי די לאַנגע שטיקער בלעך. מיט דער צייט האָבן זיך אָבער גענומען באַווייזן בלעכענע קוואָרטן, שיסלען און עמערס. ביסלעכ־ווייז זענען זיי אַלץ מער פּערפעקציאָנירט געוואָרן. די ערשטע כלים זע־נען געבליבן אין לאַגער, פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ מאָסל ביטערע זופּ — דערנאָך זענען זיי געטראָגן געוואָרן אין פאַבריק און מען האָט זיך אפילו נישט געקענט כאַפּן, אַז דאָס קומט נישט פון קיין בלעכער־מאַשין אין אַ ריזיקער פאַבריק...

ווען די פאַבריקס־מאַכט זאָל געווען האָבן דעם מינדסטן פאַרדאַכט — וואָלט זי געקענט לייכט זיך דערוויסן, ווי אַזוי מען האָט באַקומען די רוי־שטאָפן דערצו און דאַן וואָלטן זיכער געפלויגן קעפּ!... דער מינדסטער חשד האָט זיי אָבער נישט געקענט קומען אין געדאַנק אַריין.

מען האָט זיך אפילו דערציילט, אַז שמיץ איז אַמאָל אַריינגעפאַלן אין איינעם פון זיינע אָפּגעלעגענע באַראַקן און דערזען ווי איינער פון די יידן שטייט צווישן די קאַסטנס און מאַניפּולירט עפּעס מיט די הענט. ווי זיין שטייגער האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ זייט און גענומען אָבסער־

ווירן. האָט ער דערזען, ווי אַזוי יענער האַלט אַ שטיקל רער און באַמיט זיך מיט אַ קליינעם זעגל אָפּצופיילן אַ שטיק דערפון... יענער האָט גע־שליפט, געריבן, צוגעהעמערט דעם בוידעם מיט טשוועקלעך און זיי ווייטער געריבן, צוגעגלייכט, ביז ער האָט עס פאַררוקט אין דער צעהאָדערטער טאַש אַריין...

מיט איין שפרונג איז ער געשטאַנען איבער דעם טויט־דערשראָקענעם ייִנגל: העי, דו! וואָס האָסטו ביי זיך? יענער האָט מיט פאַרלוירענעם לשון אים דערלאַנגט אַ שפּאָגל־נײַ טעפל... דער אינזשינער איז געוואָרן אויפגעקאָכט, אַראָפּגעלאָזט דעם יידל אַ פייערדיקן פראַסק: זיינע אלומיניום־רערן! אַ צאָרן האָט אים אַרומגעכאַפּט און ער האָט זיך געריסן מיט די הענט צום רעוואָלווער. אָט שוין וועט ער אים דערשיסן! אַזאַ סאַבאָטאַזש?!

דער ייד איז געשטאַנען אַריינגעקוועטשט צווישן די קאַסטנס און אין דער האַנט האָט ביי אים נאָך אַלץ געציטערט דאָס הילצערנע העמערל מיט וועלכן ער האָט אויסגעקלאַפּט זיין טעפל. קיינער איז אין דעם פינצטערן באַראַק נישטאָ, בלויז אַ ים מיט ווענט פון ליידיקע קאַסטנס, די גרויסע טויט־שרעק וואָס האָט זיך דאָ אַריינגעדריקט אומעטום און עפּעס אַזאַ מין פיבער וואָס זוכט צו דערשטיקן, צו דערהרגענען... נאָר צוויי מענטשן שטייען איינער קעגן צווייטן... איינער איז אַ הויכער, אַ ריז און דער צווייטער איז קליין און מיט יעדער רגע וואַקסט ער אַראָפּ נאָך קלענער, איינגעבויגענער. ער ציטערט אין גאַנצן; ער איז גאָרנישט און זיין מאַכט איז גאָרנישט. בלויז אַ קליין העמערל האַלט ער אין האַנט. אין דעם העמערל ליגט זיין גאַנצע קראַפט. דאָ ליגט זיין שכל איבערצושפּיצלען דעם הונגער, אַרויסקלאַפּן אים פון אייגענעם מאָגן דורך העמערן איבער אַ געגנבעט שטיקל רער ביי אָט דעם הויכן וואָס שטייט דאָ דאַנעבן מיט אַ רעוואָלווער ביי דער זייט, אין מיטן דער לאַנגער פוסטער אימה...

אין מיטן כעס איז אָבער שמיצן באַפאַלן אַ געלעכטער, זיין שטענדיק צערוישט געלעכטער, פון אַזאַ יידלס פּיפּיקייט... אים, דעם אַזויקלוגן דערפינדער זאָל אַזאַ גאָרנישטל אַזוי איבערכיטרעווען! אומדערהערט... לאַכט ער און מיט זיין געלעכטער טרייסלט זיך אַרויס ביי אים די גאַנצע לוסט צו דערשיסן דאָס ציטערדיקע פּנימל אַנטקעגן אים... מיט וועמען גייט ער דאָ אין קאַמף? און אויף וואָס פאַר אַ שלאַכט־

פעלד? שוין לאַנג איז אים געוואָרן פּאַרדעכטיק, וואָס אַזויפיל יידן האָבן טעפּלעך צום עסן פון אַזאַ קאָסטבאַר קריגס־מאַטעריאַל און אויך ביי די פּאָליאַקן דערווישט מען יעדן טאָג, בעת דער רעוויזיע שפּאָגל־נייע טעפּ אַזוינע... גיי ווייס, אַז די גאַנצע טעפּ־פאַבריק באַשטייט פון אַ האַלק־האַמער און אַ פּאָר רירעוודיקע, פייערדיקע יידנהענט!...

ווי אָפּטמאָל, האָט אויך איצט ביי אים דער נייגער באַזיגט אַלע אַנדערע געפילן און אויפברויזן: ייד, וויפל באַקומסטו פאַר אַזאַ טעפּל? דער ייד האָט פּלוצים אויפגעלעבט און געפונען זיין צייט פאַר געקומען: מ'הייסט אַרבעטן זעכצן שעה טעגלעך... קיין געלט צאָלט מען נישט, נאָכ־קעט גייט מען און עסן באַקומט מען נישט — וואָסזשע האָט ער אָנצו־ווערן? סיי ווי וועט די סעלעקציע נישט מיידן... איז גלייכער צו דער־שאָסן ווערן פאַר סאַבאָטאַזש, איידער צו קראַפּירן אַ געשוואָלענער. ווייל יעדעס מאָל ווען דאָס געלינגט — איז דאָ אַ שטיקל ברויט צו עסן...

— מאַך מיר אויך אַזאַ טעפּל!... איז שוין דער אינזשינער אַריינ־געצויגן געוואָרן אין אַ צווייטער טייל פון זיין שפּיל. ער האָט שוין פאַר־געסן זיין ראָל און געוואָרן אַ נאַטירלעכער מיטווייסער פון גרויסן פאַר־ברעכן, צוליב וועלכן ער האָט אָקאָרשט געצויגן זיין רעוואָלווער... און דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צוצוגעבן: ס'וועט דיר ווי און וויגד זיין, אויב דאָס געצייג וועט נישט זיין פּראַכטפול געמאַכט!...

אויף וואָס ער האָט אַזאַ טעפּל געדאַרפט — האָט דער ניצול־געוואָ־רענער, וואָס האָט עס דערציילט מעכעלען — נישט געוווסט... שמיץ האָט זיך פּלוצים גענומען איילן און פאַרן אַרויסגיין האָט ער נאָך פון זיין רייז־טאַש אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּירל מיט ברויט־שניטקעס און עס אַ שלייַ־דער געטון צום ייד: דאָ האָסטו פאַר דיין אַרבעט, טייוול איינער — —

שפּעטער, צווישן מייסטערס, האָט שמיץ ליב געהאַט איבערצוחזרן אַז אַ ייד קען לעבן און אויסהאַלטן אין אַ מדבר, אין אַ תהום אפילו אויב... מען דערשיסט אים נישט! דאָס איז אַ פאַלק מיט אַ באַזונדערס־אינטעליגענטן חוש צו היטן זיין לעבן. ער האָט אפילו באַווייזן דערויף...

יעדעס מאָל אָבער ווען זיי האָבן געוואָלט די באַווייזן הערן אָדער זען — האָט ער זיך צעשאָסן מיט זיין אומגעווענלעכן געלעכטער, אַז עס איז אים נישט מעגלעך געווען איינצוהאַלטן... איז פאַר די מייסטער נאָר צוגעקומען נאָך אַ באַווייז קעגן דעם „איינפאַכן יודענפאַטער״ — ווי זיי האָבן צווישן זיך ליב געהאַט צו רופן דעם מעכטיקן אינזשינער שמיץ...

איז ער אויך פֿאַר זיי געווען אַ שטיק רעטעניש פּונקט ווי פֿאַר די יידן, וועלכע ער האָט געשיצט און געשלאָגן, פֿאַרטיידיקט און מיטגע־האָלפֿן קלייבן אויף סעלעקציעס...

קאַפּיטל צען

— 1 —

נישט אַלע אין ווערק צע האָבן געהאַט געלט און נישט אַלע וואָס האָבן געהאַט — האָבן עס געוווסט ווי אַזוי אויסצוהיטן. דערפֿאַר האָבן אָבער זייער אַ סך נישט געוואָלט שטאַרבן פֿון הונגער. צוליב דעם האָט דער געדאַנק געמוזט זיין דערפֿינדעריש און אויסקלערן אַלערליי פּלע־נער, ווי אַזוי צו קענען דערלאַנגען זיך צו אַן איבעריקן ביסן. יעדער טריט אויף אַזאַ וועג האָט געפֿירט דורך אַ טויט, וועלכן מ׳האָט געדאַרפֿט וויסן ווי אַזוי צו מיידן און זיך געשיקט דרייען צווישן זיינע גליטשיקע וועגן. נישט אַלע האָבן עס געקענט אָדער געוואָלט. נאָר די רייען פֿון די ריזיקאַנטן איז אַלץ מער געוואָקסן. די פֿאַרגליווערטע מיט די בלייכע, ביינערדיקע פּנימער אין מיסט־קאַסטן האָבן געשראָקן און עס האָבן זיך באַוויזן אַלץ מער געוואַגטע, וואָס זענען גיכער גרייט געווען דערשאָסן צו ווערן, איידער יעדן טאָג באַזונדער צו קראַמפּן זיך אין הונגעריקן צער.

אַ באַזונדערן פּיבער צום לעבן האָבן אַנגעיאָגט די קראָקעווער. פֿריער זענען אַלע פֿון דער מאַסע געווען רעזיגנירט. איצט אָבער זענען פֿאַרביי־געלאָפֿן אַ פּאָר רויִקע וואָכן און אין לאַגער האָבן זיך ווידער גענומען טראָגן פֿריילעכע, לעבעדיקע שטימען... און אויך אין די מאַגערע באַראַקן האָט זיך צוריק פֿאַרוואָלט אַן עס טון, אַנזעטיקן זיך און קוקן אויף דער וועלט כאָטש אַ פּאָר טעג מיט נאָרמאַלע אויגן. דאָס האָט נאָר געקענט מעגלעך זיין פֿאַר די יינגלעך מיט לייִדיקע הענט דורך איין וועג: ס אַ־ באַטאַזש!

נישט אַזוי איינפֿאַך איז דאָס געווען. דערצו האָט מען געמוזט זיין אומדערשראָקן, מיט אייזערנע נערוון און פֿלינקע פֿינגער.

עס איז געווען אַ צייט, ווען אין גאַנץ פּוילן איז קיין האַרטע לע־דער צו שטיוול און שיך נישט געווען בנמצא. די לעצטע, נישט־קאָנפֿיס־

קירטע רעזערוון — האָבן זיך געפונען אין די הענט פון אייזערנע שפּעקר־לאַנטן, וועלכע האָבן גערעכנט דערפאַר פאַנטאַסטישע פּרייזן. די פּאָליאַקן האָבן טאַקע געברומט אַז „מאַכן אַ פּאָר שטיוול דאַרף קאָסטן אַזויפיל ווי בויען אַ הויז" — זיי האָבן אָבער פלוצים געהאַט אַזויפיל געלט, אַז זיי האָבן געצאָלט און געמאַכט...

אויף זיי האָבן זיך פאַרקוקט אויך די ווינציקער־פאַרמעגלעכע. מען האָט געהאַלטן אין איין רעדן אַז „קיין זאַך איז נאָך נישט זיכער" און אַז „נאָכדעם ווי די יידן זענען שוין נישטאָ, וועט מען אויך די פּאָליאַקן נישט לאָזן זיצן רואיק אין די געגנטן פון ראַדאָם און טשענסטאָכאָוו"... אַ געמורמל אַזאַ פון לויפן און טרייבן, האָט זיך אַ יאָג געטון איבער די בייזע, פאַרכמורעטע ליפּן. מען קען קיינמאָל נישט וויסן, ווי אַזוי מען וועט דאַרפן גיין און וואָס מען וועט קענען מיטנעמען מיט זיך — אָבער דאָס וואָס מען האָט א ו י ף זיך איז זיכער דיין... אַזאַ איז געווען די פילאָזאָפיע פון די שטיוול־מאַכער. מען קען טרייבן אין ווינטער, אין זאַ־ווייען, אין קעלטן — איז גלייכער אויסצובורענגען אַ סומע און זיכער זיין, איידער צו היטן די פּאַפּירענע, פּוילישע „גוראַלעס"...

אַ שטיק שכל איז געווען דערביי — אָבער דאָך האָט די פּרייז פון די האַרטע פּאָדעשוועס נישט אייגעם אָפּגעשראָקן. אָט, ווען עס זאָל כאָטש מעגלעך זיין צו באַקומען פעסטע גומי! נאָר — ווו קען מען זי נעמען, אַז אַלץ איז פאַרפלייצט מיט ערזאַץ און אַ לייטיש שטיק גומי נוצט אויף בעסערע צוועקן... מלחמה!

אויך דאָ האָבן זיך ווערק־צע־מוחות דערטראַכט צו געפערלעכע פּלע־נער:

אין דער פאַבריק זענען אָנגעלאָפן כסדר צוגן, וואָס זענען געקומען אָפּנעמען די אויסגעאַרבעטע שיס־מאַטעריאַלן. אויף יעדן איינעם פון זיי האָבן זיך געפונען דיקע, גומענע קישקעס צו פאַרשידענע צוועקן. דאַרף מען נאָר האָבן ביי זיך אַ שאַרף מעסער... און דאַן...

דאָס דאַרף געטון ווערן בליצשנעל, קיין פויגל זאָל נישט זען... שפּעטער זענען אַזעלכע גאַנצע, מעטערדיקע קישקעס אַריינגעשטופּט גע־וואָרן בליצשנעל צווישן לייב און שמאַטעס... דערנאָך זענען אַזעלכע דעראָבערונגען פאַרזיכטיק איבערגעטראָגן געוואָרן אין לאַגער אַריין. דאָרט האָט מען זיי געשניטן לויט דער מאָס פון פּאָדעשוועס, לאַנג זיי געווייקט אין וואַסער און אויסגעגלייכט. די פּאָליאַקן האָבן געוווסט אַז

יידן קענען אויסאַרבעטן שטיוול. ווי אַזוי — איז זיי צוערשט נישט אָנ־געגאַנגען. זיי האָבן נאָר געברענגט אַלטע, אָפּגעטראָגענע טרעטערס אין פאַבריק אַריין. דאַן האָט זיי אַ ייד אָנגעטון אויף די פיס און „אַריינגע־טראָגן" אין לאַגער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער צוריק אָנגעטון אַ באַ־גייטע פּאָר שטיוול און מיט זיי געגאַנגען ביז אין דער פאַבריק. דאָרט האָט שוין אַ פּאָליאַק געוואַרט מיט עטלעכע ברויטן און איבערגענומען די געמאַכטע שטיוול אויף ז יי נ ע פיס. די שטיוול האָבן דערביי גע־האַט פּאָדעשוועס פון אַזאַ אייזערנער גומי, וועלכע האָט געקענט האַלטן יאָרן. פון וואַנעט זאָל אַ פאַבריקס־פּאָליאַק וויסן, ווו דער ייד נעמט אַזעל־כע קאָסטבאַרע מאַטעריאַלן אין זיין איינגעשלאָסענער וועלט?...

הונדערטער וואַגאָנעס האָבן געגומען אַוועקלויפן אין די ווייטן פון מזרח־פראָנט מיט אויסגעשניטענע קישקעס. דאָס שניידן און אַריינשמוג־לען איז פאָרגעקומען אין דער פינצטער און קיינער האָט אפילו נישט אַ טראַכט געטון, וואָס עס וועט זיין אויב מען וועט דאָס אַמאָל אַנטדעקן... ווערק צע דאַרף ברויט! טאָ זאָלן זיי לויפן, די צוגן, וווהין זיי זענען באַ־שטימט! זאָל מען דערנאָך זען, וואָס פאַר אַ חורבן עס איז אָנגעמאַכט גע־וואָרן... זאָל מען זוכן, פאָרשן, נישטערן... זאָלן זיי אפילו שפּעטער שיסן דערפאַר! ווער מען גייט עס אָן? ווער דאַרף דען קלערן דערפון?

דערווייל דאַרף דאָס מעסער אָפּשניידן אַ שטיק, קיינער זאָל נישט זען. דערנאָך דאַרף עס אַ בראַוווער שוסטער אויסגלייכן און אַרויפּציען אויף אַ פויערישן שטיוול! דערפון איז דאָ אַ גרויסער ברויט־לאַבן, פון וועלכן עס ווערט פול אין מאָגן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט! מען האָט אפילו כח ווייטער זיך אונטערצושאַרן צו אַ וואַגאָן און ווידער אַ שאַרפן שניט טון...

יעדעס מאָל האָבן די הערצער געקלאַפּט, געמיינט אַז מאָרגן וועט דער שפּיל אַנטדעקט ווערן און עס וועלן זיין אַפּעלן, מען וועט אויסזוכן יעדן צענטן און געבן אַ קויל אין קאָפּ... דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן — און דאָך האָט מען לאַנגע וואָכן נישט געהערט קיין פּיפּס וועגן דעם. די וואַגאָנעס זענען מסתמא גאָר ווייט פאַרלאָפן מיט דער אַמוניציע־לאַדונג און דאָרט האָט מען נישט געקענט וויסן, וועלכע הענט עס האָבן פון זיי געריסן שטיקער...

— 2 —

די עלעגאַנטע קעסטלעך מיט קליינע קוילן, וואָס זענען געווען אָנ־געלייגט אין די צענדליקער טויזנטער ביי שמיצן אין די מאַגאַזינען, האָט מען פּלוצים גענומען פאָדערן פון די ווייטסטע ערטער. די יידישע טראַנספּאָרטלער האָבן זיי געדאַרפט אַרויסנעמען פון די בונקערס און זיי טראָגן ביז צו די וואַרטנדיקע וואַגאָנעס. די קעסטלעך זענען געווען פיין געשניצט, גלאַט אויסגעאַרבעט און צוליב פּאַרזיכטיקייט האָבן זיי גע־האַט פעסטע הענטלעך, צוגעשלאָגן פון ביידע זייטן, עס זאָל זיין לייכ־טער צו טראָגן. דאָס האָט אויך געדאַרפט זיין אַ שוץ, אַז מען זאָל זיי נישט שטאַרק צוקלאַפּן און זיי זאָלן פון דער היץ נישט אויפּרייסן.

די הונגעריקע אויגן פון ווערק־צע־טראַנספּאָרטלער האָבן אָבער וועגן דעם אַלעם נישט געטראַכט. זייער אויג האָט גיכער אויפגעכאַפּט אַ גאַנץ אַנדער דערשיינונג: די פיינע הענטלעך אויף די קעסטלעך זענען געווען פון ברייטער, דיקער לעדער... יאָ, געלע און שטאַרקע לעדער! וואָס קען נאָך זיין בעסערס פאַר נייע שטיוול אויף פּאָדעשוועס!? און פון צוויי הענטלעך קען מען גאַנץ ברייט באַשלאָגן אַ שטיוול...

די דאָזיקע אַנטדעקונג האָט לאַנג נישט געקענט בלייבן בלויז טעאָ־רעטיש. באַלד האָבן די טראַנספּאָרטלער, וועלכע האָבן אַריינגעלאָדן די קעסטלעך אין די וואַגאָנען, גענומען זיך ענערגיש צו דער אַרבעט. אין די לעצטע מינוטן פאַרן אָפּגיין פון צוג האָבן די קליינע מעסערלעך פלינק געטון זייער עבודה — און די קעסטלעך מיט קוילן זענען געבליבן אָן די לעדערנע אויערן... עס איז קלאָר געווען אַז אין יענעם געהיימען „דאָרטן" ווהין די קוילן ווערן געשיקט, וועט מען זיך באַלד, ביים אויסלאָדן, כאַפּן דערויף. עס וועט ווערן אַ רעש; מען וועט דערשפּירן, מען וועט זוכן, דערשיסן... דערווייל אָבער ווערן די שמאַטעס אָנגעשטאָפּט מיט דעם טייערן מין און עס וועט אַוועק אַ מסחר, וואָס אַזעלכעס האָט נאָך ווערק צע נישט געזען...

אויך דאָ האָט עפּעס געמוזט געשען. נישט אַנדערש נאָר די וועכ־טער און קאָנטראָלירער זענען בלינד געוואָרן... גאַנצע צוגן מיט „גע־מל'טע" קעסטלעך זענען אָפּגעלאָפן צום פראָנט און קיין שום טרויערי־קער גרוס איז פון זיי נישט אָפּגענומען געוואָרן. האָבן זיך גענומען זאַמ־לען גאַנצע מאַגאַזינען מיט לעדער־זאָפּאַסן אין פאַרשידענע לאַגער־לע־

כער. שוסטער האָבן זיך גענומען אַוועקשטעלן קליינע וואַרשטאַטן אין די באַראַקן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרבעט, וואָס האָט געשפייזט אַלץ מער און מער ווערק־צעניקעס. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן פרישע פנימער, פון וועלכע דער הונגער איז פאַרשוואונדן, ווי דורך אַ כישוף...

נאָך מער וואונדער איז געווען וואָס אַזויפיל ווייסן דעם סוד — און דאָך האַלט עס ווייטער אָן... זעט אויס אַז ווערק צע האָט טאַקע געגנוג אויסוורפן און שלעגער — אָבער קיין שאַרפע מוסרים, וואָס זאָלן ממש איבערגעבן צענדליקער לעבנס צו די דייטשן, זענען נישטאָ... און אפשר האָבן זיי מורא אויך פאַר זיך? ביי דעם פייער, וואָס קען דערפון אויסברעכן, מוזן אַלע אָפּגעבריט ווערן. דערפאַר האָט ווייזנבערג מ״ט עטלעכע פאָליציי אַליין רעווידירט די מענטשן ביים טויער, אפילו געמאַכט רעוויזיעס אין די באַראַקן און צעשלאָגן עטלעכע פאַרדעכטיקע.. דערביי איז עס אָבער געבליבן.

ביסלעכווייז האָט דער לאַגער אַליין גענומען פאַרגעסן אין דער געפערלעכקייט פון אַזאַ אַרבעט. אין פאַבריק האָט קיינער וועגן דעם נישט דערמאָנט און עס האָט אויסגעזען, אַז דאָ וועט קיין שום שלעכטס נישט פאַסירן. אין אַ צייט אַרום האָבן אפילו גענומען אָנקומען ליידיקע קעסטלעך מיט העמטלעך פון גראָבע שטריק, אָנשטאָט די פריערדיקע. זעט אויס אַז „דאָרטן" האָט מען שלום געמאַכט מיט דער גאַנצער מעשה פון די אָפּגעשניטענע העמטלעך און אויך צו דעם געפונען אַן עצה.

האָבן יידן אָנגעהויבן אויסצוקלערן אַלערליי פּלענער, ווי אַזוי אויסצונוצן אַלץ וואָס די אויגן זעען אין פאַבריק. עס האָבן גענומען פון דאָרט פאַרשווינדן מעשענע העמערלעך, וואָס זענען איבערגעאַרבעט געוואָרן... פאַרשידענע בלעכן, אייזנס, חלב־בלאָקן... וואָס קענען דען יידן נישט איבעראַרבעטן, אַז קיינער זאָל אפילו נישט דערקענען פון וואָס די פּראָדוקציע שטאַמט? די קריג האָט אויסגעליידיקט שטעט און דערפער פון די נויטיקסטע כלים. זענען אויף אַלץ געווען אָפּנעמער. בפרט ווען אַלע קויפּעכצער האָבן געקענט געדעקט ווערן מיט דער הויפּט־וואַלוטע פון ווערק צע: שוואַרץ און קלעפּיק ברויט... אין די נעכט האָט זיך אין יעדן באַראַק באַזונדער פאַרדעכטיק גערודערט. מענטשן האָבן גענומען שלאָפן ווייניקער, קוים איבערגעדרימלט דאָס נויטיקע און דערנאָך בעסער געוואָלט האָבן די אויגן אָפן און זען, וואָס מען קען אַלץ אויסנוצן און מאַכן דערפון אַ ווערט־זאַך. פון אונטער די הענט האָבן זיך באַוויזן אומגעלומ־

פערט־גרויסע קנעפּ, אין וועלכע די לעכלעך זענען נישט געווען אין גאַנצן גלייך אויסגעשטעלט... עס האָבן זיך באַוויזן געפּאַרבטע בלוזעס, אין וועלכע מען האָט דערקענט אַ גלגול פון אַ ברעזענטענעם צודעק איבער שניידנדיקער סאלעטרא... אויך די פאַרב האָט אויסגעזען אַביסל היימיש־לעך, אַזויווי זי וואָלט געשטאַמט פון איינער פון די האָלעס...

עס האָט זיך נערוועז געגומען רודערן. יעדער האָט עפּעס געזוכט אַריינצוכאַפּן מיט אַ סוד אויפן פּנים, כל זמן עס איז נישט שפּעט; ווי לאַנג מען כאַפּט נישט ביי דער האַנט און מען דערשיסט נישט דערפאַר. אַלע האָבן עס געזען — אויסער די דייטשן, וואָס זענען געווען מאָדנע פאַרטון אין זייער האַווניש — און נישט באַוויזן צו באַמערקן דאָס מינדסטע...

אין די באַראַקן האָט מען זיך טאַקע וועגן דעם גענומען שושקען, פול מיט שרעק און אָנגעצויגענער שפּאַנונג. ס'איז באַשיינפּערלעך גע־זען געוואָרן, ווי אַזוי אפילו אין ווערק צע קענען פּאַסירן אָפּענע נסים. ווי דען אַנדערש קענען די דייטשן דאָס נישט דערזען? אַז יענע האָבן געקענט האָבן אויפן אויג גאַנץ איירעפּע — טאָ ווי אַזוי האָבן זיי נישט קיין בלאַסע אנונג דערפון, וואָס עס קומט פאָר ביי זיי אונטער דער נאָז? ביי אַנדערע איז עס שוין אויך געוואָרן אַ קידער־ווידער שפּיל, אַ נקמה אַזאַ: וואָס? אויסהונגערן וועלן זיי? פייניקן? אָט, וועלן זיי באַצאָלן דערפאַר! איך דאַרף אַ ברויט — זאָלן זיי דעקן די הוצאות... זיי ווילן עס נישט? נעם איך עס מיט מיין מעסער...

ניכטערנע האָבן אפילו גענומען וואָרענען, אַז דאָ איז נישט אַזוי גלאַט... דאָ מוז זיין אַן אויפגעשטעלטע פּולאַפּקע, וואָס דאַרף אַריינבאַ־קומען אַלעמען אויף אַמאָל. אָבער די, וואָס זענען פאַרשיכורט געוואָרן פון שוואַרצן ברויט האָבן זיך אויסגעלאַכט: אַז „זיי" וועלן דאַרפן — מוזן זיי נישט האָבן דווקא קיין פּולאַפּקע, בכדי מיט אונדז צו פאַרענ־דיקן... איז — אַ מכה זיי! בלויז דער ווייכלעכער העלבראָמער רבי, מיט עטלעכע אָנהענגער זיינע האָבן פאַרנאַכט געהאַלטן אין איין קרעכצן אויף אַ נישט־דערזאָגטן וואָרעניש־לשון:

— אוי, רחמים דאַרף מען האָבן... גרויס רחמים... ע ר אַליין זאָל זיך נאָר דערבאַרעמען!...

— 3 —

אַז דאָס סאַמע לעבן אַליין איז הפקר, איז ווינציקער ווערט ווי אַ לאָבן־ברויט — טאָ ווי אַזוי קען זיין חשוב יעדער טאָג באַזונדער, יעדע שעה וואָס מען דרייט זיך אַרום אין לאַגער? האָט זיך טאַקע אַראָפּגעלאָזט אַזאַ מין פריילעכקייט פון גאָרנישט אין זינען האָבן. אין מעכעלעס נייעם באַראַק זענען געווען אַ פּאָר פאַראַרבעטער פון שמיצס אָפּטיילונגען. זע־נען זיי געוואָרן פול מיט סודות. מען האָט גענומען שוויינ־געלט און מסחר־געלט. דערנאָך איז מען געזעסן ביים טיש, געקייט מיט הנאה און געוואָרפן ביי די קאָרטן מיט לייכטע צענערלעך. אפילו סטאַשעק איז עפּעס געוואָרן אויפגעהייטערטער און מער נישט אַזוי בייז געברומט. עס האָט אים אפילו אויפגעהערט צו אַרן, וואָס ווייזנבערג האָט זיך אַמאָל אַריינגעכאַפּט צו אַ קערטל אין באַראַק אַריין און דערביי צופרידן אים פאַרטשעפּעט:

— נו, הינקעדיקער משומד מיינער, ווי פילסטו זיך היינט?

סטאַשעק האָט ערגעץ אויסגעפונען אַ שטיקל קוועלע פון פאַר־דינסטן. ער האָט זיך אין די פאַרנאַכטן גענומען סודען מיטן דיקן אַד־וואָקאַט פון וואַרשע און ביידע האָבן צווישן זיך פרום געציילט קליינע סומעס געלט פון ברודיקע שמאַטקעס אַרויס...

אפילו מעכעלע האָט געפונען זיין וועג, ווי אַזוי צו האָבן אַ פּאָר גראָשן אויף קויפן אַ זייטיק פּערטעלע ברויט. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון וואָס איין דיק יידל האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג. דאָס איז געווען אין איינעם פון די פרימאָרגנס, ווען מעכעלע האָט געהאַט צו פירן גאַנצע בערג מיט מיסט פון די באַראַקן. ווען מעכעלע האָט געשלעפּט די שווערע וועגעלעך צום וועלדל איז יענער אים נאָכגעגאַנגען ביז צום זאַמל־פונקט און זיך פאַרגעשטעלט:

— איך אַרבעט ביי די גראַנאַטן... אין האַלע 53... אַ שאָד וואָס דו דערקענסט מיך נישט — מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען...

מעכעלע האָט זיך געאיילט, נישט געהאַט קיין צייט מיט אים לאַנג צו שמועסן. אָבער יענער איז זיך געשטאַנען געלאַסן, מיט אַ רואיק שמיי־כעלע אויף די ליפּן:

— דאָס דערמאָן איך דיר נישט אומזיסט... עס דאַרף דיר עפּעס זאָגן: אַז איך אַרבעט די גאַנצע צייט ביי די גראַנאַטן זינט דעמאָלט

און ל ע ב נאָך אַלץ — קענסטו זיך שוין פאַרשטעלן אַז קיין שלימזל בין איך נישט... אמת, די פיס נעמען שוין געשוואָלן ווערן — אָבער קוק אויף מיין פנים! קיין ס ק ע ל ע ט בין איך נאָך נישט... דערפון קענסטו דרינגען, אַז מיט מיר מעג מען אַ רעד טון, כ'האָב אַ שטיקל קאָפּ אויף די פלייצעס און אַז השם יתברך איז נאָר אין מיין הילף — גיב איך זיך' אַן עצה אויך...

מעכעלען האָט פאַרכאַפּט דאָס לעבעדיקע לשון פון דעם פרומען יונגנמאַן מיט דער אויפגעבונדענער צונג. דאָך האָט ער זיך דערשראָקן צו שטיין און שמועסן: עס קען נאָך וועמענען אָנטראָגן... דערפאַר האָט ער זיך גענומען בעטן ביים ייד:

— איר זעט דאָך וואָס דאָ טוט זיך... לאָמיר בעסער רעדן פאַר־נאַכט, אין באַראַק... דאָ איז אַ גיהנום...

יענער האָט אָבער נישט פאַרלוירן דאָס גוטמוטיקע שמייכעלע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט געפונען אין מיטן אַ בהלה נאָר ביי אַ גע־מיטלעכן שמועס, ווען אויפן טיש שטייט אַ גלעזל וואַרעמס און מען שמועסט זיך גלאַט אַזוי... ער האָט אפילו לייכט־איראָניש נאָכגעקרימט מעכעלען:

— אַז...זוי! אין באַראַק... וואָס קען איך האָבן פון מיין שמועס מיט אייך אין באַראַק? ד אָ דאַרף איך אַ שמועס טון מיט אייך — וועט עפּעס זיין דערפון... איך וויל פון אייך גאָרנישט מער, נאָר איין קליי־ניקייט: איר זאָלט מיך לאָזן אייך צוהעלפן אין דער אַרבעט. דאָס איז אַלץ! אויף דעם קאָמענדאַנט זאָלט איר עס זאָגן, טאָמער פרעגט ער. אַז נישט וועט ער מיך אַוועקטרייבן פון דער מציאה — און ס'וועט גאָר־נישט זיין דערפון...

מעכעלע האָט אפילו נישט געקענט תופס זיין: וואָס האָט דאָ צו זיין פון דעם? דאָס יידל איז אים אָבער געפעלן. האָט ער דערפאַר מסכים געווען איבערצולאָזן דעם אייזערנעם גאָפּל, אַז יענער זאָל אויסגלייכן די קופּע און אַליין איז ער אַוועק ברענגען דאָס ווייטערדיקע... יענער האָט אים דערביי שנעל אַ זאָג געטון: נאָך מיטאָג וועל איך אייך ווייזן וואָס איך מיין. איר וועט נישט באַדויערן...

ביים צופירן די וועגעלעך מיסט האָט מעכעלע באַוויזן צו זען, ווי אַזוי דער ייד דרייט איבער יעדעס בערגעלע מיסט מיט אַזאַ ערנסטער כוונה, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ געטון די וויכטיקסטע אַרבעט. פון צייט צו

צײַט גיט ער זיך פֿלינק אַ בויג אַראָפּ און כאַפּט עפּעס אַרויס מיט די קלײנע הענטעלעך זײַנע. מעכעלע האָט עפּעס געגומען פֿאַרשטײן דערפֿון און דאָך נישט געוווסט אויף קלאָר: וואָס זוכט ער דאָרט? וואָס געפֿינט ער?

ער האָט נאָר באַוויזן צו זען, ווי בײַ יענעמס זײַט הענגט אַ גרויסע טאָרבע און זי ווערט אָנגעשטאָפּטער פֿון מינוט צו מינוט... אויף וואָס דאַרף ער דאָס מיסט? מעכעלע האָט נאָר געזען ווי יענעמס פּנים לײַכט פֿון צופֿרידנקײט. האָט ער אים געלאָזט אַזוי, ביז די אַרבעט זײַנע האָט זיך פֿאַרענדיקט. דער ייִד האָט אים דאַן אַ צײכן געגעבן מיט דער האַנט און בײדע זענען פֿאַרקראָכן אין אַ לײדיקן, אָפּגעלעגענעם באַראַק אַרײַן...

— 4 —

סך הכל איז די געשיכטע געווען אַ פּשוטע ביז גאָר. דאָס ייִדל האָט אַרויסגעצויגן די טאָרבע און אַ זאָג געטון מעשׂה הײמישער מענטש:

— זעסטו? דאָס איז קויטיק, האַ? אָבער אַ שטיקל ברויט קען מען דערפֿון עסן... און דווקאָ פֿריש געשניטן פֿון אַ ברײטל אַראָפּ... רײן ווי גאָלד! מען דאַרף נאָר קײן פֿוילער נישט זײַן...

דער שניט־קרעמער פֿון אַ וואַרשעווער גאַס האָט דערבײַ אַ גאַנצן פּלאַן. מען וואַרפֿט אַרויס אין מיסט אַרײַן פֿאַרשידענע זאַכן. טײל ווערן גלאַט פֿאַרלוירן און קײַקלען זיך מיטן גאַנצן שמוץ. דאָס דאַרף מען אויס־געפֿינען, סאָרטירן, וואַשן און רײניקן... דערנאָך האָט עס אַ געוויסע ווערט. אָט האָט ער הײַנט אויסגעזוכט עטלעכע פּערלמוטערנע קנעפּלעך. ס׳איז גאָרנישט, האַ? אָבער די „קוזינקעס" פֿון די ווײַבערשע באַראַקן נײען טײלמאָל פֿאַר די רײַכערע לצים זײַערע... נו, אַז אַזעלכע דאַרף אַמאָל אַ קנעפּל? ווו זאָל זי עס נעמען? אַ פּאָר גראָשן וועט זי זיכער באַצאָלן דערפֿאַר, ווען זי וועט עס האָבן אונטער דער האַנט... קען מען פֿון אַ צענדליק אָפּגעוואַשענע, רײנע קנעפּלעך האָבן אַ פּערטעלע ברויט...

איצט — שמאַטעס! עס איז טאַקע מיאוס אויף זײ אַ קוק צו טון, ווי אַזוי זײ זעען אויס... אַז ווערקצעניקעס וואַרפֿן שוין אַוועק! נאָר ראשית — קענען זײ אַמאָל שטאַמען פֿון די רײַכערע באַראַקן, צווײטנס קען יעדע שמאַטע צונוץ קומען — אויב מען שווענקט זי לאַנג אין וואַסער, מען מאַכט זי רײן און מ׳טרוקנט זי אויס... די שנײַדער ניצעווען דאָ אײ־

בער פאַרשידנס פאַר די גויים... אַמאָל פעלט אַ קעשענע און אַמאָל דאַרף מען פאַרלאַטען מיט ענלעכן שטאָף... מוז מען זיי זויבער מאַכן, געבן זיי אַ פּנים... דערנאָך קען מען אַ שמועס טון מיט אַ קונה...

דאָס יידל איז פול מיט פּלענער. פון אַלץ קען מען דאָ עפּעס מאַכן — מען דאַרף נאָר וועלן! און ער — וויל... איידער צו שטאַרבן פאַר הונגער איז גלייכער זיך צו גראַבלען אין מיסט... און איידער צו פאַלן יעדן צו די פיס — איז שוין גלייכער איינצושמירן די הענט, טון דאָס ערגסטע — אַבי קיינעם קיין שלעכטס נישט צו טון און ביי קיינעם נישט צו בעטן... מעכעלע זעט דעם הויפן „מציאות"? דאָ זענען פאַראַן בלעכלעך, צעבראָכענע לעפל, שמאַטעס, שטיקלעך לעדער וואָס די אייגנטימער האָבן זיך דערשראָקן און געוואָרפן אין מיסט... דאָס איז דערוויייל גאָרנישט — ער וועט אָבער וויזן מעכעלען ווי אַזוי פון דעם אַלעם וועט ווערן אַ האַלבער לאַבן ברויט! דאָס קען מען יעדן טאָג דערגרייכן... מעכעלע דאַרף אים נאָר שיצן, העלפן זוכן אין מיסט — און ווייטער גאָרנישט...

דער פּלאַן איז מעכעלען אַריין אין קאָפּ: צוליב וואָס זיך עקלען פון די מיסטן, ווען ער מוז זיי סיי־ווי פירן? פאַרוואָס האָט ער טאַקע נישט אַ בליק געטון וואָס עס טוט זיך אין די גאַנצע הויפנס וואָס ער פירט אַרויס יעדן טאָג? איז טאַקע דער קליינער, פלינקער ייד געוואָרן זיין באַגלייטער. יעדן טאָג האָבן זיי אַנטדעקט אַנדערע חידושים. אָט האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ פאַר צעקראָכענע שיך, וואָס עמעץ האָט זיי געלאָזט אין מיסט און אָט האָבן זיי גאָר געפונען אַ צעשאָטן רעקל, אויף וועלכן אַלע קנעפּ אין קאָמפּלעט זענען געבליבן! דער ייד האָט געפונען קונים פון אונטער דער ערד, ער האָט אַליין געוואַשן די שמאַטעס, געטריקנט זיי און צוגעפּאַסט פאַר יעדן זיין געברויך... ער האָט טאַקע אויסגעלערנט מעכעלען, אַז מען טאָר קיין שום זאַך נישט פאַרשעמען. מען דאַרף שטענדיק גיין אין ווערק צע מיט די אויגן געווענדעט צו דער ערד און נישט זיי פאַררייסן אין דער הויך. פון די כמאַרעס קען נאָר אַראָפּפאַלן אַ רעגנטראָפּן — דערפאַר אָבער קענסטו שטענדיק דערזען עפּעס אויף דער ערד, וואָס קען דיר צונוץ קומען...

האָבן זיי געגומען זאַמלען, נאָכקוקן אונטער יעדן באַראַק און צווישן אַלע מיסטן. אַלץ איז געווען אַ קרן, כאָטש אויך דאָ איז מעכעלע געוואָרן אַ מיטווייסער צו אַזעלכע שטיקלעך לעדער, גומי, פאַבריקס־חלב

— צוליב וועלכע ער האָט לייכט געקענט פאַרלירן דאָס לעבן... אויך ער איז אָבער אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט יענער ריזיקאַלישער הפקרות, וואָס האָט געהערשט אין גאַנצן לאַגער. בפרט ווען ער האָט יעדן פאַרנאַכט גע־קענט זיך אַוועקזעצן ביי אַ שטיק ברויט, צווישן די מענטשן פון פריד־לאַנדס באַראַק און נישט שפּירן יענע ווילדע ציעניש, וואָס קען משוגע מאַכן... אויך ער האָט זיין גורל געלאָזט הענגען צווישן אַלע גורלות, וואָס קענען אויסגעלאָשן ווערן דורך קליינע רימענדלעך און שטיקער בלעך... מיט דער צייט האָט ער אפילו אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער סכנה און נישט איינמאָל האָט ער זיך געדרייט מיט אָנגעשטאָפּטע טאַשן פאַר די דייטשן אין די אויגן.

אין מיטן דער גרויסער הפקרות האָט מעכעלע קוים געדולד גע־האַט צו באַוווּנדערן: הונדערטער מענטשן אין לאַגער טוען דאָס זעלבע, לעבן דערפון... אַלע באַראַק־לעכער זענען פול מיט פאַבריקס־גניבות; עס זענען שוין אפילו דאָ עטלעכע שוסטערס, וואָס זענען געוואָרן גאַנצע גבירים. זיי עסן און קליידן זיך בעסער...

דערביי געפינען זיך נאָך געוויס הונגעריקע און אָפּגעלאָזענע אין לאַ־גער, וואָס וואגן זיך נישט צו ריזיקן. זיי שטייען נאָך אַלץ ביי מיטאָג־צייט נעבן קויפמאַנס פעסל; לעקן ווייטער אָפּ די טראָפּנס זופּ וואָס פאַר־גיסן זיך אויף דער ערד... דערצו פעלן נישט קיין פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן שוין נישט איינעם אָפּגעהאַקט די לונגען ביים אויספרעסן פון אים געלט... אויך די קאָמענדאַנטן האָבן דאָך נישט איין צענדליק מענטשן געשיקט צום שיס־פּלאַץ, ווען זיי האָבן נאָר געוואָלט דערמיט דעקן זייע־רע אינטערעסן...

אַ גאַנצער לאַגער פון עטלעכע טויזנט מאַן ווייסט דערפון, און עטלעכע טריט ווייטער פון די דראָטן איז עס שוין אַ סוד, אַ שרעקלעך פאַרברעכן וואָס מוז תיכף באַשטראָפט ווערן מיט טויט... ווי אַזוי ווערט עס נישט אַנטדעקט? ווי אַזוי קענען די גוטע ווי די שלעכטע, די האַר־ציק־דערשלאָגענע האַלע־יידן צוזאַמען מיט אַלע אויסוואורפן ש וו יי ג ן די גאַנצע צייט?

איז טאַקע קיין איין מסור נישטאָ? קלערן אַ סך וועגן דעם קען מען נישט — דערפאַר אָבער ווערן די באַראַק־מענטשן אַלץ דרייסטער און דרייסטער. מען האַנדלט גאַנץ אָפן מיט די געפערלעכסטע זאַכן. שוס־טערס זיצן אין מיטן באַראַק און קאָווען פויערישע שטיוול מיט קעסטל־

הענטלעך. מעכעלע מוז טראַכטן דערפון: עס איז דאָך פאַראַן אַ גרענעץ, וואָס קיינער דאָ וויל נישט אַריבערגיין... זעט אויס אַז אַלע זענען צופרידן, וואָס דער הונגער האָט זיך דאָ געלינדערט. פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן ערשט מיט אַ חודש צוריק געשלעפּט זייערע געשוואָלענע אברים בכדי צו כאַפּן אַ זשאַווער־לעפל אַרומצולעקן. איצט גייען זיי שוין גלייך, עסן אפילו נישט די פאַבריקס־זופּ און שענקען זי אַזעלכן וואָס קוקט נאָך אויף איר מיט די זעלבע אויגן וואָס פריער... וויל אפילו דאָס מערדערישסטע האַרץ נישט אַ סוף מאַכן דערצו... דאָ איז דער גאַנצער לאַגער אַריינגעדרייט געוואָרן אין איין גרויס פאַרברעכן קעגן די דייטשן און מען מוז שוין לאָזן שלעפּן די ריזיקאַלישקייט, ווי לאַנג זי וועט קענען דערציען.

קאַפּיטל עלף

— 1 —

אַזעלכע מאָדנע־רואיקע טעג האָט שוין ווערק צע לאַנג נישט געהאַט. עס האָט אויסגעזען אַזויווי אַלע וואָלטן פאַרגעסן אַז דאָ אין וואַלד ליגן איינגעלייגט עטלעכע טויזנט יידן. אין דעם צווייטן לאַגער — ווערק א׳ — איז די לאַגע נאָך בעסער געווען. די זעלבע גריסן זענען געקומען אויך פון ווערק ב׳... נישט מער: אין ווערק א׳ האָבן אויפגעטויכט די ערשטע מוסרים, וואָס האָבן גענומען פאַרביטערן דאָס לעבן. ווערק־צעני־קעס האָבן זיך אָבער געטרייסט, אַז דאָרט זענען די דייטשע קאָמענ־דאַנטן אַנדערע ווי דאָ. דער וואַך־פירער פון ווערק צע, שומאַן איז טאַקע אַ קאַלטער גזלן. ער האָט אָבער נאָר ליב אויסצופירן באַפעלן. ווען עס קומען צו אים נישט אָן קיין גזירות פון דער העכערער מאַכט — גייט ער אַרום אַ כמורנער, אַ שווייגנדיקער און קיין זאַך גייט אים רעכט נישט אָן. עס בענקט זיך אים, דעם גרויעם מערדער שומאַן, נאָך זיין טישלער־ווערקשטעל פון דער היים... דערפאַר האָט ער זיך פאַרשאַפט אַלערליי כלים און אין די פרייע שעהען האַלט ער אין איין הובלעווען, זוכט אויס פאַר זיך ברעטער און קלעצער פון אונטער דער ערד און מייסטרעוועט... ער מאַכט טישן, בענק און בעטן... טיילמאָל כאַפּט ער אפילו עטלעכע

יידישע הויף־אַרבעטער, קריכט מיט זיי אין וואַלד און האַקט זיך אויס ביימער. דערנאָך אַרבעט ער אַרום זיי לאַנגע טעג און פאַרגעסט ווו ער איז אין דער וועלט...

מעכעלע איז געוואָרן איינער פון די הפקרדיקע מענטשן אין לאַגער. עו' איז אין הויף און ווייזנבערג מיט אַלע קאָמענדאַנטן האָבן פון אים אָפּ־געלאָזט די הענט. ער דאַרף נאָר מאָלן ווען עס איז נוטיק און העלפן ריין האַלטן די באַראַקן. דערפאַר אָבער מוז ער גרייט זיין צו יעדער צופעלי־קער אַרבעט, פאַר וועלכער עס פעלן מענטשן. אַזוי בייטאָג און אַזוי ביי־נאַכט. אויך שומאַן ווייסט עס און ווען ער דאַרף דורכפירן זיינע סטאַלע־רישע קאַפּריזן — קומט ער און כאַפּט מעכעלען. עס איז שווער צו גיין נעבן דעם בייזן אויפזעער פון די וואַכמענער. זיין וועלפיש, אַשיק־גרוי פּנים ווייסט נישט וואָס מען מיינט אַזעלכעס אַ שמייכל. ווען ער פירט יידן — האַלט ער דעם רעוואָלווער אין האַנט און מען קען קיינמאָל נישט וויסן, אויב ער וועט באַלד נישט אַריינשיסן קיין קויל אין קאָפּ רואי־קערהייט.

נישט איינמאָל איז מעכעלען אויסגעקומען צו זיין מיט אים אַליין טיף אין וואַלד, אויסער די לאַגער־דראָטן. מעכעלע האָט געהאַקט אינעם אָנגעצייכנטן בוים מיט אַלע כוחות און שומאַן איז געשטאַנען מיט זיין שווייגנדיק־בייזער רואיקייט און צוגעקוקט ווי מעכעלעס הענט אַקערן אַריין מיט דער האַק אין בוים אַריין... דערביי איז דאָס לעבל פון רע־וואָלווער געווען אָנגעשטעלט די גאַנצע צייט אויף אים. מיט וויפל שווייס מעכעלע האָט זיך נישט באַגאָסן — האָט אַ פרירִיק שטעכעניש כסדר גע־טאַנצט אין די אָדערן: ער וועט דערשיסן אָדער נישט? ס'איז נישט מעג־לעך געווען צו כאַפּן אַ שנעלן בליק אויף שומאַנען און דערפון נישט צו טראַכטן... דערביי האָבן צווישן די ביימער־געדיכטעניש אויפגעטאַנצט יענע בילדער, ווען שומאַן האָט מיט אַ קאַלט געמיט אויסגעפירט עקזע־קוציעס...

ער האָט אָבער נישט געשאָסן. ער האָט נאָר דערנאָך געהייסן, מיט אַ האַנט־באַוועגונג, אַוועקציען די ביימער ביז צו דער וואַך־שטוב און דאָרט זיי לאָזן ליגן. שומאַן האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און זיין בליק האָט בלויז צופרידן אַ בליץ געטון ווען ער האָט נידעריקער אַראָפּגע־לאָזט די אויגן צום ווייסן, שמעקעדיקן פלייש פון פריש־געשניטענעם האָלץ. עטלעכע מאָל האָט ער אָפּגעהאַלטן מעכעלען, צום באַדינען אים

בעת זיין אַרבעט. ווען ער האָט אַליין געגומען שניצן און אַרומהאַקן די ביימער האָט זיין כמורנעקייט אים פאַרלאָזט. ער האָט אַזוי ווי פאַר־געסן וואָס פאַר אַ שטעלונג ער האָט דאָ און צופרידן געברומט צו זיך פון גרויס תענוג... מעכעלע האָט אים אפילו איינמאָל געמוזט זאָגן זיין מיינונג וועגן אַ טישל, וואָס ער האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט. ווען מע־כעלע האָט אָפּגעברומט זיין קאָמפּלימענט האָט שומאַן זיך גרויזאַם צע־שמייכלט און פלוצים אַ בליק געטון אויף מעכעלען מיט פאַרבאָרגענעם חשד:

— דאָס זאָגסטו מיר דערפאַר וואָס איך בין וואַכפירער — אָדער ווייל דער טיש געפעלט דיר? איך וויל אַז דו זאָלסט איצט ענטפערן דעם ט י ש ל ע ר און נישט דעם באַפעלער פון דאַנעט!

אויף אַזאַ ווענדונג איז מעכעלען שווער געווען צו ענטפערן... ער האָט געגומען זוכן אין זיך חניפה־ווערטער פאַר שומאַנען, קוקנדיק כסדר צום רעוואָלווער אין זיין זייט — און גראָד דאַן האָט זיך זיין צונג פאַר־האַקט און ער האָט זיי פון זיך נישט געקענט אַרויסברענגען... דער שטענדיקער שוויגער, שומאַן, האָט אָבער איצט געפונען פאַר נויטיק צו רעדן. קען זיין — אַז דווקא דערפאַר, וואָס דאָ איז פאַר אים געשטאַ־נען דאָס נישט־געפערלעכסטע ווען, וואָס ער קען נאָר אָנטרעפן — אַ ייד, וואָס ער קען אומברענגען ווען ער וויל — האָט ער געמוזט צערעדן זיך. האָט ער אפילו נישט באַמערקט מעכעלעס צעטומלטע שוויגן און געצויגן ווייטער:

— איך מוז עס וויסן, פאַרשטייסט? שטעל זיך פאָר אַז דו ביזט אויף דער פריי און דו ווילסט זיך קויפן מעבל... גייסטו צו פאַרשידענע מייסטערס און דו דערזעסט אַזאַ טישל... דו האָב אין זינען אַ ווײלע אַז דו ביזט אַ פרייער מענטש און קענסט קויפן פאַר דיין געלט וואָס דו ווילסט — וואָלסטו דאַן געקויפט מיין אויסאַרבעטונג?...

מעכעלע איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער, אַ ציטערדיקער... אָבער שומאַן האָט שוין איצט געשוועבט אין אַן אַנדער וועלט. דערפאַר ווייזט אויס, האָט ער שוין צוגעענדיקט דעם שמועס ווי צו זיך אַליין:

—די קריג וועט זיך שוין לאַנג נישט ציען... זי וועט זיך באַלד מוזן פאַרענדיקן! עס וועט שוין אַזוי לאַנג נישט קענען גיין. דאַן וועל איך מוזן צוריק אויסטון פון זיך דעם מונדיר. נאָך פינף יאָר דינסט וועל איך צוריק אַוועק צו מיין טישלעריי און ווידער אַרבעטן ווי פריער. דאַרף מען

אַ פּרווו טון די הענט, אויב זיי קענען נאָך, דאָס וואָס זיי האָבן פריער געקענט. אָט אין וואָס עס גייט!

אין מיטן זיין שרעקעוודיקן צושטאַנד האָט מעכעלע אויפאַמאָל פאַרשטאַנען צוליב וואָס שומאַן האָט זיך גענומען אין זינען האָבן די ברעטער מער ווי די מענטשן — איבער וועלכע ער האָט געהאַט צו באַפעלן... עפּעס איז דער סודותפול־שוידערלעכער וואַכפּירער פּלוצים פאַר אים געוואָרן צוריק אַ מ ע נ ט ש אויף די פּאָר מינוט. פון זיינע רייד האָט אַ יאָג געטון מיט פאַרגעסן־מענטשלעכע צייטן: אוי, אַמאָל האָט מען דאָך טאַקע געאַרבעט טישן און בענק! עס איז דאָך טאַקע געווען אַמאָל אַ צייט, ווען סטאָלערס האָבן געהובלעוועט און צוגעגלייכט... דערנאָך זענען געקומען מענטשן און באַטראַכט, געקויפט... אויף מעכעלעס הויף האָט דאָך אַמאָל אַ שכן געהאַלטן אין איין אויסאַרבעטן הילצערנע כלים... ווי לאַנג איז דאָס שוין? פאַרוואָס האָט גאָר מעכעלע פאַרגעסן דערין? אָט וו ע ר עס האָט אים דערין דערמאָנט! קענען נאָך אַזעלכע צייטן צוריקקומען אויף דער וועלט?

שומאַן אַליין האָט זיך אויפגעוועקט, זיך פאַרשעמט מיט זיין סענטימענטאַליטעט און דערפאַר אַזיווי בייז געוואָרן אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט זיך צעפּלאַפּלט פאַר אַ ייד, וועלכן ער האָט מיטגעשלעפּט אַלס קנעכט... נאָך אַזעלכע רייד טאָר מער דער ייד נעבן אים נישט שטיין... און קוקט ער שוין אויף אים מיט אַנדערע אויגן! זיינע טרוקענע, בלויע ליפּן האָבן זיך מוראַדיק אויסגעקרימט:

— איך דאַרף דיך איצט נישט מער... מאַרש אין לאַגער אַריין... אָבער זאָפאָרט!

מעכעלע האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז דעם וועג פון וואַךשטוב ביז צום לאַגער איז ער געלאָפן אין איין אָטעם.

— 2 —

אויף די אַנדערע פאַבריק־דייטשן זענען געוואָרן טריבער. די פאַבריק האָט זיך גענומען פילן נענטער צום פראָנט און מען האָט געדאַרפט אַ סך אָפּטיילונגען איינשטעלן מיט אַן אַנדערן סדר. האָבן זיי טאַקע אין די האַלעס גענומען שאַרפער אָנטרייבן, שלאָגן... די מענטשן האָבן פאַר זיי אויסגעזען ווי טיילן פון דער פאַבריקס־מאַשין, וואָס מ׳דאַרף שטאַר־

קער אויסנוצן, אָבער וואָס עס קומט מיט זיי פאַר נאָך דער אַרבעט — האָט זיי אַלץ ווינציקער און ווינציקער אינטערעסירט. דאָס האָט אין לאַגער אַריינגעבערענגט מער זיכערקייט. די מענטשן האָבן געוואָלט וואָס מער אויסנוצן די דאָזיקע פרייהייט, איידער מען וועט זיך דערמאָנען און זי צוריק איינשמעלערן אָדער גאָר...

און אַז עס וועט קומען אַן ענדערונג — אין דעם איז נישט געווען קיין ספק. דאָס האָט די פרייע לופט אָנגעזאָגט. א ז ו י דויערט עס קיינמאָל נישט צו לאַנג ביי די דייטשן — בפרט אין ווערק צע... דערצו האָט זיך נאָך אין פאַבריק אַליין שטאַרק אַ רודער געטון:

נאָך מיט עטלעכע טעג פאַרן געשעעניש איז מעכעלעס פריינט, פרידלאַנד', געקומען אין לאַגער אַריין און שטילערהייט פאַרטרויט מע־כעלען וואָס מיט אים האָט געטראָפן. ער האָט ריין געמאַכט דעם וועג צווישן דעם לאַגער און די קאַזאַרמעס, ווו די אוקראַינער און טאַטערן האָבן זיך געפונען. דערפאַר האָט ער זיך אַלעמאָל צוגעשאַרט ביז צום מיסט־קאַסטן פון די וואַכלייט און יעדן טאָג דאָרט געפונען רעשטלעך פון עסנוואַרג און אַנדערע מציאות — וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען אָדער געבערענגט צום פאַרקויפן אין לאַגער אַריין. זיין גוט באַהערשן רו־סיש און אוקראַיניש האָבן אים אַ סך געהאָלפן, אַז זיי זאָלן אים נישט פאַרטרייבן. טייל פון זיי האָבן אפילו גערן אויסגעהערט זיינע וויציקע פלאַפּלערייען און אים נאָך צוגעבערענגט פעקלעך מיט פאַרקילטע קאַר־טאָפל, וואָס זיי האָבן נעכטן נישט דערעסן. אַזוי אַרום האָט ער ביי זיי אָנגעהויבן ווערן אַ היימישער מענטש.

די לעצטע טעג האָט ער זיך אַריבערגעטראָגן זויבער מאַכן דאָס וואַלד־שטיק, ווו זיי האָבן פון צייט צו צייט זיך געלערנט שיסן אין ציל. יעדע פאָר מינוט איז פאַרבייגעגאַנגען דער געווענלעכער פּאַטרול פון די טאַטערן, וואָס האָבן געוואַכט איבער דער גאַנצער פאַבריק. ער האָט זיי שוין אַלע געקענט און אויך געוווּסט ביי וועלכע ער קען בעטן אַ ציגאַרעט און ביי וועלכע נישט. טייל פון זיי האָבן זיך אפילו אָפּגעשטעלט נעבן אים, אויסגעהערט די וויצן וואָס ער האָט פאַר זיי געהאַט אָנגעגרייט און אים איבערגעלאָזט אַ שטיקל דאַר ברויט. געווען ביי אים עטלעכע פאַלן ווען אַזאַ פּאַטרול האָט אים אויך געגעבן אַ גאַנץ שאַכטל ציגאַ־רעטן, פון וועלכע ער האָט דערנאָך אויסגעשלאָגן עטלעכע טעג פּרנסה. האָט ער זיך אויפגעהערט שרעקן פאַר די טאַטערישע פּאַטרולן און צו

יעדן פון זיי געהאַלטן אין איין שמייכלען...

טאַקע דערפאַר איז ער אין יענעם טאָג אַזוי איבערגעשראָקן געוואָרן, ווען צוויי וואַכלייט מיט טאַטערישע פּנימער האָבן זיך פּלוצים צו אים אַ לאָז געטון און שטרענג אַ פרעג געטון, אויב ער איז אַ „יעווריי"... פון זייער טאָן און בליק איז אים קאַלט געוואָרן. ער האָט אָבער נישט געקענט לייקענען. זיי האָבן אים דאַן באַפוילן מיטצוגיין מיט זיי טיפער אין וואַלד, אַרום די דראָטן... מיט איינמאָל איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט שוין איבערגעלעבט געגנוג דערשיסונגען ביי די דראָטן... און דאָ זעט עס פאַר זיך צוויי „טאַטערישע הערצער" וואָס קוקן אויף אים אַזוי פינצטער...

אַ געדאַנק איז אים פאַרבייגעלאָפן: זיי ווילן זיך אויסצייכענען מיט עפּעס! אָט דרייען זיי זיך אַרום גאַנצע וואָכן, קרייזן אַרום די גאַנצע פאַבריק און האָבן ביז איצט מיט גאָרנישט באַוויזן זייער וואַכזאַמקייט... דערפאַר ווילן זיי אים אַריינצוציען גאָר טיף און דאָרט אים אַוועקלייגן ביי די דראָטן, פאַרן ווענלן מכלומרשט אַנטלויפן... מ׳קען שוין די קונצן! ער האָט געוואָלט שרייען — און נישט געקענט... דאָס לשון איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן. דער פלינקער געדאַנק זיינער האָט אים באַלד צוריקגעבערענגט די ניכטערקייט. ווי נאָר ער וועט געבן דעם ערשטן פּיפּס — ווענלן אים די צוויי ריזן דערשטיקן מיט די בלויזע הענט... מען מוז דערפאַר זיך האַלטן שכלדיק, אויסגערעכנט: צו וועמען וועט ער שרייען? דאָ קען נאָר העלפן אַן אָפּעל צו זיי... אָפּבעטן זיך...

זיי האָבן אים דערוויַיל פאַרצויגן ווייטער, לענגאויס די טיף־וואַלדיקע דראָטן, אוןביידע האָבן פאַרדעכטיק געשוויגן. זיין צונג האָט זיך אים פּלוצים אויפגעבונדן. ער האָט גענומען שנעל שיטן מיט רייד: ער איז אָרעם... פאַרמאָגט נישט קיין גראָשן ביי זיך... ער איז דאָ בכלל גאָרנישט און אַלע ווייסן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט אַנטלויפן... אויך די מייסטערס פון פאַבריק קענען אים...

אַ שווערע, אייזערנע האַנט האָט זיך אָבער פאַרלייגט אויף זיין מויל און אָפּגעשטעלט דעם מבול רייד אין סאַמע מיטן. איצט איז פאַר אים גישט געוועז קיין צווייפל, אַז דאָס איז דער סוף... זיי איילן נאָר מיט אים שנעלער, בכדי צו זיין וואָס ווייטער פון אַ צווייטן פּאַטרול. זאָלן נישט זיין קיין שותפים צו דער מציאה: עפּעס אַ קלייניקייט? אַ ייד ביי די סאַמע דראָטן... און צווישן דער סאָמער וואַלד־געדיכטעניש! ער האָט

שוין געגומען אָפּזאָגן אין האַרץ ווידוי און די געדאַנקען האָבן אים גענו־מען טרייסטן: נישטאָ וואָס צו פאַרלירן... אַ געשעפּט מיטן גאַנצן לעבן פון אַ הונט... זאָלן זיי טון וואָס זיי ווילן, די טאָטערישע ווּלאַסאָווצעס! אַ מכה זיי... ערשט ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועגס — זענען די טריט געוואָרן פאַמעלעכער... יעדער סעקונדע גאַנג האָט זיך געצויגן ווי דער גיהנום! באַלד האָט מען דעם לאַגער נישט אָנגעזען. אויך די פאַבריק איז פאַרשטעלט געוואָרן דורך דער וואַלדיקער געדיכטעניש. איינער פון די וואַכלייט האָט אַ צי געגעבן אַ שאַכטל ציגאַרעטן און דערלאַנגט פרידלאַנדן: רויכערסט אוודאי?...

איבערן גאַנצן שטח פון פאַבריק איז פאַרבאָטן געווען צו רויכערן — אָבער דאָ האָבן אַלע דריי פאַרצויגן און צוזאַמען מיטן רויך האָט ער זיך באַמיט אַרויסצובלאָזן די טויט־שרעק פון די אינגעווייַדן. זיי האָבן אים געגומען פאַרשן: ביזטו טאַקע אַ ייד? אַ באַהאַלטענער אינסטינקט האָט אים באַפוילן זיך צו קלאַמערן וואָס שטאַרקער אין זיין יידישקייט... ווער ווייסט? אפשר איז עס טאַקע זיין לעצטע שעה? ער האָט זיי אפילו געוואָלט געבן דעם בעסטן באַווייז פאַר זיין יידישקייט, זעענדיק זייער מאָדנעם אומצוטרוי... זיי האָבן זיך ביידע צעשמייכלט: נו, אָט זענען מיר אויך באַשניטן און דאָך... זענען מיר קיין יידן נישט! די צייט האָט זיי אָבער געאיילט און זיי זענען באַלד צוריק ערנסט געוואָרן. דערפאַר האָבן זיי אים געגומען פאַרשן וועגן אַזעלכע זאַכן, איבער וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט אָריענטירן אויפן אָרט:

— אין מיליטער האָסטו געדינט אַמאָל? קענסטו זיך אומגיין מיט געווער?

ער האָט זיי געוואָלט לייקענען... אָבער דאָס באַרימערישע פינטע־לע אין אים האָט אַרויסגעוואָרפן דעם גאַנצן אמת:

— וואָס פאַר אַ פראַגע! געווען אונטעראָפיציר... אויסצייכענונגען געהאַט...

אָבער זיי ווילן אַלץ וויסן אויף אַמאָל:

— וויפל יונגע יידן זענען דאָ אין לאַגער? וויפל האָבן געדינט? וויפל זענען נאָך געזונט און קענען מאַרשירן אַ לאַנגן וועג? און וויפל קענען האַלטן ס׳מויל און נישט רעדן צופיל?

אַ פחד איז אים פלוצלינג באַפאַלן: איז דאָס נישט אַמאָל אַ פּראָ־וואָקאַציע? ווילן זיי נישט אַמאָל אומגליקלעך מאַכן דעם גאַנצן לאַגער?

אַט צו וואָס זיי האָבן זיך שוין דערפרעגט: צי זענען פאַראַן אין לאַגער אַזעלכע וואָס האָבן באַהאַלטן געווער? אַזעלכע וואָס וואָלטן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, ווען מ׳גייט זיי אומברענגען? — — —

ער האָט זיי שנעל געגומען אויסרעדן: ווער מיר געווער! אַז אַלע האַלטן זיך קוים אויף די פיס... קיין אַנדערע זאַך ווי אַ שטיקל ברויט האָבן זיי נישט אין זינען! ווי קענען די דאָזיקע סקעלעטן אין זינען האָבן אַ קאַמף צו פאַרפירן מיט די דייטשן, וואָס זענען אַזוי שטאַרק, אַזוי זיג־רייך, אַזוי געזונט און באַוואָפנט!? אַ גאַנצן וועג אַרום דער פאַבריק האָט ער געהאַלטן אין איין שיטן מיט רייד, באַוויזן זיי די שוואַכקייט פון לאַ־גער: אַזויפיל האָט מען דאָ שוין געשאָסן, פאַרהונגערט... צי האָט מען דען כאָטש איין דייטש דערפאַר גערירט אַ האָר פון קאָפּ? ניין, די יידן טראָגן זיך נישט אַרום מיט קיין בייזע געדאַנקען! זיי ווילן נאָר מען זאָל זיי צורו לאָזן... לעבן לאָזן און געפינען אַ שטיקל אַלט ברויט און אַ פאַר־גליווערטע קאַרטאָפל!

אָ, נישט ביים כיטרען פרידלאַנד וועלן אַזעלכע צוויי באַוואָפנטע וולאַסאָווצעס אַרויסבאַקומען דיבורים, מיט וועלכע זיי זאָלן שפּעטער קענען דעם גאַנצן לאַגער אַריינבעמען אין קלעם!... צוויי שעה צייט האָבן זיי אים אַרומגעפירט — ביז זיי זענען צוגעקומען צום זעלבן אָרט פון וואַנעט זיי האָבן אים גענומען... במשך זיין גאַנץ רעדן האָבן זיי גע־האַלטן אין איין שמייכלען צו זיך; אַזוי טרויעריק שמייכלען — אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך דאָ געריכט ביי אים צו געפינען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מציאה — און עס האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט אַ בוידעם...

נאָר ביים אָפּשטעלן אים אויף זיין אָרט האָבן ביידע אים אָנגע־זאָגט: ער זאָל האַלטן דאָס מויל... קיין פויגל זאָל דערפון נישט וויסן... זיי האָבן גאָרנישט גערעדט און פאַרטיק! ווען ער וועט טון דעם מינדסטן פּיפּס — וועט ער דערשאָסן ווערן איידער וואָס און ווען. פאַקטיש האָבן זיי סיי־ווי גאָרנישט גערעדט. ער האָט גאָר די גאַנצע צייט געשאָטן מיט רייד און ער האָט אַליין נישט געוווסט, צי האָט ער גוט געזאָגט אָדער שלעכט... ווי האָט זיך דען געקענט קאָנטראָלירן אין אַזעלכע מינוטן?

דערנאָך האָט ער טאַקע פאַרשפּעטיקט דאָס עסן, אָבער אַ כפרה די פּאָרציע זופּ... נסים האָט ער געהאַט! גאָט אַליין ווייסט וועלכער זכות אים איז ביי־געשטאַנען, וואָס ער איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער!

— 3 —

מעכעלע וואָלט אפשר נישט שטאַרק געווען געגלויבט דעם פאַנ־טאַזיאָר פרידלאַנד, ווען יענער זאָל עס נישט געווען נאָך איצט דער־ציילן מיט אַ ציטער אין קול... ס'איז אויך נישט געווען וואָס אַריינצו־קלערן צופיל: מילאָ דאָרט, וואָס צוויי טאָטערן קען איינפאַלן! עס איז זיי אומהיימלעך געווען און לאַנגווייליק — האָבן זיי מיטגעצויגן אַ ייד אויף זייער שפּאַציר און דערוויל אין איינוועגס אים אַביסל איבערגעשראָקן. זיי האָבן נאָך קיינמאָל קיין ייד פון דער נאָענט נישט געזען — האָבן זיי איצט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו הערן, ווי אַזוי ער רעדט און וואָס פאַר אַ שכל ער האָט...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך אָבער די פאַבריק אַ רודער געטון. די מייסטערס זענען אַרומגעגאַנגען בייזע און אומרואיקע. פון אַלע זייטן זענען געפלויגן אָנגעפּראַפּטע מאַשינען און ביי די דראָטן האָבן זיך גע־נומען דרייען אַנדערע פּנימער, וואָס האָבן צווישן זיך געשמועסט אויף דייטש... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביינאַכט זענען אַנטלאָפן פון די קאַזאַרמעס פּופציק טאָטערישע לעגיאָנערן. זיי האָבן פריער אָנגעלאָדן עטלעכע לאַסט־אויטאָס מיט געווער פון די קעלערן און אַרויסגעפאָרן פראַנק און פריי דורכן טויער. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַז דאָס פירן זיי אַדורך אַ גניבה און אַז זיי לויפן איצט אין וואַלד אַריין גרינדן אַ גע־היימע באַנדע פּאַרטיזאַנער...

די דייטשע מייסטערס האָבן דערנאָך פאַרשפרייט אַ קלאַנג אַז מען האָט אַלע געכאַפּט און זיי דערשאָסן אין וואַלד. קיינער פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַבריק, האָבן דאָס אָבער נישט געגלויבט. עט־לעכע טעג דערנאָך האָבן גענומען נעלם ווערן פון פאַבריק פּוילישע אויפ־זעער — און גראָד פון די ביטערסטע שלעגער... מען האָט זיך גענומען איבערגעבן בסוד, אַז דאָס האָבן זיי געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט יענע טאָ־טערישע וואַכלייט און האָבן זיי איצט נאָכגעצויגן...

מעכעלע מיט פרידלאַנדן האָבן זיך איצט פאַרשטאַנען. דאָס האָבן זיי נאָך אַמאָל פאַרשפּילט דאָס לעבן מיט די אייגענע הענט. ווידער אַמאָל האָט זיך פרידלאַנד דערמאָנט אין יענעם שמועס מיט די צוויי היטער. יאָ, זיי האָבן זיכער געהאַט אַ פּלאַן צו באַפאַלן דעם לאַגער, אָדער שטילער־הייט אַרויסציען מיט זיך אַ היפּשע גרופּע יידן און מיט זיי פאַרגרעסערן

זייער מחנה. זיי האָבן נאָר פריער געוואָלט וויסן ביי פרידלאַנדן מיט וועמען זיי האָבן צו טון און אויף וויפל כח זיי האָבן צו רעכענען... ער האָט נאָר געדאַרפט זיך אָריענטירן; וויסן ווי אַזוי מיט זיי צו רעדן — דאַן וואָלטן זיי זיכער געווען געקומען און אַרויסגענומען, באַוואָפנט און מיטגעפירט מיט זיך... ווער ווייסט אויב זיי געפינען זיך שוין נישט איצט ביי די רוסישע ליניעס! זיי האָבן זיכער איבערן וועג דערשאָסן אַ היפש ביסל דייטשן... אויך די יידן וואָלטן געקענט נקמה נעמען, גייענדיק צו־זאַמען מיט זיי און וואָלטן שוין פריי געווען, געקעמפט און גענומען אַזעל־כע ווי ראָסט אין געפאַנגענשאַפט...

דאָס חרטה־האָבן נאָך אַלעמען קען אָבער גאָרנישט אַנדערש מאַכן. עס האָט זיך דערוויַיל גענומען רודערן אין פאַבריק. די געבליבענע טאָ־טערן האָט מען מער נישט געלאָזט האַלטן די וואַך. די דייטשן האָבן זיך פון אַלע זייטן געשאַרט און פאַרדעכטיק געקוקט אַרום זיך...

אויך פאַרן לאַגער זענען געקומען פרישע אינסטרוקציעס: מען טאָר זיך מער׳ נישט דרייען ביינאַכט אויפן הויף. מען וועט שיסן אָן וואָרע־נונג! דערביי האָט מען אָנגעזאָגט טויזנטער אַנדערע קלייניקייטן, צוליב וועלכע מען וועט געבן דעם טויט אָן אויספאָרשונגען. דער פחד האָט זיך אויפֿאַמאָל באַוויזן פאַר די דייטשן אין זייערע אייגענע מונדירן, וואָס זיי האָבן פריער אַרויפגעצויגן אויף די גופים פון זייערע געפאַנגענע. ווידער האָבן זיי גענומען באַטראַכטן יעדן נישט־דייטש ווי אַ שונא וואָס קען זיך וואַרפן אויף זיי יעדע מינוט. פון אַלע וועגט אין די ביוראָס האָבן ווי־דער גענומען אַראָפּשרייען גרויסע וואָרענונגען, מען זאָל זיין געהיטן און נישט טרויען קיינעם. דער שונא איז אומעטום פאַראַן און דער פראָנט איז נאָענט...

אפילו דער אינזשינער שמיץ האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ שרעק־לעכע בייזקייט און אַריינגעפאַלן אין זיינע אָפּטיילונגען מיט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט. דאָס מאָל האָט ער געשלאָגן אָן אָנשטעל נאָר מיט אָפענער גערייצטקייט און ביי יעדן קלאַפּ האָט ער נאָך צוגעגעבן מיט זיין גלאָקן־שטים:

— סיי־ווי גרייט איר זיך אונדז אַלעמען אויסצושניידן... איר וועט אונדז דאָך נישט שוינען, אפילו ווען מ׳באַציט זיך גוט צו אייך — טאָ פילט כאָטש אונדזער מאַכט!...

דערביי אָבער האָט זיך געלאָזט מערקן אין יעדער דייטש אַזאַ פּחד־

דנותדיקע ווייכקייט און עס איז געווען צו דערקענען אַז זיי קוקן אַוועק פון אַ סך זאַכן, ווילן דאָס נישט באַמערקן בכדי זיך נישט צו דאַרפן אויפרעגן. דער לאַגער האָט דערוויל זיך באַמיט וואָס וויניקער זיך צו וואַרפן זיי אין די אויגן אַריין. מען האָט אויסגעמיטן איינצואָרדענען ווייטערדיקע קאָנצערטן, ווי עס איז פריער באַשטימט געווען. די גרענעץ צווישן דער פאַבריק און לאַגער האָט געדאַרפט ווערן שאַרפער, אָפּגעטיילטער. זאָל דער גאַנצער אומרו און שרעקעוודיקער שטורעם בלייבן אויף דער צווייטער זייט פון די דראָטן. זאָלן זיי אפילו פאַרגעסן אַז דאָ איז פאַראַן אַ יידישע וועלט. אַהער דאַרפן בלויז ציען די מידע סטאַדעס נאָך דער שרעק פון טאָג און זיך איינגראָבן אין די באַראַקלעך ווי אין שיצנדיקע בונקערס. דאָ זאָלן זיי עסן זייער ברויט, אויסליבן זיך און זיך אויסוויינען. אפשר וועט זיך טאַקע שוין איצט אָנהייבן דער סוף?

קאַפּיטל צוועלף

— 1 —

דער ווינטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער שנעל און אומגעריכט. אָט ערשט נישט לאַנג האָבן נאָך די ביימער געשאָטן מיט זייערע אָפּגעפאַלענע בלעטער און דער ווינט האָט זיי געגומען אַרומטראָגן ווי קראַנקע, קליינע קינדער איבערן גאַנצן לאַגער... באַלד אָבער איז געקומען אַזאַ ווייסער גלאַנץ און זיי צוגעפעסטיקט צו דער ערד פון ווערק צע — זיי זאָלן מער נישט קענען פליען. די נאַקעטע האָבן זיך גענומען מער טוליען איינס צום צווייטן און זיך אַרומוויקלען די לייבער מיט די קוויטיקע פּאַפּירזעק פון וועלכע מען האָט קוים אַרויסגעזען אַן אבר.

די וואָס האָבן געלייענט דייטשע צייטונגען שטילערהייט, האָבן געוווסט צו דערציילן פון אַ באַהאַלטענער פּאַניק צווישן די דייטשן: דער ווינטער פון 1944 וועט זיין שרעקלעכער ווי אַלע! עס וועט מוזן געאַרבעט ווערן אויף אַלע כלים... ווערק צע איז איצט געוואָרן חשוב, מען וועט מוזן דאָ נעמען אַרבעטן אַזאַ פּראָדוקציע, וואָס פריער האָט מען עס געהאַט אין די סאָוויעטישע געביטן גאָר בשפע... דערביי האָבן זיך גענומען מערן די פּאַרטיזאַנער אין דער אַרומיקער געגנט און די שמירה מוז

זיין שטאַרקער. אויך צו די וואַכלייט קען מען מער קיין צוטרוי נישט האָבן. טייל זענען פּלוצים נעלם געוואָרן און קיינער האָט נישט געוווּסט ווו זיי זענען פאַרשווּנדן. דערנאָך האָט מען צווישן דערשאָסענע פּאַרטי־זאַנער דערקענט עטלעכע געוועזענע ווערקשוצן... האָבן זיי זיך טאַקע דענערווירט, די דייטשן! ד״ר ראָסט האָט נאָך פאַרביסענער גריסן זיי־נע דאַרע נעגל מיט די ציין און יעדער דייטש באַזונדער האָט גענומען טראָגן אַ סוד אויפן פּנים, וועלכן קיינער האָט נישט געקענט גענוי אָראָפּ־לייענען.

עס האָט זיך דערלאַנגט אַ קול פון ערגעצוווּ, אַז מען וועט מוזן אַראָפּבערענגען אַ גאַנצע אָפּטיילונג ס. ס. זיי זאָלן שיצן די פאַבריק. טאַ־קע זיי וועלן איבערנעמען די גאַנצע לייטונג און אויך דאָס ביסל יידן באַקומען אונטער זייער האַנט. די אַלע קלאַנגען האָבן קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט...

נאָך מער איז דער לאַגער איבערגעשראָקן געוואָרן, ווען אין מיטן דער נאַכט איז אַ גאַנצע אָפּטיילונג ס. ס. פּלוצים שטיין געבליבן ביים טויער. דער וואַך־פּאָליציאַנט האָט געדרימלט, ווען אַ פעסטער זעץ אין טויער האָט אים אויפגעוועקט. אַ צענדליק טויטנקעפּ האָבן זיך אַריינ־געריסן מיט געפּילדער, צעשלאָגן דעם יידישן וואַכמאַן און באַפוילן אים צו געבן צוואַנציק יונגע, געזונטע יידן... דער פּאָליציאַנט האָט נישט גע־ווּסט וואָס צו טון: לויטן רעגולאַמין געהערן די יידן צו דער פאַבריק. איבער זיי קענען בלויז זאָגן די מייסטער און ווערקשוץ... ווי קומען אַהער ס. ס.? מעג ער זיי דען אַרויסגעבן מענטשן? אויף וואָס דאַרפן זיי און וווהין וועט מען זיי נעמען? די אָנגעשטעלטע ביקסן האָבן אָבער פאַרענטפערט אַלע פראַגעס. ער האָט זיי נאָר צוגעפירט צו עטלעכע באַ־ראַקן און פון דאָרט אַרויסגעצויגן ווער עס איז אים אונטערגעקומען צו דער האַנט... אַבי זיי זאָלן וואָס שנעלער אַוועק! דערווייל דאַרף ער פּטור ווערן פון די לופעס, וואָס זענען אויף אים געצילט...

צווישן דער געכאַפּטער גרופּע איז אויך געווען מעכעלע. די נאַכט איז געווען טונקל און פרירק. פון הימל זענען געפאַלן איינצלנע שנייע־לעך, אַזוי ווי אויף אַ געלעכטער, אָבער יעדעס באַזונדער איז קלעפּן גע־בליבן אויף דער ערד מיט עקשנות און איינגעווייסט דעם דרויסן. קיי־נער פון די געכאַפּטע האָט מיט זיך נישט געהאַט קיין מאַנטל און גענו־מען ציטערן פון נאַכטיקער קעלט. אַנדערע האָבן גענומען בעטן, מען זאָל

זיי לאָזן נעמען אַ שטיקל זאַק, אָדער באָרגן ביי עמעצן אַ מלבוש. די כאַ־פער האָבן אָבער דערביי קרום געלאַכט:

— איר דאַרפט עס סיי־ווי נישט... דאָס שטיקל וועגס וואָס איר דאַרפט צו גיין — וועט איר אויסקומען אָן צודעקן זיך...

איינער פון זיי האָט געגעבן אַ קאָמענדע אויף דייטש און די אַנ־דערע האָבן זיך שטיל גענומען עפּעס שושקען אין אוקראַיניש... „אוקראַי־נער!" איז יעדן פאַרבייגעלאָפן דורכן מח, מיט אַ שרעק וואָס האָט אַ זויג געטון פון זכרון בילדער פון פריערדיקע געטאָ־צייטן...

מעכעלע איז געווען רואיק די גאַנצע צייט. נאָר ווען ער האָט גע־זען די באַוואָפנטע יונגען וואָס האָבן זיי נאָכגעשפּרייזט אין דער פינצ־טערניש — האָט אים עפּעס אַ צי געטון אין האַרץ: אפשר גייט מען טאַקע פאַרענדיקן? עס האָט אים באַנג געטון, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט אַרויסציען... עפּעס אַזוי נאַריש: געקומען דער דאַרער פאַ־ליציאַנט, אַ צי געטון ביי אַ פּוס — און ער איז אַרויס, אפילו נישט גע־וואָלט עס זאָל זיך עמעצער איבערוועקן אין זיין באַראַק!...

נאָר אויפן וועג פון לאַגער צו די וואַך־באַראַקן איז נישטאָ מער וואָס זיך פאַרצוואַרפן. דאָ אין דער פינצטערער אימה פון וועג איז אַלץ פאַרפאַלן. ער קען נאָר שטיל אַ פרעג טון דעם סאָלדאַט וואָס גייט נעבן אים:

— וווהין פירט מען אונדז?

אָבער יענער קען נאָר איין ענטפער: אַ שטויס מיט דער ביקס און אַ געשריי: שווייגן! מיט אַ טאָג פריער איז געפאַלן אַ דין רעגנדל און דער פראָסט האָט נאָך באַוויזן צו פאַרכאַפּן די פייכטקייט דערפון אויפן וועג און עס פאַרגלאָזן. דערנאָך האָט ער עס איבערגעצויגן מיט אַ דינעם ווייסן שיכט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין דיקער ווערן... די נאַקעטע פיס אין די הילצערנע שיפּלעך האָבן זיך גענומען גליטשן, ציען צום אַנידער־פאַלן און איינער האָט זיך דערפאַר גענומען קלאַמערן אינעם צווייטן פאַר קעלט און פחד.

צוערשט האָט די שרעק אַרויסגערופן בלעזעלעך שווייס אויף די האַלב־נאַקעטע גופים. איצט האָט זיי די קעלט אַרומגענומען און יעדער האָט גענומען שפּירן אויף זיך אַזאַ דינעם, אייזיקן שפּענצער... דער וועג האָט צוגעפירט ביז צו אַ באַלויכטענער האַלע, וואָס איז שנעל פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָוויזאָרישער קאַזאַרמע פון וועלכער עס האָבן

זיך געטראָגן דיקע, שרייעוודיקע קולות. צוויי פון די וואַכמענער זענען אַריין אינעווייניק און עפּעס געמאָלדן. דאָרט האָט מען צוריקגעענטפערט און עמעצער האָט באַגלייט ביז צו דער טיר. מען האָט נאָר געקענט הערן ווי דער אינעווייניקסטער עמעץ איז נישט צופרידן:

— מען מוז פאַרשטאַרקן די וואַך... מיט אָנגעשטעלט געווער דעם גאַנצן וועג... דער וואַלד איז אַ פינצטערער און דער באַנדע קען געליג־גען צו אַנטלויפן אין דער פינצטערניש...

איצט איז שוין די שרעק נאָך גרעסער געוואָרן. אפילו דער גלייכ־גילטיקער מעכעלע האָט גענומען ציטערן אויף אַלע אברים: טיף אין דער נאַכט פירט מען זיי אין וואַלד אַריין? וואָס קען דען דאָס באַדייטן, אויב נישט דער טויט? פון קאָרידאָר זענען אַרויסגעקומען נאָך עטלעכע הויכע זעלנער און נעבן זיי — אַ דייטש אין מונדיר פון אַ לייטענאַנט. אַלע האָבן געטראָגן דאָס געווער אין האַנט און דער אָפיציר האָט געהאַלטן זיין רעוואָלווער אויסגעשטרעקט.

דער נידעריקלעכער אָפיציר איז צוליב עפּעס געווען זייער פריילעך. ער האָט דערפאַר געגעבן אַ וויציקע קאָמענדע אין דער זייט פון די יידן:

— חזירים־באַנדע — מאַרש!

און די טאָפּלטע מחנה האָט זיך אַ ריר געטון מיט מיליטערישע טריט...

— 2 —

זעט אויס אַז דער וועג דאַרף זיין גאָר אַ ווייטער. צום שיס־פּלאַץ פירט מען דורך דער פאַבריק. אָבער דאָ האָט מען גאָר אויסגעדרייט צום צווייטן פאַבריקס־טויער. די ווערקשוץ האָט שנעל סאַלוטירט און פאַר־בייגעלאָזט. ערשט הינטער די פּלייצעס האָט מעכעלע באַוויזן צו הערן זייער צופרידנקייט:

— ווידער מיט אַ צוואַנציק שטיק ווייניקער... שוין לאַנג, אַז מען האָט זיי נישט געריררט... דער קליינער לייטענאַנט האָט אָבער פריילעך געשפּרייזט פאַראויס מיטן געשטרעקטן רעוואָלווער אין האַנט און אונ־טערגעגעבן קוראַזש:

— שנעלער גיין! איר וועט דאָך פרירן!...

דער וועג איז געווען פריי, אויסער די דראָטן... פון ביידע זייטן האָט

זיך געצויגן דער אָפּגעוויסטער וואַלד. אין מיטן האָט זיך געצויגן דער גלאַטער שאָסיי, וועלכער האָט איצט געהאַט אַזאַ גליטשיקן, קרומען רוקן... אַנטלויפן? צוואַנציק לופּעס ביי דער זייט מוזן אָפּקילן אַזעלכע פֿאַנטאַזיעס, כאָטש די געדיכטע וועלדעניש רופט אַזוי, לאָקט אַזוי... עס וואָלט גוט געווען, ווען יענע אַנטלאָפענע טאָטערן גיבן זיך איצט אַ רוק אַרויס פון וואַלד, נעמען צו דאָס געווער ביי די באַגלייטער, אָדער רעדן זיי גאָר איבער... און דערנאָך זאָלן זיי אַ פאַרנעם טון די גאַנצע חברה מיט זיך... עס וואָלט גוט געווען — אפילו ווען מ׳זאָל דאַרפן דערנאָך שפרייזן מיט באָרוויסע פיס אין שניי, פאַרפרוירן ווערן דערנאָך — אַבי מ׳זאָל אַ פאָר מינוט, אַ פּאָר שעה נעמען שפרייזן ווי באַפרייטע...

דער וואַלד שווייגט אָבער. מען הערט פון אים נישט קיין עכאָ, אַזוי ווי דאָ וואָלט זיך שוין געענדיקט די וועלט צוזאַמען מיט אירע רוישן. ער וויל זיך נישט פאַרראַטן, דער וואַלד! יאָ, אויך ער האָט מורא מען זאָל נישט אַריינשיסן קיין קויל אין זיינע געדיכטענישן אַריין... דער־פאַר שטייט ער אַ שטילער, אַן אונטערטעניקער און וויל שוין וואָס שנע־לער זען די באַוואָפנטע חברה ווייטער פון זיך. אַ בלייכער פלעק בלויז קוקט אַראָפּ האַלב־אויסגעבויגן פון דער שנייאיקער הויך און קוועלט אָן פון זיך, וואָס ער קען דאָרט פריי אַרומשפּאַצירן, ווען די ווערעם דאָרט אונטן ווערן אַזוי שטרענג באַוואַכט...

מעכעלע האָט איצט פון וואָס צו טראַכטן. אָט איז די פריי אַזוי נאָענט... מען האָט נאָר געקענט אַרויסקריכן אויסער די דראָטן — און שוין האָט מען די שווייגעוודיקע מויער פון ביימער פאַר זיך... מען דאַרף נאָר אַריבערגיין דאָס שאָסיי־ציימל און שוין... די גאַנצע וועלט פון שיסב־דיקע ביקסן זענען הינטער דיר! פאַרוואָס האָט ער דערפון קיינמאָל נישט געטראַכט? יאָ, דאָס פערטעלע ברויט, וואָס ער קראַצט אַרויס יעדן טאָג פון מיסט האָט פאַרשטאָפּט די חושים, זאַט געמאַכט... און אַ זאַטער גוף ציט אַריין אין זיך, צוזאַמען מיטן עסן, אויך די מוראָ פאַר דער אַנדערש־קייט. אַז מען איז נישט אַזוי הונגעריק — האָט אויך די שרעק מער כח... דערפאַר וואָרנט זי, לאָזט נישט רוקן זיך אַ טריט ווייטער פאַר דער גע־שענקטער זיכערקייט. צוליב דעם שפרייזט ער איצט, אַן אַרומגערינגל־טער און ווייסט נישט ביז וואַנעט מען וועט אים דאָ פירן... אפשר וועט מען באַלד אַראָפּנויגן טאַקע אין וואַלד אַריין. דאָרט וועט ער קענען זען דאָס אָרט, ווו מען האָט געקענט באַהאַלטן זיך, זוכן דעם וועג צו ווידער־

שטאַנד וואָס איז פּאַרשפּעטיקט געוואָרן. דערנאָך וועלן די באַוואָפנטע באַגלייטער רעפּעטירן די ביקסן, דער קליינער אָפיציר וועט געבן אַ קורצן באַפעל און די שאָסן וועלן אַ פלי טון אין די קעפּ אַריין. דער וואַלד וועט גאָרנישט זאָגן. ערשט נאָך די שאָסן וועט ער זיך צעלאַכן מיט אַ ווילדן עכאָ און חוזק מאַכן:

— האָסט נישט געוואָלט קומען צו מיר, האַ? רעכט אַזוי! מיך מיידט מען נישט... אָדער מען קומט אַליין — אָדער מען ברענגט צו פירן... איצט ליגסטו, אָן באַוועגונג ליגסטו... און אין מיר וועלן אַזוי־פיל לעבעדיקע! זיי זענען געקומען אַליין — דערפאַר זענען זיי פאַרקראָכן טיפער און איך האָב זיי אויפגענומען און באַהאַלטן... זיי גייען איצט אַרום און היטן אַליין זייער לעבן, לאָזן נישט צו נענטער צו זיך... איצט ווייסטו כאָטש, ווייסטו — — —

דעם דייטשן אָפיצירל איז נמאָס געוואָרן דאָס שפּרייזן שטומער־הייט. אים איז פריילעך, וואָרעם... און עס איז גאָרנישט היימלעך צו גיין אַזוי נעבן אַזאַ וואַלד שווייגנדיק... ער קען קוים עטלעכע ווערטער רוסיש און די אַלע וואַכמענער, וואָס דינען שוין אין דער ס. ס. קענען זייער ווייניק דייטשע ווערטער און אים ווילט זיך גאָר איצט אַ שטיף טון, זיך פריילעך מאַכן... ער רייסט דערפאַר איבער די שטילקייט:

— קענט איר אַלע דייטש? האָט עמעצער פון אייך געדינט אַמאָל אין מיליטער?

מעכעלע מוז איבעררייסן די טראַכטענישן. אַלע יידן פאַרשטייען דייטש. נאָר קיינער פון זיי האָט נישט געמאַכט קיין מיליטער־דינסט. אפילו די וואָס האָבן עס מיטגעמאַכט — מוזן עס לייקענען. ס'איז גליי־כער אַזוי. פּאָר מענטשן וואָס קענען זיך אויף געווער האָבן דייטשן מער מוראָ ביים ראַנד פון אַ געדיכטן וואַלד, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט...

דאָס אָפיצירישע דייטשל באַדויערט שטאַרק. עפּעס איז אים דאָ קאַליע געוואָרן דער גאַנצער פּלאַן. ער שטעלט אָפּ די אַרמיי זיינע און קוקט זיך איין אין אַלעמענס פּנימער. זיין אויג פאַרהאַלט זיך ביי מע־כעלען:

— דו ביזט קיינמאָל קיין מיליטער־מאַן נישט געווען? אַ שאָד, נאָך יונג געווען, וואָס? אָבער לויפן שנעל קענסטו, האַ? מיט אימפּעט...

מעכעלע וויל זאָגן אַז ניין, ער קען נישט... די שרעק און דאָס ביסל באַרימעריי, וואָס אַ מענטש פאַרלירט נישט אפילו אין אַזעלכע מינוטן

האָבן שוין אָבער די שליטה איבער די געדאַנקען און זיי רעדן שוין פאַר אים וואָס זיי ווילן:

— אין מיליטער האָב איך נישט געדינט — אָבער לויפן קען איך... אויך שפּרייזן קען איך שנעל...

ביים לייטענאַנט צעשפּילט זיך אַ לצנותדיקס אין די גרינע אויגן:

— איז גוט! וועלן מיר מאַכן אַ וועט־לויף! זיי אַלע וועלן היטן די אַנדערע יידן און מיר וועלן נעמען גיין שנעלער, מאַרשירן מיליטעריש... אַ שאָד בלויז וואָס קיינער וועט נישט קענען זיין די ריכטער... זיי וועלן בלייבן הינטער אונדז — אָבער מיר וועלן האַנדלען אויף אַן ערנהאַפטן אופן. האָסטו צוטרוי צו אַ דייטשן אָפיציר?

דער לייטענאַנט זעט אויס צו זיין היפּש שיכורלעך... אַוועקלאָזן זיך מיט אים אַליין טיפער אין וועג אַריין, בעת זיין בלאַנקער רעוואָלווער בייסט אים די האַנט? מען מוז מסכים זיין! די אוקראַינער באַקומען אַ באַפעל צו היטן די יידן... שיסן ביים מינדסטן אָפּנויג פון וועג!... ער וועט נאָר מאַכן אַ געוועט מיט דעם קליינעם יודע... אַזאַ קליינער און גייט זיך פאַרמעסטן מיט אַ דייטשן אָפיציר אין לויפן! דאָס איז אינטע־רעסאַנט... זיי מעגן זיכער זיין, אַז מער וועט קיין יודע זיך נישט פאַר־מעסטן מיט קיין דייטשן לייטענאַנט, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער שנעל־סטער גייער פון זיין קאָמפּאַניע... מ׳וועט זען! האָבן זיי פאַרשטאַנען?

אַלע וואַכלייט האָבן סאַלוטירט. מעכעלען האָט גענומען באַנג טון: אויף וואָס האָט ער עס געדאַרפט? וואָס האָט ער געפּלאַפּלט? שטענדיק ווייסט ער מיטן שכל אַז פאַר די דייטשן מוז מען זיך האַלטן קליין, פאַר־באַרגן, נישט וואַרפן זיך אין אויג... און אַלעמאָל וויל ער דווקא באַווייזן בריהשאַפט וואָס געהערט נאָר צו זיי... איצט הייסט עס, אַז ער גייט זיך באַווייזן מיט זיין העכערשאַפט און פאַרמעסט זיך מיט אַן אָפיציר... אָט נעמט זיך יענער שוין אונטער אים צו ווייזן, מאַכט אַנדייטונגען... קיין גוטס וועט עס שוין נישט ברענגען!

דער אָפיציר האָט אָבער דערווייל פאַרגעסן אינעם ייד. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, געהייסן מעכעלען אויסגלייכן די טריט צו זיינע און באַפוילן:

— איצט לאָמיר שטיין גלייך! וואַרטן ביז אַ קאָמענדע! איך בין ערנמאַן און וויל נישט קיין פאַרצוג... ביידע גלייך... איינס... צוויי... דריי!

מעכעלע האָט נאָך באַוויזן צו זען ווי די מיטגעכאַפּטע יידן געזע־גענען אים מיט די בליקן. טייל ווילן מסתמא זאָגן: גאַנץ גלייך אויף דיר... האָסט געמעגט האַלטן די צונג אויף אַזאַ מקום! אַנדערע באַדויערן אוודאי: אַזוי נאַריש אַריינצופאַלן!... עס איז אָבער איצט נישט כדאי צו טראַכטן: אַלצאיינס... קען זיין, אַז באַלד וועט מען אים נאָכשיסן און אַוועקלייגן... און עס קען אויך זיין אַז דעם פאַרגעניגן לאָזט גאָר איבער דאָס דייטשל פאַר זיך אויף שפּעטער, אָט דאָרטן ווייטער... נאָר מעכעלע מוז איצט מיטהאַלטן שריט. אויך אין אים האָט זיך אָנגעצונדן דער קונדס פון די קינדערישע יאָרן און אויך ער וויל איצט באַווייזן וואָס ער קען... דאָ איז שוין מער קיין דייטשן נישטאָ, קיין וועכטער... צוויי לוי־פער און פאַרטיק!

און דער וואַלד שטייט און וואונדערט זיך אויף דעם מאָדנעם רע־טעניש: צוויי מענטשן רייסן זיך אָפּ פון אַ מחנה: אַ דייטשער אָפיציר און אַן אָפּגעריסן יידיש יינגל... זיי לויפן אַלץ ווייטער און ווייטער... אָט זענען זיי שוין אַליין אויפן שליאַך. בלויז די טיפע נאַכט און דער וואַ־טאָווער שפּענצער אויפן רוקן פון איינגעשלאָפענעם הימל קענען זיין עדות צו דעם מאָדנעם לויף־געווער אויפן שאָסיי פון סקאַרזשיסקאָ אין סוף פון 1493...

— 3 —

דער וועג ציט זיך געשלענגלט ביז צו דער נאָענטער שטאָט. מע־כעלען ווערט גליטשיק אונטער די טריט. די שיך מיט די האָלץ־זוילן קע־נען נישט אויסהאַלטן אַזאַ פלינקן לויף. ער מוז אָבער האַלטן קאָפּ און גישט בלייבן הינטערשטעליק. דאָ איז אויך אַ סכנה דערביי. דער דייטש קען אַניאָגן פאָראויס און מעכעלע זאָל בלייבן אַליין. דאַן וועט זיין דער בעסטער וועג צו דערשיסן אים פאַרן זוכן צו אַנטלויפן... כאָטש בעת דער לייטענאַנט איז דערהיצט פון געיעג — וועט ער עס נישט באַמערקן... אפשר טאָקע אַריינלאָזן זיך אין וואַלד אַריין? מעכעלע ציטערט פאַרן נסיון: ער קען דאָך גאָר פאַרלירן דעם געדאַנק און לאָזן זיך מיטשלעפּן נאָך דער ווילדער ציענישׂ... אוי, וויפל יאָרן איז ער עס שוין נישט געווען אָט אַזוי, כמעט אַליין?... דאָס רייצט אַזוי, פאַרשיכורט און נעמט צו די גאַנצע איבערעכנטקייט — כאָטש מיט איין קילאָמעטער פריער גייט

אַזאַ באַנדע, וואָס וועט זיך וואַרפן זוכן אים... און ער ווייסט סיי־ווי נישט וווהין צו לויפן, אַ האַלב־נאַקעטער...

בכדי נישט צו פאַרלירן דעם געדאַנק ביים אַנבליק פון אַזאַ געלעגנ־הייט — נעמט מעכעלע יאָגן ווילד, מיט אַלע כוחות... דער גאַנצער אימ־פעט פון וועלן לעבן ליגט איצט אין די פיס... אים איז שרעקלעך קאַלט געוועזן — דערפאַר פליט ער איבערן וועג מיטן גאַנצן שטורעם; צערו־דערט זיך און איבער אַלע אברים לויפט אַדורך די וואַרעמקייט פון איי־גענעם בלוט... אָט איז ער שוין נעבן לייטענאַנט. אַ ווײַלע הערט ער ווי יענער פרייכט שוין פון דער ערשטער מידקייט, אָבער ער לויפט ווייטער, יאָגט אים איבער...

אין איין זייט רייסט זיך דער וואַלד איבער און עס טויכט אויף אַ שנייאיק פעלד. אַהאַ, דאָ איז שוין נאָענט פון דער שטאָט! אָט דאָרט מוז שוין זיין דער ווערק א׳... ווי ווייט מען וועט אַזוי איילן ווייסט נישט מעכעלע. ער הערט בלויז ווי יענער שרייט צו אים פון אונטן:

— שטיין בלייבן!

שטעלט ער זיך, מעכעלע. דער דייטש שיסט אָבער נישט. ער קומט נאָר נענטער און ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן. ער נעמט זיך גאָר פאַרענטפערן: ס׳איז נישט קיין גלייכער פאַרמעסט! ער טראָגט מיט זיך שווער געווער... אויך אָנגעפּעלצט איז ער גענוג — און מעכעלע האָט כמעט גאָרנישט אויפן לייב... נישט אַזוי מאַכט מען אַ געוועט! מען וועט נאָך דאַרפן פּרוּוון אַ צווייט מאָל. איצט לייגט ער נאָר פאָר, אַז מען זאָל כאַפּן דעם אָטעם און דאַן וועט מען זען וואָס ווייטער צו טון. עס איז אויך בעסער זיך צו לאָזן דורכן פעלד און איינשפּאָרן וועג. ביז די אַנדערע וועלן קומען — וועט מען זיך דערוויַיל קענען אויסרוען...

איצט איז שוין מעכעלע באַרואיקט. דערוויַיל דראָט נישט קיין געפאַר. אָטעמט ער לייכטער אָפּ. איצט איז ער אַליין מיט יענעם אויף אַ בלאַנק־ווייסן פעלד וואָס לויכט פאַר ביידן גלייך... דערפאַר קען ער אויך אַ פרעג טון, וווהין מען גייט עס אַזוי שפּעט און וואָס דאַרפן זיי אייגנ־טלעך טון? דער דייטש איז איצט שיכור און ס׳איז אים פריילעך. דאַרף ער נישט מער און די רייד נעמען זיך אים שיטן... זיינע גרויע אויגן לאַכן:

— ער איז די גאַנצע צייט געוועזן אויפן פראָנט... איין האַנט האָט מען אים דאָרט קאַפּוט געמאַכט. זי איז היפּש אויסגעקרומט. קוים אָפּ־

גערשטעוועט זי. איצט איז ער דאָ געקומען מיט אַן אָפּטיילונג אוקראַיני־שע . ס. אַ טייל פון זיי וועט דאָ בלייבן וואַכן איבער דער פאַבריק. נאָר מאָרגן דאַרף די צווייטע העלפט אָפּמאַרשירן ווייטער און זיי דאַרפן פּראָוויאַנט. קיין לאַסט־אויטאָ איז נישט געווען גראָד צו באַקומען — נעמט מען די יידן. קען זיין, אַז זיי וועלן דאַרפן טראָגן אַ טייל פון דער אַפּראָוויזאַציע ביז צום לאַגער. דאָס וועט מען זען אין שטאָט... ער מוז אויספירן אַ באַפעל! נאָר די גאַנצע זאַך גייט אים שוין פון האַלדז אַרויס. ע ר האָט שוין די קריג געענדיקט. ער וויל כאָטש בלייבן מיט איין האַנט... וואָס וויל מען דען נאָך פון אים? ער גייט מיט — אָבער דאָ גייט אַ ווינטער! און דעם רוסישן ווינטער אויפן סאָוויעטישן פראָנט דאַרף מען קענען! אָהאָ...

מעכעלע וואָלט איצט גערן צוריקגעלאָפן צו די אַנדערע ביינצן יידן זיי איבערגעבן, אַז עס דראָט נישט קיין געפאַר... דאָס האַרץ פאַלט זיי דאָרט זיכער איצט אַרויס פון פּחד! אָבער ער מוז ווייטער שפּרייזן מיט יענעם און אויסהערן ווי ער רעדט צו אים ווי צו אַ גלייכן... מעכעלען ווערט עס אפילו אינטערעסאַנט. פרעגן טאָר ער נישט, אָבער אויסהערן מעג מען דאָך. איז טאַקע יענער נישט קאַרג מיט קיין וואָרט. ער דער־ציילט וועגן זיינע העלדישקייטן, וויפל אויסצייכענונגען ער האָט באַ־קומען... אויך מעכעלע מוז אים ענטפערן, דערציילן ווי אַזוי די יידן לעבן אין לאַגער, הונגערן... עס זעט אויס, אַזוי ווי צוויי מענטשן וואָלטן זיך ספּעציעל אָפּגערעדט צו טרעפן זיך דאָ און אויסצודערציילן איינער פאַרן צווייטן די עוולות וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען איבער דער וועלט... דאָ פאַרן אָנגעפּעלצטן הימל און די נאַקעטע פעלדער, געהילט אין ווייסע תּכריכים, שפּילט נישט קיין שום ראָל דער דייטשער מונדיר מיטן ראַנג. קיינער וועט דאָ פאַר דעם זיך נישט בייגן, נישט סאַלוטירן. דערפאַר קען ער זיך דערלויבן צו זיין אַנדערש: ער קען רעדן און קען אויך אויסהערן מיט אַ פּנים אָן שרייעוודיקע גרימאַסן, וואָס אַן אָפּגעריסן יידיש ייִנגל דערציילט אים... און יענער קען זיך דערלויבן צו רעדן וועגן די ליקווי־דירטע געטאָס, וועגן מאַידאַנעק — — —

דער הימל האָט זיך דערווייל גענומען אויסהעלן מיט זיין גרויקייט. פון יענער זייט וואַלד האָט זיך גענומען אָנרוקן דער טאָג און טריב זיך צעגאָסן איבער דער וועלט. פון דער צווייטער זייט פעלד האָבן זיך גענו־מען באַווייזן די ערשטע געמויערטע הייזער פון דער שטאָט. דער דייטש

האָט פלוצים פאַרלוירן זיין רואיקייט. ער האָט זיך צוריק אויסגעצויגן, אַ כאַפּ געטון דעם געלאָדענעם רעוואָלווער אין דער האַנט און מיט רע־ ווערדיקער באַפעלערישקייט אַ קאָמאַנדעווע געטון אויף מעכעלען, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע ראָטע:

— דריי טריט פאָרווערטס... מאַרש!

מעכעלע האָט געפאָלגט... און אַזוי האָבן זיי אַריינגעשפּרייזט, דער ייד און דער דייטש אין דער אָן־יידנדיקער סקאַרזשיסקאַ־קאַמיענאַ...

— 4 —

דער ערשטער וועג האָט געפירט צו אַ פּוילישער בעקעריי. דאָ האָבן שוין געוואַרט לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן געדאַרפט נעמען דאָס באַקור־ מענע ברויט מיט זיך. דער הויף איז פול געווען מיט זיסע ברויט־ריחות — וואָס האָבן פאַרפאַרעט די לופט — און מיט פילדערנדיקע ס. ס.־לייט. דער דייטש איז אַריין אינעווייניק און געלאָזט מעכעלען שטיין אין דרויסן. עפּעס אַ יונג אוקראַיניש זעלנערל, אַ פרייוויליקער פון אַ יאָר פופצן האָט קאָקעטירט פאַר אַלעמען מיט זיין רעדן דייטש. ער האָט גע־ האַלטן אין איין דערציילן וועגן יידן, וואָס מען דאַרף אויסקוילען, אויס־ רייסן מיטן וואָרצל... מעכעלע האָט זיך דערווייל געהאַלטן ביים אַריינ־ גאַנג אין דער בעקעריי. אַלע האָבן געזען וו ע ר עס האָט אים גע־ ברענגט און קיינער האָט אים דערפאַר גאַרנישט געפרעגט. ער וואָלט אפילו איצט געקענט אַרויסגיין דורכן באַוואַכטן טויער און קיינער זאָל אים אפילו נישט פאַרהאַלטן. אָט שטייען דאָ די גאַנצע באַנדע און ווייסן אפילו נישט אַז עס שטייט פאַר זיי אַ ייד, וואָס ליגט אינעם גיהנום דאַ־ נעבן, עטלעכע קילאָמעטער פון דאַנעט... מעכעלע אַליין וויל זיך נישט גלויבן, אַז ער געפינט זיך איצט אין אַ וועלט וואָס איז פריי; אַז אַרום זענען פאַראַן הייזער ווו מענטשן שלאָפן ביינאַכט אין בעטן, שטייען אויף אין דער פרי און גייען אַרויס אין גאַס אַריין... און זיי ווייסן אפילו נישט ווי גרויס זייער גליק איז...

דער ריח פון וואַרעם ברויט רייצט, ציט אַזוי חלשותדיק ביים האַרץ... פון שטיין אין דרויסן אויף אַן אָרט ווערט קאַלט אין די פיס, אין אַלע אברים. מעכעלע טאַנצט אונטער, קלאַפּט איין פוס אין צווייטן און דער קאָפּ דרייט זיך דערווייל פונעם ברויט־ריח און פון דער פרייער

ווינטערדיקער לופט, אין וועלכער מען שפירט נישט קיין ברעקל טראַטיל און פּיקרין... דער אָפיציר איז דערווייל פאַרנומען אינעווייניק. דורכן פענצטער זעט מעכעלע ווי ער לאַכט דאָרט צו אַ פּוילישער באַדינערין און גייט מיט איר אין קאָרידאָר אַריין. דאָס וויל ער אָנזאָגן מעכעלען, אַז ער זאָל נישט אַוועקגיין און וואַרטן ביז די אַנדערע וועלן קומען. די שיקסע וויל אַלץ וויסן — פרעגט זי אים מיט שטום־לשון, אויב דער וואַרטנדיקער איז אַ יודע... ער שאָקלט מיטן קאָפּ. זי דרייט זיך אַוועק. זי האָט געמיינט אַז דאָס איז אַ פּאָליאַק, וואָלט זי אים אַריינגענומען אין קאָרידאָר אַריין. זאָל ער זיך אָנוואַרעמען... אין דרויסן איז אַזאַ קעלט און מען קען נישט שטיין אַזוי נאַקעט... נאָר אַ יוד — זאָל ער פרירן! ווען מען אַרט עס? ווי קומט עס, וואָס ער לעבט נאָך אַזוי לאַנג גאָר? זי זאָגט עס אין פּויליש. עס קומט ביי איר אַרויס אָן שנאה. זי זאָגט עס, ווייל אַזוי רעדט מען שוין לאַנג צווישן זיך. דערביי שטייט אויך אַ דייטש און מען דאַרף אים געפעלן דערמיט. נישטאָ אין די רייד דער בייזער גיפט, דער אויפגעהעצטער פאַרדרוס וואָס מען קען האָבן צו אַ לעבעדיק נפש וואָס וואַרפט זיך נאָך, עקזיסטירט נאָך... דאָס איז צו־פּשוט, אַז מען זאָל דאַרפן ביי דעם אַרויסוווייזן צאָרן... זי וואָלט אפילו דעם מינדעסטן געשריי נישט געטון, ווען עמעץ גייט איצט צו און שניידט איבער מע־כעלען דעם האַלדז. אינטערעסאַנט: זיי האָבן שוין אפילו נישט די עמאָ־ציאָנעלע אויפרודערונג ביים דערמאָנען מיט שנאה דעם ייד... פאַר זיי זענען יידן שוין ט ו י ט ע; זיי עקזיסטירן מער נישט — אפילו ווען מען זעט זיי נאָך מיטן אויג...

אָט צו אַזאַ וועלט רייסט מען זיך אַמאָל צו אַנטלויפן, ראַטעווען זיך... מעכעלע פאַרשעמט זיך פאַרן טראַכטן אַזוי. ניין, אַהער קען מען נישט לויפן... פון ווי־ווייט וואָלט ער זיך געמוזט אַליין אומקערן צום לאַ־גער — אַבי צו זיין מיט די ערגסטע יידן אפילו. עס איז שווער צו לעבן אפילו געציילטע מינוטן צווישן מענטשן וואָס האָבן אַנדערש־באַשטימ־טע גורלות!

די אוקראַינער זענען דערווייל אָנגעקומען מיט דער פּאַרטיע יידן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאָדן אויף עטלעכע לאַסט־אויטאָמאָבילן. ווען די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, האָט מען נאָך געמוזט אַרויפלייגן אַביסל געווער אויף אַ באַזונדער וואָגן מיט פערד. יעדער איינער פון די יידן האָט נאָך געמוזט נעמען אויף זיך אַ באַזונדער פּאַק פּראָוויאַנט און

דאָס טראָגן אין דער ריי ביז דער פאַבריק. פאַרוואָס זיי מוזן טראָגן די משא, בעת מיט אַ וואָגן קען דאָס אַזוי לייכט אָוועקגעפירט ווערן — האָט קיינער נישט געוואַגט צו פרעגן. די וואַכלייט האָבן בלויז געוואָלט אויס־נוצן דאָס זיין אין שטאָט אויף פאַרשידענע פאַרווײַלונגען. זיי האָבן באַ־קומען אַ דערלויבעניש פונעם אָפיציר צו גיין אַביסל אַ טרינק טון און אַ הוליע טון. עס איז נאָר געווען אַ פראַגע, וואָס מען מאַכט מיט די יידן.

אויף צו דעם האָט מען באַלד געפונען אַן עצה: זיי זאָלן דערווייל בלייבן אויפן הויף פון דער בעקעריי און אַלעמאָל זאָל אַ צווייטער אָר־קראַינער אויף זיי אַכטונג געבן. דער פריילעכער אָפיציר האָט אָנגעזאָגט מען זאָל האַלטן דעם עולם שטרענג, נישט לאָזן גיין ווייטער קיין טריט פון אונטערן בעקעריי־דאַך... דערפאַר אָבער האָט מעכעלע מיט נאָך עט־לעכע זיך מיט אים פאַרשטענדיקט אויף אַן אַנדער אופן: יעדער שעה זאָל מען אַרויסלאָזן אַ צווייטן ייד אין שטאָט אַריין. די אַנדערע וועלן פאַר אים גאַראַנטירן מיט זייער קאָפּ. קיינער וועט נישט אַנטלויפן... אויף אויף דעם האָט ער מסכים געווען און אַוועקגעלאָפן.

עטלעכע פון די יידן האָבן געהאַט געלט מיט זיך — זענען זיי אַוועק אין די שכנותדיקע פוילישע געשעפטן און געקויפט פאַרשידענע קליי־קייטן, וואָס מ׳קען ביי זיי פאַרדינען אין לאַגער. זייענדיק באַוואַכט פון אַזאַ מענגע ס. ס.־לייט וועט קיינער ביים לאַגער־טויער נישט קאָנטראָלירן און מ׳וועט קענען אַריינשמוגלען וואָס מען וועט נאָר וועלן... אויף מע־כעלע האָט זיך שפּעטער אַרויסגעלאָזט דורכן טויער און געגומען שפּרייזן איבער אַן אַמאָליקער יידישער שטאָט... נאָכן שטעלן די ערשטע טריט צווישן גאַסן און קראָמען — האָט ער אַליין נישט געוווסט וואָס צו טון מיט דער שעה פרייהייט... די ערשטע מינוטן האָט ער געטראַכט, אַז צוליב איין מינוט פריי זיין האָט זיך געלוינט די גאַנצע נאַכט שרעק... איצט אָבער, נאָכן דרייען זיך איבער די באַזעלנערטע גאַסן, האָט ער דערזען ווי ווייט ער איז שוין פון קענען פאַרטראָגן אַ פריי־באַוועגלעכע וועלט...

גויים האָבן געמסחרט אין געשעפטן, אויף וועלכע עס זענען נאָך גע־בליבן די שפּורן פון יידישע בעלי־בתים... מעכעלע האָט זיך געשטויסן צווישן המון שפּאַצירנדיקע און קיינער האָט אפילו קיין אַכט נישט גע־לייגט אויף זיין אָרעמען הילוך. אין אַ געשעפט זענען געווען אויסגע־שטעלט שוועבעלעך. מעכעלע איז אַריין אַהין און געטראָפן אַ פולע קראָם

פויערים. ער איז צוגעגאַנגען צום בופעט און געבעטן מען זאָל אים פאַר־קויפן שנעלער, ער מוז גיין ווייטער...

די פאַרקויפערין, אַ יונג שיקסל, האָט אים אָנגעקוקט מיט שאַרפע אויגן. אַלע קונים האָבן גענומען באַטראַכטן דעם אַריינגעקומענעם מיט פאַרדעכטיקע בליקן. אין מעכעלען האָט אויפגעזאָטן דער להכעיסניק:

— איך בין אַ ייד... מען האָט מיר געשענקט אַ שעה פרייהייט... באַלד וועל איך זיך מוזן אומקערן. שרעקט אייך נישט: עס לעבן נאָך אַ סך יידן... פון יעדן שטעטל זענען געבליבן עטלעכע — אויך פון אייער שטאָט... זיי ווייסן אַלץ וואָס עס קומט פאַר און זיי געדענקען... איר דאַרפט וועגן דעם וויסן. ס'איז גלייכער, אַז מ'טוט גוטס איידער שלעכטס...

אַן אָנגעגאָסן פּנים האָט זיך צוגערוקט נענטער, אָנגעכאַפּט מעכע־לען פאַר אַ האַנט:

— דו ביזט אַנטלאָפן! איך וועל דיך פירן אין געשטאַפּאָ... אַגי־טאַטאָר!

מעכעלע האָט אַרויסגענומען די לאַגער־לעגיטימאַציע און זיך בייז צעלאַכט:

— זעסט? באַלד וועט דאָ קומען מיין אָפיציר, וואָס דאַרף מיך צו־ריקנעמען... יידן זענען נאָך נישט אין גאַנצן הפקר... מיר וועלן נאָך זי־כער איבערלעבן...

דאָס שיקסל האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקל שוועבעלעך און זיך פאַר־ענטפערט:

— ער מאַכט זיך נאָר אַ וויץ... און דו — קויף וואָס דו ווילסט, נאָר קום נישט אַהער מיט דיינע אָפיצירן. מיר האָבן די זשידקעס קיין שלעכטס נישט געטון...

מעכעלע האָט שנעל באַצאָלט און איז אַרויס. עפּעס האָט אים אָנ־געכאַפּט אַזאַ תאווה צו גיין פון קראָם צו קראָם, אומעטום אויסשרייען הויך אַז ער איז אַ ייד און — זאָלן זיי זיך דערשרעקן! זאָלן זיי מיינען אַז דער אייביקער וואַנדער־ייד האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער סקאַרזשיסקאַ... זיי מיינען אַז זיי האָבן פאַרטריבן דעם לעצטן ייד, צוגענומען זיין פאַרמעגן און אויסגעליפערט דעם לעצטן אַנטלאָפע־נעם צו דער געשטאַפּאָ... צום סוף גייט ער דאָ גאָר אום אַ פרייער, קומט אַריין אומגעשטערט אין קריסטלעכע געשעפטן און דראָט, זאָגט אַן דאָ

אזעלכע נביאותן, פון וועלכע עס גייט אַדורך אַ ציטער דורך די ביי־נער...

גאַרנישט וויל ער איצט — גאָר אַרומגיין און דערשרעקן זיי מיט זיין ל ע ב ן ! אַט קריכט ער טאַקע אַריין אין אַ קנייפּע. עטלעכע פּאָליאַקן צלמען זיך ביים בלויזן הערן אַז דאָ איז פאַראַן אַ ייד. שיכורער־הייט זוכן זיי אַ וועג צו אַנטלויפן, רופן עמעצן... מעכעלע שיט אַרויס פון זיך אַ פּאָר בריענדיקע ווערטער און גייט ווייטער... דערנאָך שטעלט ער זיך אָפּ נעבן איינעם, נעבן אַ צווייטן... ער פאַרהאַלט זיי אין מיטן וועג און גיט זיי אַ תמעוואַטע פרעג:

— איך בין אַ ייד... איר קענט מיר אפשר זאָגן דעם וועג ביז צו דער בעקעריי, ווו די זעלנער נעמען ברויט?

פון אַלע זייטן נעמט מען אַנטלויפן פאַר אים... פאַר פּחד פאַרגעסן זיי אפילו אָנצושרייען אויף אים. אַ פויערטע נעמט זיך אפילו בעטן מיט אַ דערשטיקט קול:

— פּאַניע מאָשעק... דערבאַרעמט זיך... דערבאַרעמט זיך!

דאָס שפּיל פון באַשפּיגענעם און צעטרעטענעם יינגל נעמט אים אַלץ מער געפעלן... אַ האַלב לעבן וואָלט ער אָפּגעגעבן אַבי צו שפּילן איין טאָג די ראָל פון אַ לעבעדיקן ייד אויף די גאַסן פון אַ יידנריינער, מיט בלוט־באַפלעקטער שטאָט! זאָלן זיי ציטערן, די גויים מיט די יידישע טר־ליפּלעך און פּעלצן אין די יידישע קראָמען! זאָלן זיי זען דאָס פאַרברענ־טע יידישע פּנים, וועלכעס זיי האָבן שוין געהאַלטן פאַר טויט, פאַר אָפּגעווישט... העי, דער ייד גייט! ער שפּאַצירט אַרום איבער די גאַסן צווישן דייטשע זעלנער און שיכורע פּאָליאַקן־אויגן!... קיין מיטלייד זעט ער נישט אין קיינעמס אויג. קיינער וועט אים דאָ נישט באַדויערן, נישט צוואַרפן קיין וואָרעם וואָרט — טאָ זאָלן זיי כאָטש ציטערן! זאָל זיי דער יידישער בליק ווידער באַגלייטן, שטעכן זיי... און זאָלן זיי דער־ציילן ביינאַכט אין דער כאַלופּע: געזען אַ ייד... מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן און מיט צעריסענע שמאַטעס — אָבער ער האָט געלעבט... און קיין דייטש האָט אים נישט פאַרהאַלטן! אַזעלכער קען איבערלעבן די קריג און באַהאַלטן אין קאָפּ אַלץ וואָס ער האָט געזען דאָ... ווער ווייסט, ווי לאַנג ס'דרייט זיך שוין אַזוי אַרום איבער די פּוילישע שטעט... דער ייד איז נאָך געבליבן מיט אָפענע אויגן... דער לעצטער ייד!

זאָל עס זיי שוידערן, אַט די, מיט די פאַרבלוטיקטע הענט... ער וויל

דאָ איצט ווערן זייער בייזער חלום אין מיטן העלן טאָג, מעכעלע... אהא, זיי אַנטלויפן! זיי האַלטן נישט אויס זיין קוק... זיי קענען אים נישט דער־שטיקן מיט די גרויסע, מאָזאָליעדיקע הענט... אהא, ער איז איצט ביים טויט אין די הענט. דער רוצח האָט אים געגעבן אַ נומער, צוליב וועלכן אַ צווייטער רוצח וועט מורא האָבן אים אָנצורירן — גייט ער איבער דער וועלט, טרייסלט זיי אויף און יאָגט אויף זיי אַן אַזאַ שוידער — —

אַ דאַנק דיר גאָט פאַרן חסד, פון קענען נעמען נקמה... פאַרן קענען אַרומגיין אַ שעה צייט איבער דער אויסגעקוילעטער יידישער סקאַרזשיס־קאַ־קאַמיענגאַ...

— 5 —

ווען מעכעלע איז צוריקגעקומען אין בעקעריי־הויף זענען שוין אַלע געשטאַנען גרייט צום אָפּמאַרשירן. ער האָט גענומען זיין שווערן פּאַק אויף די אַקסל און מיטגעשפּרייזט אין דער ריי. ס׳איז שוין געווען מי־טאָג־צייט. ער האָט אָבער קיין הונגער נישט געשפּירט. אין דרויסן האָט אַ פראָסטיקע זון געשמיסן מיט געפרוירענע שטראַלן. זיי האָבן אויסגעע־מיטן די רויטע הייזער און אַריינגעשניטן אין פעלד אַריין. פון ווייטנס האָט מען געזען דעם לאַגער פון ווערק א׳ — אָבער מעכעלע האָט איצט געהאַט פון וואָס אַנדערס צו טראַכטן. דאָס גיזעענע אין שטאָט האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין מח און פאַרשיכורט ווי שווערער וויין. די טריט האָבן זיך געגליטשט און די פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער דער משא. דאָך האָבן אַלע געשפּרייזט פריילעך און אפילו חוזק געמאַכט פון זיך, ווען די האָלץ־שיך האָבן זיך אַ גליטש געטון... יעדן איינעם איז פאַרגעשטאַנען אַ פאַרדינסטל אין דער איינגעקויפטער „סחורה". אויך מעכעלע האָט דאָ איצט מיטגענומען אַ גוטע זאַך. ער וועט זיך דערמיט קענען פרייען אַ לאַנגע צייט. דערפאַר הויבן זיך די פיס מיט געוואַלד און עס ווילט זיך זיי קומען אין לאַגער אַריין וואָס פריער. זיי האָבן איצט געשפּרייזט אויף אַן אַנדער וועלט און קיינער וועט עס נישט וועלן גלייבן... יידישע טריט אויף גוישע גאַסן! ווערק־צע־טריט — אויף דעם ברוק, אויף וועלכן זיי האָבן שוין איינמאָל געשפּרייזט זייער לעצטן וועג...

אָט איז שוין ווידער וואַלד. מען איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ היפּשן מהלך. אויך דער צוריקוועגס איז אַ ווייטער. דער דייטש דרייט זיך נעבן

דעם און נעבן יענעם. די אוקראַינער טרייבן אונטער מיט די קאָלבעס: שנעלער! סקאָריי!... היינט ביינאַכט מוזן זיי אָפּמאַרשירן... דער דייטש גלייכט זיך אויס מיט מעכעלעס רייי:

— ס׳איז שווער צו טראָגן אַזעלכע פּעק, וואָס?

מעכעלע ענטפערט אָפּ:

— ניין!

דעם דייטשל ווערט צוריק פריילעך:

— דו ביזט אַ באַרימער. דערפאַר נאַרסטו אָפּ... איר טראָגט שוין אַזאַ שטיק וועגס אָן אָפּרו... מעכעלע פילט זיך שוין מיט אים פרייער, לאָזט ער זיינס נישט פאַרפאַלן:

— אונדז ט אָ ר נישט זיין שווער... נאָר צוליב דעם לעבן מיר. די וואָס ס׳איז זיי שווער געוועזן האָט מען שוין לאַנג פאַרלייכטערט...

יענער האָט שטיל־געשוויגן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער זיך אָנגערופן:

— איר וועט נאָך טראָגן אַ שטיקל וועגס... דערנאָך וועל איך פאַר־האַלטן אַ פוילישן וואָגן און ער וועט שוין צופירן ביז צום לאַגער...

ביים וועג־פונאַנדערשייד, אויפן מיטן וועג צום לאַגער, זענען אָנ־געפאָרן צוויי שווערע פויערישע וואָגנס. אַן אויסגעשטערקטער רעוואָל־ווער האָט די אָנטרייבער געמאַכט זיך שנעל איבערצלמען. צוואַנציק ביקסן האָבן פיינט, ווען מ׳זאָגט זיי פוילע תירוצים. זיי פאָרן דעם זעלבן וועג? געגנוג... שפעטער וועלן זיי טענהן!

די פּעק מיט ברויט, גרויפּן און קאַווע זענען אַרויפגעשליידערט גע־וואָרן אויף די שליטנס. די יידן האָבן געמוזט אַרומזעצן די קראַנצן. נישט אַלע זענען אַרויף. האָט די צווייטע גרופּע מיט עטלעכע וואַכמענער גע־מוזט ווייטער גיין צופוס. דער דייטש האָט אַ כאַפּ געטון מעכעלען:

— מיר ענדיקן אונדזער וועט־לויף... ווער עס וועט שנעלער דערגיין ביז צום לאַגער...

זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון העט־פאָראויס און ביים אויסדריי פון די וועגן אויסגעגלייכט די טריט. דער דייטש האָט ווידער געשאָטן מיט רייד, דערציילט אַז ער וואָלט שטאַרק געוואָלט אַז אַ פּאָר יידנבורשן זאָלן בלייבן לעבן... עס וועט גאָרנישט שאַטן! ער האָט אפילו מעכעלען אַריינ־געדרוקט אַ שטיק ברויט מיט מאַרמעלאַד.

באַלד האָט זיך דער פאַבריק־טויער ברייט צעעפנט און זיי זענען אַריין אינעווייניק. דער דייטש איז אַריין אין זיין קאַזאַרמע און מעכעלע

האָט זיך אַליין געלאָזט מיטן ווענדל ביז צום טויער... אין לאַגער איז גע־וואָרן אַ פרייד. מעכעלעס חברים האָבן זיך נישט געגלויבט. מען האָט שוין דערציילט די פאַרשידנסטע זאַכן... נו, אָבי אָפּגעקומען מיט שרעק!

ערשט ווען די אַנדערע זענען צוריקגעקומען — האָט זיך ווידער באַוויזן אַ וועכטער מיט אַ באַפעל:

— די גאַנצע גרופּע — זאָפאָרט צום בנין פון די וועכטער...

דאָרט האָט אָבער אויף זיי נאָר געוואַרט אַ פּעקל מיט ברויט־לאַבנס. דערנאָך האָבן זיי געמוזט אַראָפּגיין זויבער מאַכן דעם קעלער. אין גרויסע זעק האָבן זיי געמוזט אָנשטאָפּן די בערג מיט נישט־דער־פרוירענע קאַרטאָפל, ציבעלעס און מייערן... דאָס האָבן זיי געדאַרפט אַוועקטראָגן צום מיסט און מער זאָל מען זייער געביין דאָ נישט זען...

דערנאָך האָט מען אַ גאַנצן אָוונט געהאַלטן אין איין אויספאַרקויפן דאָס דעראָבערטע פאַרמעגן. גאַנץ ווערק צע האָט מקנא געווען די גרופּע, וואָס האָט געהאַט גליק אַריינצופאַלן ביינאַכט אין יענעמס הענט אַריין. אפילו דער הויכער, דאַרער פאַליציאַנט איז געקומען מאָנען זיין חלק — ווייל ווען נישט ער... וואָלטן זיי געהאַט אַ פּייג און נישט קיין קאַר־טאָפל... מעכעלע האָט שנעל אָפּגעפּטרט זיין טייל און באַקומען אַביסל געלט. דערנאָך איז ער געזעסן ביז אין דער טיפער נאַכט ביי אַ האַלב ברייטל און פאַר זיין גאַנצן באַראַק דערציילט די נסים וואָס ער האָט היינט געזען אין דער גרויסער וועלט...

אפילו דער גראָבער אבראם האָט אים דאָס מאָל אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

קאַפּיטל דרייצן

— 1 —

אין קאָמענדאַנטן־באַראַק האָט זיך עפּעס אַ רודער געטון. פון אַלע זייטן זענען געקומען ידיעות אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ נייעס אין לאַגער, פאַר וועלכן די קאָמענדאַנטן דאַרפן זיך באַזונדערס שרעקן. דאָס האָט מען דערקענט אין זייער כסדרדיקן אַרומלויפן און זוכן איינצופירן אָרדע־נונג. אין ווערק צע ווערן אַזעלכע סודות לאַנג נישט אויסבאַהאַלטן. עס

האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז צוזאַמען מיט דער אָנגעשטרענגטער לאַגע האָבן די היטער פון דער פאַבריק באַשלאָסן צו האָבן אַ שאַרפער אויג אויפן לאַגער. דער וואַכפירער שומאן איז צופיל פאַרנומען און ער איז בכלל אַ מענטש מיט ווייניק אינטערעס פאַר דער יידישער כנופיה. דערפאַר קען מען נישט וויסן, וואָס עס קומט דאָרט אייגנטלעך פאָר און וואָס די יידן טוען אָפּ שטילערהייט צווישן זיך.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטימען נאָך אַ וואַך־פירער וועל־כער זאָל גלייכצייטיק זיין דער הויפּט־קאָמענדאַנט מצד די דייטשן אי־בערן יידישן לאַגער. דער נייער קאָמענדאַנט איז שוין געקומען און ער זאָל זיין אַ גאָר ענערגישער און שטרענגער מענטש. דר. ראָסט פאַרהאַלט אים שוין ביי זיך און גיט אים די געהעריקע אויפקלערונגען. דאָס זאָל זיין אַן אַקטיווער אָפיציר פון פראָנט, וואָס גרייט זיך איצט טאָג און נאַכט צו האַלטן אויג איבערן יידישן ווערק צע און קיין טריט זאָל נישט געמאַכט ווערן אָן זיין וויסן.

די פּאָליציי איז דערפאַר אַרומגעלאָפן, אויסגערוימט יעדער פאַר־דעכטיקע זאַך און געהאַלטן אין איין וואָרענען:

— איצט איז געענדיקט מיטן קורצן אורלויב אייערן! מען וועט פון אונדז שניידן די לעדער פאַר יעדער קלייניקייט און מיר וועלן עס אייך אָפּצאָלן מיט פּראָצענט, געדענקט וועגן דעם!

מעכעלען האָט מען אַרומגעטריבן פון פרי ביז נאַכט, ער זאָל נישט לאָזן דאָס מינדסטע שטויעלע אַרומפליען איבערן הויף. ער האָט אויך געמוזט, מיט נאָך עטלעכע צוהעלפער, איבערשמירן אַלע באַראַקן, זיי זוי־בערן און צוהיטן — עס זאָל זיך נישט וואַרפן אין אויג די מינדסטע זאַך. אַ פּאָליציאַנט איז געשטאַנען גרייט אויפן וועג און זיין אויפגאַבע איז געווען צו סיגנאַליזירן, ווען ער וועט נאָר זען די מינדסטע באַוועגונג פון דייטשן אויפן וועג צום לאַגער.

פלוצים האָט זיך טאַקע געהערט אַ פייף. פון אַלע זייטן האָבן גע־נומען פליען די מונדירטע יידן ווי די שדים. מען האָט געטריבן די מענטשן ווי קרעציקע אין די באַראַקן אַריין. דער לאַגער האָט אין גע־ציילטע מינוטן אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן. עס האָט געדאַרפט הייסן אַז אַלע שלאָפן איצט נאָך דער שווערער נאַכט־שיכט. אויפן הויף האָט זיך באַוויזן פעלא, מיט איר אָפיציעלער נאַגייקע אין דער האַנט. די פּאָ־ליציי האָט זיך צעשאָטן און געהאַלטן וואַך אין אַלע געסל־ווינקלען,

שטראָם און אויסגעצויגן. בלויז ראַגגער מיט ווייזנבערגן זענען געלאָפן אין אַלע ריכטונגען און שנעל צוויסן געגעבן:

— זיי קומען!... דער נייער קאָמענדאַנט גייט מיט אַ גרופּע הויכע אָפיצירן!

דערנאָך האָבן זיך אַריינגעלאָזט אַ גרופּע אָפיצירן דורכן טויער און זיך געלאָזט צו דער זייט פון דער קאָמענדע. מעכעלע מיט נאָך עטלעכע הויף־אַרבעטער האָבן זיך געמוזט דרייען אין הויף, אָנמאַכן אַ ווינט און באַווייזן אַז מען האַלט אין איין היטן די ריינקייט פון הויף... ער האָט דערפאַר נישט געקענט זען ווער עס זענען די ניי־געקומענע און וואָס פאַר אַ ראַנג זיי האָבן.

די געסט האָבן געשמועסט אַ פּאָר מינוט מיט פעלאַן און דאַן האָט זיך ווידער געהערט אַ טיפער, דערשראָקענער פייף פון פּאָליציי־אישע פייפעלעך... אַן אַפּעל אין מיטן טאָג? דאָס איז שטענדיק געווען אַן אָנזאָג אויף אַ פרישער סעלעקציע. בפרט ווען אַזויפיל פרעמדע דייטשן געפינען זיך אין לאַגער... האָט זיך אָנגעהויבן די געוועגלעכע ציטערניש. קראַנקע און דאַרע האָבן געגומען זיך באַהאַלטן אונטער די בעטן, ווי ביי יעדן ענלעכן פאַל און די פּאָליציי האָט זיי ווידער געמוזט שלעפּן מיט געוואַלד אונטערן האָגל פון קלעפּ. באַלד איז דער גאַנצער לאַגער געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן, ריזיקן בויגן און קיינער האָט נישט געוווסט וואָס מיט עטלעכע מינוט שפּעטער וועט געשען.

מעכעלע איז געשטאַנען אין מיטן אַ פינפטל, פאַרשטעלט פון עטלעכע פאָרמענער און ער האָט נישט אַלץ געקענט דערזען. ער האָט נאָר געהערט די אָפגעהאַקטע, נערוועזע ענטפערס פון דער קאָמענדאַנטין און די רואיקע פראַגן פון אַ שטים אין דייטש. דערנאָך האָט מען געהערט צום ווייפלטן מאָל דאָס קול פון די אָפּציילער. די וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַרן אויסגעקליבן ווערן אין דער סעלעקציע זענען געשטאַנען אין די מיטלסטע רייען, פאַרשטעלט פוןביידע זייטן און געהאַלטן אין איין ציטערן. באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז דאָ איז גאָר פאָרגעקומען אַ פּשוטער אַקט פון באַקענען זיך מיט די יידן פון לאַגער. דער נייער קאָמענדאַנט האָט געוואָלט זען די אַלע, איבער וועלכע ער הויבט אָן צו הערשן. עפּעס אַ הויכגעוויקסיקער אָפיציר האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן אַרבעטן דיסציפּלינירט און וועגן געהאָרכזאַם זיין צום נייעם קאָמענדאַנט, וואָס האָט שטאַרק ליב געוויסנהאַפטיקייט און אָרדענונג...

די קאָמענדאַנטן זענען געשטאַנען מיט בלייכע פּנימער, אַלעמאָל אָפּגעענטפערט אַן אונטערטעניקן „יאַוואָל!“ און דערביי געזוכט מיט די אויגן אַראָפּצולייגן פון פּנים, וואָס דער נייער קאָמענדאַנט קען טראַכטן וועגן זיי...

דער נייער וואַכפירער האָט זיך אָבער זעט אויס, ווייניק־וואָס גע־מאַכט פון די רעדעס און די בליקן אויף אים. אַ נידעריקער און אומרו־איקער איז ער דערוויל געקראָכן טיף אין די רייען אַריין און באַטראַכט אַלעמענס פּנימער, מעכעלע האָט אים געזען וויברירן אויף יענער זייט פון אויסגעשטעלטן מענטשן־בויגן און אויסטענהן זיך מיט די אויסגעצוי־גענע יידן... באַלד האָט זיך געהערט זיין שטים אין מעכעלעס זייט אַריין:

— העי, דו אַלטער פּרוינד! וואָס מאַכסטו דען דאָ?

אַ פּאָליציאַנט האָט אַ שטויס געטון מעכעלען און ער האָט דערזען אַז די פּראַגע פליט גאָר צו אים. די רייען האָבן גענומען לויזער ווערן, ווען דער נייער באַפעלער האָט אַרויסגערופן מעכעלען:

— דערקענסט מיך? וואָס איז דיין אַרבעט דאָ?

פאַר מעכעלען איז געשטאַנען יענער דייטש מיט דער קאַליקער האַנט, מיט וועלכן ער האָט די פריערדיקע וואָך געמאַכט אַ לויף איבער דעם גליטשיקן שאָסיי... יענער האָט צופרידן געשמייכלט צו זיך און נישט געקענט זען, ווי אַזוי די קאָמענדאַנטן באַטראַכטן איצט מיט וווּנ־דער דאָס ייִנגל מיט וועלכן ער צעשמועסט זיך. פאַרן כיטרען ווייזנבערג איז גענוג געווען, וואָס אין לאַגער איז שוין דאָ עמעצער, וואָס קען דעם נייעם קאָמענדאַנט. מען דאַרף אים נאָר קענען! מ׳וועט שוין זען, וואָס ווייטער...

דער לייטענאַנט שולצע האָט זיך דערוויל פריילעך געקלאַפּט מיט אַ שפּיצרוטקע איבער די שטיוול:

— איך נעם דאָ איבער דעם לאַגער... פון היינט אָן וועל איך דאָ שאַפן מיט די אַלע. דו וועסט אויך שטיין אונטער מיין באַפעל... וואָס איז דיין באַרוף?

מעכעלע האָט אים דערציילט זיין אַרבעט. דער קאָמענדאַנט האָט אַ רוף געטון דעם הויכן ווייזנבערג מיט זיין קרום הענטל:

— ד ע ר מאַן שטייט צו מיין באַפעל! דערוויל זאָל ער אַרבעטן זיינס. איך האָב אָבער פאַר אים ספּעציעלע אַרבעטן. דער וועט מיר דער־קאָרירן דעם לאַגער, ווי איך פאַרשטיי...

אַן אונטערטעניקער קניקס מיטן קאָפּ האָט אויף אַלץ מסכים געווען. די גרופּע אָפּיצירן זענען געלאָזן אַוועק דורכן טויער. בלויז שולצע האָט אַ וואָרף געטון מיט אַ פריילעכן זאָץ:

— מאָרגן פרי קום איך ווידער... אַלץ זאָל מיר זיין אין אָרדענונג...

דערנאָך האָט מעכעלע געמוזט צום וויפלטן מאָל איבערחזרן פאַרן דערשראָקענעם ווייזנבערג די מעשה מיט זיין קאַנטשאַפּט און ווי אַזוי ער האָט זיך נאָך פריער צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם נייעם קאָמענדאַנט. ווייזנבערג האָט אים אויסגעהערט מיט אומצוטרוי און אַלץ נישט גע־וואָלט גלויבן:

— הער אויס... איך האָב שוין מיינע ציין אויפגעגעסן ביי ד י זאַכן און קיין מעשהס דערציילט מען מיר נישט... נאָר מיין עסק זעסטו: קענסט זיך מיט אים — זאָל דיר ווויל באַקומען! איין זאַך געדענק אָבער: קיין שלעכטס האָט דיר דאָ קיינער נישט געטון. א י ך אוודאי נישט... טאָמער טרייב איך אַמאָל ביי דער אַרבעט — מוז איך עס דאָך טון... ווייסט דאָך אַליין. ווען דו זאָלסט זיין אויף מיין אָרט וואָלסטו זיכער אַנדערש נישט געטון. אַז ער פרעגט דיך — זאָלסטו אים קיין שלעכטס נישט זאָגן וועגן מיר... גוט?

מעכעלען האָט זיך געוואָלט לאַכן פון דעם פּלוצימדיקן פּחד, וואָס ווייזנבערג האָט פאַר אים... און עס איז געווען גוט אַזוי. ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט אים דער פּאָליציאַנט מאַניעק דערציילט, אַז די קאָמענדע פּלאַנט מעכעלען אַריבערצושיקן אויף אַ געפערלעכער אַרבעט, וו ער זאָל שנעל ענדיקן. עס זענען שוין אפילו געווען אינטערווענירן פאַר אים וואַרטמאַן און נאָך עטלעכע. פּעלאַ מיט ווייזנבערגן האָבן אָבער נאָר געשמייכלט און גאָרנישט צוגעזאָגט:

— מ׳וועט נאָך זען...

דאָס האָט געהייסן אַז מעכעלע הויבט פאַר זיי אָן צו ווערן אומ־באַקוועם. מען דאַרף פון אים פּטור ווערן. אַזוי ווי מען האָט אים שוין גענומען גערן האָבן אין לאַגער — וועט מען נאָר מוזן פאָרזיכטיק זיין, געפינען דעם פּאַסיקן מאָמענט...

איצט איז געקומען דער קאָמענדאַנט מיטן לאָמעם הענטל און אי־בערגעקערט דאָס גאַנצע שפּיל...

מעכעלע הערט אפילו ווי ווייזנבערג זידלט זיך אַוועקגייענדיק:

— אַזעלכע שלעק! גיי ווייס אַז אָט דער לאַפּיטוט קען זיך שוין

מיטן קאָמענדאַנט!... און שולדיק אין אַלץ איז דער הויכער לאָקש, וואָס האָט דעמאָלט בײַנאַכט נישט געהאַט ווען אויפצוּוועקן נאָר דעם קלײַנעם באַנדיט... אַ שרפה אים אין די געדערים, דעם גאַנצן פּאָליציאַנט מײַנעם!...

מעכעלע האָט זיך פרײלעך אָפּגעטראָגן צו זיך אין באַראַק און הנאה געהאַט:

— גוט אַזוי... זאָל ער כאַטש ציטערן אַביסל, דער שלעגער ווײַזנבערג...

— 2 —

דער קאָמענדאַנט שולצע האָט זיך גאַנץ ערנסט איבערגענומען מיט זײַן ראָל. באַלד דעם ערשטן טאָג פון זײַן קומען אין לאַגער האָט ער אַוועקגערופן די קאָמענדאַנטן אין אַ זײַט און זיי שטרענג אַ וואָרן געטון:

— איך וויל נישט זען אַזעלכע אָפּגעריסענע נפשות ביי מיר אין די רייען!

ער האָט זיך געפילט אַראָפּגעזעצט פון זײַן הויך, דער אינוואַליד שולצע: פריער האָט ער געהאַט צו באַפעלן איבער הויכע, ריין־מונדירטע און אויסגעפּרעסענע יונגען... און איצט האָט מען אים גאָר איבערגעגעבן אַ מחנה פון עטלעכע טויזנט באָרוויסע, אָפּגעריסענע סקעלעטן!... נײַן, דאָס וועט ער נישט דערלאָזן! צי דערפאַר, ווייל זיינס אַ האַנט איז דורכגעשאָסן געוואָרן אויפן פראָנט וועט זיך יעדער יעפרייטערל קענען וויצלען איבער אים, אַז ער קיניגט איבער אָט אַזאַ צעשאָסענע באַנדע? נישט ביי שולצען! זיי קענען זיך זײַן יידן אָדער טייוולאָנים — אים איז עס אַלצאיינס... דערנאָך קען מען מיט זיי טון וואָס מען וויל... דערווייל אָבער, כל זמן ער האָט אַ באַפעל צו הערשן איבער זיי — וויל ער זיי זען אָנגעטון לײַטיש. ער וועט זיך נישט נאַריש מאַכן מיט אַ גרויסן באַרג שמאַטעס! זאָלן עס אויך די קאָמענדאַנטן וויסן... זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר...

די קאָמענדאַנטין, פעלאַ, האָט אפילו גענומען מאַכן צום יונגן קאָמענדאַנט אירע אויגן־בליצערישע אָנצוגעהערענישן, וואָס האָבן אים געדאַרפט ווייכער מאַכן. מיט אירע אויסגעבויגן־דורשטיקע ליפּן האָט זי

אים גענומען דערציילן אַז מען קען נישט... עס איז אפילו געווען אַ באַפעל אַזאַ... די בעסטע אנצוגן האָט מען פון די מענטשן אַראָפּגעצויגן און עס איז געווען אַ קאָמענדע אַז ביי אַלע יידן דאַרף מען צונעמען די שטיוול און זיי אָפּגעבן פאַר די זעלנער אויפן פראָנט. אויסער דער פּאָליציי דאַרפן יידן נאָר טראָגן הילצערנע שיך, סיידן די וואָס אַרבעטן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלן, ווו עס קומען אויף באַזוך הויכע פערזענלעכקייטן...

שולצע איז אָבער ווייניק־וואָס נתפעל געוואָרן פון אירע קאָקעטעריעס און איר נאָענטן שטיין צו אים. ער איז אויף אַמאָל געוואָרן ווילד, גענומען הויך שרייען אַז מען האָט עס געהערט איבערן גאַנצן לאַגער:

— שייסע! האַלט דעם פרעסער! מיך נאַרט מען נישט... איך פרעג נישט נאָך אַזעלכע באַפעלן... איך בין ש ו ל צ ע ! איר מעגט עס באַלד וויסן! די גאַנצע באַנדע מוז ביז מאָרגן אָנגעטון ווערן אנשטענדיק — ווען נישט צעשיס איך אייך אַלעמען! איך גיב אייך מיין ערנוואָרט דערויף... איך וועל נישט קאָמאַנדעווען איבער קיין לויזיקע באַנדע און מיינע קאמעראַדן זאָלן פון מיר לאַכן... געדענקט אין דעם!

דאָס ערשטע מאָל האָט פעלאַ אַזאַ דורכפאַל: אַזאַ יונגער שנעק! זי האָט דערפאַר גענומען אויפסניי דערציילן אים, אַז עס איז נישט מעגלעך... פון וואַנעט זאָל מען נעמען אָנטועכץ פאַר אַזאַ אַרמיי אָפּגעריסענע?

שולצע האָט זי אָבער ווילד אַ שטויס געטון און נאָך העכער גענומען שרייען:

— איך ווייס אַלץ! ביי מיר וועט איר נישט דערציילן קיין לעגענדעס... דעם שליסל פון מאַגאַזין, ביטע!

אין זיין האַנט האָט זיך צעבליצט דער אָנגעלאָדענער רעוואָלווער. דאָס פייערל אין זיינע אויגן האָט זיך צעגלאַנצט, העלער געוואָרן... באַלד איז אויסגעוואקסן דער מאַגאַזין־קאָמענדאַנט לאָלעק און מיט ציטערדיקע פינגער דערלאַנגט די שליסלען. צו אַלעמענס שטוינונג האָט שולצע געטון איין שפרונג נאָכן צווייטן און אַריינגעפאַלן אין ערשטן־בעסטן באַראַק, מיטן אָנגעשטעלטן רעוואָלווער אין דער געזונטער האַנט זיינער...

פון דאָרט אַרויס האָט זיך אַ טראָג געגעבן אַ מאוימדיקער געפּילדער און שולצעס געוואַלדיקע רעוועריי:

— אַרויס!!! אַרויס זאָג איך אייך! איך וועל אייך דערשיסן ווי די

הינט, אויב איינער וועט דאָ בלייבן פאַרשטעקט...

פון אַלע זייטן זענען אָנגעלאָפן פּאָליציי און גענומען פאַרהאַלטן די אַנטלויפנדיקע... דאָס האָבן זיי געוואָלט באַווייזן שולצען זייער הילפס־גרייטקייט. אָבער שולצע האָט דאָס אפילו נישט באַמערקט. אויף זיינע ליפּן האָט זיך אָפּגעזעצט אַ ווייסע געדיכטע שוים־ראַנד, פון צופיל שרייען. טייל דערשראָקענע האָבן געמיינט, אַז דאָס גייט מען אַרויספירן שיסן. זיי האָבן זיך דערפאַר באַהאַלטן אונטער די פלאַכע פריטשן. שולצעס רעוואָלווער האָט זיך אָבער אויך דאָרט אַהין אָנגעשטעלט און זיי זענען אַרויסגעקראָכן בלאַסע און מיט פאַרלוירענעם לשון. שולצע האָט זיי אַרויסגעשטויסן מיט אימפּעט פון באַראַק און צערודערט אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— אַלע נאָך מיר! צום מאַגאַזין! פאָראויס! ווער עס מאַכט אַ טריט לינקס אָדער רעכטס — ווערט דער־שאָסן!

די מחנה האָט זיך אַ שיט געטון מיט אָפּגעשטאָרבענע טריט פאָראויס. שולצע איז געגאַנגען אונטער זיי און קאָמאַנדעוועט:

— שטיין בלייבן אין רייען!... פינף מעטער פון מאַגאַזין!...

ער אַליין האָט אויסגעקליבן פינף געזונטע יונגען און באַפוילן:

— איר קומט מיט מיר!

מיט נערוועזע הענט האָט איינער אויפגעשלאָסן דעם מאַגאַזין־באַראַק. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אויפגעריסן דאָס פענצטערל און עס האָבן גענומען אַרויספליען מאַנטלען, קליידער, רעקלעך, הויזן... אַ גאַנצער באַרג האָט גענומען וואַקסן... טייל מלבושים זענען אָפּגעפלויגן אין אַ זייט, אָבער שולצעס קול האָט געוואָרנט פון אינעווייניק:

— ווער עס נעמט אַליין — ווערט געשאָסן... איך אַליין וועל פאַרטיילן...

פעלאַ איז געקומען צו לויפן, זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, פאַרהאַלטן די גזירה:

— הער קאָמענדאַנט... דאָס איז דאָך נישט פאַר זיי... הער קאָמענדאַנט...

שולצעס אויגן האָבן אָבער שוין איצט געגלאַנצט מיט מטורפדיקן טריאומף. מיט איין שפרונג איז ער געשטאַנען נעבן איר, אַ זעץ געטון אין איר זייט מיטן רעוואָלווער־הענטל און געברילט:

— נישטאָ!? אַזוי האָסטו געזאָגט, וואָס? דירנע!!! איך בין סאָציאַ־

ליסט! דערפֿאַר וועט ביי מיר דער מאַגאַזין פּוסטעווען... די מענטשן אַר־בעטן און וועלן באַקומען זייערס!

דאָס ערשטע מאָל אַז פעלאַ באַקומט אַ שטויס פון אַ דייטש ביי איר אין לאַגער... דערצו — פאַר אַזויפיל לאַגערניקעס אויגן... דערפֿאַר האָט איר פּנים גענומען פלאַמען מיט בלוי־אויפגעשאָסענע קאָלירן און זי האָט זיך אַוועקגעשאַרט אין אַ זייט, אַ רוק געגעבן זיך היגטערווייִלעכץ ביז צו די אַנדערע באַראַקן. שולצע האָט זיך דערוויל באַרואיקט. אַלעמאָל האָט ער צוגערופן אַ צווייטן פון דער מחנה און מיט אַ ווילד־צופרידע־נעם שמייכל באַפוילן:

— דאָ האָסטו... טו עס אָן אויף דיר. נאָר טאָמער טרעף איך דיך מאָרגן ווידער אָן אָפּגעשליסענעם — קריגסטו אַ קויל אין קאָפּ. איר וועט זען אַז אויך אין דער הינזיכט בין איך אַ פּינקטלעכער וואָרטסמאַן. איר דאַרפט עס גלויבן באַצייטנס. איך ווייס אויך אַז איר פאַרקויפט אייער אָנטון די פוילישע חזירים פאַר אַ ברויט; ווי וועט אייך אָבער זיין, ווען איך וועל פאַרלירן מיין גוטסקייט...

דער מאַגאַזין איז באַלד ליידיק געוואָרן. פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שיטן ווערק צעניקעס מיט נייע, גוטע מאַנטלען און אַנצוגן. טייל פון זיי זענען אָבער געגאַנגען מיט קרומע מינעס אויף די פּנימער:

— אַ גליק האָט מיך געטראָפן... אויסגעפוצט האָט ער מיך! אַז קיין ביסן ברויט וועט דערפון נישט זיין... פאַרקויפן טאָר מען נישט — וועל איך נאָר האָבן אַן עול צו היטן דאָס בגד מען זאָל עס נישט גנבע־נען, אַז נישט איז מיין לעבן קיין קאַרטאָפל־שאָל נישט ווערט...

שולצע אַליין האָט זיך אָבער אַרומגעדרייט אַ צופרידענער, אַ צע־שטראַלטער. דער ליידיקער, אויפגעריסענער מאַגאַזין האָט אויף אים גע־גלאָצט מיט באַליידיקטער תרעומת — אָבער דער שיכור־געוואָרענער קאָמענדאַנט האָט עס נישט באַמערקט. די פרויען האָט ער שוין נישט געדאַרפט שלעפן מיט קיין רעוואָלווער. זיי זענען געקומען אָנצולויפן טשאַטעסווייז, צוצוזען דאָס בייזע וווּנדער. ער האָט זיי צוגעוואָרפן איין קליידל נאָכן צווייטן און ווילד געלאַכט פון זייער איבעררעשטער פרייד. דער מאַגאַזין איז שוין ליידיק געוואָרן ביז אַ פאָדעם, אָבער גיריקע הענט האָבן זיך שוין גענומען שטרעקן צו אים גאַנץ היימיש. יעדער אייגער האָט אויסגעזוכט אַנדערע רייד מיט וואָס אים צו נעמען, ציען די אויפ־מערקזאַמקייט אויף זיך. מען האָט אים געהויבן, געגעבן העכערע ראַנגן:

— הער קאַפּיטאַן... הער אָבערסט... איך בין נאַקעט...

שולצעס געלעכטערל איז געוואָרן זיס און זאַלציק:

— עס וועט נישט העלפן אייער שמייכלען מיך. איצט איז מער נישטאָ פאַר אייך. אייערע הערן האָבן אַלץ נאָך פריער אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין און עס פאַרקויפט די פּאָליאַקן. איר וועט אָבער אַלע באַקומען, איך פאַרזיכער אייך!

דערנאָך האָט ער זיך געלאָזן אַ לאָז געטון צום טויער און פאַרשוונדן...

— 3 —

דער נייער קאָמענדאַנט האָט באַוויזן אויפצורודערן דעם לאַגער. אַלע האָבן דערזען, אַז דאָ וועט זיך אָנהייבן עפּעס גאָר אַנדערשדיקס. מען האָט זיך געפרייט דערפון און נאָך מער מורא באַקומען. די מאַגאַזינען, פון וועלכע די קאָמענדע האָט געצויגן אַזויפיל הכנסות פאַר נאַכטיקע הוליאַנקעס און לוקסוס־לעבן איז מיט איין מאָך זיינעם ליידיק געוואָרן. דערפאַר זענען די לאַגער־מאַכטהאָבער געזעסן יענעם אָוונט דערשראָקן, נישט אָנגעצונדן צופיל ליכט און געהאַלטן אין איין טראַכטן נייע פּלענער, ווי אַזוי דעם מאָדנעם שולצע אַריינצונעמען אין די הענט אַריין. די פּערספּעקטיוון זענען געווען גאָר שוואַכע. טאַקע דערפאַר האָט פּעלאַ זיך געמוזט יענעם אָוונט צולייגן איין נאַסן האַנטוך נאָכן צווייטן צום קאָפּ.

אויך אין די באַראַקן האָט מען נאָך נישט געקענט פאַרדייען דעם גאַנצן שולצע מיטן שכל. אַלע האָבן געשפּירט אַז אונטער דעם צעהיצטן, גוט־טוערישן „סאָציאַליסט" ווי ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט — ליגט באַהאַלטן נאָך איינער, אַ גאָר אַנדערער שולצע, ביי וועמען עס האָבן דערוויַיל נאָר אַרויסגעבליצט די העל־גרינע, ווילדע אייגעלעך. און וואָס זיי קענען באַווייזן האָט נאָך קיינער דערווייל נישט געזען...

שוין באַלד אויפן צווייטן טאָג האָט מען געקענט דערזען אויך דעם צווייטן שולצע. דאָס איז געווען ווען די רייען פון דער טאָג־שיכט האָבן גענומען אַריינשטראָמען דורך דעם טויער. שולצע האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן פּאָליציאַנט און דעם ציילנדיקן סעקרעטאַר. ער האָט געקוקט אויף יעדן איינעם, געוואָלט זען ווי אַזוי די נייע בגדים קליידן די מענטשן וואָס

האָבן זיי נעכטן באַקומען... פּלוצים האָבן זיך זיינע ברעמען אָנגע־שטרענגט. זיין פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ קראַנקער, צונטערנער רויטקייט. מיט איין האַנט־באַוועג האָט ער אָפּגעשטעלט די מאַרשירנ־דיקע מחנה און ער איז אַריינגעשפּרונגען אין מיטן. באַלד האָט ער גענו־מען שלעפּן איינעם פון די געקומענע און ציען אים צום טויער מיט אַן אויפגערעגטער רציחה. זיין רעוואָלווער האָט זיך באַלד אָנגעשטעלט גלייך צו יענעמס האַרץ:

— דיין אנצוג ווו האָסטו? זאָלסט שוין זאָגן!

דער הויכער, אַרויסגעשלעפּטער יונג האָט גענומען לייקענען שטיין און ביין:

— הער קאָמענדאַנט... איך בין נעכטן געווען ביי דער אַרבעט... איך האָב דערפאַר נישט געקענט באַקומען... פון ווו זאָל איך נעמען? ד אָ ס איז מיין גאַנצע קליידונג...

אַ מעכטיקער זעץ אין די ציין האָט אים איינגעשטומט:

— דו האָסט נעכטן באַקומען פון מיין האַנט אַ גאַנצן קאָמפּלעט... דער אנצוג איז געווען פון דיקן שטאָף מיט רויטלעכע שפּריצן... ווו האָס־טו דאָס געלט פאַר אים? פינף מינוט האָסטו צייט ביז צום דערשיסן...

אַ שוידער איז אַדורך דער ריי: אַזאַ טייוולדיקער זכרון! וואָס וועט זיין, אַז אַזעלכער וועט זיך דאָ דרייען אַ פּאָר וואָכן און האַלטן אַלעמען אויפן אויג?... שולצע האָט שוין יענעם אַ כאַפּ געטון ביים גאַרגל:

— ווי לאַנג וועט עס דויערן? זאָג... ווילסטו אַז איך זאָל דיך שוין דאָ קאַלט מאַכן? דער הויכער האָט זיך גענומען צאַפּלען, זוכן אין די טאַשן:

— הער קאָמענדאַנט... דערבאַרעמט אייך! איך בין די גאַנצע צייט הונגעריק... איצט האָב איך געהאַט די איינציקע געלעגנהייט זאַט אָפּ־צועסן... אַט זענען די פּופּציק זלאָטעס וואָס איך האָב באַקומען... דערצו האָט מיר דער קונה צוגעזאָגט צו געבן עטלעכע טעג ברויט... האָט מיט מיר איינזען, הער קאָמענדאַנט!

שולצע האָט אַ שליידער געטון די געלט־פּאַפּירלעך:

— קליידונג גיב זיי! מיט וואָס זענט איר בעסער פאַר אייערע קאָ־מענדאַנטן? חזירים!

באַלד האָט ער אַ פייף געטון און צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיך דער־נענטערט. עז האָט זיי קורץ אַ באַפעל געטון:

— פירט אים אָפּ אין אַרעסט־הויז. היינט ביינאַכט וועט ער גע־האַנגען ווערן. איך מוז דאָ נאָך שטיין און זען די ווייטערדיקע. איך וועל זיי אַלע דערקענען. אַלע וועלן ביי מיר נאָך היינט דאָ צאַפּלען אויף די ביימער. זאָל מען וויסן אַז שולצעס אַ וואָרט איז נישט אַרויסגעוואָרפן! דאַן וועט מען עס שעצן... מאַרש!

דער הויכער איז אָפּגעפירט געוואָרן אינעם תפיסה־קעמערל. ער האָט זיך געשליידערט, געבעטן... קיינער האָט אים אָבער נישט געהערט. שולצע האָט שוין איצט נאָכגעזען מיט אַ ווילדן בליק די אַנדערע רייען און מיט אַ שרייענדיקן צאָרן פעסטגעשטעלט:

— איך זע דאָ נאָך עטלעכע... איך דערקען זיי! זאָלן זיי בעסער אַליין אַרויסטרעטן... ניין, איצט קען איך זיי נאָך דערשיסן! זאָלן זיי בעסער אַרויסטרעטן ביים שפּעטערדיקן אַפּעל, נעבן דער תליה... איר וועט מיך היינט קענען לערנען...

דערביי האָט ער הויך און ערנסט באַפוילן אַ פּאָליציאַנט, מען זאָל צוגרייטן פעסטע שטריק אויף שפּעטער. ער אַליין האָט זיך צוגעלאָזט צו די צוויי ביימער נעבן תפיסה־באַראַקל און געטאַפּט ערנסט זייער אויס־האַלט־קראַפט מיט דער געזונטער האַנט...

יענעם פאַרנאַכט האָבן די מענטשן גענומען זייער זופּ־פּאָרציע מיט אַ באַזונדערער שרעק. די פּאָר וואָס האָבן באַוויזן צו פאַרקויפן דעם טאָג זייערע באַקומענע זאַכן — זענען אַרומגעלאָפן איבער די באַראַקן, זיך עצות געהאַלטן מיט חברים וואָס צו טון, ווי אַזוי צו רעדן און זיך דער־ביי געריסן די האָר פון קאָפּ פאַר פאַרצווייפלונג. קיינער האָט זיי גאָר־נישט געקענט זאָגן. עס איז קלאָר געווען, אַז דער משוגענער שולצע וועט זיי אַלעמען דערטאַפּן מיט זיין אָנגעשטרענגט אויג און זכרון. דערביי האָבן שוין אַנדערע אַריינגעברענגט די ידיעה, אַז שולצע האָט געכאַפּט עטלעכע מאַן, וואָס גרייטן שוין אָן די תליה אין דרויסן...

נישט אַלע האָבן באַוויזן אויסצוטרינקען די ביטערע קרויט־זופּ, ווען דער איומדיקער פייף האָט איינגעריסן די לופט. מען האָט גענומען טרייבן די מענטשן פון די באַראַקן און לאַגער־ווינקלען מיט אַ באַזונדערן ירגזון. די פּאָליציי האָט געהאָגלט מיט קלעפּ און נישט געקענט באַהאַלטן זייער אייגענע שרעק:

— מיר האָבן געוואָרנט אָדער נישט?! מיר האָבן געזאָגט אַז עס איז געקומען אַ סוף צו די קונצן אייערע אָדער נישט?! אַ מגיפה זאָל

אייך כאַפּן! מיר וועלן דאָ היינט אַלע אויסגיסן דאָס באַד צוליב אייך...

וואָס העלפן אָבער אַלע חשבונות און זידלערייען, אַז אין פאַרלויף פון געציילטע מינוטן שטייען אַלע אויפן פּלאַץ און זיי מוזן היטן דאָס מויל פאַרן מינדעסטן שאָרך? שולצע אַליין נאָר איז געשטאַנען רואיק. ער האָט באַטאַפּט דאָס בענקעלע נעבן תליה־בוים, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעצויגן ריזיקע שטריק און פריילעך זיך אונטערגעפייפט אַ דייטש געזעגן־ליד, וואָס זעלנער זינגען ביים אָפּגיין צום פראָנט:

— לעבע וואָהל, דו קליינע מאָניקאָ
הויטע מוז געשידן זיין...

דאָס אַרויסברענגען דעם געבונדענעם יונג איז פאָרגעקומען ביי אַ טויטער שטילקייט. מען האָט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען אַ קרעכץ, נישט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. דערנאָך האָט שולצע גע־נומען רעדן. ער האָט פאַרלאַנגט אַז אויך די אַנדערע זאָלן אַרויסטרעטן. דער יונג איז שוין געשטאַנען אויפן תליה־בענקעלע, ווען נאָך צוויי שאָטנס האָבן זיך אַ שטופּ געטון אין דער נאַכט אַריין. זיי זענען שוין זיכער געווען געשטאָרבן, איידער זיי האָבן זיך אַ רוק געטון ביז צו שול־צען. ער האָט אָבער נישט געוואָלט איבעררייסן, גענומען ווייטער האַלטן זיין לאַנגע רעדע...

ער האָט געמיינט גוט. אויף וויפל מען קען — וויל ער אויסבעסערן די לאַגע דאָ. נאָר פון דער צווייטער זייט ווייט דער וואָס וועט דאָ באַלד הענגען, זיין אַ וואָרענונג ווי אַזוי מען וועט זיך מוזן צופּאַסן צו דיס־ציפּלין...

די גאַנצע מחנה מיט אָפּגעדעקטע קעפּ האָט געהערט, געהערט מיט אַ טיפער פורכט און נישט געוווסט מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן: וועט נאָר זיין איין קרבן? וועט ער נישט זוכן דאָ נאָך ווייטערדיקע? ווי לאַנג וועט ער אַזוי ציען מיט זיינע שטראָף־רייד? די פראַסטיקע קעלט האָט דערווייל געשמיסן די באַקן, די האַלב־נאַקעטע גופים... שולצע האָט זיך אָבער פאַרנומען אָפּצורעכענען מיט אַלעמען: העלפן האָט ער זיי גע־וואָלט! איבערגענומען האָט ער זיך... איז אָט דאָס די דאַנקבאַרקייט!

וואָס ציט ער אַזוי אויס די שרעקלעכע מינוטן פון שטיין און וואַרטן? גאַדיר גאָר אַ נייעס! אין מיטן זיין האַלטן די ערנסטע דרשה — צע־לאַכט ער זיך גאָר! אָבער אַ געלעכטער וואָס שטעכט אַדורך אַלע אבֵרים...

האַ, וואָס זאָגט ער? אַן אמתער מטורף! אָט וואָס ער האָט געוואָלט אויס־פירן נאָכן גאַנצן תליה־ספּעקטאַקל:

— דאָס ערשטע מאָל שענקט ער די טויט־שטראָף!... זיין ערנ־וואָרט, אַז נאָר דאָס איינע מאָל שענקט ער!... זאָל מען בעסער נישט זוכן אים אויסצופּרוּוון נאָך איין מאָל. דאַן וועט מען זיך ביטער אַנטווישן! דערווייל זאָל מען דעם זינדיקן געבן צוואַנציק שמיץ אויפן געוויסן חלק לייב מיט די תליה־שטריק... אָט יענער דאָרט דאַרף קענען גוט שמייסן! העי, קום נאָר אַהער!... אָט אַזוי... נענטער... צייל אַליין... איך האָב מער קיין געדולד נישט...

דער עולם איז זיך שנעל צעלאָפן נאָך דער עקזעקוציע אין די באַ־ראַקן אַריין און נישט געוווּסט ווי אַזוי אָפּצושאַצן דעם נייעם קאָמענ־דאַנט... דער געשמיסענער אַליין האָט זיך עס אפילו שפּעטער נישט גע־וואָלט צוגלייבן. מען האָט אים נישט געהאָנגען? ווי קען עס מעגלעך זיין? איז ער דערנאָך לאַנגע טעג אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער, מיט אַ חושים אין קאָפּ... דערפאַר אָבער האָבן אַ סך אין די באַראַקן געהאַלטן, אַז דער שולצע וואָלט זיך זיכער אָנגענומען אויף אַ סך עוולות... עפּעס איז ער אַזאַ... אַזאַ משוגע־מאָדנער... נאָר עס איז אַ שרעק צו אים צו־צוגיין, ממש אַן אימה...

און אַזוי ווי אַלע וואָלטן זיך אָפּגערעדט האָט יעדער איינער גע־גלויבט, אַז נאָר דאָס איינע מאָל איז ער אַזוי גנעדיק געווען... דאָס איינ־ציקע מאָל!

— 4 —

אַזעלכע איינפאַלן וואָס שולצע האָט — מוז מען טאַקע באַוווּנ־דערן; אָבער נאָך מער שרעקן זיך פאַר זיי. זיין פּלאַן איז אָנצוקליידן אַלע ווערק־צע־יידן מיט נייע אַנצוגן און שטיוול! יאָ, טאַקע מיט שטיוול אויף ווינטער. עס איז דען נישט קאַלט? ווו וועט ער זיי נעמען? אויך דערצו האָט ער אַן עצה. מען דאַרף דאָ קומען אין קורצן; אַ גאַנצע קאָ־מיסיע דאַרף קומען באַטראַכטן דעם לאַגער — ווי אַזוי ווייזט מען זיי די מאַנעקינס איינגעהילט אין שמאַטעס? ער ווייסט שוין וועמען צו זאָגן דערפון...

עטלעכע טעג האָט ער זיך נישט געוויזן אין לאַגער. דערנאָך האָט

זיך באַוויזן אַ לאַסט־אויטאָ נעבן טויער און שולצע מיט עטלעכע וואַך־מענער זענען פון אים אַרויסגעשפּרונגען. ווי שטענדיק האָט ער געהאַלטן זיין רעוואָלווער פאַרקוועטשט אין דער געזונטער פויסט און פאַרהאַלטן איין מענטש נאָכן צווייטן. יעדן איינעם האָט ער געפרעגט באַזונדער ווו ער אַרבעט. נישט אַלע אַרבעטס־פּלעצער זענען אים געפעלן און עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך אָפּגעקליבן אַ גאַנצן צענדליק. דאַן האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— ער מוז האָבן דעם מאַלער צום קאָמפּלעט! זאָפאָרט אים אויס־זוכן...

מעכעלע איז גראָד געווען אין פאַבריק, אויסצומאָלן אַ פאַבריקס־קעסל. שולצע האָט זיך געוואָרפן פון כעס, ביז ער האָט רעזיגנירט:

— איך דאַרף יענעם האָבן מיטצופירן אַהין. אָבער מיר איילן זיך — איז פאַרפאַלן. ער וועט אָבער באַקומען זיין שטראָף. ער מוז זיין אויפן פּלאַץ און איך דאַרף באַשטימען ווו ער האָט צו גיין אַרבעטן און ווו נישט...

ווייזנבערג האָט זיך צוגערוקט, געוואָלט דערגיין ווהין מען דאַרף די מענטשן. ער האָט זיך אויך געוואָלט איינקויפן ביי שולצען. דערפאַר האָט ער גענומען פרעגן:

— זאָל דער קאָמענדאַנט זאָגן ווהין מען דאַרף צושטעלן דעם מאַ־לער... די פּאָליציי וועט דערוויל אַ לויף טון אים אויסזוכן און דערנאָך אים צוברענגען צום באַשטימטן אָרט...

די ווערקשוץ האָט דערוויל אונטערגעטריבן די צען געזונטע ייִנג־לעך און יענע זענען מיט פריילעכער רואיקייט אַרויפגעשפּרונגען אויפן לאַסט־אויטאָ, וועלנדיק באַווייזן בריהשאַפט... שולצע האָט זיך אָבער בייז פאַרמאָסטן אויף ווייזנבערגן:

— לאַנגער אידיאָט! „צוברענגען אים" — זאָגט ער מיר צו... ווי אַזוי וועסטו מיר אים צוברענגען אַז איך פיר זיי איצט קיין מ יי ד אַ ־ נ ע ק ! ?

אויפן לאַסט־אויטאָ איז געוואָרן אַ שרעקלעכע באַוועגונג, אַזאַ אי־בעררּאַשטע יללה: אוי־וויי! מיידאַנעק... ווייזנבערג האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקענט. שולצע איז שוין געזעסן נעבן שאָפער און דער מאַשין־געוויש האָט שנעל איינגעשלונגען דאָס געשריי פון די געכאַפּ־טע. דער אויטאָ האָט זיך באַלד פאַרטראָגן און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ

צאַרנדיקן רויך און אַ געשטאַנק פון בענזין... ביי די מענטשן, וואָס זע־נען שטיין געבליבן ביים טויער האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער געדרוך פון מיידאַנעקער גאַז־קאַמער האָט זיך אויף אַ ווייל אַראָפּגעלאָזט איבערן ווערק צו אויסצושפּירן די לופט...

די מענטשן, וואָס שולצע האָט נאָר וואָס באַפרייט, האָבן זיך גליק־לעך געבראָכן די הענט און געלאָפן אין באַראַק אַריין קושן זיך מיט חברים. בלויז די פּאָליציי האָט נישט געוואָלט זיך צוגלייבן: ער האָט זיך בלויז געוויצלט, דער משוגענער... ביינאַכט אָדער גאַנץ פרי וועט ער זיין צוריק מיט זיי. עס איז אָבער אַוועק אַ טאָג און צוויי — אָבער קיי־נעם האָט מען נישט צוריק געזען. אויך שולצע האָט זיך נישט געוויזן...

אַלע ביי מעכעלען אין באַראַק און ביי פרידלאַנדן האָבן אים גראַטו־לירט צו זיין טריפה מזל: אַ מענטש זאָל שכל האָבן זיך אַזוי צו דרייען! נישט אַנדערש נאָר אים היט עפּעס אַ מלאך! פּונקט דאַן דאַרף ער גיין מאַלן אַ קעסל אין פאַבריק! אפילו ווייזנבערג אַליין הערט אים נישט אויף מקנא צו זיין:

— אָדער דער קאָפּ דיינער איז פון אייזן און דו קאָמבינירסט אַזוי... אָדער דיין מזל איז גרעסער פון דיר... וויפל האָט דען געפעלט אַז דו זאָלסט צוריק זען מיידאַנעק פאַר די אויגן?

אָבער אויך דאָס מאָל איז עס געווען איינער פון שולצעס ווילדע שפּאַסן. נאָך אַכט טעג האָט זיך דער גאַנצער צענדליק געכאַפּטע אַרייַנ־געלאָזט מיט שמחה אין לאַגער אַריין. זייערע פּנימער זענען געווען גע־זונט, אויסגעגעסן — אַזוי ווי זיי וואָלטן ערגעץ פאַרברענגט אין אַ רו־איק אָרט, ווייט פון די אַלע צרות. יעדער איינער פון זיי איז געווען שיין אויסגעקליידט, מיט גוטע מאַנטלען און... שטיוול, פיינע שטיוול אויף די פיס!

פון אַלע זייטן איז מען אָנגעלאָפן זען דאָס ווונדער פון די צוריק־געקומענע. יעדער באַזונדער האָט געפרעגט, געוואָלט דערגיין עפּעס: זענען זיי נישט געווען אַמאָל אין אויסלאַנד? אויפן פראָנט? זע נאָר ווי אויסגעפּוצט זיי זענען! פאַר די בגדים אַליין קענען זיי דאָך זיצן אין ווערק צו און עסן אַ יאָר צייט צו דער זעט! פון וואַנעט קומען זיי דאָס?

די מענטשן האָבן אָבער אָפּגעענטפערט אויסמיידנדיק און פול מיט סודות:

— זייט אונדז נישט מקנא... איר וועט באַלד אַלע אַזוי אויסזען...

איר וועט אַלע באַקומען מאַנטלען, אנצוגער און שטיוול! נישט נאָר די פּאָליציי — נאָר אַלע וועלן טראָגן שטיוול... מיר זאָלן אַזוי לעבן, ווי שולצע האָט אַזוי געזאָגט... און אַז ער זאָגט — מעגט איר אים טרויען.

מעכעלע איז אַנגעלאָפן פון אַ זייט. צווישן די געכאַפּטע האָט זיך געפונען זיין שטילער לאַנדסמאַן, מיט וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט אַלע ביז־איצטיקע לאַגערן צוזאַמען. איצט איז ער דאָ צוריק, שלום... לויפט ער שנעל, איילנדיק און וויל דערגיין ווו זיי זענען געווען. וואָס האָבן זיי געזען אין די ווייטע מקומות? ער דערזעט דעם אָפּגעריסענעם שלומס נייע בגדים און קען קיין וואָרט פון זיך נישט אַרויסברענגען פאַר וווּנדער. אויך יענער וואָרט אַ מינוט ביז ער ברומט אַרויס מיט באַדויער:

— אַ שאָד וואָס דו ביזט נישט מיטגעווען... האָסט געדאַרפט דאָרט זיין נאָך אַמאָל און זען דאָס אַלץ... צוליב דעם אַליין איז כדאי געווען די גאַנצע שרעק...

האָט ער טאַקע קיין ליגנט דאַן נישט געזאָגט דער לאָם־העַנטלדי־קער שולצע? ניין... ווען מעכעלע האָט געטון אַ קורצן פרעג שלומען:

— ווו זענט איר טאַקע געווען?

איז די תשובה געווען נאָך קורצער:

— אין מיידאַנעק...

קאַפּיטל פערצן

— 1 —

ווי שוידערלעך און משוגע די פאַרדייטשטע וועלט זעט אויס! און ווי אומפאַרשטענדלעך זי איז דערביי... אָט זיצט מעכעלע און הערט אויס די דערציילונגען פון דעם בחור, וואָס איז צום צווייטן מאָל געווען אין מיידאַנעק און צוריקגעקומען...

נישטאָ מער קיין יידן דאָרט! אַלנפאַלס נישט יענע טויזנטער יידן, וואָס זיי האָבן דאַן איבערגעלאָזט ביים אַרויספאָרן פון מיידאַנעק. צי געדענקט מעכעלע יענע אַלע, וואָס האָבן זיך געריסן צו פאַרבלייבן? צי דערמאָנט ער זיך אין די זאַטע קריגס־געפאַנגענע יידן פון גלאָמבאָטש־ניקס אָפּטיילונגען? פון דעם פלי־פלאַץ? די אַלע גליקלעכע זענען שוין

מער נישטאָ... פון מיידאַנעק איז געבליבן אַ פּוסטקע. אפילו דער קרעמאַ־טאָריום מיט דער גאַז־קאַמער רויכערן נישט מער. מיט אַ קורצער צייט צו־ריק, נאָוועמבער 1943 האָט מען זיי אַלע צוזאַמענגענומען, אָט די אַלע הויכע און געזונטע... די מאַשינגעווערן האָבן זיי אויסגעקנאַלט און פאַר־טיק! איז געבליבן נאָך זיי אַ ריזיקער, בלוטיקער פלאַץ. מען האָט זיי מער נישט באַדאַרפט מיט זייער געזונטער יונגקייט.

דערנאָך האָט מען געברענגט טויזנט יידן פון ראַדאָם און זיי מאַכן עס אָרדענונג אין די ריזיקע מאַגאַזינען... טויזנט פרישע יידן אין דער מעכטיקער פוסטקייט פון מיידאַנעק, איבער וועלכער עס שפּאַצירן נאָך אַרום אין דער לופט די ווערגענישן פון מיליאָנען, פון די וואָס האָבן דאָ נאָך לעבעדיק אַרומגעשפּרייזט מיט עטלעכע וואָכן צוריק.

די פאָר ראַדאָמער יידן האָבן דאָרט אַלץ. זיי געפינען דאָרט אוצ־רות גאַנצע. קענען זיי קויפן וואָס זייער האַרץ גלוסט נאָר: פליייש און טאַבאַק... און שאָקאָלאַד! עסן זיי — און ווייסן אַז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער וועלן זיי אויך ליגן מיט צעשאָסענע שאַרבנס. גיבן זיי זיך אַלצ־דינג נאָך און ווייסן נישט: וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? זיי כאַפּן די געפונענע אוצרות און גיבן זיי באַלד אַוועק פאַר דער מינדסטער הנאה: מ׳קען נישט וויסן וואָס מיט אַ מינוט שפּעטער וועט זיין! אין וויפל הענט זענען די אוצרות שוין געווען און ווייטער דאָ געבליבן? ווער האָט זיי אָפּגעהיטן? צוליב וועמען?

די צען סקאַרזשיסקער ווערק־צעניקעס זענען דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט פריידיקע טרערן. פאַר די לעצטע טויזנט יידן אין מיידאַ־נעק איז עס געווען די גרעסטע טרייסט: אויב עס געפינען זיך נאָך יידן ערגעצווו אין פּוילן — האָבן אויך זיי נאָך אַ האָפענונג! מ׳קען גאָרנישט וויסן... שולצע מיט זיינע באַגלייטער זענען אַרומגעקראָכן איבערן לאַ־גער, איבער לובלין און זיי האָבן דערווייל געהאַט צייט צו זיצן מיט די יידן, אויסהערן וואָס דאָ איז געשען און גלייכצייטיק אָפּטון זייער אַרבעט.

ער האָט געהאַט אַ גרויסע אויפגאַבע, שולצע, און געמוזט האָבן אַ באַשטעטיקונג אויף זיין דערלויבעניש. ער איז געקומען נעמען אַ טראַנספּאָרט אַנטוועכץ און שטיוול פאַר זיין לאַגער! יעדער חפץ האָט שוין אַנגעשלאָגן אויף צענדליקער גופים... זיי האָבן עס געטראָגן אַ שטיקל צייט ביז זיי האָבן דאָס מער נישט געדאַרפט; גאָרנישט האָבן זיי

מער באַדאַרפט! אויף יעדער איינעם חפץ קלעפּט טאַקע בלוט־שפּורן — אָבער דאָרט דרייען זיך נאָך אַרום לעבעדיקע יידן און ווי לאַנג זיי וועלן לעבן, אַזוי לאַנג דאַרפן זיי נישט זיין נאַקעט. פון איין זייט איז פאַראַן אַ גענעראַל גלאָבאָטשניק וואָס שיסט אַלע יידן פון לובלין און מיידאַ־נעק, בכדי די בערג מיט בגדים אין די מאַגאַזינען זאָלן וואַקסן, העכער ווערן... און פון דער צווייטער זייט קומט צו פאָרן אַ קליין אָפּיצירל, אַ גענעראַל איבער בלויזע ווערק־צע־יידן און האַלט פון פאַרקערטן: זאָלן דערווייל יידישע גופים טראָגן די דאָזיקע בגדים אויף זיך! אין די מאַ־גאַזינען וועלן זיי נאָך האָבן גענוג צייט זיך אויסצוליגן...

ביידע זענען דייטשן און ביידע האָבן אין זינען דייטשע אינטע־רעסן. צוליב דעם רעדן זיי טאַקע אַ פאַרקערטע שפּראַך — און דאָך פאַרשטייען זיי זיך ביידע... פּונקט ווי עס פאַרשטייען עס אויך די הע־כערע באַפעלער איבער זיי ביידע... נישטאָ קיין סתירה אין דעם: מען דערשיסט די יידישע גיבורים, די אויסגעקליבענע אַטלעטן אין לובלין, מען ציט ביי זיי אַראָפּ די קליידונג און דערנאָך... דערנאָך לאָדט מען עס אַריין אין לאַסט־אויטאָס און מען פירט עס אין ווערק צע אַריין, ווו מען וועט זיי אָנציען אויף דאַרע, חלושדיקע קערפּערס...

ער איז צופרידן געווען שולצע מיט זיין ערשטער, גרויסער דערגריי־כונג. פאַר ז יי נ ע יידן האָט ער איצט גאַנצע בערג מיט בגדים! זיי קומען פון מיידאַנעק? וועמען אַרט עס! וואָס וועט מיט זיי מאָרגן זיין? אויך דאָס איז נישט שולצע מחוייב אַריינצוקלערן. ער קען זיך נאָר רייבן די קראַנקע האַנט אין דער געזונטער פאַר גרויס שמחה:

ער פירט איצט אין זיין ווערק צע אַריין אומציילִיקע קאָמפּלעטן אַנצוגן, זיידענע יידישע קאַפּאָטעס, צייגענע כאַלאַטלעך און רבנישע פּאַלטענעס... און דער עיקר: זיבן טויזנט פּאָר שטיוול! נישט אַלע זענען גאַנץ... טייל וועט מען דאַרפן לאַטען, שטוקעווען... שולצע ווייסט אָבער נישט פון קיין חכמות! מען האָט אים איבערגעגעבן אַ סטאַדע און ער מוז זי אויספּוצן. ער וועט מאָביליזירן שניידערס און שוסטערס, מען וועט איבערנייען און איבערדרייען... און זיין „אַרמיי" וועט מוזן אַרומגיין אָנגעטון לייטיש. אויב מען וועט זיי מאָרגן דערליידיקן אויפן זעלבן אופן, ווי די וואָס האָבן די מלבושים געטראָגן מיט אַ פּאָר וואָכן פריער — אַרט עס אים אויך ווייניק. יאָ, דאַן וועט ד אָ ס מער נישט זיין די שטעלע זיינע און ער וועט מוזן זאָרגן פאַר דער אָרדענונג פון נייעם

געביט אויף וועלכן מען וועט אים שיקן. דערווייל אָבער האָט ער צו טראַכטן וועגן די יידן. זאָל דאָס אפילו זיין אַ פּאָסטן אויף אַ פּאָר טעג — מוזן די עטלעכע טעג פּאַרוואַלטעט ווערן מיט אַ סדר... אויף איין טאָג אפילו!

ווען עמעץ וועט באַשליסן זיי אַרויסצוטרייבן פון דער לעבעדיקער ספערע — וועט שולצע זיך אָוועקשטעלן אין אַ זייט, נישט רעדן קיין וואָרט און וואַרטן אויף אַ נייער קאָמאַנדיראָווקע. דערנאָך זאָל יענער ציען די שטיוול פון פאַרשטייפטע פיס און די אנצוגער פון טויטע גלי־דער... ער איז בלויז אַ סאָלדאַט — און שטייט אויף זיין פּאָסטן.

— 2 —

יעדן פאַרנאַכט שטייט שולצע ביים טויער. ער דאַרף נאָר באַמערקן ווי איינער גייט מיט אַ פּאָר הילצערנע כאָדאקעס, אָדער מיט אַ פּאָר צע־פליקטע שמאַטעס — ברילט ער אַרויס:

— צום מאַגאַזין!

דאָרט קריכן הויכע יונגען, געוועזענע אַסימילאַטאָרן אָדער משומ־דים, אַריין אין אַ זיידענער רבנישער קאַפּאָטע און געמזענע, חסידישע שטיוועלעך... נישטאָ קיין גרויסע קלייבעניש! גענומען און געגאַנגען! פּאַרדאַרטע, געלע פּיקרינער באַקומען גראָד צוגעוואָרפן אַ הערלעכן ענג־לישן אנצוג, וואָס פאַלדעוועט זיך אָפּגעלאָזן נעבן איינגעצויגענעם, געווע־זענעם בויך. ער טרייבט בגוואַלד דערצו. אין משך פון אַ וואָך צייט זאָגט ער צו — צו דערשיסן יעדן איינעם, וואָס וועט נישט אַריינקריכן אין די נייע בגדים אַריין.

דאָס איז נישט גלאַט קיין משוגעת ביי אים אויף אייגענער האַנט. פון לייפּציק זאָל מען זיך האָבן נאָכגעפרעגט פּאַרוואָס דער יידישער מענטשן־רעזערוואַר האַלט אין איין אויסרינען. מען וועט איצט דאַרפן מער פּראָדוצירן און דערפאַר... זאָל מען שפּאָרזאַם זיין! נישטאָ באַלד ווו צו נעמען דאָס דאָזיקע הענט־מאַטעריאַל. עס דאַרפן אפילו קומען גאַנץ הויכע פּערזענלעכקייטן באַטראַכטן, ווי אַזוי עס זעען אויס די פּאַר־העלטענישן. שיין וועט עס זיין, אויב זיי וועלן זיך אָנטרעפן מיט אַזאַ אָפּגעלאָזטער מחנה! דאַרף מען דערפאַר די סקעלעטן אָפּרוימען און די, וואָס לאָזן נאָך עפּעס מאַכן פון זיך — דאַרף מען געבן אַ שטיקל צורה... זאָל קודם קיין נאַקעטער לייב נישט אַרויסגעזען ווערן!

די סאָרטירער פון מאַגאַזין האָבן געגומען דערציילן ווי אַזוי זיי טרעפן אָן אַזויפיל רעקלעך מיט לעכער... דערביי זענען פאַראַן אַזויפיל ריזיקע בלוט־פלעקן! איז מעכעלע געווען פון די שרעקעוודיקע, וואָס האָבן זיך אָפּגעהאַלטן, געזוכט וואָס שפּעטער צו גיין נעמען די קליי־דונג. שולצע האָט אָבער אַלעמען אויפן קאָפּ. אין מיטן טאָג, ווען אין לאַגער דרייען זיך ווייניק מענטשן האָט ער מעכעלען אָנגעשטעלט זיין רעוואָלווער:

— ד ו האָסט אויך קיין צייט נישט צו גיין אין מאַגאַזין? אין פאַרלויף פון צען מינוט מוזטו איבערגעטון ווערן!

באַלד איז מעכעלע אַריינגעקראָכן אין אַ פּאָר סאַמעטן־ציגיינערישע הויזן, מיט געשנירלטע מאַנקעטן וועלכע האָבן זיך שמאָל אַריינגעלאָזט אין אַ פּאָר ריזיק־לאַנגע שטיוול אַריין, וואָס האָבן אים דערגרייכט אי־בער די קנעכל. דאָס רעקל זיינס, אַ שמאָלס, אַרומגעזיימט מיט לעדער האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ ווילן יונג, וואָס שפּילט אין קאָרטן און קוקט אויף יעדן איינעם מיט קרומע, שטעכיקע אייגעלעך...

די ווערקצעניקעס האָבן באַקומען אַן אַנדער פּנים און די נאָענטסטע חברים האָבן זיך דערנאָך קוים דערקענט. ביים איבערטון זיך האָט מעכע־לע געזען ווי די מאַגאַזינערן באַטאַפּן גאָר שטאַרק יעדן מלבוש באַזונ־דער. זייערע אויגן זענען דערביי אָנגעשטרענגט און פול מיט אַזאַ דער־שראָקענעם סוד און באַדויער. דערנאָך ווען מעכעלע האָט געוואַנדערט איבער די באַראַקן האָט ער געזען דעם זעלבן סוד אַרומטאַנצן אויף אַ סך פּנימער פון פּשוטע טראַטילאַרן און פּיקרינער... וואָס טוט זיך דאָ?

לאַנג איז מעכעלען נישט אויסגעקומען צו וואַרטן. אַרבעטנדיק ביים מיסט איז מעכעלען אַריין אַ שטיינדל אין שטיוול אַריין, וואָס האָט אים געשטאָכן דעם טריט. מעכעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין וועלדל אויפן שטאַם פון אַ בוים און גענומען אַראָפּציען דעם שטיוול זיינעם. דערנאָך, ביים אָנטון צוריק האָט דער שווערער שטיוול זיך געעקשנט און נישט געוואָלט אַזוי לייכט אַרויפקריכן אויפן פוס. אין איילעניש האָט מעכעלע אַ ריס געטון ביים לעדערנעם אויערל און באַלד האָט עס זיך אָפּגעריסן צוזאַמען מיט דער אינעווייניקסטער, טאָפּלטער כאַלעווע. ווי דערשטוינט איז מעכעלע געוואָרן ווען אונטערן ריס האָט ער אַנטדעקט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיין האַרץ געמאַכט הילכיקער קלאַפּן... דאָרט

איז געלעגן אַ בלאַנקער באַנקנאָט פון 500 זלאָטעס! מעכעלע האָט געטון אַ ריס דאָס אויער פון צווייטן שטיוול און דאָרט געפונען נאָך 300... ער וועט שוין קענען עסן צו דער זעט אַ לאַנגע צייט! איז ער דען דער איינציקער וואָס האָט געפונען אַזאַ מציאה?

וואָס מער ער קוקט נאָך — אַלץ מער זעט ער ווי נעכטיקע געשוואָלענע פון הונגער קויפן זיך שטילערהייט ברויט און טיילמאָל אויך אַ שטיקל פוטער. מען זעט אַלץ מער ווערק־צעניקעס, וואָס האָבן אָקאָרשט ערשט נישט לאַנג געלעקט די ערד, ווי אַזוי זיי נעמען אָן חשק די פּאַרציע ביטערע זופּ זייערע... און אַלעמאָל דערציילט מען זיך אויף אַ צווייטן, אַז ער האָט געפונען אַ ריזיקן אוצר אין אַ באַהעלטעניש. זעלטן ווען זענען די סודות אויסגעטראַכטע. ווערק צע האָט באַקומען אַ שאַרף אויג. מען ציטערט אַז דאָס זאָל זיך נישט דערטראָגן צו די ווערקשוץ, צו שולצען. דערווייל אָבער נעמט ווערק צע ווערן רייכער. עס וואַקסן אויף בייע מעקלער, וואָס האַנדלען מיט גרויס קאַראַטיקע דימענטן און גאָלדענע קייטלעך. מען מאַכט דעם מסחר אין קלאָזעט, אין דער צוגעריגלטער וועשעריי, אָדער מען קריכט גאָר אַרונטער מיטן בויך אונטער די לעכער פון די באַראַקן.

יידן אין די געטאָס האָבן געזאָרגט אויף שפּעטער. מען האָט זיך גערעכט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מ'וועט הייסן גיין. וווהין האָט קיינער נישט געוווסט. מען האָט אויך גוט דערקענט די דייטשן און פאַרשטאַנען אַז זיי וועלן נישט לאָזן מיט זיך פירן קיין פאַרמעגנס. טאָ ווו וועט מען נעמען צו עסן, אויב מען וועט אין יענעם אומבאַקאַנטן „דאָרטן" לעבן בלייבן? דערויף האָט שוין דער שכל געזוכט אַן אויסוועג. מען האָט אַריינגעקלאַפּט גאָלדענע שטיקלעך אין די שטיוול־קנאַפּלען און מען האָט פאַרנייט דאָלאַרן און פּוילישע באַנקנאָטן אין די פאַלדן פון די הויזן אָדער רעקל...

פאַר מיידאַנעק האָבן די אַלע חכמות נישט געהאָלפן. מען איז אַרויס פון דאָרט נאַקעט אָדער געבליבן אויפן שייטער און די אוצרות אין די באַהעלטענישן האָבן געוואַרט, עס זאָל זיי ווער אַנטדעקן. טויזנטער הענט האָבן דאָרט געאַרבעט דערויף, אַרויסגעצויגן די לעצטע פאַרמעגנס פון אומעטום... און דאָך זענען נישט אַלע אָנגערירט געוואָרן. צי האָבן טייל פון די לעצטע יידישע מטמונים געהאַט אַ באַשטימטן ציל — צו קומען ראַטעווען אַ יידישן לאַגער אין די שווערסטע מאָמענטן זיינע?

פאַרוואָס האָבן גאַנצע וואַגאָנעס מיט יידיש גאָלד געמוזט אַוועק קיין דייטשלאַנד? און מיט וואָס האָבן זוכה געווען די געצײלטע דערשאָסענע, אַז זייערע באַהאַלטענע אוצרות זאָלן זיך דערוואַרטן ביז שולצע וועט משו־גע ווערן און זייערע איינגענייטע באַנקנאָטן זאָלן זיך געבן אַ באַוויז צו אַ ייד און אים שטיל אַ זאָג טון:

— זעסט? מיר האָבן לאַנג אויף דיר געוואַרט... איצט נעם אונדז, קויף דיר ברויט און זיי אַזוי גוט און געדענק וועלכע הענט עס האָבן דאָס צוגעגרייט פאַר דיר... געדענק וואָס מיט זיי איז געוואָרן!

ניין, ער איז נישט איינער, מעכעלע... צענדליקער פאַרחושכטע דרייען זיך איצט אַרום מיט די מיידאַנעקער אוצרות. נעבן זיי דרייען זיך נאָך אַ סך צענדליקער, וואָס קייען מיט דאָס געקויפטע ברויט און האָבן ביי וועמען צו נעמען אַן איבעריק בלעכל זופּ. אויך די פּאָליציי האָט שוין וועגן דעם געוויע ידיעות. אַלעמאָל פאַלן זיי אַריין אין אַ צווייטן באַראַק, ציען אַרויס אַ פינצטערן גראַנאַטניק און שלעפּן אים אין תפיסה אַריין. דערנאָך קומט ער צוריק מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און קרעכצט אַרויס: אויס גליקן! זיי האָבן מיך שוין פאַרזאָרגט...

דער שאַנטאַזש האָט אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרמען. די קאָמענ־דע האָט זיך געוואָלט אויסשלאָגן די שאָדנס, וואָס שולצע האָט זיי אָנ־געמאַכט. מיט פאַרדרוס האָבן זיי זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי די גאַנצע פאַר־טיילונג פון די מיידאַנעקער אוצרות גייט דורך אַנדערע הענט. זיי האָבן קוים באַוויזן אַוועקצוכאַפּן צו עטלעכע פאַר שטיוול, זיי איבעראַרבעטן און לאָזן פאַרקויפן. דערפאַר האָבן זיי נאָכגעשפּירט יעדן נייעם גביר, געכאַפּט אים אין אַ באַהעלטעניש און געמאָלקן, צוגענומען וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען.

צוליב דעם האָבן די פרישע „נגידים" זיך נאָך מער גענומען היטן מיט זייערע מציאות, אפילו פאַר די נאָענטסטע. אין דער לופט פון לאַגער איז אָבער קענטיק געווען אַז זייער צאָל איז נישט ווייניק. אַרום זיי האָט גענומען אויפקומען אַ האַנדל. עס האָבן זיך באַוויזן נייע שיכטן מיט אויפגעקומענע מעקלער, אָפּשאַצער און מענטשן מיט פאַרטרויען. אַ פריי־שע פאַרטיע סוחרים מיט עסנוואַרג איז אויפגעקומען, וועלכע האָבן צו־געשטעלט פאַר די, וואָס האָבן מורא געהאַט צו קויפן פאַר אַלעמען אין די אויגן...

די פאַבריקס־מייסטער האָבן זיך ווייניק וואָס פאַרנומען איצט מיטן

לאַגער. פאַר זיי איז געגוג געווען וואָס שולצע זיצט דאָרט. זיי זענען אויך צופרידן געווען וואָס די מענטשן קומען צאָלרייכער צו דער אַרבעט און ווייזן עפּעס אַרויס מער כּח... דאָס האָט זיך איצט נישט איינער גע־צויגן אין די האַלעס, ווו ער קען לייכטער זיך עפּעס קויפן און עס אויפ־עסן נישט פאַר די אויגן פון הונדערטער. דערביי האָט עס ביי אַזויפיל איצט פאַרשטאַרקט דעם חשק צו האַנדלען, איינקויפן ביי די פּאָליאַקן וואָס מער — האָבנדיק מער אָפּגעמער אין לאַגער.

האָבן די פּאָליאַקן נאָר געקענט צוזען מיט קנאה, ווי אַזוי די אָרע־מע יידן פון ווערק צע האָבן נאָך אַלץ אויף צו קויפן אַ פערטעלע ברויט און זייערע פּנימער האָבן זיך גאָר לעצטנס פריש צעגלאַנצט — הגם זיי זענען אַזוי איינגעשלאָסן און אָפּגעריסן פון דער וועלט... אפילו די ניכ־טערנסטע פּוילישע אַרבעטער פון דער פאַבריק האָבן גענומען גלויבן אין אַזאַ מין געהיימען כּשוף, וואָס נאָר די יידן פאַרמאָגן אים און ווילן עס קיינעם נישט אויסזאָגן...

— 4 —

ווערק צע האָט געמוזט איצט באַקומען אַן אַנדער פּנים. דער פיבער פון געלט און פאַרדינסט האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. שולצע אַליין האָט נאָך די ערשטע וואָכן אַרומרודערן צוריק אַראָפּגעלאָזט די פליגל. ער האָט גענומען עפּעס אַרומזוכן, וואָס קיינער האָט נישט געקענט פאַר־שטיין. וויפל די קאָמענדאַנטן האָבן נישט געפּרוווט דערגייין זיין שוואַכן פונקט, מיט וועלכן מען קען אים „אָפּסמען", איז עס זיי נישט געלונ־גען. ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן יעדן אין די אויגן אַריין, געניש־טערט עפּעס און אומצופרידן געבורטשעט.

אַלע האָבן געוווסט אַז ער דערוואַרט מיט גרויס אויפרעגונג עפּעס אַ גאָר הויכן וויזיט, צוליב וועלכן ער מוז שטיין כּסדר אויף דער וואַך און היטן די אָרדענונג. עס איז זיך אויך געווען לייכט אָנצושטויסן אַז ער האָט נישט פיינט אַ טרינק צו טון און שפּילן אין אַלערליי האַזאַרד־שפּילן. עפּעס האָט אים אָבער דאָך געפעלט! ער איז כּסדר געגאַנגען און פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט איבערן לאַגער און די פיפיקע פעלאַ האָט באַוויזן די ערשטע פעסטצושטעלן, אַז די מיידלעך פון לאַגער אינטערע־סירן אים אָבסאָלוט נישט. וויפל זייערע רייען זאָלן זיך נישט פאַרביי־

ציען נעבן אים — האָט ער מער ווי אַ בייזן ברום פאַר זיי נישט געהאַט. נישט איינער האָט ער דערלאַנגט מיט זיין גומי־שטעקעלע פאַר דעם מינדסטן חטא. דער שענסטער שמייכל האָט ביי אים נישט פאַרטריבן די טריבע כמאַרע אין זייער אָנבליק.

אויך דאָס האָט זיך באַלד אויפגעדעקט. שולצע האָט זיך אויסגעזוכט אין לאַגער אַ באַזונדערן דינער, וואָס האָט אים געמוזט נאָכגיין אומעטום. צופעליק איז עס געווען אַ זייער שיין, פערצן־יעריק יינגל וועלכן שולצע האָט גענומען מאָדנע־אויפפאַלנדיק באַקליידן. דאָס קינד האָט פריער געאַרבעט שווער ביי די גראַנאַטן און נאָך דעם ווי שולצע האָט עס אַנטדעקט — האָבן ערשט אַלע געזען, אַז דאָס יינגל האָט עפּעס אַזאַ מאָדנע אַרויסרופעריש שמייכעלע. באַלד האָט ער זיך אויסגעזוכט נאָך אַ יינגל פון די זעלבע יאָרן און אים געמאַכט פאַר זיין צווייטן אַדיוטאַנט. די יינגלעך זענען מיט אים פאַרשוווּנדן אויף לאַנגע שעהען און טיילמאָל זענען זיי מיטגעווען ביי אים אויף הוליאַנקעס וואָס האָבן זיך פאַרצויגן איבער גאַנצע נעכט. אין לאַגער האָט מען זיך גענומען דערציילן בסוד פאַרשידענע הערעכצער. באַלד האָט מען פאַר זיי גענומען מורא האָבן. איינער פון זיי האָט זיך עפּעס גענומען צופיל איינקוקן אין לאַגער, דראָען די קאָמענדאַנטן און פאַרלאַנגען פאַרשידענע זאַכן. מען האָט זיך געשראָקן אַז באַלד וועט דאָ שולצע וויסן אַלצדינג פון יעדן איינעם.

מעכעלע האָט גענומען אויסהערן פון שולצן אַלערליי פּראָיעקטן פון שיין מאַכן דעם לאַגער. יעדער וואַנט פון די באַראַקן האָט געמוזט באַמאָלט ווערן מיט אַלערליי קאָלירן און מיט צוציענדיקע אויפשריפטן. אַלע מינוט איז שולצן איינגעפאַלן אַנדערע לאָזונגען און די אָרעמע באַראַק־ווענט האָבן ביסלעכווייז באַקומען דעם אויסזען פון פאַרביקע פּלאַקאַטן־טרעגער. אין די לאָזונגען אויף די ווענט איז דעם לאַגער צוגעזאָגט געוואָרן אַלע גוטע זאַכן פון דער וועלט: ווער עס אַרבעט — ווייסט נישט פון קיין שלעכטס! אַרבעט — קרעפטיקט! און ענלעכע.

שולצע אַליין האָט זיך נישט איינמאָל אַוועקגעשטעלט אין מיטן אַפּעל־פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע פּאָליציאַנטן אָדער געכאַפּטע פיקרינער און געהאַלטן אין איין איבערחזרן צום וויפלטן מאָל אַז ביי א י ם וועט דאָ ווערן בעסער ווי אומעטום: ער וועט אָפּשאַפן דעם הונגער, עסן וועט זיין לרוב! מען וועט געבן קליידונג און אַלע וועלן זיין

געשיצט... פאַר איין זאַך וואָרנט ער אָבער: ווי וועט זיין דעם לאַגער, אויב ער וועט דאָ אַנטדעקן דעם מינדסטן שווינדל! וועגן דער קלענסטער זאַך מוז מען האָבן זיין דערלויבעניש און דאָס זאָל מען זיך גוט איינ־קריצן אין זכרון. ער וועט סייווי וויסן פון אַלץ... דערביי האָט ער געקוקט אויף זיינע צוויי רויט־באַקיקע אַדיוטאַנטלעך און צופרידן געשמייכלט.

ווערק צע איז אָבער געווען אַריינגעטון אין האַזאַרד פון זוכן און געפינען. עס זענען אויפגעשטאַנען פרישע קרעמלעך אונטער אויפגעריי־סענע ברעטער, וו עס האָט זיך שוין באַוויזן פּעקלעך ווורשט, פלעשער שנאַפּס, פּוטער, כאַלווע און אַנדערע נאַשערייען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קויפעניש און פלינקע אויפטוער האָבן שוין געוווסט, ווי אַזוי די זאַכן צו באַקומען און אַריינפירן אין לאַגער אַריין.

עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי דער גאַנצער שולצע ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים; ער וועט קיינמאָל נישט קענען כאַפּן ביי דער האַנט, אפילו זיינע יינגלעך זאָלן אים דערפון דערציילן. דערפאַר אָבער האָבן זיינע אויפשריפטן צוגעגעבן מוט. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זיך דאָרטן אין די העכערע ביוראָען געענדערט צום גוטן; מען וועט די יידן שוין אַזוי לייכט נישט אומברענגען ווי פריער! איצט וועט מען זיי איבערבעטן מיט גוטע ריידעלעך, וואָס מעכלע וועט אויסציקלען אויף אַלע ווענט און מען וועט אפילו אַראָפּברענגען קאָמיסיעס פון אויס־לאַנד צו באַווייזן, ווי גוט מען באַהאַנדלט די יידן. שולצע מיט זיינע גלאַ־טע ריידעלעך איז נאָר אָנגעשטעלט אַזוי: מען הייסט אים — טוט ער דאָס זייניקע... זיינע דראָאונגען האָבן סיי־ווי נישט קיין האַפט!

אַנדערע, וואָס זענען איצט רייך געוואָרן און פריער דאָ געהאַט עט־לעכע נאָענטע וואָס זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער האָבן אפילו אונ־טערגעזיפצט:

— מזל דאַרף מען האָבן!... אָט, ווען מיין משה זאָל געווען האָבן כח צוצוציען נאָך איין חודש — וואָלט ער שוין געווען אַ גערעטעוועט־טער... איצט וואָלט ער זיי שוין געהאַט אין דער אדמה... איז אָבער נישט באַשערט געווען!

מיידאַנעק האָט באַוויזן אַריבערצוואַרפן איר לעצטע ירושה אין ווערק צע אַריין... און ווערק צע האָט געוווסט וו די ירושה צו זוכן. מען האָט אויפגעריסן קנאַפּלען, כאַלעוועס, זשאַקעטן און מאַנקעטן... מען האָט איבערגעאַרבעט אנצוגער און שטיוול, מאַנטלען און קאַפּאָטעס. אַלץ

האָט שפּעטער אַריבערגעוואָגלט אין פֿאַבריק אַריין, ווו פּאָליאַקן האָבן עס אָנגעצויגן אויף זיך, באַצאָלט דאָס זייעריקע און נישט אויפֿגעהערט צו ברומען מיט טריפֿהנער קנאה:

— אָט זשידעס!... זייער צייט איז ווידער געקומען... פֿאַר זיי נעמט מען ווידער ברענגען אומזיסט די בעסטע זאַכן און מיר דאַרפֿן זיי באַצאָלן דערפֿאַר...

דאָך האָבן זיי געוואָלט, אַז יידן זאָלן זיי נישט אויפֿהערן צו ברענגען אַזעלכע סחורות...

קאַפּיטל פֿופֿצן

— 1 —

אין נייעם באַראַק „פֿאַר אינטעליגענץ" האָט די קאָמענדע איבערן זאָל איבערגענומען דער גראָבער אבראַם. ביים גרינדן דעם ווערק צע איז ער געווען דער הויפּט־קאָמענדאַנט פֿון לאַגער. ווען פּעלאַ איז געוואָרן די הויפּט־באַפֿעלערין האָט ער זיך אויסגעזוכט דעם אַמט פֿון הויפּט־פֿאָראַרבעטער ביי שמיצן אין די פֿאַבריקן. פֿאַר אַבראַמען האָט דער גאַנצער לאַגער, צוזאַמען מיט דער פּאָליציי שרעקלעך מורא געהאַט. ביי זיינע פֿופֿציק יאָר איז ער געווען מוראַדיק־געזונט און ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין שום מיטלען. אַבראַמען האָבן אַלע אויסגעמיטן. עס זענען געבליבן אַ סך זכרונות וועגן אים פֿון די פֿריערדיקע ווערק־צע „דורות", וואָס האָבן געמאַכט פֿרירן דאָס בלוט. ער זאָל האָבן דערהרגעט צענדליקער יידן מיט אייגענע הענט, ווען ער איז געווען קאָמענדאַנט און זייער אַ סך פֿרויען פֿון די ערשטע טראַנספּאָרטן זאָל ער האָבן פֿאַרפּייניקט.

אַליין איז ער געקומען פֿון אַ קליין שטעטל, פֿון פּוילישן שלעזיען ווו ער איז אַמאָל געווען אַ פֿערד־הענדלער און שפּעטער האָט ער געהאַט עטלעכע אויטאָבוסן, וואָס האָבן קורסירט אין יענער געגנט. ווען ער האָט געהערט אַז עס שאַפֿט זיך אַזאַ מין באַראַק — איז ער געקומען צווישן די ערשטע, אָנגעטראָגן אַ פּאַק קישנס מיט בעטגעוואַנט און פֿאַרנומען צוויי בעטלעך: פֿאַר זיך און פֿאַר זיין בן־יחיד. ער האָט זיך אויסגעשפּרייט

זיינע חפצים און אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש. נאָכן אַרומזען זיך ווי די אַנדערע איינוווינער קוקן צעחושט און פול מיט שרעק — האָט ער זיך צעלאַכט מיט זיינע גרויסע ציין:

— איר האָט מיך זיכער נישט אויסגעקוקט דאָ, הורנזין... איך בין אָבער דאָ און וועל אייך לערנען דרך־ארץ... איך בין דאָ קאָמענדאַנט און איר וועט באַלד זען וואָס דער גראָבער אַבראַם קען!

ער האָט באַלד אָנגעהויבן באַפעלן און ביי דער מינדסטער ווידער־שפעניקייט האָט ער געגעבן צו פילן וואָס זיין האַנט קען נאָך אויפטון. ער האָט זיך דערביי נישט גערעכנט מיט יחוס און אפילו פעלא האָט זיך אָפגעזאָגט ביי אים צו אינטערווענירן. די ערשטע פאָר נעכט האָט אין באַראַק געהערשט אַן אימה. מען האָט געמוזט נעמען אַ דערלויבעניש ביי אבראַמען ווען צו שפילן אין קאָרטן און ווי לאַנג. עטלעכע מאָל איז ער געזעסן רואיק ביים טיש, צוגעזען דאָס שפיל... און פלוצים אַ כאַפּ גע־טון דאָס געלט אין טאַש אַריין, צעריסן די קאָרטן און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. דערביי האָט ער אַ באַפעל געטון:

— אין איין מינוט זאָלן אַלע זיין אויף די געלעגערס...

עפּעס איינער האָט צופעליק פאַרשפעטיקט און אַריינגעקומען פון דרויסן — האָט אים אבראַם אַ שליידער געטון זיינס אַ שווערן שטיוול אין קאָפּ אַריין און יעדער האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ צעמישטער. ער האָט אָבער נאָך געמוזט צוטראָגן מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ אַבראַמס שטיוול צום בעט. אין די אָוונטן האָט ער ספּעציעל אָנגעמאַכט שלעכטע ריחות אין צימער און ווייל איז געווען יענעם, וואָס האָט אין דער מינוט געוואָלט אַרויסגיין. דאָס האָט געדאַרפט הייסן אַז ער פאַרטראָגט נישט אבראַמען.

די געלט־מענטשן פון באַראַק האָבן זיך געקאָכט פאַרשידענע מאכלים ביי זייערע נאָענטע מיידלעך. טיילמאָל, ווען אַזאַ איינער האָט געגעסן ביים טיש און אבראַם איז אַריינגעקומען — האָבן די אָרעמסטע באַראַק־איינוווינער יענעם מער נישט מקנא געווען. אבראַם האָט זיך צו אַזעלכן דערנענטערט, קונציק אַ שפּיי געטון גלייך צו יענעם אין שיסל אַריין... און איידער יענער האָט זיך באַוויזן צו אָריענטירן האָט שוין אבראַם געכאַפּט די שיסל און געגעסן מיט אַ באַזונדער הנאה, מאַכנדיק דאַן משונהדיקע קולות פון דער שיסל אַרויס.

ער איז בכלל געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט נישט גערעכנט צוימען. וואָס זיינע בלוטן און גלוסטן האָבן אים אויפגעשפּילט

— דאָס האָט ער תיכף געמוזט דערגרייכן. ער האָט נאָר געהאַט מער הנאה, ווען ער האָט דאָס געקענט אַרויסרייטן ביי עמעצן און — מיט געוואַלד...

פאַר אבראַמען האָט איבערהויפּט נישט עקזיסטירט קיין לשון, וואָס זאָל אים קענען איינצוימען. ער האָט הנאה געהאַט פון פייניקן און ווי איז געווען דעם, וואָס האָט געפּרווט אים שטערן אין זיינע הנאות. אַבראַם איז אין זיין נאַטור נישט מסוגל געווען זיך אָפּצוזאָגן פון אַ פאַרגעניגן צוליב אַ צווייטנס ווילן. ווען עמעץ האָט געגעסן ביים טיש — האָט זיך אבראַם דווקא געזעצט אויפן טיש — אַנשטאָט אויפן בענקל און אָפּגעטון אַזאַ פיזישע מיאוסעריי, וואָס האָט יענעם געצווונגען דעם ביסן אַוועקצוואַרפן אין סאַמע מיטן. אַזוי ווי עס האָט זיך נאָר באַוויזן אין באַראַק אַ באַקאַנטע פרוי פון עמעצן, האָט אבראַם זיך אַנטבלויזט און גענומען צוואַרפן אַזעלכע ווערטער וואָס האָט דעם פריילעכסטן מיידל געבערענגט פאַרשעמטע טרערן אין די אויגן.

אויפן אַרבעטס־פּלאַץ, ווו דער אינזשינער שמיץ האָט אים געגעבן די ברייטסטע פולמאַכטן, האָט אבראַם אָפּגעטון זאַכן וועלכע די פּרעכסטע מענטשן האָבן זיך געשעמט צו ברענגען אויף די ליפּן. דאָס האָט זיך באַצויגן מערסטנטיילס צו פרויען. דערביי האָט ער געהאַט זיין באַזונדערן הומאָר, געשיט מיט גראָבע ווערטלעך פון וועלכע ער אַליין האָט דער ערשטער געלאַכט מיט אַזאַ געלעכטער, אַז די באַראַק־שייבלעך האָבן געציטערט.

פון די מענטשן אין באַראַק האָט ער אַלעמען פיינט געהאַט. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין מענטשן, וואָס קענען לייענען און שרייבן אַן אות. באַזונדערס האָט ער אָבער געהאַסט מעכעלען. ער האָט צום ווייפלטן מאָל איבערגעחזרט: ער וואָלט אים דאָ געלאָזט אַ טויטן אויפן אָרט... ממש דערשטיקט דאָס שטילע באַשעפעניש, וואָס שאַרט זיך דאָ אַזוי אַריין אויף די שפּיץ פינגער... אַזאַ קיילעכדיק פּנימל מיטן קאָפּ געקרייזלטע האָר בעט זיך פּשוט מען זאָל עס דערלאַנגען עטלעכע פּראַסק אין די ציין אַריין! און אבראַם שרעקט זיך נישט פאַר קיינעם... אַז ער וויל — טוט ער... שא, ער וואָלט עס גאָר געטון אַזוי: ביינאַכט וואָלט ער אויף אים פאַרלייגט די אייזערנע הענט זיינע און אים דערשטיקט... ווער דאַרף אים דען? סיי ווי האָט מען שוין אויף דעם יינגלטשיגע אַן אויג, דאָרט אין י ע נ ע ם באַראַק... דערביי האָט אבראַם אַ ווינק

געטון מיט זיין אויפגעריסן אייגל צו דער זייט פון דער קאָמענדאַנטור.

יאָ, ער וויל עס טון אבראם. וואָס פרעגט ער דען נאָך עמעצן? נאָר ער קען עס פאָרט נישט! דאָס האַרץ לאָזט נישט. אייגנטלעך האָט אבראם ווייניק געשעפטן מיט אַזעלכע נאַרישע ענינים: האַרץ, שמאַרץ! נאָר עס איז דאָ פאַראַן אַזעלכעס... נו, ווי זאָל ער עס זאָגן? דער אינזשינגער קורץ וועט זיכער וויסן וואָס דאָס מיינט: ער מוז יעדן טאָג זען דאָס יינגל... ער האָט אים פיינט, אוי האָט ער אים דאָס פיינט! נאָר די ערשטע מינוט, ווען ער קומט אַריין — דערפרייט ער זיך סכנות, דער גראָבער... די ערשטע מינוט בלויז... דערנאָך וואָלט ער אים כ׳ווייס וואָס געטון! נאָר צוליב די ערשטע מינוטן האַלט ער זיך אָפּ, לאָזט ער אים דאָ אַרומקריכן איבערן באַראַק...

וואָס די שמחה איז פון אבראמען מיט מעכעלעס אַריינקום — איז ביים גראָבן נישט מעגלעך געווען צו דערגיין. דאָס איז זיין סוד געווען. מען האָט אפילו געזען, ווי אַזוי ער שטרענגט זיך טיילמאָל אָן זיין דאָזיק געפּיל אַרויסצוברענגען אין ווערטער — נאָר די שפּראַך זיינע פאַרמאָגט זיי נישט. ער איז דערפאַר נישט איינמאָל צוגעטראָטן נאָענט צו מעכעלען מיט זיינע פאַרגאָסענע אויגן, פול מיט בלוטיקע אָדערלעך, וואָס האָבן זיי איבערגעצויגן ווי אַ דיקע נעץ, אים אַריינגעקוקט טיף אין פּנים אַריין, געצויגן רציחהדיק מיט די נאָזלעכער און שווער געסאָפּעט פון שלעגערישער גלוסטעניש... מעכעלע האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, ביז אברהם האָט זיך פּלוצים צוריקגעצויגן פאַרלוירן און שטאַמלדיק... עס איז נישט געווען צו פאַרשטיין וואָס דאָ צוימט אַזוי דעם ווילדן ריז מיט די ברייטע פּלייצעס. ער האָט איינמאָל דערביי אַזוי ווי אַרויסגערעוועט פון ווייטיק, ביז מעכעלע האָט דערפילט זיין קנאָבלדיקע היץ אויפן פּנים:

— אוי וואָלט איך דיך... ווען דו זאָלסט נישט זיין...

דער ציבישער לץ קורץ האָט אויך פאַר אבראמען זיך נישט געשראָקן. דערפאַר האָט ער איינמאָל נישט אויסגעהאַלטן און אַ כאַפּ געטון אַבראמען ביי דער הייסער מינוט:

— קרעק זיך נישט. קענסט נאָך דערשטיקט ווערן. דערפאַר איז גלייכער אַז דו זאָלסט דאָס אַרויסרעדן... זאָג זשע קלאָר: וואָס איז ער דען? אַז דו ווערסט עס באַגראָבן ביי זיך — וועסטו דערפון קריגן אַ פּאָפּלעקסיע... פרעג די דאָקטוירים, אויב דו גלייבסט מיר נישט!

דעם גראָבנס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן, אָנגעצויגן געוואָרן מיט גרי־נע אָדערן פון אָנשטרענגונג און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ שטילער אָנט־שפּאַנונג:

— ווען ער זאָל נישט אַזוי שטאַרק ענלעך זיין צו מיין חיימקען...
און ער האָט אָפּגעאָטעמט מיט פאַרלייכטערונג.

— 2 —

וואָס דעם מענטשנס באַשעפער קען זיך דערלויבן פאַר אַ שפּאַסן! ער נעמט אַזאַ ריזיקע מאַסע, אַ הוילן געפלעכט פון פליישיקער תאווה, רציחה און אָנגעצונדענעם קנויל פון לעכצנדיקע אָדערן — און וואַרפט אים אַריין צווישן אַ סטאַדע מענטשן. ער לאָזט אין אָט דעם באַרג פלייש און קנויטן אויסשפּילן אַלע אינסטינקטן, אַלע רויע גלוסטענישן וואָס האָבן זיך אין דער חיה מענטש געזאַמלט דורך אַלע וועלדער־וואַנדערונ־גען זיינע... ער לאָזט אים אַלץ טון פריי און אומגעשטערט. ער האָט אים נאָך צוגעגעבן במתנה מעכטיקע הענט און אַקסלען, אַ שניידיקן אימפּעט פון אַ טייוול־מאַשין... נאָר איין נקמה האָט ער דערביי אין אים געגומען אין פאַראויס: ער האָט זיך געמאַכט פאַרלירן אַ קליין קייקעלע געפיל, אַ קליין פינקעלע ליבשאַפט — וואָס האָט זיך דערשראָקן אַרונטערגעקייקלט אונטער די גאַנצע בערג מיט פלייש און ביינער, קיינער זאָל עס נישט אַרויסזען... דאָרט ליגט עס פאַרפּעלצט און איינגעוואָרעמט אונטער אַזוי־פיל זודיקע בלוט־קישקעלעך און שטעכט, און ווייטיקט... און לאָזט אַריין דינע בענקשאַפט־נאָדלען אין דעם שווערן גוף פון גראָבן אַבראַם — —

אָט, אַ שפּיל! אַז די גראָבע הענט זיינע קענען זיך גאָרנישט צו־באַ־קומען ביז יענעם באַהאַלטענעם געפיל און עס אַרויסרייסן, צעמאָרשטן און אַ תל מאַכן דערפון! זיצט עס דאָרט און פייניקט, מאַכט אָן אַ גאַנ־צע בהלה יעדן טאָג אין דעם גרויסן, ביינערנעם קאַסטן וואָס דער גראָ־בער אברהם רופט עס: האַרץ...

און אויך דער גראָבער אבראַם ב ע נ ק ט, פילט אַז עס פעלט אים עפּעס און ער קען עס נישט האָבן. דער גראָבער אבראַם קען נישט בענקען אין דער שטיל, אַז בלויז דאָרט אינעווייניק זאָל זיך אַרומשווענן אויף ווינטיקע פליגל אַזאַ דינער געוויין, אַ לעכץ וואָס ציטערט קוים־קוים... בלויז די אויגן זאָלן זיך פאַררייסן, אָוועקציען ערגעץ ווייטער

פון דעם וואָס אויגן זעען. דער גראָבער אַבראַם בענקט — דורך שווערע, ראַציקע ברומערייען, דורך אַ שווערע ציין־קריצעניש און דורך אַ מוראַ־דיקן שליידערן זיין בארג מיט גוף אין די שווערע בעטגעוואַנדן...

ער האָט געהאַט אַ פרוי, אבראַם, אָבער זי האָט ער נישט אין זין. ווען ער דאַרף שוין רעדן וועגן איר — פטרט ער זי אָפּ גראָב און שאַרף:

— אַן אומגליק זעסטו... געוווען אַמאָל אַ שטיק פלייש נעבן מיר... נו, איז זי איצט נישטאָ! איז זי נישטאָ! אַן עסק זעסטו... עס פעלט דען אויס? ער האָט געהאַט שוועסטער, ברידער, קינדער, משפחה... אָבער — ווייס איך וואָס דאָרט! וואָס האָבן דען טויטע צו טון מיט אבראַמען?

נאָר אבראַם האָט אַמאָל געהאַט אויטאָבוסן, וואָס זענען געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט. האָט ער זיך מיטגעכאַפּט מיט זיי און דערווייל געזען פאַרשידענע פּאַסאַזשירן, איינגעטענהט מיט זיי... און עס איז געווען אַ לעבן! איינמאָל האָט ער פאָרנדיק דערשנאַפּט אַ יאַטל, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען — און אַ מכה וועט זי עס שוין אַמאָל אָנזען! דאָס יאַטל האָט זיך איינמאָל אַריינגערוקט אין אויטאָבוס און די שוואַרצע אויגאַנעס זיינע האָבן דאַן אבראַמען אַזוי אַ גלי געטון, אַז ער האָט מער פון גאַרנישט געקענט טראַכטן נאָר פון צוגיין און יענעם אַריינרוקן אַ לאַפּע... און דאָס איז גענוג געווען. ער האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. וואָלט ער געווען געהאַט אַ טאָכטער, אבראַם, גיט ער אים אָפּ אַלע אויטאָבוסן מיט אַלע גליקן צוזאַמען און זאָגט אים אַזוי: נאַ, נעם אַלץ צו... טו וואָס דו ווילסט, אַבי זיץ מיט מיר אַזוי יעדן טאָג און רעד און רעד... און איך זאָל אַזוי הערן...

נאָר אבראַם האָט נישט געהאַט קיין טאָכטער און דאָס יאַטל איז גאָר שוין געפאָרן חתונה האָבן. אבראַם האָט אפילו געקענט די כלה. אַז די מויד איז באַשטאַנען אויף דעם ישיבה־בחורל — איז שוין אַ סימן אַז דאָס קעפּל איז נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט און אַז דאָס צונגל זיינס קען גיין ווי אויף שרויפן... האָט עס שוין אַבראַמען אַ שניט געטון אין האַרץ: אַזאַ מוידטשיסקע, אַזאַ גאַרנישט וועט עס אַריינגע־מען אין די הענט אַריין אָט דאָס... אָט דאָס צירונגל, אָט דאָס אוצרל, דאָס טרעלבעכל — און שוין! אַ מכה אַלעמען — און שוין! ווי קען דאָס אַזוי זיין אין דער וועלט? פאַר איר וועט ער רעדן מיט זיין פאַרניגונט שטימעלע און פאַר איר וועט ער אויסדערציילן אַלצדינג וואָס ער האָט אין דעם שוואַרצן, געקרייזלטן קעפּעלע... און דו אבראַם ווער צעזעצט,

פגו׳, נעם איין אַ נכפה!... ס׳הייסט, ווען ער זאָל אפילו ווען — וואָלט ער דען געווען געקענט אָפּלאָזן דאָס פייגעלע? צוגעבונדן איז ער צו אים געוואָרן! האָט ער צו אים געזאָגט אַזוי:

— הער אויס... ס׳איז דאָך שוין פאַרפאַלן... זיי האָבן דיך אַריינגעכאַפּט — זאָל זיי זיין מיט מזל... אַ שריפה זיי אין די געדערעם! נאָר דו דאַרפסט וויסן איינס: מען וועט דיך אַרונטערשטעלן אונטער די פיר דרענגלעך, מען וועט אָפּהאָצקען... וואָס וועט אָבער זיין ווייטער? דו וועסט זיין אַ לעלער? וועסט קוועטשן אַ באַנק? קענסטו נישט דיין נחת! זי וועט דיר שוין אָפּציען די הויט, אַז וועסט פאַרגעסן דאָס וואָס האָסט געלערנט אפילו ביי דער מאַמען אין בויך. דערפאַר זאָג איך דיר, זאָלסט טראַכטן באַצייטנס דערפון... און געדענקען זאָלסטו אַז עס איז פאַראַן אַ גראָבער אבראם! און דער אבראם איז אַ גראָבער פליגל, וואָס האָט דריי אויטאָבוסן, לויפן ווי די רוחות איבער קאָנסק, וואָלבראָם און ווו דער שוואַרצער רוח פראַוועט נאָר זיינע חתונות... און אין די אויטאָבוסן איז טיילמאָל אַ געדראַנג — סכנות! און אַז מען דרענגט זיך — דאַרף מען קאָנטראָלירן די בילעטן... און דערצו דאַרף מען האָבן אַ קאָנטראָלער, וואָס זאָל האָבן אַ גוט אויג און אַ קאָפּ פון אייזן. פאַרוואָס זשע זאָלסטו זיך נישט נעמען דערצו? מיינסט ס׳איז שווערער פון די גראָבע סידורים, איבער וועלכע די רבנים זיצן גאַנצע יאָרן, שאָקלען זיך — און קענען זיך אַלץ נישט אויסלערנען ווי עס געהער צו זיין?...

אָט אַזוי האָט ער מיט אים גערעדט דעם גאַנצן וועג, איינמאָל און צוויי מאָל ביז דאָס ממזרל האָט געכאַפּט דעם גאַנצן ענין, נאָך מיט אַ שפּיץ מער וויפל מען דאַרף. דערנאָך האָט אבראם געטרונקען אויף דער חתונה און געזעצט אין טיש, אַז אַלע גלעזער זענען געשפּרונגען אין דער הויך:

— אַזוי לאַנג לעבן זיי, די סראַלאַכעס, די מחותנים אויב זיי זענען דאָס ווערט! וואָס זענען זיי דען פאַר אַ מבינים אויף זייד, אויף בריליאַנטן!? נאָר מילא, דאָס גרויסע געווינס פרעגט דען צו ווען עס זאָל אַריינפאַלן? דאַרף עס אָפּזוכן די מויד מיט די קעלבערנע אויגן! וויל ער זיי נאָר איינס זאָגן, אבראם: פאַרפאַלן... נאָר זיי זעען די גאַנצע שויבן מיטן מעבל? דאָס וועט נאָר אַזוי לאַנג גאַנץ זיין, ווי לאַנג „זיין” חיימקע וועט נישט הערן דאָ קיין קרום וואָרט! טאָמער לאָזן זיי נאָר אַרויס די הויכע פאַרע און בלאָזן נישט אונטער חיימקעס טריט — איז אַ סוף! די

וועלט וועט זיך איבערקערן... ער וועט זיי אויפשפילן אַזאַ ניגון פון וועלכן די בעסטע קלעזמער וועלן זיך פאַרשעמען! דערנאָך וועט זיך ערשט אָנהייבן אַ חתונה... זיי וועלן זען צען מאָל פאַר די אויגן די מחותנים פון יענער וועלט, ביז די צוועלף שורות וועלן געשריבן ווערן... זאָלן זיי דאָס פאַרצייכענען מיט קרייד אויפן קוימען!

דערנאָך האָט זיך עס אָנגעהויבן אַ לעבן! אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען... ס'איז דאָך געווען אַ מזיק מיט הונדערט אויגן! פון אונטער דער ערד האָט ער אַלץ דערשנאַפּט און אברהם האָט זיך אָן אים קיין ריר נישט געטון. זיינע עצות! אַז מיט אַ בלויזן ווינק האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען ביז אַ פּינטל! אפילו די גויים האָבן פאַר אים איינגע־נומען די פגירה. ער האָט אפילו נישט געדאַרפט קלערן פון גאָרנישט, אברהם. איידער וואָס און ווען האָט שוין חיימקע באַטראַכט און באַ־קלערט פון אַלע זייטן. וואָס אים איז שוין אַלץ נישט אויסגעקומען! נאָר דער עיקר זענען געווען חיימקעס רייד. אוי, ווי יענער האָט דאָס געהאַט אַ לשון! זיי האָבן זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט אין אַן אַנדער שטעטל, גע־כאַפּט אַ כוסה אין אַ קרעטשמע און דער יאַט איז געוואָרן אַזאַ אייגע־נער — אַז אברהם האָט זיך צוויי יאָר פון אים נישט געקענט אָוועק־רייסן, געטאָגט און גענעכטיקט ביי יענעם... ס'איז דען אויסצודערציילן?

וואָס דאַרפט איר מער? זיי האָבן זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל. חיימקע האָט זיך שוין אויסגעלערנט אַליין דרייען דאָס רעדל און געטראָגן אַ לעדערנע שאָפּערקע אויף זיך. נאָר פאַרנאַכט, נאָך אַ כוסה גיט ער זיך אַזוי אַ זאָג צו אים:

— קום אברהם... איך וועל דיר ווייזן עפּעס שיינס...

און פאַרשלעפּט האָט ער אים גאָר אין אַ בית המדרש אַריין. דאָרט האָט מען געהאַלטן ביי מנחה. האָט דער חיימקע אַ שושקע געטון עפּעס דעם שמש אויפן אויער... און וואָס מיינט איר איז געווען ווייטער? חיימקע איז אַרויף אויפן באַלעמער און גענומען זאָגן תורה... וואָס הייסט געזאָגט? ער, אברהם, האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען די לעלעכצער! נאָר די יידן מיט די לאַנגע בערד און דער רב אַליין האָבן געלעקט די פינגער: אָוואַ! אַזאַ כלי — און אַ שאָפּערישע קורטקע פון לעדער מיט ווילערישע שטיוועלעך... גיי ווייס!

דאָס לעבן וואָלט ער געווען אַוועקגעגעבן פאַר אָט דעם חיימקען! ער האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר זיינס אַ שותף, נישט געוואָלט זיך

שיידן מיט אים אויף אייביק. נאָר די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און עפּעס האָט זיך די וועלט אַ מיש געטון... יעדער האָט גענומען לויפן, זוכן אַ באַהעלטעניש פאַר זיך — און פּלוצים: נישטאָ חיימקע! עפּעס אַ בלבול אַזאַ, ווען די דייטשן האָבן געזוכט פאַרדעכטיקע אין קאָמוניזם... וויפל ער האָט דאַן נישט געוואָלט אָוועקגעבן אים אַרויסצונעמען, אַב־ראַם! נאָר ביי די דייטשן איז נישטאָ קיין חכמות. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער אַליין פאַרשלעפּט געוואָרן אין ווערק צע. ערשט דאָ דער־זעט ער פּלוצים אַ ייִנגל — חיימקע אויסן אויג! דערפאַר... דערפאַר האָט ער אַ פאַרגעניגן צו כאַפּן דעם ערשטן בליק אויף מעכעלען...

און דער גראָבער אַבראַם האָט אויך אַ כח אַראָפּצולאָזן שטיל זיין קראַצנדיקע שטים און ענדיקן אַזויווי מיט טרויער:

— עך בליאַדעס! אַזוי איז עס... נישטאָ חיימקע!

— 3 —

ערשט מיט פיר יאָר צוריק האָט מעכעלע געטראָפן זיין אַמאָליקן חבר פון דער „נאָוואַרדאָקער" מוסר־ישיבה איבער די וואַרשעווער גאַסן. געווען אַ צייט, ווען דער עלטערער חיימקע קוכען איז געווען אַ קאָכעדי־קער מוסרניק, געדאַוונט מיט אַזאַ התפעלות וואָס האָט אָפּגעקלונגען ווי ווייט... עס האָט אים כסדר אָוועקגעצויגן פון דער ישיבה און ער האָט געקעמפט קעגן דעם; געלערנט מוסר איבער די כוחות און גענומען אויף זיך אַלערליי חומרות, בכדי צו קענען אַרויס פון דעם שטאַרקן כחס הענט, וואָס האָבן אים געשלעפּט צו דער הפקרות...

ער איז געוואָרן מער מתמיד ווי אַלע, געלערנט גאַנצע נעכט און זיין פּנים איז געוואָרן איינגעצויגן פון אָנשטרענגונג... דערנאָך איז ער פּלוצים פאַרשוווּנדן. מען האָט דערציילט אַז ער פאַרט איבער די שטעט־לעך, זאָגט דרשות און זוכט עפּעס אַרום איבער דער וועלט. דערנאָך, ווען דער פרומער מעכעלע האָט פאַרלאָזט די ישיבה און געזעסן אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט, איז אים איינמאָל אַנטקעגנגעקומען אַן אויסגע־פּוצטער עלעגאַנטער בחור און אים פאַרהאַלטן:

— מעכעלע!

אַן אַנדער חיימקע שוין... ביי זיינע 23 יאָר האָט ער שוין באַוויזן צו זיין נאָענט צו די קאָמוניסטן, אַנלייענען זיך מיט פּעק געהיימער ליטע־

ראַטור; זי אויסמישן צוזאַמען מיט די געהערטע „נאָוואַרדאָקער“ שמועסן און מאַכן זיך דערפון אַן אייגענע שטרעמונג... פאַר זיך אַליין בלויז און פאַר עטלעכע חברים זיינע. עס איז געווען אַ פּריוויט ביי טאָג, ווען דער פרומער מעכעלע האָט זיך געוואָלט גרייט מאַכן צום שבת — אָבער דער היציקער חיימקע האָט נישט נאָכגעלאָזט. לאַנג זענען זיי דאַן געזעסן און חיימקע האָט געבערענגט צום אויסדרוק די אינערלעכע פוסטקייט וואָס ער פילט ביי זיך. אין דער מוסר־ישיבה האָט מען אַ סך גערעדט וועגן קע־נען מקריב זיין אַ סך פון זיך, אָפּגעבן די פּערזענלעכע שטרעבונגען פאַר עפּעס העכערס, פאַר אינערלעכע דערגרייכונגען. דאָס האָט זיך אין אים איינגעגעסן און געבליבן בירושה אויך פאַר זיינע קאָמוניסטישע יאָרן.

ער האָט עס געהאַלטן אין איין אַרומזוכן. דערפאַר האָט ער שטי־לערהייט אויך געוואָרפן אַן אויג צו די חלוצישע גרופּן פון זיין שטעטל. ער האָט אפילו געפּרוווט שרייבן אַרטיקלען אין אַ לאָקאַלער צייטונג און בעיקר זיך אויסגעלעבט מיטן אַרומוואַנדערן. נישט מיט קליינער שטאָלץ האָט ער מעכעלען דערציילט אַז ער איז געוואָרן אַ פּראָדוקטיווער עלע־מענט. ער איז אַ האַלבער קאָנטראָלער און אַ האַלבער שאָפער. קיין וואָר־שע האָט אים אַ צי געטון, ווייל ער וויל זען דעם גראָכאָווער קיבוץ פון חלוצים... און טאַקע שווין! עס האָבן נישט געהאָלפן מעכעלעס אַלע רייד וועגן באַלדיקן שבת, וועגן דאַוונען... ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם עלטערן חברס רייד. חיימקע איז געווען אין אַ העכערער „חבורה“ און מער ראָל געשפּילט פאַרן יונגען מעכעלע און אויך איצט האָט אין אים אויפגעפלאַמט דער „עלטערער“ מוסרניק:

— ז יי , אין די קיבוצים דאַוונען אויך... נישט קיין תפילה פון ווערטער וועלכע יעדער אידיאָט קען אָפּזאָגן אין אַ האַלבער שעה און מיינען אַז ער האָט טאַקע געדאַוונט... זיי זענען די „מוסרניקעס“ פון די גאָטלאָזע קרייזן! זיי ברעכן אין זיך אַ סך מידות ווי די פּרושים פון אַ נאָוואַרדאָקער קלויז, זיי זאָגן זיך אָפּ פון מותריות און פון אַ סך זאַכן וואָס זיי האָבן געקענט האָבן ביי אַ לייכט לעבן. זייער תפילה פון מי וואַקסט אַרויס פון גראָכאָווער פעלד...

דערנאָך האָבן זיי געכאַפּט דעם טראַמוויי און אַרויסגעפאָרן אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט גראָכאָוו, ווו יונגע חלוצים און חלוצות האָבן אויסגעבויט אַן הכשרה־פערמע. דאָס ערשטע מאָל איז דעם רבנישן מע־

כעלע אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אַזוי באַענט מיט אַזאַ גרופּע יוגנט און זען מיט וואָס פאַר אַן איבערגעגעבענעם פלייס זיי גרייטן זיך, צו עפּעס אַזאַ מין נייעם לעבן... אויך זיי זענען רעליגיעז. זייער גלויבן איז די אַרבעט, די פּירות פון די גאָרטן־בייטן.

חיימקע האָט דאָרט אַ סך גערעדט, געטענהט מיט די יונגע מיידלעך און יינגלעך — און געוואָלט ביי זיי דערגיין וואָס זיי טראַכטן, פילן. מעכעלע האָט דערביי געשוויגן, ביז עפּעס אַ יונג מיידל האָט נישט געקענט אויסהאַלטן:

— פאַרוואָס שוויגט אָט דער חבר די גאַנצע צייט?

חיימקע האָט זיי אַנטפּלעקט דעם סוד: דאָס איז איינער וואָס וועט מסתמא זיין אַ רב... ער איז נאָר מאָדערן געקליידט, אָבער... ער איז טרויעריק וואָס ער וועט שוין נישט באַוויזן צו זיין ביים היינטיקן דאַוונען.

מעכעלע האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, דערמיט וואָס אים האָט אָנגעכאַפּט אַ בענקשאַפט צו דער דאָזיקער האַלב־נאַקעטער חברה. ביים אַרויסגיין האָט אים געגומען נאָגן אין האַרץ, אַ שרעק געמישט מיט אַ סך פאַרגעפילן האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן. דער זומער האָט געהאַלטן אין מיטן שרפענען. דאָס יאָר 1939 איז שוין געווען אָנגעפּאַקט מיט וואָכן און חדשים, ווי אַ פאַס מיט פּולווער. אין דער לופט האָבן זיך שוין געקנוידערט פאַרשידענע שוועבל־ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון יענער זייט גרענעץ... די אָנהייב־אויגוסט־טעג האָבן געגליט מיט אַ באַזונדער רציחה, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַלע מענטשן פאַרטרייבן פון דאָזיקן ערד־ווינקל און אַזוי ווי זיי זענען שטום — האָבן זיי בלויז געשמיסן די פּנימער, שטיקער געריסן...

חיימקע האָט ביים שפּרייזן צוריק אַ שטורך געטון מעכעלען:

— איך האָב דיר נישט דערציילט אַז איך האָב שוין חתונה געהאַט... אַ ווייב געגומען וואָס איז אַזוי... נו, אַ ווייב! פאַרשטיין וואָס איך מיין און וויל — קען זי נישט, ביים בעסטן ווילן. נאָר ווען איך בין פריי — ווייסטו וואָס איך וואָלט געטון? איך וואָלט געקומען צו ז יי, דאָ אַהער און די גאַנצע וועלט וואָלט איך דאן געהאַט אין לויוויטש. מיט זיי וואָלט איך אַוועקגעצויגן ווייטער, איינגעביסן זיך אין יענער ערד דאָרט — וווּ דער מילך מיטן האָניק רינען שוין לאַנג נישט מער... ווייסט אַנטקעגן וואָס איך זאָג דיר עס? ווייל דו ביזט יינגער — און ביזט נאָך

אַליין... ווי לאַנג מיינסטו דאַרף מען דרשענען, אָפּקומען מיטן לערנען זיך און אַנדערע?

מעכעלע האָט פאַרשטאַנען יענעמס אַנדייטונגען און נישט געוואָלט ענטפערן. דאָס האָט ער נישט געקענט מיט איין מאָל. ער האָט זיך געמאַכט איילנדיק, כאָטש די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן און ער האָט סיי־ווי געדאַרפט מאַכן אַ לאַנגע שטרעקע צופוס. חיימקע האָט אים געפירט דורך זייטיקע וועגן און נישט אויפגעהערט:

— כ׳האָב אויך געהאַט מיט זיך צו טון, ביז כ׳האָב איבערגעריסן דערמיט. מיין גאַנצע חתונה איז נישט געווען אַזוי שטאַרק צוליבן האָבן אַ פרוי, ווי צוליבן ווילן איבערצורייסן מיטן גאַנצן אויסוועגלאָזן פריער. דער געדאַנק דערפון איז געווען אַ ריכטיקער. איך האָב אַליין עס נישט געקענט — האָב איך געדאַרפט אַ צווייטן מענטש, ווי אַ שווער געוויכט, וואָס זאָל מיך אָפּהאַלטן... בלויז דער וועג איז נישט געווען אויפן אָרט. איצט וואָלט איך געדאַרפט פון דאָס ניי. ווייסטו גאָר וואָס? קום צו מיר אויף גאַסט! וועסט זיך איבערטראַכטן אַ פּאָר וואָכן, זען די אַנדערע זייט פון דער מטבע — דערנאָך וועסטו זען מיין סיטואַציע און דאַן... דאַן וועט מען קענען רעדן קלאָרער...

מעכעלע האָט געטומען חיימס אַדרעס, אָפּגעשטימט זיך אין עטלעכע וואָכן אַרום אַרויסצוקומען: עס איז דאָך סתם כדאי צו זען, ווי אַזוי אַ מוסרניק ענדיקט זיין וועג — צווישן אַ ווייב און אַ לויפנדיקן אויטאָבוס... דער טערמין איז אָבער נישט געקומען מיט קיין גלאַטע טריט. אין באַשטימטן טאָג האָבן שוין די וואַרשעווער הייף געפלאַקערט פון אַלע זייטן און די גאַנצע וועלט האָט זיך איבערגעקוליעט אין פייערדיקן משוגעת... ווער האָט דאַן געקענט טראַכטן פון אַ רייזע צו אַ מוסרדיקן שאָפער?

ערשט איצט הערט מעכעלע דעם לעצטן גרוס דורך די בלויע, גראַבע ליפּן פון אבראַמען:

— נישטאָ חיימקע...

נעמט ער פרעגן, ווייל דערגיין ווי אַזוי דאָס איז געווען, וואָס איז מיט אים געשען... אָבער דאָ פאַרכאַפּט אים דעם ווילדן אַבראַמס צעטרערטער בליק... קען אָט די חיה אויך אַמאָל געווען זיין? אַ טיפער עקל האָט אים פּלוצים אַרומגעכאַפּט. צוויי פּעסטע הענט האָבן אים אַרומגע־

קלאָמערט און מעכעלע האָט אויף זיך דערזען צוויי ווייך־געוואָרענע, בלוט־טיקע אויגן:

— דו... דו חבר פון חיימקען?... איך האָלט עס נישט אויס!...

— 4 —

מיט גרויס מי האָט מעכעלע שפּעטער אָפּגעשלאָגן דעם גראָבן אַב־ראַמס ליבשאַפטס־געפילן צו אים. דערווייל האָט זיך אין באַראַק אַנט־פּלעקט אַבראַמס צווייטע שוואַכקייט. דאָס איז געווען די דערוואַרטונג זיינע אויפן סוף פון דער מלחמה. איינגענומען דערמיט האָט אים קורץ. יעדן טאָג האָט ער זיך ביי אים גענומען בעטן:

— ווי לאַנג נאָך? אַלע גויים אין פאַבריק זאָגן אַז אָט באַלד... אָבער דו לייענסט דאָך די דייטשע בלעטער... ווייסטו דאָך אַמבעסטן!

ער האָט געוווסט, אַבראַם, אַז אַזעלכע ידיעות רייסט מען נישט אַרויס מיט קיין כח. דאָ מוז מען בעטן. קורץ האָט אים דערפאַר אָנגע־קוקט שפּאָטיש מיט די קאַצענע אויגן:

— וועסט זיין שטיל אין באַראַק? וועסט לאָזן רעדן אַ וואָרט? דאַן וועט מען צו דיר אויך רעדן ווי צו אַ מענטש... אויב נישט — גיי דיר צו אַלדע טייוול... סיווי איז דער סוף נישט לאַנג. דערנאָך וועט מען פאַר דיר מוזן אויסזוכן אַ שטאַרקע תליה, ווייל האָסט אויף זיך אָנגענומען אַזויפיל פודן פלייש!...

ער האָט זיך דערפאַר גענומען מענטשלען, אויסגעמיטן סקאַנדאַלן אין באַראַק און ווען עס האָט אים אָנגעכאַפּט די גלוסטעניש — איז ער אַרויסגעלאָפן און געזוכט צו ווענען אויסצולאָזן דעם כעס. די ערשטע צייטן האָט ער זיך גענומען צוהערן וואָס מען לייענט אַרויס פון דער „קראַקויער צייטונג". דערנאָך האָט אים עפּעס אַרומגעכאַפּט אַ שטילע פאַרצווייפלונג פאַר דעם גאַר־נאָענטן סוף פון דער מלחמה. ער האָט זיך שוין אַריינגעלעבט אין דער אומגעצוימטער הפקרות פון לאַגער און ער האָט געציטערט אַז דאָס זאָל זיך איבעררייסן. האָט ער דערפאַר גענומען אַרומלויפן נערוועז צו זיינע פרויען אין די באַראַקן, אָנשלאָגן ביי די קאָמענדאַנטן און געשנאַפּט, געוואָלט אַרויסדרינגען פון די אָפּגעריסענע שטיקלעך רייד מיט זיינע טעמפּע בליקן: וואָס וועט זיין דערנאָך? וואָס קען זיין? ער האָט אפילו אין טייל נעכט זיך אינגאַנצן נישט געוויזן אין

באַראַק אַריין. אינזשינער קורץ האָט שוין באַצייטנס געוווסט מודיע צו זיין:

— קינדער, דער וואָלף האָט פאַרלוירן זיינע ציין... מ'קען שוין מאַכן אַ דערדל אויף טיש און אויף בענק! דער גראָבער אבראַם איז געוואָרן פּאָליטיקער... איר פאַרשטייט?

און אַלע האָבן עס פאַרשטאַנען. דער ערשטער וואָס האָט עס גענו־מען צום שכל איז געווען רעדלמאַן. אין איינעם אַ טאָג איז ער געקומען פריער פון זיין אַרבעט און אַריינגעשטעלט אַ באַזונדער טישל צווישן זיין בעטל און דער וואַנט. ער האָט זיין בעטל אַרומגעשלאָגן מיט וואַטענע קאָלדרעס, עס זאָל אויסזען ווי אַ פּיצינקע באַזונדער חדרל. דערנאָך איז צו אים אַריינגעקומען אַ צוואָקסן און יונג מיידל... דער באַרימערישער רעדלמאַן האָט אין געציילטע מינוטן באַוויזן אַלעמען אַריינצוזישען:

— איר זעט מיין נייע שיינהייט?... זעכצן יאָר!... זאָ וואַר איך לעב... אַ גרעפישע משפחה!

די יונגע, צעוואָקסענע שיינהייט איז שוין געבליבן נעכטיקן אין באַראַק אונטער רעדלמאַנס וואַטענער באַריערע. אַלע אין קליינעם צי־מער האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם פון רעדלמאַנס אָפענער אומפאַר־שעמטקייט. עטלעכע פון די אונטערשטע שיכטן האָבן אפילו געקלערט צו גיין מיט אַ דעלעגאַציע צו דער קאָמענדאַנטין. רעדלמאַן האָט אָבער ברייט אַריינגעלאַכט צו יעדן מיט זיינע גרויסע ציין:

— „יעך שפּיל זאך נישט אין קאַ באַהעלטאַניש... יעך קען נישט אַנדאָש און דערפאַר זאָלן אַלע צעפּיקט ווערן — אָדער מיר נאָכטון..."

נישט אַלע פון די אומצופרידענע ברומערס האָבן אָבער געקענט דערמיט אויסבאַהאַלטן זייער אמתע צופרידנקייט דערפון וואָס רעדלמאַן האָט געוויזן דעם וועג. טייל פון זיי האָבן זיך געהאַט זייערע פריינ־דינס און עס איז זיי שוין נמאס געוואָרן דאָס וואַלגערן זיך מיט זיי אין די הויף־ווינקלען אָדער אין וועלדל. עס האָט זיך געמאַכט ווינטער און מען האָט באַשלאָסן צו ענדיקן דערמיט. איז גוט וואָס דער לאַכנדיקער רעדלמאַן האָט דער ערשטער געבראָכן די בושה פאַר די אַנדערע באַראַק־איינוווינער. שטילערהייט האָבן אים איינער נאָכן אַנדערן געקלאַפּט אין פּלייצע אַריין:

— אַט דאָס הייסט מוט!... נישטאָ קיין אָרט מער פאַר די אַלע שמיי־דערייען מיט שעמען זיך! פאַר וועמען דאַרפן מיר דאָס אויסבאַהאַלטן?

דאָך זענען אַנדערע פּאַרזיכטיק געווען, אָפּוואַרטנדיק וואָס ווייטער וועט זיין. עס זענען געווען פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אַריינגעשיקט וויינ־בערגן מיט פּעלאַן, זיי זאָלן ביינאַכט זיך זעצן שפּילן אין קאָרטן. רעדל־מאַן האָט אָבער ספּעציעל געברענגט זייַן פּאַררויטלטע שיינהייט. זי זאָל דאַן זיין אין צימער. ווען דאָס שפּיל האָט זיך פאַרצויגן — האָט ער איר געגעבן אַ ווינק און זי האָט זיך גלייכגילטיק אַרונטערגעלאָזט אונ־טערן „ווענטל”, ווו זי האָט זיך אויסגעטון און אַרונטערגעלייגט אונטערן בעטגעוואַנט.

אַ מינוט איז שטיל געוואָרן אין באַראַק, אַז מען האָט געהערט די שטילקייט אַליין אַרומרוישן איבערן צימער. אַלע האָבן אָפּגעוואַרט וואָס די צוויי באַפעלער פון לאַגער וועלן זאָגן דערצו. וויינבערג האָט זיך אַ הויב געטון פון אָרט. ווי ער וואָלט זיך עס נישט געגלויבט — האָט ער זיך האַסטיק אַ ריס געטון ביז אונטערן פּאַראַוואַן, אויפגעהויבן די דעק און געקוקט אויף איר... דאָס מיידל האָט אָבער דרייסט און אָפן אים צו־ריקגעשלאָגן מיטן בליק און געבליבן ליגן אויסגעצויגן.

וויינבערג איז שנעל אַרויסגעלאָפן צום טיש, אַלעמען שטאַרק אָנ־געקוקט און דערנאָך אויסגעשאָסן:

— קום, פּעלאַ!

ביידע האָבן זיך אויפגעשטעלט און נאָכן אָפּגיין אַ פּאָר טריט האָט וויינבערג זיך אויסגעדרייט אַ שמייכלענדיקער:

— אַ גוטע נאַכט...

און רעדלמאַנס אויגן האָבן געבליצט פון טריאומף...

די ריי איז געקומען אויף אבראַמען. ווען ער איז אַריינגעקומען שפּעט און געהערט דאָס שטילע מרוקען ביי רעדלמאַנען אונטערן קאָלדרע־ציימל איז ער צוגעפאַלן אַהין ווי אַ משוגענער. ער האָט אויפ־געוועקט דעם גאַנצן צימער, צוגעריסן זיך און געשליידערט רעדלמאַ־נען פון בעטל. דערנאָך האָט ער זיך געוואָרפן אויפן מיידל, אַראָפּגע־שלײַפט פון איר די קאָלדרע און אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טון פון צעטרייצטקייט. וויפל מען האָט זיך נישט באַמיט אים איינצושטילן — האָבן זיך עטלעכע נעכט די דאָזיקע סצענעס איבערגעחזרט. די אַנדערע נעכט האָט עס אבראַם שוין געפּרוווט מיט אַן אָנשטעל פון וויצלען זיך. דער גאַנצער באַראַק איז פול געוואָרן פון זיין הויך, תאווהדיק קרעכצן. ביסלעכווייז האָט אויך אבראַם זיך באַרויִקט. ווען ער האָט זיך נישט

געקענט האַלטן האָט ער זיך ארונטערגערוקט אַהין. דאָס מיידל האָט פון דער ערשטער מינוט אָן זיך נישט ווידערגעשטעלט, נישט געשריגן, גע־לאָזט אים אפילו זיך אָננעמען — נאָר דאַן האָט זי אָנגעשטעלט אירע גרויסע אויגן און מיט זיי שטום געוואָרנט. איז ער אָפּגעזעסן, אבראם.

דאָס האָט אין פאַרלויף פון געציילטע טעג לעגאַליזירט רעדלמאַנס איינפיר און אַלע האָבן עס אפילו אויפגעהערט רעכט צו באַמערקן. דאָס מיידל האָט זיך שוין גענומען צוזעצן פריי צום טיש ווי אַן אייגענע איינ־ווינערין פון באַראַק. מער האָט מען נישט געדאַרפט. באַלד האָט זיך גע־נומען הערן יעדע נאַכט שטילע, פאַרגנבעטע טריט פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַריינגעשלייכט פון די פרויען־באַראַקן. וויפל מעכעלע האָט זיך נישט באַמיט איינצושלאָפן — האָבן אים די דאָזיקע שאַרענישן אויפגעוועקט. האָט ער זיך באַמיט צו האַלטן פאַרמאַכט די אויגן, גאָר־נישט זען און זיך אַרויסשלאָגן פון געדאַנק אַז ער הערט עפּעס. דאָס האָט ער זיך גישט געוואָלט שעמען ביים קוקן מאָרגן אַלעמען אין די אויגן אַריין.

די נאַכטיקע באַזוכן האָבן זיך אָבער גענומען מערן. כמעט אויף יעדן בעטל האָט זיך געהערט דאָס שטילע ביינאַכטיקע דראַפּען און דער־נאָך די ווילד־שטיפערישע קרעכצערייען. עס איז נישט מעגלעך געווען פאַר אַזאַ נאַאיוו מעכעלע איינצורוען מיט אַ שטיל געמיט. האָט ער זיך טיילמאָל אויפגעהויבן אין מיטן נאַכט און אַרויסגעקראָכן אויף גאַנצע שעהען צו דער ווייסער, אומבאַפלעקטער שנייאיקייט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ווערק צע...

באַלד אין דער פרי האָט מען אָבער קיינעם נישט געזען אין באַ־ראַק. פּונקט ווי די דינע, נאַכטיקע געשטאַלטן זענען געקומען אין דער פינצטער אַזוי זענען זיי אויסגערונען פון צימער אין יענער פאַרזונקע־נער שעה, איידער דאָס פּאָליצייאישע פייפל רופט צו דער אַרבעט. עס איז אָבער קענטיק געווען, אַז דערמיט הויבט זיך עס נאָר אָן. באַלד וועלן די טונקעלע רוחות אָננעמען מוט און אפילו שטאָלץ, צו באַווייזן זייער פּנים פאַר אַלעמען.

קאַפּיטל זעכצן

— 1 —

דער צווייטער, וואָס האָט געבראַכן דאָס שטילע, געהיימנישפולע פרויען־שלייכעניש איז געווען סטאַניסלאַוו קאַנטשער. אַליין אַ קאַעלניק פון מיידאַנעק, האָט ער אָבער באַוויזן זיך איינצוקויפן אין יחוס ביי דער קאָמענדע פון די ערשטע מינוטן אָן. אין וואַרשע איז ער געווען אַן אַדמיניסטראַטאָר פון אַ גרויס הויז. ווען עס האָבן זיך דערגענטערט וואַרשעס לעצטע מינוטן האָט ער זיך אַרויסגעשלעפט אַ באַק־צאָן, דאָרט „אַריינגעמויערט" אַ ריזיקן ברילאַנט פון עטלעכע קאַראַט און צוריק מאַסקירט מיט אַ צאָן דאָס באַהעלטעניש. אַזוי אַרום האָט ער מיטגע־מאַכט מיידאַנעק און דאָך באַוויזן צו קומען מיט אַ פאַרמעגן אין ווערק צע אַריין.

אויך דאָ האָט ער געהאַנדלט ענערגיש און דעצידירט: זעענדיק ווי אַזוי מען שיקט די מיידאַנעקער צו אַלע טויטע אַרבעטן — איז ער גלייך אַוועק צו פעלאָן. ער איז געווען אַ מאַן מיט אַ ברוין, סאַמעטן פּנים און טיפע, ברענענדיקע אויגן. ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען האָט ער איר געזאָגט קורץ און שאַרף:

— ער איז אַ מענטש וואָס האָט אַלעמאָל ליב געהאַט דאָס לעבן. שטענדיק איז זיין גאַנצער אינהאַלט געווען: צו געניסן, וואָס מער צו גע־ניסן... אויך דאָ, האַלט ער, מעג ער שטערבן דערצו. זאָלן גיין צו די געלע און ברוינע סם־אַרבעטן יענע, וואָס האָבן שוין מער נישט קיין חשק צו עפּעס בעסערס. ע ר איז נאָך איצט רייך און קען זיך נאָך איצט דערלויבן אויף אַביסל גוטע טעג, ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזן... ער לייגט דערפאַר פאָר אַ פּשוטע זאַך: ער וויל זיך טיילן מיט איר און ווייזנבערגן! ער וועט זיי אָנטרויען אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, זאָלן זיי באַלד זיך גע־מען די העלפט ביים פאַרקויפן און די אַנדערע העלפט זאָלן זיי אים אויסצאָלן אויף ראַטעס: יעדן חודש אַ סומע... איין באַדינג וויל ער נאָר שטעלן דערביי: זיי זאָלן אים דערמעגלעכן דאָס געלט צו פאַרנוצן געזונ־טערהייט...

וויפל געלט ער האָט עס געהאַט — איז געבליבן אַ סוד פאַר ווערק צע. איין מייסטער בלויז האָט געקויפט ביי פעלאָן אַ ברילאַנט זיינעם

פֿאַר 50 טויזנט זלאָטעס. דאַן האָט ער אַוועקגעוואָגלט ביז צום הויפּט־דירעקטאָר פֿון גאַנצן סקאַרזשיסקער האסאג, דאַלסקין און יענער זאָל ביי אים האָבן פֿאַרדינט אַ פֿאַנטאַסטישע סומע. צוליב דעם זאָל פֿעלאַ האָבן זיך אויך פֿאַרשטאַרקט איר פּאָזיציע. קאַנטשער האָט קיינמאָל ביי זיך קיין גרעסערע סומעס נישט אַרומגעטראָגן. פֿעלאַ מיט איר שוואָגער זענען געווען זיינע קאַסירער. זיי האָבן אים אָבער געוואַלדיק ליב באַקומען. ער האָט געקריגן צוציענדיקע קליידונג און יעדן אָוונט האָט מען געקענט הערן זיין טיפֿן, זינגעוודיקן באַריטאָן ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי איר אין צימער. ווען סטאַניסלאַוו איז שווער קראַנק געוואָרן זענען ווייזנבערג מיט פֿעלאַן נישט אָפּגעטראָטן פֿון זיין בעט. פֿעלאַ איז עטלעכע מאָל אַפֿילו געפֿאָרן מיט וואָכמענער אין דער שטאָטישער אַפּטייק צו קויפֿן רעצעפּטן פֿאַר זיינעטוועגן. נאָך עטלעכע חדשים איז ער אויפֿגעשטאַנען אַ פֿרישער און אויסגערוטער. אויך ער איז אַריין אין יענעם באַראַק.

קאַנטשער האָט זיך שנעל אויסגעזוכט אַ קראָקעווער יונגע שיינהייט, גענומען זי אויסצוהאַלטן און אויך ער האָט זי באַשלאָסן צו פֿאַרהאַלטן ביי זיך אין באַראַק. זיין בעטל איז געווען אין מיטן באַראַק און באַלייגט איבער אים מיט אַנדערע שלעפֿער. דערפֿאַר האָט ער עס געלאָזט אָפּן. דאָס איז שוין געווען אַ ווייטערדיקער שריט אין דער דעמאָראַליזירונג פֿון באַראַק. זיין קלאַרא האָט שוין געלייגט זיך פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, געצערטלט זיך מיט אים און נאָך דעם האָבן זיך שוין גענומען מערן די אָפֿענע פֿאָר־פֿעלקער אין צימער. די ערשטע טעג האָט מעכעלע נישט געקענט איבערטראָגן די געדיכטע אַטמאָספֿער פֿון קליינעם צימער. ער איז געלעגן אין זיין זייט איינגעקורטשעט, באַמיט זיך צו פֿאַרשטאָפּן די אויערן און נישט הערן גאָרנישט. ער האָט געשלאָסן פֿריינדשאַפֿט מיט אַנדערע באַראַקן, אָפּגעזעסן אין שמועסן ביז שפּעט ביינאַכט און שנעל אַריינגעשאַרט זיך צו זיין געלעגער, ווען אַלע זענען שוין געווען איינגעקנוידערט צווישן זיך. נישט איינמאָל האָט ער אָבער אויפֿגעכאַפּט אַזעלכע אָפּגעהאַקטע, שווידערדיקע אָטעמס וואָס האָבן ביים יונגן, קינדיש־אויסגעאיידלטן מעכעלע צוגענומען די רו. ער האָט זיך אַפֿילו אויסגעלערנט ליגן מיט נייגעריקע, אָנגעשפּיצטע אויערן, אַריינציען אין זיך אַזעלכע גליאיקע רוישן וואָס האָבן אַ פֿלאַם געטון און איינגעלאָשן געוואָרן אין דער פֿינצטערניש פֿון דעמפּיקן חלל...

קאַנטשער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר קיין פאָרוואורף פון דער קאָמענדאַנטור. ער איז געווען דאָס צערטל־קינד פון דאָרט, נישט געאַר־בעט שווער און בכלל געטון וואָס ער האָט געוואָלט.

טאַקע קאַנטשער האָט ביסלעכווייז אַריינגעפירט אין ווייסן הויז אַריין אַ צווייטן עלעגאַנט פון די אַמאָליקע לעב־צייטן אין וואַרשע. דאָס איז געווען דער רייכער אייגנטימער פון דער שאָקאָלאַד פאַבריק „האַ־זעט" מיעטעק שניטבוים. די ערשטע צייטן זענען קאַלניקעס געווען אין חרם ביי דער קאָמענדע. דער אַמאָליקער געניסער פון אַלע פאַרגעניגנס אין לעבן האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקן ווילן נישט אונטערצוגיין. דער ערשטער יסוד דערצו איז געווען: עסן... דער הויכער, גוט־געבויטער ריז האָט זיך געוואַלגערט אויף אַלע מיסטן און נישט קענענדיק איבער־טראָגן קיין הונגער — איז ער דערפון ווילד געוואָרן. אויך זיין ווילד־קייט איז געווען אַן איינגעהאַלטענע, געקנעטן אין עלעגאַנטע מאַניערן. ער האָט געבעטלט און דערביי זיך עלעגאַנט פאַרנויגט. ער האָט אויפ־געקליבן דאָס שעדלעכסטע פון די וועגן, געפונען פון אונטער דער ערד דאָס וואָס מען קען נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן אַריינרוקן אין מאָגן אַריין און אַזוי האָט ער באַוויזן איבערצושטופן אַ פּאָר חדשים. דערנאָך האָט אים דערזען קאַנטשער און אים געגעבן אַן עצה, ווי אַזוי צו באַקומען געלט פון בעלי־חובות אין דרויסן.

פאַר די ערשטע געלטער האָט שניטבוים זיך באַקליידט אַביסל דער־טרעגלעך, געלאָזט אונטערוואַקסן זיין בלאָנדע טשופּרינע און זיך געלאָזט פאָרשטעלן פאַר פעלאַן. זי האָט זיך דאַן שוין געבומען פירן ווי אַ „וואַרע קעניגין". זי האָט אויפגעשעפּעלט אַ גאַנצן שטאָב אַרום זיך און זעלטן־ווען אויפגענומען עמעצן פון דער פשוטער מחנה. נאָר אין דרינגענ־דיקע פאַלן האָט זי צוגעלאָזט רעדן צו זיך אויף אַ פּאָר סעקונדן און דער־ביי געמאַכט אַזאַ מינע, אַזוי ווי זי וואָלט יענעם גאָר וואַזשנע באַגליקט — מיטן בלויזן דערלאָזן ער זאָל אַ קוק טון אויף איר. פון צייט צו צייט נאָר, האָט זי זיך אַ לאָז געטון צו דער „האָלאָטע" און געלאָזט זיך קושן די הענט און קלייד־זוימען פון כמעט־טויטע סקעלעטן און דערשלאָגענע פּרויען. זי האָט רואיק־שטייף אויסגעהערט אַלע בקשות, אויפגענומען גע־שריבענע צעטעלעך מיט ביטעס און אַוועקגעגאַנגען — פאַרגעסנדיק אין אַלץ. מיטן בלויזן שטיין צווישן דער אַרמיי פון מאָרגנדיקע קברים־ליגער

— האָט זי געגנוג געטון פאַר איר געוויסן, וואָס האָט זיך אַ שאָקל געטון און אָפּגעשטעלט זיך צוריק.

דערפאַר אָבער האָט זי הנאה געהאַט ווען די גרופּע הויכע, עלעגאַנטע מענער אַרום איר האָבן זיך געמערט. זי איז גליקלעך געווען, וואָס זיי בייגן זיך פאַר איר אין דרייען, זאָגן איר אַזעלכע שיין־געשליפענע קאָמפּלימענטן און קושן אַזוי עלעגאַנט אירע הענט... דערביי איז פאַר איר באַזונדערס פריידיק געווען ווען דאָס זענען געווען מענער, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג געשפּילט אַ ראָל אין דער ברייטערער וועלט. אַלס דאָרפיש מיידל און דערנאָך אַלס פרוי פון דער פּראָווינץ־שטאָט האָט זי שטענדיק ליב געהאַט צו נאַשן — און יעדער עטיקעט פון די שאַקאַלאַד־פירמעס האָט זיך ביי איר גוט איינגעקריצט אין זכרון. דערפאַר האָט זי נישט געקענט אויסבאַהאַלטן איר שטאָלץ, ווען קאַנטשער האָט צוגעבראַכט צו דער גרופּע אויך דעם יונגן יורש פון אַ באַקאַנטער נאַש־פירמע. אַזאַ נאָמען האָט אין פעלאַן אויפגעוועקט זיסע נאַש־זכרונות און ער, מיעטעק, איז געווען אַ געבוירענער אַרטיסט, צו קענען שפּילן די ראָל פון אַ „געוועזענעם" — ווי אַ פירשט, וואָס אים זענען נמאס געוואָרן זיינע פאַרמעגנס און בלויז צוליב ווילטאַג לאָזט ער זיך אַוועק בעטלען אויף אַ ווייל... אָט באַלד וועט אויך דאָס אים צוגעגעסן ווערן און ער וועט צוריק אויסשטרעקן די הענט צו זיין פירשטלעכקייט!

מיעטעק האָט באַוויזן די קונץ אויסצובאַהאַלטן זיין קלוגשאַפט איבער קאַנטשערן, האַלטן זיך אין שאָטן און בכלל אים געמען קאָפּירן אין אַלע זאַכן. דאָ אין באַראַק האָט ער באַלד נאָכגעטון זיין חבר און אַריינגעברענגט צו זיך אַ געוועזענע טענצערין מיט אַ פויגליש פּנים, אָבער מיט אַ באַזונדערער בויגעוודיקייט. נאָך זיי האָט זיך געוואַגט דערויף אַ פאַר־ארבעטער פון שמיצס אַן אָפּטיילונג און ווייטער איז עס שוין געווען אַ פרייער, אויסגעטראָטענער וועג. פרויען זענען מער סאָלידאַריש אין אַזעלכע פאַלן. יעדע איינע פאַר זיך האָט זיך צוערשט געשעמט, ווען זיי האָבן אָבער אַלע אויפאַמאָל אַריינגעשפּרייזט תחילת־אָוונט אין מענערישן באַראַק אַריין — האָט איינע ביי דער צווייטערס טריט געשעפּט מוט און דרייסטקייט דערצו. דאָס האָט אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט דעם באַראַק אין אַ געמישטן צימער פון מענער און פרויען און עס איז שוין גאָר קיין ווונדער נישט געווען, ווען איינע פון זיי איז געקומען פריער און זיך געפילט מיד, האָט זי זיך פריי אויסגעטון און געלייגט

זיך צווישן די מענערישע געלעגערס. די איינוווינער זענען דערביי געזעסן און געהערט נייעס פון צייטונג אָדער פאַרקאָכט געשפּילט אין אַ 66 אָדער אַ דערדל...

— 2 —

ווי אַזוי דאָס איז געשען האָט מעכעלע אַליין נישט געקענט וויסן, נאָר גלייכצייטיק מיט דער ענדערונג האָט מעכעלע אויך באַקומען מער אָנזען אין באַראַק. קען זיין אַז דאָס האָט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט מיטן צווייטן אויף אַ דירעקטן אופן, דאָך האָט זיך געמערקט אַ מין פּסיכאָלאָגישע פאַרבינדונג צווישן די צוויי.

מעכעלע האָט פּלוצים באַקומען אַן אַנדער פּנים. די נייע באַקליידונג האָט אים געוויזן אין אַ מענטשלעכער אויסזען, נישט אויסגעטיילט אַזוי שטאַרק זיין אָפּגעריסנקייט אין דעם גאַנצן באַראַק פון גוט־אָנגעטוענע. גאַנץ באַזונדער האָבן די פּאָר פּראָמינענצלער פון צימער זיך געמוזט יעדן אָוונט באַווייזן אין אַ חיהשער פאַרוואַנדלונג. דאָס זענען געווען מענטשן פון אַן אַנדער וועלט. זיי האָבן פאַרקערט אין אַריסטאָקראַטישע קרייזן, געהאַט מאַניערן; איידעלע און אויסגעשמינקטע רייד וועלכע זיי האָבן אויך דאָ באַנוצטביים צוזאַמענטרעף מיט אַנדערע מענטשן. ווי נאָר עס איז פינצטער געוואָרן אין צימער האָבן זיי אָבער פון זיך אַלץ אַראָפּגעוואָרפן. עס איז נישט מעגלעך געווען אַז אַזאַ שטיל, פאַרחלומט יינגל, — וואָס קוקט אויף זיי פון דער זייט מיט אַ פאַרבאָרגענער פאַרביסנקייט — זאָל צו זיי נישט פילן קיין עקל ביים טרעפן זיך מיט זיי אין די אָוונטן ביי איין טיש.

זיי האָבן עס געפילט — און דערפאַר זיך אויך באַמיט אים נענטער צו מאַכן, רעדן צו אים און באַווייזן זיך פון דער גוטער זייט. עס איז נישט מעגלעך צו פילן אויף זיך אַ פאַראַכטונג פון אַ נאָענטן שכן — און נישט טון עפּעס דערצו. ווי מיט געוואַלד איז מעכעלע אַריינגעצויגן געוואָרן אין די שמועסן, אויסגעהערט די פאַרשידענע דערציילונגען און נישט איינמאָל באַוויזן זיי די שאַרפע צונג. אין צימער האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ נייע שמועס־טעמע: עראָטישע איבערלעבונגען פון אַמאָליקע צייטן. בכדי נישט צו דאַרפן פאַרדעקן דאָס אייגענע טועכץ פון איצטער — האָט מען געזוכט דעם גאַנצן פּראָבלעם צו מינימיזירן, מאַכן דערפון אַ ריין מענטשלעכע פונקציע — אפילו ווען דאָס איז אין דער רויסטער פאָרם. דאָס דערציילן וועגן זיך און וועגן אַמאָליקע דערפאַרונגען אויף דעם געביט —

האָט געוואָלט דורך הינטערוועגן באַוויַיזן, אַז דאָס איז מען נישט ערגער געוואָרן אין די לאַגער־באַדינגונגען — נאָר אויך אין די אַמאָליקע עלע־גאַנטע און סאָלאָנדיקע צייַטן איז מען אַנדערש נישט געווען; ד אָ ס האָט קיינמאָל נישט געמאַכט פאַר אויס סאָלאָן־פּעאיק נאָר אדרבה, מען איז געווען העלדיש, דרייסט און דערפאָלגרייך נאָך אַזעלכע אוואַנטורעס. אוודאי איז דאָס דאַן פאָרגעקומען אונטער זיידענע פּויערהענגלעך, אָפּ־געטיילט פון אַנדערע מענטשנס אויגן — דאָ האָט זיך דערפאַר גאָרנישט געענדערט, אויסער די אַרומיקע ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן ... דערפאַר איז עס דאָך וועדק צו! זאָל מען אפשר צוליב אַ ווענטל אָפּשטעלן די מענטש־לעכע נאַטור, זי זאָל אויפהערן צו פונקציאָנירן?

אַמשטאַרקסטן האָט זיך געקאָכט מיעטעק. ער האָט אַמאָל אָנגע־הויבן שטודירן ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, אויסגעווען אַ שטיק וועלט. אָבער אין דער צייט וואָס זיינס אַ ברודער האָט געמאַכט אַ מעדיציני־שע קאַריערע, האָט אים בעסער געצויגן דער ווייַן און דאָס וואַרעמע לעבן. האָט ער זיך גענומען צו דער ירושה־פאַבריק אָבער גלייכצייטיק געהאַלטן זיך ביי דעם האַלבן נאָכדענקען און ביים צושמינקען מיט פּי־לאָזאָפישקייטן יעדעס אָפּגעטוענע לעבּ־שטיקל. ער האָט זיך גענומען דערנענטערן צו מעכעלען, באַוויַזן פּלוצים אַז ער איז נישט אַזוי אַסימי־לירט. אנשטאָט זיין קנאַקעדיקן פּויליש איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ וואַרשעווער יידיש און דווקא געוואָלט מעכעלען איבערצייגן, אַז דאָס איז ער דער געזונטסטער אויפנעמער פון אַ נאָרמאַל לעבן.

קענענדיק צוגיין צום טיש און געפינען פאַר זיך אַן אָרט האָט מע־כעלע מער נישט גענדאַרפט מיטלעבן דאָס צימער־לעבן, אפילו מיט דער מחשבה. ער האָט זיך ווידער אויסגעזוכט פּאַפיר און פעדער. פון שטאָט האָט מען אים געברענגט עטלעכע קליינע העפטן — האָט ער זיך צוריק געוואָרפן צום שרייבן און זיך נישט זשענירט, וואָס מען זיצט אַרום אים.

באַלד האָבן זיך אַלע גענומען דערמאָנען אַז דאָס האָט ער טאָקע מיט עטלעכע חדשים צוריק אָנגעשריבן דעם פּראָגראַם פאַר די קאָנצערטן. אָט שרייבט ער ווידער! האָט זיך איינער נאָכן אַנדערן געמאַכט, אַז זיי דערמאָנען זיך אפילו זיין נאָמען פון פאַרן קריג... יאָ, זיי האָבן דאָך אים אפילו געלייענט! אַך, דער זכרון אין לאַגער... דער זכרון! די אָנגעלאָ־פענע מיידלעך האָבן פּלוצים דערזען דאָס יינגל מיטן צעשויבערטן קאָפּ האָר זיצן ביים טיש, נישט קוקן אין זייער זייט אַריין און עפּעס אַריינ־

טינטלען מיט דראָבנע אותיות אין זיינע פּאַפּירן. זיי האָבן אויך דערזען ווי אַלע עלטערע נעמען אויסהערן זיינע רייד מיט אַ מאָדנער ערנסט.

דערפאַר האָבן זיי זיך גענומען טוליען צו זייערע קאוואַליערן מיט דערשראָקענעם נייגער און געוואָלט זיך דערוויסן: ווער איז דאָס אָט דער... דער יונגער מענטש מיטן גרויסן שויבער שוואַרצקייט אויפן קאָפּ? מיטעטעק האָט זיך געאײַלט אַלעמען צו ענטפערן. אַזוי ווי געפעלן צו ווערן מעכעלען האָט ער זיי ספּעציעל הויך אויפגעקלערט מיט זיין קלינגענדיקן פּויליש:

— ווייסט נישט? דאָס איז דאָך דער באַרימטער יידישער פּאָעט, וועמענס שאַפונגען מען רעציטירט אויך דאָ אין לאַגער...

טאַקע שניטבוים האָט דווקא געוואָלט פירן מיט מעכעלען דיס־קוסיעס, געוואָלט באַווייזן אַז ער לעבט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַ גאַנצע טעאָריע האָט ער איבערגעניצעוועט פון אַלטע צייטן:

— איר זענט נאָך יונג, ליבער פריינט... איך בויג מיין קאָפּ פאַר אייער אומשולדיקער עמפּינדלעכקייט. מיר זענען אַלע יונג געווען און אַלע האָבן מיר אַמאָל געטראַכט צו זיין הייליקע און וויסן פון ליבע און פון לעבן נאָר אויף אַזויפיל, וויפל זיי רירן זיך אָן מיט הימלישע פליגל. אָבער דאָס לעבן אַליין איז אַן־און־פאַר זיך אַן אידעאַל.. דינען דאָס לעבן קען מען נאָר מיטן נעמען עס, מיטן געניסן דערפון... ווען איר דערשטיקט עס אין זיך — באַליידיקט איר דעם גאָט פון לעבן, איר פאַרוואַרפט אים אין טויט אַריין...

ווי אַן אָראַטאָר אויף דער אמבאנע האָט ער אָנגעצויגן די פּנים־מוסקולן און גענומען שיטן מיט רייד:

— איר זענט איידל, שטיל, צוריקגעצויגן... דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר אייך! אָבער איר זענט דערביי אַ מערדער, אַ פאַרברעכער איבער זיך אַליין. מיר דאַרפן היינט דורכפירן אַ סעלעקציע איבער אונדזערע אַלע געפילן און פאַראורטיילן. איין ציל האָבן מיר היינט: לעבן... אי־בערלעבן! און מיר דאַרפן אָפּטויטן אין זיך אַלע פּרינציפּן און געוווינ־שאַפטן וואָס שטייען אונדז אין וועג. איר זעט, ווי אַזוי די מענטשן גייען דאָ אַרום מיט דערשלאָגענע געמיטער? מיינט איר אַז דאָס איז אַ רעזול־טאַט פון בלויזן הונגער? דאָס איז אויך פון מאַנגל אין פרייד, אין זיסע עמאָציע־איבערלעבונגען. איך וואָלט אויך געווען דער זעלבער, ווען איך זאָל פון זיך נישט אַראָפּוואַרפן די בושה און נישט געניסן פון דעם, וואָס

גיט מיר געגוס, פרייד... אויך די פרויען טאָרן זיך דערפון נישט אָפגרע־נעצן. זיי באַקומען אויך דערמיט מער אינהאַלט, מער שטויס־קראַפט צום לעבן!

שניטבוים איז נאָר געווען דאָס מויל פון די הונדערטער, וואָס האָבן געזוכט אַ שיין וואָרט, צוצודעקן זייער נאַקעטע אויפגעדעקטקייט. זיינע איצטיקע רייד זענען זיכער געגומען געוואָרן ביי אַנדערע לעב־ייגגלעך, וואָס האָבן דאָס זעלבע געהאַלטן אין וואַרשעווער געטאָ, ווו ער איז גע־ווען:

— יעדער פון אונדז האָט מענטשלעכע אינסטינקטן און חיהשע. די ריין־מענטשלעכע פירן אונדז צו אַ זיכערן טויט. מיט זיי קענען מיר קיין צוויי טעג נישט איבערטראָגן; מיט די חיהשע קען מען נאָך גיין אַ טריט ווייטער, זיי קענען אונדז נאָך ראַטעווען. מען דאַרף נאָר קענען מיט זיי לאַווירן, נישט אָפלאָזן צופיל פון דער קייט און שטעלן זיי אין דינסט פון אונדזער מענטשלעכקייט. טאָ זאָגט אַליין: אויב מיר ווילן לעבן — וואָס דאַרפן מיר טון? שעמען זיך? קלאַמערן זיך אין די פיינקייטן וואָס זענען גוט געווען אין יענער רואיקער, נאָרמאַלער וועלט — און דאָ, אין ווערק צע, זענען זיי פאַר אונדז גיפט? איר ווילט זיך פירן אַנדערש — ביטע זייער! קוקט אָבער נישט קרום אויף מיר, ווען איך האָב פאַרוואָרפן אַלע שיינע געדאַנקען און מאַניערן, וואָס כ'האָב דערוואָרבן אין די פאַ־קולטעטן. איך האָב זיי געגעבן אורלויב אויף איבער דער צייט פון מלחמה. איצט בין איך צוריק אַ חיה... נישט בכדי צו מאָרדן, נאָר אויף אַזויפיל, וויפל מיין קערפּער און מיין רעלאַטיווע רו דאַרפן עס האָבן — צו לעבן... מיר וועלן זען ווער עס וועט ווייטער דערגיין...

מיט נייגער האָט מעכעלע צוגעהערט אָט די רייד. ער האָט געוווסט אַז דאָס זענען נאָר געדאַנקען, וואָס זענען געבוירן געוואָרן נאָך אַלעמען — נאָך דעם ווי מען האָט זיך אַביסל אָפּגעקילט און מען דאַרף געפינען אַן ענטפער אויף דער אייגענער בושה. מער נישט. שניטבוים וועט וויי־ניק טון צו העלפן אַ הונגעריקן, כאָטש ער האָט דאָך פריער אַליין גע־וואָלט עמעצער זאָל א י ם העלפן. ווי שנעל זיי האָבן פאַר זיך גע־פונען טעאָריעס! ממש אַ פילאָזאָפיע, וואָס קען גענוג זיין אויף צוויי לאַנגע לעבנס און נישט אויף עטלעכע חדשים ווערק צע:

— די דייטשן מאַכן בלינדע סעלעקציעס. זיי נעמען ווער עס קומט זיי אין האַנט. דעם טויט־אורטייל האָבן זיי אַרויסגעגעבן. מיר האָבן

נישט קיין ברירה. מיר מוזן נאָר זען צו מאַכן אַ קעגן־סעלעקציע. ווייניק יידן קענען לעבן בלייבן... ווער זאָל עס זיין? די אינטעליגענץ? די וואָס האָבן נאָך אַ געדאַנק און קענען שפּעטער נוצן ברענגען... אָט פאַר וואָס איך שטויס זיך, באַנוץ אַלע מעגלעכקייטן צו קענען ווייטער לעבן און אויך דאָ זאָל איך זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם וואָס גיט מיר רו, אויסדויער...

זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט דעררעדט. מעכעלע האָט בלויז געמוזט עפענען דאָס מויל, זאָגן זיינס און אין באַראַק האָט ער אָנגעהויבן פאַררעכנט צו ווערן צווישן די וואָס מ׳דאַרף אויסהערן זיין מיינונג.

— 3 —

טיילמאָל האָט מעכעלע אפילו באַדויערט די שניטבוימס און די קאַנטשערס. סוף כל סוף זענען זיי געווען פאַרמשפּטע צו זייערע גלוסטענישן. זיי האָבן זיך געפונען צווישן אַנדערע מענטשן און דערצו האָבן זיי געהאַט געלט. אויף וואָס קען מען עס אויסגעבן? שניטבוים האָט דאָ עטלעכע וואָכן מוראדיק געהונגערט. דערפאַר האָט ער איצט געוואָרפן זיך צום עסן. דאָס איז ביי אים מער נישט געווען קיין פיזיש געברויך נאָר אַ קרענק אַזאַ. ער האָט אַלעמאָל געמוזט נעמען עפּעס אין מויל אַריין. טייל מאָל האָט ער עס נישט געקענט באַהאַלטן ביזן באַראַק, ביז צום פאַרבאָרגענעם בעט־ווינקל. ער האָט עס געמוזט נעמען פאַר די אויגן פון צענדליקער קנאהדיקע בליקן... דאָס זעלבע מיט דעם עראָטישן אינסטינקט. וואָס טויגן נאָך דעם די אַלע באַשיינטע רייד?

אָבער דער ברוך האָט זיך געטראָגן פון טיר צו טיר. עס האָט אפיל׳ו געטראָפן, אַז טייל פון די באַראַק־איינוווינער, פאָראַרבעטער אָדער פּאָליציי, זענען אַוועק צו דער נאַכט־שיכט. די מיידלעך זייערע וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעקליבן פון די פרויען־באַראַקן, זענען געקומען פריער און געלייגט זיך. אויך מעכעלעס אַ שכן פון איין זייט האָט געמוזט פלוצים אָנהייבן אַרבעטן ביינאַכט. זיין מיידל, אַ קליינע און שלאַנקע מיט לאַכנדיקע ציין האָט זיך נישט געמאַכט דערפון און זיך אַוועקגעלייגט נעבן מעכעלען. אין באַראַק האָט מען אָנגעהייצט און עס איז נישט געווען מעגלעך איינצושלאָפן. מעכעלע האָט זיך איינגעקורטשעט, איבערגעדרייט זיך אויף דער צווייטער זייט און זיך געמאַכט אַז ער זעט

זי נישט. דאָס מיידל, פאַניאַ, האָט זיך אָבער געלאַנגווייליקט. דער וואָס ליגט דאַנעבן שווייגט עפּעס כסדר, קוקט נישט אין איר זייט — און מען זאָגט אויף אים אַז ער זאָל זיין אינטערעסאַנט. און זי? פּונקט ווי אַלע דאָ געהערט זי צו דער אינטעליגענץ. די מלחמה האָט איבערגעריסן איר שטודיום. האָבן זיי זיך נאָר צוזאַמענגעלעבט מיטן ערשטן־בעסטן אויף דערווייל, בכדי צו קענען רואיק איבערקומען די שווערע צייטן. דערנאָך וועלן זיי קענען איבעררייסן, אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין און אפשר גאָר אָנהייבן צו שטודירן און ענדיקן דאָס איבערגעריסענע?

די רייכלעכע געליבטע־זוכער האָבן זיך געוואָלט באַוואָרענען מיט אײדעלע, געלערנטע... זאָלן זיי דאָס אָפּוואַרפן? זאָל זיין אַזוי! אויב דאָס וועט ראַטעווען — וועלן זיי דערנאָך קענען ווערן צוריק אַנדערע... קיינער וועט אין זיי גאָרנישט אָנזען. וואָס איז דאָ וועגן דעם אַריינצוטראַכטן? וואָס טוען זיי דען? זיי הרגענען קיינעם נישט דערמיט! זיי מאַכן זיך נאָך אפילו לוסטיק איבער די ווערק־צע־מענער זייערע; אַלעמאָל טוען זיי אַ פרעג: האָסט ליב? און יענער מוז האַלטן אין איין פאַרזיכערן מיט אַ געדעמפּטער, שושקעדיקער שטים אַז דאָס איז ער נאָר פאַרליבט, אַז נאָר דערפאַר ווייל דאָס איז זי... און ענלעכע רעדערייען, וואָס ביידע הייבן נישט אָן צו נעמען ערנסט.

ווען די שמאָלע, לאַכנדיקע פאַניאַ האָט דאָס ערשטע מאָל אַ שטופּ געטון מעכעלען מיט אַן עלנבויגן — האָט ער אויפגעציטערט. אָט ליגט ער אַליין אַ צעפּאַרעטער, אָן שלאָף אויף די ברעמען און אַלע יינגלערישע דערשטיקטע פאַרלאַנגען לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט אַראָפּשטופּן אין די טוכלע קעלערן אַרום די אברים. ער לויפט אַרום, פאַרגעסט זיך, אָבער ווען אַזעלכע ליגט אַזוי נאָענט — מעג ער זיך שעמען וויפל ער וויל, קען ער דאָך דאָס נאַקעטע נאַטירלעכקייט אין זיך נישט בלינד מאַכן. נאָר זי איז בלויז נייגעריק. וואָס איז זי? אַ קרעציקע? וואָס טוט זי דען? עס איז שווער איינצושלאָפן — ווילט זיך אַביסל רעדן. און אַז זי איז אַ פרוי און ער, נעבן איר, איז אַ יינגל און ביידע האָבן מיילער — פאַרוואָס נישט אויסרעדן זיך, לאָזן שנעלער אַדורכלויפן די פּאָר שעה פון דער פעכיקער נאַכט?

אָט וועט זי אומישנע אָנהייבן רעדן. זי ווייסט דען נישט וואָס אַזעל־כער ווי ער קען איצט טראַכטן? ער איז דאָך אָבער אַ קלוגער, אַ מענטש וואָס טראַכט... אַזוי זאָגט מען. פאַרוואָסזשע זאָל ער אַמאָל נישט הערן?

אוי איז ער אַ נאַר! זי וויל זיך נישט באַהאַלטן אונטער קיין פאַר־שידענע מענטעלעך. עס זענען געווען אַלערליי וועגן צום שטאַרבן. צו קע־נען לעבן — האָט זי נאָר געהאַט איינעם. זי וויל בעסער אָט דעם איינעם. איז דער חשבון קלאָר? אַ יאָר אָדער צוויי וועט זי אַזוי איבערשטופּן. דערנאָך קען מען זיך דערוואַרטן צו אַן אַנדער צייט. וואַרט נאָר: וויפל וועט זי דען סך הכל אַלט זיין דאַן? און פון 24 יאָר אָן וועט זי קענען לעבן גוט און פיין. איצטער טוט זי דען יאָ עפּעס בייזס? נאָר דערנאָך וועט זי זיך קענען אויסקלויבן אַ חתן צו וועלכן דאָס גאַנצע האַרץ וועט ציען, די גאַנצע נשמה... אוי, ווי גוט עס קען איר נאָך זיין דערנאָך, אַזוי־פיל יאָרן!

אך, וואָס ווייסט ער, מעכעלע! ער קען זיך נאָר אויסדרייען און אָפּ־רוקן זיך אַזויווי דאָ וואָלט געלעגן נעבן אים די ערגסטע!

אין דער פינצטער פון באַראַק וואַרפן זיך אירע גלאַטע, ווייסע הענט, באַרירן מעכעלעס נאַקעטע גלידער און ער מוז זיך אָפּרוקן, דערשרעקן זיך. ניין, ער וועט עס קיינעם נישט זאָגן — עס איז אָבער דאָך אַזוי: דאָס האָט ער מורא פאַר זיך! ער וואָלט וועלן זי זאָל זיין נאָך חוצפּה־דיקער, שטיל־פאַרשייט זיך צוטוליען — און ער זאָל אָפּוועגדן, אַוועק־רייסן זיך... אפשר זאָל ער איר גאָר אַ זידל טון, אַ קלאַפּ טון אויך? זאָל זי נישט!

אָבער זי איז נאָר נייגעריק און אירע פראַגן שטעלט זי מיט אַזאַ שטיל קול. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געמוזט ליב האָבן. אַזוי יונ־גיטשקע זעט ער אויס! און טאָמער האָט ער אפילו געהאַט אַזאַ געפיל — האָט ער נאָר געמוזט נאָכקוקן דער אויסדערוויילטער פון זיין האַרץ פון גאָר־ווייט, געצויגן זיך נאָך איר און געהיטן זיך אַז זי אַליין זאָל דערפון נישט וויסן... איז עס נישט אַזוי? האָט זי נישט געטראָפן?...

וואָס איז דאָ צו לאַכן דערפון? וואָס וויל זי איבערהויפּט פון אים, דעם 23־יעריקן יינגל? זאָל ער איר דערציילן וועגן דערשראָקענע און מיאוסע נעכט, איינגעשלאָסענע אונטער שייערן — ווען דער טויט האָט אויף מעכעלען געוואַכט אין דרויסן און אין דעם פינצטערן דערינען האָט וועך אים גענומען דערציילן פון ליבע? זאָל ער איר דערציילן וועגן יענע מינוטן, וואָס האָבן אים איבערגעלאָזט אַזאַ מין האַס צו דער גאַנצער פאַרגעסנקייט וואָס אַ פרוי קען אַמאָל אַרויסווייזן אָדער זוכן אַרויסצו־פּרעסן?

נייך, מעכעלע וועט איר נישט דערציילן, פאַרוואָס ער איז אָט אַזאַ... אַ פאַרבענקטער, אַ צוריקגעצויגענער, אַן אומוויסנדיקער... נאָר פאַרוואָס ער ליגט און הערט, ענטפערט און עס איז אים גוט אַזוי — ווייסט ער אַליין נישט, אָדער האָט מורא דאָס צו וויסן.

— 4 —

די ווייסע דעצעמבער־נעכט האָבן אָנגעהויבן ווערן האַרטער און שטילער. בלויז דער איבערגעשראָקענער מעכעלע האָט אָנגעהויבן שפּירן אין זיך עפּעס פון יענעם חיהשן, וואָס מיטעטק האָט וועגן דעם גערעדט אָפן. די אָנגעהיצטע לופט אין די באַראַקן און אַרום זיין געלעגער האָבן אין אים אויפגעוויירן אַזעלכע טראַכטונגען, פאַר וועלכע ער האָט קיינ־מאָל נישט געוואָלט האָבן קיין אויער. נישט איינמאָל האָט ער זיך אַרויס־געכאַפּט שטיל פון זיין געלעגער, אַרויס כמעט אין גאַנצן אַ נאַקעטער אין דעם פאַרשנייטן דרויסן און געלאָזט זיך אַדורכנעמען דורכן פראָסט. אַ מין כּעס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אויף זיך אַליין פאַר דעם צעקאָכטן בלוט זיינעם. ער האָט מער נישט געקענט זיין אַזוי ווי ער איז עס געווען פריער. דאָ, ביים צוזען אַלץ, האָט ער אוודאי נישט באַוויזן זיך צו באַ־הערשן אויך אין געדאַנק. אַמערגסטן האָט ער אויפגעשוידערט ווען ער האָט איינמאָל דערפילט אַז ער קען מער נישט זיין קאַלטבלוטיק, רואיק. אָט האָט אים די גלייכגעוויכט פאַרלאָזט און באַלד וואָלט ער זיך אַ וואקל געטון, איינגעקלאַמערט זיך אין דער שכנה דאַנעבן, ווילד געוואָרן, פאַר־געסן זיך, געבעטן זי און סתם אויפגעהערט צו טראַכטן...

ער איז אַרויס אין דער קאַלטער, געפרוירענער לופט און אפילו נישט געפילט דעם בייסיקן פראָסט אויפן נאַקעטן לייב. ער האָט זיך אַליין גע־מוסרט, גענומען זיך קילן מיט די לאָגישע רעצעפּטן פון זיין שכל:

— דו ביזט דער זעלבער וואָס זיי דאָ... וואָס רעדלמאַן און די אַנ־דערע! וואָס זיי גיבן נאָך אָפּן — טראָגסטו אין זיך באַהאַלטן... ביזטו נאָך ערגער! דו רעדסט קעגן זיי — דערפאַר שעמסטו זיך אַליין אַזוי צו זיין... דו וועסט זיך אָבער דעמאַסקירן! אָט באַלד וועסטו צופאַלן צו דער נאָענטסטער נעבן דיר און דו וועסט ווערן אויס פרומער פרעדיקער... אַלע וועלן עס זען, לאַכן... דערנאָך וועט קומען ער, פאַניאַס באַשיצער און קוקן אויף דיר מיט די בייזע אייגעלעך, וועלכע זענען אַרומגעזוימט מיט

רויטע ראַמען... ער וועט אפשר זי צוערשט פּליקן ביי די האָר. דערנאָך וועט ער זיך אַ וואָרף טון אויף אים, מעכעלען, שלאָגן זיך מיט אים און מעכעלע וועט אפילו קיין כח נישט האָבן אים צוריק צו טון... יענער האָט דאָס רעכט דערויף. ער האָט זיך פריער אויסגעטון פון אַלע באַוואָרענישן. וואָס טוט אָבער מעכעלע, דער שטילער שרייער, דער פאַרחלומטער? ווער האָט אים געגעבן דאָס רעכט ווילד צו זיין?

ער וויל זיך קילן מיט אַלע פאלגן וואָס זיין פאַנטאַזיע רוקט אים אונטער און דאַך שרעקט ער זיך אַריינצוגיין, אָטעמען די צעשנאַרכטע לופט פון באַראַק. מיט אַ פּאָר קורצע הייזלעך און הילצערנע שטעק־שיך האָט ער זיך געלאָזט אַלץ טיפער אין הויף אַריין און נישט געשפּירט אַז ער גייט, אַז ער דערווייטערט זיך פון באַראַק. די מחשבות האָבן אים גע־שטויסן, געטראָגן און ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי פון אַ זייטיקן, איינגעפינצטערטן באַראַק איז אַרויסגעשפּרונגען אַ באַוואָפנטער וואַכמאַן. מעכעלע האָט געוואָלט אַ טראַכט טון, ווי אַזוי דער ווערקשוץ קומט גאָר אין לאַגער אַריין, שולצע האָט עס פאַרבאָטן... און וואָס האָט ער דאָ גע־טון אין אַ באַראַק, ווען מען האָט פון דאָרט קיין געשריי נישט געהערט? דער וואַכמאַן האָט אויסגעזען צו זיין איבעראַשט: האָט דער ייד אים נאָכגעשפּירט? ער האָט אַ כאַפּ געטון מעכעלען פאַרן האַלדז, אָפּגעלאָזט און גענומען קלאַפּן אים מיט דעם ביקסן־הענטל. דערנאָך האָט ער אים אַ נעם געטון:

— קום!

אַ מינוט איז ביי מעכעלען אָפּגעשטאָרבן דער ווילן. ער האָט ווידער אָנבאַגעגנט דעם טויט. איצט וועט ער אים פירן צו די דראָטן, דערשיסן און דערנאָך באַווייזן אַז ער האָט געמוזט אַריין אין לאַגער אַריין, ער האָט געפּאַקט איינעם וואָס האָט געוואָלט אַנטלויפן און דערפאַר... די גע־דאַנקען ביי מעכעלען האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן. פון די ערשטע קלעפּ איז ער פאַראַליזירט געוואָרן און געלאָזט זיך שלעפּן פון דעם וואַכ־מאַן. אָט זענען זיי שוין אפילו אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, געצויגן נענ־טער צו די דראָטן... מעכעלע וויל שרייען און דער האַלדז איז אַזויפיל אָנגעשטאָפּט מיט געשריי, אַז עס איז נישט פאַראַן מער אין אים קיין שפּאַלט דורך וועלכן זיין קול זאָל זיך אַדורכרייסן. דער וואַכמאַן קען זיך נישט דערוואַרטן ביז צו די דראָטן. עפּעס אַ באַהאַלטענער צאָרן ברעכט אין אים אויס פונדאַסניי און ער מוז שוין נעמען שלאָגן מעכעלען, קלאַפּן

אים פון אַלע זייטן... פון די קלעפ רייסט עפּעס אויף אינעווייניק ביי מע־כעלען. דאָס פּלאַצן אין אים אַלע צוימען. דער ווייטיק אַליין נעמט אַרויס־שרייען. דער אייגענער געשריי הילכט אָפּ אין דעם שטילן אַרום פון די ביימער. אַלץ שלאָפט ווייטער דעם פאַרסמטן שלאָף פון מורא — בלויז ער אַליין, מעכעלע וואַכט אויף, נעמט פלוצים ווידער טראַכטן, איבער־רעכענען... געוואלד! אין אַ פּאָר מינוט אַרום טאַקע וועט קומען דער שאָס... דער סוף!...

ער וועט שרייען און אין אַלע באַראַקן וועט דער פינף טויזנט קעפּיקער גוף זיך נאָך מער איינטוליען אין זיך אַריין, ציטערן אַ בליק טון צו דער טיר... דערנאָך וועט דער הילך פון דער ביקס נאָך מוראדיקער אַ ברען טון דער ווייסער געפרוירנקייט אין האַרץ אַריין... דאָרט, אויף די געלעגערס וועלן דערשראָקענע מיידל־הערצער אַ צאַפּל־טון, זיך צוטוליען נענטער צו אַ נאָענטן און יענע וועלן זיי באַרואיקן מיט צערטלעכע אויסרעדעניש... אויך זי, די לאַכנדיקע, צוליב וועלכער ער איז אַרויס אַ נאַקעטער... דער־נאָך וועט ווידער שטיל ווערן. ער וועט בלייבן ליגן און זיי וועלן ווידער מאָרגן אויפשטיין, גיין צו דער אַרבעט און עמעץ וועט דערציילן וועגן מעכעלעס משוגענעם גאַנג אין דער נאַכט, וואָס האָט אים צוגעענדיקט. וווהין איז ער עס געקראָכן? פאַרוואָס? קיינער וועט עס נישט וויסן, מען וועט שוין עפּעס צוקלערן, אַ שמייכל טון און דערנאָך וועט די פאַרגעסנ־קייט אים אַרויסגנבענען פון אַלעמענס זכרון אַרויס...

...און ער גייט! ער לאָזט זיך שלעפן ביז אַהין, צו די דראָטן ווו אַזויפיל זענען שוין געבליבן ליגן פאַרשטאַרט!... אַן איינפאַל בליצט איילנדיק אויף אין מעכעלעס מח: נישט גיין! די ערד איז איצט איינ־געהילט אין שנייענעם פעלצל אירן און דער מענטש איז אַזאַ נאַר: ער גייט שוין צום טויט און שרעקט זיך נאָך פאַר קעלט! מוז ער זיך אָב־שטרענגען בכדי זיך צו וואַרפן אויף דער ערד, לאָזן דעם שניי קילן אין אים דאָס בלוט... דאַן אָבער קען ער שרייען מיט באַנומענע קולות: איך גיי נישט!!! שלאָגט! הרגע אויפן אָרט! קיין טריט נישט ווייטער!...

דער וואַכמאַן איז מיטאַמאָל צעטומלט געוואָרן. מיט יעדן זעץ זיי־נעם אין מעכעלעס לייב איז ער געוואָרן באַרעכנטער, דערשראָקענער... מעכעלע האָט געשפּירט די ערשטע בלוט־שטרעמלעך אויף זיין לייב און דאָך האָט ער צווישן איין קלאַפּ און צווייטן באַקומען לשון, ווערטער אין

מויל, וואָס זענען אַרויסגעלאָפן צעמישט, דראָענדיק, ווילד און אויפקלע־רעריש:

— שלאָג... דער וואַכפּירער איז נישט ווייט... ער וועט באַלד קו־מען און ער קען מיך... קיינער וועט דיר נישט גלויבן אַז איך האָב גע־וואָלט אַנטלויפן אַ נאַקעטער...

„אַ נאַקעטער!" דער וואַכמאַן איז פּלוצים שטיין געבליבן, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט איצט געזען אַז מעכעלע איז נאַקעט... דאָס האָט אים איבערגעהאַקט אַלע פּלענער. איצט האָט ער שוין גענומען שלאָגן מיט אַן אַנדערן כעס, מיט אַ פאַרדראָסיקער טענה:

— דו, פאַרשאָלטענער! נאַקעט גייסטו גאָר אַרויס!? אין אַזעלכע פרעסט — נאַקעט!?

באַלד האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט און גענומען אַוועקשפּרייזן מיט שנעלע טריט. מעכעלע האָט זיך אַליין נישט געקענט צוגלייבן: איז ער שוין טאַקע אַוועק? ליגט ער אַליין טאַקע נעבן זיין באַראַק? לעבט ער? די פרייד פון ווידער קענען אָטעמען און פון שפּירן אפילו די בלו־טיקע ווייטיקן האָט אים אונטערגעהויבן פון אָרט. ער האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין באַראַק אַריין און צוגעקראָכן צו זיין געלעגער. סטאַ־שעק איז די נאַכט נישט געקומען. איז נאָר געלעגן די ציטערדיקע פאַניע און מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער אים געפרעגט:

— עמעץ האָט געשריגן אין דרויסן... אַזוי יאָמערלעך... האָט איר נישט געהערט?

מעכעלעס ווייטיקן האָבן אים קוים געלאָזט ענטפערן:

— געהערט... האָב איך זיך באַהאַלטן און דערביי געפאַלן און זיך צעקלאַפּט. יאָ, מען האָט טאַקע געשריגן...

די אברים האָבן גענומען אויפגיין פון דער פאַרגליווערטער קעלט. די וואַרעמקייט פון צימער האָט אים מיט עפּעס געוואָלט איבערבעטן, דערפאַר וואָס זי האָט אים געלאָזט ליגן דאָרט אַזוי, שרייען... האָט זי איינגעטוליעט דעם גאַנצן צעשלאָגענעם גוף זיינעם, געגלעט, איינגע־וויגט... עס האָט זיך אים איצט אַזוי געוואָלט איינשלאָפן, נישט הערן וואָס די שכנה פרעגט אים איצט מיט שטילער, אויפגעטייעטער שרעק... וואָס שפּילט זי דען איצט איבערהויפּט פאַר אַ ראָל? ווער קען זי איצט גאָר אין זינען האָבן, הערן וואָס זי פרעגט — ווען ער האָט איצט אַהער אַריינגעטראָגן זיין געפינען לעבן אַזוי שטיל, אַז קיינער וועט עס גאָר

נישט באַמערקן!? דער געדאַנק זיינער וויל אָבער איצט פּלאַפּלען מיט אים אויף דערשראָקן־פריילעכן און גליקלעכן לשון:

— אַט האָסטו ג ו ר ל, באַשערטקייט! וואָס וואָלט געווען, ווען דו טוסט אַן דיין ראָק מיט די הויזן, וואָס וואַלגערן זיך ביי דיין צו־פוסנס? חכם איינער!...

און מעכעלע טאַפּט מיט די צעשלאָגענע הענט אין דער פינצטער די בגדים זיינע, אַזוי ווי איינער וואָס וויל באַקענען דאָס געשטאַלט פון אַ מלאך המוות און גלייכצייטיקן רעטער, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין אַ שטיק צוזאַמענגענייטן געוואַנט...

קאַפּיטל זיבעצן

— 1 —

אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט דער קאַלענדאַר איבער דער וועלט אָפּ־געבן זיינע לעצטע בלעטער די רייסנדיקע הענט און עמעץ וועט אויס־שטרייכן אַ יאָר פון חשבון... שוין טאַקע 1944 — און מיר יידן לעבן נאָך? אַזוי איז עס... מיר זענען נאָך ביי די דייטשן אין די הענט, זיי זענען נאָך צעוואָרפן אומעטום און מיר זענען יידן... און דאָך לעבן מיר...

מעכעלע גייט אַרום און טראַכט וועגן דעם ווי אַזוי זיינע וווּנדן האָבן זיך שנעל פאַרהיילט, ווי אַזוי אַלע האָבן געהערט דאָס שרייען אין יענער נאַכט און קיינער ווייסט נישט ווער עס האָט געשריגן... ער אַליין האָט קוים געקענט איבערחזרן צום וויפלטן מאָל זיין באַהאַלטן זיך און ווי אַזוי ער איז צוגעפאַלן צו אַ טיר, זיך צעבלוטיקט... ווי גרויס נאַר זענען די מענטשן! זיי מיינען אַלעמאָל אַז זיי ווייסן אַלץ... און וואָס ווייסן זיי? מסתמא איז אויך ער, מעכעלע דער זעלבער. שוין לאַנג שטיל געווען אין לאַגער — איז דאָס געשריי געווען אַ געהיימע וואָרענונג, אַ פאַרבאָרגענער אָנזאָג. מעכעלע אַליין קען זיך קוים צוגלייבן בייטאָג, אַז דאָס האָט ער טאַקע געשריגן, אַז דאָס האָט ער אַדורכגעריסן די גאַנצע שטילקייט פון ווערק צע...

נאָר ווערק צע האָט טויבע אויערן. די קאָמענדאַנטן גרייטן עפּעס אַ מין טאַנץ־אָוונט, אַ פייערונג לכבוד ניי־יאָר אויף וועלכער אויך שולצע

זאָל קומען... און נאָך דייטשן וועלן זיין... זיי האָבן אפילו געפרעגט, פאַרוואָס מען אָרדנט בכלל נישט איין קיין פאַרוויילונגען דאָ... זיי דערלויבן עס... „קראַפּט דורך פרוידע!״ — און אויך די יידן מעגן זיך אַביסל אויפהייטערן און דערפון באַקומען מער מוט צו דער אַרבעט. איז פעלאַ גרייט. מען וועט שוין צוזאַמענשטעלן אַ ספּעקטאַקל! זאָלן זיי זען... נישטאָ קיין זאַך וואָס זיי זאָלן פאַרלאַנגען און מען זאָל נישט נאָכגעבן! וואַרט נאָר, מען האָט דאָך אַמאָל געמאַכט קאָנצערטן... עפּעס זענען דאָך פאַראַן אַזעלכע, וואָס מאַכן לידלעך, זינגען...

מאַריאַ, סטאַשעקס הויכע משומדת האָט אויך געהאַט אירע זאָרגן: זיי זענען דאָ אַזויפיל קאַטוילישע... ווו נעמט מען אַ ווייַנאַכטס־בוים? צי וועט מען זיי עס דערלויבן דאָ אַוועקצושטעלן? ניין, זי איז נישט פרום... נאָר צווישן אַזויפיל יידן? איז זי געלאָפן צו שולצען, קוים באַוויזן אים אויפצוקלערן אין וואָס עס האַנדלט זיך. דערנאָך האָבן די פּאָליאַקן גע־מוזט איבערצייגט זיין, אַז זיי מעגן פאַרקויפן איר קאָלירטע ליכטלעך... און ער האָט געפינקלט, דער בוים... און צוזאַמען מיט אים האָבן טריאומ־פירט מאַריאַס געשמדטע אויגן...

שולצע אַליין איז נישט גלויביק. ער איז נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט. נאָר אַלע קאַמעראַדן וועלן זיך דאָך צונויפזאַמלען — האָט ער באַשטעלט אַ נייעם פּינג־פּאָנג טיש... און מעבעלע מוז צו אים קומען מיט אַלע קעסטלעך פאַרב זיינע: אויף ניי־יאָר מוז דער טיש זיין באַצירט מיט אַ משונהדיקער אָרנאַמענטיק און גלאַנצן מיט אַלערליי קאָלירן!... צום ווייפלטן מאָל מוז מעבעלע וואַשן די געשמירטע פאַרבן מיט אַצעטאָן און מאַכן נייע צאַצקעס, ווי שולצען געפעלט...

ערגעצוווּ יאָגן זיך באַרוועסע סאָלדאַטן איבער שנייען, איבער זאַ־ווייען... עס לעשן זיך די לעבנס און צוגן ווערן אָנגעפּראָפּט מיט לעבע־דיקן טויט און מיט זינגעדיקן אומקום... זיי זינגען און ציטערן, די סאָל־דאַטן וואָס שולצע זעט יעדן טאָג — אויף דער באַן־סטאַציע מיט אַזויפיל אייזערנע קנופּן — וואָס פירט דורך ראַדאָם... אָבער שולצע דאַרף אַ פיל־קאָליריקן פּינג־פּאָנג טיש! ער קאַטשעט אַ ביינערן־באַלעכל, שפּרינגט אונטער יעדעס מאָל און קען זיך נישט דערוואַרטן ביז דער טיש וועט זיך אָפּטריקענען... ער שליידערט עס אויף דער פייכטער פאַרב און קומט דערנאָך ווידער צו לויפן, אָדער שיקט זיינס אַן אַדיוטאַנטל:

— דער מאַלער מיט דער פאַרב!... זאָפאָרט!

ער איז אויך גרויסמוטיק, שולצע. אַ האַלבן לאַבן ברויט באַקומט דער מאלער, ווען דער טיש וועט טרוקן זיין — און גלאַנצן דערביי... ער איז אויך פריילעך און גוטמוטיק: דער מייסטער פון אַ גרויסער פאַבריק־האַלע קלאָגט זיך, אַז דאָס גרויסע קעסל ביי אים זשאַווערט... עס דאַרפן באַלד קומען קאָמיסיעס און ער דאַרף אַ טיכטיקן מאלער... פּאַרב אַ סך! און דאָ זעט ער אַז פּאָר שפּיל־טישן...

שולצע וויל היינט נישט בייז זיין. ער דערוואַרט עפּעס... און צופיל זיין אויף די אויגן וויל ער אויך נישט... זאָל ער נעמען דעם מאָלער אויף עטלעכע טעג! אפילו די פּאַרב קען ער נוצן וויפל זיין האַרץ גלוסט. מען דאַרף נאָר דעם מאלער אָנזאָגן מיטן האַרבן וואָרט: די זאַכע איילט!

ליגט מעכעלע אין דעם מעכטיקן, גרויסן קעסל גאַנצע טעג. ער קריכט דאָרט אַרום ווי אַ קליינע טיכטיקע פליג און שמירט אַלע רעדעלעך באַזונדער, די שרייפעלעך, די אינגעווייד. די האלע איז פוסט. פון צייט צו צייט קומען בלויז אַריין די מייסטערס. זיי זעען אים נישט — אָדער נעמען אים נישט אין אַכט: אויך מיר אַ מענטש! טיילמאָל זעגנען זיי שיכור, געפינען אַ כוסה באַצייטנס, פילדערן זיי אין חלל, קלאָגן זיך אויף דער לאַנגער פאַרוואָרפנקייט פון דער היימאַט, דראָען עמעצן... איינער שיסט אפילו אויס אויף קוראַזש... העי, די קריג! זי האָט טאַקע דערשלעפּט ביז 1944! מעכעלע ליגט אין בויך פון קעסל, די הענט ציטערן ביים שמירן די ווענט און ער קורטשעט זיך איין, וויל נישט באַמערקט ווערן... עפּעס רעדן זיי וועגן דעם אַז אָט באַלד וועט מען מוזן אַוועק... וואָס וועט זיין מיט דעם הויפן יידן? דער אַלטער העכט פרייכט: נידערמאַכן! אויס מיט דעם דרעק! פאַר די באָלשעוויסטן וועט מען זיי נישט לאָזן... מען מוז עס מאַכן פריער, איידער עס וועט אויסקומען צו לויפן... אַז נישט — וועלן זיי די ערשטע נקמה נעמען, אָנווייזן די באָלשעוויקעס... פריער וואָלט מען זיי אפשר נישט געדאַרפט אַזוי פייניקן — אָבער אַז עס איז אַזוי געשען — מוז מען זיי צוענדיקן... זיי וועלן עס געדענקען...

און דאָ, דאַנעבן ליאַפּעט אַ יידיש ייִנגל די לאַק־פּאַרב אויף די ווענט וואָס דאַרפן זיך ווידער צעזידן מיט טויט... זעען זיי נישט? זיי זעען! דער מייסטער וואלטער קריכט אפילו אַרויף און אַנטפלעקט אים... זיין רעוואָלווער איז אָנגעשטעלט:

— העי, דו ייד! הערסט אונטער! האָסט געהערט!...

מעכעלע זעט זיין שיכרות, זיין רייסן זיך אים באַלד דאָ צו לאָזן, בייגט ער זיך נאָך טיפער, מאַכט זיך נישט הערן... וואלטער דערלאַנגט אים אַ בריק אין דער זייט אַריין:

— הערסט נישט?

ניין, ער הערט נישט מעכעלע! הערן — הייסט באַלד טויט זיין... דאַרף ער זיך אויפכאַפּן ווי פון שלאָף, אַרויסברומען:

— איך בין מאלער... אַ באַפעל באַקומען צו באַנייען די קעסלען... וואָס ווייס איך?

ציען שוין וואלטערן אַוועק אַנדערע הענט, רעדן אים אויס:

— לאָז אים... האָסט נאָך צייט... דערווייל מאַכט ער זיין אַרבעט... דערביי איז עס אַן אידיאָט, וואָס פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אים... וואָס קען אַזעלכער הערן?

נאָר מעכעלע ווייסט שוין, אַז ער טאָר נישט פאַרבייגיין נאָענט... טיילמאָל שמירט ער זינלאָז, צום ווייפלטן מאָל, דאָס זעלבע שטיק אייזערנע וואַנט, אַבי נישט צו דאַרפן אַרויסקריכן כל־זמן זיי שטייען ביי דער טיר. טיף אין דער נאַכט אַריין שטייט ער אַזוי אויסגעבויגן, כאַפּט אויף אַ וואָרט און פאַרשמירט עס, אַזוי ווי פאַר זיך אַליין מיט אַ כליאַפּיקער ווייסקייט... ער קריכט ערשט אַרויס נאָך דרייצן שעה שטעקן אין קעסל און לאָזט זיך לויפן דורך די פאַבריקס־געסלעך איבערן חושכדיקן שטיק וואַלד צום לאַגער. אים דוכט זיך אַז ער האָט דאָרט געהערט, ווי אַזוי מען האָט צוזאַמענגעבונדן אַלעמענס גורל אין איין פּאַק און דערויף אָנגעהאַנגען אַ קנויט, וועלכע וועט יעדע מינוט אָנגעצונדן ווערן...

ווערק צע שלאָפט אָבער רואיק און איינגעוויגט. איינצלנע פלעמלעך רייצן זיך פריילעך מיט דער מרה־שחורהדיקער נאַכט און מאַכן חוזק אויך פון מעכעלעס איבערגעשראָקנקייט. ביי פעלאן גרייט מען איצט קוכנס און עמעצער פלאַפּלט דאָרט הויך און לאַכנדיק. ביי זיך אין באַראַק איז דאָס מאָל דער קאָרטן־שפּיל עקשנותדיקער און פאַרציט זיך לענגער ווי תמיד. מעכעלע וויל צוגיין זאָגן עפּעס, וואָרענען און ווייסט נישט ווי אַזוי דאָס צו טון. עפּעס דורך אַזאַ טונקעלער וואַכקייט ווייסט ער אַז מען דאַרף דאָ אויף עמעצן רחמנות האָבן, נאָר ער ווייסט נישט אויב דאָס דאַרף ער באַדויערן זיך אָדער זיי...

אַלע רייצונגען אַנטלויפן פאַר אים, ווילן זיך מער צו אים נישט קלעפּן — אַזוי ווי ער וואָלט איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ סמי־

קער מאַסע. וואַרפט ער זיך בלויז אויף זיין געלעגער מיטן געדאַנק גע־שטרעקט צו די אָפּגעריסענע רייד פון די צעקאָכטע מייסטער און ער מוז אָנטאַפּן אין דער לופט יענעם סוף וואָס דערנענטערט זיך אויף די פליגל פון נייעם קאַלענדאַר — וואָס ליגט שוין צעשפּרייט אומעטום...

— 2 —

ווי אַזוי קען ווערק צע אַזויפיל שמייכלען, גרייטן זיך צו פריילעכ־קייט? מעכעלע לויפט אין די פאַרחושכטע באַראַקן, בכדי דאָס נישט צו זען. עפּעס אַ נעץ האָט זיך אָבער אויף אים פאַרלייגט און וויל אים דווקא דערגרייכן. פאַרוואָס זאָל ער אויסן בלייבן? אַט גייט ער פון דעם וואַכ־שטיבל, ווו שולצע זיצט. ער האָט נאָר וואָס געמאַכט פאַר אים עטלעכע אויפשריפטן איבער דער ביוראָ. פון אַ צווייטער זייט קומט אַרויס עפּעס אַ טענצלדיק געשטאַלט פון אַ פרוי. יאָ, זי רופט אים... דאָס איז דאָך די פרוי פליישער! ווי געענדערט זי האָט זיך! אַט ערשט נישט לאַנג האָט זי זיך געריסן די האָר פון קאָפּ ביים אָוועקטראָגן איר מאַן צום טויטן קאַסטן — איצט האָט זי ווידער באַקומען אירע ברוינלעכע קאָלירן. דאָס שיי־גע מויל מיט דער אַרויסגעבויגענער ליפּ ציט זשעדנע אין זיך אַריין די וואַלדיק־קאַלטע לופט און זי קוקט אויף אים אַט אַזוי, פונקט ווי אויך ער וואָלט בלויז געווען אַ טייל פון דער אַרומיקער פרישקייט, וואָס מען דאַרף אין זיך אַריינציען כל זמן מען לאָזט. אירע שוואַרצע אויגן פינקלען:

— מאָדנע... אויך איר אַרבעט דאָ, דאַן ווען איך דאַרף צוזוימען זייערע צימערן... און איר האָט אין דער זעלבער מינוט געענדיקט וואָס איך. איצט גייען מיר צוזאַמען אין לאַגער, יאָ?

מעכעלע ווערט אַדורכגענומען מיט דער איידעלער גוטסקייט וואָס יאָגט פון איר אויף אים. יעדעס מאָל ווען זי רעדט צו אים — ווערט אים גוט, וואַרעם... ער מוז שוין אָבער, ווי עמעצן להכעיס, אַלעמען אָפּענט־פערן קורץ און כמורנע:

— איז וואָס? עס טרעפט...

זי איז אָבער גראָד פריילעך און ווייניקער צוריקגעצויגן ווי שטענ־דיק. דערפאַר גייט זי האַרט נעבן אים און אירע הענט האַלטן זיך אין זיין אָרעם:

— זייט נישט בייז, אָבער איך וויל אייך עפּעס פרעגן: פאַרוואָס ראַזירט איר זיך נישט יעדן טאָג?

מעכעלע וויל ענטפערן עפּעס ווייכס, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אַרויס־וואַקסן פון דער גנעדיקייט וואָס גייט אין אים אויף נעבן איר... דער וואָרעם אין אים ברומט אָבער ווייטער זיינס:

— שיין מאַכן זיך? פאַר וועמען? אפשר פאַר שולצען?

זיין ביטערקייט איבערראַשט זי אָבער נישט. זי איז פּלוצים שטיין געבליבן, אויך אים אָפּגעהאַלטן און אירע ווייסע ציין האָבן אויף אים אַ ווייע געטון:

— פאַר וועמען? פאַר מיר! איך בין שיין, יאָ? טאָ — פאַר מיר! איר הערט?

דער געשריי אונטער איר פריילעכן קער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַלע צאַפּלדיקע אברים אירע... וואָלט דאָס נישט געווען אין מיטן וועג — וואָלט מעכעלע זיכער געווען אַרויסגעוויינט פון אַזאַ מין פאַרבענקטער גערירטקייט. אין אַזאַ גליקלעכער, אומקלאָרער איבערראַשונג וואָלט ער נאָר אָנגעלענט זיין קאָפּ אין איר און געוויינט; בלויז אויסגעוויינט זיך! האָט אָבער דער ווינט גענומען שמייסן בייז דאָס פּנים, ווי אַן אומגעזעענער, אייפערזיכטיקער אויסשפּירער און דער וועג האָט זיך געצויגן פאָראויס צווישן ביידע זייטן וואַלד — ווי אַ ווייסע אויסגעשטרעקטע צונג. דערפאַר האָט אין מעכעלען זיך אַ וואָרף געטון אַ האַרטע ווידערשטענדיקייט, צוזאַמען מיט אַ פאַרבאָרגענעם אומגלויבן אין אייגענעם, טונקעלן גליק... ער האָט עס געוואָלט מאַכן נענטער, זיכערער און קלאָרער... נאָר דערביי זאָל ער זיין ווילן נישט אַרויסברענגען אָפן, מאַסקירן עס אונטער אַן איראָנישער פאַרשטעלעניש, אונטער קלעפּיקן חוזק:

— און אַז שיין מאַכן זיך פאַר אייך — וואָס וועט שוין זיין?

איר עטוואָס־פולער, אויסגעפרעסטער גוף האָט זיך אַ צי געטון אין דער הויך. אויך זי האָט איבערגענומען זיין טאָן, אָדער נאָר ג ע וו אָ ל ט אים איבערנעמען. דער געלעכטער האָט באַוויזן אַרומצושוועבן איבער אירע ווערטער און זיך דאַך אין זיי נישט אַריינגעמישט, נישט געכאַפּט זיי אין דעם קלאַנג אַריין. פון דער שטיפערישקייט אַרויס זענען אירע רייד געקומען שנעל און פייערלעך, אַזוי ווי זי אַליין וואָלט זיי געוואָלט אַרויסרעדן, נישט קענען זיי מער צוריקכאַפּן:

— דאַן וועל איך אייך ליב האָבן!

ביידע צוזאַמען האָט באַגאַסן אַ שעמעוודיקע רויטקייט, אַ מין שרעק וואָס האָט געוואָלט מאַכן נישט דערהערן דאָס גערעדטע און געהערטע... מעכעלע האָט אָן צו ענטפערן געגומען שפּרייזן ווייטער, געזוכט עפּעס איינצוטרעטן מיט די פּאַרביסענע טריט אין וויכן שניי אַריין... אַ טשאַ־טע קראָען האָבן עפּעס צו זיי אַריבערגעשריגן פון ביידע זייטן וואַלד. מעכעלע איז געווען אָנגעגאָסן מיט אַזאַ פייניקדיקן תענוג, מיט אַ שיכרות וואָס ער האָט געדאַרפט ערשט צעלאָזן צווישן די קעמערלעך פון זיין מח... המ... אַזויפיל האָט ער שוין געלייענט און געהערט פון ליבע. ער אַליין האָט זיך נישט איינמאָל אַזוי געדאַנקענלאָז נאָכגעצויגן אַ גע־שטאַלט... אָט אַזאַ מין פרעדזשען למשל... ער האָט אָבער יענע אַלע ציע־נישן קיין נאָמען נישט געגעבן, נישט געלאָזט זיך אָנטון אין אַ באַגריף, אין דעם דאָזיקן וואָרט... און ער האָט עס אויך פון זיך פאַרטריבן! קיינ־מאָל האָט ער נישט געפּרוווט טראַכטן וואָס ער וועט ענטפערן; וואָס ער וועט טון ווען ער וועט דאָס דאָזיקע וואָרט הערן פון עמעצן אומגע־ריכט, געווענדעט דירעקט צו אים.

איצט האָט ער עס געהערט! אין מיטן וועג צום לאַגער, צווישן שוואַרצן געקראַק פון די קראָען, אויפן וועג פון שולצען אין ווערק צע... אַ פאַרכליניעטע פרייד שטיקט אים ביים וואָרפן צו איר נאָך אַמאָל פאַר־גנבעטע בליקן: אָט זי... זי אינגאַנצן... דאָס גאַנצע געשטעל אירס האָט איצט זיך אָנגערופן צו אים... ליב האָבן! אים ליב האָבן?...

פון ווייטנס ווינקען זיך אָבער שוין איבער די לאַגער־באַראַקן... און צווישן זיי איז דאָ אויך מעכעלעס באַראַק... און דאָרט ווערט די נאַכט אָנגעשטאָפּט מיט אַזעלכע רויע קרעכצן... און דאָרט קייכט די נאַכט מיט אַזעלכע וואַלגערנישן, צוליב וועלכע מעכעלע בייסט זיך, וויל ערגעץ באַ־האַלטן זיך אויף שטענדיק פאַר אַלעמען, קיינעם מער נישט זען... אויך דאָרט האָט זיך עס אָנגעהוין מיט ווערטער פון ליב האָבן. מעכעלע האָט עס נישט געהערט און ווייסט עס דאָך, אַזוי־וי פון זיך אַליין. מוז דאָס שיינע, וואָס גלעט אים איצט אַזוי, זיך ענדיקן געגוי ווי ביי זיי? טאָ וואָס צאַפּלט ער זיך, פאַרוואָס פליט ער דורך די טריט, וואָס קריצן זיך איין מיט שוואַרצע, קויטיקע צייכנס אין בלאַנקן שניי?

וואָס מער זיי דערנענטערן זיך צום לאַגער — אַלץ שווייגעוודיקער ווערט ער, מעכעלע. דאָס איז נישט בלויז שווייגן. דאָס איז אויך אומ־

פאַרמיידלעך טרויער... פאַרוואָס רוקן זיך אַרויס די באַראַקן פאַרן אויג גראָד אַצינד? אַ צ י נ ד ! ?

דער טויער קרעכצט שטאַרק אונטערביים עפענען זיך. אויך זי שווייגט, וויינט מיט די בלאַנקע, צוגעשאַרפט־לאַכנדיקע ציין. ביידע האָבן פּלוצים געפונען און פאַרלוירן עפּעס קלאָרס און גאַר־באַגערטס אָט איצט, אָט איצט — כאָטש ביידע שעמען זיך דאָס צו באַווייזן און טיף אין זיך מודה צו זיין דערויף.

ביים אַריינקומען אין לאַגער האָבן ביידע געפילט אַז זיי דאַרפן עפּעס זאָגן. זיי האָבן אָבער אויך געוווסט, אַז דאָ וועט עס נישט געזאָגט ווערן; וועט עס נישט זיין דאָס וואָס מ׳דאַרף! יעדער ברום וועט איצט קאַליע מאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף און וואָס מוז ווייטער זיין, אַזוי ווי עס איז אויפגעקומען. ביידע דאַרפן עפּעס פאַרמאָגן וואָס זאָל גלעטן דאָרט אינעווייניק בלויז פאַר זיך און דער צווייטער זאָל דערפון אפילו נישט וויסן... דערפאַר האָבן זיי ביידע געשוויגן.

נאָר אַז די וועגן ווערן זיך באַלד צעגיין און די באַראַקן נעמען שוין רופן יעדן צו זיך — האָט די פרוי פליישער פאַר עפּעס זיך דערשראָקן. אָט וויגן זיך שוין די טענצלדיקע טריט פון אַזויפיל מיידלעך אַרום, זיי גייען מיט אַ רוף אין די אויגן, מיט אַ בענקשאַפט... און מעכעלעס אויגן זענען ווייך. וואָס קען זיין מיט אים אין אַ שעה שפּעטער? איר טיפע, פּלוצימדיקע שרעק האָט זי צוגעהאַלטן אויפן אָרט, נישט געלאָזט שטום אַוועקגיין. אויב זי קען מער נישט נאָכגיין — מוז זי כאָטש מיטשיקן אירס אַ וואָרט, אירס אַ שמייכל וואָס זאָל עס אַרומהילן און אויך דאָס וואָרט זאָל א י ם עקבערן, נישט לאָזן פאַרפאַלן גיין אינעם תהום פון רויטע ליפּן און גרויסע, שוואַרצע אויגן. האָט זי שנעל אַ זאָג געטון, אַריינלאָזנדיק איר שמעקעוודיקן אָטעם פון דער נאָענט, מעכעלען אין פּנים אַריין:

— איז וועט איר זיך שוין איצט ראַזירן יעדן טאָג?... זאָגט מיר צו!

וואָס נאָך האָט זי געקענט פאַרפעלן צו זאָגן אין אַזעלכע ווערטער? אָבער מעכעלען האָט שוין אַרומגענומען די לופט פון די באַראַקן, דער אָפּקלאַנג פון די אָנגעשפּיזטע, צעאָטעמטע נעכט און ער איז געוואָרן להכעיסדיק זיך אַליין, זיין משוגעדיק־פאַרחלשטער שוואַכקייט... אינעווייניק האָט זיך עס געריסן צו איר, געזוכט איינצוגראָבן זיך אין איר

האָר־פּאַרקעמטקייט און אויפהערן מער צו זיין דער האַרטער, דער ברוגזער טראַכטער... אויס! זאָל זי אים אָנהענגען אין זיך ווי אירס אַ גליד — און קיינער זאָל עס נישט וויסן — אָדער זאָלן אַלע וויסן! נאָר דער עקשנותדיקער היטער אין אים ענטפערט אָפּ ווי אַ באַוואָפנטער זעל־נער ביי דער זייט פון אַ געפאַנגענעם:

— ניין... כ׳וועל זיך פאַרלאָזן אַ באָרד... כ׳וועל נאָך מיאוסער ווערן, אויסשמירן וועל איך זיך...

דער קלאַפּ איז געווען אַ שטאַרקער און ביידע האָבן דערפילט די ווייטיקן. זי האָט זיך פּלוצים איינגעקורטשעט, פינצטער געוואָרן און גע־נומען אָן אַ וואָרט אַוועקאיילן מיט ביטערדיק־שיכורע טריט... מעכעלע האָט איר געוואָלט נאָכאיילן, צוריקנעמען, זאָגן איר עפּעס ווייכס און ווייגענדיקס. נאָר זיינע פיס האָבן אים אַ הויב געטון, ווי צוויי פרעמדע פאַרכאַפּער — און אים אַוועקגעטראָגן צו זיך אין באַראַק אַריין...

— 3 —

דער וועג צום וואַכשטיבל פירט דורך דער זעלבער שמאָלער סטעזש־קע. דערפאַר קען שוין רחל באַגעגענען מעכעלען, ווען זי וויל נאָר — כל־זמן מעכעלע מוז נעמען זיינע פעגדזלען און פאַרב און זיך לאָזן אַהין. זי אַרבעט דאָרט אויך און גייט אויך אַהין. איז וואָס, אַז מען טרעפט זיך? דאָס מאָל גייט זי אָבער צוזאַמען מיט איר חברטע, סאַראַן. יענע איז נידעריקער, דיקער — נאָר די אויגן פינקלען מער און בליציקער. מיט יע־נער ביי דער זייט פילט זיך רחל פליישער פעסטער, פרייער. אַז מעכעלע גייט דאַנעבן און שווייגט פאַרכמורעט — קען זי אפילו מיט פריילעכן טרויער אים נעמען אויף דער צונג, אָפּלאַכן פון אים... די דיקע סאַרא איז אפילו אַ בעלן צו וויסן פאַרוואָס אַזאַ יינגל זאָל קיינמאָל קיין שמייכל נישט טון. זי ווייסט אפילו אויף זיכער, אַז דאָס אַלץ נעמט זיך דערפאַר וואָס ער האָט נישט קיין קוזינקע ווי אַלע און פאַרוואָס דאָס איז אַזוי קען זי נישט וויסן. אדרבה, אויב ער ווייסט נישט וואָס צו רעדן צו זיי — זאָל ער זיי עס זאָגן. זאָל ער ענטפערן דערויף...

רחל איז איצט אויסגעצויגן, מיט אַ קאָפּ העכער פאַר דער חברטע. זי קען נישט פאַרבאָרגן איר דינע, פאַרשטעלטע הנאה דערפון... גלאַט אַזוי. דאָך וויל זי פאַרלויפן דעם וועג, פאַרכאַפּן מעכעלעס ערשטע ווער־

טער אויף אַזאַ דרייסטער ווענדונג. זי אַליין וויל זיכער איצט נישט וויסן, פאַרוואָס זי פאַרלויפט אַזוי דעם וועג פאַר זיינע רייד מיט אַזאַ האַסטי־קער איילעניש:

— אַ „קוזינקע" מוז פריער זיך איינלעבן... זי וויל גלאַטקייט, עפּעס אַזוינס... נו, מעכעלע לאָזט דאָס נישט האָבן... ער לאָזט זיך נישט ליב באַקומען... ער באַהאַלט זיך אונטער אַזאַ אָפּגעזונדערטער וואַנט, וואָס ער אַליין שטעלט אויף...

סאַרא לאָזט זיך מכלומרשט נישט איבערצייגן. זי שטרעקט אויס איר פול, ווייך הענטל און ווענדט אָפּ איר חברטע מיט געמאַכטער וויצ־לעכקייט:

— וואָס הייסט? ווו האָסטו אַ וואַנט? אַט וועל איך אים נעמען גלעטן און שוין... אויס וואַנט! ער וועט נישט לאָזן?

און מעכעלע שפּירט די צעשטיפטע, ווייך־פליישיקע הענטלעך אַי־בערן פאַררויטלטן פּנים זיינעם... ער וויל אָפּווענדן, אָפּשטויסן, נאָר ער לאָזט ווייטער שטעקן אומבאַוועגלעך זיין פּנים צווישן די צוויי ווייסע פליגל... רחל לאַכט הויך און באַנגיק. דאָס פאַרדריסט זי, פאַרוואָס זי קען נישט זיין ווי די דיקלעכע סאַרא, זי וועט עס קיינמאָל נישט קאָ־נען... דערפאַר ווערט זי אין מיטן הילכיקן געלעכטער אַזוי ערנסט:

— נו, מיר גייען אַזוי און פאַרגעסן אַז דאָס איז נישט קיין באַ־ראַק... מיר זענען אין מיטן וועג... עס קען אָנטראָגן אַ ווערקשוץ — און קיין צרות וועלן מער נישט פעלן.. דערנאָך וועט מען אונדז פירן מיט אַ וואַך, אַזויווי אַמאָליקע צייטן...

אַלע דריי האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין צוליב וואָס די דאָזיקע ווערטער זענען איצט געפאַלן. זיי האָבן זיך שנעל אויסגעגלייכט אין אַ גייענדיקער ריי און פאַרדראָסיק אַריינגעשוויגן אינעם פאַראויסדיקן וועג אַריין. בלויז מעכעלען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ האָט אים די סאַרא אויס־געטון אַ נאַקעטן, אַראָפּגעריסן די גאַנצע מאַסקע פון זיין שטרענגקייט. דאָס האָט אים ווייט געטון און פאַרשעמט, אַזוי ווי מען וואָלט אים אָקאָרשט געכאַפּט ביי אַ גנבה וואָס ער פירט שוין אַדורך אַ לאַנגע צייט, קיינער זאָל נישט זען. ער האָט דערפאַר געוואָלט פאַרדעקן זיין טוליען זיך אין סאַראס הענטלעך און דערביי פאַרשרייען אויף די אייגענע, אַי־נערלעכע ליגנס. צוליב דעם האָט ער נישט געוואָלט דערלאָזן דאָס ווייַ־טערדיקע שווייגן, אין וועלכן עס איז נאָך געלעגן אומבאַרירט דער אייג־

דרוק. דערפֿאַר האָט ער גענומען בייזערן זיך, רעדן מיט געמאַכטער היץ, אַזוי ווי צווישן רחלס ווערטער און זיינע וואָלט אין צווישן גאָרנישט געשען:

— פֿון ליבע רעדט איר! אַז דאָ, אין ווערק צע פּרעסט מען די ליבע ווי פּאָרציעס ברויט... מען קייעט איינער ביים צווייטן די געפּילן ווי געקויפטע שטיקלעך ווורשט... מיך עקלט דערפֿון!

סאַראַ ווערט אויך פֿון דעם נישט נתפּעל. איר געלעכטער שלאָגט אים איבער די רייד:

— איר ווייסט? סך הכל זענט איר אַ קינד. איר זעט אַלץ און ווילט אַלץ אָנרירן מיט די פֿינגער... איר ווילט עס סכנותדיק, נאָר איר האָט מורא... אַלצדינג רופֿט אייך און איר ווילט די שרעק דערפֿאַר נאָר פֿאַרשטאַרקן מיט דער מאַמעס דראָאונגען. אַלץ איז פֿאַר אייך ניי, ציִענדיק און פֿרעמד — און דערפֿאַר... דאַרף מען אייך דערפֿאַר נעמען ווי אַ קינד מיט שטאַרקע הענט. איר מעגט דריגען מיט די פּיסלעך, וואַרפֿן זיך — וועט איר שוין שפּעטער איינשלאָפֿן צופֿרידן אויף די הענט וואָס טראָגן אייך... איר האָט נאָך ווייניק געזען קינדער און איך האָב זיך ליב געהאָט צוצוקוקן...

מעכעלע האָט געוואָלט אָפּענטפֿערן מיט עפּעס בייסיקס, שאַרפֿס. ער האָט שוין אָבער קיין כח נישט געהאַט צו מאַכן אפֿילו דעם אָנשטעל. זי האָט זיכער געשפּירט דעם פֿלאַמיקן ציטער פֿון זיינע אָנגעגליטע באַקן — וועמען זשע וועט ער נאַרן? דערפֿאַר האָט ער זיך נאָר געקענט פֿאַרלוירן צעשמייכלען. דער וואַלדיקער וועג האָט זיך אַזוי ווי אין מיטן איבערגעריסן. די ציגעלנע בנינים האָבן זיך באַוויזן איילנדיק און דראָענדיק ווי מונדירטע פּאָליציי, וואָס דערמאָנען, אַז מען דאַרף אויפֿשטיין צו דער אַרבעט. דערפֿאַר האָט סאַראַ קוים באַוויזן צו ענדיקן:

— ווען איך זאָל נאָר קענען, וואָלט איך עס אייך שוין באַוויזן, נאָר...

און דערביי האָט זי מיט שטיפֿערישן מיטלייד שנעל אַ בליק געטון אויף איר חברטע...

— 4 —

אין מעכעלעס באַראַק איז יעדע נאַכט אַ יום־טוב. רעדלמאַן האָט באַזאָרגט אַ גרויסן, אייזערנעם אויוון. פֿון אַלע זייטן האָט מען אָנגע־

טראָגן האַלץ און קוילן — האָט דער אייזערנער מיוחס געגליט, רויט געוואָרן און געשאָסן מיט הייסן דאַמף צום טיש און צו די בעטלעך. די באַראַק־מיידלעך האָבן זיך גענומען באַזאָרגן מיט טעפּ און נישט אָפּגע־טראָטן פון די אייזערנע רינגען אין דער הויך. דאָס האָבן זיי גענומען פירן באַלעבאַטישקייט און קאָכן פאַר זיך און פאַר די ליבהאָבער. זיי האָבן געדולדיק געוואָרט איינע נאָך דער צווייטער אויף זייער ריי צו די קאָ־כעדיקע רינגען און דערביי געהאַלטן אין איין געבן עצות דער, וואָס איר טאָפּ האָט איצט געזאָטן און געפּאַרעט... זיי האָבן זיך שטאַרק צוגע־בונדן צווישן זיך, ווי שותּפטעס צו אַ געהיימער פאַרשווערונג און וואָס נאָר איינע האָט זיך דערמאָנט פון געהערטער קאָך־קונסט אין דער אַמאָ־ליקער היים — האָט זי שטיל אַריינגעשושקעט דער קאָכנדיקער אויפן אויער:

— נאָך איין לעפל זאַלץ... אָט, נאָך אַ טראָפּעלע...

אַלע זענען געשטאַנען אַרומגעשטעלט ביים אויוון און געלערנט איינס דאָס צווייטע:

— אָט וועסטו זען, באַלד וועט עס פאַרשמעקן דעם באַראַק... אַז איך געדענק ווי ביי אונדז אין דער היים...

אין דרויסן האָט געקנאַקט דער פראָסט און אין לאַגער איז שטיל. נישט אין אַלע באַראַקן האָט מען מיט וואָס אייננצוהייצן — איז דאָרט קאַלט, אַז די הענט גליווערן... דערפאַר זוכן זיך אַ סך אויס אַ תּירוץ, בכדי זיך אַריינצוכאַפּן אויף אַ פּאָר מינוט אַנוואַרעמען אין „אַריסטאָ־קראַטישן" באַראַק. אפילו אַ פּיקרינער פּרוווט אויך אַמאָל זיין מזל... עס העלפט נישט, וואָס דער גראָבער אבראַם פּאַלט צו מיט די פויסטן און דראָט צו עפענען ביי זיי די געלע קעפּ. ווי נאָר איינער לויפט אַרויס מיט שרעק — קומט באַלד אַריין אַ צווייטער. אויך די מיידלעך פון די נאָענטע באַראַקן דערמאָנען זיך אין דער קאַנטשאַפּט זייערער מיט די הינעדיקע איינוווינערס און קומען זיך אַלעמאָל פרעגן עפּעס אַנדערש. דערביי בלייבן זיי שוין קלעפּן אַרום דער קיך און קענען זיך נישט אָפּרייסן. בכדי זיך צו מאַכן נוצלעך אין דעם פרעמדן, וואַרעמען באַראַק — העלפן זיי געבן עצות דעם מיידל, וועמענס טאָפּ עס שטייט און בלאָזט פון זיך... דאָס דאַרף הייסן, אַז זיי זענען נישט געקומען זיך וואַרעמען נאָר בלויז צולערנען אַביסל מיט זייער קענטעניש דער יונגער באַלעבאָסטע וואָס איז פון דעם באַראַק און האָט דאָ אַן אָנגעזעענעם באַשיצער...

אין יענעם אָוונט האָט מעכעלע גראָד געקויפט אַ גאָר טייער מאכל, אַ האַלבע קילאָ רויע קאַרטאָפל... דאָס בלויזע באַזיצן פון קאַרטאָפל איז אַ צייכן פון רייכקייט, פון האָבן אַ שייכות צום דאָזיקן באַראַק. נאָר ער האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל אים זיי אָפּקאָכן... דערביי האָט ער גע־וואָלט פאַרגרעסערן די הנאה און נישט איינשלינגען זיי אויפאַמאָל. זיי קאָסטן טייער און ער וועט זיי עסן דאָס ערשטע מאָל אין וועָרק צע. אויך דאָ האָט זיין געדאַנק עפּעס צוגעטראַכט.

די באַראַק־מיידלעך האָבן אים דרך־ארצדיק צוגעלאָזט נאָענט צום אייוועלע. איז ער געשטאַנען אַן אַרומגערינגלטער פון זיי, צעשניטן יעדן קאַרטאָפל אויף דינע פּענעצלעך און זיי קונציק צוגעקלעפּט צו דעם איי־זערנעם, צעגליטן געשטעל פון אויוון און צו די רערן. די היץ האָט שנעל אויסגעזויגן די פייכטקייט פון די פּלעצלעך און זיי זענען אָראָפּגעפאַלן אויסגעבאַקענע איינס נאָכן צווייטן. מעכעלע האָט זיי שנעל אויפגעכאַפּט און מיט תאווהדיקער הנאה זיי געשלונגען, נישט זעענדיק צוליב דעם קיינעם פאַר די אויגן... ער האָט דערפאַר קוים דערהערט אַ קענטלעך קול, וואָס האָט מיט געמאַכטער וויציקייט אַריינגעשעפּטשעט אין אים פון הינטן־אַרום:

— אַלץ נעמט איר פאַר זיך? אָט אַ פּרעסער... און אַ צווייטן דאַרף מען שוין נישט מכבד זיין? אפשר פאַרשמעקט עס עמעצן? אַזוי האָט איר געלערנט אַמאָל תורה?

מעכעלע האָט אומגערן אויסגעדרייט דעם קאָפּ. עס האָט אים פאַר־דראָסן, וואָס עמעצער רייסט אים איבער. ער האָט אָבער דערזען אַן אי־בערראַשטער די פאַררויטלטע פליישער, וואָס האָט פאַרלוירן געפינטלט מיט די אויגן — ווי זי וואָלט זיך נאָך אַלץ געשראָקן פאַר די ווערטער וואָס זי ברענגט פון זיך אַרויס מיט איינמאַליקער געוואַגטקייט. מעכע־לע האָט גענומען כאַפּן האַסטיק איין אויסגעבאַקן פּלעצעלע נאָכן צווייטן און ביים האָבן אַ גאַנצן הויפן האָט ער עס איר דערלאַנגט מיט אַ זשעסט פון אַ גענעראַל וואָס שענקט עמעצן די פרייהייט...

זי האָט זיך צוריקגעצויגן אַ פּאָר טריט און אַרויסגעברומט חרטה־דיק:

— זעט, איר מיינט עס טאַקע ערנסט... איך האָב זיך נאָר אַ וויץ געמאַכט! עסט געזונטערהייט. אַז איך האָב עס גאַרנישט ליב...

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט אַ פאַרשעמט וואָלקנדל און זי

האָט זיך גענומען צוריקציען אַלץ מער — אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט צו זיין וואָס ווייטער פון אָרט, וווּ זי האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט. אין מעכעלען האָט זיך אויפגעוועקט דער קאַוואַליר. ער האָט דערפאַר אָפּגעלאָזט זיין פּלאַץ נעבן איווון און זיך איר נאָכגערוקט נעענטער, ביז צום פענצטער נעבן דער טיר. זי האָט זיך פאַרפאַלן אַראָפּגעלאָזט אויפן קראַנץ פון מעכעלעס בעטל און ער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט באַפעל אין איר האַנט:

— נעמט... איך בעט אייך!

אירע אויגן האָבן צוריקגעפונען דעם דרייסטן, שעמעוודיק־שטיפערישן בליק:

— אַזוי!? איר בעט מיך... און אַז איך וועל אייך בעטן — וועט איר מיר אויך צוליב טון?

מעכעלע האָט שוין געוואָלט עפּעס צוטראַכטן אַ חכמהלע, זי האָט אָבער נישט געוואָלט לאָזן, אַז ער זאָל דאָ עפּעס זאָגן. אירע גלאַנציקע ליפּן האָבן זיך נאָר ברוגזלעך איינגעצויגן:

— איך זע שוין, אַז די פּאָר רויע קאַרטאָפל אין טאַש בריען אייך... איר ווילט שוין צוריק זיין נעבן די הייסע רערן און דאָרט קלעפּן אייערע פּלעצעלעך... דאָס איז ביי אייך וויכטיקער! אָבער דאָך וויל איך אייך בעטן: דאָ איז אַזוי הייס... עס איז אַזאַ טומל! טאָ לאָמיר אַרויסגיין אַביסל. די לופט איז אַזאַ געזונטע!

מעכעלע איז ערנסט געוואָרן און איר נאָכגעצויגן. אויף דער גאַס האָט מען זעלטן ווען געזען עמעצן. בלויז עטלעכע פּאָליציי זענען שנעל פאַרבייגעלאָפן און מיט צופרידענער איראָניע אַ געשריי געטון:

— אוי, ווען מען זעט דאָ! דאָס צדיקל מיט דער רביצן ראָמאַנסירן שוין אויך... אָט איז דאָס אַ וועלט! אויף אַלעמען קומט די צייט...

זיי האָבן שווייגנדיק זיך אַרויפגעצויגן העכער, צו דער וואַלדיקער זייט. רחל איז שטיין געבליבן ביי אַ בוים און אָנגעכאַפּט וואַרעם מעכעלען פאַר אַ האַנט:

— הערט אויס! וואָס איז זיך לאַנג פּאַראַן צו שפּילן? איך קען נישט זיין מער אַליין. נאָך דאָ האָב איך געהאַט אַ מאַן, איז ער אומגעקומען. איצט בענקט זיך מיר... איך פיל אַז איך וועל דאָ נאָך מסוגל זיין אָפּצוטון אַ נאַרישקייט... העלפט מיר!

איר איבערגיין פון פריילעכקייט צו פאַרצווייפלטן בעטן האָט מע־

בעלען דערשיטערט. ווי געוואלד, ווי זי שרייט עס אַרויס! וואָס קען ער טון? אפשר זאָל ער גאָר אַנטלויפן, נישט שטיין קיין רגע מיט איר דאָ, צווישן די ווייס־געהילטע ביימער? זי האָט אַלץ אַרויסגעפּילט פון זיין שווייגן און דערפאַר עס געוואָלט פאַרטרייבן וואָס שנעלער, אַריינציען אים אין אירע רייד אַריין וואָס שטאַרקער:

— איר ווייסט, איך בין געווען אַ בית־יעקב־לערערין, אַ פרומע... ערשט דאָ האָט מיך דאָס לעבן אַ פּאַק געטון, אויפגעבראָוזט אין מיר. וועל איך זיך לאַנג נישט קענען האַלטן... איך פיל אָבער, אַז דערנאָך וועל איך פון זיך שטיקער רייסן, זיך אַליין באַשפּייען... דעם טויט וועל איך אויף זיך בעטן! נאָר דאָס וועט ערשט זיין ד ע ר נ א ָ ך . פריער וועל איך מ ו ז ן הפקר זיין. איך האָב נישט דעם כח זיך צו ווערן קעגן בליקן, קעגן הייסע באַרירן... איך ווייס אַז דאָס טאָר נישט זיין — אָבער ע ס וו ע ט ! וויל איך אייך נאָר איינס זאָגן: איר ווייסט פון וואַנעט דאָס נעמט זיך? פון דעם וואָס איך האָב נישט קיין נאָענטן, קיין שטאַרקערן!

נאָך אַ מינוט כאַפּן דעם פּראַסטיקן אָטעם האָט זי גענומען רעדן האַסטיקער, אַזוי ווי דער עיקר וואָלט איר געגאַנגען אין אַרויסרעדן פון זיך וואָס זי טראַכט, ווייטער גאָרנישט:

— איר זעט? איר זענט אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער... אָבער אויך איר וועט דאָ מוזן ווערן אָט אַזאַ... אַזוי ווי אַלע דאָ! אַזוי ווי א י ך — זענט א י ר און נישט אַנדערש... צי וואָלטן מיר זיך נישט גע־קענט העלפן איינער דעם צווייטן? פאַרוואָס שעמען ז יי זיך נישט, אַלע פון אייער באַראַק? איך ווייס אַז עס וועט מוזן דערביי זיין דאָס זעלבע, ווי ביי אַלע, אָבער מיט אייך וועט אַלץ ביי מיר אַרויסקומען איי־דעלער, ריינער... מיר וועלן ביידע נישט פאַרגרעבט ווערן דערביי: איך — אַ פרום מיידל און איר — אַ ישיבה בחור... וועט עס שוין סיי־ווי נישט קענען זיין ווי ביי רעדלמאַנען און ביי קאַנטשערן... טאָמער ווער איך מיטגעריסן מיט איינעם אַזאַ — וועל איך ווערן דאָס ערגסטע און אייך ווילט זיך מיר איינטוליען ווי אַ גרויס קינד. איך קוק אייך שוין נאָך אַזוי לאַנג און טראַכט אַלץ, אַז איך קען זיין אין אייך אָנגעבונדן יאָרן, אפילו ווי מען טוט עס אין ווערק צע — און דאָך זאָל איך זיך דער־נאָך פילן ריין, אַזוי ווי ביזן טאָג פון מיין גיין אין געטאָ אַריין. ווילט איר נישט צוהעלפן מיר — כ'זאָל ריין בלייבן? דערנאָך, אַז מען וועט אי־בערלעבן — קענט איר גיין וווהין איר ווילט, איר קענט מיך איבער־

לאָזן! כ׳וועל אייך נישט צוהאַלטן... נאָר איצט — לאָזט מיך נישט אָפּ! איך וועל זיין דער שאָטן אייערער, כ׳וועל אייך צוהיטן, ריין האַלטן, אייער זיין אינגאַנצן — — —

מעכעלען האָט זיך געגלוסט זי אָנצונעמען פאַר אַ האַנט, גאָר נאָענט איינציען אין זיך — נאָר דער געדרוי פון זיין באַראַק האָט אים ווידער אויפגעטויכט פאַרן אויג: זיין אַזוי ווי אַלע דאָ? ביין! ערגעץ אַנדערש ווען ער טרעפט זי... ווען אַרום זאָל אַלץ אַזוי שטיל זיין און ער זאָל זי קענען אַריינפירן אַזוי שטיל צו זיך, ווי ער האָט לאַנגע יאָרן געחלומט וועגן זיין ערשטער נאָענטקייט מיט אַ פרוי... ער זאָל קענען לאַנג קוקן אויף איר, בלויז קוקן... און זי אויף אים... דערנאָך זאָלן זיי זיך בלויז אויסמישן, אויסלעשן מיט דער אַרומיקער, אַלייניקער שטילקייט...

וויפל יאָרן האָט ער שוין אַזוי אַרומגעפּוצט דעם דאָזיקן געדאַנק זיינעם? זיין בענקשאַפט? מיט יעדן טאָג האָט ער זיך אַלץ שענער אַרויפ־געהויבן און ווייטער געוואָרן פון דער אַרומיקער מיאוסקייט. איצט קומט זי און וויל עס זאָל זיך ענדיקן! דער חלום זאָל אָננעמען איר געשטאַלט און אַלץ זאָל זיך איבערדרייסן, אַרויסצאַפּלען מיט בלוט־געשרייען, ווען פון איין זייט וועט ליגן סטאַשעק און פון דער צווייטער זייט וועט ליגן און קייכן די לאכנדיקע פאניא... און דער גאַנצער באראק וועט העלפן מיטשנאָרכן מיט תאווהדיקע ברומערייען — — —

ער האָט זיך האַסטיק אַ ריס געטון פון איר האַנט. אין מח האָט עס בושהדיק אַ פּיק געטון: ווי אַזוי האָט ער געקענט דערפון טראַכטן, לאָזן זיך איינזיסן פון אירע רייד, פון זיינע אייגענע צערייצטקייטן? אָט דאָ? אָט אַזוי? ער איז זיך אַליין נמאס געוואָרן, שפלדיק... דערפאַר האָט איר ווייך געבעט זיך אויך נאָר געקענט אַריינקנעטן אין זיינע עקלערייען. ער האָט זיך צעשריגן, נישט פילנדיק אַליין אַז ער שרייט:

— ביין, פרוי פליישער! איך וואָלט אייך אפשר נאָכגעגאַנגען ביזן צווייטן עק וועלט... אָבער נישט ד אָ! דאָ ציט מיך און דערבייי עקלט מיך פון דעם געדאַנק, פון אַזעלכע רייד, פון אייך... און איך האָב אייך... ליב האָב איך אייך! דערפאַר זאָלט איר שווייגן... דערפאַר זאָלט איר זיין ווייטער פון מיר, אויסמיידן... איך וואָרן אייך! דאָ וועט עס מיט מיר נ י ש ט געשען!

עפּעס אַ פויגל האָט זיך פּלוצים אַ גליטש געטון מיט אַ פּיסל אויף אַ בוים. אַ צווייג האָט זיך געטון אַ טרייסל און זיי ביידע באַשאָטן מיט

שניי. אין אירע שוואַרצע האָר האָבן זיך צעבליצט דורך דער נאַכט־טונקל עטלעכע ווייסע דיאַדעמס. דער פויגל האָט זיך דערשראָקן, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ די גאַנצע צייט עפּעס אונטערגעהערט און איצט האָט מען אים אַנטדעקט. ער האָט זיך דערפאַר אַוועקגעלאָזט מיט צעפּאָכעטקייט, אָנזאָגן אין דער ווייט אַ בייזע בשורה... רחל האָט זיך אויסגעגלייכט, שטאַר געוואָרן — אַזוי ווי די אַראָפּגעפאַלענע שניי־פּעקלעך וואָלטן אין איר פּלוצים פאַרקילט די וואַרעמע געבעטן. זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט און מעכעלע האָט נישט געקענט וויסן, אויב דאָס וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ דעם שניי אָדער זי מיינט גאָר אָפּצוטרייסלען פון זיך די אַלע מחשבות און רייד פון פריער...

זי האָט זיך איינגעבויגן נענטער צו אים און מיט אַ גיפטיקער צישעריי אים אָנגעקוקט:

— צניעותדיק זענט איר!... פרום ווי אַ קאַץ... אַ צדיק... אָבער ווי שלעכט איר זענט! אַ רשע! אַ זינדיקער, קאַלטער, געפּיללאָזער מענטש! אָט אַזעלכן האָב איך נאָכגעקוקט... דאָס האַרץ אים נאָכגעטראָגן אין דער שטיל!... אָבער קויפמאַן מיטן באַנדיטישסטן פּאַליציאַנט זענען בעסער פאַר אייך! איר זאָלט עס וויסן! אַזעלכע צדיקים ווי איר דאַרף מען האַסן, נאָכשפּייען! און איך האָב אייך איצט פיינט באַקומען... ערגער ווי דעם טויט! איך וועל שוין בעסער זוכן מיטלייד ביי איינעם פון די שלעגער... אַזעלכער וועט מיר גיכער שענקען אַביסל רו, איידער אַזאַ בוימלדיק, אויסגעאיידלט פּנימל וואָס פאַררייסט די אויגן צום הימל מיט אַ פרומען זיפץ... ווי איך האָס אייך איצט!...

מעכעלע איז צוריקגעטראָטן אַ פּאָר טריט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט באַלד וועט זי אים אַריינזעצן די אויסגעשטרעקטע נעגל אין פּנים אַריין... זי האָט אָבער גאָרנישט געטון. אירע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט רעזיגנירט און ווייבערדיק. אויך זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָראויס און זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער, אָן זיך אומצוקוקן אויף צוריק. מעכעלע איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע פאַרגליווערט. דערנאָך האָט ער זיך זינלאָז אַראָפּגעלאָזט און געזוכט מיט די אויגן עפּעס אַרויסצולייענען פון אירע טריט־שפּורן אין שניי... ער האָט אָבער דאָרט גאָרנישט געקענט דערזען. האָט ער זיך מיט ציטערדיקע טריט אַוועקגעלאָזט צו זיך אין באַראַק.

דאָס פייער איז שוין געוואָרן קלענער. אַ סך פון די פּאָרלעך און

איינצלנע באַראַק־לייט זענען שוין געלעגן אויף די פּריטשעס און שטיל זיך געסודעט. מעכעלען האָט זיך געגלוסט צו וויינען ווען ער האָט זיך שנעל אַוועקגעשליידערט אויף זיין אָרט. אַ משוגענער געדאַנק האָט אים געפּרווּוט דערמאָנען, אַז נאָך היינט האָט דאָ נעבן אים נאָך עמעץ גע־קענט ליגן און עס האָט אים געקענט גוט זיין, גלעטנדיק אַזוי... ער האָט פאַרקריצט מיט די ציין, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמיט פאַר־מעסטן איבערצובייסן דעם גאָרגל ביי דער מחשבה זיינער...

איז גוט געווען וואָס גראָד היינט איז נישט סטאַשעק און נישט דאָס מיידל געווען. האָט טאַקע קיינער נישט געזען ווי אַזוי מעכעלע האָט אַזוי שטום אַריינגעוויינט אין די האַרטע ברעטער אַריין...

— 5 —

אוודאי איז מעכעלע נישט מער ווי אַ ייִנגל מיט שוואַך, געררייצט בלוט אין זיך. אויב ער האָט דאָרט, אין יענער ווערק־צע נאַכט זיך קעגנ־געשטעלט עפּעס שרעקלעכס און ציענדיקס — איז ער דערביי נישט גע־ווען מער ווי אַ פּחדן, אַ מורא־האָבער פאַר דעם נייעסטן אין זיין לעבן. ער איז אויך געווען איינגעגלויבט אין זיין אומבאַפלעקטקייט און דער־פאַר האָט ער עס נישט געוואָלט אָפּגעבן אַזוי לייכט, אַזוי אָפן און אַזוי גנבהש־נידעריק. דאָס האָט ער אָבער דאַן נישט געוואָלט מודה זיין. אַ גאַנצער העלד איז ער ביי זיך געוואָרן, געוואָלט זיך איינרעדן, אַז דאָס האָט ער זיך ווייטער געהיטן ריין צו בלייבן; נישט אַרונטערפאַלן ביז אונטער דעם ווערק־צע־פּסיכאָזו... נישט נאָכגעבן די אייגענע נידעריקע באַגערן. פאַר די אויגן האָט ער געשלעפּט פון זכרון דאָס געשטאַלט פון איר פריערדיקן צעריסענעם מאַן, געוואָלט מאַכן מיט געוואַלד אַז יענער זאָל אים וואָרענען, דראָען און שטערן...

אָבער דאָס ייִנגליש־אומוויסנדיקע, נייגעריקע געפיל האָט אים גע־צויגן, אַז ער זאָל איר ווייטער נאָכקוקן שטילערהייט, בענקען נאָך איר און זיך רייסן צו איר פון דער ווייטנס... אַ גראָב געפיל אַזאַ — אָבער טיף איינגעגראָבן אין אים. נאָר זי האָט עס אויפגעכאַפּט פון דער ווייט און זיך אָפּגעקערט פון אים פאַרביסן. ווי נאָר זי האָט אים דערזען, האָט זי זיך שטאָלץ אַ וויג געטון אויף די פולע היפטן און אַזוי ווי אַוועקגעשווו־מען אין דעם ים פון באַליידיקטער בענקשאַפט. דערנאָך האָט זי מעכעלע

ווידער גענומען זען נאָענט פון זיך. דאָס איז געווען ווען זי איז נאָענט געוואָרן מיט איינעם, אַ הויכן און פעסטן יונג. ווען זי האָט געזען מעכעלען זיך אַרומדרייען איבערן הויף, האָט זי יענעם געצויגן צוצוגיין נענטער — כאָטש דער געזונטער בחור האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי איז דערמיט אויסן. ער האָט איבערהויפּט ווייניק פאַרשטאַנען. ער האָט נאָר געקענט פעסט אַ נעם טון די שווערסטע זאַך אין זיינע פעסטע הענט ווי אַ לייכט שפּילצייג. דערפאַר איז אים גאָר שווער געווען נאָכצוטראָגן זיין אייגענעם געדאַנק ביז צו דער ווייטקייט פון אירע איינפאַלן.

ער האָט זיך דערפאַר ווילנלאָז געלאָזט ציען פון איר ביז אין מעכעלעס זייט. נאָר בעת ער האָט דערזען מעכעלען האָט ער צו אים דרך־ארצדיק צוגעווונקען. זי האָט דערפאַר זיך פאַרלוירן גערויטלט און ווי עמעצן צו להכעיס האָט זי מעכעלען דרייסט אַריינגעקוקט אין פּנים, זיך שאַרף און אומפאַרשעמט איינגעטוליעט אין דעם יונג און אַזוי ווי געבליבן הענגען אויף זיינע אייזערנע אָרעמס. דער יונג האָט נישט געקענט פאַרשטיין צוליב וואָס זי, די איידל־צוריקגעצויגענע בייסט זיך איין מיט פייער אין זיינע ליפּן גראָד איצט, פאַר אַלעמענס אויגן. ער האָט זי דערפאַר לייכט אונטערגעהויבן און אַוועקגעטראָגן ווייטער. בלויז איר להכעיסדיקער בליק איז הענגען געבליבן אין מעכעלען און ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. דערפאַר האָט ער גענומען אויסמיידן דאָס אָרט, ווו ער האָט זי נאָר געזען. אויך דאָס האָט זי אַזוי ווי דערפילט פון זיך אַליין און גענומען זיך באַווייזן נאָענט פון אים. ווען זי האָט געוווּסט אַז ער זעט, האָט זי געלאַכט הויך, געלאָזט זיך פון אַלעמען אַרומנעמען און גערעדט אַזעלכע רייד וואָס זי אַליין איז קיינמאָל נישט אימשטאַנד געווען פון זיך אַרויסצוברענגען. זי האָט מעכעלען אפילו נישט אָנגעבליקט, אָבער ער האָט געוווּסט גענוי, אַז דאָס שיקט זי די ווערטער און אירע געלעכטערס נאָר צו אים: אָט, זאָל ער זען און וויסן!

מעכעלע האָט געליטן פון אַ דערשטיקטער אייפערזוכט, פון אַ קרענקונג וועלכע ער האָט געוואָלט פאַר עמעצן אויסבאַהאַלטן און דאָך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע זעען און דערקענען. האָט ער זי פיינט באַקומען, געמאַכט זיך אַ שנאה וואָס האָט די טיפערע ווענטלעך פון זיין האַרץ אפילו נישט אָנגערירט.

איינמאָל בלויז האָט ער זיך מיט איר באַגעגנט. דאָס איז געווען אויפן שמאָלן וועג צו דער פאַבריק. זי איז אַזוי ווי אומווילנדיק אַנטקעגנ־

געקומען, אַ צעפּלאַמטע, אַ צעפּריילעכטע און שטיין געבליבן. מעכעלע האָט געוואָלט ווייטער גיין, אָבער זי איז צוגעשפּרונגען, פאַרהאַלטן אים און גענומען שטיל און חוזקדיק אַריינשרייען אין אים:

— אָט דאָס איז זי! די ערשטע צייט האָט זי זיך געמאַכט פּאַר אַ שטיל און פרום באַשעפעניש. זי האָט אַזוי שיין און פאַרבענקט גערעדט, געצויגן זיך צו דער איידלקייט און געוואָלט זיך צוטוליען מיט דער גאַנ־צער, פרומער ווייבלעכקייט... זי האָט געזוכט נאָך אַזאַ באַשעפעניש ווי זי און האָט עס געפונען. האָט יענער נישט געוואָלט — דאַרף מען נישט! דאַרף מען נישט זיין אַנדערש ווי אַלע און נישט בעסער... אין דער ערד אַריין דערמיט! זי איז איצט פרעך און פריילעך... אַ מכה זאָל עמעץ וויסן וואָס אינעווייניק אין האַרץ טוט זיך... זאָלן זיך די שטילע צדיקימ־לעך וואַשן די זיידענע הענט און זיך אָפּרוקן... זיי זענען דאָך אין גאַר־נישט שולדיק... זיי קענען נאָר שטיל מוסר זאָגן און קוקן מיט פאַרדאַכט אויף איר, כאָטש דאָרט אינעווייניק ביי זיך האָבן זיי זי דאָך באַגערט גלייך ווי אַנדערע... נאָר זי ווייסט שוין איצט אַנדערש: אויב נישט דאָס איידעלע, דאָס ליכטיקע — קען זי דאָס מיאוסע געפינען אין שטאַרקערע הענט, אין גרעבערע...

מעכעלע האָט קעגן זיין ווילן איר געוואָלט עפּעס זאָגן — דווקא האָט עס געזאָלט זיין ווייך, מיטליידיק... אָבער זי האָט נישט געלאָזט:

— איצט האָב איך מיינס אָפּגעזאָגט. טראַכט וואָס איר ווילט, טוט וואָס איר ווילט... איך האָב ביי אייך עפּעס געזוכט, כ'האָב געוואָלט זיך ראַטעווען, ווי ביי אַ גזלן זיך געבעטן... וואָס האָט דען אייך געריִרט? טאָ רעדט נישט ווייטער, איך בעט אייך! איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון באַרג. כ'ווייס, אַז ביים פאַלן וועל איך זיך צעשיטן אויף שטיקער — דערווייל איז מיר אָבער גוט, אוך, ווי גוט! איך פלי אין דער לופטן... יאָ־יאָ, איר וועט נאָך אַמאָל פאַרשטיין מיינע רייד...

און מעכעלע האָט שפּעטער נישט געקענט פעסטשטעלן, אויב דאָס האָט זי אים געגעבן אַזאַ וואַרעמען גלעט איבערן פּנים, אָדער דאָס האָט זיך אים נאָר אַזוי אויסגעוויזן...

...דאָס לעצטע מאָל האָט ער זי שוין געזען נאָך אַלעמען. ערשט נאָך דעם ווי דער הויכער, געזונטער יונג איז אַנטלאָפן — און זי איז אים נאָכגעלאָפן... די פּויערים האָבן טאַקע געמעגט דערציילן ווי אַזוי זיי ליגן ביידע דערשאָסן אין וואַלד צווישן אַזויפיל אַנדערע — מעכעלע

האָט זי אָבער געזען... זי איז ווידער געקומען ביינאַכט, אַרונטערגעגנבעט זיך אונטער מעכעלעס ברעמען און אונטער זיין שלאָף און דאַן האָבן זיך אירע שעלמיש־טונקעלע ליפּן ווידער צעעפנט. און זי האָט גערעדט...

עס האָט נישט געהאָלפן וואָס מעכעלעס גוף איז אָוועקגעטראָגן געוואָרן איבער אַזויפיל גרענעצן. זי איז געוואָרן קליין ווי אַ פּינטעלע, וואָס האָט געגנוג צו קלעפּן אויפן מינדסטן אָרט — און זי איז מיטגעקומען. און אַ מנהג האָט זי זיך געמאַכט: זי בייזערט זיך נישט מער, זי וואַרפט נישט פאָר — נאָר דערציילט:

— אַז ע ר איז דאָס געווען — בין איך אים נאָכגעלאָפן ביזן וואַלד... און אַז איך בין אים נאָכגעלאָפן — האָט די קויל אויך מיך געטראָפן, אָט דאָ, אין מיטן דער שלייף, ווו די לאַנגע האָר מיינע האָבן זיך ליב געהאַט צו טוליען. וואָלסטו דעמאָלסט ביינאַכט געזאָגט איין וואָרט: גוט! בלייב איך נעבן דיר, הענג אָן מיין געדאַנק אויף דער האָפענונג... דאַן וואָלט איך נישט אַזוי צעלאָזט געוואָרן און עס וואָלט מיך נישט געצויגן דערנאָך צו מאַכן אַ סוף מיט דעם אַלעם! איך וואָלט אויך נישט געדאַרפט אים נאָכלויפן און — געבליבן... איצט, וואָלט איך שוין זיכער געווען זיך אַרומגעדרייט אויף דער פרייער וועלט, ווו איך וואָלט דיין שוץ מיט געוואַלד נישט געווען פאַרלאַנגט... איך וואָלט שוין איצט זיכער געווען אַ מוטער, אויסגעטראָגן אַ קינד און עס געקושט, געצערטלט... אך יאָ, דו ווייסט דאָך אפילו נישט, ווי אַזוי איך קען צערטלען עמעצן, בפרט נאָך אַ קינד — — — דו ביזט אַ צדיק אַ גרויסער, אַ שטילער אַזאַ, אַ געהיטענער... גאַנצע טעג האָסטו אַ פול מויל מיט מאָראַל און אויך איצט גייסטו באַלד אַוועק ערגעץ אויסשטראָפן די וועלט, די גאַנצע מענטשהייט, ווילסט דאָרט דערציילן, שטורעמען און מאָנען... וויל איך דיך נישט אויפהאַלטן מער... איך האָב עס דיר נאָר דערציילט און כ׳דאַנק דיר פאַרן אויסהערן... איצט גיי דיר צו דיינע איידעלע אַרבעטן, מיין ריינער מלאך! דיינע הענט זענען ריין און די נשמה — אויך...

נאָך יעדן מאָל וואָס זי קומט און טענהט — רייסט מעכעלע געשפּענסטיק אויף זיינע אויגן אין דער נאַכט אַריין, וויל שרייען און קען נישט... ער קוקט נאָר אין די קנויטיקע שאָטנס, וואָס ווירבלען ווי די שדים אַרום זיין קאָפּ. איצט איז שוין רחל נישט אַזוי קלאָר. זי האָט זיך שוין איצט ווידער שאָטנדיק צעטאַנצט. די גאַנצע נאַכט איז בלויז אַ שטיק געקנעט פון אירע האָר און די רעשט פון איר ציט זיך צוריק אַזוי

ווייט, אַזוי ווייט... נאַר, זעט אויס, אַז זי האָט יעדעס מאָל וועמען אי־בערצולאָזן נאָך זיך, וואָס משפט אַלע מאָל פונדאָסניי: שולדיק אָדער נישט שולדיק? מעכעלע זעט קיינעם נישט און זעט אַלעמען... דערפאַר וועט ער שוין זיין גאַנץ לעבן זוכן זיך אַליין קודם קלאָר צו מאַכן: שול־דיק אָדער נישט שולדיק? און דאָס אַליין איז דאָך שוין אַן אורטייל, אַ משפט איבער זיך! ער וועט נישט אנטרינען פון זיין מאַטערניש, כאָטש פאַר אַלע וועט ער בלייבן באַפרייט, נישט באַשולדיקט... איבער די נאַכ־טיקע קאָשמאַרן האָט קיינער נישט צו באַפעלן! איבער דעם שאָטן פון רחל פליישער — אויך נישט... וועט זי קומען אַזוי און פרעגן מיט אירע נישט־פרעגנדיקע ווערטער און מאָנען וועט זי, דאָס וואָס קיינער קען איר שוין מער צוריק נישט געבן, מעכעלע אויך נישט. זי ווייסט עס און קומט בלויז אויספירן דעם אורטייל יעדעס מאָל פון דאָס ניי...

שווייג זשע שטיל, מעכעלע... דאָס איז ד יי ן ג ו ר ל ...

(סוף פון ערשטן טייל)

צווייטער טייל

דער לעצטער פּייַן...

קאַפּיטל אַכצן

— 1 —

דאָס יאָר 1944 איז געקומען אַנצולויפן בייז און פּראַסטיק. אַ ווייַ־סער בעזעם האָט זיך צעהוליעט איבער די קעפּ און אַלעמען געשמיסן אין די פּנימער מיט אויפגערייצטער רוגזה. עס האָט אויסגעזען ווי די פרישע טעג פון נייעם יאָר וואָלטן זיך געבייזערט פאַרוואָס עס הערשט נאָך דאָ אומעטום אַזאַ אומאָרדענונג. אין די צייטונגען, וווּ מען האָט דאָס נייע יאָר באַגריסט מיט גרויסע, דיק־בייכיקע אותיות האָט מען שוין פון קיין לע־בעדיקע יידן אין פּוילן נישט גערעדט. איבער גאַנצע ווייטקייטן מיט שטעט האָט מען שוין קיין יידישן אָטעם נישט געהערט; טויזנטער שטעט און דערפער זענען געבליבן ליידיק. וויפל די דייטשע אַרמיי איז נישט צוריקגעלאָפן — איז אויפן וועג נישט געווען אַנצובאַגעגענען קיין פרייען ייד — און דאָ, פּלוצים: אַ לאַגער מיט יידן! זיי זיצן דאָ גאָר רואיק, ראַ־מאַנסירן, ליבן זיך און זייערע הערצער קענען נאָך אפילו שפּירן די י ס ו ר י ם פון ליבע אויך... ווי קען דאָס זיין? ווו זענען אַלע געזעצן און די הייזעריק־בייזע רעדעס פון דייטשן „פירער"? ווער האָט זיך דאָס געריכט אַנצוטרעפן אין פּוילן פון 1944?!

אָבער די בליקן פון די ס. ס.־פירער, וואָס קומען אַ קוק טון אין דער פאַבריק זענען איצט מאַכטלאָז. נאָך פ אַ ר זיי זענען געקומען אַלער־ליי קאָמיסיעס און געקראָכן איבער די יידן־באַראַקן מיט זייערע ווייס־געשליפלטע אַקסלען און די הויכע אָפיצירן־היטלען. זיי האָבן געוואָלט וויסן ווי אַזוי דאָ לעבט זיך, אויב די צוואַנגס־אַרבעטער „האָבן זיך נישט אויף וואָס צו קלאָגן" און ווי אַזוי זייער געזונט־צושטאַנד זעט אויס...

שולצע האָט געהייסן מיט בעזעמס אָפּשאַרן דאָס שניי פון די קאָ־לירטע אויפשריפטן אויף די ווענט — און זאָלן זיי זען! סקאַרזשיסקאָ איז

איצט געוואָרן אַ וויכטיקער פונקט אויף דער מאַפּע, דאַרף מען מער אַכ־טונג געבן דערויף. ביז איצט האָבן די גרויסע לייט אין דער ווייטער וועלט נישט געוואָלט וויסן פון אַזאַ אָרט, איבערגעלאָזט עס פּאַר דר. ראָסטן מיט דאלסקין... נאָר איצט לאַכט אַרויס דאָס ברעקעלע שרייפט פון די דינע מאַפּע־ליניעס:

— נישטאָ מער כאַרקאָוו... נישטאָ מער דער דאָנעצער בעקן... אוי, וואָס ביי אייך איז שוין אַלץ נישטאָ! דערפאַר בין איך נאָך דאָ... און איך רויש מיט מיינע מאַשינען און איך שפּייז מיט מיינע קוילן און גראַ־נאַטן — נאָר איר הרגעט מיינע מענטשן... טאָ ווי אַזוי זאָל איך אייך געבן דאָס וואָס איר דאַרפט?

זענען זיי געקומען פון ווי־ווייט און געפאָרשט. אפילו דער גענע־ראַל־דירעקטאָר פון לייפּציק, בודין, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ סוויטע און אַלע האָבן געהאַלטן אין איין פאַרצייכענען ביי זיך פאַרשידענע נאָ־טיצן. פון דעם וואָס די פּאָליציי און קאָמענדאַנטן האָבן באַוויזן אונטער־צוהערן דאָ און דאָרט האָט זיך באַקומען, אַז זיי האָבן זיך געבייזערט פאַרוואָס מען האָט דאָ געלאָזט אויסשטאַרבן צענדליקער טויזנטער בעת... יאָ, דאָ וועט מען דאַרפן איבערנעמען אַ טייל פון דער געווער־פּראָדוקציע אין גרויסן מאַסשטאַב!

האָט מען געמומען שמועסן דערפון אַז ס'וועט איצט מוזן גוט ווערן, גאָר גוט! מען וועט דאָ מאַכן אַ סך אויסבעסערונגען, אַבי די יידן זאָלן געזונט זיין און אַרבעטן; נישט פאַרפעלן קיין טאָג אין דער פאַבריק און נישט אָנמאַכן קיין שאָדן מיט זייער אָוועקשטאַרבן גראָד א י צ ט...

עס האָט אויסגעזען, אַז אין די רייד איז געלעגן אַ שטיק אמת. די סקעפּטיקער פון ווערק צע האָבן טאַקע געמעגט אַרויסברענגען פון זיך די געפערלעכסטע פאַרדאַכטן: אויב די אָנגעזעענע הארן קומען ביזן לאַגער אַריין איז עס נישט גלאַט! אַלע בייזע גזירות וועט עס ברענגען... דאָס אַלץ האָט נישט געשטערט דער קאָמענדאַנטין, פּעלאַן, צו באַקומען אַ דער־לויבעניש אויף פאָרן קיין קראָקע און אָנקניפּן קאָנטאַקט מיט עפּעס אַ יידישן דאָקטאָר, וועלכער איז געווען אַמאָל אַ יידישער שרייבער און רעזשיסאָר. ביי אים זאָלן זיך וואַלגערן פּעק מיט געלט פאַר יידנס וועגן — און טאַקע ער וועט עס באַזאָרגן ווערק צע מיט שפּייז, מעדיקאַמענטן און אַנדערע גוטע זאַכן.

אויך די מייסטערס האָבן גענומען לעצטנס רעדן מיט אַן אַנדער מין שפּראַך... טאָ וואָס דרייען די אייביקע קלאָגער מיט די צינגער און האַקן דעם קאָפּ מיט די שוידערלעכע פּלאָטקעס און השערות? אַלע סימנים ווייזן אַז עס וועט גוט זיין, עס הויבט ערשט אָן גוט צו זיין!

בלויז דער טויט האָט זיך שטיל אַריינגעגנבעט צוזאַמען מיטן נייעם יאָר. ער האָט אָנגערירט יעדעס בעט באַזונדער, געמאַכט זיינע צייכנס און געוואַרט. זיין צוגרייטונגס־אַרבעט איז געטון געוואָרן אָן רעש, אָן באַמערקט צו ווערן פון וועמען... א י ם דערזעט מען שטענדיק צו־שפּעט, בפרט אין ווערק צע. האָט מען זיך ערשט געכאַפּט דערויף, ווען אין איינעם פון די פּרויען־באַראַקן איז אַ קראַקעווער פרוי געבליבן ליגן, נישט קענענדיק גיין צו דער אַרבעט. באַלד איז אַריינגעקומען אַ דאָקטאָר און פעסטגעשטעלט: ט י פ ו ס!

מלכל מיט אַלעקן, די צוויי סאַניטאַרן האָבן זיך טאַקע געמעגט וויצלען אַז קיין ערגערע צרות זאָלן אין ווערק צע נישט געשען — אָבער דער טויט לאַכט נישט פון קיין וויצן. אויפן צווייטן טאָג זענען שוין געלעגן צען און אויפן דריטן טאָג האָט מען שוין די קראַנקע גענומען ציילן אין די הונדערטער... פון אַלע זייטן האָט מען גענומען טראָגן די טיפוס־ניקעס אין דעם קראַנקן־באַראַק אַריין און וויפל מען האָט זיך נישט באַמיט צו האַלטן די זאַך שטיל — איז נישט מעגלעך געווען. מען האָט אומבאַדינגט געמוזט אָפּנעמען נאָך אַ באַראַק און פאַרוואַנדלען אים אין אַ שפּיטאָל. ביז מען האָט אים באַוויזן צו מאַלן און רייניקן האָבן דערווייל די קראַנקע גענומען שטאַרבן. פינף... זיבן... צען... טאָג־טעגלעך אַזוי!

ווידער האָט דער פחד אַ פּאַק געטון. איצט האָט מען געהאַט זיך צו שרעקן פאַר אַזאַ כח, קעגן וועלכן מען קען זיך נישט פאַרשטעקן, נישט אויסמיידן... וועמען וועט ער רופן מאָרגן? עס נעמען פאַלן יונגע בליענדיקע מיידלעך, הויכע יונגען ווי די ריזן — וואָס וועט זיין ווייטער? גראָד איצט פעלן אין די פאַבריקן הונדערטער הענט יעדן טאָג! די מייסטערס שרייען און שולצע קומט אַלעמאָל צו לויפן און דרייט נערוועז מיט זיין לאָם הענטל:

— ווען זיך אַלע טאַקע אַוועקלייגן? וועלן מיר דאָ אויסהאַלטן אַ קראַנקע וועלט? דערשיסן וועט מען אייך דאַך! אַלעמען אויסשיסן!...

נאָר דער רעוואָלווער האָט אַ קליינע מאַכט. איבערצייגן די היץ אַז

זי זאָל זיך אָפּטראָגן — קען ער אויך נישט... איז וואָס, אַז מען מאַכט אַ סעלעקציע? מאָרגן וועלן זיין אַנדערע הונדערט קראַנקע! דער מיסט־קאַסטן איז ווידער פול מיט געלע גופים און דאָס גויישע פורל האָט נישט קיין כח אַזויפיל צו שלעפּן. מען האָט געמוזט צושטעלן נאָך אַ שידלאָוו־צער יונג צו אַ פּאָר פערד און ער מוז כסדר קורסירן צווישן איין ווערק און דעם צווייטן... טאָמער גייט אַזאַ שטערבלעכקייט ווייטער — וועט אין פאַרלויף פון דריי חדשים סייווי קיין איין ייד נישט בלייבן!

שולצע שרייט, רעוועט, דראָעט — און דאָך מוז ער דערנאָך וויי־כער ווערן. ער דערלויבט צו מאַכן אַ ספּעציעלע קיך פאַר קראַנקע, זאַמ־לען געלט צווישן עולם און מאַכן קאָנצערטן... געלט? אין ווערק צע טאָר אַ ייד קיין גראָשן נישט פאַרמאָגן, אָבער די אימה פאַרן צעווילדעוועטן טיפּוס איז שטאַרקער פאַר אַלץ! איין עצה איז נאָר דאָ פאַראַן:

אויסשיסן דעם גאַנצן עולם... די פאַבריק דאַרף אָבער האָבן אַרבע־טער — קענען זיך אויך די מייסטערס אָנשטעקן אין זיי... די יידן באַרירן מיט פיבערדיקע פינגער די גראַנאַטן און דאַן שיקט מען דאָס אויפן פראָנט! ווער ווייסט וווהין די קראַנקייט קען זיך פאַרשלעפּן? מוז ער נאָר באַפעלן איינס: מען זאָל איזאָלירן די קראַנקע... מען זאָל זיי געבן בע־סער עסן! ווי אַזוי מען מאַכט דאָס? זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, זאָלן זיי באַקומען געלט פון אונטער דער ערד און זאָלן זיי עס באַווייזן דורך אַלערליי יידישע כישוף־שטיק! וואָס גייט עס אים אָן? ער איז נאָר אויפזעער — און ווייטער גאָרנישט.

ס׳איז שווער עפּעס אויסצוגעפינען, אָבער די מענטשן פון פאַבריק קומען יעדעס מאָל צו גיין פון די האַלעס און זיי ווייסן אָפּצוגעבן באַ־ריכטן:

— היינט האָבן ביי אונדז געפעלט 57 מענטשן... דער מייסטער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען און אונדז אַלע אַזוי אָנגעקוקט... זיינע אויגן האָבן אין יעדן אויסגעשאָסן...

ווי לאַנג וועלן זיי אַזוי שטום שיסן מיט די בלויזע אויגן?

— 2 —

ביי די פאַבריקס־טישן, ווו עס זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט מענטשן־רייען האָט געגומען ווערן שיטערער און שיטערער. ס׳האָבן פאַר־פעלט יידן.

די גרויסע האַלעס זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און גע־וואַרט יעדן פרימאָרגן מען זאָל זיי אַריינברענגען דאָס לעבעדיקע שפּייז זייערס, אָבער די לאַנגע מענטשן־שלאַנגען זענען מיט יעדן טאָג קורצער געוואָרן. די טישן האָבן באַקומען אַן אויסזען פון אַ מויל ביי אַ זקן וועמען עס פאַלן אַרויס די ציין, איינער נאָכן צווייטן.

די גראַנאַטן האָבן גענומען אַראָפּגיין אַלץ פּאַמעלעכער פון די טישן און ס׳האָט אפילו נישט געהאָלפן דאָס צעיאָכמערטע אַרומלויפן פון מייסטער שניידער און שרייען:

— דאָננערוועטער! ווי אַזוי וועט איר דאָס אויסקוועטשן די נאָר־מעי!?

דער פוילישער מייסטער גאיעווטשיק האָט דערביי אַרויסגעשטעלט אַ פאַרחמט פּנים, אויף וועלכן מ׳האָט קוים געקענט דערקענען דאָס שמייכלענדיקע ווינטעלע, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן און נישט געוואָרן:

— נישטאָ די נויטיקע צאָל יידן!

און ווי שטענדיק, האָט מען ביי אים נישט געקענט דערקענען, אויב ער זאָגט עס מיט איראָניע; מיט שאָדן־פרייד אָדער מיט באַדויער... ווי אַ מענטש, וואָס די צווייידייטיקייט האָט זיך ביי אים באַהאַלטן אין אַ ציטער פון אַ ברעם בלויז, אינעם קנייטש פון אַ מויל־ווינקל — האָט אויך דאָס מאָל גאיעווטשיק פאַרלוירן תיכף דאָס שפּאָטישע גלענצל פון אויג און זיין פּנים איז פאַרלאָפן מיט אַ גרויער כמאַרע. ווי זיין שטייגער האָט ער איבערגעחזרט זיינע ווערטער נאָך אַמאָל, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז זיי קענען מיט א יי ן מאָל נישט האָבן די געהעריקע ווירקונג. דאָס מאָל האָט ער עס אָבער געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע און מיט אַ העכערן טאָן, אַז די יידן פון דער האַלע זאָלן עס א ו י ך הערן:

— ס׳טוט מיר לייד, קאַמעראַד — אָבער קיין פרישע יידן־טראַנספּאָרטן ווערן שוין מער נישט צוגעבערענגט...

איצט איז אין זיין טאָן געלעגן אַ מיטלייד. ס'איז אָבער שווער געווען צו דערקענען אויב דאָס באַדויערט ער די פאַבריק, וואָס האָט שוין נישט ווו צו נעמען קיין פרישע אַרבעטס־הענט, אָדער דאָס באַדויערט ער פאַרוואָס עס זענען שוין בכלל מער קיין יידן נישטאָ... ער איז שטענדיק פאַרזיכטיק מיט רייד, דער הויכער, שווערגופּיקער גאַיעווטשיק. אין די צוויי יאָר וואָס ער איז מייסטער פון דער גראַנאַטן־אָפּטיילונג קומט אים אויס צו זיין כסדר צווישן דייטשן, פּאָליאַקן און יידן. און פאַר יעדן איינעם פון זיי מוז מען זיין דאָס וואָס זיי ווילן...

מיטן ווערן אַ פאָלקס־דייטש — האָט ער די דייטשן באַצאָלט מיטן טייערסטן וואָס אַ מענטש קען נאָר צאָלן זיין האַר און באַפעלער: מיט זיך אַליין. בכדי נישט צו האָבן קיין אויג אויף זיך האָט ער געאַרבעט ביז שפּעט, טריי געזאָרגט פאַר דער העכערונג פון דער פּראָדוקציע און נאָר געטראַכט דאָס, וואָס אַ דייטשער פּאַטריאָט קען זיך דערלויבן צו זאָגן.

לעבנדיק און שמועסנדיק אין דער פאַבריק, האָט גאַיעווטשיק אָבער געוווסט אַז זיינע רייד פאַלן אויך אַריין אין די אויערן פון אַ פּאָליאַק אָדער ייד. האָט ער אויך דאָס אויסגערעכנט. די רייד זיינע זענען געווען פּשוט און זאַכלעך. ער האָט אָבער געקענט ביי יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיי איבערגעחזרט, אַזוי קונציק זיי איינטאָנירן, איבערבייטן די פּנים־צוגן און קלאַנג — אַז זיי זענען אַרויסגעקומען די זעלבע און דאָך אַלעמאָל אַנדערש ...

— נישטאָ די נויטיקע צאָל יידן...

ביים ערשטן מאָל האָט עס דער דייטש געהערט, אַזויווי גאַיעווטשיק וואָלט דאָס אַרויסגע'שמחה'ט פון זיך, אַרויסגעשמייכלט — ווי עס קען נאָר אַ דייטש צו אַ דייטש, ווען מען רעדט פון יידן וואָס זענען שוין מער נישטאָ. עס זאָל הייסן: דו ווייסט דאָך, מיר האָבן זיי געוואָלט אויסרוימען די יידן און — אָט זענען זיי שוין טאַקע באַלד נישטאָ... אין דעם טאָן האָט אָבער נאָך עפּעס געפעלט. ער האָט נאָך נישט דערזאָגט אָט־דאָס, וואָס ער וואָלט באַדאַרפט צווואַרפן צום געהער פון דעם ביסל יידן, וואָס לעבן נאָך און זענען דאָ פאַראַן. ווער ווייסט? אפשר קען דאָך אַמאָל איינער פון זיי בלייבן לעבן און דערנאָך...

האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן מיט זיין טבע צו טאָפּלען דעם זאַץ:

— יאָ, נישטאָ מער קיין יידן...

און אין די ווערטער איז געלעגן אַ באַהאַלטענער קרעכץ וואָס מען האָט נישט געקענט דערקענען אויב ער באַדויערט דערמיט זיי אָדער די פאַבריק, וואָס האָט נישט ביי ווער עמען צו צאַפּן די בלוטן און זיי אַריינגיסן אין קאָכעדיקן גראַנאַטן־טראָטיל אַריין...

נישט אומזיסט האָבן יידן, מיט זייער איבערגעשאַרפטן חוש, גערופן גאַיעוואָטשיקן שטילערהייט: דער צווייפּנימדיקער... כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט קיין דאָפּל־דייטיקע, צוויי־פּנימדיקע ווערטער...

נאָר דער דייטשער מייסטער האָט נישט געהאַט קיין צייט אויפצוכאַפּן גאַיעוואָטשיקס פּנים־ענדערונג און ברום־איבערווייכונג. ער הערט — און זיינע אויגן לויפן אַרום איבער דער גאַנצער האַלע. ער זעט ווי די קאַיוטעס זענען מער נישט אָנגעפּראָפּט, די מאַשינען קרעכצן שווער און די אייזערנע וועגעלעך קריצן כעסדיק מיט די רעדעדיקע ציין אויף דער האַרטער צעמענט־פּאָדלאָגע, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— הא, אָנגעפרעסן זיך... איבערגעפרעסן זיך צופיל מיט יידן און איצט... איצט מוזן מיך שלעפּן צוויי געציילטע סקעלעטן... מנע!

די מייסטערס זענען פאַרצווייפלט:

— וואָס טוט מען? מען האָט זיי געמאַכט אַזויפיל פאַרלייכטערונגען, זיי צורו געלאָזט אַביסל... איז אַריינגעפאַלן דער טיפוס און יעדן טאָג פירט מען אָנגעלייגטע בערג פון זיי. ווו זשע נעמט מען אַ נייעם טראַנספּאָרט יידן? דאָס האַרץ ציט זיי צו אַ סעלעקציע, צו אַ שיסעריי... וואָס פאַר אַ קרענקעניש איז עס אויף זיי, די יידנבאַנדע!? אָבער דער משוגענער קאַלענדאַר האָט געוויזן אַ צייט, אין וועלכער מען מוז אַנדערש טראַכטן — מעג זיך דער רעוואָלווער בעטן רחמים מען זאָל אים אַרויסנעמען אויף אַ מינוט... און ס'איז שווער צו געפינען אַן עצה.

איבעראַל זענען שוין די געטאָס אויסגעליידיקט. די וואָס מען האָט שוין באַוויזן צו ברענגען האָבן די קאַיוטעס איינגעשלונגען, אויסגעזויגט דאָס בלוט פון זיי... אַ גאַנצע יידישע אַרמיי ליגט שוין אין וועלדל און די שאָסן פון אַמאָל צאַפּלען נאָך איצט אין דער לופט מיט אַנזאָג:

— זיי וועלן שוין מער נישט צוריקקומען...

האָבן זיך די האַלעס אַלץ מער און פאַרביטערטער צעשריגן מיט מאַשיניקן געברום:

— גיט אַהער יידן!

און ס׳זענען אַרומגעלאָפן די מייסטערס, די אויפזעער, די פּוילישע אונטערטרייבער:

— מ׳דאַרף נייע יידן...

נאָר דאָרט, אין די קאָנצעלאַריעס האָט מען געהאַלטן אין איין אַרויסשיקן פּאַפּירן איבער פאַרשידענע שטעט, שטעטלעך, געשטאָפּאָ־אַמטן און לאַגערן. פון אומעטום איז אָבער געקומען דער זעלבער ענט־פער:

— נישטאָ...

פון דער קראָקעווער יעראָזאָלימסקאָ, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אָפּגעליפערט אַזאַ גרויסן טראַנספּאָרט אין ווערק צע אַריין, איז געקומען אַ גאַליקער ענטפער — וואָס נאָר איין גאָט קען וויסן, ווי אַזוי דער ווערק צע קען זיין געניעם אינהאַלט:

— עפּעס פרעסט מען דאָרט אויף די יידן ביי אייך... און דאָ דאַרף מען אויך אַביסל!

האָט דר. ראָסט אָוועקגעשריבן וועגן דעם אַזש אין דער לייפּציקער האַסאַג־צענטראַלע. אָבער אויך פון דאָרט איז געקומען אַ מאָדנער ענט־פער, פּאַקטיש מער פראַגע ווי תשובה:

— שיסט מען זיי אויס ביי אייך, די יידן — אָדער שטאַרבן זיי אויס מאַסנווייז, פון זיך אַליין? טאָמער שטאַרבן זיי אויס — טאָ וואָס איז די סיבה? אַזויפיל טויזנטער!? איבעריקנס וועט נאָך אַראָפּקומען אַ נייע, ספּעציעלע קאָמיסיע וואָס וועט אויפן אָרט אויספאָרשן דעם ענין...

דער דאָקטאָר ראָסט בייסט אַזש פון כעס די בלויע, סוכאָטנע ליפּן זיינע:

— ווי „זיי" האָבן עס פּלוצים גענומען זאָרגן פאַר זיינע יידן! זיי ווייסן גאָרנישט פאַרוואָס די יידן שטאַרבן אַזויפיל... צדיקים! זיי נעמען זיך גאָר שיקן קאָמיסיעס!

באַלד דערמאָנט ער זיך אָבער אין וועלכן יאָר מען געפינט זיך: 1944... און אַלץ ווערט פאַר אים פּלוצים קלאָר. יאָ, איצט מעג מען שיקן אויספאָרש־קאָמיסיעס! קיין עצה דערצו איז אָבער נישט פאַראַן. אין די פאַבריקן קרעכצט די פּוסטקייט פון איין עק צום צווייטן:

— יידן! ווו נעמט מען יידן?

— 3 —

פארנאכט האט דר. ראסט ליב צו שפאצירן ביי יענעם עק וואלד, נאך דער פאבריק ווו מען האט די ערשטע טראנספארטן יידן צוגעדעקט מיט ערד און מיט גראז. די ערשטע צייט האט מען געמיינט אז דאס שטיק וואלד וועט קענען אלע אויפנעמען און פארדייען. וואס מער די פאבריק האט געמוזט ארויסגעבן פון זיך פראדוקציע — אלץ מער יונגע לייבער האט זי אין זיך פארצערט. מען האט געמוזט אויסציען דעם קברים־פלאץ העט־ווייט איבער די דראטן ביז צום פליכיק־נאקעטן ארט, ווו די אוקראאינער לערנען זיך צילן אין די פרייע שעהן. אזא שפאציר ווירקט מחיהדיק אויף ראסטס נערוון, וואס זענען היפש צערייצט געווארן ביים פירן די פאבריק. גאנץ באזונדערס האט די ווינטערדיקע וואלדיקייט א סך דערפרישונג פאר דעם אסטמאטישן ראסט מיט זיינע צעשעדיקטע לונגען. דאס מאל אבער האט די אנהייב־מערץ לופט, וואס האט זיך אזוי שטייף געהאלטן, באקומען א לויזן קאטאר. שוין טעג און טעג אז עס טריפט מיט אזעלכע שטעכיקע טראפנס, וואס קריכן אריין אין געמיט און די גאנצע שטימונג ווערט אנגעבלאזן ווי א געשוואלענער שוואם.

עפעס האט ער נאך א ציל, דער פאבריקס־דירעקטאר. מען האט אים איבערגעגעבן, אז אין די לעצטע טעג האבן טייל מייסטערס פארלוירן די נערוון... דער אלטער מייסטער פון טראנספארט, דר. האפמאן איז גאר געווארן אויס מענטש... עס פארפאלגן אים שאטנס פון דערשאסענע יידן, וועלכע האבן ביי אים פריער געארבעט... שוין עטלעכע מאל זאל מען אים האבן געזען אין די פארנאכטן לויפן צו די קברים פון די יידן. דאס לויפט ער זיך אהין פארנויגן, אפזאגן א תפילה און בעטן מחילה ביי די פאר־לוירענע... ער האט עס געהערט, ראסט. נאר גוט וואלט געווען ווען ער פאקט דעם אלטן נאר ביי דער האנט. אט וואס פון די הארטע, אומדער־שראקענע מייסטערס עס איז געווארן, ווען דער פראנט דערנענטערט זיך! צעקראכענע ווייבער... ער וואלט א בעלן געווען דאס צו זען מיט זיינע אויגן... ער וואלט שוין געוווסט, וואס צו רעדן דאן מיט האפמאנען! שפאצירט ער מיט א באזונדער דערווארטונג און זיינע קורצזיכטיקע אויגן דערווארטן שוין דאס בילד: אט באלד וועט ער א דערזע טון, ווי דער גרויער, באברילטער האפמאן בייגט זיך דארט פרעפלענדיק איבער די יידן־גריבער... א שיינע סצענע פאר אן אלטן פארטיי־גענאסע!

די אייז־האַרטע ערד האָט זיך ביסלעכווייז אונטערגעגעבן דעם גע־ווייק און זי האָט גענומען אויפגיין פריצייטיק מיט בלאָטיקע געשווירן, וואָס האָבן זיך שוואַרץ געאייטערט אונטער די פיס און זיך געקלעפּט צו די גלאַנציקע שטיוול ווי צעהאַדערטע קאַלאַשן. דער פּלאַץ פון וואַלד־קבר און שיס־שטאַנד איז געווען באַשאָטן מיט געלן אָפּפאַל פון נישט פאַרברויכטן פּיקרין, וואָס האָט אַדורכגענומען מיט זיין קאָליר דעם גאַנצן זאַמד און די ערד פון אַרום, ביז עס האָט אויסגעזען ווי אַ געלע לאַטע אויפן גרינעם רוקן פון איינגעכמורעטן וואַלד.

פונעם אומגעריכטן אויפוויכן האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון אַלע זייטן פרישע בערגלעך, וואָס האָבן פאַרראַטן דעם סוד פון דער מעוברתער קברים־ערד. אַרום די בערגלעך האָט זיך די ערד געקנייטשט. איינגעצויגן זיך — פּונקט ווי אַ פאַרגאַנגענע אין טראָגן מ א ו נ ס וויל איינציען אין פאַרבאָרגעניש איר שאַנד... נאָר די הונדערטער געלע בייכער אירע האָבן זיך מיט געוואַלד געריסן גאָרנדיק צום טרערנדיקן הימל — מיט אָן־ווערטערדיקן געשריי, לעסטערונג און חוזק.

ביי ראָסטס פאַרבייגיין האָבן זיי זיך אים אַנטקעגנגעוואָרפן, אָנגע־האַנגען זיך ווי אַ האָק אין זיין בליק און אים געצויגן צו זיך. עס האָט זיך אים געדוכט ווי זיי שרייען צו אים, חוזקן פון אים:

— נו, וואָס זאָגסטו, קלוגער דייטשער דירעקטאָר און דערפינדער דו!? מיר ליגן דאָ טאַקע, צוואַנציק טויזנט זענען מיר דאָ... צוואַנציק טויזנט יידן, וואָס דו האָסט אויסגעהונגערט, אַרויסגענומען פון דער פאַב־ריק און אונדז געשיקט אַהער צום דערשיסן... איצט ליגן מיר דאָ רואיק. קיינער שלעפּט אונדז נישט מער אין דיינע שטינקענדיקע שטיק־קאַיוטעס און מיר האָבן דאָ מנוחה. דו דרייסט זיך אַרום מיט קאָפּ־ברעכעניש, ווו נעמט מען אַביסל יידן צו דער אַרבעט און צום פאַרפּייניקן, אָבער מיר ליגן דאָ אַנטקעגן דיר — און גאָרנישט! אַנו, מיר זענען צוואַנציק טויזנט... פּרווו זשע כאָטש איינעם פון אונדז אַרויסצונעמען צו דער אַר־בעט! ביזטו דאָך עפּעס דער האַר פון לעבן און טויט דאָ...

ראָסט זעט בפירוש ווי שאָטנס פון מענטשן טאַנצן איבער די בערג־לעך, ביימער, בונקערס און די געלע בערגלעך ליים וואַקסן, האַלטן אין איין וואַקסן! אַ כעס נעמט אים אַרום:

— הע, ער גייט דאָ יעדן טאָג פאַרביי און ס'איז אים נאָך קיינ־

מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מ׳קען די יידנגריבער אויסגלייכן, נישט באַ־מערקבאַר מאַכן. פאַרוואָס זאָלן זיי זיך אַזוי פרעך אַרויסהייבן פון אונ־טער דער דינער שיכט ערד אַפויר, די דערשאָסענע יידן? ער שרעקט זיך פאַר זיי אַביסל, דער דאָקטאָר. בפרט נאָך דעם ווי דער אַלטער האָפּמאַן פון טראַנספּאָרט האָט גענומען דערציילן זיינע משונהדיקע האַלוצינאַציעס אין דער שטיל... זאָל ער טאַקע זיין משוגע, דער שטילער, באַרעכנטער מייסטער?

אַזויפיל פון די דאָזיקע יידן האָט ער, ראָסט, דאָך אַליין אַוועקגע־לייגט, מיט זיינע אייגענע הענט... און אָט — זענען זיי אַלץ נאָך פאַראַן דאָ, נישט ווייט פון אים! זיי ליגן דאָ און יערן אַרויס פון דער ערד. ווען מען האָט זיי געשאָסן, זענען זיי געווען אומבאַוועגלעך, זיך מער קיין ריר נישט געטון. האָט מען זיי אַריינגעלייגט אין דער ערד, צוגעשאָטן. ס׳איז גאָרנישט געווען צו דערקענען; בלויז וואָס ביי דער ערד איז גע־ווען אַביסל איינגעפאַלן דאָס פנים אין די ערשטע צייטן. ראָסט האָט זיך אַלעמאָל צוגעקוקט ביזן סוף, אפילו ליב געהאַט זיך אַדורכצוגיין עט־לעכע טריט איבער די אויסגעגלייכטע קברים. אַ באַזונדער ציטערדיק פאַרגעניגן איז עס געווען צו שפּרייזן אויף אַן אָרט וווּ עס ליגט אַ מענטש, וואָס האָט נאָך מיט שעהן צוריק געלעבט, געטראַכט, געקאָכט זיך. ער האָט ממש געפילט די זודיקע וואַרעמקייט אין דעם פוס־פּאָרעם פון זיי־נע טריט. און איצט גאָר שפּאַרט די ערד אַרויף אַלץ העכער און העכער.

די לאָגיק ביים כעמיקער ראָסט האָט אַ סך צו ענטפערן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. אָבער זיין נייגונג צו געשפּענסטער־שרעק רופט ביי אים אַרויס צעטומלטע רעיונות:

— אומבאַוועגלעך דוכט זיך, האַ? און איצט שפּאַרן זיי, שטויסן זיי אָפּ די ערדיקע קאָלדרע איבער זיך. באַלד וועלן זיי זיך אויפהייבן ביז דער ערד־פלאַך, דאָס ליים איבער זיי וועט זיך צעקרישלען, אַוועקפאַלן און זיי וועלן בלייבן ליגן... אָט אַזוי־אָ וועלן זיי בלייבן ליגן אַנטקעגן דער וועלט, דער זון; אַנטקעגן הימל...

דער שכל אין אים צעלאַכט זיך:

— זאָלן זיי! אויפשטעלן זיך וועלן זיי שוין זיכער נישט. זיי וועלן זיך שוין מער נישט צעלויפן. זיי וועלן אויך נישט קומען צו אים מיט די ביינערדיקע פויסטן און מאָנען זייער צעטראָטן לעבן. מסתמא זענען זיי

שוין אין צושטאַנד פון צעפוילונג. איז וואָסזשע אַז זיי וועלן בלייבן ליגן אַנטקעגן הימל? אַז דער גאַנצער הימל איז דאָך אַן אויסטראַכטעניש פון קליינקעפּלדיקע מענטשן! ווי קומט עס צו אים, צום נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, גאָר צו טראַכטן וועגן דעם?

באַלד אָבער שיילן זיך אויס פון אונטער די בערגלעך איין קערפּער נאָכן צווייטן. זיי ליגן אויסגעסדרט מיט די אָפּגעפּרעסן־אָנגעפּוילטע אברים... טויזנטער אַזוי — פון פּיקרין־פעלד ביז צום שיס־שטאַנד. זיי גלאָצן אַרויף מיט די הוילע ביינער אַנטקעגן אָט דער הויך־ווייטער, בלויער כמאַרע, וואָס קיינער האָט ביז איצט נישט געקענט דערבליקן וו ע ר עס זיצט דאָרט... און אפשר קוקט עמעצער פון דאָרט אַראָפּ? און צוואַנציק טויזנט לאָזן זיך באַמערקן!

ראָסט שפּאַצירט אום ווי אין שכרות. ער וועקט זיך אויף און וויל זיך שעמען פאַר זיינע נאַרישע מחשבות. ער וויל טראַכטן אַז אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך שוין אויסגעמישט מיט דער ערד: מ'האָט אַרייַגעשיט גענוג קאַלך און פּיקרין! איז וואָס דען אַז די ליימיקע ערד הייבט זיך? דער רעגן, די אַנגעוואָרעמטע פּאַרע רודערן אויף, בלאָזן אָן די קברים, ווי אַן אייטערדיקן זאַמד־געשוויר. דאָס וועט אָבער צוריק אַראָפּזינקען, אַזויווי גאָרנישט וואָלט געוועזן.

ער וואָלט שוין צוריק זיך אומגעקערט און אויפגעהערט אפילו צו טראַכטן דערפון, ווען אַ נייער געדאַנק זאָל אים פּלוצים נישט אַ דערמאָן טון אין עפּעס: די קאָמיסיעס!

— 4 —

דער געדאַנק, וואָס אים האָט זיך געדוכט אַז ער האָט אים איבערגעלאָזט אין זיין ביוראָ צוזאַמען מיט אַלע געשעפטס־פּאַפּירן, איז איצט אָנגעפלויגן מיט שטעכיקן רעש: די פרישע קאָמיסיע דאַרף קומען! זיי ווייסן טאַקע אַלץ, אָבער די בערגלעך וואָס רייסן זיך דאָ אַרויס פון זייערע פלאַכע גרענעצן, וועלן זיי דערפירן צו פאַרשידענע אויספירן אין צוזאַמענהאַנג מיט אים, מיט ראָסטן. זיי וועלן נעמען באַטאַפּן מיט די אויגן דעם גאַנצן שטח, ציילן די קברים און פרעגן אַלערליי נאַרישקייטן. צו וואָס דאַרף ער עס?

איצט טראַכט שוין ראָסט קלאָר, אַז מען דאַרף זיי אַוועקנעמען פון דאַנעט, די טויטע. זיי זענען שוין אַריינגעוואַקסן אין דער ערד? מען וועט זען, ווי אַזוי ער לאָזט זיי אַוועקפירן? נו, צו דעם זענען שוין פאַראַן ספּעציאַליסטן וואָס האָבן ספּעציעלע מיטלען! ראָסט האָט שוין געהערט וועגן אַזעלכע ספּעציאַל־טרופּן, וואָס זענען פאָרמירט געוואָרן אין ראַדאָם. זיי קענען אויפרוימען אפילו מיליאָנען טויטע און מען זאָל דערפון נישט וויסן. ער ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי זיי מאַכן עס. אַלץ איז נאָך איין גרויסער סוד. ער ווייסט אָבער אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער צ וו יי ט ע ר טייל פונעם קריג מיט די יידן... אויב עס פאַרפעלן ל ע ב ע ד י ק ע — גייט אָבער ווייטער אָן דער פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן די, וואָס האָבן זיך נאָך באַוויזן אַריינצובאַקומען אין די קברים.

עס איז נאָך פאַראַן אַ מחנה יידן, וואָס קיינער זעט נישט מער. עס עקזיסטירן נאָך זייערע ביינער, דער ע פּ ע ס פון זיי, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אונטער אַ ליימיקן צודעק און — מ׳קען זיך נאָך אויף זיי פאַרמעסטן. עס מוז אָפּגעמעקט ווערן דער געביין פון יענע, וואָס זענען אויף דער אויבערפלאַך מער נישט פאַראַנען. און אַזאַ כעמיקער ווי ראָסט ווייסט אפילו וואָס מען קען מאַכן פון זייערע ביינער נאָכן אַרויסציען זיי פון באַהעלטעניש. דר. שיפּערס, דער האַר און געביטער פון ראדעמער געגנט פאַרשטייט שוין איינמאָל אַן ענין, אויב ער האָט אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע בריגאַדע פון קברים־רוימער!

דערווייל ווייסט ראָסט איינס: מען מוז זיי באַזייטיקן! און וואָס שנעלער... זאָלן זיי נישט שטאַרצן צום הימל און צום אויג מיט פרעכער געבערגלטקייט. אים אַרט נישט וואָס מען זאָל טון מיט זייערע ביינער. זאָל מען זיי אַוועקפירן, צעמאָלן, אַריינוואַרפן אין ים אַריין! נישטאָ ווער עס זאָל מאָנען דעם זכר פון מענטשנס צוזאַמענשטעל. ס׳איז אַזאַ מין געצייג, וואָס מען טרעפט עס אָן לרוב איבער דער וועלט. אין קבר איז דאָס געצייג סיי ווי צעבראָכן, אומנויטיק. טאָ וואָס איז דער אונטערשיד, וואָס מען טוט מיט צעבראָכענע שרייפעלעך פון אַ מאַשין? עלעהיי דאָס אָפּפאַל, וואָס מען פירט ביי אים אַרויס טאָנענווייז צום מיסט־טאָל אין וואַלד.

ביי ראָסטן אין קאָפּ קומט עפּעס אויף. יאָ, דערנאָך וועלן די לויזע נערוון פון אַ דר. האָפמאַן און ענלעכע מער נישט האָבן וואָס צו זוכן אין

די פאַרנאַכטן אויף די קברים! קיינער וועט זיך מער נישט פאַרקוקן אויף זיי, נישט אַריינשעפּטשען זיך פאַרשידענע נאַרישקייטן אויפן אויער... אויס! גראָד האָט ער אויפן וועג אָנגעטראָפן דעם לאַנגן גאַיעווטשיק, וואָס האָט אַ טבע אויסצוּוואַקסן אומעטום מיט זיין תמעוואַטע־כיטרער מינע. ראָסט פילט, אַז ער דאַרף זיך איצט בייזערן אויף יענעם. דאָס מויל אָבער האָט אים צו זאָגן עפּעס אַנדערש. ער פאַרהאַלט דעם מייסטער פון די גראַנאַטן:

— פּאַס אויף... מאָרגן וועסטו מיך פאַרטרעטן ביים איבערזען די האַלעס. איך פאָר קיין ראַדאָם!

זיין אויג האָט זיך אויף אַ סעקונדע ווידער אָוועקגעכאַפּט צו יענע בערגלעך. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז גאַיעווטשיק אָבסערווירט אים און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר עפּעס. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־דער דורכגעטריבענער גאַיעווטשיק זעט זיינע מחשבות און ער האָט דערפאַר געפּרוּווט אָפּלענקען זיינע געדאַנקען אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט עס געטון אויפן קול, גאַיעווטשיק זאָל אויך הערן:

— איך מוז זיך זען מיט שיפּערסן. נאָר ע ר קען מיר נאָך פאַר־שאַפן אַ נייע גרופּע יידן... די רוסן שפּאַרן פאָראויס. מיר וועלן זיין די נאָענטסטע פאַבריק פון געווער אויפן פראָנט. דו פאַרשטייסט אין וואָס דאָ גייט?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז ער פאַרשוווּנדן אין דער ריכטונג פון זיין צעשויבערטן גאָרטן.

קאַפּיטל ניינצן

— 1 —

אין לאַגער האָט מען געוווּסט אַז דר. ראָסט איז אָוועקגעפאָרן אויף עטלעכע ערטער, ווו ער האָט נאָך געהאָפט צו באַקומען אַביסל יידן, וואָס זענען דאָרט געבליבן. מען האָט געשמועסט אַז ער וויל באַקומען די יידן פון פּיעטרקאָוו, צוויזמער, לאָדזש און ראַדאָם. עס זענען אַרומגעגאַנגען שמועות אַז די רוסן גרייטן זיך צו געבן דעם לעצטן קלאַפּ די דייטשן

אויף פוילישער ערד. די לייטערס פון דער פאַבריק האָבן אָבער נאָך אַלץ נישט געוואָלט גאָר שטאַרק טראַכטן דערפון, אַז אויך זייער געביט מיט דער פאַבריק וועט מען דאַן צונעמען. זיי האָבן גאָר געטראַכט ביי אַזעלכע אומשטענדן צו מאַכן אַ העכערע קאַריערע.

ראַסט האָט געוווּסט אַז ווען די רוסן וועלן זיך שלאָגן אויף דער פוילישער טעריטאָריע, וועט זיין פאַבריק באַקומען אַן אומגעהויערע וויכטיקייט. פריער איז זי געווען איינע פון די טויזנטער, דערוויייטערט פון פראָנט און זי האָט געהאַט צוזשטעלן אַ קליינעם שפּליטער פון די „הונדערט טויזנט גראַנאַטן — אַ מינוט" וואָס די פראָנט־פּראָפּאַגאַנדע האָט צעפּויקט. איצט וועט דאָ זיין דער צענטער. עס איז פאָראויסצוזען אַז דאָ וועלן זיך באַווייזן גענעראַלן, מאַרשאַלן — און פעלד־מאַרשאַלן וועלן דאָ פירן זייער אָנגריף און פאַרטיידיקונג. אַלע וועלן מוזן אָנקומען צו א י ם. ער זאָל זיי צושטעלן דאָס נויטיקע געווער און ער וועט שוין דאַן נישט זיין דאָס אומבאַקאַנטע דירעקטאָרל פון אַ זייטיקער פאַבריק, וואָס באַקומט זייַנע דירעקטיוון פון אַ וועלכן עס איז אַפּיצירל! דאָ וועט ער האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די גאָר, גאָר גרויסע!... און — ווער ווייסט? אפשר וועט ער קענען נאָענט ווערן אפילו מיט אַ הימלער אָדער קייטל אַליין?

די אויסזיכטן האָבן אים צעפּיבערט, אַריינגעבערענגט אין אים נייע אַמביציעס און חשבונות. גראָד אין די טעג, ווען די פשוטע זעלנער און וועכטער זענען אַרומגעגאַנגען אָנגעבלאָזן און אפילו געגנומען טראַכטן פון אַנטלויפן, האָט דער פלעגמאַטישער ראַסט געביטן די הויט. ער האָט גענומען לויפן איבער דער פאַבריק, געזען אַז ס'זאָל קלאַפּן אומעטום, די פּראָדוקציע זאָל זיך הייבן וואָס מער, וואָס מער: 200 פּראָצענט! 300! זאָל מען זוכן יונגע פּאָליאַקן צו דער אַרבעט! צאָלן וואָס מער און דראָען, דראָען און צוזאָגן אַלערליי פּריווילעגיעס! די פּוילישע האָבן זיך אָבער אויסגעלערנט, ווי אַזוי קונציק זיך אַרויסצודרייען און די וואָס עס איז שוין געלונגען צו ברענגען — קענען היפּש פוילענצן...

איז מען איבערגעפאַלן קלויסטערס אין די זונטיקס אַרום סקאַרזשיסק, אַרויסגעצויגן אַ צאָל יונגוואַרג, וואָס איז זיך שפּעטער צעלאָפן. עס זענען אפילו געפאַלן דערביי טויטע. וואָס מאַכט עס אָבער אויס אין פאַרגלייך מיט זייַנע פאַרמעסטונגען? די פאָר טויזנט יידן האָט מען גע־

קוועטשט וויפל עס איז מעגלעך געווען — דאָס האָט אָבער נישט געקענט זעטיקן די פּראָנטן און זיין ווילן זיך צו קענען באַווייזן, געבן דער פּאַב־ריק דעם אמתן אַנזען. איבעריקנס האָבן די יידן ווידער גענומען אַוועק־פאַלן פון קראַנקייט און דערשעפּונג — און צו קיין טויטן ייד קענען שוין נישט העלפן נישט קיין בייטשן און נישט קיין שיס־דראָאונג. אַז ער לייגט זיך אַוועק — וועט ער פאַר קיין פאַל שוין מער נישט אַרבעטן!

— יי ד ן ! דאָס איז איצט געוואָרן ראָסטס צווייטער באַגער... און יידן זענען נאָך געווען אין אַנדערע אַרומיקע פאַבריקן, וואָס האָבן איצט אויך געוואָלט וואַקסן, ווי ראָסט — און אַריינקריכן אין די גרויסע אויגן פון די העכערע באַפעלער... מיט קנאה האָט ראָסט גענומען טראַכטן וועגן די הונדערטער יידן וואָס געפינען זיך נאָך אין נאָענטן ראַדאָם. וואָס טוען זיי דען? זיי אַרבעטן גאָר דאָרט געפּוצטע שטיוועלעך פאַר דער גע־שטאַפּאָ, נייען מאָדערנע אַנצוגן פאַר די דייטשן... איז דען איצט אַ צייט דערויף? איז דען נישט בעסער זיי אויסצונוצן פאַר דעם צוועק, וואָס העלפט פאַרטיידיקן די דייטשע מאַכט און דאָס דייטשע לעבן אויף פוי־לישער ערד?

ראָסט האָט נאָך אויפן אויג אַ סך ערטער, ווו יידן זענען פאַראַן אין די טויזנטער. ער האָט זיך שוין די פינגער אָפּגעשריבן צו זיינע הויפּט־שעפן אין דייטשלאַנד! אָבער פון דאָרט האָט ער באַקומען אַנצוגעהערע־נישן, אַז אויך ער איז נישט אין אָרדענונג. די בעסטע טראַנספּאָרטן האָט מען אים געשיקט. ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו קלייבן: פון לאָדזש, מיידאַנעק, קראָקע און צענדליקער געטאָס. מען האָט אים געליפערט אַזויפיל מענטשן־מאַטעריאַל און ער איז נישט געווען שפּאָרזאַם, ווייט נישט פאָרזיכטיק מיט די דאָזיקע קוואַליפיצירטע הענט. פּאַאול בודין, דער הויפּט־דירעקטאָר פון הוגאָ שניידערס פאַבריקן וועט אפילו אַליין מאַכן די אויספאָרשונג, פאַרוואָס ער האָט געלאָזט אויפפרעסן אַזויפיל געזונטע מענטשן־מאַסע.

די צבועים! וואָס האָט ער דען געטון, דר. ראָסט? אין יענע צייטן, ווען זיי האָבן פאַרגאַזט, געברענט מיליאָנען — האָט ער, ווי אַ דייטשער מונדיר, דאָ ביי זיך אין וועלטל אַביסל מיטגעהאַלטן די מאָדע און אויך ער האָט זיי צוגעפּייניקט... ביי אים אָבער האָט זייער טויט מיט לאַנג־זאַמע טריט געבראַכט נוצן — נישט ווי ביי יענע דאָרט, געבן די גאַז־

אויוונס... און וואָס זענען דען 20 טויזנט אין פאַרגלייך מיט אַ נ ד ע ר ע ס ציפערן? און געטון האָט ער עס דאָך ביי זייער אַלעמענס צופרידנקייט!

נאָר איצט איז דאָס יאָר פיר און פערציק. נישטאָ ווו אָפּצוזוכן פרייע מענטשן־רעזערוואַרן, אפילו יידישע... דערפאַר הערט ראָסט:

— פאַרניכטן זיי קען מען אין דער לעצטער מינוט אויך. אַ קויל, אַ באָמבע צערייסט אַלעמען און צו יעדער צייט. דאָס קען מען נישט פאַרשפּעטיקן. אָבער ביז דער לעצטער מינוט קען מען זיי דאָך אויסנוצן...

ראָסטן קאָכט אויף. דאָס זענען דאָך ז יי נ ע ווערטער מיט צוויי יאָר צוריק! דאַן האָט מען אים געזאָגט דאָס פאַרקערטע:

— די יידן טאָרן נ י ש ט נ ו צ ל ע ך ווערן! אויב זיי וועלן אַרבעטן ביי וויכטיקע שטעלן — וועלן זיי באַקומען אַ נאָמען און קוואַליפיקאַציע פון וויכטיקע און שאַפנדיקע כוחות... דערנאָך וועט זיי אַ שאָד זיין צו פאַרניכטן. טאָ זאָל מען זיי בעסער אויסראָטן אַלס א ו מ ט ו י ג ל ע כ ע פאַראַזיטן!

און אויב אויסראָטן — האָט ער אויך געוואָלט האָבן די הנאה, צוזאַמען מיט אַלע, פון מאָרדן, פון דערשיסן מיט אייגענע הענט.

היינט ווייסט ראָסט אַז אָט די בערג מיט קברים ביי דער פאַבריקס־זייט טויגן נישט, טויגן נישט! די אַלע, וואָס קומען אַהער פאָרשן, האָבן זיכער אויסגעראָטן מער יידן פאַר אים. זייערע קרבנות זענען אָבער אַריין אין דער אומבאַמערקטער כלל־סומע. קיין צייכן איז ביי זיי דערפון נישט געבליבן אויפן לאָץ, אויף די הענט. זיי האָבן אויך געקענט הרגענען פּאַראַזיטן, אומנויטיקע און פאַרלוירענע ברואים. ביי אים הייסט עס, זענען אָבער נאָר געווען געקליבענע פאַכמענער און דערצו ליגן זיי דאָ און קלעפּן איבער אים ווי אַ שולד־פּלאַסטער. און אַז זיי קומען אויספאָרשן — קען אַלץ דינען פאַר אַן אָנטשעפּעניש. טאָר מען דאָ מער די בערגלעך מיט די טויזנטער טויטע נישט זען — אַזויווי עס איז געווען דער פאַל מיט אַלע יידן אין דער אַלגעמיינער פאַרהוילנקייט: פאַרברענט — און קיין צייכן איז נישט געבליבן. ראָסט וויל אויך קיין בולטן עדות פון דעם אָפּגעטוענעם נישט טראָגן אויפן רוקן...

וואָס טוט מען? ראָסט בייסט איצט זיינע מאַניקירטע, דאַרע נעגל מער ווי אַלעמאָל: ראַדאָם! יאָ, נאָר דאָרט האָבן זיי עצות צו אַזעלכע

זאכן. אפיציעל הייסט עס אז ער פארט אהין נאך די יידן פון דארטיקן געטא... און דאס זוכט ער דאך טאקע אויך! אבער דערביי וועט ער א שמועס טון וועגן דער ספעציעלער בריגאדע, וואס לאזט זיך איצט איבער די פארשידענע מקומות מיט קברים. זאלן זיי צוערשט זיין ביי אים! ער דארף עס נייטיק.

די מייסטערס גלויבן נישט, אז ראסט זאל קענען באקומען א נייעם יידן־טראנספארט:

— ער איז משוגע אדער וואס? ווער וועט אים היינט אוועקגעבן זיינע מענטשן?

און יידן קילן זיך די שנאה מיט דער איינציקער נקמה:

— פריער אליין אויסגעמארדעוועט — איצט לויפט ער זוכן, דער באנדיט!

צאלקע, דער יידישער פארארבעטער פון 53טל, האט זיך אפילו גע־קוויקט מיט זיין נביאות־זאגן ביים אהיימפירן זיין גרופע. ער האט גע־האלטן אין איין איבערחזרן מיט זיין הייזעריקער שטימע:

— א קרענק וועט ער שוין געפינען, נישט קיין יידן!

עמעץ פון דער גרופע האט אויף אים אנגעשריגן:

— גולם! וואסזשע איז די גדולה אויף ד י ר ? האסטו געהערט די שמחה ביי אים? מען וועט מער נישט געפינען קיין יידן! וואסי, מען האט זיי פארברענט, אדער דאס האבן זיי זיך באוויזן אויסצובאהאלטן? זאג, אדרבה...

א מיד קול פון צווישן דער גרופע האט נאך געוואלט ווייטער פירן דעם וויכוח:

— שוין בעסער אז זיי זענען נישטא, איידער מען זאל זיי געפינען און ברענגען אהער...

אלע האבן אבער געוווסט אז ד א ס איז נאר סתם ג ע ז א ג ט און אז עס וואלט טאקע געווען בעסער ווען יידן זאלן ל ע ב ן — אפילו ווען מ'זאל זיי דערפאר ברענגען אהער...

קיינער האט אבער מער קיין כח נישט געהאט אפצוענטפערן.

— 2 —

אין איינעם פון יענע פאַרנאַכטן, ווען דער עולם איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט עמעץ געברענגט אַ מאָדנע ידיעה:

פון ראַדאָם איז געקומען אַ טראַנספּאָרט יידן... און ווי מאָדנע: פ ו פ צ י ק יידן סך הכל! דאָס האָט ראָסט דערווייל באַקומען און פון זיי — בלויז צ ע ן פאַרן ווערק צע. האָט מען זיך טאַקע געוווּנדערט: מיט צען יידן מאַכט ער זיך אויך נאַריש? אַנדערע האָבן זיך אפילו געגנו־מען שפּירן חשיבותדיק: מען הויבט אָן עפּעס ווערט צו זיין! ראָסט אַליין מוז פאָרן אינטערוועניר ן, בכדי צו באַקומען צען יידן! עס וועלן שוין נישט קומען די טויזנטער — נאָר מען וועט זיי ציילן אויף די פינ־גער! אַזאַ מין יידן־קאַרגשאַפט האָט נאָך ווערק צע נישט געזען. אונטער די באַשאָטענע בגדים און צעריסענע נשמות האָט מען אָנגעהויבן באַ־גרייפן די וויכטיקייט פון ז יי ן יי ד ן — אין אַ וועלט אָן יידן און די פרישע צען האָבן אָנגעהויבן ווערן דער געשפּרעך פון יעדער פריטשע אין די באַראַקן. מען האָט געהערט אַז זיי זענען אפילו נישט קיין פאַבמע־נער נאָר סתם, אַזוי זיך יידן. גלאַט אַזוי!

אָט אַזעלכע מניינים דאַרף מען שוין זוכן, באַקומען דורך אַזאַ הויכער באַמיאונג? קיינער האָט נישט געקענט וויסן, וואָס נאָך ראָסט האָט געהאַט צו זוכן. איז מען שוין געווען נייגעריק זיי צו זען. ס'האָט אויך אינטריגירט: יידן — נישט פון קיין לאַגער, נאָר פון אַ ג ע ט אָ ! מ ס ת מ א זענען זיי שוין אָנגעטון, מענטשלעך. אפשר זענען זיי נאָך זאַט־אָפּגעגעסענע, פרישע און ווייסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ראָסט ברענגט נישט קיין סתם־אַזוינע!

גאַנץ באַזונדער האָט יעדער לאַגערניק געפילט אַזאַ באַזונדערע נאָ־געניש פאַרן אַריינפירן אַ פרישע פאַרטיע. די וועלט איז איבערגעקערט: ברענגט מען יידן פון ראַדאָם — קענען זיי זיין פון לוּוויטש אָדער גאָר פון סטאַשעוו! מ'קען דען וויסן? אַז מ'האָט נישט קיינעם — בלייבט בלויז די איינגעשלאָפענע האָפענונג, וואָס כאַפּט זיך אויף ביים מינדסטן באַריר. וואַרט מען: אפשר וועט דיר דער גורל אַמאָל געבן אַ שליידער צו עמעצן פון די דייניקע, עפּעס אַ דערמאָנונג פון פריער... אפשר!?

אין האַרץ האָט זיך אָנגעזאַמלט אַביסל וואַרעמקייט און נאָענטקייט

צו עמעצן. די צייט מיט אירע פלאָגן האָט עס נישט באַוויזן געגצלעך אויסצוטריקענען. טראָגט מען עס אַרום און מען וואַרט נאָר אויפן ערשטן־בעסטן, וואָס זאָל עס אָננעמען ווי קרובהשאפט, ווי אַ נאָענט־פאַרגאַנגע־נעם קלאַנג. לויפט יעדער זוכן צווישן פרישע מענטשן. דאָס בלויזע לויפן גיט די ווייטיקלעכע הנאה פון רעגן זיך, פון בלויזן דער־וואַרט־צאַפּל.

קומט אַמאָל אויס צו טרעפן אַ היימיש פנים, אַ וויטן באַקאַנטן — שפּאָרט שוין אַרויס דאָס געפיל פון וועלכן מ׳האָט שוין אַליין נישט גע־ווּסט. ס׳איז נישט אַזוי די פרייד מיט יענעם; אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועט ער צוריק ווערן פרעמד, אַריינגעמישט ווערן אין ווירוואַר פון די אַנדערע טויזנטער פּנימער, אַן ספּעציעלער קאָליר און פאַרב, אַן אינ־טערעס. עס איז אָבער אַ שפּאַרעניש צו יענער מינוט, ווען די געזוכטע אי־בעררעשונג וועט דיך אַ צעטרייסל טון, אויפוועקן די פאַרבאָרגענע טייע־ניש צו עפּעס נאָענטס, אַרויסגעוואָקסן פון דיין אַמאָליקער וועלט...

ווען די וואַכמענער האָבן זיך באַוויזן מיט דער קליינער גרופּקע מענטשן ביים טויער איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. מען האָט שוין געטריבן אין די באַראַקן אַריין. דאָס האָבן זיי אָפּגעוואַרט ביז עס וועט שוין זיין פּוסט אין די געסלעך און די טונקלקייט וועט זיך צעפּאַלן אי־בערן לאַגער. דאַן האָבן זיי אַ רוף געטון אַ יידישן טויער־פּאָליציאַנט און אים באַפוילן:

— דו נעמסט די מענטשן און שאַפסט זיי אַ גוטן באַראַק צום שלאָפן. זיי מוזן גוט באַהאַנדלט ווערן... באַפעל פון וואַכפירער!

דאָס יידישע פּאָליציאַנטל האָט סאַלוטירט און גענומען זיי פירן דורך די שמאָלע געסלקעס פון לאַגער. הונדערטער אויגן האָבן געקלעפּט צו די נייע מענטשנס אָנבליק. פאַראויס איז געגאַנגען דאָס פּאָליציאַנטל און הינטער אים זענען געגאַנגען פינף פּאָרלעך אין דיסציפּלינירטער גלייכקייט. זיי זענען געגאַנגען מענטשלעך אָנגעטון, מיט הויכע שטיוול און אין זייערע פעסטע טריט האָט מען דערקענט אַז די מענטשן האָבן די לעצטע צייט נישט געהונגערט. ביי די אַרויסקוקנדיקע האָבן זיך צעבליצט קנאה־פייערלעך:

— זעט נאָר, זעט ווי זיי גייען אָנגעטון! וואָס פאַר אַ פולע פּנימער

זיי האָבן... זיי זעען דאָך אויס ווי אַלע מענטשן, פונקט ווי מען האָט אויסגעזען אַמאָל!

מ'האָט זיך שוין צוגעוויינט צום געדאַנק אַז אַלע יידן, וואָס מען זעט נאָך, דאַרפן אויסזען אַנדערש. אפילו ווען זיי זענען זאַט — דאַרף אויך דאָס סקעלעטישע ליגן באַהאַלטן אין אַ קנייטש פון פּנים און ליפּן. די פּאָליציי און רודערער פון לאַגער האָט מען באַטראַכט ווי אַ באַזונדערע וועלט, אויף וועלכע די געזעצן פון דער אייגענער וועלט זענען נישט חל. י ע נ ע געהערן זיך גאָרנישט אָן מיט דער יידישקייט פון גורל. דער באַוווסטזיין אַז אַ ל ע איינפאַכע יידן לעבן אַזוי, האָט איינגעשטילט דעם נאָגנדיקן ווייטיק און געלאָזט אַלץ אויפנעמען ווי אַ נאָרמאַלקייט וואָס מ'קען סייווי נישט אויסמיידן.

ווען מען האָט אָבער געזען ווי סתם־ג ע כ אַ פּ ט ע יידן האָבן אַזאַ גוטן אויסזען און גייען אַזוי פיין אָנגעטון — האָט אַ ווייטיקדיק פינטעלע זיך צעהוליעט אין האַרץ. מ'האָט פּלוצים זיך דערשפּירט ווי אָפּגעַ־נאַרטע, ווי באַרויבטע אויך פון יי ד י ש ן גורל. אָט זענען דאָך דאָ יידן, וואָס האָבן ביז איצט אויך געלעבט און — זעט נאָר ווי אַזוי! הייסט עס דאָך אַז יעדער איינער פון דאָ האָט געהאַט שאַנסן ב י ז א י צ ט צו לעבן אַנדערש, בעסער... נאָר ד יי ן יידישע משאָ איז געווען אַן אַנדערע, די ערגסטע צווישן די ערגסטע!

האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברומעריי, אַ וויי־קרעכצעניש פול מיט איינ־געהאַלטענעם באַדויער:

— אָט לעבן נאָך יידן ערגעץ, גייען אָנגעטון, עסן... און מיר דאָ, שוין אַזוי לאַנג, ליגן און ווערן פאַרפייניקט, ווערן אויסגעריסן לעבעדי־קערהייט יעדן טאָג...

באַלד האָט נישט איינעם אויך אַרומגעכאַפּט אַ באַדויער אויף די פרישע:

— אוי, ווי אַזוי וועלן זיי זיך דאָס צוגעוויינען צו די נייע באַדינ־גונגען!?

זיך אַליין איז שוין נישט געווען וואָס צו באַדויערן. מען איז שוין אַריינגעוואַקסן דערין. דאָ זענען דאָך אַזויפיל פאַרלייזיקט און אויסגע־מאָרעט זייט וואָכן און חדשים — וואָסזשע איז דאָ פאַראַן צו קלאָגן?

אַזוי איז עס שוין. יענע אָבער, מיט אַזאַ געשטעל, מיט דער נישט־צו־געווינטקייט — ווי אַזוי וועלן זיי עס קענען איבערטראָגן?

דער פּאַליציאַנט האָט זיי צוגעבערענגט נענטער צו מעכעלעס באַראַק. מען האָט זיי שוין געקענט זען גאָר דייטלעך. אין דער ערשטער ריי האָט געשפּאַנט אַן עלטערער מענטש, אין די פּערציקער. זיין געזונטער גאַנג און דאָס ברוין־צעאַקערטע פּנים האָבן עדות געזאָגט אויף שטאַרקער, פּיזישער גבורה. נעבן אים איז געגאַנגען אַ הויכער, פעסטער בחור. פון זיינע באַקן האָט געשפּראָצט מיט געזונט בלוט און אונטער די געדיכטע וואָנסעס האָבן זיך באַהאַלטן אַ פּאָר וואָרשטיק־רויטע ליפּן. מיטן ערשטן דערזע האָט זיך מעכעלען געוואָרפן אין אויג דאָס צודעקן די ליפּן זיינע מיט אַזאַ האָר־בערגל, גלייך ווי מען וויל זיי ספּעציעל אויסבאַהאַלטן.

דער עלטערער האָט געלאָזט פלאַטערן זיין איינגעזילבערטע האָרגריווע מיטן ווינט, וואָס האָט זי געשויבערט און געמאַכט מיט איר פּאַרשידענע געדריידלטע קונצן. דערפּאַר אָבער האָט דער יונגער בחור געטראָגן זיין נאַרטן־היטל טיף אַראָפּגערוקט איבערן שטערן און דער שאָטן האָט זיך צעלייגט ווי אַ דינער שלייער אויף זיינע אויגן. ער האָט אויסגעמיטן די נייגעריקע בליקן פון די פענצטערלעך, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געשעמט, וואָס אַזאַ גבורהדיקער ריז ווי ער האָט זיך געלאָזט כאַפּן און לאָזט זיך נאָך איצט פירן אומעטום וווּ דעם קליין־געוואַקסענעם פּאָליציאַנטל וועט געפעלן...

מעכעלע האָט זיי נאָכגעקוקט פון הינטן און עס האָט זיך אים געדוכט אַז די טריט פון דעם הויכן בחור זענען אים קענטלעך. דאָס דיקע פּעלצל מיט די הויכע שטיוול האָבן אָבער אויף אים אַרויפגעלייגט אַזאַ פרעמדע מאַסקע, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען פאַר מעכעלען אַרויסצוּוויקלען פון דאָרט יענץ ברעקעלע באַקאַנטשאַפט, וואָס ער האָט אַרויסגעכאַפּט מער אינסטינקטיוו ווי מיטן אויג.

— 3 —

ווען דער פּאַליציאַנט האָט זיך אומגעקערט צוריק — האָט אים שוין מעכעלע אָפּגעוואַרט ביי דער שוועל פון באַראַק און אַ רוף געטון:

— מאַניעק!

יענער איז צוגעקומען. מעכעלע האָט אים געפרעגט:

— האָסט אפשר די נאָמען־ליסטע פון די פרישע?

מאָניעק האָט אים זי געוויזן. קיין איין באַקאַנטער נאָמען איז אויף דער ליסטע נישט געווען. דאָך האָט מעכעלע זיך געבעטן:

— קענסט מיך אפשר צופירן צום באַראַק, ווו זיי זענען דאָ?

מאָניעק האָט זיך געוואקלט:

— ס'איז שוין שפּעט און איך מוז באַלד גיין אויף דינסט אין דער פאַבריק. אָבער אויף אַ קליינע פּאָר מינוט קען איך דיך צופירן...

זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען צום לעצטן באַראַק, נעבן די דראָטן. די פרישע האָבן באַקומען אַ ווינקל נעבן דער טיר און זיי האָבן זיך דאָרט באַלד אָוועקגעלייגט מיד, אַנגעטועגערהייט — מיט די שטיוול אויף די האַרטע ברעטער. מען האָט זיי שוין צו וויסן געגעבן אַז דאָ ווערט אַלץ פאַרשווונדן פון אונטער די הענט. זיי זענען דערפאַר געלעגן מיט זייערע פּעקלעך צוקאָפּנס. דער אַלטער עולם איז געשטאַנען נעבן זיי און זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן:

— אַוואָ! אַ ז ו י אַריינצוקומען אין ווערק צע... מיט אַזעלכע זאַכן! אפילו קיין רעכטע רעוויזיע נישט געהאַט... איר קענט דאָך עסן ברויט מיט פוטער וויפל איר ווילט ... פאַר די בלויזע זאַכן!

דער עלטערער ייד מיט דער גרוילעכער טשופּרינע האָט נישט גע־קענט פאַרשטיין די גרויסע שמחה. האָט ער אָפּגעענטפערט מיט זיין גראָבן גבורה־קול פון זיין לאָך אַרויס:

— אַ וואַזשנע מצאָצע, נישטאָ וואָס צו רעדן...

עמעצן אין אַ ווינקל, וואָס האָט זיי נישט געקענט פאַרגינען דאָס גליק, האָט עס פאַרדראָסן. נישט געגוג מען זוכט פאַר זיי אויס אַ גוט וואָרט, מען טרייסט זיי — שטייט ע ר גאָר אין גרויסן! ווייזט אויס אַז ער איז קיינמאָל אין קיין לאַגער נאָך נישט געווען און ער ווייסט נישט ווי אַזוי אַן אמתער קבלת־פּנים דאַרף אויסזען. ער האָט דערפאַר צוגע־וואָרפן צו די פרישע:

— נו, זייט מיר נאָך נישט געזונט — מען פאָרט נאָך נישט... עס זענען נאָך דאָ ברוך השם געגוג קאָמענדאַנטן און פאָליציי, וואָס קענען אויך גאַנץ נישקשה „י ע נ ע" תורה פון צונעמען... אַז זיי וועלן אייך נעמען אין דער אָרבעט אַריין, וועט איר שוין וויסן ווי טייער אַזאָ

מצאַצע איז — און ווי ביטער עס זעט אויס אַז מ׳האָט זי נ י ש ט ...

דערזעענדיק דעם פּאַליציאַנט הינטער מעכעלען האָבן אַלע אָפּגע־האַקט. מאַניעק האָט זיך, פון יוצא וועגן, צעשריגן אויף די אַרומשטייענ־דיקע — בכדי נישט אָפּצושוואַכן זיין פּאָליצייאישן פּרעסטיזש דורכן אַריינקומען מיט אַ „ציווילן״:

— וואָס האָט איר זיך אַרומגעשטעלט ביי די מענטשן, וואָס? איר האָט נאָך נישט געזען קיין יידיש פּנים אָדער וואָס?

דער עולם האָט זיך אַוועקגעשאַרט אין אַלע זייטן. מאַניעק האָט אַ פרעג געטון מעכעלען:

— וועמען פון זיי ווילסטו זען?

מעכעלע האָט אַליין נישט געוווסט. ער האָט דערפאַר זיך פאַר־לוירן:

— איך... וויל זיי אַלעמען זען... סתם אַזוי, יידן זענען געקומען — איז כדאי מיט זיי זיך אַדורכצושמועסן, הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אויב דו, מאַניעק, ווילסט — קענסטו גיין. איך וועל מיט זיי אַ שמועס טון און דאַן זיך אַליין צושלאָגן ביזן באַראַק אַריין.

מיט זיין שאַרף אויער האָט מעכעלע אויפגעכאַפּט ווי איינער פון די נייע טוט שטיל אַ פרעג זיין אַלטן שכן אין ווינקל:

— ווער איז עס דער יאַט, וואָס איז אַזוי היימיש מיט די פּאָלי־ציאַנטן? איז עס נישט אַמאָל אַ סליחהנער, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך היטן מיט אַ וואָרט?

דעם ענטפער האָט ער שוין נישט געקענט הערן. ער האָט נאָר געזען ווי ביי מאַניעקס אַוועקגיין זענען אַלע געוואָרן צו אים צוגעלאָזט און באַ־רעדעוודיק, פונעם זעכצן־יעריקן יינגל ביז צום עלטערן גבור. מעכעלע האָט געזוכט מיט די אויגן איבער זייער פּריטשע און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער זעט נישט גוט:

— ווו איז דער הויכער בחור, מיטן געקעסטלטן נאַרטן־היטל וואָס איז מיט אייך געקומען?

דער עלטערער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און ציען פאַר דער צונג. אָנגעהויבן האָט ער אַזוי, פּונקט ווי ער אַליין וואָלט זיך ערשט איצט געכאַפּט דערויף און זיך גענומען וווּנדערן:

— הערט נאָר, יאַטן! ווו איז ער טאַקע, יאָסל?

באַלד אָבער האָט ער זיך געווענדעט צו מעכעלען:

— אַ מאָדנע זאַך מיט אים: ער איז ערשט אין ראַדאָם אַ פּאָר חדשים. איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן זעען מיר אין געטאָ, ווי ביי אַ פּלויט שטייט אָנגעלענט אַן אָפּגעריסענער, פאַרחלשטער בחור. ער איז געווען דאַר ווי אַ שטעקן, מיט לעכער אויפן אָרט פון אויגן. שטייט ער אַזוי און טאַמלט. ער האָט אויסגעזען גיכער ווי אַ באַוואָקסענע חיה, איידער ווי אַ מענטש. קיין פּאָליציאַנט איז גראָד נישט געווען, האָבן מיר אים אַריינגעשלעפּט אין אַ שטוב אַריין, דערמינטערט און געגעבן צו עסן. באַלד איז ער היימיש געוואָרן מיט אַלעמען, דערציילט אַז ער איז אַנטלאָפן פון אַן אַקציע אין געטאָ און האָט זיך מיט נסים אַריינבאַקומען צו אונדז. האָבן מיר געפונען אַן עצה, ווי אַזוי אים איינצומעלדן און ער איז יעדן טאָג געגאַנגען אַרבעטן, פאַרדינט און אפילו געמאַכט געלט... אַ לעבעדיקער, פריילעכער בחור — האָבן אים אַלע ליב באַקומען פאַר זיין גוטסקייט און געזונט. נאָר זינט מען האָט אונדז אַהערגעבראַכט — האָט ער אַזויווי פאַרלוירן דאָס לשון. ס׳איז אים קאַלט און ער ציט אַריבער דאָס היטל איבער די אויגן און אויערן... ער גייט אָנגעפּעלצט און לויפט אַלעמאָל אַרויס אין דרויסן. גאַנץ באַזונדערס האָט ער באַקומען אַ הייזעריקע, געענדערטע שטים — אַז כ׳דערקען אים גאָרנישט. שוין עטלעכע מאָל האָב איך אים אַ פרעג געטון: יאָסל, וואָס איז מיט דיר? מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און אויך דאָ וועט ער אונדז נישט פאַרלאָזן. זעסט דאָך אַז דאָ זענען פאַראַן נאָך יידן און אויך זיי לעבן יאַקאָש! נאָר ער טוט בלויז אַ בורטשע און לויפט ווייטער, דוכט זיך מיר, אַז אין קלאָזעט אַריין... איצט זיצט ער שוין דאָרט אַביסל צו לאַנג. כ׳האָב שטאַרק מורא אַז אין דעם יונג איז אַריין אַ גלגול אָדער וואָס...

דער ייד וואָלט נאָך גערעדט און דערציילט, נאָר מעכעלע האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז מיטן הויכן בחור איז דאָ געשען אַ זאַך, וואָס קיינער וועט אים נישט קענען פאַרשטיין. ס׳איז אַ סוד וואָס מ׳דאַרף פאַרזיכטיק באַנעמען און עס טויג נישט, אַז דער בחור זאָל באַקומען אַ שם אַז „עס איז עפּעס מיט אים דער מער״... דאָס קען אים גאָר ווייט דערפירן. ער האָט דערפאַר איבערגעריסן דעם ייד:

— נו, אַ דאגה דאָרט! דעם ערשטן טאָג דאָ — מוז אפשר אַזעלכער דאָס אויפנעמען אַזוי. ער וועט זיך באַרואיקן.

מעכעלע האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין שפּעט און מען טאָר זיך נישט צופיל דרייען אין דרויסן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט לאָזן דעם איינדרוק, אַז דאָס איז ער געקומען זוכן דעם הויכן. האָט ער דערפאַר אויסגעדרייט דעם שמועס:

— כ׳האָב געוואָלט ביי אייך זיך דערוויסן, ווי אַזוי עס זעט אויס מיט יידן אין ראַדאָם. איצט איז שוין אָבער שפּעט. מיר וועלן זיך דער־פאַר זען אַ צווייט מאָל.

ווען מעכעלע האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון באַראַק איז נאָך דער הויכער יאָסל נישט געווען און מעכעלע האָט שוין מיט טונקעלער קלאָר־קייט געוווסט אַז צו אַלע סודות פון ווערק צע איז צוגעקומען נאָך איי־נער:

דער הויכער, ראַדאָמער בחור.

— 4 —

דער טאָג צומאָרגנס איז געווען אַ נערוועזער און צעחושטער. פון די באַראַקן האָט מען אַרויסגעטראָגן 21 טויטע... הונדערטער קראַנקע זענען געלעגן צעוואָרפן אין לאַגער. די דייטשע מייסטערס האָבן זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן:

— וואָס איז עס געשען מיט די יידן? סאַבאָטאַזש? ווילן זיי באַ־צייטנס אָפּשטעלן די אַרבעט?

פון אַלע זייטן איז מען געלאָפן, געטריבן איינס דאָס אַנדערע. מע־כעלע האָט געאַרבעט אין דער טיף פון לאַגער־וועלדל. מען האָט באַ־דאַרפט אָפּהאַקן ביי עטלעכע ביימער די צווייגן און מאַכן פון זיי שטאַנ־גען. די קלעפּ פון דער האַק האָבן שאַרף אָפּגעהילכט, אַזוי ווי מעכעלע וואָלט דאָ אונטערגעהאַקט די לופט און נישט דאָס האָלץ. דער אָפּקלאַנג, אין מיטן דער בהלה, האָט פאַרדעכטיק אונטערגעקרעכצט און מעכעלען האָט זיך געהאַלטן אין איין אויסווייזן, אַז אָט־באַלד וועלן די הילכן אַרויסרופן עמעצן, אַזאַ בייזן און דראָענדיקן שאָטן...

פון אַ זייט איז אַרויסגעקראָכן אַ הויכער מענטש, וואָס האָט זיך גע־שאַרט אין דער ריכטונג פון די אָפּגעהאַקטע צווייגן. מעכעלע האָט דער־שפּירט אַז עמעץ אָבסערווירט אים. גראָד האָט ער זיך געמאַטערט מיט

אַ שווערן, פייכטן קלאָץ און דערפאַר זיך נישט געאיילט אומצוקוקן. דער הויכער, הינטערשטער שאָטן האָט זיך אָבער דערנענטערט און מעכעלע האָט געהערט אַ קול, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַלשער הייזערי־קייט:

— דו, גיב אַהער די האַק — וועל איך דיר ווייזן ווי אַזוי מען מאַכט דאָס...

מעכעלע האָט זיך אויסגעדרייט און דערקענט דעם פרישן בחור פון ראַדאָם. די נייע האָט מען דעם ערשטן טאָג נישט געשיקט צו דער אַרבעט. אָבער ווען די דייטשן זענען אין לאַגער — וויל זיך קיינער נישט אַרומ־דרייען ליידיק און מ׳וויל זיך מאַכן טוענדיק אַן אַרבעט. דערפאַר האָט ער יענעם נישט ריכטיק דערבליקט, נאָר זייטיק צוגעוואָרפן אַן עצה:

— נעם די אָנגעהאַקטע שטיקער און סאָרטיר זיי אויס. א י ך טאָר די האַק נישט אַרויסלאָזן פון דער האַנט...

אָפּגעזאָגט זיך רואיק זיינס, האָט מעכעלע זיך געוואָלט נעמען האַקן מיט מער אימפּעט. זיינע אויגן האָבן זיך אָבער אַרויפגעגליטשט אויף יענעם און ער האָט געשפּירט ווי דעם נייעמס בליק ברענט זיך אַריין אין אים. ביידע זענען אויפאַמאָל שטיין געבליבן איבערראַשט. יענעמס אויגן, ליפּן, דאָס געשטאַלט און דאָס רעדן זענען דאָך מעכעלען אַזוי באַקאַנט, אַזוי נאָענט... באַלד! מען מוז אָפּטרעטן עטלעכע שריט אויף צוריק, זיך איינקוקן... עס איז דאָך נישט מעגלעך:

— ש ל מ ה ל ע ! ? ווי אַזוי לעבסטו?

דער בחור האָט זיך פאַרלוירן. אַ מינוט האָט ער געזוכט מיט די אויגן אַרום, אַזוי ווי עס וואָלט מעגלעך געווען, אַז עפּעס זאָל אים פאַר־שטעלן, אים איינהילן מיט אַ צווייטער הילע אין וועלכער קיינער זאָל אים נישט דערקענען. באַלד האָט ער מיט אַ האָפענונגסלאָזער אומדרייסטקייט גענומען דערווידערן:

— וואָס פאַר אַ שלמהלע!? איך הייס י אָ ס ל !

מער האָט ער אָבער נישט געקענט. ער איז צוגעגאַנגען אַזוי נאָענט צו מעכעלען, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן ווי ער גייט אים איינשלינגען. זיינע אויגן, דאָס האַסטיקע זיך לאָזן אויף אים — האָט מעכעלען אין גאַנצן דערמאָנט אין י ע נ ע ם, וועמען מעכעלע האָט שוין לאַנג גע־האַלטן פאַר טויט. טאַקע דאָ, אויפן זעלבן אָרט, אין וועלדל האָבן זיי זיך

צעשיידט! איצט שטייט ער ווידער, אַזויווי עס וואָלט גאָר אין מיטן קיין ברעקל צייט נישט אָפּגעלאָפן...

אין וועלדל אַרום איז קיינער נישט געווען און מעכעלע האָט נאָר אָנגעטאַפּט יענעם פּחד, וואָס אַ מענטשן קען באַפאַלן ביים באַגעגענען זיך מיט אַ טויטן איינער אַליין. איז ער אַזוי געשטאַנען, אַ האַלב־געליימ־טער און געלאָזט זיך פון יענעם אַרומכאַפּן, צודריקן צו זיך... ער האָט קוים געהערט יענעמס האַסטיקע אַריינשושקען אין אויער.

— מעכעלע! איך בעט דיך: ש וו יי ג !!! געדענק אַז איך בי'ן פאַרלוירן... איך הייס יאָסל... דו הערסט?

ערשט איצט האָט מעכעלע אויפגעוואַכט. די גרויסע באַקן־בערד און צוגעשפּיצטע וואָנסעס זענען אַזויווי אַוועקגעפלויגן ווייטער און פון אונטער זיי האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס גוט־באַקאַנטע, היימישע פּנים פון שלמהלע בעל עגלה... האַ, ווי אַזוי האָט ער עס אים נעכטן נישט דער־קענט? אָט דערמאָנט ער זיך קלאָר, ווי אַזוי זיי זענען אָט דאָ געזעסן, אַ טאָג פאַר שלמהלעס שפּרינגען איבער די דראָטן, צוזאַמען מיטן הויכן יאַנקל און דעם הוסטנדיקן קאָרנמאַן... די פּאָליאַקן האָבן דאָך נאָכדעם דערציילט, ווי אַזוי מען האָט זיי אַלעמען געזען ליגן מיט געלעכערטע שאַרבנס! מ׳זאָל אפילו האָבן דערקענט יאַנקלס שטיוול ביי אַ פּויער פון דעו' פאַבריק — טאָ ווי אַזוי זשע קומט ער עס דאָ איצט אַהער!?

שלמהלע האָט אָבער איצט געהאַט אַ פול האַרץ. ער האָט אַוועקגע־צויגן מעכעלען אין אַ זייט — מורא האָבנדיק, אַז די ביימער זאָלן נישט דערכאַפּן קיין שאָרך פון אים און שנעל־שנעל געגומען אַרויסוואַרפן פון זיך זיינע פּאַסירענישן:

— געדענקסט יענע נאַכט? מיר זענען דאַן אַנטלאָפן פופצן מאַן. ביינאַכט איז אונדז געלונגען אַריינצוגיין טיפער אין וואַלד. מיר האָבן זיך אָפּגעביסן די צונגען, אַבי נישט אַרויסצוברענגען פון זיך דעם מינ־דעסטן קלאַנג. דאָך האָט מען אויפגעכאַפּט אונדזערע באָרוויסע טריט און פון אַלע זייטן האָט מען זיך געלאָזט אויף אונדז, געשאָסן... ווען מיר האָבן זיך געכאַפּט אַז דאָס זענען פּאָליאַקן — זענען שוין עטלעכע פון אונדז געווען טויט. איך בין געלאָפן און נישט געוווסט וווהין. געגנבעט זיך שפּעטער איבער דערפער. געגעסן גראָז. דער טייוול ווייסט וואָס נאָך... איינמאָל האָב איך אפילו דערשטיקט אַ חזירל אויפן וועג און דער־

מיט זיך אַרומגעטראָגן אַ גאַנצן טאָג איבער אַלע שטעגן. דער מענטש איז דאָך אַ משוגענע חיה — ווייסטדאָך... ער מיינט אַלץ אַז ער מוז עסן און מוז לעבן... ביז — נאָך פיר טעג בין איך אַריינגעפאַלן אין מיטן אַ שטאָט — און דאָס איז געווען ראָדעם...

ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין קלאָרער דערציילער, שלמהלע. דאָס מאָל איז ביי אים אָבער נישט מעגלעך געווען צוזאַמענצוקלעפּן אַ וואָרט צו אַ וואָרט. ער האָט אין געציילטע מינוטן פון זיך אַרויסגעוואָרפן די איבערלעבענישן פון דער גאַנצער צייט און שטיין געבליבן אַליידיקער; אָן אַ וואָרט אין מויל. מעכעלעס אָנבליק האָט פון אים אַרויסגעריסן נאָך אַ פּאָר ווערטער — פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעציטערט די אימה פאַר עפּעס:

— ווי אַזוי האָסטו עס אויסגעהאַלטן אַזוי לאַנג, מעכעלע? כ'בין געווען זיכער' אַז דו ביזט שוין טויט, אַז אַלע פּריערדיקע זענען שוין טויט... איצט האָב איך מורא אַז מען וועט מיך דערקענען... דערנאָך וועט מען מיך אויפהענגען, דערפאַר וואָס כ'בין אַנטלאָפן... ווי זאָגסטו: מ'וועט מיך דערקענען אָדער נישט?

זיין גאַנצער גוף האָט זיך איצט געצאַפּלט פון שרעק, ווי אַ חיה וואָס איז פאַרקלאַפּט אין אַ פּאַסטקע... אַך, ווען ער קען איצט אַ גדערש ווערן, קלענער, דאַרער, איינגעקורטשעט! אין אַלע געשטאַלטן האָט ער נאָך שאַנסן צו לעבן גאַנצע וואָכן, חדשים... מ'דאַרף נאָר קענען איבערהאַלטן. אָט למשל מעכעלע... פאַרוואָס זאָל ער נישט קענען? אָבער אין זיין אויסזען, מיט זיין מעכטיקער פיגור שטייט ער נאָענט פון אַ טויט, וואָס קען אים יעדע מינוט כאַפּן פאַרן גאָרגל. זיין רונדיק פּנים מיט די גרויסע אויגן — דאָס איז זיין פּסק, זיין תליה! עס איז גענוג אַז עמעץ זאָל אים דערקענען: אַ ווערקשוץ, אַ פּאָליציאַנט, דער קאָמענדאַנט — און שוין! אויס מיט אים...

שלמהלע ווערט פּלוצים ווילד. ער כאַפּט אָן מעכעלען און קראַמפּט אים איין די האַנט:

— דו! זיי וועלן מיך הרגענען! געלאָפן... באַהאַלטן זיך... און וואָס? איצט וועט יעדער, ווער עס וויל נאָר...

זיינע אויגן האָבן זיך צעברענט מיט אַ מטורפן גלאַנץ. אין די פינ־

גער זיינע האָט זיך געקורטשעט אַ כעס, וואָס איז איצט גרייט געווען צו דערשטיקן די גאַנצע וועלט. מעכעלע וויל אים טרייסטן, באַרואיקן:

— זעסט דאָך, אַז אפילו איך האָב דיך נישט דערקענט... און איך קען דיך שוין איבער פיר יאָר! מיר זענען אַזוי לאַנג געווען צוזאַמען און דאָך...

אין שלמהלעס בליק האָט זיך עפּעס צעלויכטן מיט אומדערוואַרטער לייטזעליקייט, וואָס איז אָבער ווייטער פאַר אַ שאָטן נישט דערגאַנגען:

— נישט דערקענט, זאָגסטו? טאָ וואָסזשע ציטער איך אַזוי? פאַר־וואָס מיין איך אַז יעדער איינער קען מיך און ווייסט ווער איך בין? אָט באַלד וועט ווער עס איז צוגיין צו די ווערקשוץ און מעלדן: אַזוי און אַזוי; דאָ איז פאַראַן איינער וואָס איז אַנטלאָפן אַמאָל צוזאַמען מיט אַ גאַנצער מחנה... מ׳האָט אים איצט צוריקגעבראַכט און — ד אָ ס איז ער! יעדע מינוט דערוואַרט איך אַז סטאַוווטשוק אָדער איוואַנייקאָ זאָלן קומען און מיך אַוועקפירן אויפן שיס־פּלאַץ. ער וועט אַרויסנעמען זיין רע־וואָלווער און — געענדיקט! נאָכן גאַנצן שלמהלע גרינגער!

מעכעלע שפּירט אַרויס פון זיינע צעמישטע רייד אַ געגרעכטע מוראָ. מען קען דאָ נישט וויסן, וועמענס צונג עס קען יעדע מינוט ווערן אַ מע־סער. מען מוז אָבער שלמהלעס שרעק איינצוימען, זי נישט לאָזן אַרויס־שפּאַרן פון די געזונטע קלאַמערן אַרויס. ער מוז אים דערפאַר איינגע־מען:

— מאַך זיך נישט נאַריש! מיט דיין שרעקן זיך — גיסטו זיך אַליין אויס. דערמיט ציסטו אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט... דו באַמיסט זיך אָפּצוזונדערן, האָסט מוראָ פאַר אַ פרעמד אויג — צו וואָס דאַרפסטו עס? דו זעסט איצט אויס גוט, געזונט — דאַרפסטו אַליין פאַרגעסן אַז דו ביזט שלמהלע פון קאָמאַראָוו! הערסט? דו ב י ז ט יאָסל פון ראָדעם און פּאַרטיק! אַז דו וועסט עס זיין ב יי ז י ך — וועסטו עס זיין ביי אַלע־מען אין די אויגן...

שלמהלע איז טרויעריק געוואָרן:

— דאָס דאַרף מען קענען. שטעל זיך פאָר: פינף און צוואַנציק יאָר אָפּצולעבן ווי אַ שלמה... און דעם נאָמען האָב איך סתם ליב געקראָגן, נישט דערפאַר ווייל ער איז מיינער, נאָר גלאַט: דער נאָמען איז מיר גע־פעלן... איך בין צו אים צוגעוווינט געוואָרן, דער טאַטע האָט מיך אַזוי

גערופן, די מאַמע... איצט ווער איך אַ ליגנער! איך לייקן נישט בלויז מיין נאָמען נאָר הער אויף ווייטער צו זיין דער זון פון מיינע טאַטע־מאַמע. זיי האָבן דאָך נישט געהאַט עפּעס אַ יאָסלען! פאַר וועלכע זינד קומט עס זיי? ס׳איז מיר שווער, מעכעלע... איך קען נישט...

מעכעלע האָט אים פאַרשטאַנען. ס׳איז אים אַ שאָד געווען אָט דער רויער, ערלעכער בחור. ער מוז אָבער באַהאַלטן דעם נאָמען וואָס ער האָט געטראָגן פאַר זיינע זיידעס און פעטערס. זאָל ער אים באַהאַלטן טיף אין זיך, ווי מען באַהאַלט אַ ווערטפולן באַנקנאָט און מען פאַרנייט אים אונ־טערן בגד... זאָל ער דאָרט ליגן אונטערן האַרץ און י ע נ ע וועלן זי־כער דאָרט צופרידן זיין, וואָס דער צווייטער נאָמען קען אים אַביסל שיצן, צודעקן אים פאַר דער סכנה וואָס לויערט אויף זיין אמתן נאָמען... מעכע־לע איז געוואָרן שטרענג:

— געדענק שלמהלע, אַז דו שפּילסט זיך מיט דיין לעבן. פאַר דיין נאָמען וועט מען דיך אומברענגען. דו באַהאַלטסט זיך איצט אין אַזאַ ב ו נ ק ע ר, וואָס רופט זיך „יאָסל“ און דו מוזט צוהיטן, אַז מען זאָל אים נישט אַנטדעקן, פאַרשטייסט?

שלמהלע האָט זיך מיט זיין אָפּנקייט אַנגעכאַפּט אַ צעטומלטער אין מעכעלעס איינצלנע ווערטער:

— אומברענגען זאָגסטו? שיסן? טויג דאָך טאַקע נישט! איז דאָך ביטער... ביטער! אָבער — ניין, כ׳וועל פּרובירן... יאָסל — זאָל זיין יאָסל! אפשר וועט עס גיין? כ׳האָב דאָך שוין אַזוי עטלעכע חדשים...

ס׳איז קענטיק געווען, אַז עס קומט אים אָן מיט אַנשטרענגונג. ווער ווייסט וואָס ביי אים אין האַרץ האָט זיך געוואָרפן און פּראָטעס־טירט דאַקעגן? מעכעלע האָט אים בלויז נאָכגעקוקט; אויפגעכאַפּט דעם וואָקל פון זיין שווערן גאַנג און אַליין נישט געוווסט, פאַרוואָס עס ווילט זיך אים אַזוי וויינען און וויינען...

קאַפּיטל צוואַנציק

— 1 —

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט מען געזען דעם קאָמענדאַנט ווייזנ־בערג מיט עטלעכע פּאָליצייַ זיך איילן צום באַראַק פון די ראָדעמער. עס

איז געווען תחילת אָוונט. די טאָג־שיכט איז שוין צוריקגעקומען פון פּאַב־ריק און טייל זענען שוין געלעגן אויף די קויקעס. דאָס אַריינפאַלן פון דער מחנה הערשער האָט אַלעמען געשטעלט אויף די פיס. ווייזנבערג האָט געמאַכט די ערשטע שריט פאָראויס און געבליבן שטיין אין מיטן באַ־ראַק. ער האָט מיט זיין שפּיזיקן בליק אַדורכגענומען אַלע מענטשן און דאַן זיך געווענדעט צו איינעם, אַ פאַראַרבעטער וואָס איז מיטגעקומען:

— איך כאַפּ זיך נישט... שווער צו דערקענען... דו מוזט מיר אים ווייזן, דעם פויגל!

דער פאַראַרבעטער, אַ הויכער געזונטער בחור מיט רויטע באַקן האָט אָנגעוויזן אויף איינעם פון די ראַדאָמער:

— ער!

אַלע בליקן האָבן זיך אַ וואָרף געטון צום הויכן, שטילן יונג, וואָס איז אומגעריכט בלאַס געוואָרן. ווייזנבערג האָט אים אַדורכגענומען מיט זיין קאַלטער רציחה:

— ווי אַזוי הייסטו?

— יאָסל.

— זאָג, ווי אַזוי הייסטו אויף אַ ן א מ ת ?

— וואָס מיינט מען דען: נ י ש ט אויף אַן אמת?

— גולם! דו רעדסט דאָך מיט יי ד ן !

— נו, ביי יידן הייס איך דאָך יאָסל!

ווייזנבערג האָט גענומען צוקן נערוועז מיטן קאָפּ, ווי יעדעס מאָל ווען דער געדאַנק נעמט זיך ביי אים מישן. דער נייגער זיינער צוימט אים אָבער, אַז ער זאָל נישט אַרויספּלאַצן. ער האָט אים דערפאַר גענומען פאָרשן פון אַ צווייטער זייט:

— דעם היגן לאַגער קענסטו?

— כ׳האָב געהערט פון אים דערציילן.

— און פאַר די אויגן האָסטו אים קיינמאָל נישט אָנגעזען?

ביי דער לעצטער פראַגע האָט זיך ווייזנבערג אַזוי איינגעשטאָכן אין יענעם מיט די אויגן, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן ווי ס׳וועט באַלד פון דאָרט אַרויסשיסן אַ בלוט־שפּריץ... אַ סעקונדע נאָר האָט זיך דער בחור פאַרלוירן, זיך צעפינטלט מיט די ווייסלען. באַלד האָט ער זיך אויפגע־

כאַפּט, אויסגעהאַלטן דעם טרייסל פון יענעמס שפּיזן און גלייך אים אַריינגעזאָגט אין די אויגן אַריין:

— ניין, כ׳בין דאָס ערשטע מאָל אין ווערק צע...

וויזנבערג איז שוין געשטאַנען גאָר נאָענט פון יענעם. זיין שיכור־לעכער אָטעם האָט אַרומגעטאַפּט פּאַרדעכטיק יענעמס רויטקייט און ער האָט געזוכט דאָס אָרט פון וועלכן ער קען אַרויסציען ביים פרעמדן זיין סוד:

— דאָס ערשטע מאָל זאָגסטו? און א י ך דערקען דיך! דאָס ה אָ ס ט ו דאָך אָרגאַניזירט דאַן די גרופּע צום אַנטלויפן, ווען דו האָסט געאַרבעט ביים נאַכט־טראַנספּאָרט...

מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגעצונדן פון כעס. זיין האַנט האָט אַ כאַפּ געטון די נאַגייקע און זי אַ הויב געטון איבערן קאָפּ פון צעטומלטן בחור:

— ווייסטו כאָטש וואָס פאַר אַ צרות דו האָסט אונדז דאַן אָנגעמאַכט? וואָס איך האָב ביי ז יי אַריינגעכאַפּט צוליב דיר? פאַר די־ ע ר!

אַ רויטער שראַם האָט אַ צאַפּל געטון ביים בחור אויפן פנים. ער האָט זיך אָבער ווייטער געקלאַמערט אין זיינעם:

— איך ווייס אַבסאָלוט נישט און האָב גאָרנישט צו טון מיט אַנט־לויפערס.

ס׳איז אַ רגע שטיל געוואָרן. דער פאָראַרבעטער וואָס איז געקומען מיט וויזנבערגן האָט זיך צוגערוקט צו שלמהלען:

— נאַרישער קאָפּ! אַזוי־וי דו ביזט נאָר אַריינגעקומען אין מיין גרופּע האָב איך דיך דערקענט. איך האָב מורא געהאַט, אַז אַ דייטשער מייסטער זאָל דיך אַמאָל אויך נישט דערקענען און איך זאָל דערפון האָבן צרות... איך האָב עס דערציילט דעם קאָמענדאַנט — נישט צו דיין שלעכטן, נאָר דערפאַר אַז מען זאָל דיך נישט שיקן אויף יענע ערטער, וווּ דיינע פריערדיקע מייסטערס זענען דאָ. אַז דער קאָמענדאַנט ווייסט דער־פון — קען ער דיך פאַרהיטן, דו זאָלסט נישט אַריינפאַלן. דו מיינסט אוודאי, אַז האָסט צו טון מיט ס. ס.־לייט? ער ל יי ק נ ט גאָר שטיין און ביין! מען דאַרף דאָך אָבער וויסן וואָס צו מאַכן מיט דיין אַלטער קאַרטאָטעקע!

שלמהלע איז שטום געוואָרן. ער האָט קיינמאָל נישט געקענט באַ־

גרייפן קיין פאַרפּלאָנטערטע זאַכן און קלוגע רייד האָבן אים שטענדיק צעטומלט. איז ער בלויז געשטאַנען און אַ צעחושטער געזוכט וואָס אַראָפּ־צולייענען פון די אַרומיקע פּנימער... קען מען אפשר וויסן דעם אמת: וואָס ווילן זיי פון אים? וואָס איז זיי דער גרויסער אונטערשייד, אויב ער איז שלמהלע אָדער יאָסל? אַ מענטש — און פאַרטיק! זיי זענען דאָך נישט קיין דייטשן, טאָ וואָס גייט זיי אָן, אויב ער איז אַמאָל אַנטלאָפן? און זיי אַליין ווילן זיך דען נישט ראַטעווען? זיי טוען עס בלויז דורך פּאָליציי־היטלען און ער... ער האָט געמוזט שפּרינגען דורך די דראָטן...

זייערע קאַלטע פּנימער האָבן אים קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. פון פאַראַרבעטער מאַניעקס רייד האָט ער געשפּירט אַ גנבהשע אונטערגראָבן זיך צו זיינע באַהאַלטענע טראַכטענישן: זיי ווילן עפּעס פון אים, זיי דאַרפן ביי אים אַרויסנעמען אַלץ וואָס ער האָט! זיי ווילן ביי אים דער־זען די טעג פון וואַלד, דעם כח זיך צו קענען אַדורכשלאָגן איבער דער־פער, וועלדער, וועגן... זיי ווילן ביי אים אַרויסרויבן די רעטונגס־סודות, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט איבער די וועגן און שפּעטער וועלן זיי אים — ווי אַן אויסגעליידיקטע כלי — אַוועקשענקען צו אַ שייגעץ מיט אַ ביקס, ער זאָל מיט אים מאַכן וואָס ער פאַרשטייט... די דאָזיקע פּנימער זאָגן גאָרנישט וועגן געפיל און רחמנות. נישטאָ ביי זיי אַזעלכעס! דער קאָמענדאַנט? זע נאָר, ווי ער זויגט פון אים אויס אַלץ, אַלץ! ווי ער וויל דאָס נישט צונעמען דאָס אויג פון אים! וואָס איז ער אים דאָ געקומען אויספאָרשן?

שלמהלע זעט קלאָר די סכנה. די שרעק פאַרגייט ביי אים און טרעט אָפּ איר אָרט דעם אינסטינקט, וואָס איז ביי אים צוגעשאַרפט געוואָרן אין משך פון אַזויפיל יאָרן זיין אַ געפלאָגטע חיה, אַ וואָרעם וואָס מיידט אויס אַ האַרטן פוס־טריט.. אָט איז זי, די געפאַר! זי פלאַטערט איבער זיין קאָפּ. אַיין מענטש קען זי נאָר פון אים פאַרטרייבן, דערשטיקן זי אין זיך — יענער שטייט אָבער קאַלט און גזלניש מיט זיין שוואַרץ־רויטן היטל, זיינע אויגן גיסן זיך צונויף מיטן גלאַנץ פון זיינע שטיוול און זיי פינקלען... איז דאָס נישט דער אָפּגלאַנץ פון אַ טיגער, איידער ער גייט זיך וואַרפן אויף זיין שוואַכן רויב?

אין זיין פאַרטמטקייט זעט שלמהלע אַז ער האָט נאָך געציילטע מי־

נוטן צום אַפּוּער. ווי נאָר ווייזנבערג וועט זיין איבער דער שוועל — איז ער אַ פאַרלוירענער! ווייסט ער נישט וואָס צו טון: וואַרפן זיך אויף אים? דערשטיקן? אָדער אפשר גאָר אים קושן די טריט, וויינען, שרייען און בעטן הויך — אַז עס זאָל אַלעמען איבערנעמען?

דאָס שוואַכע געפיל אין מענטש איז שטאַרקער פאַר זיין שטאָלץ און אָנגרייפערישקייט — אין מאָמענטן פון טויט־סכנה. אַזויווי אומבאַ־רעכנט, אָן צו דערפירן זיין איבערלייגונג ביזן סוף, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צו ווייזנבערגן. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס האָט שלמהלע אַליין מוראָ, זיינע מעכטיקע הענט זאָלן זיך נישט צעשרייען איבער ווייזנ־בערגס בלוי־גלאַטיק פּנים און דער בלוטיקער שראַם זאָל נישט צעווילדע־ווען זיין ווייטיק ביז אומבארעכנטן נקמה־גיר... האָט ער גענומען שנעל־שנעל אַרויסטרייבן פון זיך די ווערטער, איילן זיי אַז זיי זאָלן פאַרלויפן דעם וועג זיין אינעווייניקסטע קאָכעניש:

— פאַניע קאָמענדאַנט... האָט רחמנות! געדענקט אין גאָט... איר זענט דאָך אַ ייד... וואָס האָב איך דען געטון? כ׳בעט אייך, פאַניע קאָ־מענדאַנט...

ער האָט זיך דערביי געוואָרפן, געכאַפּט ווייזנבערגס הענט און גע־קושט ווי אַ מטורפער. עס איז נישט געווען קיין קושן פון ליבשאַפט, פון חניפה אָדער פון בלויזן געבעט: ער האָט זיך אין דער האַנט געקלאַמערט ווי אין אַ זייל וואָס קען אים שיצן, ווי אַן אויסגעשטרעקט ברעט אין אַן ענדלאָזן ים... ווייזנבערגן האָט אַרומגענומען עפּעס אַזאַ ווייכער, מטוש־טשער עקל פון יענעמס קושן, וואָס האָט אים אָנמעכטיק געמאַכט און צעברעקלט זיין ברוטאַלן ווילן אויף שטיקער... ער האָט אים געוואָלט געבן אַ מעכטיקן זעץ מיט זיין פויסט און עס נישט געטון. ער האָט אים בלויז לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך און גיכער זיך אַליין איבערגעשריגן:

— דו! מיט וו ע מ ע ן רעדסטו דאָס אַזוי!? קענסט אַ ל ץ זאָגן — אָבער נאָר פון דער ווייטנס... און באַזונדערס — פאַר וועמען האָלטסטו מיך, גולם! מיינסט אַז כ׳בין אַ מסור? דו נבלה איינע!...

ער האָט מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט, ווי עמעץ וואָלט אים אַריינגעקראָכן אין גאָרגל. ער האָט דערפאַר אַ שמיר געטון מיט דער נאַגייקע איבער

שלמהלעס געבויגענער פלייצע און אַ ברום געטון צו זיין פּאַליצייאישער באַגלייטונג:

— קומט... איר זעט דאָך שוין...

מער האָט ער זיי נישט דערזאָגט. אין דרויסן האָבן זייערע שטיוול אָפּגעקלאַפּט מיט געשטאָרבענער נאַכלעסיקייט אויף דער טרוקן־געוואָרענער, בייניקער ערד. זיי האָבן גערעדט אַלע אויפאַמאָל און מ׳האָט גאָר נישט געקענט הערן. איין זאַץ פון ווייזנבערגן האָט זיך נאָר אַרויסגעריסן פון זייער ווערטער־טומל און ווי אַ פרעמדע טויב האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין אָפּענעם פענצטער:

— פונדעסטוועגן דאַרף מען האָבן אַן אויג אויף דעם פויגל...

די ידיעה אַז דער הויכער ראַדאָמער איז אַן אַנטלאָפענער פון לאַגער איז באַלד צעטראָגן געוואָרן איבער אַלע באַראַקן. ביי דער אַרבעט האָט מען שלמהלען געהאַלטן אין איין פייניקן מיט שאלות. יעדער איינער האָט געוואָלט וויסן באַזונדער, ווי אַזוי עס זעט אויס דער ליידיקער וואַלד, די וועלט? מ׳האָט פאַר שלמהלען מורא געהאַט, דרך־ארץ אַרויסגעוויזן. מ׳האָט געזען אין אים אַ מענטש, וואָס האָט כאָטש איין מאָל באַוויזן זיך אַ ראַנגל צו טון פאַר זיין לעבן און ער האָט אויך באַקומען זיין פרייז: ער האָט אַרויסגעריסן ביים גורל ניין חדשים פון אַ בעסער און מענטשלעכער לעבן!

פאַרנאַכט האָבן די רייכערע לאַגער־מענטשן און פּאַליציי־לייט געהאַלטן אין איין אַרומשלעפּן שלמהלען, אים מכבד זיין מיט אַ שטיקל ברויט, אַן איבעריקן ביסל זופּ און ער האָט מיט זיין טעמפּער גוטמוטיקייט געמוזט דערציילן צום וויפלטן מאָל זיין געשיכטע: ווי אַזוי מען האָט אַלע, וואָס זענען געלאָפן מיט אים, אויסגעשאָסן און ווי אַזוי ער איז געלאָפן, געלאָפן... ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט ביז ער איז געקומען קיין ראַדאָם...

ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט מעכעלען, האָט ער זיך געקלאָגט:

— זיי גיבן מיר ברויט. זופּ... און איך נאָר — דערצייל... ווייס איך דען נישט אַליין, אַז דאָס וועט מיך אָפּקוילעצנען? ס׳איז אַ שטיקל ברויט וואָס איך נעם פאַר מיין ל ע ב ן. יעדעס מאָל וואָס איך דערצייל — זע איך ווי מיינע ווערטער טראָגן זיך אַוועק ווייטער און ווייטער. נאָר מילאָ, איך קען נישט אָנבינדן מיין צונג אויף קיין שטריקל...

צום ווינפלטן מאָל האָט מעכעלע געקענט באַמערקן שלמהלעס געד ־ זונטן אינסטינקט, וואָס וויל מיט געוואַלד אויספילן דעם בלויז אין זיין שכל. ער האָט אים אָבער געוואָלט אויסרעדן זיין מורא:

— נאַרעלע, מען ווייסט עס סיי־ווי אין לאַגער. זעסט דאָך ווי דער קאָמענדאַנט און די פּאָליציי מאַכן אַ שווייג... און דו ביזט אַ יונגער בחור, וואָס האָט זיך שוין אָפּגעוווינט פון הונגער. דאָס שטיקל איבעריקע ברויט מיט דער זופּ זענען פּאַר דיר אַ לעבנס־פראַגע.

שלמהלען האָט עס אָבער נישט באַרואיקט. ער האָט נאָר צוגעגעבן מיט רעזיגנירטער גלייכגילטיקייט:

— וועסט אָבער זען מיין סוף, וועסטו זען...

און מעכעלע האָט נישט געוווסט, אויב ער זאָגט דאָס אים אָדער זיך אַליין...

שלמהלעס דערציילן האָט אַריינגעברענגט אויפרעגונג אין די ענגע באַראַקן. די פּאָליטישע נייעס האָט נאָך פריער צערודערט די געמיטער. מ'האָט געשמועסט אַז די רוסן וועלן אין אַ שיינעם, העלן טאָג זיך דער־ נעענטערן. דאָ און דאָרט האָט מען אויפגעכאַפּט אַ וואָרט פון ראַסטן, פון אַנדערע מייסטערס און די אַלע ווערטער און קלאַנגען האָט מען צוזאַמענ־ געקלעפּט לויטן אייגענעם ווילן און פאַנטאַזיע — און געמאַכט דערפון אַ צושטאַנד, וואָס האָט געלאָזט קלאַפּן די הערצער העכער ווי געוועלנלעך.

מען האָט געוווסט אַז די דייטשן וועלן דאָ קיין איין ייד נישט לאָזן, אויב זיי וועלן דאַרפן אַוועק — טאָ ווי אַזוי זאָל מען נישט קלערן וואָס צו טון? שלמהלעס ווידער־דערשיינען איז געוואָרן דער לעבעדיקער באַ־ ווייז, אַז מען קען אַנטלויפן און דאָך לעבן בלייבן... מען קען? יאָ, ווער עס האָט מוט, ווייסט די וועגן און האָט עפּעס געלערנט פון שלמהלעס פשוטער און צעחושטער דערציילונג — מעג ריזיקירן די פּאָר וואָכן, ביז דער קריג וועט אַנשפּאַרן אין די היגע מקומות...

האָט טאַקע געטראָפן, אַז דריי בחורים זענען אין מיטן נאַכט אַרויס פון פאַבריק און מער נישט צוריקגעקומען. נאָך איידער די פּאָליציי האָט וועגן דעם געהערט — האָט מען שוין געזען אַרומלויפן דעם וואַכפירער מיט די ווערקשוץ ווי די משוגעים. ווער האָט זיי דאָס איבערגעגעבן? און וואָס מאַכן אויס דריי יידן אין אַזאַ צייט, ווען די רוסן רייסן זיך איבער דער פוילישער גרענעץ? קיינער קען עס זיי נישט פרעגן. מסתמא האָבן

זיי זייערע חשבונות. עס איז אויך מעגלעך, אַז דאָס האָבן זיי נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצוטון פון דער אַלגעמיינער פּאַניק און זיך אַריינוואַרפן ווי שכורים אין אַ זוכעניש נאָך עפּעס, וואָס זאָל זיי מאַכן פאַרגעסן אין דער אייגענער סיטואַציע.

אין לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ ווילדער טומל. אין יעדן באַראַק האָט מען געזוכט די אַנטלאָפענע מיט ביקסן אין די הענט. די אוקראַינער האָבן געשלאָגן און שולצע האָט צום וויפלטן מאָל פאַרזיכערט אויף זיין „ערנוואָרט״ אַז ער וועט אַלעמען דערשיסן ווי די הינט, ווי די הינט!... האָט מען זיך געטוליעט צו די דאַרע בעטלעך אָדער אַרויסגעקוקט מיט האַרצקלאַפּעניש ווי אַזוי ווייזנבערג טענהט זיך אויס מיטן צעיושעטן שולצע און וויל אים דווקא באַרואיקן. וועט עס אים געלינגען? אַלע וואַרטן אָפּ מיט פּחד: וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?

דער וואַכפירער וואַרפט ירגזונדיק מיט זיין קאַליקע הענטל. אפילו זיין מונדיר קנייטשט זיך נערוועז און ציט אים איין זיין האַרביקן אַקסל:

— זיי מוזן צוגעשטעלט ווערן ביז פאַרנאַכט... זיי מוזן!

ווייזנבערג שטייט שוין איצט אַ שוואַרצער, מיט אונטערגעזעגטע טריט. ער וויל איצט ווערן קלענער, אַראָפּגעוואַקסענער. וואָס טויג אים זיין קאָמענדאַנטישער שטעל, ווען ער דאַרף אויף אים אויסטראָגן די שווערקייטן וואָס מאַכן זיך אין לאַגער? די מענטשן וועלן איצט סיי־ווי אָפּטון פאַרשידנס. די צייט ברענט און עס וואָלט אים שוין איצט בעסער געווען צו זיין איינער פון די, וואָס קיינער באַמערקט נישט. צוליב וואָס זיך וויַיזן פאַר שולצען, וואַרפן זיך אין די אויגן פון ראָסטן און די אַנדערע ווערקשוצן, ביי וועלכע די רעוואָלווערן טרייסלען זיך אַזוי אומרואיק אין די הענט? עס איז שוין אָבער צו־שפּעט. ער האָט אָנגעהויבן אין יענע צייטן, ווען זיין היטל מיט דעם קאָמענדאַנטן־שטערן האָבן אים געגעבן מאַכט, עסן, וווילטאָג און רו — מוז ער עס שוין טראָגן... טראָגן און אויסהערן דעם מבול־גוס פון ווערטער, וואָס דער צעקאָכטער שולצע שליידערט אים אין פּנים אַריין:

— דו ביזט קאָמענדאַנט און ד ו וועסט ביי מיר הענגען... דו הערסט?

מען זעט ווי ווייזנבערג וויל עפּעס זאָגן. שולצע וויל אָבער נישט הערן, ער וויל זיך ווייטער נעמען שרייען, אָבער ווייזנבערג פּרוּווט אַ

צווייט מאָל, אַ דריטס... ביז שולצע שטילט זיך איין און הייבט אָן איינ־צוזאַפּן אין זיך ווייזנבערגס רייד. שפּעטער לאָזט ער זיך מיט זיינע וויל־דע טריט צום טויער. ווייזנבערג אַליין לאָזט זיך מיט דערשראָקענע שפּרייזן צום פּאָליציי־באַראַק. אַלע שפּירן אַז דער ענין איז שטעקן געד־בליבן אין סאַמע מיטן, אַט באַלד און ער וועט זיך ענדיקן, שרעקלעך זיך ענדיקן... וואַרט מען. באַלד זעט מען לויפן דעם עלטסטן פּאָליציאַנט און רעווען מיט אַ צערודערט קול:

— גריגנער! שלמהלע גריגנער!!!

אַ געדאַנק גיט ביי אַלעמען אויפּאַמאָל אַ פּיק אין מח:

— אַהאַ! שוין דאָ דער קרבן...

קיינער גיט זיך נישט קיין ריר פון אָרט. די צונגען באַהאַלטן זיך אין די מיילער, ווי יעדעס מאָל ביי אַן אַקציע, ווען זיי ציטערן אַרויס־צובריינגען פון זיך אַ קלאַנג וואָס קען זיך אַמאָל פאַרטשעפּען אין צע־רעשטן טויט, וואָס טשאַפּעט בלינד אַרום אין לאַגער...

באַלד ווערט אַ זומערייַ איבער די באַראַקן:

— דער הויכער ראָדעמער!... דער וואַכפירער דאַרף נייטיק האָבן דעם הויכן...

מען אַ נ ט שוין וואָס אַזאַ זוכן באַדייט, ווען שלמהלע דאַרף אָפּלייזן... ביי מעכעלען גייט אויף דאָס האַרץ, עס שווילט דאָרט אינע־ווייניק, רייסט זיך פון הויט און ביין, הייבט זיך... עס איז גרייט אַוועק־צופליען צו שלמהלען און לייגן זיך ביי זיינע פיס מיט רחמנותדיקן יאָ־מער. עס איז אָבער שטיל און מעכעלע קען זיך דאָך נישט רירן פון אָרט. ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט טויב זיין פאַר דער שפּראַך פון האַרץ. שווייגט ער און וואַרט. ער קלעפּט נאָר מיט זיין גאַנץ וועזן ביים שייבל: אפשר וועט ער זען וועמען, הערן... כאָטש ער ווייסט אַז ער וועט דערצו דאָ גאָרנישט טון, אַז ער קען גאָרנישט.

צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיך באַוויזן פון אַ זייטיקן ווינקל. זיי פירן עמעצן. אין קאָפּ ביי מעכעלען האָט עס אַ פּויק געטון מיט אַלאַרם:

— שלמהלע!

אָבער שלמהלע גייט זיך רואיק, געמאָסטן... אָט זעען זיי שוין אונ־

טער מעכעלעס באַראַק. זיי איילן זיך, די פּאָליציי, און טרייבן אויך שלמהלען:

— דו קענסט דאָך גיין אַבּיסל שנעלער... דער וואַכפּירער וואַרט!

אָבער שלמהלע האָט שוין באַקומען פון ערגעץ אַזאַ פּאַרגליווערטע רו, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעקלעפּט אין די טריט, אין די שיך, אין געמיט... ווי רואיק ער רעדט! ער גיט זיי אַן ענטפער אַזוי שאַרף, הויך און קלאָר אַז אַלע הערן עס אין באַראַק:

— א י ך האָב צייט... און איר האָט וואָס מורא צו האָבן...

מיט די אויגן זיינע זוכט ער עמעצן צווישן די וואָס קוקן אַרויס פון די פענצטער. ער זעט מעכעלען און ביידנס בליקן צעקושן זיך דורכן גלאָז:

— מעכעלע... זיי מיר געזונט, מעכעניו...

דורך דער שויב טראָגט זיך אַריין דער איינגעבראָכענער שפּאַלט אין זיין רואיקער שטים. עס וויינט דאָרט אין אים, אינעווייניק. נאָר ער לאָזט זיין געוויין נישט אַרויס. די פּאָליציי פירט אים ווייטער און ער הויבט די האַנט ביי יעדן פענצטערל און געזעגנט זיך... מיט וועמען? אפשר מיט אַ באַקאַנטן דאָרט, ביי וועלכן דאָס האַרץ וויינט נאָך? און אפשר געזעגנט ער זיך גאָר מיט דער לעבעדיקער וועלט, וואָס פאַר אים קוקט זי נאָר אַרויס דורך די שייבלעך פון יידישע אויגן?

מעכעלע שטייט נאָך אַלץ ביים פענצטערל און האָט אפילו נישט קיין חשק צו זען דאָס גרויסע וווּנדער אונטער זיין רוקן:

עמעצער כליפּעט...

— 3 —

אַז אַ מענטש ווערט אָוועקגעפירט פון ווערק צע — ווייסן אַלע אַז ער קומט נישט מער צוריק. איינעם קען מען באַדויערן אַ מינוט און דעם צווייטן אַ גאַנצע שעה. אויף מער איז קיין כח נישטאָ. באַלד וועפּט זיך אויס דער טרויער מיטן באַדויער — וואָס קומען סיי ווי נאָר אַהער ווי אַ משונהדיקע אויפוואַכונג אין מיטן אַ קויטיקן חלום... און אַז מען האָט שלמהלען אָוועקגעפירט און דער וואַכפירער האָט זיך נישט באַוויזן — האָבן ביי ווייזנבערגן זיך ווידער צעגלאַנצט די שטיוול און די פּאָליציי

האָט זיך ווייטער געציילט אירע גרופּן, ווי אַ קרעמער ציילט זיין פאַרמעגן נאָך אַ טאָג פדיון. מענטשן זענען צוריק אַרויסגעקראָכן פון די לעכער און זיך גענומען דרייען אין צעווימלטן לאַגער־ראָד, געזוכט וועמען, געפינען און ווייטער געלאָפן. מען האָט אָפּגעאָטעמט ווי נאָך אַ גרויסן שטורעם, וואָס האָט געזאָלט אַוועקטראָגן דאָס גאַנצע הויז און קוים באַוויזן אַוועקצוכאַפּן אַ שטרוי.

די לעצטע גרופּע האָט אַוועקמאַרשירט צו דער נאַכט־שיכט און ווייזנבערג איז געבליבן שטיין געמיטלעך ביים טויער, אַריינצואָטעמען די פאַרנאַכטיקע לופט. פון יוצא וועגן האָט ער אַ רוף געטון מעכעלען מיט נאָך צוויי צופעליק־פאַרבייגייענדיקע, זיי זאָלן אָפּרייניקן דעם וועג פון יענער זייט טויער וואָס פירט אין וואַלד אַריין. ער איז דערביי געשטאַנען און הנאָהדיק באַפוילן:

— אָט דאָרט, דאָס גריבל זאָל מיר פאַרשאָטן ווערן... אָבער באַלד!

אין זיין טאָן איז געלעגן די צופרידנקייט פון אַ מענטש וואָס האָט זיך נאָר וואָס באַפרייט פון אַ געפאַר. פון ווייטנס, ביים אָנהויב וועג וואָס פירט צו דער דייטשער וואַכשטוב האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, וואָס האָט מיט שפרונג־טריט זיך געלאָזט צום לאַגער. ווייזנבערג האָט זיך אַ ווייל אָנגעשטרענגט מיטן בליק און איז פלוצים שוואַרץ געוואָרן פון איבעראַשטער שרעק:

— ביזטו אַ מבין? אָט גייט ע ר דאָך צוריק! ווי כ'בין אַ ייד אַז דאָס איז ע ר!

עטלעכע פאָליציי־לייט זענען געקומען אָנצולויפן זען דאָס וואונדער:

— יאָ, ס'איז ער טאַקע... דער יונג האָט אַ טריפה מזל! אַ שד מסתמאָ...

ווען שלמהלעס שאָטן האָט זיך צוגערוקט נענטער האָט ווייזנבערג פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. ער האָט קוים באַוויזן צו באַהערשן דעם ניגער, וואָס האָט זיך געריסן פון זיינע דערשראָקענע ליפּן:

— דו, זאָל דיך דער רוח כאַפּן... וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען מיט דיר?

שלמהלעס אויגן האָבן זיך געריסן פון די לעבער. דאָס האָבן זיי

זיך נישט געקענט צוגלייבן, אַז זיי זענען צוריק דעם טויער. ער האָט קוים געקענט אַרויסברענגען פון זיך:

— זיי האָבן מיך געפּאַרשט, האָבן זיי מיך...

ער האָט זיך אָפּגערוט אַ ווייל. די מענטשן אַרום האָבן עס נישט געקענט פאַרטראָגן:

— נו! רעד שוין אַ וואָרט!

אַלעמענס אויגן האָבן זיך איינגעשפּיזט אין זיין פּנים, אין האַלדז, אין מויל. מען האָט געוואָלט אַרויסרייסן דאָס, וואָס ער ווייסט, פון אונ־טער זיין טראַכט אַרויס... אים איינשלינגען מיט אַלע רייד וואָס ער האָט אין זיך און קען זיי נישט אַרויסברענגען פון אויפרעגונג... שלמהלע האָט דערווייל געפונען אין זיך נאָך ווערטער:

— דערנאָך... האָבן זיי מיך געפירט אַ ה י ן ...

ער האָט דערביי אָנגעוויזן מיט אויפגעריסענער שרעק אין דער ריכ־טונג פון שיס־פּלאַץ. אַלע זענען אַריין אין ציטערדיקער שפּאַנונג:

— נו?

שלמהלע האָט זיך אָבער פאַרקייכט פון דער נאָר־וואָס איבערגע־לעבטער שרעק, וואָס איז נאָך אַמאָל אין אים אויפגעקומען. זיינע אויגן האָבן הילפלאָז געזוכט אַן אָנהאַלט ווו צו נעמען אַ וואָרט פאַר דעם וואָס ער טראָגט אין זיך. אין געדאַנק האָבן זיך ביי אים ווידעראַמאָל איבער־געקוליעט אַלע געפילן און געזעענע זאַכן. האָט זיך דער אָטעם פאַר־האַקט. ערשט ווען ער איז צוגעקומען אין זיין געדאַנק צו דער אומגע־ווענלעכער אַנטשפּאַנונג, וואָס האָט אים אַזוי אויפגערודערט, האָט ער ווידער געפונען אַ זאַץ:

— און זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזט...

ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך און דערציילט:

— ס'האָט אים אויסגעפּרעגט שולצע... עפּעס נאָך עטלעכע זעל־נער'... זיי האָבן שוין געוווּסט פון אַלץ: דו ביזט אַנטלאָפן פון דאַנעט און געווען ביי די פּאַרטיזאַנער... אויך ער האָט געענטפערט קלאָר:

— אַנטלאָפן בין איך — נאָר וואָס מען מיינט „פּאַרטיזאַנער" ווייס איך נישט...

— ...און די מענטשן וואָס זענען נעכטן אַנטלאָפן — האָסטו זיי געגעבן דעם פּלאַן...

— כ׳קען זיי אפילו נישט און ווייס אפילו נישט וואָס עס הייסט אַזוינס „אַ פּלאַן"...

— דו דערציילסט אַלעמען ווי אַזוי דו ביזט אַנטלאָפן, געווען אין וואַלד...

— יאָ, כ׳בין טאַקע אַ גרויסער אידיאָט... מען מעג מיך דערפאַר גוט אָנממיתן...

שולצע האָט געהייסן צוויי ווערקשוצן אים פירן ווו מען דאַרף — איז ער געגאַנגען. נאָר ביי דעם שיס־שטאַנד האָט אים איינער געזאָגט:

— דו, מאָשעק גיי צוריק אין לאַגער און דיין שטראָף וועט מען שוין דאָרט אָנמעלדן...

איז ער געלאָפן צוריק... ביזן טויער אַזוי...

די פּאָליציי האָט געשטוינט פון וווּנדער. ווייזנבערג האָט אָנגעוויזן אויף אים, ווי אויפן איינציקן שולדיקן: ער העצט דאָס אויף די מענטשן, ער ווייסט אפילו אויף זיכער ווו די אַנטלאָפענע זענען... און צום סוף קומט זיך אַזאַ פויגל צוריק און ער האָט אפילו קיין קלאַפּ נישט באַקומען... היינט גיי און פאַרשטיי אַ וועלט! אַז אַזאַ שוטה קריכט אַפער אַלעמאָל דעם טויט פון אונטער די נעגל!

ווייזנבערג איז אַריינגעפאַלן אין שולדיקער התפעלות אַריין:

— דו ברודערקע וועסט שוין איבערלעבן די מלחמה... דיך וועט שוין דער טייוול אַליין נישט נעמען, ווי גאָט איז מיר ליב!

שלמהלע האָט דערווייל באַמערקט מעכעלען און אויף אים אַרויפּגעפאַלן מיט אַ פריידיקן געוויין:

— זעסט, מעכעלע, כ׳האָב זיך שוין מיט דיר געזעגנט! נאָר אַז דער, וואָס זיצט אויבן, וויל — זענען זיי אַלע גרויסע קנאַקערס!

די פּאָליציי האָט זיך פאַרשעמט אַריינגערוקט אין טויער און נאָך אַלץ נישט געקענט זיך אָפּוווּנדערן:

— אָוואַ... אַ חברה־מאַן! ער האָט מער מזל ווי יאָרן, ערגוואָרט!

און ווען שלמהלע איז אַריין אין טויער האָבן זיי אים לאַנג נאָכגעקוקט, ווי זיי וואָלטן פון זיין געשטעל געוואָלט דערגיין דעם סוד פון זיין מזל.

— 4 —

ביינאַכט איז געקומען אַ באַפעל פון וואַכפירער:

— מען זאָל שלמהלען נישט פירן מער אין פאַבריק אַריין. ער קען נאָך פון דאָרט ווידער אַנטלויפן. ער דאַרף בלייבן אין לאַגער און טון אַלערליי הויף־אַרבעטן. מען זאָל אים אויך געבן מער צו עסן, ווייל ער איז אַ געזונטער יונג און דאַרף מער ווי אַ צווייטער. ער קען נאָך נוצן ברענגען!

אין די טעג פון זוכן אין פאַבריק אַ מענטש מיט ליכט — האָט עס געהייסן אַ גרויס גליק. אַלע האָבן זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן, מקנא געווען שלמהלען און מען האָט זיך אפילו געלערנט נביאות זאָגן:

— אויב עס וועט בלייבן לעבן איין ייד נאָר פון ווערק צע, וועט עס זיין דער ראַדעמער...

אפילו די פּאָליציי האָט אים גענומען בעסער באַהאַנדלען. מען האָט אים געשאַפן אַ פּלאַץ אין אַריסטאָקראַטישן באַראַק, נעבן מעכעלען און ווען ווייזנבערג האָט אים געזען האָט ער זיך מיט אים דערפרייט:

— כ׳ווייס נישט וואָס, נאָר ווען איך זע דיך — ווערט מיר פריי־לעכער... אַלע דאָ האָבן אַזעלכע שוואַרצע מזלות — און דאָ זע איך איין ייד מיט אַזאַ גוט מזל! ס׳איז ממש אַ מחיה צו זען אַז מ׳קען זיין אַ ייד און דאָך אַזוי באַשיצט צו זיין פאַר אומגליקן.

ביי ווייזנבערגן איז שלמהלע געווען אַ מין באַהאַלטענע טרייסט פאַר זיך אַליין: אָט איז אים אויך געלונגען זיך אַדורכצודרייען ווי קיין שום ייד... און אַז שלמהלע לעבט נאָך — קען עס אויך אים זיך איינגעבן צו דערפירן ביזן סוף. מוז נאָר שלמהלע אַליין האָבן אַזאַ מזל?

ווען ווייזנבערגן איז באַפאַלן די גוטע מינוט פון אָוועקגעבן איבעריק ברויט — האָט ער צוערשט געזוכט שלמהלען און אפילו געשיקט אַ פּאָ־ליציאַנט, ער זאָל אים אויפזוכן. ביי אים האָט ער זיך געוואָלט אויס־פיינען:

— נאַ דיר... און מיין נישט אַז איך בין דער ערגסטער גזלן!

שלמהלע האָט אָבער כסדר עפּעס פאַרגעפּילט:

— ווער ס׳איז מיך מקנא מיט מיינע גליקן!... ביי יעדער צרה וועל איך סייווי זיין דער ערשטער...

עס איז אָבער אַוועק אַ וואָך און צוויי, ביז שלמהלע האָט זיך באַרואיקט פון דער שרעק. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף, מיט אַלע היימיש געוואָרן און געגעסן... געגעסן וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די באַקן האָבן זיך ביי אים גענומען אויסרויטלען און ער האָט גענומען שפירן צופרידנקייט אינעם געזונט פון זיינע הענט און אין אַלע אברים.

נישט־פאַרגינערס האָבן שוין גענומען אונטערברומען:

— אים דינט שוין איינמאָל דאָס אַנטלויפן... אפילו איצט, אין לאַגער...

אַזעלכע האָט שלמהלע נישט געקענט שולדיק בלייבן קיין ענטפער:

— ווער לאָזט ד י ך נישט טון דאָס זעלבע? אַנטלויף אויך און לאָז זיך כאַפּן...

ער האָט צוריקגעפונען זיין הומאָר און געוואָרן אַנזעעוודיק אין לעבן פון לאַגער־הויף. ווען שולצע איז געקומען אין לאַגער אַריין, האָט ער זיך געהייסן וויזן שלמהלען. ער איז געשטאַנען נעבן אים און לאַנג־לאַנג אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס מיט זיינע צוויי קיילעכדיקע שטיקער גרינעם גיפט. שפּעטער איז ער אַוועק אַ צופרידענער און צעשמייכלטער. שלמהלע האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין:

— וואָס קווועלט ער אַזוי אָן פון מיר? אַ קלאָג צו זיין קאָפּ... וואָס איז די שמחה אויף א י ם, ווען א י ך זע גוט אויס? וואָס בין איך, זיין פערדל אָדער וואָס? איר קענט זאָגן וואָס איר ווילט — אָבער מיר געפעלט עס נישט...

און ס׳איז אים אויך נישט געפעלן וואָס דער בלאָסער ראָסט האָט זייענדיק אין לאַגער זיך אָפּגעשטעלט און אַזוי געקוקט אויף אים, געקוקט און געשוויגן. שלמהלען האָט פון זיין קוקן זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. ס׳איז אים עפּעס שטאַרק־שטאַרק שווער געוואָרן אויפן האַרץ. ווען מעכעלע איז דערנאָך פאַרבייגעלאָפן, האָט ער אים אָנגעכאַפּט מיט אַ ציטערדיק קול:

— דו ווייסט, מעכעלע? מיר האָט זיך געדוכט אַז ער גייט מיך שיסן...

אָבער שלמהלע איז שוין ביי אַלעמען אין געדאַנק צוריק איינגעשריבן געוואָרן צווישן די לעבעדיקע. דעם חטא זיינעם האָט ער שוין הינטער זיך. מען ווייסט שוין און עס לעבט זיך אים לייכטער — טאָ

וואָס האָט ער צו זאָרגן, צו שרעקן זיך? נאָר נאָך ראָסטס באַטראַכטן אים — איז נישט מעגלעך געווען פון אים אַרויסצושלאָגן די קלעפּיקע געדאַנקען, וואָס האָבן אים נאָכגעיאָגט:

— מיר וועט איר נישט איינרעדן אַז עס איז סתּם אַזוי! מען נעמט אַזאַ געזונטן יונג ווי איך און מען לאָזט אים גאָר זיך אַרומדרייען, קלייבן פּאַפּירלעך אויפן הויף... דעמאָלט ווען כ׳בין געווען אָפּגעמאָגערט און אויסגעהונגערט — האָט מען מיך געהייסן שלעפּן גאַנצע וואַגאָנעס מיט גראַנאַטן... און איצט, ווען דאָס בלוט זעצט פון די אבֿרים קומען זיי קוקן... נישט מער ווי קוקן! מנע, דאָ שטעקט זיכער עפּעס אַ שפּיצל!

קיינער האָט זיך אָבער אויף אַזעלכע דייטשע שפּיצלעך נישט פאַרשטאַנען...

— 5 —

ווען דער וואַכפירער האָט אין צוויי וואָכן אַרום געשיקט נאָך שלמה־לען — האָט קיינער מער גאָרנישט איבערגעקלערט. מ׳האָט אפילו נישט באַנוצט זיך מיט קיין פּאָליציאַנט, וואָס זאָל אים אָוועקפירן. ער אַליין איז אָוועק מיט זיינע רואיקע, פעסטע טריט. אין באַראַק אַריין איז ער שוין צוריק נישט געקומען. ערשט אַרום האַלבער נאַכט האָט מעכעלע דערפילט ווי אַ האַנט וועקט אים, רייסט אים פאַרזיכטיק פון געלעגער. אין דער טונקל האָט מעכעלע קוים דערקענט דעם סילועט פון אַ פּאָליציאַנט. יענער האָט זיך שטיל אַראָפּגעבויגן איבער אים און איינגערוימט אין אויער:

— ש ש... שאַ! טו זיך שטיל אָן און קום מיט מיר... עמעץ דאַרף דיך נייטיק זען — אָבער שוין!

דעם שלאָף האָט זיך נישט אַזוי לייכט געגלוסט אַראָפּצוגיין פון מעכעלעס ברעמען, האָט ער זיך דערפאַר געצויגן, געוואָלט זיך אויפזעצן, געקלערט און צוריק אַראָפּגעפאַלן מיטן קאָפּ אויפן האַרטן ברעט. ווי פון שלאָף אַרויס האָט ער זיך געבעטן:

— כ׳אַנטלויף דאָך נישט... אפשר איז יענעם מעגלעך מיך צו זען מאָרגן באַלד אין דער פרי?

באַלד האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ חשד, וואָס האָט אים שוין וואַך געמאַכט:

— וואָס עפּעס ביינאַכט?... אין מיטן דער נאַכט און אַזוי שטיל?

דעם פּאַליציאַנטס קול איז אָבער געווען איינגעהאַלטן און בעטנדיק:

— עס קען נישט זיין! פאַרשטיי אַליין: ווען איך קום אין מיטן נאַכט — איז עס וויכטיק. קום אַרויס וועל איך דיר אַלץ דערציילן...

זיין געהיימנישפולער טאָן האָט מעכעלען אינטריגירט און געשראָקן. וואָס האָט דען פּאַסירט? ער האָט געכאַפּט אויף זיך זיין רעקל און שטיל זיך אַרויסגעשלייכט פון באַראַק מיטן צעטומלטן פּאָליציאַנט. אין דרויסן איז געווען שטאָק־פינצטער און די ליידיקייט האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה. דער פּאָליציאַנט האָט זיך אומגעקוקט אויב קיינער זעט נישט און דאַן ערשט האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— יאָ, דו האָסט אפשר אַ גאַנץ לעבל ברויט?

— א י צ ט ע ר ?

דער פּאָליציאַנט האָט פאַרשעמט באַשטעטיקט:

— יאָ, איצט...

מעכעלע קען נישט פאַרשטיין:

— ווו זאָל איך עס איצט קריגן?

אָבער דער פּאָליציאַנט איילט זיך שטאַרק. שלעפּט ער מעכעלען נערוועז:

— קום וועל איך דיר דערציילן אין וואָס עס האַנדלט זיך. שפּעטער וועט מען שוין קלערן וועגן ברויט.

ער האָט גענומען פירן מעכעלען צו דער לאַגער־תפיסה. דאָס קאָרי־דאָר־לעמפּל איז געווען דאָס איינציקע וואָס האָט געשיינט פון בונקער אַרויס און גערופן עמעצן צו זיך. דער פּאָליציאַנט האָט דערציילט:

— שפּעט ביינאַכט זענען געקומען עטלעכע באַוואָפנטע ווערקשוץ און געבראַנגט צו פירן שלמהלען. ער איז געווען אינגאַנצן צעשלאָגן און באַגאָסן מיט בלוט. עס איז גראָד געווען מיין נאַכט־דיזשור ביי דער תפיסה. זיי האָבן אים געהייסן איינשליסן אין אַ קעמערל און מיר אָנגעזאָגט, אַז קיינער טאָר אים נישט זען און נישט וויסן פון אים. פאַרטאָג וועלן זיי אים קומען נעמען. איך בין פאַר אים ערב מיט מיין קאָפּ. ער איז אַזוי געלעגן אַ צוויי־דריי שעה אָן צו טון אַ פּיפּס. כ׳וויס נישט,

אפשר האָט ער געחלשט? ווייל דערנאָך האָט ער גענומען קרעכצן, ביז ער איז אַריבער אין אַ הויכן יאָמער. איך האָב געמיינט אַז ער איז משוגע געוואָרן. עס טרעפט אַזעלכעס! זיין ווייַנען אָט דאָ אין פינצטערן בונקער ווען אַלץ אַרום שלאָפט, האָט אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ פחד. נאָר באַלד האָב איך געהערט ווי ער רופט מיך, ער זעצט מיט די פויסטן אין דער טיר, אין די ווענטלעך... עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז אָט־אָט ברעכט ער אויף די טיר, וואַרפט זיך אויף מיר און צעררייסט מיך. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער־לעכל און געפילט ווי דאָרטן גלאַנצן אויף צוויי שטיקער טונקל פייער:

— דו, עפן אויף... ווייל כ'וועל מיטן קאָפּ אַרויסזעצן די טיר...

וואָס טוט מען? כ'וויל אים באַרויִקן, זאָגן אים אַז כ'קען נישט... מען טאָר נישט! ער אָבער נעמט רייסן די ווענט מיט אַזאַ שטורעם, אַז כ'שפיר ווי די ברעטער ציטערן אונטער מיר. איך ווייס נישט פאַרוואָס ער איז פלוצים אַזוי מיד געוואָרן און אַוועקגעפאַלן. איך האָב בלויז געהערט זיין קריצן מיט די ציין אויף דער צווייטער זייט טיר. ערשט ווען ער האָט גענומען זעצן נאָכאַמאָל מיט די שיך אין דער טיר, האָב איך געהערט וואָס ער וויל:

— כ'בין הונגעריק!!!

כ'האָב געהאַט ביי מיר אין טאַש אַ שטיקל ברויט און איך האָב עס אַריינגערוקט אין פענצטער אַריין. באַלד איז עס מיר אָבער געפאַלן צוריק, אין פנים אַריין:

— אַ ג אַ נ ץ ברויט וויל איך האָבן... איך עס שוין צום לעצטן מאָל...

און גיי שאַף אים אַ ברויט, אַז איך טאָר פון דאַנעט נישט אָפּטרעטן! ער האָט זיך אָבער דערווייל דערמאָנט אין עמיצן:

— דו, גיי רוף מיר אַ מענטש... מעכעלען פון נייעם באַראַק... כ'וויל זיך כאָטש מיט א יי ן מענטש געזעגענען...

איך פּרוּוו אים איינגעמען:

— די וועדקשוץ קענען אָנקומען... מען טאָר קיינעם נישט זען, פאַרשטיי...

ער האָט אָבער גענומען אַזוי הויך שרייען אַז איך האָב זיך דערשראָקן... ווי קען עס אַ מענטש שרייען אַזוי הויך? און דערביי שפיר

איך אַז דאָס ב ע ט ער זיך נאָר אַזוי, אַז דאָס וועקן נאָר אַלע אברים ביי אים אויפּאַמאָל מיין רחמנות:

— גיי, ווייל אַז נישט וועט זיין דיין טויט מיט מיינעם צוזאַמען...

איז אָט, בין איך דיך געקומען אויפוועקן. ס'איז מיר אַ רחמנות: פאַרטאָג וועט מען אים שיסן! פאַרוואָס זיי האָבן זיך איצטער דערמאָנט אין אים — ווייס איך נישט, ס'איז אָבער אַ זיכערע זאַך. אפשר גאָר רופן דעם העלבראָמער רבין? אַז ער האָט צייט — קען מען דאָך אים געבן די געלעגנהייט ווידוי צו זאָגן! אויב דו ווילסט — טו עס, נאָר איך ווייס נישט דערפון. אויב עס וועט ווער אָנקומען — האָב איך נישט געזען. גוט?

די טיר פון קליינעם תפיסה־באַראַקל האָט אַ קרעכץ געטון. מעכעלע איז אַריינגעקראָכן אין שמאָלן קאָרידאָרל, ווו אַן עיפּוש האָט געדרעמלט אויפן פינצטערן דיל. דער באַגלייטער זיינער האָט אים אונטערגעאיילט:

— גיי ווייטער... ביים לעצטן טירל...

שלמהלעס אויגן האָבן געוואָלט אַרויסקריכן דורכן טיר־לעכל. זיין גאַנץ וועזן איז איצט געווען איין שטיק בריל, פּחד:

— מעכעלע? זע, כ'וועל באַלד ליגן אַ דערשאָסענער! זיי קומען מיך באַלד נעמען! וואָסזשע טוט מען? וואָס טוט מען? און די נאַכט לויפט, אוי ווי זי לויפט! ס'וועט שוין באַלד בלויען אין דרויסן!... וואָס טוט מען? געוואַלד!

מעכעלע דערמאָנט זיך שלמהלעס רואיקן, פאַרגליווערטן גאַנג מיט צוויי וואָכן פריער. דאַן האָט ער אויך געוווּסט אַז ער גייט צום טויט, אָבער ווי לייכט ער האָט עס דאַן אויפגענומען! דער שאָטן און באַוווּסט־זיין פון טויט האָט זיך סייווי פאַרגנבעט אין אים, אָנגעגאָסן זיין גאַנצן טראַכט מיט דער זיכערקייט, אַז ד אָ ס וועט קומען, עס מוז קומען... האָט דער פּלוצימדיקער רוף אים נישט אַרויסגעשליידערט פון זיין „איך“: ער האָט אים אויפגערעגט ביז דער מאָס, ווען מען האָט די דערוואַרטע סכנה אויף די הענט... מער נישט!

איצט אָבער האָט דער טויט־הילך אין מח זיך באַרוישט מיט מילדע אויג־גלעטן, מיט ביסלעכווייזער אויסוועפּונג — האָט עס אים מיטאַמאָל צוריקגעוואָרפן דער נאָענטער סכנה אין די אָרעמס אַריין. זיין קול קור־

משעט זיך דערפאַר, שרייט, רעוועט, אַלאַרמירט, זוכט... ער זוכט נאָך אַן אויסוועג?

ער איז שוין משמעות נישט ביים קלאָרן זינען. ער האָט געגוג צייט געהאַט צום איבערקלערן, איבערצוגיין מיט דער מחשבה איבער דער גאַנצער ליניע פון מענטשלעכן געדאַנק און אַראָפּפאַלן פון שרעק אין תהום פון געדאַנקלעכן כף־הקלע. זיין שטים האָט באַקומען דעם ערשטן מטורף־הייזעריקן גרילץ:

— מעכעלע! זאָג אים, דעם פּאַליציאַנט אַז ער זאָל מיך אַרויסלאָזן! פּאַרוואָס האַלט ער מיך דאָ, ווען ער ווייסט אַז מ׳וועט מיך באַלד קו־מען נעמען? ווען איך בין נאָר אויף יענער זייט טיר — האָב איך שוין פּאַר די דראָטן נישט קיין מורא... עפענען זאָל ער! ע ר איז איצט מיין מערדער, נישט קיינער... זאָל ער עפענען!!!

דער פּאַליציאַנט איז געשטאַנען אין אַ זייט און געציטערט. ס׳איז אים שווער געווען צו זאָגן אַ וואָרט. ער קען דאָ בלויז געבן יענעם אַ שאַנס מיט ז יי ן לעבן. אַ שאַנס פּאַר אַ שאַנס. ער מוז איצט ו ו ע ל ן אַז אָט־דער דאָ זאָל גרייט זיין, די שיסער זאָלן אים אָנטרעפן און באַ־קומען אין די הענט אַריין. ער מוז איצט באַוואַכן יענעמס לעבן, אַז עס זאָל נ י ש ט א נ ט ר י נ ע ן ...אים אַליין איז ער נישט קיין שונא, ער האָט אפילו רחמנות אויף אים — אָבער שלמהלעס לעבן איז שוין איצט אַ גאַנץ באַזונדערע זאַך, אין גאַנצן אָפּגעטיילט פון אים אַליין... ער קען אים אפילו ליב האָבן — מוז ער אָבער זיין לעבן אָפּהיטן פּאַר די דייטשנס וועגן און נישט לאָזן שלמהלען באַלעבאָטעווען איבער זיך! ווי אַזוי־זשע קען ער רעדן צו אים? אַז יענעמס טויט איז איצט אַ גאַ־ראַנטיע דערפאַר, אַז ער, דער פּאַליציאַנט וועט מאָרגן ווייטער קענען עסן, גיין אין פאַבריק...

מעכעלע באַגרייפט איצט ווידער אַמאָל דעם תהום אין וועלכן מענטשן ווערן אַריינגעשליידערט ביים שטיין אויף דער וואך אין אַ קליי־נעם, שטילן באַראַק. ביי שלמהלען דרייען זיך אָבער די געדאַנקען גאָר שנעל. זיי ווייסן ווי טייער די צייט איז — און איינער איילט דעם צווייטן, לויפט אים איבער. ס׳איז גאָר נישט מעגלעך איין זאַך צו דערטראַכטן ביזן סוף, שוין לויפט אָן אַ צווייטער, אַ דריטער. זיי טוען אַ בליץ, אַ פּיק

אין מח און ווערן געשטויסן פון די ווייטער־אָנקומענדיקע... שלמהלע ווערט שטילער, געלאַסענער. איצט וויל ער שוין אַן אַנדערע זאַך:

— מעכעלע, זאָל ער עפענען! איך וויל נישט אַנטלויפן, בנאמנות! כ׳שווער דיר אַז ניין. כ׳וויל אָבער, אַז ער זאָל דיך אַריינלאָזן צו מיר אין קאַמער אויף אַ מינוט...

אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מעכעלען: וואָס וויל ער? וואָס מיינט ער?

שלמהלע איז אָבער רואיק, קלאָר:

— מעכעלע, פאַרשטיי: איך בין געקומען מיט הערלעכע שיך, מיט אַ גוטן אנצוג... אין די שיך האָב איך פאַרקלאַפּט גאָלד־שטיקלעך... אַ פּאָר באַנקנאָטן זענען פאַרנייט אין לאַץ... הערסט? איך וויל נישט אַז דאָס זאָל אַריינפאַלן צו די וואָס וועלן מיך דערשיסן! איך וויל נישט!! דערפאַר וויל איך אַז מיר זאָלן זיך בייטן מיטן אַנטועכץ! זיי וועלן מיך שיסן — און איך וויל נאָך טון איין גוטע זאַך, כל זמן איך לעב... מע־כעלע!

שלמהלעס ווערטער האָבן מעכעלען צערודערט. ער גייט צום טויט. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט מען שוין שלעפּן די בגדים פון זיין קערפּער. זיינע מעכטיקע הענט וועלן שוין נישט קענען אָוועקשליידערן קיינעם פון זיך, ווערן זיך... איצט איז ער געזונט־אייזן — זאָל ער נאָך אַליין אָוועק־טראָגן אויף זיך דעם לוין פאַר זיינע מערדער? קיין צייט צום טראַכטן איז נישטאָ. ער לאָזט נישט קלערן, שלמהלע:

— אַ מכה פאַר זייערטוועגן! כ׳וועל גיין אַהין נאַקעט און באָר־וויס! טו מיר אַ טובה, מעכעלע: כ׳וויל שטאַרבן מיטן געדאַנק, אַז דאָס געלט וואָס כ׳האָב אָנגעזאַמלט אין ראָדעם וועט נוצן עמעצן... ד י ר ! ניין, כ׳וויל עס נישט צוליב דיר! דו קענסט שפּייען אויף געלט דאָ — מוז איך עס אָבער טון, א י ך מ ו ז ע ס ! איך וועל משוגע ווערן... זאָל ער עפענען!!!

די צוויי מענטשן זענען געשטאַנען פוןביידע זייטן קאָרידאָר און אָנגעשטעקט געוואָרן מיט יענעמס צעטומלטקייט. מעכעלע שפּירט אין זיך, אַז גערעכט איז שלמהלע, ווי קען מען אָבער אַראָפּנעמען פון אַ מענטש זיין בגד, זיינע שיך — און דערנאָך זיך וואַרעמען, הנאה האָבן

ווען יענער וועט שוין ליגן מיט אַן אָפענעם שאַרבן? און גראָד איז דאָס דער איינציקער חסד וואָס מעכעלע קען טון פאַר אים...

ווייל ער דערפאַר צודעקן זיין צעקראַכענע שוואַכקייט:

— שלמהלע... אויב זיי וועלן דיך זען אַן אָפגעריסענעם — וועט נישט טויגן. אַזויווי דו זעסט איצט אויס, אַנגעטוענערהייט, קענסטו זיי נאָך אַ שאָד זיין. עס איז נאָך איבערהויפּט נישט זיכער אַז זיי ווילן דיך שיסן... און טאָמער וועסטו נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו ראַטעווען זיך, אַנטלויפן? ווי קענסטו עס דען נאַקעט און באָרוויס, מיט ליידיקע הענט?

שלמהלע איז שוין ווילד געוואָרן. דער פּאָליציאַנט איז ערגעץ פאַר־שווונדן אויף אַ רגע. ער האָט עס אָבער נישט געזען. דאָס איז ווייזט אויס געווען זיין לעצטער געדאַנק, ווייל ער האָט זיך אין אים געקלאַ־מערט אָן אויפהער:

— עפענען זאָל ער!

באַלד איז ער פול געוואָרן מיט צאָרן אויף מעכעלען:

— דו ביזט ש ל ע כ ט מיט דיין גאַנצער בוימלדיקער צידקות! דו ווילסט נישט? האָסט מורא אַז פון די מלבושים זאָל צו דיר נישט אַרויסשרייען קיין טויטער? האַ? דו ווילסט נישט אַז איך זאָל זיך אין דיר אָנרירן נאָכן טויט — איז גוט! איך וועל זיך דאָ אויסטון און צע־רייסן אויף זיך אַלצדינג... אויף שטיקער צערייסן! און ביים אַרויסגיין וועל איך עס אָוועקשליידערן אויפן הויף: ווער עס וויל — זאָל זיך נע־מען! אפשר וועט יענער וויסן וווּ צו זוכן... גיי!

דער פּאָליציאַנט האָט געברענגט אַ לאָבן ברויט און אַריינגעשריגן:

— דו, כ׳האָב דיר געברענגט אַ ברויט!...

שלמהלעס געדאַנקען זענען איבערגעריסן געוואָרן:

— וועסט מיר עס צעשניידן און אַריינגעבן דורכן פענצטערל... כ׳וויל עסן.

ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין מעכעלען:

— מעכעניו האַרציקער... קום נענטער צום פענצטערל!

מעכעלע איז אַ פאַרלוירענער צוגעגאַנגען. שלמהלע האָט זיך גע־בעטן:

— בייג זיך צו נענטער... נענטער... כ׳וויל זיך צעקושן...

מעכעלע האָט דערפילט אַ שאַרפן ברי פון אַ שטיק צונג אויף זיין

שטיק באַק, וואָס איז אַריין אין פענצטער־לעכל. אַ משונהדיקער ספּאַזם האָט זיך אַרויסגעריסן פון יענער זייט, אַריין צו מעכעלען אין גאָרגל און דערשטיקט דאָרט דעם לעצטן קלאַנג.

אויף יענער זייט טיר האָבן זיך דערהערט שווערע שטיוול־טריט. דער פּאָליציאַנט האָט זיך פאַרלוירן:

— מען גייט...

מעכעלע האָט אַ באַרוישטער אַ ריס געטון דאָס פענצטער פון קאָ־רידאָר און אַריינגעשפּרונגען אין דער נאַכטס בלוי־געפאַרבטן קעסל אַריין... אין זיין אויער איז געבליבן אַ ברעקל געשריי, וואָס איז מיט אים צוזאַמען אַרויסגעשפּרונגען פון פענצטער:

— זיי געזונט... מעכעלע...

אין יענער מינוט האָט בלויז געברענט זיין געקושטע באַק. אָבער מיטן פלאַם האָט זיך אויך מיטגעזעגנט דער גאַנצער גוף און די נשמה, ביז ער האָט נישט געשפּירט די ערד אויף וועלכער ער איז געלאָפן צו זיך אין באַראַק...

— 6 —

דעם סוד פון שפּילן זיך מיט שלמהלעס לעבן איז מען ערשט שפּע־טער געוווּיר געוואָרן, דאַן ווען דר. ראַסטס פלענער האָט מען שוין אַנ־געזען אין דער לופט. דאָס האָט זיך געקייטלט מיט אַ סך אַנדערע פּאַ־סירענישן און עקזעקוציעס, וואָס האָבן זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט דער־נאָך איבערן לאַגער. טאַקע דער גאַנצער פּלאַנטער האָט געחתמעט שלמה־לעס גורל צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידישע גורלות. אָבער וועגן זיין טויט גופא האָט מען שוין געהערט דערציילן דעם צווייטן טאָג:

געברענגט אויפן שיס־פּלאַץ האָט מען אים ערשט פאַרנאַכט. ער איז געווען אין גאַנצן נאַקעט. עס איז געבליבן אַ סוד, ווו זיינע מלבושים זענען אַהינגעקומען. אויפן שיס־שטאַנד האָט ער זיך געוואָרפן מיט גע־בונדענע הענט אויף די צוויי וועכטער און זיי אומגעשליידערט. דאַן האָט ער גענומען לויפן. די קוילן האָבן אים נאָכגעיאָגט, אַריין אין אים און אַרויסגעטריבן דאָס געזונטע בלוט פון די אָדערן, אָבער ער איז נאָך אַלץ געלאָפן. דאָס בלוט האָט אים פאַרגאָסן די אויגן און ער האָט זיך

בלינד געצויגן צו דער זייט פון דער פאַבריק, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרופּקע יידן און אויסגעברענט די פּסולע פּראָדוקציע פון שמיצס אָפּטיי־לונגען... צי האָט ער נאָך דאַן געוואָלט דערנענטערן זיך און אויסגיין נישט ווייט פון יידן? האָט נאָך זיין שכל אין אַזעלכע מינוטן געאַרבעט און ד אָ ס אין זינען געהאַט?

די מענטשן האָבן נאָר געזען זיין ווילדן לויף־געראַנגל מיטן טויט, וואָס האָט זיך אין אים פייערדיק איינגעגעסן אין אַלע זייטן... דעם גאַנצן וועג פון עטלעכע הונדערט מעטער האָבן זיינע טריט פאַרשריבן מיט בלוט־כתב א צוואה, וואָס קיינער האָט שפּעטער נישט געקענט אי־בערלייענען. ווען די קויל האָט אים אָוועקגעלייגט האָט ער נאָך באַוויזן אַזאַ הויכן געשריי צו טון, אַז די מענטשן פון שמיצס אָפּטיי־לונג האָבן אים אויפגעכאַפּט פון וואַלד־עכאָ אַרויס. דערנאָך האָט מען געזען גיין דאָס ערשטע מאָל די צוויי שיסערישע אוקראַינער מיט דערשראָקענע פּנימער. אויף זייער שטערן האָבן געגליווערט פאַרגעסענע קייקעלעך בלוט... און ווען זיי זענען געקומען רופן צוויי יידן, וואָס זאָלן גיין קובר זיין שלמהלען האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס גייט מען באַגראָבן צוזאַ־מען מיט אים אויך זייער רוצחישע, פריילעכע רו...

ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען דערקענט אויף אַן אָפּגע־ריסענעם, דאַרן פּיקרינער־יונג שלמהלעס הויזן מיט די שיך... דערקענט האָבן עס נאָר געציילטע און ער האָט באין אופן נישט געקענט זאָגן, ווי אַזוי ער האָט זיי באַקומען...

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

— 1 —

ווער קען דאָס געדענקען אַזוי לאַנג אין שלמהלען? אַז די עפּידעמיע האָט אַרומגענומען דאָס ווערק צע ווי אַן אייזערנע רייף, אָנגעפילט דעם פרישן שפּיטאָל־באַראַק און באַגלייט יעדן טאָג דעם מיסט־קאַסטן מיט טוי־טע. יעדן טאָג גייט מעכעלע ביז צום אָרט ווו די מתים ליגן, קוקט זיך איין אין די פאַרגליווערטע פּנימער און וויל אויפכאַפּן ווער פון זיינע באַקאַנטע

לעבן נישט מער. צוליבן טיפוס האָט שולצע זיך געוויזן ווייניקער אין לאַגער און ווען ער איז געקומען האָט ער זיך פאַרגנבעט פון דער וואַלדס זייט אַריין. טאַקע ער האָט איינמאָל געכאַפּט מעכעלען פון הינטנאַרום, ווי ער שטייט און ציילט די טויטע פון טאָג, פאַרשרייבט נעמען...

מעכעלע איז שטיין געבליבן אַ דערשראָקענער, מיט אַן אָפן מויל. אָבער שולצע האָט געטראַכט פון עפּעס אַנדערש:

— מען האָט דיך געהייסן איבערציילן די געשטאָרבענע? זייער גוט. מיר דאַרפן עס וויסן צוליב סטאַטיסטיק... אַלזאָ, וויפל האָבן מיר היינט? איין זאַך טויג אָבער נישט: מען דאַרף מאַכן אַ באַזונדער שטיבל פאַר די טויטע, טאַקע נעבן קראַנקנבאַראַק... דאָ זעט מען זיי פון ווי־ווייט. מען קען עס נישט דערלאָזן...

אָפּגעזאָגט זיך זיינס, איז ער שטיל געוואָרן אַ וויַיל און אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן אויף מעכעלען:

— און דו ביזט נישט קראַנק? אַלע זענען דאָ קראַנק און שטאַרבן אַוועק, איר באַנדע! איך האָב מורא מיט אייך צו קומען אין באַריר... טאָ גיי דו און זאָג עס דעם קאָמענדאַנט: ביז מאָרגן זאָל איך מער קיין טויטן דאָ נישט זען ליגן אַזוי אָפן...

מעכעלע האָט אים נאָך געוואָלט זאָגן, אַז ער איז נישט קראַנק און אַז... אָבער שולצע איז שוין געפלויגן מיט זיינע ווילדע טריט צום טויער. נאָך אין זעלבן טאָג האָט מען געשטעלט אַ פּאָר ווענטלעך אָנגעלענט צום לעצטן באַראַק, האַרט ביי די דראָטן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר די טויטע. מען האָט ווידער געשמועסט פון אַ נייער קאָמיסיע, איינע פון יענע אומציילקע, וואָס האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן איבערן ווערק צו. ווען נישט — טאָ פאַרוואָס האָט מען עס פּלוצים דערלויבט אַריינצופירן אין לאַגער ספּעציעלע קאַשע און קאַרטאָפל פאַר די קראַנקע? און פאַר־וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון ווערק צו אָנגעקומען אַ צוג מיט באַלן שטרוי פאַר די געלעגערס?

שטרוי... וויפל האָט מען עס געחלומט פון פרישן שטרוי, אויסצו־שפּרייטן די האַרטע געלעגערס? אַז מען לעבט — דערוואַרט מען זיך אָבער! זאָל עס אפילו זיין אין 1944... שוין נאָך דער טעגלעכער אַרבעט, פאַרנאַכט, איז ווייזנבערג אַרומגעלאָפן אַ צעיאַכמערטער, געכאַפּט מע־כעלען מיט נאָך אַ צענדליק און זיי געטריבן צו די דראָטן. אויף יענער

זייט האָט געפּייפט אַ שווערער לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט מיט זיך גע־פירט וואַגאָנעס מיט איינגעפּרעסטע באַלן געל, מחיהדיק שטרוי...

פון אַלע זייטן זענען זיך ווערק־צעניקעס אָנגעלאָפן צו זען דאָס וווּנ־דער. מיוחסים האָבן זיך אַפילו געשטופּט נעענטער צו ווייזנבערגן און שוין געוואָלט פּועלן באַצייטנס, אַז זייער באַראַק זאָל באַקומען דער ערשטער. די פּאָליציי האָט אָבער אַלעמען אָפּגעטריבן. עס מוזן נאָר בלייבן די, וואָס דאַרפן אָפּלאָדן דאָס שטרוי. גאַנץ באַזונדער מוז מען צוערשט אויסשפּרייטן די הונדערטער בעטלעך פון די קראַנקע. אַ גאַנצע נאַכט זאָל מען אַרבעטן — אָבער דאָס מוז נאָך היינט געמאַכט ווערן! אַזאַ באַפעל איז געקומען. דערנאָך וועט מען זען וואָס מיט דעם רעשט שטרוי וועט געמאַכט ווערן. אפשר וועט עס גאָר געהאַלטן ווערן אין רע־זערוו, אַז די בעטן פון די קראַנקע זאָלן קענען אַלעמאָל דערפרישט ווערן און איינער זאָל נישט לייגן זיך אויף דעם צווייטנס אָנגעשטעקטן געלע־גער?

צוויי באַוואָפנטע וועכטער זענען באַלד אויסגעוואַקסן דאַנעבן. דאָס איז געגנוג געווען אַז אַלע זאָלן זיך צעלויפן. געבליבן איז נאָר מעכעלע מיט נאָך אַ מנין געכאַפּטע. דער טויער איז אויפגעשלאָסן געוואָרן צו דער זייט פון פּרייעם וואַלד און די צוויי וועכטער האָבן געגומען די אָנגע־לאָדענע ביקסן אין די הענט אַריין:

— אַרויף שנעלער אויפן צוג!... און ווער עס וועט לויפן אין וואַלד — באַקומט אַ קויל...

עטלעכע יינגלעך זענען אַרויף אויף די הויכע שטרוי־פּיראַ־מידן און מעכעלע מיט די אַנדערע האָבן גענומען אַריינטראָגן די געפּרעס־טע באַלן אין הויף אַריין און אָפּגעלייגט ביים קראַנקן־באַראַק. די צוויי אוקראַיִנער זענען געשטאַנען אין דער נידער, אויסער די דראָטן און גע־היטן דעם וואַלד. בלויז צוליב היימלעכקייט האָבן זיי אַלעמאָל געשאָסן אין דער לופט און דערמיט צוגעגעבן חשק די וואָס געפינען זיך אויפן וואַגאָן צו אַרבעטן אימפּעטיקער... מעכעלע און זיינע חברים האָבן דער־וויל געצויגן די באַלן, אונטערגעאיילט איינער דעם צווייטן און אַלע־מאָל אויפגעכאַפּט אַנדערע ברכות פון די קראַנקע אינעווייניק:

— אוי, אַ לעבן אויף אייך, טייערע קינדער... פריש שטרוי פאַר אונדז ברענגט איר... דאָס אייביקע לעבן זאָלט איר האָבן דערפאַר...

אָבער ווען מעכעלע האָט זיך ווידער געלאָזט צום הינטערשטן טויער האָט זיין האַרץ גענומען זעצן. די פיר מאַן אויפן וואַגאָן זענען שטיין געבליבן פאַרשטאַרט. זיי האָבן עפּעס אַראָפּגעשריגן צו די אוקראַינער און אויך יענע זענען שטיל געוואָרן. דערנאָך האָבן זיך יענע פיר אַראָפּגעלאָזט פון וואַגאָן, אַריינגעשאַרט זיך אין לאַגער און גענומען אַנטלויפן ווי משוגעים... מעכעלע איז פון איבערראַשונג שטיין געבליבן און נישט געקענט רירן מיט קיין אבר. ער האָט געזען ווי אין נעפּל, אַז יענע האָבן צוערשט אַריבערגעקוקט פון דער הויך איבער די נידעריקע באַראַק־דעכ־לעך, זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טויטער פאַרצווייפלונג און דערנאָך זענען זיי געשפּרינגען איינער איבערן צווייטן, געפאַלן און גע־לאָפן — ביז זיי זענען נעלם געוואָרן צווישן די באַראַקן. פון ווייטנס האָט זיך גענומען טראָגן אַ שווער ברומען פון לאַסט־אויטאָס, אַ ווילד טרומיי־טערן און אַ פּרייכן פון רעדער איבער דער לאַגער־ערד... אהא, דאָס זאָגט שוין ווידער אָן אַ חורבן אין לאַגער! מעכעלע האָט אפילו באַוויזן צו זען ווי ווייזנבערג מיט זיינע געהילפן האָבן זיך געלאָזט גיין אַהער, נאָר אין מיטן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און גענומען לויפן צוריק. נאָך זיי האָבן גענומען שלענדערן אין בהלה אַלע לאַגער־מענטשן, וואָס האָבן נאָר־וואָס אַזוי רואיק אַרומשפּאַצירט...

די שטילקייט פון אַרום און דאָס ווילדע לויפעניש האָט אָנגעזאָגט וועגן עפּעס שרעקלעכס, וואָס דאַרף דאָ תיכף פאַרקומען. די לופט האָט אַלאַרמירט וועגן דער סכנה און מעכעלע האָט זיך אויך געוואָלט אַ ריס טון פון אָרט. פון יענעם שפּיץ געסל האָט זיך גענומען דראַפּען אַ שווער־בייכיקער אויטאָבוס און עס איז נישט מעגלעך געווען צו לויפן. די צוויי אוקראַינער האָבן דערוויל דערפילט אַז עפּעס קומט פאַר. דער וואַגאָן איז ליידיק געבליבן אין מיטן לאָדן און דאָ פייפן מאַשינען... האָבן זיי זיך אַריינגעלאָזט אין הויף און דערזען ווי מעכעלע מיט די פאַר געבליבענע זוכן אַ וועג דורכן אינערלעכן ווענדל צו דעם נאָענטסטן באַראַק. זיי האָבן זיך באַלד געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאַר און באַפוילן:

— נישט רירן זיך פון אָרט! פאַרן ערשטן טריט קומט אַ שאָס...

האָבן זיך אַלע פיר ייִנגלעך אויסגעצויגן גלייך און געוואַרט. אי־בערן גאַנצן לאַגער האָט מען שוין קיין לעבעדיק נפש נישט געזען פאַר די אויגן.

— 2 —

אין די פּאָר מינוטן וואָס מען שטייט, ציטערנדיק פּאַר שרעק, האָט מען צייט צו טראַכטן. מעכעלע ווייסט אייגנטלעך קלאָר, אַז דאָ קומען די לאַסט־אויטאָס צונעמען די הונדערטער קראַנקע. מען האָט זיך שוין לאַנג געריכט דערויף. קען זיין אַז ער מיט זיינע חברים וועלן גאָר דאַרפן העלפן אויפלאָדן די קראַנקע אין זייער לעצטן וועג אַריין... ער וועט זיי דאַרפן אַריינשטויסן, צוהאַלטן... אין מח קומען אים אויף די דערציילונ־גען פון שמעון שפּיראָ און דעם פּאָליציאַנט קאַץ... אויך זיי האָבן עס אַמאָל געמוזט טון און דערנאָך — — —

ער שוידערט דערפון. אָט וועט ער אויך מוזן טון דאָס זעלבע! גע־דרייט זיך די גאַנצע צייט, געהיטן זיך די נשמה — און איצט... אָבער צ י מ ו ז ער עס דען? סעקונדעס פון אַ גרויסן נסיון שטייען אים פּאַר... און אפשר? אפשר איז דאָס שוין גאָר דער סוף פון אַלע? וואָס וועלן זיי זיך איצט נאַריש מאַכן מיט בלויז קראַנקע? אָט האָט מען ליק־ווידירט לעצטנס אַזויפיל יידישע לאַגערן, אויסגעשאָסן... און די פּאַ־ליאַקן האַלטן אין איין זאָגן אַז מען וועט דאָ אויך באַלד אַ סוף מאַכן. ראָסט זאָל שוין האָבן באַשטעלט אַ גרויסן טראַנספּאָרט מיט פּאָלאַקן ווייל עס איז אים נמאס דאָס פּאַרען זיך מיט יידן, מיט טיפוס, מיט יידי־שער פּאָליציי, מיט שפּיטאָלן, מיט קראַנקן־צעטלען, מיט באַראַקן... אַ פּאָלאַק קומט אין דער פרי און גייט זיך אַוועק פּאַרנאַכט. נישטאָ קיין קונצן, קיין קאָפּ־פּאַרדרייעניש... טאָ אויף וואָס דאַרף ער עס, די גאַנצע באַנדע מצורעים און קרעכצער?

„אַז עס וועט געשען — וועט עס געשען מיט אַלעמען...“ אַזוי הערט ער פּרעפּלען אין דער שטיל זיין שכן. דאָס וויל זיך יענער טרייסטן אויף אַזאַ אינערלעכער נאָגעניש. דאָך איז מעכעלע בייז אויף זיך. פּאַרוואָס ער איז נישט אַנטלאָפן גלייך ווי אַלע. יעדער איינער איז שוין דאָ גרייט צום טויט אַ לאַנגע צייט, מען רעדט דערפון גלייכגילטיק כל זמן מען זעט נישט די געפּאַר פּאַרן אויג. דאָך וויל קיינער נישט זיין „דער ערשטער“. עס ווילט זיך פּילן נאָך אַ מינוט דעם טעם פון אַ באַהעלטעניש, אַ סעקונ־דע פון האָבן דעם געדאַנק אַז מען האָט געטון וואָס מען האָט געקאָנט: נישט אַריינגעפּאַלן שלימזלדיק...

די דריי לאַסט־אויטאָס האָבן זיך דערווייל אַריינגערוקט טיפער און פאַרשטעלט דאָס גאַנצע לײדיקע געסל. אַ צענדליק דייטשע זשאַנדאַר־מען האָבן זיך אַ שיט געגעבן פון ערשטן, פול־געפּראַפּטן וואָגן און גע־נומען איילן צום שפּיטאָל. נישט דער געדאַנק, נאָר דער קאַלטער ציטער איבער די ביינער האָט אָנגעזאָגט איבערן גאַנצן לייב: אָט דאָס איז עס... אָט דאָס...

זיי האָבן געשפּרייזט די פּאָר טריט אין מיליטערישער אָרדענונג, אונטער דער קאָמענדע פון איינעם וואָס איז געגאַנגען פאָראויס. זיי האָבן אפילו נישט באַמערקט ווי אַזוי פיר פּאָר אָפּגעשראָקן־יונגע אויגן נעמען זיי אַדורך און די צוויי אויסגעשטעלטע ביקסן, וואָס האָבן זיי דאָ פאַראַליזשירט שטייענדיק. זיי זענען שטיין געבליבן שווייגנדיק. האַרט פאַרן באַראַק. דער ערשטער, אַן אויבערלויטענאַנט, האָט זיך איבערגע־קוקט מיט זיינע ראַנגיקע באַגלייטער. יאָ, דאָס קוקן זיי ווי אַזוי אָנצור־הייבן... קען זיין אַז זיי דאַרפן אַ קאָנטיגענט. טאָמער עס וועלן זיי פאַר־פעלן קראַנקע — וועלן זיי אַרויפוואַרפן אַביסל געזונטע, די צאָל זאָל שטימען... און דאָ וואַרטן זיי נאָך אַליין, די ערשטע!

דער אָבערלייטענאַנט האָט פּלוצים דערזען די פיר אויסגעצויגענע יינגלעך. נעבן זיי האָבן זיך געוואַלגערט אַ פּאָר באַלן שטרוי, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן אַריינצוטראָגן אינעווייניק. זיין פּנים האָט זיך פּלו־צים רויט אָנגעגאָסן, פינצטער געוואָרן... זיין האַנט האָט זיך אַ ריס גע־טון צו דער געלער זייטן־טאַש ווו אַ רעוואָלווער האָט נאָכגעהאַנגען אין באַליידיקטער פאַרגעסנקייט...

בלויז געציילטע סעקונדן אַזוי. באַלד האָט זיין גרויזאַמע שטרענג־קייט געפּלאַצט, אויפגעריסן געוואָרן פון אינעווייניק דורך אַ משוגענער לאַך־ספּאַזמע וואָס האָט אים געגומען טרייסלען ווי אַ שכרות:

— כאַ־כאַ־כאַ! איר זעט דאָך גאָרנישט וואָס דאָ קומט פאָר! אָט די דרעק־זעק האָבן דאָך געמיינט אַז דאָס שטרוי איז פאַר ז י י ע ר ט־ ו ו ע ג ן ! אָט אַ לויזן־באַנדע!

מעכעלעס קאָפּ אַרבעט שוין. ער מעג טאַקע לאַכן. ער קומט פאַרנע־מען די קראַנקע און צום סוף גאָר טרעפט ער אָן ווי מען קאַטשעט אַריין פּאָר זייערטוועגן פריש שטרוי, ס׳זאָל זיי זיין ווייכער צו ליגן... דער אָפּי־

ציר לאָזט אָבער נישט אַריינקלערן. זיין פּנים איז שוין ווידער אָנגעצונדן און די שטימע ברילט שוין ווידער:

— ווער האָט אייך דערלויבט צו נעמען דאָס שטרוי?

מעכעלע קען נישט ענטפערן קלאָר. אין אַזאַ מינוט מישן זיך אויס אַלע ווערטער אין איין מין צעפּלאָסענער שטאַמלעניש:

— די וואַגאָנען... ביז אַהער זענען זיי צוגעקומען, נעבן שפּיטאָל... האָבן מיר געמיינט...

דער אָפיציר האָט אָבער קענטיק נישט קיין צייט אויסצוהערן אַזעלכע דערשראָקענע רייד ביזן סוף. האָט ער נאָר אַ וויז געטון מיט זיין געלאָדענעם רעוואָלווער:

— זאָפאָרט אומקערן די נישט־געניצטע באַלן אויף זייער אָרט!

אויך צו זיינע באַגלייטער גיט ער שטרענגע באַפעלן:

— אָפּלאָדן דעם ערשטן וואַגאָן! די אַלע באַלן שטרוי מוז מען אַרויפפּאַקן אויף די לאַסט־אויטאָס...

צום פאַרגליווערטן שטיין פון די פיר ייִנגלעך האָט גענומען אַ סוף. מיטן מאָמענט ווען מען הערט רייד — אפילו די שטרענגסטע, פאַרלירט די שטומע אימה איר געפּערלעכע שטעכעניש. איצט קען מען זיך ראַנגלען מיט געהערטע ווערטער, מיט זאַכן וואָס אַ ח ו ש קען אויפנעמען! דאָס מאַכט לייכטער. מעכעלע האָט זיך אַ לאָז געטון פאָראויס צום וואַגאָן און דער אָפיציר איז נאָכגעגאַנגען. די אוקראַינער האָבן זיך געפּילט שלעכט אין זייער שאָטן־ראָל און זיי האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. דער אָפיציר האָט דאָ אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער נייגעריקייט. ער האָט אַ בליק געטון אין פאָדערהייזל פון קראַנקנבאַראַק, אַ שמעק געטון מיט דער נאָז און ווייטער געגאַנגען. מעכעלען איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ: די אויטאָס וועלן פאַרנעמען דאָס שטרוי... דערויף האָט מען זיי געבראַנגט! הייסט עס אַז קיין סעלעקציע וועט איצט נישט זיין. דער אָבערלייטענאַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פרישן באַראַקל פון די טויטע. עטלעכע דאַרע גופים האָבן צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט דערפאַר אויסגעדרייט די לופע פון זיין רעוואָלווער אין מעכעלעס זייט אַריין:

— וויפל טויטע ליגן דאָ איצט?

— 27... הער אָבערלייטענאַנט...

אַ נייגעריקייט האָט אויפגעטאַנצט אין זיין בליק:

— איז דאָס אַ ספּעציעלער צופאַל, אָדער אַ געוועגלעכע דערשיי־נונג דאָ?

מעכעלע האָט שוין צוריק באַקומען זיין הפקרדיקע דרייסטקייט. ער האָט אים דערציילט אַז יעדן טאָג שטאַרבן דאָ מענטשן. טייל־מאָל זענען פאַראַן גאָר וויניק. נאָר איצט האָט זיך די שטערבלעכקייט צוריק אַ הויב געטון: שווערע אַרבעט, הונגער, קעלט, שמוץ... אין דורכשניט זע־נען יעדן טאָג דאָ פאַראַן טויטע. דער אָפיציר האָט צוגערופן איינעם פון זיינע זעלנער. יענער האָט גענומען פאַרצייכענען אין אַ נאָטיץ־ביכל וואָס מעכעלע דערציילט און איבערגעפרעגט נאָך אַמאָל דאָס געהערטע: דריי טויזנט מענטשן? און פאַראַן טעג מיט דרייסיק טויטע? אינטערעסאַנט... פון וואָס? אַרבעט ביי גיפט אָן מאַסקעס, הונגער... אַזוי!

ביים אויבערלויטענאַנט אין די אויגן האָט זיך עפּעס צעבליצט. ער האָט זיך איינגעהערט מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט. עס האָט אויסגעזען אַז ער באַדויערט, פילט מיט... מעכעלע האָט זיך שוין שטי־לערהייט פאַרטראַכט איבער דעם, אַז נאָך איצט זענען פאַראַן דייטשן מיט געפיל, ווייל אָט...

דער אָפיציר האָט אים אָבער איבערגעריסן אין מיטן:

— איר האָט שוין אוודאי אַריינגעטראָגן אַביסל שטרוי צו די קראַנ־קע... אָנשטעקנדיקע חולאים, וואָס?

איידער מעכעלע האָט באַוויזן צו ענטפערן האָט יענער אַ מאַך גע־טון מיט דער האַנט צו די באַגלייטער זיינע און פאַרענדיקט אַזויווי צו זיך:

— דאָס אינעווייניקסטע מוז מען שוין לאָזן... דאָס שטרוי איז אפילו אַזוי וויכטיק... וואָס קען מען אָבער מאַכן? איר זעט דאָך: לייז... קרענק און...

זיינע אויגן האָבן ווידער אַ בליק געטון אויפן בערגל גופים אין באַ־ראַקל און ער האָט זיך ווידער אַ ווענד געטון צו די פּאָר יידן — גלייך ווי זיין פאָרשלאַג וואָלט געהאַט אַ שייכות מיט די טויטע וואָס ליגן דאָ:

— דאָס שטרוי וועט באַלד אַרויסגעלייגט ווערן אויף די אויטאָס, נאָר איר וועט מוזן מיטפאָרן מיט אונדז. איר וועט דאַרפן אָפּלאָדן דאָס שטרוי אויף אַ געוויסן פּלאַץ.

די יידן זענען וואָרטלאָז אַרויפגעשפּרונגען אין ערשטן אויטאָ אַריין און עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי טויזנטער אויגן געזעגענען זיך מיט זיי טרויעריק פון אַלע זייטן.

— 3 —

די מאַשינען האָבן זיך אַרויסגעריסן פון לאַגער מיט אַ ברוגז טרומייטערן, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די פּאָר ייִנגלעך. מסתּמא באַטראַכט מען זיי שוין אין לאַגער פאַר די איינציקע קרבנות פון דער היינטיקער שרעק... און ווער ווייסט דען אויב נישט? דערווייל האָבן זיי אַדורכגעשניטן די גאַנצע פאַבריק, צוגעקומען ביז צום ווייטסטן פאַבריקס־טויער און די וואַכן האָבן צעפּראַלט די טירן מיט אַ מאָדנער שרעק. פון אַלעמענס סאַלוטירן איז קענטיק געווען, אַז די זשאַנדאַרמען האָבן עפּעס אַ באַזונדערס הויכע מיסיע. טאָ וואָס מאַכן זיי זיך נאַריש מיט באַלן שטרוי? דורך דער אָפענער זייט פון אויטאָ קען מעכעלע נאָר זען ווי די נאַכט פאַלט צו און ווי אַזוי עס ציען זיך צוויי דאָרפישע רייען פון הייזער וואָס שטייען איינגעהילט אין דער פינצטערניש. איין זשאַנדאַרם דערציילט אפילו געלאַסן דעם צווייטן, ווי אַזוי מען האָט דאָ נעכטן די איינוווינער משלח געווען פון דאַנעט... פאַרוואָס?

די מאַשין איז שטיין געבליבן פאַר אַ פּאַרלאָזטן, פּויערישן הויף. דאָס אַראָפּטראָגן די שטרוי־באַלן איז צוגעגאַנגען אין ווילדן געאייל, קיינער זאָל עס פון ווי ווייט נישט מערקן — גלייך ווי מען וואָלט דאָ אַראָפּגעטראָגן געהיימנישפולע הרוגים און נישט קיין אומשולדיקע קנוילן מיט פרישן שטרוי. דערנאָך האָט מען געמוזט רייניקן די צימערלעך, אין וועלכע עס זענען קענטיק געווען די שפּורן פון אַן אומגעריכטער בהלה. טעלערס מיט גליווערדיק געקעכץ איז נאָך געשטאַנען און די קיך מיט די טעפּ האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ האָבן מענטשן געמוזט פאַרלאָזן זייער אָרט אין געציילטע מינוטן.

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די אימפּראָוויזירטע פעלד־בעטלעך און מעכעלע מיט זיינע חברים האָבן זיי געמוזט פּוצן די שטיוול פון די פוס אַראָפּ. זיי האָבן אויסגעזען מיד פון דער גאַנצער קריגס־שנאה און דערפאַר זענען זיי געווען צוגעלאָזט און זיך אויסגע־

פרעגט וועגן אַלערליי קלייניקייטן. זיי האָבן געוווּסט אַז דאָס זענען יידן און דאָך האָט עס זיי נישט געשטערט צו טיילן טעווועלע שאָקאָלאַד און אפילו געהייסן זיך אָנגיסן שנאַפּס פון אַ גרויסער פלאַש, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. נאָר ווען מעכעלע האָט זיך פאַרגעסן און איינעם אַ פרעג געטון פון וואַנעט ער קומט — האָבן זיך יענעמס אויגן צעבליצט אַזוי דראָענדיק־שטום, אַז מעכעלען איז אַדורך אַ גרויל איבערן לייב.

באַלד האָט זיך דאָס שטילע אומגיין צווישן די מאָדנע זשאַנדאַרמען געענדיקט. אַן אָפיציר האָט זיך באַוויזן, דערלאַנגט יעדן איינעם אַ האַלב ברויט און געמאָלדן:

— אין לאַגער גייט איר צוריק צופוס. אַ וואַכמאַן וועט אייך באַגלייטן ביזן טויער. טאָמער ווילט איר — קענט איר גיין אַליין. מען וועט אייך שוין צוריק אַריינלאָזן אין פאַבריק. נאָר ווי וועט אייך זיין, אויב איר וועט עמעצן דערציילן ווו איר זענט געווען און וואָס איר האָט דאָ געזען. דער טויט וועט דערפאַר זיין אַ שפּילעכל. געדענקט אין דעם!

אַלע האָבן דערשראָקן אָפּגעענטפערט דעם געוועינלעכן „יאַוואָל!” כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ סודות דאָ זענען פאַראַן... באַלן שטרוי, פויערישע הייפלעך און אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט... וואָס דען נאָך? אפשר דאָס טעווועלע שאָקאָלאַד, פאַר וועלכן מ׳קען עפּעס באַקומען אין לאַגער אָדער דאָס ברויט? דער וואַכמאַן אין דרויסן האָט זיך נאָך דערמאָנט אין עפּעס:

— איר האָט באַקומען שאָקאָלאַד? זאָפאָרט אויפפרעסן! אָבער שוין!... און די פּאַפּירלעך גיט מיר... און איצט — מאַרש, אין לויף־שריט... מען האָט שוין טעלעפאָנירט צום טויער. גייט — און נישט אומגעקוקט זיך!

אַ צווייט מאָל וואָלט דער טשיקאַווער מעכעלע געגאַנגען געלאַסן, געקוקט אויף יעדער דאָרפישער כאַטקע, וואָס שטייט פאַריתומט... ווען נאָך קען ער שוין האָבן די געלעגנהייט צו זען אַ פריי דאָרף? ווי לאַנג האָט ער שוין אַזאַ בילד נישט געזען? און דאָס גיין אָן אַ שומר? אָבער איצט האָט ער געטשאַפּעט שנעל איבערן געשטאָרבענעם דאָרף און אויך אונטערגעאיילט זיינע באַגלייטער:

— שנעלער! שנעלער! און געדענקט זיך אָפּצובייסן די צונג, אייד־ער איר וועט עפּעס וועלן דערציילן. דאָ איז גאָרנישט גלאַטיק...

אַלע האָבן דערשפּירט, אַז דאָ האָבן זיי עפּעס געזען אַזעלכעס, וואָס זיי וועלן ערשט שפּעטער געוויר ווערן. דעריבער האָבן זיי זיך איבערגע־צייגט באַלד ביים אָנקומען צום טויער וואָס פירט צו דער פאַבריק. די וואַכלייט האָבן פאַר זיי צעעפנט דרך־ארצדיק דעם טויער און איינער פון די עלטסטע האָט זיי חניפהדיק געוואָלט עפענען דאָס מויל:

— יינגלעך, ווו זענט איר עס געווען ביז האַלבער נאַכט? געהר־ליעט?

מעכעלע האָט געענטפערט מיט אַ געבראָכענעם אוקראַיניש:

— שטיוול געפוצט... אַ סך שטיוול — און ברויט דערפאַר באַקו־מען...

ווייטער האָט אויך יענער מורא געהאַט צו פרעגן. האָט מעכעלע שוין געהאַט וואָס אָנצוזאָגן די אַנדערע:

— געדענקט חברה... אין לאַגער — וואָס ווייניקער גערעדט: מיט איין וואָרט, מיר האָבן געפוצט שטיוול! ווייטער גאָרנישט...

כאָטש קיין סך מער האָבן זיי סייווי נישט געהאַט צו דערציילן.

— 4 —

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַ שטיק שטח פון פאַבריקס־וואַלד אָפּגע־צוימט געוואָרן. עטלעכע הונדערט מעטער פון שמיצס פאַבריקס־האַלעס, צווישן די זיבעציקער ביז 96 האָט פאַרבייגעשטראָמט אַ גער, שמוציק טייכל מיט אַ קליין בריקל איבער זיך, וואָס האָט געפירט צו די וואַלד־געדיכטענישן. אַהין האָבן איצט געצויגן וועגעלעך מיט זשאַנדאַרמען און זיי האָבן מיט זיך געפירט אַזעלכע מאָדנע ווענטלעך, געפלאָכטן פון שטרוי און צוגעהעקלט מיט דינע, דראָטענע פעדעם. באַלד האָט זיך אַ שטיק וואַלד אָפּגעטיילט פון דער וועלט דורך די צוויי־מעטערדיק־הויכע, געלע ווענט. וואָס דאָרט קומט פאָר אונטער זיי האָט קיינער נישט גע־ווּסט. אויף יענער זייט בריקל זענען געשטאַנען זשאַנדאַרמען פון ראַנג און שטרענג געהיטן אַז עמעצער זאָל זיך פון ווי ווייט נישט לאָזן נענ־טער. שוואַרצע שילדן מיט ריזיקער, ווייסער שריפט האָבן אָנגעזאָגט אַז ווער עס זאָל נישט זיין — וועט דערשאָסן ווערן אָן שום וואָרענונג ביים בלויזן דערנענטערן זיך...

דער פּחד פאַר די שטרויענע ווענטלעך האָט אַרומגענומען די גאַנצע פאַבריק. אויך די דייטשע מייסטערס האָבן געציטערט אַ בליק צו טון אין יענער זייט. אַלע האָבן געפילט אַז דאָרט קומט פאָר עפּעס גאָר שרעקלעכס און אויסערגעוויינלעכס. דאָס מיסטישע פון דאָרט האָט אָנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף אַלעמען. באַלד די ערשטע נאַכט האָבן די מענטשן פון דער האַלע 96 דערזען ווי פון אונטער די שטרוי־ווענטלעך ציט זיך אַרויף צום הימל אַ ליכטיקער רויך־זייל. וואָס ברענט מען דאָרט? בייטאָג האָט דער זייל אויסגעזען שמאָלער און בלאַסער, אָבער דער ווינט האָט אים צעבלאָזן, צעטרייסלט און צעוואָרפן אים איבערן שטח פון דער פאַבריק. מענטשן וואָס האָבן שוין מיטגעמאַכט מיידאַנעק און אַנדערע טויט־לאַגערן האָבן באַלד דערשפּירט דעם שרעקלעכן עיפּוש, וואָס האָט זיך אַראָפּגעזעצט צוזאַמען מיטן רויך: דער גערוך פון אָפּגעזענגט מענטשנפלייש...

דורכן הויפּט־טויער פון דער פאַבריק האָבן געגומען ציען שוואַרצע, שווערע און הערמעטיש־פאַרמאַכטע לאַסט־אויטאָס — וואָס זענען פון פאָרנט באַזעצט געווען מיט געשטאַפּאָ און זשאַנדאַרמען. זיי האָבן זיך געשלענגלט דורך די זייטיקע פאַבריקס־געסלעך, אַריין אין וואַלד און זיך צוגערוקט צו די שטרויענע ווענט. דאָרט האָבן זיי זיך געזוימט אַ שטיקל צייט און דערנאָך זיך צוריק אַוועקגעלאָזט איבער דער פאַבריק אין שדישן געאייל.

נאָך די ערשטע טעג פון שרעק האָט מען זיך אויך צו דעם צוגעוווינט. טייל פון די יידן וואָס האָבן געאַרבעטביים 96סטל זענען אפילו געוואָרן נייגעריק צו זען וואָס עס קומט דאָרט פאָר. אַנדערע זענען אפילו געווען אַזוי דרייסט אָנצושטעלן די בליקן אויף די פאַרבייפליענדיקע אויטאָס. טאַקע זיי האָבן דערציילט אַז אין אייניקע אויטאָס זענען פאַראַן קליינע שפּעלטעלעך, דורך וועלכע מען קען דערזען פּאַסקעלעך פון מענטשלעכע דערשראָקענע אויגן... איינמאָל האָט זיך אפילו איינער געשווירן אַז ער האָט געזען אַ שטיקל האַנט וואָס האָט זיך אַרויסגעשטרעקט און טרייסלענדיק געגריסט אין דער לופט, אַזויווי צום געזעגענען. עס האָט אויך פּאַסירט, אַז אַ גרופּע הונגעריקע האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט און זיך אָנגעטראָפן אויף איינעם פון די שוואַרצע אויטאָס. ווי פון דער לופט האָבן צו זיי געגומען פליען שטיקער ברויט, ווורשט און גע־

מריקנטער האָניק. ווער וואַרפט עס צו זיי? דורך וואָנעט? נישט אַב־דערש, ווי נאָר אַ מין כשוף... דערפאַר האָבן עטלעכע פון די, וואָס האָבן באַוויזן אַזאַ פליענדיקע מתנה אויפצוכאַפּן, זיך מורא געהאַט אָנצורירן דערין. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס זענען פאַרשטעלטע מענטשלע־כע אברים.

די חברה לייט פון האַלע 96 האָבן אָבער זייער גייגער נישט גע־קענט באַהאַלטן. ווען זיי האָבן געטראָגן די קעסטלעך צו די באַראַקן טי־פער אין וואַלד — האָבן זיי זיך אָוועקגעלייגט אויף די בייכער צווישן די קעסטלעך־שערענגעס און פון דער ווייטנס האָבן זיי געקענט אויפכאַפּן אַזאַ מין בילד:

די אויטאָבוסן האָבן זיך דערנענטערט צו די שטרויענע ווענטלעך. פון דאָרט האָבן געזומען אַרויסקריכן מאָדנע געשטאַלטן, וואָס זענען איינגעהילט געווען אין בלויע רעגן־מאַנטלען מיט קויבערס איבער די קעפּ... יעדער איינער פון די בלויע געשטאַלטן האָט זיך געמוזט לאַנגזאַם אַרומשלייכן עטלעכע מאָל איבערן וואַלד־שטח, אָנקלייבן אַ בינטל האָלץ און דערמיט פאַרשווינדן אונטערן שטרויענעם פאַראַוואַן. די וואָס האָבן זיך אַביסל פאַרזוימט — האָבן די קאָלבעס פון די זשאַנדאַרמען זיי אונ־טערגעאיילט. עס איז נישט מעגלעך געווען צו דערזען נענטער די סי־לועטן. אייניקע מאָל בלויז האָט זיך דער קויבער איבערן קאָפּ פון איי־נעם פאַרשאַרצט און אין דער וואַלד־גרינקייט האָט אויף אַ סעקונדע אַ העל געטון דער שטאָלצער קאָפּ האָר פון אַ בלאָנדער פרוי. דערנאָך האָט דאָס ווענטל צוריק פאַרשלינגען די וואָגלענדיקע שאָטנס...

געווען טייל פאַבריקס־פּאַליאַקן, וואָס האָבן זיך עטלעכע מאָל גע־לאָזט זייטיק נאָכפאָרן די שוואַרצע מחבלים און זיי האָבן דערנאָך פעסט־געשטעלט אַז זיי פאַרהאַלטן זיך נעבן דער פאָלקס־שול פון דערפל בזשין, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשטאַפּאָ־קרימינאַל. דערמיט האָבן זיך אויסגעשעפּט אַלע ידיעות וואָס ווערק צע האָט געקענט וויסן וועגן די צוגעהאַקטע מאַשינען און די רויכערדיקע ווענטלעך. די מייס־טערס פון פאַבריק האָבן זיך אפילו געשראָקן אַ בליק צו טון אין יענער זייט. מען האָט געשמועסט אַז די „ברענערס" האָבן שפּיאָנען אין אַלע אָפּטיילונגען און זיי כאַפּן אויף יעדעס וואָרט וואָס מען רעדט וועגן יענער זייט וואַלד — האָט מען זיך געהיטן אַ טאָן פון זיך אַרויסצוברענגען.

מען האָט געוווּסט אַז דאָרט ברענט מען מענטשן, און גענוג. מען האָט זיך אויך צוגעוווינט צום אָפּגעזעגקטן ריח. נישט מער: אין די נאָענטסטע שטעטלעך און דערפער האָבן געוווינט פאַרשוווּנדן פאַרשידענע פּערזאָנען מיט אַ פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט און קיינער האָט נישט געוווּסט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. טאַקע צוליב דעם האָבן די עלטערע פּאָ־ליאַקן, ביים אָנטרעפן אַזאַ שוואַרצן אויטאָ, זיך איבערגעצלמט אָדער נאָכגעשיקט אַ שטילע קללה וואָס איז ווייטער פון די ליפּן נישט דער־גאַנגען.

ווערק צע אַליין האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן אין דער גאַנצער נייעס דערפון. מען האָט נאָר געוווּסט אַז די טויטע מוז מען שוין איצט פירן אויף אַ צווייטן פּלאַץ, ווייל דער שטענדיקער מאַסן־קבר איז אין אַ שיי־נעם פרימאָרגן אַריינגעכאַפּט געוואָרן אונטערן שטרויענעם וועגטל. די זשאַנדאַרמען גופא האָבן זיך אין ערגעץ נישט געוויזן. זיי האָבן דאָרט געטון זייער אַרבעט און דערנאָך האָט מען זיי געזען אומקערן זיך צום דערפל זייערן. פון ווערק צע־לאַגער האָבן זיי אַזויווי פאַרגעסן.

איינמאָל בלויז, אין אַ פאַרטאָג האָבן זיך עטלעכע שיכורע אָפיצירן זייערע אַריינגעריסן אין טויער אַריין. דער יידישער פּאָליציאַנט האָט זיי געזען אָנקומען און איז אַנטלאָפן פאַר שרעק. זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט טיפער אין לאַגער און עפּעס געזוכט מיט די אויגן. אין די לאַגער־געסלעך איז געווען ליידיק און זיי האָבן באַוויזן אַריינצובליקן אין די פּינצטערע באַראַקן. קיין וואַכע מענטשן האָבן זיי נישט אָנגעטראָפן, האָבן זיי זיך דערפאַר געשטעלט צווישן די ביימער און געוואַרט. דער פאַרטאָג האָט אויפגעוועקט עטלעכע מיידלעך, וואָס זענען גראָד אַרויס פאַרשלאָפענער־הייט צום מענטשלעכן געברויכס־אָרט. באַלד האָבן זיי געפילט אויף זיך אָנגעשטעלט געלאָדענע רעוואָלווערן און זיי האָבן דערקענט די מונדירן פון די ברענער. די ערשטע שרעק־געשרייען האָבן אויפגעוועקט אַ טייל שלאָפנדיקע, וואָס האָבן זיך מיט בלאַסע שטערנס צוגעטוליעט צו די שויבן. געזען האָבן זיי בלויז די ווילדע געשטאַלטן וואָס האָבן זיך שווי־דערלעך צוגעדריקט צו אַזעלכע ווייסלעכע פלעקן ביי די קעגנאיבערדי־קע באַראַקן־ווענט... ערשט דערנאָך, ווען די ברענער האָבן זיך צוריקגע־צויגן פון לאַגער האָט מען זיך געלאָזט אין יענער ריכטונג. מען האָט דאָרט געטראָפן שטיין עטלעכע צעפלאַשעטע מיידלעך, וועמענס אויגן עס

האָבן געחלשט אין מיטן אַ שרעק־שגעון. דאָס איז נישט געווען אַזוי די שאַנד און די שפּורן פון געוואַלד, ווי דער ווייטער זענק־ריח פון די מונ־דירן, וואָס האָט נאָך אַרום זיי געפלאַטערט... עטלעכע טעג האָט מען זיי געמוזט אויסרעדן די פּלוצימע שעם־שטומקייט וואָס עס איז זיי באַפאַלן.

שולצע איז דערנאָך געקומען, בייז געפאָרשט און געשניטערט — דערנאָך איז ער אַוועק ערגעצווו מיט זיין צעפלאַטערטן לויפן און צוריק־געקומען מיט אַ בשורה, אַז מער וועט אַזעלכעס נישט געשען. די זשאַנ־דאַרמען האָבן זיך מער טאַקע נישט באַוויזן און ווערק צע מענטשן פאַר־געסן גאָר שנעל דעם נעכטן. לעבן וויל מען — דערפאַר האָט מען וואָס ווייניקער געוואָלט געדענקען אין די שטרויענע ווענטלעך אויפן שטח פון דער פאַבריק.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

— 1 —

פון זינט מען האָט צוגענומען זיין חבר מענדל רובין פון לאַגער האָט זיך כעניעק רעדלמאַן געפילט אַביסל איינזאַם. דערפאַר האָט ער אָבער געווינען אַ בעסערע פּאָזיציע. אין דער פאַבריקס־שלאָסעריי איז ער איצט געוואָרן דער הויפּט־מייסטער און דאָס האָט אים אָנגעפולט מיט נאָך מער זיכערקייט ווי פריער. דער דייטשער אויפזעער האָט אים איבערגעלאָזט דעם ווערקשטעטל אויף לאַנגע שעהען און ער אַליין איז אַוועק פירן פּאָ־ליטיק מיט זיינע קאַמעראַדן. אין דער גאַנצער אָפּטיילונג האָט ער נאָר געהאַט צו זיך דעם משומד, סטאַשעקן, וועלכער איז געווען פאַרטון כסדר אין אויסמייסטערן פאַרשידענע כלים. דער צווייטער געהילף, דער תמיד־פאַרטראַכטער הענעך איז געווען צופרידן וואָס מען לאָזט אים צורו און ער קען רייניקן דעם הויף מיטן אַרומיקן שטיקל וואַלד. רעדלמאַן האָט דערפאַר געהאַט צייט אָפּצואַרבעטן זיינס און דערנאָך זאָל ער נאָך קע־נען מאַכן פאַרשידענע כלים צום פאַרקויפן.

צוליב יוצא וועגן האָט ער נאָך יעדן טאָג געכאַפּט אַ שמועס מיט פרעדזשעס געוועזענעם מאַן, געהערט אַ וואָרט פּאָליטיק, דערוווסט זיך

וואָס יענער האָט געהערט דורך זיינע געהיימע קאָנטאַקטן — און דערנאָך האָט ער זיך צופרידן צעזיפצט, וואָס דער טאָג איז אַזוי גרויס. ער האָט באַוויזן אַריינצוציען אין מסחרים דייטשן און פּאָליאַקן. זיי האָבן ביי אים געקויפט פאַרשידענע זאַכן פון גרויסן ווערט, דערביי אויך געברענגט אַנדערע חפצים צו פאַרקויפן און כעניעק האָט געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט, וואָס ער האָט נאָר געקענט דערלעדיקן דורך פּוילישע מייסטערס וואָס האָבן אונטער פאַרשידענע אויסריידן געוואַרט אויף אים. אויך דער שטרענגער דייטש זיינער איז ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין זיינע עסקים. דער קריג דאַרף זיך באַלד ענדיקן — און קיין זייגער וועט דער געטרייער מייסטער נישט זיין. האָט ער אָנגעהויבן קלערן וועגן דעם, אַז מען קען זיך נישט אומקערן אין דער היימאַט מיט ליידיקע הענט. דערפאַר איז גוט צו כאַפּן אַלעמאָל אַ שמועס מיט דעם קלוגן ייד ביי זיך אין ווערקשטעל... סוף כל סוף איז דער מעכטיקער מייסטער אויך נישט מער ווי אַן אַמאָליקער קלעמפּנער פון אַ דייטשער פּראָווינץ!

אין די מיטיק־שעהען האָט רעדלמאַן שוין אויסקאָמבינירט צו בלייבן אַליין אין ווערקשטעל. דאָרט האָט ער געקענט רואיק און זאַט אָפּעסן און דערביי אויך באַטראַכטן פאַרשידענע בריליאַנטלעך, וואָס מען האָט אים מיטגעגעבן „אָפּצוזעצן" ביי די קונים. שוין לאַנג איז רעדלמאַן נישט אייבערגעשראָקן געוואָרן. אַזוי זיכער ווי ער — האָט זיך זעלטן ווער געפילט אין לאַגער. וואָס האָט ער דאָרט נישט געהאַט? דערפאַר האָט ער געוווסט אַז צו זיין גוט לעבן איז ער נאָך מער געשיצט פאַר אומגליקן ווי דער קאָמענדאַנט אַליין.

דאָס אַלץ האָט זיך געצויגן ביז אין איינעם פון די דאָזיקע טעג, ווען דער זאַטער רעדלמאַן איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ משונהדיקער שרעק. אָנגעהויבן האָט זיך עס דורך אַ קלייניקייט:

אין אַ מיטיק־שעה, ווען ער האָט זיך גענומען אויפוויקלען זיין פעקעלע עסן האָט זיך די טיר שטיל געעפנט און אַ לאַנגער שאָטן האָט זיך אַריינגעשלייכט אין דער פאַרשטויבטער קאַמער. ווען כעניעק האָט דערזען וועמען ער האָט פאַר זיך — איז שוין נישט מעגלעך געווען צו אַנטלויפן... אפילו דער געשריי איז אים פאַרשטיקט געוואָרן אין קעל פאַר אימה. נעבן אים איז געשטאַנען אַ ריזיקער זשאַנדאַרם מיט אַ פינצטער פנים און וואָרטלאָז געצויגן זיין ברוינינג פון טאַש. וויפל זינד רעדלמאַן

זאָל נישט האָבן באַגאַנגען אין לעבן — האָט די מינוט שוידער אַלץ אי־בערגעוויגן. אין דער טונקלקייט פון זיין ווינקל האָט עס אויסגעזען אַזוי־ווי אַ משונהדיק צוואָקסענער שד האָט זיך איבער אים אַראָפּגעלאָזט און טאָקע ער האָט דאָס אַריינגעשטעקט זיינע אומגעזעענע טייוול־פינגער צו רעדלמאַנען אין האַלדז אַריין... גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן אים אַרויס־געזעצט אויפן דיקן פּנים. בלויז זיינע אויגן האָבן זיך מוראָדיק געריסן און געוואָלט דערגיין דעם גרויליקן סוד פון איין מינוט דערנאָך... דאָס לעצטע ברעקעלע באַוווסטזיין האָט זיך נאָך מיט אים גערייצט, געוואָרנט און געדראָט:

— איינער פון די וואַלד־מענטשן, די ברענערס...

יענער האָט אָבער צייט געהאַט צו שפּילן זיך מיט זיין קרבן און זיך נישט געאיילט. ער האָט געזען ווי כעניעק זיצט אַ פאַרלוירענער — האָט ער געמאַכט עטלעכע שריט צוריק און זיך אומגעקוקט איבערן ווערק־שטעג. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי פאַרריגלט פון אי־נעווייניק. רעדלמאַן האָט דאָס אַלץ צוגעזען מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק און אין געציילטע סעקונדן האָט ער פאַרלוירן אפילו דעם כח מוראָ צו האָבן. ער האָט נאָר טעמפּ אָפּגעוואַרט דאָס ווייטערדיקע, דעם לעצטן גורל וואָס קען אין ווערק צע אַנטפלעקן זיך אין פאַרלויף פון עטלעכע איבערראַש־טע רגעס. דער זשאַנדאַרם איז אָבער צוגעקומען נענטער און זיך שאַרף אין אים איינגעקוקט:

— דו ביזט כעניעק רעדלמאַן?

זיין פראַגע האָט כעניעקן צוריק אַ רודער געטון, פּונקט ווי אַ שפּיל־קע אין אַ פאַרטאמלט לייב: הע, פונוואַנעט ווייסט דער ברענענדיקער טייוול זיין נאָמען? וואָס טוט זיך דאָ? איז עס נישט אַמאָל אַן אונטערגע־שיקטע זאַך, אַ מסירה?... דער קאָפּ האָט, ווי אַ מעכאַנישע אָפּגעזונדערט־קייט פון געדאַנק, באַשטעטיקט יענעמס פראַגע אויף יאָ. דער זשאַנדאַרם האָט זיך צוגעבויגן צו אים נענטער:

— איך האָב צו דיר אַ גרוס... קענסטו איינעם מיטן נאָמען מענדל רובין?

אַ וואַכע שרעק האָט אויפסניי זיך אָוועקגעלייגט איבער כעניעקן: רובין? יענער איז דאָך שוין טויט! באַלד נאָך זיין אַרעסט האָט מען אים אויסגעמעקט פון דער קאַרטאָטעקע, און דאָס איז אַלץ... זעגען נישט

אַמאָל די אַלע ברענערס פון די וועלדער בלויז אַזעלכע שדים, וואָס קומען פון אַנדערע וועלטן? האָבן זיי נישט אַמאָל פאַרלייגט אַ שטיק לעגענדאַרן גיהנום אינעם וואַלד פון ווערק צע און די אַלע מעשהס, וואָס מען האָט אַמאָל דערציילט אין חדר זענען הוילער אמת? אויב נישט, ווי אַזוי קען אַזאַ געוויינלעכער זשאַנדאַרם וויסן, אַז כעניעק איז געווען אַ חבר פון רובינען? און ווי אַזוי קען ער אים ברענגען אַ גרוס פון אַ דערשאָסענעם?... עס האָט אים שוין מער גאָר נישט געאַרט, אַזויווי ער וואָלט שוין לאַנג אַרויס פון דער וועלט. די שרעק האָט אים אפילו באַפוילן שטילערהייט אָצפּופּרעפּלען אַ ווידוי אין האַרץ, וואָס ער וואָלט קיינמאָל אין געוויינלעכע טויט־אומשטענדן נישט געטון. דערפאַר האָט ער זיך פאַר יענעם אויך שטאַמלדיק מודה געווען אין אַלץ — אַזויווי דאָס וואָלט גאָר קיין דייטש נישט געווען און מענדל רובין וואָלט גאָר נישט אַרעסטירט געוואָרן פאַר געפערלעכע חשדים. אין דער מינוט האָט אים אויסגעזען, אַז פאַר דעם לאַנגן מונדיר איז נישטאָ וואָס צו לייקענען. ער קומט פון אַזאַ וועלט וווּ מען ווייסט סיי־ווי פון אַלץ:

— יאָ... איך בין מיט רובינען געווען די בעסטע חברים... געהאַלטן זיך צוזאַמען...

דער זשאַנדאַרם האָט פון אַ זייטן־טאַש אַרויסגעצויגן אַ בריוול מיט אַ פּעקעלע און עס דערלאַנגט רעדלמאַנען. שוין די אויפשריפט אויפן בריוול האָט רעדלמאַנען אַריינגעוואָרפן אין פיבער: ס'איז געווען מענדל רובינס האַנטשריפט. דער זשאַנדאַרם האָט געזען כעניעקס צעטומלטקייט און שנעל פאַרענדיקט דאָס געשפּרעך:

— איצט איז שפּעט, איך מוז לויפן... מאָרגן אין דער צייט קום איך ווידער. ערשט זאָג איך דיר נאָר איינס: ביים מינדסטן פּיפּס וואָס דו טוסט פאַר עמעצן — ווערסטו ליגן טויט. דאָס לעבן פון צענדליקער מענטשן איז דערמיט אין געפאַר... אויך מיינס...

ערשט ווען ער איז פאַרשוווּנדן האָט כעניעק געהאַט דעם קאָפּ צום איבערלייענען די פאָר שורות. אַ געוויינלעך בריוול פון אַ חבר, וואָס דערציילט אַז ער אַרבעט און איז געזונט. מען האָט אים דאַן נישט דערשאָסן. איצט וויל ער נאָר אַז רעדלמאַן זאָל אים איבערשיקן דאָס בילד פון זיין פרוי מיטן קינד — וואָס זענען ביי אים פאַרבליבן — מיטן דאָזיקן שליח. מען קען אים טרויען! און דאָס פּעקעלע זאָל ער זען פאַרזיכ־

טיק צו עפענען — ווייטער גאַרנישט. נאָר דאָס גאַנצע פּעקעלע איז געװען אַזוי מאָדנע: אַ קליין בלאָקל זייף, איינגעוויקלט אין אַ דיק פּאַפּיר.

— 2 —

אונטער רעדלמאַנס פּאַראַוואַן אין באַראַק איז מעכעלע מיט אים געזעסן און געלייענט די מיקראָסקאָפּיש־באַשריבענע בלעטלעך מיט רובינס כתב... אינעם שטיקל זייף איז געווען אַריינגעאַרבעט אַ קונציק פּלעשעלע און דערין איז געלעגן איינגעדרייט אַ שמאָל פּעקעלע כתבים פֿון יענער וועלט. ער לעבט, רובין און מיט אים לעבן נאָך צענדליקער. זיי לעבן אָבער נישט און זענען שוין טויט. ווי אַזוי קען דאָס זיין? וועגן דעם וועט ער שרייבן ביים צווייטן מאָל — ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער שליח איז טאַקע פאַרטרוילעך. דער בעסטער סימן וועט זיין, אויב ער וועט ברענגען זיין פאַמיליען־בילד, וואָס איז געבליבן ביי כעניעקן אין קעסטל. ער איז אַ טויטער וואָס האָט נאָך אויגן און האָט נאָך בענקשאַפטן — דערפאַר וויל ער נאָך איינמאָל זען זיין טויטע פרוי מיטן קינד.

דעם צווייטן טאָג איז דער זשאַנדאַרם אַריינגעקומען אַ שווייגנדיקער, צוגענומען ביי כעניעקן דאָס בילד און ערשט געקומען אין אַ וואָך אַרום. ער האָט זיך באַוויזן אַזוי קונציק אַריינצושלייכן, אַז קיינער האָט אים נישט געזען קומען און אַוועקגיין. דאָס צווייטע מאָל האָט ער זיך געזעגנט: מער וועט ער שוין נישט קומען פערזענלעך. זיין מונדיר ציט צו די אויפמערקזאַמקייט... וועט ער עס שוין באַזאָרגן מיט עמעצן. אָבער ווען מעכעלע און העניעך האָבן זיך געוואָרפן צום צווייטן פּעקעלע אין כעניעקס האַנט — האָבן זיך באַוויזן אַ בערגל שריפטן וואָס האָבן אויפגעדעקט אַלע סודות אַרום דעם שטרויענעם ווענטל. זיי האָבן זיך געצויגן ביז צו די געשטאַפּאָ־קעלערן פון ראַדאָם.

דער שעף פון דער ראַדעמער געשטאַפּאָ, שיפּערס, האָט טאַקע צוגעטראַכט אַ מאָדנעם פּלאַן: פון די וואָס ער האָט געמשפּט צום טויט, האָט ער זיך אָפּגעקליבן אַ צאָל יונגע מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער און זיי געזאַמלט אין אַ באַזונדערן קעלער, פאַרהוילן פון מענטשנס אויגן. פאַר אַלעמען האָבן זיי שוין מער נישט עקזיסטירט און קיינער האָט זיי שוין

מער נישט געטאָרט זען אויף אייביק. די פיס זענען ביי זיי געשמידט געוואָרן אין קייטן, אין דער לענג פון אַ מעטער. אויך די הענט אַזוי. זיי האָבן געמוזט טראָגן בלויע פּעלערינעס וואָס האָבן זיך געצויגן ביז איי־בערן קאָפּ — זיי זאָלן אויסזען ווי די שאָטנס. רובין איז געווען איינער פון דער גרופּע, וואָס האָט געציילט 67 מאַן. צווישן זיי זענען געווען וויכטיקע פּוילישע פּערזענלעכקייטן, סאָוועטישע פונקציאָנאַרן און פּאָלי־טישע פירער פון אַנדערע לענדער.

זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַרברענען די קרבנות פון דער געשטאַפּאָ. נאָך יעדער גרעסערער עקזעקוציע — האָט מען זיי געפירט אין די שוואַרצע אויטאָס און זיי האָבן געמוזט פאַרניכטן יעדער שפּור פון די דערשאָסענע. די טויטע זענען געברענגט געוואָרן אין הערמעטיש־פאַרמאַכטע וואָגנס, וועלכע האָבן זיי דערשטיקט. מען האָט זיי צוגע־ברענגט צו די ספּעציעל־באַשטימטע זאַמל־פּונקטן, ווו די שטרויענע ווענטלעך האָבן אַלץ צוגעדעקט. דאַן האָבן די ספּעציעלע כעמישע מיט־לען צוזאַמען מיטן פייער געטון דאָס איבעריקע. טיילמאָל האָט מען אויך געברענגט לעבעדיקע מענטשן און זיי דערשאָסן נעבן פייער, בשעת די קרבנות האָבן נאָך פריער געמוזט זאַמלען דאָס האָלץ פאַר זייער פאַר־ברענונג. אויך לעבעדיקע מענטשן זענען געשליידערט געוואָרן אין פייער אַריין. דאָס האָט אפילו פּאַסירט מיט עטלעכע דייטשן גופא, פון דער זשאַנדאַרם־גרופּע, וואָס האָבן פאַרראַטן עמעצן דעם סוד. די גרופּע גע־פאַנגענע האָט זיך אַלעמאָל געביטן. פון צייט צו צייט האָט מען עטלעכע פּלוצים אַרויפגעשטויסן אויף דעם פייער און זיי געטוישט מיט אַנדערע. עס זענען אָבער געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך באַוויזן צו דערהאַלטן אַ לענגערע צייט — און צווישן זיי איז אויך געווען רובין. קיינער פון זיי האָט דערפאַר' נישט געוווסט, ווען זיין פאַרמשפּעט לעבן ענדיקט זיך. דאָס זענען געווען געהרגעטע וואָס זענען נאָך פאַראורטיילט געווען צו לעבן אַזוי אַ שטיקל צייט.

מיט דער צייט האָבן זיי באַקומען נאָך אַן אויפגאַבע. זיי האָבן אָנ־געהויבן אַרבעטן נישט בלויז אויפן שטח פון ראַדאָם און ביי פּריש־דער־שאָסענע. זיי האָבן אויך געמוזט ליקווידירן פריערדיקע מאַסן־קברים פון דער גאַנצער אומגעגנט, אַרויסציען די טויטע און זיי פאַרברענען צוזאַ־מען מיט די פריש־אומגעברענגטע. עס איז געווען אַ פּלאַן, אַז מען זאָל

אויפשטעלן אַ באַזונדער גרופּע פון סקאַרזשיסקער יידן. אין פאַל ווען אַ געזונטער ייד וועט דאַרפן דערשאָסן ווערן — זאָל מען אים אַוועקנעמען און אַזוי אַרום זאָל מען האָבן אייגענע ברענער. צוליב דעם זענען אפילו אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ סך עקזעקוציעס אין די דריי ווערקן... דר. ראָסט האָט זיך אָפּגעצייכנט די אַלע, וואָס וועלן מוזן דערשאָסן ווערן צוליב פאַרשידענע חטאים און געהאָפט צו קענען זיי מיטאַמאָל אַראָפּנעמען פון פּלאַץ און זיי באַנוצן אויפן זעלבן אופן ווי אין ראַדאָם. דערפאַר האָט מען פון אַ סך זאַכן אַוועקגענומען אַן אויג, געמאַכט זיך נישט זעענדיק. סייווי זענען זיי ביי די דייטשן אין די הענט! אין ראַדאָם האָט מען אָבער באַשלאָסן אַנדערש: די זעלבע גרופּע פון דאָרט מוז זיין אומעטום! אויב ווערק צע האָט אירע פאַרמשפּטע — זאָל מען זיי אויפן אָרט דערליידיקן! און טאָמער דאַרף מען פון דאָרט אָפּווישן גאָר שנעל די מאַסן־קברים — איז געבוג די אָפּטיילונג פון די 67, וואָס איז שוין געאיבט און האָט שוין איר פאַרטרוילעכע שומרים־עסקאָרטע... וואָס דאַרף מען צעשפּליטערן די אַרבעט?

אגב האָבן זיך שוין אין דער פאַבריקס־געגנט אָנגעזאַמלט אַ היפּשע צאָל עלעמענטן, וואָס מען דאַרף פון זיי פּטור ווערן. דערפאַר האָט גע־מוזט אַהין אַראָפּקומען די געהיימע עקספּעדיציע פון „זויבערער" — און מיט זיי מוז נאָכקומען דער געטרייסטער באַגלייטער זייערער: דאָס שטרויענע וועגל... צוזאַמען מיט די געקייטנטע שאָטנס.

די רעטעניש מיטן שפּיל איבער שלמהלעס לעבן האָט זיך אויפגע־קלערט. עס איז קלאָר געוואָרן אַז ביים אָנקומען פון מענדל רובינס אָפּ־טיילונג — וועט מען זיך נעמען צום אויסרייניקן אויך דעם לאַגער פון די אַלע, וועלכע האָבן שוין לאַנג געדאַרפט דערשאָסן ווערן. די קברים האָבן שוין פאַרלייגט אַלע אַרומיקע פלעצער און איצט איז פאַראַן די בעסטע געלעגנהייט אָפּצומעקן דעם לעצטן זכר: אַז סייווי ברענען די פייערן... און דערפאַר האָט ער טאַקע געוואָרנט, מענדל: איצט וועט זיך עס אָנהויבן אין לאַגער! די גאַנצע רו אין משך פון דער לעצטער צייט איז נאָר געווען אַ מין אָפּוואַרטן ביז עס וועט זיך מאַכן אַזאַ מין שאַנס. און אָט געפינען זיי זיך איצט אויפן שטח פון ווערק צע...

ער האָט צוגעלייגט אַ רשימה פון פּוילישע מענטשן, וועלכע זענען די לעצטע טעג דערשאָסן און פאַרברענט געוואָרן. צווישן זיי זענען גע־

ווען אַזעלכע, וואָס זייערע נאָענטע האָבן נישט געוווּסט אַז זיי זענען אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן. זיי זענען פּלוצים פאַרלוירן געגאַנגען און די קרובים זייערע האָבן זיך אַפילו געווענדעט צו דער דייטשער פּאָליציי מען זאָל זיי העלפן אויסזוכן.

— 3 —

די געפאַנגענע ברענער־גרופּע האָט זיך געלעבט איר באַזונדער, טרויער־ריק לעבן — אָפּגעשניטן פון דער וועלט. מען האָט זיי געפירט פון אָרט צו אָרט אין פאַרמאַכטע וואָגנס. זיי האָבן קיין מינוט נישט געטאָרט זען די וועלט, אויסער ווען זיי האָבן זיך געפונען נעבן די ווענטלעך. געהאַלטן האָט מען זיי אין ספּעציעלע געביידעס, ווו די גאַנצע אַרומיקע געגנט איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון איינוווינער. קיין שום ציוויל אויג האָט נישט געטאָרט אַ בליק טון אויף די געפאַנגענע, בכדי פון זייערס אַ בליק זיך נישט אָנצושטויסן וואָס זיי טוען. זיי זענען אַפילו געשלאָפן אין די קליי־דער, מיט די קייטן אויף די הענט און פיס. די קייטן זענען געווען אויף אַזוי ווייט לאַנג, אַז זיי זאָלן קענען שטעלן אַ טריט און באַוועגן מיט די הענט צו דער אַרבעט. דאָס גיין כסדר אין די קייטן און פול מיט שמוץ — האָט זיי פאַרפייניקט דאָס אָפּגעשניטענע לעבן ביי אַזאַ אַרבעט. בלויז איין זאַך האָט מען זיי געגעבן אָן אַ מאָס: ע ס ן ... פון אַלע אַרומיקע תפיסות האָט מען זיי געברענגט די שפּייז־פּעקלעך, וואָס משפּחות האָבן געשיקט פאַר אַרעסטירטע, ווען מען זיי דאָ האָבן אַרויפגעלייגט אויפן פייער. טאַקע פון אַזעלכע פּעקלעך האָבן זיי זיך דערוווּסט אַ סך נעמען פון די קרבנות.

ביים פייער גופא האָבן זיך נאָר געפאַרעט די קאָמאַנדאָ־מענטשן אַליין. די זשאַנדאַרמען זענען געשטאַנען אָפּגערוקט און צוליבן שרעקלעכן עיפוש האָבן זיי זיך אַפילו אַרויסגעשטעלט פון יענער זייט ווענטל. דאָס האָט די געפאַנגענע געגעבן די מעגלעכקייט צו זוכן אין די טאַשן פון די קרבנות. די בגדים זענען אָפטמאָל פאַרברענט געוואָרן און דאָס אַש איז פאָרזיכטיק איבערגעשאָקלט געוואָרן — האָט מען דאָרט געפונען שטי־קער צעשמאָלצן גאָלד און דימענטן, וואָס זענען באַהאַלטן געווען אין די קליידער. מיט די געפונענע אוצרות האָבן זיי זיך געטיילט. אָפיציעל

האָבן זיי אַלץ אָפּגעגעבן שטילערהייט זייערע וועכטער און דערפאַר האָבן זיי יענע געבערענגט פליישן און שנאַפּס. אָבער אַ סך בריליאַנטן און גאָלד־שטיקלעך האָבן זיי באַוויזן אַראָפּצושלינגען. אַזוי אַרום זענען ביי זיי געוואַקסן פאַרמעגנס, מיט וועלכע זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון אין זייער ענגער איינגעשלאָסנקייט. טאַקע פאַר אַ צאָל גאָלד־שטיקער איז רובינען געלונגען צו שיקן דעם זשאַנדאַרם מיטן ערשטן בריוועלע און פּעקל.

דער געדאַנק דאָס צו טון איז אים איינגעפאַלן נאָך דעם ווי זייער אויטאָ האָט באַגלייט אַ גרופּע פון אויטאָבוסן מיט מענטשן וועלכע ווערן געפירט צום דערשיסן. דורך די שפּאַלטן האָט ער באַמערקט אַ ריי מיט יידן וואָס מאַרשירן צו דער אַרבעט און דערקענט אַ סך פון זיינע חברים און באַקאַנטע. ווי דאַר זיי האָבן אויסגעזען אין יענעם פאַרטאָג! ווי פינצטער... זיי הונגערן אוודאי, קענען פאַר געציילטע זלאָטעס זיך אָנזעטיקן — און ביי אים מיט זיינע חברים ליגן אוצרות, נאָר זיי קענען דערמיט גאָרנישט טון... באַלד וועט מען זיי פאַרברענען, עס וועלן אַ ב־ד ע ר ע נישטערן אין ז יי ע ר ע טאַשן און איבערנעמען די זעלבע ירושה... אין דער וויפלטער האַנט וואַלגערט זיך שוין אויס דאָס אומגליקלעכע פאַרמעגן?

ער האָט דערקענט זיינע חברים, רובין, און עס איז אים באַפאַלן אַ ווילדע תאווה אַזאַ אַרויסצושרייען צו זיי, אַ רוף טון... זאָל כאָטש זיין קול איינמאָל אָפּקלינגען אין אַ היימישן אויער... זיי וועלן אים טאַקע נישט זען — אָבער דאָס קול וועט דאָך ביי זיי אָפּקלינגען באַקאַנט און זיי וועלן נאָכקלערן... און אפשר גאָר דערמאָנען זיך אין אים? וואָס קען דען עמעץ וויסן, ווי שטאַרק עס ווילט זיך אין אַזאַ מאָמענט פון טויטן לעבן אַז עמעצער זאָל וועגן דיר כאָטש איינמאָל אַ טראַכט טון, דיך נעמען צו זיך אין וואַרעמען זינען אַריין כאָטש אויף אַ רגע!? ער האָט אָבער זיינע בענקענישן דערשטיקט אין זיך. אַזאַ געשריי פאַרראַט אים, שטעלט אין געפאַר זיין גאַנצע גרופּע — און אויך די יידן וואָס וועלן אַזאַ געשריי דערהערן וועלן זיכער שוין ווייטער נישט דערגיין. מיט אַזאַ אַנטפּלעקטן סוד וועט מען זיי פאַרנעמען און מיטפירן צוזאַמען מיט אַלע באַשטימטע צום טויט. ער האָט דערפאַר בלויז מיטגעשיקט צוזאַמען מיטן בריוועלע און פּלעשל אויך עטלעכע בריליאַנטן: זאָל עס זיין צושטייער פאַר

אַ הילפס־קאַמיטעט, וועלכן ער האָט אַמאָל געהאָלפן גרינדן אין ווערק צו.
ד אָ ס דאַרף מען דאָך נאָך זיכער!

אָבער גראָד דאָס ווערטפּולע האָט דער זשאַנדאַרם נישט אָפּגעגעבן — און מאַנען ביי אים קען ער נישט. טאָ ווי אַזוי זאָל ער ווייטער איבערשיקן די גלאַנציקע שטיינדלעך און שווערע שטיקלעך גאָלד, וואָס נוצן אים גאָרנישט און דאָך קענען זיי אַ סך לאַגערניקעס ראַטעווען דאָס לעבן?

ער האָט אויך מורא באַקומען, דער זשאַנדאַרם. נישט ווייט פון שיס־שטאַנד האָט געאַרבעט אַ גרופּע מיידלעך פון שמיצס אָפּטיילונגען. די מאַסן־קברים זענען אַרומגענומען געוואָרן מיט די ווענטלעך און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון אַרויסשלעפּן די טויטע פון די קברים מיט אייזערנע צוואַנגען. נישט איינעם פון זיינע חברים, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט לעבעדיק, האָט ער דאָרט דערקענט. דער זשאַנדאַרם האָט דערביי געפונען אַ נענטערן וועג. די שטרענגקייט פון היטן אַ טויט איז אַביסל שוואַכער געוואָרן און עטלעכע ווערטער האָבן זיך גענומען צו־לאָזן כאַפּן אַ פלירט מיט די מיידלעך פון דאַנעבן. האָט ער זיך אויס־געזוכט איינע, צו וועלכער ער האָט לויטן בליק געוווּנען צוטרוי און זי אַוועקגעצויגן אין אַ זייט, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָרט וווּ זיך מיט איר אָפּצוזונדערן צוליב פאַרשטענדלעכע צוועקן. פאַר זיינע חברים איז דאָס געוועזן אַ נאַטירלעכקייט. ער האָט אָבער פאַרטרויט איר די פאַרבינ־דונג און איר אַריינגערוקט אַ פריש פּעקל בריוו, וועלכע זי האָט באַהאַלטן אין אַ פאַרבאָרגן אָרט.

ווידער אַמאָל האָט רובין געשריבן אַז ער שיקט אַרויס גאָר אַ סך ווערטיקייטן. דאָס מאָל וועט דער זשאַנדאַרם זיכער אָפּגעבן, ווייל מען האָט אים שוין אַזוי באַפרידיקט פאַר אַלץ — אַז ער מוז עס טון. אָבער מער ווי די בריוו האָט דאָס מיידל נישט געבראַכט. ווער האָט איצט עס צוגע־נומען? זי אָדער ער? מען טאָר נישט פרעגן... ביז איצט האָט נאָר גע־ווּסט דער אָפּנעמער רעדלמאַן, מעכעלע און נאָך אַ פּאָר געשוווירענע מענטשן — איצט ווייסט שוין דערפון אויך דאָס קאָקעטישע מיידל... וואָס קען מען ביי איר פאַרלאַנגען, פרעגן און ציען ביי דער צונג? דער גאַנצער לאַגער קען געשטעלט ווערן אין געפאַר.

דאָס מיידל אַליין איז דעם ערשטן טאָג געקומען דערשראָקן, טויט־

בלייך פון דער איבערגעלעבטער איבערראַשונג און געציטערט, מען זאָל זיך וועגן איר גאָרנישט דערוויסן. באַלד האָט זיך אָבער אין איר אויפגעוועקט אַזאַ משונהדיקער שטאָלץ דערפון וואָס זי איז אַ שותפטע, אַ טרעגערין פון אַזאַ מוראַדיקן סוד — און עס האָט זי געצויגן זיך צו באַווייזן דיערמיט, באַרימען זיך... זי האָט אויך געוואָלט פאַר נאָך עמעצן באַווייזן אַז דאָס באַהאַלט זי זיך נישט מיטן ברענער אינעם אָפּגעלעגענעם באַראַקל צוליב די זאַכן, וואָס די אַנדערע מיידלעך שושקען זיך וועגן זיי — נאָר דאָס טוט זי אַ ווּיכטיקע אַרבעט, אַן אויסערגעוויינלעכע שליחות...

איז טאַקע נישט מעגלעך געווען, אַז עס זאָל ווייטער בלייבן אַן איינגעשלאָסענער סוד. באַלד האָט דערפון געוווּסט נאָך אַ מיידל, וועלכע איז אפילו געקומען זיך נאָכפרעגן וואָס עס איז געשריבן אין די בריוולעך... און אַ צווייט מאָל האָט שוין אַ דריט מיידל זיי געעצהט, אַז מען זאָל אַליין פריער איבערלייענען די בריוולעך — איידער זי גיט זיי אָפּ רעדלמאַנען...

האָט נישט געדויערט לאַנג ביז עטלעכע פּאָליציי־לייט זאָלן נעמען נאָכקוקן דער קליינער גרופּקע מענטשן, וואָס האָט זיך עפּעס גענומען אַריינקווועטשן יעדע פּאָר טעג אין אַ ווינקל פון מעכעלעס באַראַק. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אפילו מעכעלעס פריינט, דער פּאָליציאַנט מאָניעק, אים געקומען וואָרענען:

— דו ווייסט נישט, זעט אויס, מיט וועלכן פייער דו שפּילסט זיך... עס ווייסט שוין דערפון ווייזנבערג — און פעלא איז אויך נישט טויב. באַלד וועלן זיי אייך אַלעמען אויסליפערן פאַר שרעק אין יענעמס הענט אַריין, בכדי מען זאָל זיי נישט טשעפּען ביים דערוויסן זיך. אויף וואָס דאַרפסטו עס? האַק אָפּ, כל זמן עס איז נאָך צייט... עס קען שוין איצט שפּעט זיין!

נישט מעכעלע און נישט רעדלמאַן האָבן אָבער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו דעצידירן. אין איינעם פון יענע טעג איז דער זשאַנדאַרם געשיקט געוואָרן ערגעץ און אַ באַהאַלטענע פּאַרטיזאַנער־קויל האָט אים איינגעשוויגן אויף אייביק. האָט זיך דער רויך פון הינטערן שטרויענעם ווענטל ווייטער געצויגן צו די הימלען, עפּעס געשריבן דאָרט מיט רויטלעכן כתב און גערופן מען זאָל עס לייענען... די פּאָר יידן, וואָס האָבן דערפון געוווּסט האָבן אָבער מער נישט געקענט צוקומען צום פּירוש פון

יענעם רויך און ער האָט זיך מיט פאַרצווייפלטער שטומקייט אַראָפּגעלאָזט איבער די צעריסענע שטיקלעך וואַלד, נישט ווייט פון די וואָס האָבן אים ווייטער געוואָלט אויסהערן און נישט געקענט.

— 4 —

פריער זענען זיי אַלע געווען פאַרמשפּט נישט נאָר צום טויט נאָר אויך צום פאַרמאַכטן שווייגן. רובינס איינפאַל האָט פאַר זיי צוריק געעפנט אַ דין שפּעלטעלע צו דער וועלט — זאָל זיין אפילו צו דער פאַרסמטער וועלט פון ווערק צע... האָט עס אין זיי דאָרט אויפגערודערט, דערמאָנט זיי, אַז מען קען נאָך אַלץ האָבן צו טון מיט מענטשן, אויסער זייער ענגער שטייג, אויסער די אייגענע 67... האָבן זיי זיך אַלע געוואָרפן צו די שטיקלעך פּאַפּיר וואָס זיי האָבן געהאַט. יעדער איינער פון זיי האָט איצט געזען אַ געלעגנהייט נאָך אַמאָל אַרויסצובליצן פון דער פאַרגעסנקייט, פון דעם פאַרחתמעטן לעבן. איטלעכער פון זיי האָט געקענט פון זיך אַרויסוואַרפן ווערטער, וואָס אַנדערע מענטשן קענען נאָך זען און לייענען... און יעדער פון זיי קען נאָך האָבן זיין נאָמען אויף אַנדערעס ליפּן. קען דען דאָס נישט ווילד מאַכן?

די אַנדערע, צו וועמען מען שיקט איבער די לעצטע גרוסן פון לעבנס, זענען טאַקע אויך פאַרמשפּט, אויך אויסגעשטעלט צום טויט. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרגלייך!? יענע קענען נאָך האָפן און יענע קען נאָך אָפּזוכן אַ נס... און יענע קענען נאָך טרעפן זיך מיט מענטשן, וואָס זענען נ אָ ך פ ר יי ע ר פון זיי... און דערפאַר זענען זיי די בריק צו דער גרויסער וועלט פון פליסטערער, וואָס זענען טאַקע איינגעשלאָסן אונטער די דייטשע הענט — אָבער זיי קענען זיך באַוועגן, אָרגאַניזירן, דערציילן און — א י ב ע ר ל ע ב ן די קריג. די וועלט פון שטאָט און דאָרף; די וועלט וואָס קען אין אַ קעלער אַ געשריי געבן צו אַ רערל — און אין אַנדערן עק וועלט זאָל עס דערהערט ווערן.

האָבן זיי אַרויסגעשיקט לאַנגע, ווילד־באַשריבענע בויגנס אויף רוסיש און פּויליש. דאָרט האָבן זיי דערציילט זייערע ביאָגראַפיעס, געוויינט און געבעטן זיך... געמאָנט, אַפּעלירט, אויפגעפאָדערט נישט צו רוען — צו טון עפּעס פאַר זייערטוועגן! וויי־ווײ, ווי די מענטשלעכע פאַנטאַזיע

קען זיין רייך אין אילוזיעס — דווקא אין אַזעלכע מאָמענטן און סי־טואַציעס!

צו וועמען ווערן דען די דאָזיקע בריוו געשיקט? צו יענעם רעדלמאַן, וואָס עסט טאַקע צו דער זעט — אָבער ביים מינדסטן באַריר פון די דראָטן וועלן אים די זעלבע בריוו־שרייבער טראָגן צום פייער, גלייך ווי די טויזנטער אַנדערע. זייערע בריוו קנייטשט דער אויסגעבלייכטער מע־כעלע און עס היפּט אין זיי דער אייגעפּרעסט־שווייגנדיקער הענעך... פון וועמען ווילן זיי ה י ל ף ? צו וועמען שרייען זיי? ביי וועמען בעטן זיי זיך? נישטאָ וואָס צו זוכן קיין קלוגע באַרעכנטקייט ביי מענטשן, וואָס זעען יעדן טאָג דאָס פייער איבערגיין איבער מענטשלעכע גופים — און שפּירן עס יעדע מינוט איבערסמאַליען אויף דער אייגענער נשמה!

אַלע שפּאַרן זיי זיך, שטויסן זיך דורך דעם צעעפּנטן טירל צו דער וועלט — הגם דאָס גייט נאָר דורך דער טאַש פון אַן אָפּגעקויפטן זשאַנ־דאַרם און ציט זיך דורך אַזאַ מין טונעל ווי עס איז דער פּאַלב פון אַ שמאַטעוואַט, מיידלעריש קליידל. יעדער איינער פון זיי מאַכט עס אָבער אויף זיין אופן און שטייגער.

דער הויכער רוסישער אָפיציר, למשל, איז אויך קאַכיק פאַרליבט אין לעבן. ער וויל עס ראַטעווען — אפילו ווען ער שטעקט שוין אונטער די קראַטן פון דער בזשינער שולע און ער זאַפּט אין זיך איין די געברענ־טע ריחות פון די שטרוי־ווענטלעך. ער מאַכט עס אָבער אַדורכגעטראַכט, מיט פּלאַן און סיסטעם. וואָס איז דאָ פאַראַן פאַר אַ שוועריקייטן? די חברים, וואָס באַקומען זיינע שריפטן, דאַרפן נאָר אויסזוכן איינעם, אַ גוטן פּאָליאַק וואָס קען זיך מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג. יענער דאַרף די מענטשן פון דער באַוועגונג בלויז איבערגעבן וו ע ר די מענטשן אונטערן ווענטל זענען! אַזעלכע קענען צונויף קומען... זיי האָבן צו דערציילן אַזעלכעס, וואָס קען אַ גאַנץ פאָלק אויפרודערן צו מרידה, זיך אַנצושליסן אין דער באַוועגונג. ווער נאָך קען זיי, למשל איבערגעבן ווי אַזוי מען האָט דערשאָסן און אַ האַלב־לעבעדיקן פאַרברענט אַן אַנגע־זעענעם ביסקופּ פון יענעם קרייז? אַ סך סודות קענען זיי דערציילן, וואָס קענען אויפקאָכן אַ גאַנצע וועלט! זאָל דאָס נאָר באַקאַנט ווערן — וועלן זיך מיליאָנען וואַרפן אויף די דייטשן און זיי איינבייסן די גאָרגלען...

היינט די מיליטערישע פּאַכמענער, וואָס געפינען זיך דאָ און קענען אָנ־פירן מיט אַ וואַלד־קריג — אַז גאַנצע ס. ס.־דיוויזיעס וועלן ציטערן!

און דאָס ווייטערדיקע איז אויך אַזוי פּשוט: ער האָט אויגן און זעט יעדעס ברעקל דורך די קליינע שפּאַרונעס: קען ער שוין דעם גאַנצן וועג, דורך וועלכן מען פירט זיי אַהין און צוריק. ער ווייסט אויך שוין וויפל וועכטער עס באַגלייטן זיי און וויפל געווער זיי האָבן. ער ווייסט אויך וויפל עס וואַכן ביי זייער תּפיסה־אָרט. אָט שיקט ער טאַקע אַ מאַפּע פון דער אַרומיקער סיטואַציע, וואָס ער האָט אַליין געצייכנט. מיט איר קען מען זיך געגוי אָריענטירן. דאַן קען מען אין מיטן וועג, אָט אויף יענעם אָנגעצייכנטן פּונקט, אַרומנעמען דעם קאָרדאָן פון אַלע זייטן ווי אין אַ צוואַנג — ווען דער אָנגריף זאָל קומען פון יענע זייטן וואַלד. עס וואָלט זיכער אַריינגעפאַלן אַ סך געווער, 67 יונגען ווי די לייבן וואָלטן באַ־פרייט געוואָרן און זיך אָנגעשלאָסן אין דער אָפּטיילונג אַטאַקירער... קיין איין דייטש וואָלט נישט געבליבן! ערשט דערנאָך... דערנאָך — — —

יאָ, דאָס סאַמע פאַרשטענדלעכסטע איז דאָך, אַז זיי וואָלטן די יידן אין ווערק צע נישט פאַרגעסן! זיי וואָלטן געקומען, אויפגעריסן די דראָטן און — היידא, קומט מיט אונדז!...

דערפאַר האָט עפּעס אַ פּוילישער אינטעלעקטואַל גאָר אַן אַנדער חשבון. ניין, עס איז גאָר אַזאַ אַליין־פאַרפּייניקונג און אַ מטורף־צעווייטיקטער הילפס־געשריי דורכן שפּייען אויף זיך אַליין, זידלען זיך... וואָס זענען זיי דען? זענען זיי נאָך מענטשן? אַז מען קען אַליין ברענען די מיט־מענטשן, לייגן זיי אין פייער אַריין — איז דאָס מענטשלעך אָדער חיהש? און צוליב וואָס טוען זיי עס דען אייגנטלעך? בלויז דערפאַר ווייל עס ווילט זיך זיי נאָך לעבן אַ פּאָר טעג, ווייל זיי ווילן נאָך קומען אין אָוונט; מיט קייטנדיקע הענט זאָלן זיי ציען די פלאַש שנאַפּס צו זיך און מאָרגן זאָלן זיי ווידער קענען אַרויסגיין בכדי צו ברענען? זיי לעבן בכדי צו ברענען מענטשן און זיי ווערט נישט מיאוס דאָס ברענען, בלויז דערפאַר ווייל זיי ווילן לעבן **אפילו אַזוי!** איז עס נישט נידעריק, מיאוס? פאַרוואָס זאָל מען אויף אַזעלכע רחמנות האָבן? פאַרוואָס זאָלן אַזעלכע ווערט זיין אַ בעסערן גורל — ווי צו לייגן אויפן פייער? און ווען מען זאָל זיי אפילו באַפרייען — ווער פון זיי וועט דען האָבן דערנאָך דאָס רעכט צו לעבן, ווער וועט עס **קענען?**

ער רייסט שטיקער פֿון זיך — און וויל לעבן. יאָ, ער זאָגט עס און שרייט עס אַרויס! נישט איינמאָל האָט ער שוין געוואָלט באַגיין זעלבסט־מאָרד דורכן וואַרפֿן זיך אויף אַ וועכטער מיט די געבונדענע הענט — אָדער גאָר זיך וואַרפֿן אויפֿן פֿייער... סיי ווי איז מען טויט און סיי ווי וועט עס געשען. איז ער זיכער אין זיין רעכט צו טון מיט זיך, וואָס ער וויל, ס׳איז זיין גוף. צי מעג ער אָבער פֿאַרברענען אויך דאָס וואָס ער ווייסט? צי האָט ער דאָס רעכט; צי האָבן אַלע דאָס רעכט שטום צו מאַכן דאָס מויל, וואָס קען נאָך דערציילן? צי מעגן זיי אומבאַוועגלעך מאַכן די הענט, וואָס קענען נאָך דאָך באַווייזן אָנצושרייבן און אַרויסצושיקן אַזעלכע בריוולעך? שרייבט ער טאַקע, שרייבן אַלע... אין פֿינף ערטער, ווו זיי זענען געווען — האָבן זיי באַ־האַלטן דאָס אָנגעשריבענע צווישן לעכער און ווענט. אָט דאָס גיט זיי דאָס רעכט ווייטער צו פֿאָרען זיך ביי דער מלאכה, ווי לאַנג עס לאָזט זיך; אַ סך זאַכן ווייסט ער, וואָס ער האָט נאָך נישט באַוויזן איבערצו־געבן. ערשט לעצטנס האָבן די וועכטער אַריינגעשמוגלט פּאַפּיר און בליי־פעדער. טאָ זאָלן די, וואָס באַקומען דעם בריוו וויסן אַז דער און דער האָט אים געשריבן און זאָלן זיי געדענקען גענוי די ערטער, ווו עס ליגן פֿאַרשטעקט אַזעלכע שריפֿטן זיינע. מען דאַרף נאָר עמעצן צו וויסן געבן די גענויע באַהעלטענישן — און מען וועט זיי אויסגעפֿינען. נאָר עס ווילט זיך אים פֿאָרט אַזוי שטאַרק אַליין וועגן אַלץ דערציילן! אוי, ווי עס ווילט זיך אים! בלויז דערציילן און דערנאָך... זאָל דערנאָך געשען וואָס עס וויל נאָר...

אָבער — זיין ווילן? וואָס פֿאַר אַ באַדייט האָט ער? וועמען נוצט ער? זאָלן די בריוו־דערהאַלטער זיך נישט אָפּשרעקן! זאָלן זיי אַרויס־שיקן זיינע בריוו — און מעגן זיי אַפֿילו דערנאָך פֿאַרשפּרייט ווערן אַלס געהיימע פֿלוג־בלעטער... די דייטשן וועלן זיך דערוויסן? זיי וועלן דער־פֿאַר אַלע 67 מאַן אומברענגען? וואָס אַרט עס אים? זאָלן זיי! זאָלן זיי — און ס׳וועט בעסער זיין! אַ סוף וועט עס נעמען — און וויסן וועט מען!...

דער איינציקער וואָס האָט קיין פּלענער נישט געמאַכט און איז אויך נישט צערודערט געוואָרן — איז געווען מענדל רובין. ער איז געבליבן ביי זיין טויטער רעזיגנירטקייט. ער האָט געוואָלט זיין פֿאַמיליען־בילד.

ער האָט עס דערהאַלטן — און ער קוקט, קוקט דערין אַן אַ שיעור. וואָס קומט אָבער אַרויס? ער האַלט ווייטער די אייזערנע צוואַנג, ער ציט קער־פּערס וועלכע ער דערקענט — עס רייסן זיך אָפּ איינצלנע אברים, זיי ווערן געשענדעט... און אויך דאָ איז פאַראַן אַ נאָרמע — וויפל מען זאָל אַרויסציען פון די קברים יעדן טאָג, יעדן טאָג! איז וואָס? פלענער — נאַרישקייטן! אָט, ווען ער קען כאָטש אַרויסשיקן די שטיינדלעך און די גאָלד־שטיקער — האָט עס אַ זין... אלאַ אַזוי — וואָס איז? נאָר ער דאַרף דערציילן וואָס דאָ קומט פאָר — זאָל מען וויסן. מען ברענט. דאָס אַש זאַמלט מען אין זעק. די ביינער צעמאָלט מען דערנאָך. אַ סך אַש צע־וואַרפט מען פאַרזיכטיק, ביי אַ שטאַרקערן ווינט איבערן וואַלד. טיילמאָל נעמט מען אויך פולע זעק און מען שיט זיי אַריין אין דעם געלן, שמוציקן טייכל וואָס לויפט פאַרביי...

יאָ, אפשר וואָלט דאָך גוט געווען ווען מען טוט עפּעס, ווען מען באַ־פאַלט די וואַגנס און מען באַפרייט זיי... כאָטש, וואָס קען שוין דאָ גוט זיין? ווי אַזוי וועט מען אים באַפרייען? וווהין וועט ע ר גיין? וואָס האָט ער דען צו טון? דער פּאָליאַק וועט זיך אָפּגעפינען זיינע פּאָליאַקן, דער רוס וועט זיך אויך אָפּזוכן דאָס זייניקע... ווו וועט ער איצט זוכן יידן? ער ווייסט נאָר איינס: טאָמער ווילן זיי, די חברים זיינע פון ווערק־צע, דאָך עפּעס טון — זאָלן זיי עס מאַכן שנעלער... די אַרבעט דאָ איז שוין באַלד פאַרענדיקט. נאָך אַ קורצע צייט — און מען וועט זיי אי־בערפירן קיין פּיאָטרקאָוו... ער ווייסט עס שוין!

— 5 —

עפּעס אַזויווי פלוצים האָט דער רויך אויפגעהערט. עס איז נאָר געבליבן דער שווערער ריח, וואָס האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער בלויער לופט. עס איז שטיל געוואָרן. די אויטאָבוסן זענען פאַרשוונדן און די פאַבריקס־גוים האָבן דערציילט אַז די שולע פון בזשין שטייט ליידיק, נאָר יעדן ביינאַכט הערט מען דאָרט אַרויסוויינען פון דער פינצ־טערניש... בלויז די שטרויענע ווענטלעך זענען ווייטער געבליבן שטיין; סיי אויפן שיס־פּלאַץ און סיי אין וואַלד־שטיק צווישן די גרויס־גומער־דיקע האַלעס. די ברענער זענען פאַרפאַלן געוואָרן און האָבן נאָך זיך

אפילו קיין זכר נישט געלאָזט אין דעם דערפל ווו זיי זענען געשלאָפן. אפילו דאָס שטרוי פון זייערע בעטן האָבן זיי פאַרברענט נאָך זיך... דאָך האָבן די שטרויענע ווענטלעך געשראָקן און גענדראָט פון דער ווייטנס, אפילו אין מיטן העלן טאָג.

נאָר ווערק־צעניקעס האָבן אויפגעהערט צו זיין פחדנים. האָט טאָקע געטראָפן:

דער פאָליציאַנט פון דער באַאור־קאָמאַנדע, איטשקע פעדערמאַן, האָט גראָד געדאַרפט אַכטונג געבן אויף אַ גרופע יונגען, וואָס האָבן איבער־געטראָגן ברעטער און קאַסטנס נישט ווייט פון די שטרוי־ווענטלעך אין וואַלד. פונקט האָט מען נישט געזען קיין וועכטער פאַר די אויגן; נישט קיין דייטש און נישט קיין אוקראַינער. האָט זיך די גרופע אויסגעזעצט אַרום אַן אָפּגעהאַקטן שטאָם... און אַז די ווענטלעך ווינקען פון דער ווייטנס — פון וואָס קען מען רעדן?

האָט איינער זיך אַ זאָג געטון:

— ס׳וואָלט כדאי געווען דאָרט אַ בליק צו טון...

האָט שוין אַ צווייטער אָפּגעענטפערט:

— אָן אַ וואַך קען מען זיך אין וואַלד נישט דרייען...

ווייסט שוין אַ דריטער פון אַ פאַרטיקן פאָרשלאָג:

— דו, איטשקע, ביזט דאָך אַ פאָליציאַנט... קענסטו זיך צורוקן נענ־טער און אַ בליק טון! אין פאַל אפילו ווען אַ מייסטער זאָל דיך אָנטרעפן — קענסטו זאָגן אַז דו זוכסט דייגס אַן אָפּטיילונג. איבעריקנס ציטערן נאָך היינט די דייטשן פון פאַבריק דאָ אַ שמעק צו טון...

דער פאָרשלאָג איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. איבערהויפּט — איטש־קען, וואָס האָט דאָ געפונען אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז צו זיין אַ פּאָ־ליציאַנט איז דאָך נישט קיין קלייניקייט! אָן ווערטער האָט ער זיך אַוועק־געלאָזט אין דער ריכטונג פון די פאַרגעסענע ווענטלעך. אַלע האָבן גע־וואַרט מיט שפּאַנונג וואָס דאָ וועט ווייטער זיין... אָט דוכט זיך אַז איטשקע רירט שוין דאָרט אָן די ווענטלעך, אָט קריכט ער שוין אַרונטער — נאָך איין סעקונדע! טאָקע אַ חברה־מאַן מיט שטאָלערנע נערוון!...

פּלוצים איז אָבער געשען עפּעס, וואָס האָט ביי דער גאַנצער גרופּקע צוגעשטייפט די האָר פון קאָפּ:

דאָס שטרויענע ווענטל האָט אַ ציטער געטון פון אינעווייניק אויס

— און זיך אַ הויב געטון... פונעם געוואָרענעם לאָך האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ, אַ קריכנדיקער קערפּער וואָס האָט זיך באַלד אויסגעגלייכט, אויס־געצויגן זיך אין אַן אַטלעטישער הויך... נאָך דעם געשטאַלט האָט זיך אַרויסגערוקט אַ צווייטס, אַנגעטון אַזוי גרין — אַזויווי זיי אַליין וואָלטן אַ שטיק קריכנדיקער וואַלד געווען. ביידע האָבן גאָרנישט געזאָגט, נישט אויסגעשריגן, נאָר שטומערהייט זיך אַ לאָז געטון איטשקען אַנטקעגן —

ווי אַזוי איטשקע האָט נאָך געהאַט אין זיך בלוט צו דערשרעקן זיך און נעמען צוריקלויפן מיט אַלע כוחות — דאָס האָט ער שפּעטער נישט געקענט וויסן. די צוויי געשטאַלטן האָבן זיך דערמיט נישט איבערגענו־מען. זיי האָבן אים נאָר געלאָסן נאָכגעשפּרייזט... ערשט ווען ער איז שוין גאָר ווייט געווען פון זיי — האָבן זיי זיך אומגעקערט און צוריק איינ־געשלונגען געוואָרן פון דעם זעלבן ווענטל. עס איז קלאָר געווען אַז דאָרט זיצט מען נאָך און מען היט דעם לעצטן רעשט פון סוד פאַר פרעמדע אויגן. ס'האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז איטשקעס בלייכע טראָפּנס שווייס האָבן זיך גענומען איינציען און ער זאָל קענען אָנהייבן דערציילן:

— אָבער הויכע זענען דאָס געווען! מאַמע מיינע! רוחות... שדים... מיט ברענענדיקע אויגן... כ'האָב געמיינט אַז איך וועל איינגעזונקען ווערן אין מיטן לויף...

ערשט וואָכן שפּעטער זענען אויך די ווענטלעך פּלוצים פאַר־שוואונדן. יינגלעך מיט שטאַרקע הערצער האָבן זיך ווידער אויסגעזוכט אַ געלעגנהייט צוצוקומען אויפן אָרט פון די אַמאָליקע קברים. זיי האָבן אָבער די ערטער מער נישט דערקענט. אַלץ איז געווען אויסגעגלייכט און יונג ווייך גראָז האָט זיי פון אומעטום געלאַכט אַנטקעגן...

נישט מער: דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך געוואַלגערט איבערן וואַלד ברעקלעך פון מענטשלעכע פינגער, וואָס זענען נישט אין גאַנצן פאַר־ברענט געוואָרן און איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי אויך שטיקלעך שאַרבן־ביינער האָבן זיך באַוויזן אַזוי אָפן צו באַהאַלטן פאַר אַזויפיל שדימס אויגן... און נאָך טיפער אין וואַלד האָבן געזשאַווערט קליינע בערגעלעך מיט פאַרשרפּעטע קנעפּ פון מעש — ווי אַ זכר נאָך מענטשלעך אַנטועכץ, וואָס האָט זיך צעשמאָלצן צוזאַמען מיט קייקעלעך שמוציק און צעגאָסן גאָלד.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

— 1 —

שולצע האָט געברענגט פון ערגעץ אַ מיליטערישן קעסל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַ באַזונדערע קיך מיט צוגאָב־עסן פאַר די קראַנקע. ווייזנבערגס פרוי און איר פלימעניצע רעניא האָבן זיך אָנגעטון ווייסע פאַרטוכער און זיך געדרייט ביים קעסל ווי געניטע קעכינס. מען האָט געשמועסט אַז באַלד וועט מען אַרויסשלעפּן דעם לעצטן מענטש פון הויף אין דער פאַבריק אַריין: נישטאָ קיין יידן! די קאָמענדאַנטןפרויען האָבן זיך גענומען באַזאָרגן מיט לאַגער־פונקציעס, בכדי זיך דערמיט צו באַוואָרענען. מען האָט אויך גענומען אָוועקשטעלן אַ נייעם הויכן באַראַק — וואָס זאָל טאַקע פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן עכטן שפּיטאָל, מיט אַלע איינריכטונגען און מיט בארמהערציקע קראַנקנשוועסטער.

אין דעם קראַנקן־קעסל האָט מען טאַקע גענומען קאָכן קאַשע מיט קאַרטאָפל, באַשמאַלצן מיט פּוטער. הונדערטער קראַנקע זענען אָבער שוין געווען פאַרפאַלן און זיי האָט שוין גאָרנישט געקענט העלפן. מען האָט זיי נאָר געדאַרפט לאָזן ביסלעכווייז אויסגיין. פון וואַנעט עס האָט זיך גענומען געלט צו פירן אַזאַ זייטיקע קיך האָט קיינער נישט געקענט וויסן. נאָר בכדי אַלע זאָלן מיינען אַז זיי ווייסן — האָט די קאָמענדאַנטין געהייסן מען זאָל איינאָרדענען אַ פרישן קאָנצערט. דער פּאָליציאַנט ביימאַן האָט גרייט געהאַט אַביסל לידלעך און ער מיט פרעדזשאַן האָבן געדאַרפט אויפפירן מעכעלעס דראַמע וועגן דער מוטער וואָס געבוירט אַ קינד אין ווערק צע.

ווידער האָט דער לאַגער זיך צוזאַמענגעפרעסט אין אַ גרויסן זאַל, געמאַכט פון אַ באַראַק ווו מען האָט ספּעציעל פאַר דעם אָוונט אַרויסגענומען די ווענטלעך צווישן איין צימער און דעם צווייטן. ביי דער טיר זענען געשטאַנען צוויי מענטשן און גענומען איינטריטס־געלט ביז עס איז פול געוואָרן. דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגערוקט און די מאַסע האָט גענומען אַריינשטראָמען אין די עקן, ביי די זייטן ווענט און ווו מען האָט נאָר געקענט שטיין און נישט פאַרנעמען קיין זיץ־פּלעצער. מעכעלע האָט זיך אַריינגעשאַרט צווישן אַלעמען און ערשט דאָ אין זאַל איז אים עפּעס

איינגעפאַלן. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און עס איז אים באַנגיק געוואָרן; אַ טרויעריקייט אַזאַ, געמישט מיט אומקלאָרער שרעק... פאַרוואָס האָט ער דאָן די דראַמע אָנגעשריבן? און פאַרוואָס האָט ער זי געגעבן פרעדזשען אין האַנט אַריין אויסצושפּילן, אויסצורעציטירן מיט ביימאַנען?

אויף די ערשטע בענק איז געזעסן די קאָמענדאַנטין, ווייזנבערג... צווישן זיי האָט מעכעלע דערזען אַ גאָלדענעם קאָפּ האָר מיט אַ ווייס פּנים און דאָס האַרץ האָט אין אים אַ זעץ געטון: א י ר ע נ אַ ! האָט זי שוין פאַרגעסן אינעם קינד אירן, וואָס מען האָט ביי איר צוגענומען און אַוועקגעלייגט אין פּוסטן באַראַק? זעט אויס, אַז נישט... ווייל אירע גרויסע, בלויע אויגן זענען נאָך אַרומגענומען פון אַזאַ שוואַרצער ראָם. אַ פאַרשאָלטענע בענקשאַפט אַזאַ... נעבן איר זיצט דער גוטמוטיקער פּאָליציאַנט, ש ל י אַ מ ק ע !... זיי זיצן דאָביידע און וואַרטן אויף אַביסל הנאה, אויף אַביסל פאַרגעסונג. זיי ווייסן נישט וואָס דאָ וועט באַלד פאָרקומען. אָט זאָלן נאָר די מענטשן זיין גרייט — וועט זיך די אימפּראָוויזירטע סצענע אַ באַוויז טון — און עס וועלן נעמען האָגלען קלעפּ אויף זייערע קעפּ. אירענאַ וועט באַלד דערהערן די רייד וואָס איר אומגעברענגט קינד וועט איר שליידערן — בלויז דערפאַר ווייל מעכעלע האָט זיי אויפגעכאַפּט פון דער לופט, אָפּגעהיטן זיי פאַר אירעטוועגן... וואָס האָט ער געטון? פאַרוואָס וויל ער זי היינט דאָ פאַרפייניקן? אפשר אָפּהאַלטן עס אין דער לעצטער מינוט? נישט לאָזן?

אַלץ איז אָבער שוין אויסער מעכעלעס הענט. ווי אַ באַרוישטער זיצט ער אין אַ זייט און זעט ווי אויף די בינע־ברעטער באַווייזט זיך פעלאס אַמאָליקע ריוואַלין, האַלינקע... זי טאַנצט מיט אירע נאַקעטע פיסלעך און זוכט זיך וואָס מער צו אַנטבלויזן, צו דערמאָנען זיך אין איר פריער־דיקע טענצערין־יאָרן. די גאַנצע מחנה צוקוקער רעוועט פאַר פאַרגעניגן, קלאַפּט, אַפּלאָדירט. ווי מאָדנע די אויגן ווערן ביי אַלעמען! זיי גיסן זיך אַלע צונויף אין איין שטיק תאווהדיקן פלאַם, אין אַ קייט פון שווייסיק־צעזאָטן לייב. איז ער שוין צופרידן מעכעלע, גלעט ער שוין אַזאַ בייז ברעקעלע גיפט טיף אין זיך: לאַכט, שוידערט, שטורעמט... איר וועט באַלד הערן וואָס איך האָב וועגן דעם צו זאָגן. איר וועט הערן!...

ער זעט פון ווייטנס ווי פרעדזשאַ גרייט זיך. אירע ליפּן זענען בלייך

און ציטערן. זי קוקט אויף אים פון דער זייט און וויל אים עפּעס אָנפּרעגן מיטן בליק. נישט ווייט פון מעכעלען זיצט אַ צופרידענער רעדלמאַן און גלעט זיך פּעטשלדיק זיין פולע, גלאַט־ראַזירטע באַק. דאָ זיצט אויך פּרע־דזשאס געליבטער, יאָסל. ער זיצט און קוקט אַרויף צו איר מיט פאַר־חלומטע, איינגעליבטע אויגן. אין מעכעלען גיסט זיך אויס דער גיפט פון די באַהעלטענישן: אויך אייך וועט עס טרעפן. אויך ז י וועט ביים פאַרלייענען שפּירן די ריטער פון וואָרט אויף זיך!

מיידט ער אויס איר געוואָרפענעם בליק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז זי זאָל זיינע געדאַנקען נישט אויפכאַפּן דורך זיין ענטפערן מיטן אויג. זוכט ער ווידער צווישן די בענק און דערזעט ווידער אירענאן, ווי זי זיצט אַרומגענומען מיט שליאָמקען אַזויווי צוויי איינגעשלאָפענע קינדער. נאָר איצט טוט אים מער נישט באַנג. ווען ער זאָל קענען וואָלט ער צוגע־גאַנגען צו איר און געזאָגט:

— עס וועט אייך באַלד ווי טון... אַ שרעק, ווי איר וועט באַלד גע־שמיסן ווערן! אָבער איך האָב עס נישט געמיינט... און עס מוז אַזוי זיין! זעט נאָר, זעט אָט די אַלע דאָ... מוז מען דאָך! אייך וועט איבער־גיין און ביי זיי וועט מוזן בלייבן קלעפּן אַ וואָרט...

נאָר קיין צייט פאַר אַזעלכע זאַגעכצער איז נישטאָ. שוין האָט מען דאָרט אָפּגעזונגען עטלעכע פריילעכע קופּלעטלעך און עס הייבט זיך אָן.

— 2 —

אַ קינד איז אויסגעגאַנגען אין ווערק צע. מען האָט עס נישט גע־לאָזט ראַטעווען ווייל מען האָט עס נישט געטאָרט לאָזן. איז עס פאַרגעסן געוואָרן פּונקט ווי אַנדערע, די נישט־געבוירענע, די קוים־באַוויזענע און די דערוואַקסענע. איבער ווערק צע רייסט זיך איצט אַ רויך וואָס טראָגט זיי אַלעמען אַוועק דורך נעפּלדיקע וועגן אין די הימלען אַריין. אויך איצט, ווען אַזויפיל פון ווערק צע זיצן דאָ און האָרכן — רויטלט זיך דער הימל איבערן באַראַק און עס פלאַמען דאָרט אַלע; אירענאס לעבעדיק שטיק פלייש אויך... וואָס דאַרף מען נאָך? וואָס מעג מען נאָך?

האָט זיך אָבער פאַרגלוסט דעם קאַלך־שמירער, דעם שילדן־מאַכער און מיסט־פירער דאָס צו דערמאָנען! אָט זיצט ער זיך איצט דאָ, אַ זיי־

טיקער — און מאַכט זיך נישט ווּיסנדיק אַז דאָס קאָקעטישע ווייבעלע אויף דער סצענע שיסט דאָ איצט אַראָפּ מיט זייַנע פייַלן גלייַך אין די הערצער, לעבערט די געדערים!

פון אַלע זייטן האָט מען זיך גענומען אַרומקוקן פון איבערראַשונג... גיי ווייס אַז יענץ נפעלע האָט גאָר לשון, שרייַט גאָר אַזוי, פאַרלאַנגט... דער פּאָליציאַנט ביימאַן וויל פאַרענטפערן די מוטער מיט מעכעלעס ווער־טער, אָבער דעם קינדס קול רייסט זיך פון פרעדזשאַס קעל, צאָרנט און לאָזט גאָרנישט שענקען, גאָרנישט:

— ...אין טאָג ווען דו האָסט דערשטיקט דאָס וואָרט מ אַ מ ע אין זיך, האָסטו אומגעברענגט דייַן וועלט. אין דיר איז געלעגן מייַן וויג. דייַן שויס האָט געדאַרפט אויסוואַרעמען און אויסוויגן שטיקער לעבן. פון דיר׳ האָט געדאַרפט אַרויסקומען מיט געשריי און פרייד אַ ניי האַרץ, וואָס זאָל זיך דערנאָך איבערגעבן צו אַנדערע... דו האָסט דערשטיקט איין האַרץ נאָכן צווייטן, וואָס וואָלטן זיך געצויגן ביזן סוף פון די טעג... העי, דייַן שויס איז געוואָרן אַ קבר — נעם און באַשיט זי מיט ערד! —

פרעדזשאַ האָט געוואָלט ווייטער לייענען, רעציטירן און זיך איינגע־בראָכן. שרייַט זי נישט איצט אויף זיך אַליין? מעכעלע זעט איצט ווי אַזוי זי בייגט זיך אונטער זייַן משא — און נישט ער איז דער שולדי־קער׳. וויינט זי? ער קען זיך נישט גוט איינהערן, ווייל באַלד כאַפּט ער אויף דאָס ברומעריי פון אַלע זייטן, אַ צאָרנדיק ברומעריי וואָס זאָגט אָן סכנה... דאָס האָט דער וויצע־קאָמענדאַנט פעלדמאַן געגעבן די ערשטע שטומע וואָרענונג דורך זייַנע נאָזלעכער. עמעץ שלוכט דאָרט אונטער אים. אַזאַ ווייבעריש־דין שלוכצן... מעכעלע האָט זיך מוראָ אומצוקוקן און זיצט דערפאַר שטייף אויף זייַן אָרט. ער באַטראַכט גאָר די נעגל זייַנע, נישט צו וואַרפן מער קיין בליק אויפן זאַל. דאָך הערט ער ווי עס פרעגט עמעץ אַ צווייטן:

— נו? אַרויסגעפּירט זי? באַרואיקט? זאָל מען זי צוהיטן...

פון אַן אינערלעך אונטער־קול פאַרשטייט שוין מעכעלע אַלץ: א י ר ע נ א ...

דער גאַנצער קאָנצערט האָט זיך שוין טרויעריק אָפּגעריגלט. שפּעט בייַנאַכט זענען אַלע אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט ווי אבלים. קיינער איז צו מעכעלען נישט צוגעקומען, נישט געזאָגט קיין וואָרט... ער האָט נאָר גע־

שפּירט אינעם רוקן די שטעכעדיקע בליקן. וואָס וועט זיין? וועט מען אים נאָך שלאָגן היינט אָדער נישט? עס ווערט אים פּלוצים אַזוי גלייכגילטיק, מעכעלען, אַזוי פרעמד און טרויעריק... אַלץ איינס! אפשר וואָלט טאַקע גוט געווען מען זאָל אים דאָ איצט שטאַרק צעשלאָגן, גאַר שטאַרק... ער וואָלט אויפגעכאַפּט זיך; געהאַט ווייטיקן, לעבעדיקן צער... און אַזוי — שווימט ער, שווימט אַרום אין אַזאַ נעפּלדיק געוויין פון וועלכן ער קען נישט אַרויסגיין ווייטער. אַרום אים האָט זיך אָפּגעשלאָסן אַ דיקע וואַנט פון שווייגעניש און ער קען קיין טריט ווייטער נישט גיין. וואָס האָט ער געטון? דוכט זיך אַז גאָרנישט — נאָר ער קען עס שוין איצט נישט וויסן, נישט קלאָר מאַכן. דאָס קען מען נאָר זען, ווען מען עפנט ביי אַלעמען איצט די הערצער — ווען ער אַליין זעט איצט די שלוכצנדיקע אירע־נאַ... און אַזוי — ווייסט ער גאָרנישט...

נאָר איין האַנט האָט אים דאָך נאָענט אָנגערירט. טאַקע זי, פּרע־דזשאַ. זי האָט אים אָנגענומען ווי אַ קינד און אַרויסגעפירט, אַדורכגע־שלעפּט דורך דעם עולם וואָס האָט זיך געדרענגט ביי דער טיר, אָן אַ וואָרט. קיינער האָט אים מער נישט פאַרהאַלטן און דערפאַר האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ערשט ביי די ביימער פון די באַראַקן. זי האָט אים געדריקט די האַנט און ער האָט אפילו נישט געקענט קלערן, אויב דאָס איז אויף דער וואָר אָדער נישט. דערפאַר האָט ער זיך אויך נישט ווידערגעשטעלט, כאָטש ער האָט עס זייער געוואָלט, פּונקט ווי ער האָט איצט סתם גע־וואָלט זייער בייז זיין, בייז און טרויעריק. נאָר זי האָט אים ווייניק גע־האַט צו זאָגן, בלויז עטלעכע ווערטער:

— איר ווייסט? כ'בין היינט אַליין דערשטיקט געוואָרן... איך בין דאָך אויך געווען אַ מאַמע...

פון דער נאָענטער ווייט זענען פּאָליציאַנטן געגאַנגען און זיך גע־טומלט. מיט אַ שפּיץ פון זיינס אַ חוש האָט מעכעלע אויפגענומען אַז דאָס רעדט מען וועגן אים. איינער דאָרט האָט בייז אַ זאָג געטון:

— אַז שולדיק אין אַלץ זענען אונדזערע אינטעליגענטן דאָ... ביי מיר וואָלט אַזאַ יאַטל געטאַנצט אויפן שטריקל; אָדער דו ליגסט איינ־געלייגט ביי דיין מיסט — אָדער היידאַ! מאַרש צום פייער אונטערן שטרויענעם וועגטל! וואָס איז זיך דאָ צו שפּילן?

אָבער אויך דאָס האָט אויף מעכעלען גאָרנישט געווירקט, אַזוי־ווי ער וואָלט אין יענער נאַכט געווען אָפּגעשטאָרבן מיט אַלע חושים.

— 3 —

עס איז געווען קלאָר אַז די נאַכט וועט מעכעלען גלאַט נישט אָפּ־גיין. עטלעכע פרייַנט האָבן אים דערציילט בסוד אַז מען וויל זיך אין אים נוקם זיין דערפאַר. ווער? נישט פון אירענאַס זייט. זי האָט דאַן אָפּגע־חלשט אירס און צוריק געבליבן שטיל און פאַרהילט אין זיך. שליאָמקע איז ווידער געשטאַנען ביי איר זייט און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. דערפאַר האָט זיך אָבער געקאָכט דער וויצע־קאָמענדאַנט פון דער פּאָלי־ציי, פעלדמאַן:

— אַז מען דאַרף אַזעלכן אָנלערנען פאַר אַלע צייטן!... אַז ווערק צע האָט שוין אויפגעהערט ווערק צע צו זיין און פאַר פּאָליציאַנטן קען אפילו אַזאַ ראָצערל פאַרלירן דעם גאַנצן דרך־ארץ!...

נאָר נישט זיין געשריי און נישט דער טומל פון אַנדערע האָבן דער־פירט דערצו, אַז מען זאָל מעכעלען עפּעס טון אָפּענערהייט. עס זענען שוין געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט, אָפּ־געבעטן... מעכעלע האָט זיך דערצו ווייניק צוגעהערט. גראָד דאַן איז צו אים צוגעקומען אַן עלטערע פּיקרין־פרוי און אים אָוועקגערופן אין אַ זייט:

— מען רעדט פון אייך אַזויפיל... האָב איך זיך דערוווסט דערביי אייער פאַמיליען־נאָמען. אויב אַזוי האָב איך פאַר אייך אַ גרוס... פון אייער שוועסטער!

ווען מעכעלע זאָל קענען מאַכן אַ געוואַלד איבער דער גאַנצער וועלט — וואָלט ער עס געטון... פון זיין שוועסטער? ווי אַזוי? די פרוי האָט געפינטלט פאַרלוירן מיט די אויגן. זי האָט זיך מיט עפּעס געשעמט: מעכעלע געדענקט אַ געוויסע פאַמיליע אין וואַרשע? דערמאָנט ער זיך אפשר, אַז אין געטאָ האָט זיין שוועסטער דערצויגן דאָס זינדעלע פון יענער פאַמיליע? אַלזאָ, דער פאָטער פון קינד איז געווען אַ ברודער פון דער דערציילערין. דעם פאָטער האָט מען אָוועקגענומען קיין פּאָניאַטאָוו — און מעכעלעס שוועסטער איז געבליבן אַליין מיטן קינד. ביי וועמען

האָט זי עס געקענט לאָזן? איז זי אַזוי געווען דערמיט — ביז מען האָט זיי געברענגט קיין מיידאַנעק...

די פרוי, וואָס דערציילט עס מעכעלען, ווייסט אויך: זיין בלאָנדע, געטרייע שוועסטער איז געשטאַנען נעבן איר און נישט געוואָלט אויסגעבן זיך אַלס מיידל, וואָס האַלט נאָר ביי דער האַנט אַ פרעמד, צען־יעריק יינגעלע... וויפל איז זי אַליין דען אַלט געווען? אָבער פאַרלאָזן עס ביים טויער פון לעבן און טויט האָט זי נישט געקענט... און געלאָזט האָט זי זיך צונעמען אין יענער זייט ווו עס ווערן אָפּגעטיילט פרויען מיט קינדער ביי דער זייט...

אַן אוממעכטיק געשריי האָט זיך געריסן פון מעכעלעס מויל... ער האָט פּלוצים געוואָלט זידלען די פרוי, פרעגן זי פאַרוואָס האָט זי דאָס קינד נישט גענומען... עס איז דאָך איר ברודערס געווען! פאַרוואָס האָט זי געלאָזט זיין יונגע שוועסטער גיין פאַר אַ קרבן? פאַרוואָס...

אָבער דעם שטראָם פראַגן האָט די פרוי אים נישט געלאָזט ארויסברענגען פון זיך. זי האָט אים איבערגעוואָרפן מיט ווייטערדיקע רייד און מעכעלע איז איצט געוואָרן איין שטיק אויער, געוואָלט הערן ביז אַ פינטל וועגן זיין שוועסטער. די פרוי האָט נישט געלאָזט וואַרטן:

— איך האָב געהערט אַז זי האָט נאָך שפּעטער געלעבט, געווען צוזאַמען מיטן יינגל אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג... זי האָט זיך נאָך געקענט ראַטעווען — אָבער די וואָס זענען מיט איר געווען, ווייסן פאַרוואָס זי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס יינגל. זי האָט געוווסט, אַז זי האָט מער נישט קיינעם פון איר פאַמיליע און דאָס יינגעלע איז געווען דאָס איינציקע נאָענטע וועזן צו איר... אוי, ווען זי זאָל געווען וויסן אַז זי האָט נאָך אַ ברודער... און אַז ער געפינט זיך טאַקע אין מיידאַנעק צוזאַמען מיט איר... דאַן וואָלט זי זיכער געווען געהאַט אין זיך כּוחות צו קעמפן פאַרן לעבן...

ווו זי איז איצט? די פרוי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ... זי ווייסט נישט. איר קוק האָט אָבער געזאָגט: וואָס מאַכט ער זיך נאַריש? וואָס פרעגט ער נאָך? און מעכעלע האָט זיך מער נישט געבייזערט אויף איר, דערפאַר וואָס זי האָט געלאָזט אומקומען זיין שוועסטער צוליב אירס אַ משפּחה־קינד, פאַר וועלכן זי האָט זיך אוודאי פרעמד געמאַכט און לעבן געבליבן, דאָס איז געווען די איבערברענגערין פון לעצטן גרוס וועגן

גורל פון זײַן שוועסטער, וועמענס שפּורן ער האָט ביז איצט דאָ אַרומגעזוכט... איז זי אים גאָר נאָענט געוואָרן, אויפגעוועקט אין אים נײַע טרויערן און בענקשאַפטן. ער האָט איר אפילו אויסגעליען אַ טייל פון זײַן פאַרמעגן, זי זאָל האָבן מיט וואָס צו האַנדלען און פאַרדינען.

דער פאַרשפּעטיקטער גרוס האָט אים אָפּגעצויגן פון דער בייזער שׂנאה, וואָס ער האָט איצט געזען פון די פּאָליציייִשע קרייזן. זײַן פרײַנט וואַרטמאַן האָט אים אפילו דערציילט עטלעכע מאָל, ווי אַזוי די קאָמענדאַנטין פעלא האָט אַרויסגערוקט פלענער מעכעלען צו פאַרשיקן אין אַ שווערער פאַבריקס־אָפּטיילונג. ער האָט אייניקע מאָל אָפּגעבעטן, אויסגעפּועלט — ער ווייסט אָבער נישט ווי לאַנג ער וועט עס נאָך קענען. זי איז פאַרביסן, אויפגעהעצט...

דער פאַרחלומטער מעכעלע האָט אפילו לעצטנס זיך אויפגעהערט צו היטן מיט זײַן שרײַבן. אין דער צײַט ווען אין זײַן באַראַק זענען געזעסן ווײַניק מענטשן, אין די פאַרנאַכטן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש און מיט אַ פעדער וואָס ער האָט געגנעצט אין אַ כעמישער בלײַשטיפט האָט ער געהאַלטן אין אײַן שרײַבן. האָט טאַקע איינמאָל פּאַסירט:

אין אַ פאַרנאַכט, ווען קאַנטשער מיט מיטעקן זענען געזעסן אין אַ בעט־ווינקל און געשפּילט אין קאָרטן האָט זיך געעפנט די טיר און די קאָמענדאַנטין, פעלא האָט זיך דאָרט אַרײַנגעשלײַכט. זי האָט געוואָלט צוגיין צו אירע פרײַנט און פלוצים באַמערקט ווי בײַם עק טיש זיצט דאָרט מעכעלע אָנגעבויגן איבער אַ דיקן העפט. ער האָט אפילו נישט געשפּירט ווי זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און אַריבערגעבויגן זיך איבער די מיקראָסקאָפּיש־פאַרשריבענע זײַטלעך. ווען מעכעלע האָט עמעצן דערשפּירט — האָט ער זיך אַ ריס געטון פון אָרט. עס איז אָבער שוין שפּעט געווען. פעלאַס אויגן האָבן געשאָסן מיט פײַער:

— אַזוי... פוילעצן קענסטו... שוין לאַנג געזאָגט דאָס! אָבער אָט־דאָס וואָס דו טוסט איז נאָך געפערלעך דערצו... וואָס שרײַבסטו דען אײַגנטלעך?

מעכעלע האָט געשוויגן, בלאַס געוואָרן. פעלא האָט זיך אַ ריס געטון, געשלעפּט צו זיך דעם דיקן העפט און געקוקט אין די ייִדישע אותיות מיט פאַרצווייפלונג:

— גאָט מיינער! ער קען דאָך אונדז אַלע אומגליקלעך מאַכן! איך קען דאָס שריפט נישט לעזן און ווייס נישט וואָס ער גרייט דאָ צו פאַר אונדז. קען זיין אַז דאָס איז אַזוינס — פאַר וועלכן די דייטשן וועלן אונדז אַלעמען אויסקנאַלן... דער יונג איז אונדזער אומגליק!

שניטבוים מיט קאַנטשערן האָבן איבערגעריסן דאָס שפּיל. זיי האָבן פּלוצים באַמערקט אין וועלכער לאַגע מעכעלע געפינט זיך און זיי האָבן אים געוואָלט איילן צו הילף. מיעטעק האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען ענטפערן פאַרן שווייגנדיקן מעכעלע:

— פּאַני פעלא... מאַכט נישט קיין טראַגעדיע דערפון! דער פּאַן מעכעלע איז אַ היסטאָריקער און ער וויל אַז עס זאָל פון אונדז בלייבן עפּעס פאַר דער געשיכטע, אפילו דאַן ווען מיר וועלן שוין נישט לעבן... עס איז אַ גוטע זאַך וואָס ער טוט... ער וויל אויך דיך נישט לאָזן פאַרגעסן...

זיינע רייד האָבן זי אָבער נאָך מער אויפגערייצט און איבערגעשראָקן:

— ער באַשרייבט אונדז? מ י ך ? דער טייוול דאַרף עס האָבן! צו פּיקרין וועט ער ביי מיר גיין דערפאַר! צו די אוקראַאינער! איך דאַרף עס נישט! לאַנג וועט ער שוין אַזעלכע נאַרישקייטן נישט טון... זאָל ער זיכער זיין דערין! אַזאַ אַנשיקעניש...

זי האָט אַ כאַפּ געטון מיט צאָרן דעם העפט און אַ קוויטש געטון אויף מעכעלען:

— וווּ האָסטו די רעשט שריפטן דיינע?

מעכעלע האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— מער האָב איך נישט.

פעלאַ האָט זיך פאַרצווייפלט אומגעקוקט, אַזויווי זי וואָלט דאָ געשפּירט אַן אומגעזעענעם שונא אין באַראַק־צימער, וואָס לויערט אויף איר לעבן. זי וואָלט אים געקענט אויסזוכן און אומשעדלעך מאַכן — נאָר זי האָט עפּעס גאָר שטאַרק מורא אים צו דערזען פון דער נאָענט. דערביי איז מעכעלע געשטאַנען און איר געקוקט אַזוי דרייסט אין די אויגן, מיט אַזאַ בייזער פאַראַכטונג — אַז זי האָט געמוזט אָוועקדרייען דעם קאָפּ. זי האָט דערפאַר פאַרשטעקט דעם אָנגעשריבענעם העפט אין איינגעשטייפטן בוזים און זיך געלאָזט צו דער טיר:

— דאָס אַלץ וועט באַלד פּלאַקערן ביי מיר... אַש וועט דערפון ווערן!

איר קול איז געווען אַזוי טריאומפירנדיק, אַזוי נקמהדיק — אַזויווי זי וואָלט דאָ געכאַפּט און באַזיגט איר געפערלעכסטן פיינט. ביי איר צו־קלאַפּן די טיר זענען אַלע שטיל געבליבן. שניטבוים האָט זיך געפילט שולדיק: ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט און נישט גוזאָגט וואָס מען דאַרף. זי האָט זיך דערשראָקן, טאָמער שרייבט וועגן איר מעכעלע דאָס וואָס ער האָט דאָ געזען... איצט וועט זי רופן אירס אַ מענטש און יענער וועט פאַר איר איבערלייענען אַזעלכע קאַפּיטלען — צוליב וועלכע זי קען גאָר מעכעלען אויסליפערן צום טויט. מיט איר קען מען זיך נישט שפּילן! ער איז געווען בלאַס און אויפגערעגט. פון גרויס שרעק, אַז ע ר האָט דאָס מעכעלען אַריינגעפירט אין אומגליק אַריין, האָט ער גענומען שלעפּן קאַנטשערן:

— סטאַשיו... דיך האָט זי נאָך היינט גערן... האָסט געזען ווי אַזוי זי קוקט אויף דיר? טאָ לאָמיר גיין צו איר... לאָמיר אָפּנעמען! דו קענסט מאַכן אַז זי זאָל פאַרגעסן... ריר זיך! כ'בעט דיך, סטאַשעק...

קאַנטשערן האָבן מיעטעקס רייד אַ נעם געטון. ער האָט דערזען מעכעלעס בייזע בלייכקייט און ער האָט זיך געוואָלט פאַר אים אויס־פּיינען:

— ציטערט נישט אַזוי, טייערער! זאָל זי ווילדעווען די משוגענע. זי קריגט נאָך היינט פאַר מיר די נכפה. אָט גייען מיר — און זי וועט אייך אַליין אַרייַנברענגען צוריק. אָט וועט איר באַלד זען...

זיי האָבן נישט באַוויזן צוצוגיין ביז צו דער טיר ווען די באַראַק־קלאַמקע האָט זיך אַ ריס געטון און אַ ווילד געלעכטער האָט זיך גע־שטופּט פאַראויס, זייביידן פאַרשטעלט דעם וועג... פעלא איז אַריינגע־פאַלן צעשויבערט, מיט צעוואָרפענע האָר און זיך גענומען דרייען אין אַ ווילד־פרייליכן קאַראַהאָד אויף אירע הויכע קנאַפּל:

— אוי געוואַלד, גאָט מיינער... זיי גייען! די אינטעליגענטע אי־דיאָטן גייען טאַקע און דאָס חסידל וואָס פירט מיסט שיקט זיי... מיע־טשיסלאַוו... סטאַניסלאַוו... אינטעליגענטע לייט, צאַלויען ראָנטשקי... קאַוואַלערן, אוניווערזיטעט־דיפּלאָמען — און זיי גייען... דעם חסידס קאַ־באַלאַ־שרייבעכץ איז זיי אַ שאָד... אידיאָטן גרויסע, אידיאָטן!!!...

זי האָט אַזוי הויך געלאַכט, אַז ביידע זענען נעבן איר שטיין גע־

בליבן מיט דערשראָקן־אָפּענע מיילער. קאַנטשער האָט זי אפילו אָנגע־כאַפּט מיט געמאַכטער צערטלעכקייט ביים אָרעם:

— וואָס איז געשען? פּעלאַ! פּעליושאַ...

זי האָט זיך אָבער פלוצים אַליין אָפּגעשטעלט אין מיטן פון אירע לאַך־ספּאַזמען מיט איבערגעשראָקענער אַליין־דיסציפּלין. קאַנטשערס אינטי־מע וועגדונג האָט אַ ריר געטון אין איר עטלעכע סודות פון איר פּרויען־זייט, וואָס פרעמדע באַראַק־וועגט טאָרן נישט צוזען. דאָס טאָר זי נישט לאָזן. האָט זי אין איין סעקונדע צוריק באַקומען איר קאַנטיקע שטרענג־קייט, אַזיווי אַ געהיימע האַנט וואָלט דאָ פּלוצים פון אירס אַ ריפּ אויס־געהאַקט אַ צווייטע — די שטענדיקע קאָמענדאַנטין מיט די שלאַנגיק־דינע ליפּן:

— וואָס זאָל האָבן געשען? נאַר איינער! איך האָב נאָר געזען וואָס פאַר אַן אַריסטאָקראַטיע איר זענט אַמאָל געווען... אַ זשידאָווסקע גוואַר־דיע אַזיווי אַלע!

זי האָט דערביי אויסגעשטרעקט די האַנט און מעכעלען צוריק דער־לאַנגט דעם העפט מיט אַן אומגעוויינלעכער רואיקייט:

— איך אַליין קען עס נישט פאַרברענען... כ׳ווייס נישט וואָס דאָרט איז דאָ און דערפאַר וועל איך דערנאָך שטענדיק מיינען אַז כ׳האָב פאַר־ניכטעט ווער ווייסט וואָס אַזעלכעס... גיב איך דיר עס צוריק — און טו עס דו! נאָך היינט זאָל עס מער נישט עקזיסטירן! געדענק, אַז עס וועט זיין ווי צו דיר אויב דער העפט וועט נאָך זיין ביי דיר אין אַ פּאָר טעג אַרום. זאָגסטו מיר צו?

מעכעלע האָט נישט געענטפערט... זי האָט אויך אויף קיין ענטפער נישט געוואַרט. אַ פלוצימדיקע פרייד האָט זי ווידער אַ פּאַק געטון. קען זיין אַז דאָס האָט זי הנאה געהאַט, וואָס זי האָט געקענט ביי זיך פועלן אויף אַזאַ אופן פּטור צו ווערן פון אַזאַ געפערלעכן פּאַק געשריבענע בלע־טער; וואָס זי האָט כח געהאַט זיי אָפּצוגעבן... אין איר געענדערטן אויס־זען האָבן זיך אָבער נאָך אַלץ געקלאַמערט פאַרביטערט־גרימאַסיקע קינסטלעכקייט. אַזיווי זי וואָלט דאָ געוואָלט פאַרדעקן עפּעס אַ פרישע זאַך — האָט זי אומדערוואַרט־שנעל אַ כאַפּ געטון די צוויי דאַנעבן־שטייענדיקע קאַוואַלירן און ווי אַ וויכער זיי אַ צי געגעבן נאָך זיך אין דרויסן אַרויס...

— 4 —

אין ווערק צע האָט זיך באַוויזן אַ קליין, פּלינק מענטשל מיט פּאַרזשמורעטע, שוואַרצע אייגעלעך. קיינער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי ער פאַלט דאָ אַראָפּ, אָבער ער האָט זיך באַלד היימיש געמאַכט און מיט האַק און פּאַק זיך אַריינגעטראָגן אינעם אַריסטאָקראַטישן באַראַק, ווו מעכלע איז געווען. ער האָט נישט געוואַרט ביז מען וועט אים נעמען פרעגן שאַלות, נאָר באַלד ביים אַריבערטרעטן די שוועל האָט ער גענומען אַרויסשיטן פון זיך דעם גאַנצן פּזמון:

— זיי האָבן מיך געוואָלט שיסן, האָבן זיי מיך... גרויסע נסים האָב איך געהאַט — און טאַקע פּראָטעקציע אויך... האָט מען מיר אַריינדערלאַנגט אַביסל מכות און פאַרשיקט אויף ווערק צע — און אָט בין איך דאָ...

אין ווערק צע איז נישט געווען קיין נייעס דאָס ברענגען אַהין מענטשן פון ווערק אַ׳ אָדער בע. עס איז גענוג געווען אַז עמעץ זאָל דאָרט טון אַ שווער פאַרברעכן און זיך אַרויסדרייען פון טויט־שטראָף, צוליב ברייטע פלייצעס — אַז מען זאָל אַזעלכן געבן אַ צווייטע האַרבע שטראָף: ווערק צע... די עטלעכע צענדליק „פאַרשיקטע“ וואָס האָבן זיך דאָ געפינען פון פריער — זענען אָבער געקומען מיט זויערע פּנימער, צעשלאָגן און פול מיט וווּנדן. דערביי איז געקומען אַ שטרענגער באַפעל זיי זאָלן גיין צום טראָטיל אָדער צו פּיקרין... ד ע ר אָבער איז געקומען מיט אַ הערלעכן אָנצוג אויף זיך, מיט געפּוצטע שטיוועלעך און אַ גלאַטיק־פול פּנימל... און דערצו — גלייך אין בעסטן באַראַק אַריין.

ער האָט אָבער באַוויזן מיטן ערשטן אָוונט אַלעמען אַריינצוציען אין אַ שמועס, געשאָלטן די דייטשן און באַוויזן גבורות אינעם שפּילן דערדל און זעקס און זעכציק. דער גראָבער אַבראַם האָט זיך אין אים פאַרליבט באַלד אין ערשטן אויגנבליק, נאָך אים זענען מיטגעצויגן געוואָרן אַנדערע... און איידער־וואָס און־ווען האָט דאָס בייע שדל שוין געהאַט אַלערליי סודות מיט אַלעמען באַזונדער. ווייזט זיך אַרויס, לויט זיינע רייד, אַז ער איז א מאדים פון אַ סוחר און געשטאַנען איז ער אין קאָנטאַקט מיט צענדליקער שטעט — זייענדיק אין לאַגער... ביז ער איז אַדורכגעפאַלן!

זיין מאַלן צופיל מיטן מויל און די גלאַטיקע דערציילונגען זיינע האָבן אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי ביי אַלע נידערגעשלאָגענע, וואָס פאַלן אַריין די ערשטע טעג אין דער משוגענער לופט פון ווערק צע. מעכעלע האָט זיך אָפּגעהאַלטן צו רעדן מיט דעם נייעם פאַרשוין, אָבער דער נייער, משהלע, איז צוגעקומען צו אים — אַזויווי ער וואָלט אים שוין געקענט מכמה יאָרן און אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע:

— נישטאָ וואָס אַריינצוקלערן, ברודערקע... באַלד וועלן „זיי" איינ־נעמען אַ שוואַרצן סוף און דו וועסט צוריק קענען שרייבן וואָס דו וועסט וועלן און ווו דו וועסט וועלן... קלאַפּ אַריין אַ לאַפּע און זאָל מען פון דיר זען אַ שמייכל! אַז וועסט זיך חברן מיט מיר וועסטו נישט באַדויערן. איך בין אַן אייגענער. מ׳זאָל גאָר נישט דאַרפן, ווי איך קען העלפן אין פאַרשידענע פאַלן...

זיין אַרט רעדן און די איבערגעטריבענע היימישקייט איז מעכעלען איבל געוואָרן און ער האָט זיך פון אים אָפּגערוקט, אויסגעמיטן... עפּעס האָט אים דאָס האַרץ געכומען נאָגן: ווי אַזוי ווייסט שוין דאָס פלינקע בחורל, אַז מעכעלע שרייבט דאָ? אַזוי גלאַט איז עס נישט... און פאַר־וואָס האָט פעלאַ אים דווקא אַריינגעזעצט אין דעם באַראַק, וווהין עס רייסן זיך אַזויפיל לאַגער־מיוחסים און קיין פלאַץ פאַר זיי איז נישטאָ? מאָדנע, אַ יונג קומט אַהער אַלס באַשטראָפטער — און דער גראָבער אַב־ראַם מאַכט אים באַלד אַ פלאַץ נעבן זיך... און פעלאַ לאָזט אים ווערן איינגייער צו זיך אין שטוב! אַלע זענען באַלד מיט אים אַזוי היימיש, דערצו זעט מען נישט, אַז מען זאָל אים שיקן צו אַ וועלכער ס׳איז אַר־בעט! ער וויל אפילו קיין פאָליציאַנט נישט ווערן... ער דאַרף עס נישט!

ערשט נאָך אַ וואָך צייט זענען געקומען די ערשטע ידיעות פון ווערק א׳... פאַרזיכטיק זאָל מען זיין! ביז איצט האָט מען אין ווערק צע מער געשלאָגן און שאַנטאַזשירט ווי אין אַנדערע ערטער; די פאָליציי האָט באַ־וויזן רציחה און בייזוויליקייט — איין זאַך האָט אָבער אויסגעפעלט: מוסרים. אין ווערק א׳ ווו עס זענען געווען עטלעכע סטאַבילע צוטראָגער — האָט מען דערפאַר באַשלאָסן בייהילפיק צו זיין דער לייטונג פון ווערק צע און זיי אויסבאָרגן אויף אַ קורציקן אופן עטלעכע יידישע מוסרים... שוין מיט אַ צייט צוריק האָט מען זיך געכאַפּט אויף איינעם, אַ „פאַר־שיקטן", אַז ער איז געקומען אין ווערק צע צוליב אַנדערע צוועקן — און

מען האָט זיך פאַר אים געהיטן פון דער ערשטער מינוט אָן. עס איז דערפאַר נישט געווען קיין עצה ווי אַריינצושיקן דעם נייעם חברה־מאַן.

ביז מען האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם האָט שוין משהלע שטאַרק געהאַט אַ גאַנצע ריי אינפאָרמאַציעס און ידיעות וועגן אַ סך זאַכן, וואָס געשעען אין לאַגער. ער האָט שוין אויך באַוויזן אויפצוזאַמלען געניוע באַ־ווייזן וועגן אַ סך מענטשן און זיי האַלטן פעסט אין האַנט. אויך ביי פּע־לאַן האָט ער באַוויזן אַרויסצוציען די נייעס, וואָס איר האָט געלוינט פאַר אים צו אַנטדעקן און ער האָט דערפון געמאַכט אַ סחורה פאַר זיין געברויך.

אַ ציטער האָט אַרומגעכאַפּט די איינוואוינער פון מעכעלעס באַראַק, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם. ס׳איז אָבער שוין צו שפּעט גע־ווען. דער פלינקער משהלע האָט שוין נישט איינעם אַריינגעפּלאָכטן אין אַ קרום עסקל אַריין. דאָס איילעוודיקע מסורל האָט איצט זיך מער נישט געדאַרפט שטויסן, נישטערן און געלאַכט אפילו, וואָס מען נעמט אים טיילווייז אויסמיידן. ער האָט איצט גאָר געהאַט צופיל מאַטעריאַל און געדאַרפט ביי זיך סאָרטירן וו ע מ ע ן ער זאָל שיקן אויפן ערשטן פייער. ער האָט זיך אפילו געקענט צוריק אומקערן אין זיין פריערדיק אָרט, אין ווערק א׳ אַריין.

און צעשיידט האָט ער זיך אויך שנעל, איילעוודיק — ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עמעץ זאָל אים דאָ נישט אַמאָל צוריקהאַלטן. ער איז אַריין פלינק אין באראק, אַ כאַפּ געטון זיין פּעקעלע אָן אַ גוטן טאָג. דאָס האָט ער געשפּילט דעם באַליידיקטן. דערנאָך איז ער אַוועק צו דער קאָ־מענדאַנטין, זיך געזעגנט און איבערגעגעבן זיך אין די הענט פון אַ ווערק־שוץ וואָס האָט אויף אים געוואַרט.

אַלע האָבן געמיינט אַז דערמיט איז מען פון אים פּטור געוואָרן. די ערשטע נאַכט, וואָס ער איז נישט געווען אין באַראַק, האָט מען זיך דאָרט געפרייט; געפּראַוועט אַ שמחה... אָבער משהלע האָט באַוויזן אַז ער געדענקט אין ווערק צע... דאָס האָט ער אָבער פאַרשטאַנען צו באַהאַלטן אַ שטיקל צייט, ביז וואַנעט מען ווען אין אים פאַרגעסן און מען וועט מיינען אַז אויך ער האָט פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז געקומען. איין גאָט נאָר ווייסט ווי אַזוי אין ווערק צע האָט מען געוווּסט בסוד, אַז ער

שיקט איבער בריוולעך צו פעלאַן און אַז זיי מאַכן פאַרשידענע געשעפטן צוזאַמען.

קאַפּיטל פיראונצוואַנציק

— 1 —

אַז ווערק צע האָט געהאַט עטלעכע רואיקע וואָכן — האָט דער לאַגער געמוזט פאַרגעסן אין די שווערע טעג. דאָס וואָס דער טיפוס האָט צוגענומען אַזויפיל הונדערטער מענטשן האָט מען באַטראַכט ווי אַ ריין־נאַטירלעכע דערשיינונג. דערפאַר איז דער לאַגער אַזוי אויפגעציטערט געוואָרן, ווען די וועכטער זענען אַריין אין די האַלעס און מיט איין מאָל אַרעסטירט עטלעכע יידן. קיינער האָט נישט געוווסט געגוי פאַרוואָס דאָס איז געשען, אָבער פון אונטער דער ערד האָט מען געהערט אַ קלאַנג אַז עס גרייט זיך אַ שרעקלעכע רעוויזיע אין לאַגער. מען זוכט עפּעס געפערלעכע זאַכן און ביי וועמען מען וועט געפינען דאָס מינדסטע — וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן.

נישט געווען קיין באַראַק אין ווערק צע, וואָס זאָל נישט האָבן ביי זיך קיין געפערלעכע מאַטעריאַלן. דער גאַנצער לאַגער איז געווען פאַרזונקען אין האַנדל. אונטער יעדן בעט זענען געלעגן שמאָלע שטיקלעך לעדער, וואָס זענען אָפּגעשניטן געווען פון אַמוניציע־קעסטלעך. עס האָבן זיך אויך געפונען גומענע קישקעס, מעשענע שליסלען, אַלומיניום־רערן... וואָס פאַר אַ שחיטה קען דאָ ווערן?

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג זענען די מענטשן אין לאַגער אַרומגעלאָפן ווי די משוגעים... די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ שטילע פאָר־רעוויזיע און אַלעמאָל האָט מען געהערט קולות און געשרייען פון געשלאָגענע. דאָס איז אפשר געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ווערק צע האָט געגעבן געדערכט די שלעגער. ווייזנבערג מיט זיינס אַ סוויטע האָט געוואַנדערט פון באַראַק צו באַראַק און אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן געפערלעכע פאַבריקס־זאַכן... אין דער צווייטער זייט לאַגער האָט מען געזען ווי מענטשן שטויסן זיך צום קלאָזעט, אָנגעפאַקטע און דיק־בייכיקע, הגם מיט אַ פאָר מינוט צו־

ריק זענען זיי געווען דאַר ווי די שטעקנס... דאָס האָט מען זיך געאײַלט אַראָפּצולאָזן אין די טיפענישן פון דער צואה פאַרשידענע, אומבאַקוועמע סודות. עס זענען דאָרט אַראָפּגעפאַלן שיסלען און בעקנס, שטיוול און גומענע רערן — אַז עס איז געווען אַ סכנה זיי זאָלן נישט אַרויסשטאַרצן ביז אין דער הויך...

אַנדערע האָבן געבויערט שטילע לעכער אונטער די באַראַק־פּונ־דאַמענטן און דאָרט אַהין אַרײַנגעגראָבן וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. שרעקעוודיקע האָבן אפילו בסוד דאָרט אײַנגעגראָבן זייער ביסל געלט און גאָלד, וואָס זיי האָבן באַוויזן אָנצוזאַמלען. אין מיטן דעם דאָזיקן פּי־בער האָט מען געזען ווי עטלעכע וואכמענער מאַרשירן דורכן טויער און פירן מיט זיך פיר צעשלאָגענע. דאָס האָט מען געבורענגט אַרעסטירטע יידן און זיי אײַנגעשלאָסן אין דער תפיסה. בליצשנעל האָט מען געוווסט, אַז עס איז געווען אַ גרויסע פּראָוואָקאַציע; אַז די דייטשן ווייסן שוין וויפל צוגן מען האָט געפּאלמעסט און ביי זיי אָפּגעשניטן די גומענע קיש־קעס... זיי ווייסן שוין אויך דעם סוד פאַרוואָס אַלע קעסטלעך מיט קוילן קומען צוריק אָן זייערע לעדערנע הענטלעך.

עס איז זיי אויך פאַרענטפערט געוואָרן פון וואַנעט יידן האָבן נאָך כח אויסצוהאַלטן... די קעסט וואָס מען גיט זיי — קען באַין אופן נישט סטייען אויף לעבן אַ לענגערע צייט — טאָ פון ווו האָבן נאָך טייל פון זיי אַזעלכע מענטשלעכע פּנימער? איצט ווייסן זיי: דער קאָנטאַקט מיטן דרויסן!

אינעם צווייטן צימער פון מעכעלעס באַראַק האָבן זיך געפונען די עלטערע ווערקצעניקעס. זיי האָבן דאָרט געהאַט זייער לאָך, ווו עס זענען אָנגעשטאָפּט געוואָרן פאַרשידענע סחורות. איינער פון די פאָראַרבעטער ביי די קעסטלעך, אַ קיעלצער געזונטער בחור, האָט זיך טאַקע פאַרנומען מיטן צוהיטן די זאַמלונגען פון די לעדערלעך. אַ פעסטער בחור מיט אַ שטענדיק־לאַכנדיק, גוט פּנים — האָט ער באַוויזן צו געווינען עטלעכע פּאָליאַקן אויף זיין זייט און זיי שיקן צו קריסטן פון פאַרשידענע שטעט, אײַנצומאָנען חובות פאַר די לאַגערניקעס... אַלע האָבן אים ליב געהאַט, דעם קיעלצער יהושיע גזשעביען מיטן אָפענעם פּנים און עס וואָלט קיי־נעם נישט אײַנגעפאַלן אַז אים קען געשען אַן עוולה פון וועמען.

ערשט שפּעטער האָט מען זיך געקענט דערמאָנען, אַז משהלע האָט

דערציילט וועגן די ווונדערלעכע קאָנטאַקטן וואָס ע ר קען האָבן... ביי זיינע איז מען אַמזיכערסטן! דערביי האָט ער אַריינגעשמעקט אין שכנותדיקן צימער און עטלעכע מאָל אַ שמועס געטון מיטן קיעלצער בחור וועגן אַ שותפות אויף דעם געביט. יענער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַז א י ם זאָל מען פאַרראַטן און ער האָט זיך איינגעלאָזט מיט משהלען, אפילו אים פאַרגעלייגט אַ מסחר, ווי אַזוי אַריבערצופירן אַביסל לעדערלעך אין ווערק א׳ — ווייל דאָרט איז עס נישט בנמצא און מען קען דערביי נישט שלעכט פאַרדינען... נ א ך א ל ע מ ע ן ווערן די ווערקצעניקעס גרויסע חכמים און זיי ווייסן דערביי אַלע סודות. און דאָס וואָס זיי ווייסן נישט — שטעלן זיי צוזאַמען פון שטיקלעך זעאונג און פון ברעקלעך הערענישן, ביז עס ווערט אַ גאַנצקייט... זיי האָבן אפילו ש פ ע ט ע ר געוווסט אַז מען האָט דעם קיעלצער בחור געוואָרנט, אים אויפמערקזאַם געמאַכט אַז ער זאָל זיך נישט אַריינלאָזן מיט אַזאַ פרעמד־לינג. אָבער ער האָט זיך אויסגעלאַכט...

די אַלע שפעטערדיקע רייד האָבן אָבער סייווי נישט געקענט אַנ־דערש מאַכן. מען האָט זיך דערוווסט, אַז גזשעביען איז צווישן די אַרעס־טירטע. מען זאָל אים האָבן שרעקלעך געפייניקט — ביז ער האָט אויס־געגעבן אַ סך ווערק־צעניקעס. מען וועט זיי אַלע אַרעסטירן לויט דער ריי. דערווייל האָט מען שוין פאַרהאַלטן נאָך דריי. אויך אין ווערק א׳ האָט מען אַרעסטירט אַ צענדליק יידן.

אין געציילטע מינוטן האָט ווערק צע פאַרלוירן די גאַנצע זיכער־קייט וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון וואָכן. יעדער איינער האָט פלוצים דערפילט אַז זיין לעבן ליגט טאַקע אין אַנדערע הענט. אַלע האָבן שוין געהאַט עפּעס, צוליב וועלכן מען קען זיך פילן באַדראָט — און קיינער קען נישט זיכער זיין, אויב איינער פון די אַרעסטירטע ווייסט נישט דערפון...

עס איז אפילו קיין צייט נישט געווען לאַנג זיך צו שרעקן דערפאַר, ווייל באַלד האָבן זיך צעפייפט מיט אַ גרויליקן אַלאַרם־פייף אַלע פאַלי־ציייאישע פייפלעך. דערביי האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ געיעג פון אַלע זייטן — אַז קיינער האָט אפילו נישט געקענט אַריינגיין אין באַראַק אַריין און באַהאַלטן די לעצטע געפערלעכקייטן זיינע.

— 2 —

אַלע מענטשן וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער זענען צונויפגע־טריבן געוואָרן צום הויפּט־פּלאַץ. פאַרן געפינען ווערן אין אַ באַראַק האָט געדראָט דער טויט. דורכן טויער האָט אַריינמאַרשירט אַ גאַנצע אָפּטיילונג באַוואָפנטע וואַכמענער און זיך צעשטעלט ביי אַלע אויסגאַנגס־פּונקטן פון אפּעל־פּלאַץ. נאָך זיי האָבן זיך גענומען אַריינשיטן די מחנה באַפעלער.

דער ערשטער האָט אַריינגעשפּרייזט שולצע און געשליידערט מיט זיין לאָם הענטל, אַלס צייכן פון געוואַלדיקער אויפרעגונג. ביים איבער־נעמען דעם לאַגער האָט ער געוואָלט ווייזן, אַז ביי אים וועט מען נישט געפינען קיין שרעקלעכע זאַכן. ער וועט שוין אַזוי צוהיטן אַז קיינער וועט נישט קענען באַגיין קיין פאַרברעכנס. ער איז נישט דער פריערדיקער וואַכפירער שומאַן, וואָס האָט נישט געוווסט פון רעכטס און פון לינקס — כאָטש ער איז געווען שטרענגער פאַר אים... אַזוי האָט ער זיך אור־מעטום אויסגערימט — און אָט...

דערפאַר איז אויך קיין וווּנדער נישט געווען וואָס הינטער שולצען האָט אַריינגעשפּרייזט מיט קאַלטע, געלאַסענע טריט דער פריערדיקער וואַכפירער שומאַן. זיין וועלפיש פּנים איז ווי שטענדיק געווען גרוי און אַנגעצויגן. בלויז די שפּיזיקע אויגן זיינע האָבן איצט געבליצט מיט אַזאַ פריילעכער בייזקייט, אַזויווי ער וואָלט זיך דאָ געגרייט צו אַ גאָר וואַזש־נער איבערלעבונג און לאַנג־דערוואַרטער נקמה...

די אויסגעשטעלטע רייען האָבן אָבער ערשט דערפילט דעם שוי־דער זייערן ווען זיי האָבן געזען ווי אונטער די צוויי מיליטערלייט שפּרייזט אַריין די נידעריקע פיגור מיטן ברוינעם מונדיר, פאַר וועלכן אַלע דריי ווערקן האָבן אַזוי געציטערט: דער געשטאַפּאָ־דעלעגאַט פאַר די פאַבריקס־ענינים זאַנדער... צוליב אַ קלענערער זאַך ווי אַ טויט־אורטייל — האָט ער זיך פיינט געהאַט צו ווייזן צווישן מענטשן. עס האָט זיך אים נישט געלוינט. דערפאַר אָבער האָט ער איצט געשפּרייזט מיט אַזאַ פייערלעכער צופרידנקייט — אַזויווי ער וואָלט זיך דאָ געגרייט צו צעשיסן דעם גאַנצן לאַגער...

איבער די אויסגעשטעלטע רייען איז אַדורך אַן אימהדיקער געמורמל:

— אוי, געוואַלד... זאַנדער... זאַנדער!!!

אָבער אַלע דריי האָט וויניק־וואָס געאַרט, וואָס צווישן די רייען הערשט אַזאַ פּאַנישע נייגעריקייט און וואָס יעדער פון די טויזנט שטייענדיקע איז גרייט אויפן ערגסטן, אַבי עס זאָל געשען וואָס שנעלער, וואָס שנעלער! זיי האָבן געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון דער שטרענגער רעוויזיע, וואָס די ווערקשוצן האָבן איצט אַדורכגעפירט אין יעדן באַראַק. זענען זיי געשטאַנען אַנטקעגן דער מאַסע, אַנגעלענט אין דעם קאָמענדאַנטן־באַראַק און געשמועסט. דער איינציקער וואָס האָט געהאַט אַ קרום פּנים איז געווען שולצע. ער איז איצט אַדורכגעפאַלן! פאַרוואָס האָט ער אַליין דאָס נישט אַנטדעקט? אַך, ווי ער וואָלט דאַן געווען טריאומפירט!... אַזוי אָבער שטייט שומאַן און ציט זיך צופרידן ביי דער גרויער היטלער־טשופרינע, וואָס פאַלט אים אַראָפּ אויף אַן אויג און ער טענהט עפּעס אַריין אין זאַנדערן. דער געשטאַפּאָ־האַר איז איצט גאַר שטאַרק צופרידן. אויב נישט וואָלט ער זיינע מיטשמועסער נישט מכבד געווען מיט אַזעלכע דיקע ציגאַרן... ער וואָלט זיך אוודאי נישט פונאַנדערגעלאַכט, צוזעענדיק ווי דער נישט־רויכערער שולצע שטעקט אַריין דעם ציגאַר אין מויל... נאָר ער איז צופרידן היינט... שוין אַזוי לאַנג נישט אַריינגעשמעקט אין אַט־דער יודענהייל!...

אַלעמאָל קומען אָנצולויפן אַנדערע רעוויזאָרן און מעלדן עפּעס. מען ווייסט שוין אַז זיי וועלן קיין גרעסערע זאַכן נישט געפינען. זיי לייגן אַוועק עטלעכע שטיקער גומי און לעדער. טאָמער געפינען זיי געלט און ענלעכע זאַכן — ווייסן זיי אַליין וואָס זיי האָבן צו טון דערמיט. דערפאַר אָבער קערן זיי איבער די בעטן מיט אַלע חפצים. זיי האָבן אפילו אויפגעשניטן עטלעכע פאַראַנענע קישנס — קומען זיי צו לויפן באַקומען אַ לויב פאַר זייער גרינטלעכער אַרבעט... זיי מעלדן עפּעס מכלומרשט, אָבער בעיקר ווילן זיי ווייזן די באַפעדערטע מונדירן...

זאַנדער האָט אָבער דאָ אַנדערע זאַכן צו זען. ער באַטראַכט בעסער די פּנימער פון די טויזנטער אויסגעשטעלטע יידן. ער ווייזט אין דער ריי אַריין מיט זיין רויכערדיקן ציגאַר און פאַרגייט זיך, צוליב עפּעס, אין אַן הנאהדיק געלעכטער וואָס צעשפּריצט זיך מיט גרויל ביי יעדן אין

הארץ באַזונדער. אַט איז געקומען אַנצולויפן ווייזנבערג מיט זיין געהילף, פעלדמאַן. אַט איז שוין אויך פעלא מיט איר רעכטער האַנט, ראגנער... פאַרוואָס דויערט עס נאָך? ווייזנבערג גייט צו גאָר נאָענט, בייגט זיך און ציטערט פאַר זאַנדערן. דאַנעבן שטייט פעלא און שמייכלט אַזוי אַפן אַריין אינעם געשטאַפּאָ־מאַן. ער ענטפערט אָפּ מיט אַ היימישן קניקס אין איר זייט אַריין. דאַן ווייזט ער אויפן זייגער. ער איילט זיך מסתמא. ער האָט נאָך אַ סך אַרבעט היינט און קען די גאַנצע צייט נישט פאַר־לירן אויף דעם איצטיקן עסק... ווייזנבערג וויל אים עפּעס אויפקלערן. מען הערט נאָר די ווערטער: צוויישע שיכט... צוגאָב־אַרבעט...

דאָס זאָל הייסן אַז מען קען נישט וואַרטן ביזביידע שיכטן וועלן זיך צונויפטרעפן... יענע קען מען אַמאָל אָפּהאַלטן ביז טיף אין דער נאַכט אַריין אויך — און אויב דער הער וויל נישט וואַרטן אַזוי לאַנג...

זעט אויס אַז דאָס האָט געווירקט. קען אויך זיין, אַז זאַנדערן איז נמאס געוואָרן דאָס שפּיל פון וואַרטן. דערפאַר האָט ער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און עטלעכע יידישע פּאָליציי זענען אַריין אין תפיסה־באַ־ראַקל. באַלד האָבן זיי אַרויסגעפירט די פיר אַרעסטירטע. נאָך זיי האָט איינער געפירט באַזונדער אַ יונגטשיק, שוואַרץ מיידעלע מיט גרויסע אויגן וועלכע האָבן זיך אַרומגעקוקט פאַרוואונדערט אין אַלע זייטן. ווידער איז אַ שטילינקע פּרעפּלען אַדורך איבער די רייען:

— זי אויך? וואָס איז זיין „קוזינקע" שולדיק?

ווי נאַריש מענטשן קענען זיין אין אַזעלכע מינוטן! מען שטייט צווישן דייטשן, מען שפּירט די אייגענע רעכטלאָזיקייט שוין אַזויפיל יאָרן און מען וווּנדערט זיך נאָך אַלץ... מען פאַרשטייט אַז דער געזונטער יונ־גער בחור דאַרף דאָ שטיין. אפשר דאַרף ער דאָ באַלד אומפאַלן אויף שטענדיק אויך... אָבער זיין יונגיטשקע געליבטע מיט די גרויסע אויגן? ווען האָט מען זי פאַרהאַלטן? פאַרוואָס? וואָס גייט מען טון מיט איר?

זאַנדער איילט זיך שוין אויף אַן אמת. ער גיט אַ צייכן שולצען און יענער נעמט עפּעס זאָגן. אַ גאַנצע רעדע האַלט ער, דער משוגענער, וואָס בויערט די נערוון און דאָס געמיט. ווער דאַרף דאָס וויסן? אין ווערק צע גייט ער דערציילן וועגן דער גערעכטיקייט פון דער דייטשער יוסטיץ, וועגן דעם אַז דייטשן שטראָפן נישט אומזיסט און אַז אַרבעטער ווערן

ביים נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם גוט באַהאַנדלט... נאָר קריג איז אַ האַרבער ענין. מען דאַרף דעם זיג שווער אויסראַנגלען און סאַבאָטאַזש מוז באַשטראָפט ווערן... טאַקע דערפאַר ווערן די פיר מענער פאַראורטיילט צום טויט... זאָל עס זיין אַ וואָרענונג פאַר די אַנדערע...

די פיר ייִנגלעך זענען אויסגעשטעלט געוואָרן גלייך, אין אַ ריי. זאָנדער האָט אָנגעלאָדן זיין רעוואָלווער, געהייסן אַוועקפירן דאָס מיידל עטוואָס ווייטער און ער האָט רואיק אָפּגעגעבן דעם ערשטן קנאַל. אַ גוטער צילער געווען און דערפאַר האָט ער מיט איינציקע שאָסן אַוועקגעלייגט איינעם נאָכן צווייטן. ווען ער איז געקומען צו גזשעביענען האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן אַ ווייל. ער האָט צייט געהאט צו באַמערקן ווי זיין שוואַרצע געליבטע מיט די ברענענדיקע אויגן כאַפּט אַוועק דעם בליק... ער האָט דערפאַר אַ קורצן באַפעל געטון:

— זאָל זי צוזען, די...

צוויי ווערקשוץ האָבן אָנגענומען דעם מיידלס קאָפּ און אָנגעשטעלט איר בליק צו דער זייט, ווו דער לעצטער שאָס האָט אָפּגעהילכט... אָפּגעטון זיינס — האָט ער קוים אַ בליק געטון ווי אַזוי דער לעצטער איז אומגעפאַלן. ער האָט דערלאַנגט זיין רעוואָלווער שומאַנען און אַרויסגענומען אַ טיכעלע אָפּצווישן די הענט, וואָס האָבן זיך דערשוויצט מסתמא. ווי איינער וואָס האָט אַ דערפאָלגרייכן אויפטריט, האָט ער זיך דערנענטערט צו שולצען און צו די פּאָר שטייענדיקע וואַכלייט און זיך מיט זיי באַגריסט דורך אַ האַנט־דרוק...

דער געוועזענער וואַכפירער שומאַן האָט זיך דערווייל אַוועקגעגליטשט אַביסל פון זיין גרופּע. אַלע זענען נאָך געשטאַנען פאַרשטיינערט פון צוגעזעענעם עקזעקוציע־בילד. מען האָט נישט געוווסט וואָס ווייטער צו טון; אויב מען קען זיך שוין צעלויפן אָדער מען מוז נאָך דאָ וואַרטן אויף עפּעס. זענען אַלע געשטאַנען ווי טויטע זיילן. אויך דער ייִדישער פּאָליציאַנט הינטער גזשעביענס מיידל איז געשטאַנען און געהיטן איר פאַרשטאַרטע פיגור. דער וועלפישער שומאַן איז צוגעטרעטן נעענטער צו איר, אַריינגעבויגן זיין גרויעם קאָפּ נענטער אין איר פּנים אַריין און מיט טרוקענעם באַדויער אַ זאָג געטון:

— דו האָסט אים ליב געהאַט? וואָס? און איצט ווילסטו אים מער נישט זען... פון דער נאָענט?

דאָס מיידל האָט מעכאַניש אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. שומאַן האָט זי אָנגענומען צערטלעך ביים אָרעם און זי צוגעפירט ביז האַרט צו גזשע־ביענס קערפּער. דאָס מיידל האָט ערשט איצט באַקומען גרויליקע ספּאַז־מען. טויזנטער פּאָר אויגן פון מענער און פרויען האָבן זיך צוגעקוקט: וואָס וועט ווייטער זיין? שומאַן האָט אָבער קיינעם נישט געזען איצט, אַפילו נישט זיינע אייגענע חברים. ער האָט איר אַ גלעט געטון מיט צערטלעכקייט איבער די אַראָפּהענגענדיקע, סמאָלע־שוואַרצע האָר:

— קענסט זיך אַראָפּבייגן נענטער צו אים... אים גוט אָנזען אין געזיכט...

דאָס מיידל האָט ווי היפּנאָטיזירט זיך אַראָפּגעבויגן און געמאַכט אַ באַוועגונג, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געגרייט דעם טויטן אַ קוש צו טון אין פּנים אַריין... אַלע איינגעשטעלטע רייען האָבן גענומען שטיל וויינען אין זיך. פון די מיידל־רייען האָט זיך גענומען טראָגן אַ שלוכץ...

פלוצים האָט די געשפּאַנטע שטילקייט אַדורכגעריסן אַ שאָס — —

דאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז קיינער האָט נישט געקענט זען, ווי אַזוי דאָס מיידל איז אַרויפגעפאַלן אויף גזשעביענען, צוגעדעקט זיין פּנים מיט אירע צעפלאָטערטע האָר און ווי אַזוי ביידנס ברוינלעכע בלוטן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין דער קאַלוזשע...

— 3 —

צוליב וואָס האָט עס שומאַן געטון? איז עס געווען קאַלטער, אכ־זריותדיקער סאַדיזם? אָדער האָט ער געהאַט אַזאַ באַפעל פון זאַנדערן און ער האָט איר נאָר געוואָלט לייכטער מאַכן די לעצטע מינוטן; אַז זי זאָל נישט וויסן וועגן איר לעצטן שריט צום טויט? וואָס איז דען דער אונטער־שיד? ווי נאָר מען האָט באַמערקט אַז די ווערקשוץ רוקט זיך אָפּ פון די זייטן, ביי די רייען — האָט יעדער פאַרשטאַנען אַז אַלץ איז געענ־דיקט. עמעצער פון די דרייסטע האָט געשטעלט דעם ערשטן טריט און ווען קיינער האָט אים נישט פאַרהאַלטן — האָבן אַלע גענומען לויפן אין ווילדער בהלה... עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז עמעץ שרייט אַלעמען נאָך: האַלט! אָבער אַלע האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ווייטער גע־לאָפן...

ערשט נעבן זיין באַראַק האָט מעכעלע געהערט דערציילן, אַז זאַנדער האָט זיך נאָך דער עקזעקוציע דערמאָנט אין נאָך עמעצן, וועמען ער האָט געהאַט אין זיין ביכל אויפן צעטל — און ער האָט עס בשעת מעשה פאַרגעסן... איצט האָט ער זיך דערמאָנט און ער פרעגט עפּעס זיך אויס ביי ווייזנבערגן און פעלאַן. עס איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז מען ווערט נאָך היינט נישט זיינע פּטור. מעכעלע האָט אָבער מער נישט געקענט הערן. ער האָט געזוכט וואָס שנעלער אַריינצופאַלן צו זיך, אַוועקלייגן זיך אויף די ברעטער און פון גאָרנישט טראַכטן, בלויז נאָכאַמאָל איבערדערזען אין שאָטן דאָס גאַנצע בילד...

אַ שרעקלעך אַרומלויפן פון עטלעכע פּאָליציי האָט אים אָבער נישט געלאָזט איינרוען: הא, וואָס לויפן זיי שוין ווידער? וואָס שרייען זיי? זאָל טאַקע זיין, אַז דאָ וועט נאָך היינט ווידער עפּעס פאָרקומען?

מעכעלע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָנגעשטרענגט דאָס אויער... די פיס האָבן זיך אים גענומען ברעכן פאַר שרעק. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טון — און דער האַלדז איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אימה ביז איבער די ציין. יאָ, דאָס רופט מען א י ם ! זאָנדער מוז אים נייטיק האָבן!... וואָס טוט מען? באַהאַלטן זיך אונטערן בעט? אַרונטערקריכן אונטערן באַראַק? אויסבאַהאַלטן זיך אין דרויסן, אויפהאַקן אין אָוונט די דראָטן און לויפן אין וואַלד אַריין?

טויזנט פּלענער, דערשראָקענע עצות און ווילדע איינפאַלן קומען אין מח במשך פון אָט־דער איינער סעקונדע... נאָר טון קען ער גאָרנישט, ביז אַ פּאָליציאַנט לויפט אָן האַסטיק צום פענצטער און קען נישט באַהאַלטן זיין אויפרעגונג:

— צו אַלדע טייוול! איך שריי זיך אויס דעם גאָרגל רופנדיק — און דו הערסט נישט! זאָנדער וואַרט דאָרט און יעדע מינוט וואָס דו ווייזט זיך נישט — איז ערגער פאַר דיר...

ווען מעכעלע זאָל איצט נישט זיין אַזוי אַדורכגענומען מיטן פּחד פון אומגעריכטן טויט, וואָלט ער זיכער איצט אויסגעלאַכט דעם אידיאָטישן פּאָליציאַנט:

— אויב זאָנדער רופט — וואָס קען שוין ד ע ר נ אָ ד ערגער זיין?

ער איז אָבער געלאָפן שנעלער פאַרן פּאָליציאַנט. זאָנדער איז נאָך אַלץ

געשטאַנען מיט פעלאַן און געשמועסט. ווען מעכעלע איז צוגעבערענגט געוואָרן, האָט ער נאָך אַמאָל אַרויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכל און איבער־געפרעגט זיין פאַמיליען־נאָמען. ביי אים איז מעכעלעס נאָמען געווען פאַרשריבן אַביסל אַנדערש. זעט אויס אַז דער מסור האָט נישט באַוויזן גוט אויפצוכאַפּן מעכעלעס פאַמיליע, דערפאַר האָט ער זי אויך זאַנדערן גרייזיק איבערגעגעבן. ווען זאַנדער האָט מעכעלען אַ פרעג געטון אויב ער איז עס — האָט ביי מעכעלען אויפגעבליצט דער לעצטער שטראַל האָ־פענונג:

— איך בין נישט דער, וואָס דער הער שעף מיינט... מיין נאָמען איז אַנדערש...

זאַנדער האָט נאָך אַמאָל אַ בליק געטון אויף פעלאַן... דאָס האָט ער ביי איר געוואָלט וויסן מיטן בליק וואָס דאָ קומט פאָר:

— אַלזאָ, איך פאַרלאַנג זאָפאָרט דעם ריכטיקן מאַן, אויף וועלכן מען האָט מיר אָנגעוויזן! דעם, וואָס איר האָט מיר געבערענגט הייסט אַנ־דערש... זאָפאָרט מיר אויסליפערן די קאַרטאָטעקע מיט דעם פאַרשוין וואָס שרייבט און האָט קאָנטאַקט מיט דער אויסנוועלט... זאָפאָרט!

מעכעלעס אויגן האָבן שטום געבעטן ביי פעלאַן: אַט האָט ער גע־מאַכט אַ טעות... מען האָט אים שלעכט אינפאָרמירט — פאַרוואָס זאָל זי דעם טעות זיינעם נישט אונטערהאַלטן? דאָס קען דאָך אים ראַטעווען! אָבער אין פעלאָס אויגן האָט זיך אָנגעצונדן יענץ קאַלטע פייערל — קעגן וועלכן עס העלפן נישט קיין אַפּעלן, קיין געוואַלד־געשרייען... זי האָט אפילו נישט געקענט מאַסקירן דאָס טריאומפירנדיקע גלענצל פון איר בליק:

— הער שעף... ביי אונדז ווערט אַלץ געפירט מיט דער גענויסטער פינקטלעכקייט! מיר האָבן דאָ נאָר איין מענטש מיט אַזאַ נאָמען — און אים האָבן מיר דיר געבערענגט... אין דיין נאָטיץ איז זיכער אַריינגעפאַלן אַ טעות מיט צוויי אותיות. דאָס איז אַלץ! דו זוכסט א י ם — און די זאַך איז דערליידיקט. מיר טוען אונדזער פליכט און ווייזן אים דיר אָן — דאָס ווייטערדיקע קענסטו נאָר באַשליסן...

דער שטענדיק־ברענענדיקער זאַנדער איז דאָס מאָל אויסנאַמסווייז געוואָרן פעדאַנטיש:

— גוט... איך גלויב דיר. דערפאַר וויל איך תיכף אַרויסנעמען זיין

נאָמען פון דער קאַרטאָטעקע... טאָמער איז עס דער וואָס מיר זוכן — דאַרף ער שוין מער נישט פיגורירן דאָ. איך וועל אָבער זיין קאַרטע נאָך מיטנעמען און פאַרגלייכן מיט דער ליסטע וואָס איז מיר צוגעשטעלט געוואָרן. מסתמאָ וועט זיך עס שוין גלייכן! ד י ר גלויב איך... אָבער איך וויל, אַז דעם דאָזיקן קערל זאָל מען מיר צושטעלן אין אַ האַלבער שעה אַרום צו דער וואַכשטוב... אַ ווערקשוץ וועט נאָך אים קומען...

פ אַ ר ל ו י ר ן ! עס איז קלאָר אַז מער האָט ער נישט קיין וועג, מעכעלע... קען זיין אַז דאָרט וועט שוין וואַרטן דער מסור אַליין און אים אויסדערציילן אין די אויגן אַריין יעדן חטא זיינעם — פאַר וועלכע איין קויל וועט צו ווייניק זיין...

פעלאַ האָט נאָך געוואָלט זיין אין אָרדענונג ביזן סוף:

— איז וואָס טון מיט אים אין דער האַלבער שטונדע, הער שעף? זאָלן מיר אים איינשפּערן אין בונקער, אָדער...?

זאָנדער האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— ווען זיין קאַרטע איז שוין אַרויסגעצויגן און געפינט זיך ביי מיר — טאָ וואָס איז דער אונטערשיד? אַלזאָ, איין האַלבע שעה...

פעלאַ האָט זיך דערפילט שלעכט אין מעכעלעס אָנבליק. זי איז צוגעטרעטן נענטער צו אים און מיט געמאַכטער צערטלעכקייט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל:

— נישטאָ וואָס צו מאַכן, ייִנגל... קוק נישט אַזוי... מיר דאַרפן טון אונדזערס, דאָס וואָס מיר מוזן... לייקענען האָט נישט קיין זין. און דו — זיי מוטיק צום גיין און טראָג די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס האָסט געטון... כ׳האָב דיך געוואָרנט! איצט איז עס מער נישט אין מיין האַנט.

זאָנדער האָט שוין אַוועקגעשפּרייזט אויסערן טויער און מעכעלע האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט: ער האָט נאָך אַ האַלבע שעה צו לעבן! וואָס טוט מען פריער מיט די פאָר מינוט?... ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו זיין באַראַק. דאָרט האָט ער נאָך שריפטן, נאָטיצן — דאַרף מען זיי עמעצן איבערגעבן... וועמען? דער קאָפּ פיבערט, ער קען זיך נישט דערטראַכטן צו ווע‍מען פריער צו לויפן, מיט ווע‍מען פריער זיך צו געזעגענען...

אַלץ איז דוכט זיך אַזוי פשוט... וויפל מאָל האָט מעכעלע שוין גע-

זען דעם טויט אַזוי נאָענט? און וויפל מאָל האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז אויך דאָ וועט ער קומען? דאָך ברעכן זיך אונטער אים די קניען און ער וואַרפט די זאַכן פון בעט, גראַבלט די פּאַפּירלעך מיט זיין־פאַרלוירע־נער ווילדקייט... הע, ער האָט גאָר אַליין נישט געוווּסט, ווי ווייט ער וויל נישט שטאַרבן!...

איבערן לאַגער האָט עס שוין אַ רודער געטון. אין פאַרלויף פון איינ־ציקע מינוטן האָבן שוין צענדליקער געוווּסט, אַז באַלד קומט מען נאָך מעכעלען... אַז שוין... האָבן זיך טייל צוריקגעהאַלטן, נישט געוואָלט אַז מען זאָל זען ווי אַזוי זיי האָבן אַ שייכות צו אַ טויט־פאַרמשפּטן. אַנדערע האָבן זיך מיט אומעטיקער נייגעריקייט צוגעקוקט דורך די באַראַק־פּענצ־טערלעך. איז ער געשטאַנען אַן איינזאַמער אין באַראַק, נישט געוווּסט וואָס פריער צו טון. האַ, זעט טאַקע אַזוי אויס בשעת מען גייט צום טויט? מ ו ז ן טאַקע אַלע דיך פאַרלאָזן?

די טיר האָט זיך אויפגעריסן מיט אַ געשריי. דאָס האָט זיך דער־ווּסט מעכעלעס נאָענטער חבר, מיט וועלכן ער האָט אַדורכגעמאַכט פיר יאָר לאַגערן — ביזן וועדק צע... דער פרומער מענדל מושעל פון פראַמ־פּאָל... זיינע אויגן זענען געווען אַרויסגעזעצט, משוגע איבערגעקערט. אויף זיינע ליפּן האָט געזעצט אַ ווייסע שוים... ער האָט זיך אַ וואָרף גע־טון מיט אימה צו מעכעלעס פיס, זיך אויפגעשטעלט און אַרומגעכאַפּט אים... דערביי האָט ער געגומען שרייען אַזוי הויך, מיט אַזאַ יאָמער־ניגון — אַז מעכעלע האָט פאַרגעסן אין זיין אייגענער לעצטער שעה... איצט איז אים נאָר אויסגעקומען איינצונעמען, טרייסטן מענדלען:

— נאָר איינער, וואָס שרייסטו? עס איז גאָרנישט... שוין לאַנג גע־וואָרט דערויף....

וואָס העלפן ווערטער? וואָס זאָגן זיי דען? אָבער מעכעלע דאַרף עפּעס האָבן פון זיין געטרייען באַגלייטער במשך פון יאָרן:

— נישטאָ צופיל צייט, מענדל... וויינען וועסטו אפשר שפּעטער... איצט נעם בלויז אָט־די באַשריבענע העפטן... וועסט זיך פאַרשטענדיקן מיט די אַנדערע חברים מיינע דאָ — און זאָל מען עס אָפּהיטן, ווי לאַנג עס וועט אייך באַשערט זיין צו לעבן... ד אָ ס איז מיר יאָ אַ שאָד! טאָ זיי נישט צערוישט און נעם עס צו זיך...

אַ פּאָליציייאישע האַנט האָט שאַרף אַ פּויק געטון אין שויב:

— דער ווערקשוץ וואַרט...

מעכעלע האָט זיך אַ צי געטון צו דער טיר און מענדל איז אַרויס נאָך אים מיט אַ מטורף־געוואָרענעם יאָמער... מעכעלע איז שוין געוואָרן אַזוי רואיק, אַז ער האָט אפילו באַוויזן אויפצוכאַפּן דעם פּאָליציאַנטס חוזק איבער מענדלען:

— זעטץ נאָר ווי ער געוואַלדעוועט!... גלייך ווי מען וואָלט דאָס א י ם געפירט צו זאַנדערן און נישט דעם מאַלער...

מענדל האָט זיך צעשאָלטן אויף זיין קאָפּ מיט טויטע קללות.

— 4' —

מעכעלע גייט און הייבט די האַנט. דאָס געזעגנט ער זיך מיט די, וואָס שטייען פון דער ווייטנס און האָבן נישט דעם מוט נענטער צוצו־קומען. בלויז מענדל טרעט נישט אָפּ. אָט שטייט ער שוין ביים טויער. דער באַוואָפנטער ווערקשוץ וואַרט שוין אויף אים. דערווייל כאַפּט ער אַ שמועס מיט ווייזנבערגן און קויפמאַנען, וואָס שטייען אַרומגערינגלט מיט אַ כאַפּטע פּאָליציאַנטן. מעכעלע שטעלט זיך אין אַ זייט, נעמט אַרום מענדלען און צעקושט זיך מיט אים. ווייזנבערג מוז מיט עפּעס באַווייזן זיין באַדויער, גיט ער אַ טרייסל מיטן קאָפּ:

— אָט... געצויגן, געצויגן... און אויסגעשפּילט אויף אַזאַ מין אופן!

קיינער האָט אים גאָרנישט געענטפערט. מעכעלע אַליין האָט שוין אַריבערגעשפּרייזט טיף אין זיך די צווייטע זייט גרענעץ. איצט קען ער שוין טראַכטן וועגן אַלץ, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט באַוויזן צו טון און וואָס ער האָט נישט געטון אין לעבן — כאָטש ער האָט עס געהאַט ניי־טיק... ווייזנבערג וויל אים ווייזן, אַז עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן און אַז ער באַמיט זיך ד אָ ך פאַר אים — דערפאַר האָט ער זיך אַ ווענד געטון צום וואַכמאַן:

— באַהאַנדל אים אָרנטלעך אויפן וועג... ער איז אַ ווויל יינגל...

מעכעלע קען אויך אין דער מינוט נישט שולדיק בלייבן קיין ענט־פער:

— צו וואָס זענען נויטיק אָט די רייד? פאַרן טויט איז נישט כדאי

זיך נידעריק צו מאַכן. זאָל ער מיך נ י שׁ ט - אָרנטלעך באַהאַנדלען!
וואָס טויג די פלאַפלעריי?

ווייזנבערג פילט זיך געטראָפן:

— דו... וואָלסט נישט...

ער האָט אָבער באַלד איבערגעריסן און נישט דערזאָגט דאָס איבע־ריקע. דער טויער האָט זיך געעפנט און מעכעלע איז אַרויס. הינטער אים האָט געשפּרייזט דער וואַכמאַן מיטן געלאָדענעם געווער... שוין עטלעכע מאָל איז זיין לעבן מאַכט מעכעלע אַדורך דעם לעצטן וועג. אָבער איצט קלערט ער גאָרנישט יענע פאַרבענקט־וויינענדיקע מחשבות וואָס אַמאָל. אַלץ איז געקומען אַזוי פּלוצים, אַז די געדאַנקען פון פריערדיקע טעג זע־נען נאָך נישט אין גאַנצן פאַרפלויגן...

וואָס אַ מענטש קען איינפאַלן גייענדיק צום טויט! ער האָט נאָר גע־טראַכט אַז ערשט דאָ נישט לאַנג איז אויף דעם זעלבן וועג געגאַנגען דער בעל־העגלה פון קאַמאַראָוו... און אויך ער האָט צום לעצטן מאָל געזען די זעלבע ביימער, דעם זעלבן וועג — און אפשר אויך דעם דאָזיקן זעלבן וועכטער. ער האָט זיך אויך געוווּנדערט אַזוי טרוקן און פרעך — אַזויווי עס וואָלט צו אים קיין שייכות נישט געהאַט — פאַרוואָס ביי דער פריער־דיקער עקזעקוציע האָט זאַנדער אין אים פאַרגעסן. ער וואָלט שוין איצט געלעגן גלייך ווי אַלע אַנדערע פינף און עס וואָלט שוין געווען נאָך אַלע־מען. ער וואָלט שוין מער נישט געדאַרפט גיין, מען וואָלט אים שוין מער גאָרנישט געקענט פרעגן... און אַזוי — פאַלט נאָך די נאַכט אויף אים אַראָפּ און ער וועט נאָך געפאַרשט ווערן. דערנאָך וועט מען אים נאָך פירן אַזוי וייט... אפשר ביז צו די שטרויענע ווענטלעך... טשיקאַווע צו וויסן, אויב ער וועט דאָרט באַווייזן עפּעס צו זען אין דער פינצטער? — — —

אַלע געדאַנקען זענען איצט איינגעשלאָפן. דער עיקר קלערט ער נאָר וועגן קלייניקייטן: ווו וועט מען אים שיסן? דאָ אין וואַלד, אָדער ווייטער פון דאַנעט? וועט מען עס מאַכן ביינאַכט און ער וועט גאָרנישט באַווייזן אָנצונעמען מיטן אויג, אָדער מען וועט אים אָפּהאַלטן ביז אין דער פרי און ער וועט אַלץ קענען זען, טאַקע אַלצדינג?...

דער וועכטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דרויסן, פאַר דער טיר פון דער וואַכשטוב. ער האָט זיך אפילו נישט געשראָקן, אַז מעכעלע זאָל אַנט־לויפן און איז אַריינגעגאַנגען עפּעס מעלדן דאָרט אינעווייניק. עס זענען

פאַרביי אַ פּאָר מינוט און ער איז נאָך אַלץ נישט אַרויסגעקומען. דייטשע און אוקראַינישע וואַך־לייט זענען אַריין און אַרויס. זיי האָבן אויף אים אפילו קיין אַכט נישט געלייגט. בלויז איינער האָט מעכעלען אַ שטויס געטון, דערפאַר וואָס ער איז געשטאַנען אין וועג.

מעכעלע האָט איצט געקענט לייכט אַנטלויפן, אַריינקריכן אין פינצטערן וואַלד און פון דאָרט זאָל ער אפילו זיך אַריבערכאַפּן די דראָטן. ער קען דאָך אַביסל דעם וועג! און דאָרט, אין פאָדער־צימער שטייען עטלעכע געלאָדענע ביקסן, אָנגעלענט אין די געווער־שטענדערס. ער דאַרף נאָר האָבן דעם מוט אויף עטלעכע מינוט — און ער וועט אפילו זיין באַוואָפנט! ער וועט נישט דאַרפן שטאַרבן אַזוי לייכט... פאַרוואָס טוט ער עס נישט? פאַרוואָס נוצט ער נישט אויס די לעצטע געלעגנהייט, וואָס דער גורל האָט אים געגעבן?

מעכעלע טראַכט נאָר אַזוי — ווייל עס איז גוט אין אַזעלכע מינוטן זיך אַביסל צו שפּילן מיט אַזעלכע פאַנטאַזיעס. ער ווייסט אָבער אַז ד אָ ס וועט ער נישט טון. ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס... ער האָט נאָר געקענט זיין אַ העלד און ר ע ד ן וועגן העלדישקייטן; ער האָט אפילו געקענט שרייבן לאַנגע פּאָעמען, ווו ער האָט גערופן צו קאַמף און צו נקמה — צו ווידערשטאַנד... אוי, ווען דאָס אַלץ זאָל זיך לאָזן אויספירן מיט בלויזע ריידן! נאָר איצט, ווען יעדע סעקונדע קען אַרויסקומען אַ וואַכמאַן, שטייט ער און קען מיט קיין האַנט נישט קיין ריר טון... דאָס וואַרטן אויפן טויט איז אַזוי לייכט — ווען מען דאַרף דערביי אַליין זיך נישט אָנשטרענגען, גאָרנישט טון... עס ווערט אַזוי שווער צו פאַרלירן די לעצטע מינוטן אין באַוועגן זיך! ער וויל איצט נאָר איינס: האָבן אַ פּאָר מינוט פון געגנצלעכער רו, ווען אַלע לעבעדיקע זאָרגן זענען שוין איבערגעלאָזט הינטער יענעם קרעכצנדיקן טויער פון לאַגער! ניין, נישט אַזעלכע ווי ער זענען מסוגל צו פּרווון כאַפּן אַ מאָרד־מכשיר און נישט וויסן, אויב ער וועט זיך אפילו דערמיט באַווייזן צו באַנוצן...

ער האָט נאָך געדולד בייז צו זיין אויף זיך פאַר אַזאַ מין פּחדנות. ער איז פּשוט פ ו י ל צו שטעלן ווידערשטאַנד!... ניין, נישט פויל, נאָר מ י ד , צופיל מיד פון אַזאַ לעבן! אפשר בענקט ער שוין צו זען ביי זיך די ע נ ד ע ר ו נ ג נאָך אַזויפיל יאָרן ראַנגלען זיך. זאָל זי קומען דורכן טויט, דורך אַ קויל אפילו...

ווי מאָדנע דאָס איז: די פאַנטאַזיע פון מענטש קומט אין אַזעלכע מינוטן אים פריילעך מאַכן, פאַרגרינגערן אים די לעצטע מינוטן פון וואַרטן אויפן סוף! ער נעמט זיך גאָר איצט דערמאָנען, ווער עס איז שוין פון יענער זייט לעבן... ער פאַרבענקט זיך אפילו נאָך דעם און נאָך יענעם, וואָס געפינט זיך שוין דאָרט... די דאָזיקע בענקשאַפט — בשעת מען שטייט איינער אַליין אַנטקעגן אַ נאַכטיק־צעפינצטערטן וואַלד — ווערט אַזוי שטאַרק, אַז אים ווילט זיך אפילו, עס זאָל שוין געשען וואָס שנעלער. זאָל ער שוין האָבן אַריבערגעגאַנגען די בריק!... אפשר וועט ער זיך טאַקע אָנבאַגעגענען מיט אַזויפיל היימישע, מיט אַזויפיל נאָענטע — — —

אָט ווי אַזוי אַ יידיש יינגל קען זיך אַריינגליטשן אין אַ פאַנצער וואָס שיצט פאַר דעם גרויסן פחד פון ווערן גאָרנישט, פון אַריינפאַלן אין סוף־הסופותדיקן אומקום... ער האָט אפילו נישט געשפירט ווי עמעץ גיט אים אַ טרייסל... ס׳איז געווען אַ הויכער וואַכמאַן. מעכעלע האָט זיך אַ ריס געטון. אין האַרץ האָט אַ ווילד פויקן אָנגעזאָגט די בשורה: שוין! אַזויווי עס וואָלט געווען אַ שמחה דאָרט אינעווייניק און דער בשורה־זאָגער וויל עס אָנזאָגן אַלע אברים מיט אַ משונהדיקן גערויש, וואָס הויבט זיך אָן ביים האַרץ און גיסט זיך אַראָפּ מיט פאַרכישופטער שטעכעניש ביז צו די שפּיץ פינגער פון די טריט. אָבער דער וואַכמאַן האַלט נאָך נישט דערביי. אים איז עפּעס גוט אויפן האַרצן, דערפאַר צעעפנט ער אַ שאַכטל דייטשע ציגאַרעטן, וואָס זעען אויס ווי קליינע, אייידלהויטיקע פינגער און ער דערלאַנגט מעכעלען, אַז ער זאָל אַרויסציען איינעם צום פאַררויכערן:

— דו ביזט אַ ייד און איר האָט ליב אַזעלכע לייכטע, איידעלע זאַכן... אָבער ביי מיר איז עס שטרוי... איך בענק שוין נאָך אַ פעסטער פאָרציע שאַרפער מאַכאָרקע... קענסט נעמען עטלעכע...

מעכעלע פאַרציט און קען נישט פאַרשטיין, וואָס יענער וויל פון אים. פאַרוואָס גיט ער אים אָנצוהערעניש פון זיין בענקשאַפט? פון קאָרידאָר האָבן זיך געהערט טריט און דער וואַכמאַן האָט שנעל געמוזט ענדערן דעם טאָן, באַווייזן וואָס ער טענהט דאָ איין מיט דעם יידל. ער איז דערפאַר בליצשנעל איבערגעגאַנגען צו חוזק:

— דו, יידל... באַלד וועט מען דיך אַוועקפירן אויף יענער וועלט —

געדענקזשע: איך האָב דאָרט אַ ברודער... ער איז געפאַלן מיט אַ יאָר צוריק פון די פּאַרטיזאַנער — זאָלסטו אים זען אויסצוזוכן דאָרט און אי־בערגעבן אַ גרוס... זאָלסט אים זאָגן, אַז דו האָסט מיך געזען שטיין אויף דער וואַך...

פון דער פינצטערער זייט וועג האָט זיך געהערט אַ געלעכטער. דער ערשטער וואַכמאַן איז אַרויסגעקומען מעלדן, אַז דער הער זאַנדער איז נאָך אַלץ שטאַרק פאַרנומען. ער דאַרף נאָך אַ פּאָרש טון מעכעלען — און ער וועט נאָך דאָ מוזן שטיין אַ האַלבע שעה און אפשר מער! צייט האָט ער דאָך... און צו דער אַרבעט גייט ער דאָך נישט — וועט מען שוין ד אָ ר ט ן מוזן אויף אים וואַרטן אַביסל... נישט אַזוי?

— 5 —

ווי דאָס וואַרטן זאָל מעכעלען נישט נמאס זיין — איז ער איצט עמעצן דאַנקבאַר געווען... וואָס האָט זאַנדערן אַזוי באַשעפטיקט? נישט קיין אונטערשיד! אַבי מעכעלע קען נאָך שטיין מיט אָפענע אויגן — און מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער אַריינאָטעמען די פרישע נאַכט־לופט... גאָר־נישט געוווּסט, אַז זי איז אַזוי מחיהדיק!

דער ווערקשוץ פילט זיך אַזויווי שולדיק, פאַרוואָס דער שעף לאָזט זיי דאָ אַזוי לאַנג וואַרטן. די אַלע וואָס גייען פאַרביי שטעלן זיך עס זיכער נישט פאָר, אַז דאָ שטייט אַ יינגל וואָס זיין נאָמען איז נאָך היינט פאַר־נאַכט אַרויסגעצויגן געוואָרן פון די לעבעדיקע. אויך דער וועכטער זיי־נער געדענקט גאָרנישט אין דער מינוט, אַז שפּעטער אַביסל וועט ער דאַרפן דעם זעלבן אַריינשיסן אַ קויל. עס איז אים נמאס דאָס שטילע, שטומע וואַרטן און דערפאַר נעמט ער אינפאָרמירן מעכעלען, האַלב מיט רייד און האַלב מיט מימיק:

— דער שעף... שטאַרק פאַרנומען... ער האָט טעלעפאָנירט אין ווערק א׳. עס דאַרף ווער קומען און זאָגן וועגן דיר אַלץ. ער דרייט דעם טעלעפאָן — און יענער איז נישטאָ. באַלד וועט מען אים ברענגען. איך האָב געהערט...

מעכעלע הערט שוין געשפּאַנט. זעט אויס אַז זאַנדער וויל אים נאָך דווקא מיט עמעצן קאָנפראָנטירן. אפשר וויל ער דורך דעם דערגיין ביי

אים סודות — און גראָד דאָס קען נישט געמאַכט ווערן אַזוי שנעל. עס האָבן זיך געמאַכט שטערונגען... אַנטקעגן איבער ציט זיך דאָס שטעגל ביז צום לאַגער. מעכעלע פאַרציט ווידער אַ ציגאַרעט, הערט זיך איין מיט איין אויער אינעם וואַכמאַנס לעבעדיקן פלאַפּלען און מיטן צווייטן הערט ער זיך איין צו דער אַרומיקער שטילקייט... איז טאַקע שטענדיק אַזוי שטיל, איידער מען גייט אומברענגען אַ מענטש? טוט גאָרנישט קיין געשריי אויף דער וועלט? וויל טאַקע גאָרנישט פונעם באשאף אַ קלאָג טון דערויף? אַזאַ שוואַרצע שטומקייט! אַזאַ אַכזריותדיק שווייגעניש!

אַן אַ ציל בלאָנדזשעט ער דערווייל מיט די אויגן אויף יענעם וועג, וועלכער האָט אים אַזויפיל מאָל געפירט אַהין און צוריק צו דער יידי־שער ווערק־צע וועלט... מער וועט ער שוין דאָרט נישט גיין — און קיי־נער וויל זיך פון דאָרט איצט נישט באַווייזן.

אָבער ווי פאַרטייעט און פאַרגליווערט מעכעלע זאָל נישט זיין — מוז ער איצט אויפציטערן פון עפּעס נייעס: אָט שפּאַרן זיך דאָרט אַדורך אַ וועג צוויי געשטאַלטן! פונוואַנעט קומען זיי? ווער זענען זיי און וווּ־הין ציען זיי? וואָס גייט עס אים אָן, וואָס עס טוט זיך נאָך אין דער וועלט פון לעבעדיקע? וואָס נייגערט עס אים אַזוי? ער מוז אָבער קוקן — דערפאַר זעט ער:

איין געשטאַלט שטויסט זיך ממש אין דער וויסטער טונקלקייט אַריין. לויפט מיט אַלע כוחות... דאָס צווייטע געשטאַלט גיט זיך אָפּ ווי אַ ווייסער פלעק און ציט נאָך דעם ערשטן, אין אַ געוויסער נאָכלעסי־קייט. זיי לויפן אַזוי שנעל, אַז באַלד באַווייזט זיך דאָס ערשטעביים היל־צערנעם בריקל, פאַכעט מיט די הענט און וואַרפט זיך ממש אין דער לופט אַריין... מעכעלע הערט אַזש זיין שווערן אָטעם און דאָס האַרץ נעמט זיך אויפסנייי אין אים וואַרפן פון אַ נייער אויפרעגונג. דאָס לויפט יענער אַהער, גלייך אין דער וואַכשטוב אַריין!...

פייכטע רעדער בלענדעניש האָבן אַרומגעדרייט מעכעלעס אויגן — דאָך האָט ער באַוויזן פון אונטער דעם איבערראַשטן נעפּל צו דערקענען דעם לויפנדיקן: צי איז עס מעגלעך? זעט ער נאָך איצט אַ מענטש פון ווערק צע? ווען ער זאָל כּח האָבן זיך צו רירן פון אָרט — וואָלט ער אַנט־קעגנגעלאָפן און זיך מיט אים צעקושט... גאָרנישט, נאָר בלויז דערפאַר וואָס ער האָט זיך דאָ א י צ ט באַוויזן. כאָטש דאָס איז נישט קיין אַנ־

דערער ווי דער וויצע־קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי, פ ע ל ד מ אַ ן...

יענער האָט זיך אָבער צוגעריסן ווי דורך מויערן, צוגעקומען נעג־טער און פאַר איבעראַשונג קוים אויסגעסאַפּעט אויף פּויליש:

— אוי ביזטו אַ מזלדיקער!... ביזט געראַטעוועט, אַז דו לעבסט נאָך... האָב קיין מורא נישט... אַט באַלד...

מעכעלע האָט מער נישט געקענט הערן. ער האָט נאָר מיט אַ שטאַרן בליק נאָכגעקוקט ווי פעלדמאַן פליט צוריק צום בריקל, וואָס פירט אין לאַגער. דאָרט טרעפט ער זיך מיטן טונקל־ווייסן פלעק, פאַרהאַלט זיך אַ ווייל און פליט ווייטער, אַראָפּצו... אַראָפּ... ביז דער וואַלד שלינגט אים איין... דערפאַר רוקט זיך דאָס ווייסע געשטאַלט אַלץ נעענטער און נעג־טער. אָט איז עס שוין ביים בריקל און אָט קומט עס שוין נעענטער און שפּרייזט מיט געמאָסטענע טריט גלייך אויף אים... יאָ, ס׳איז זי... די קאָמענדאַנטין, פּ ע ל אַ !...

מעכעלע וויל גאָרנישט פרעגן און זי איז מיט קיין האָר נישט אויפ־געגעט. זי זעט אפילו נישט דעם ווערקשוץ וואָס שטייט דאַנעבן — נאָר זי ווענדט זיך גלייך צו מעכעלען:

— אַ נ ט ל ו י ף !

מעכעלעס געדאַנק איז שוין אַטראָפירט און ס׳איז אים שווער אויפ־צוכאַפּן דעם לעבנס־צייכן. וואָס הייסט דאָס: אַ נ ט ל ו י פ ן ? וואָס וויל זי? ביי וועמען צו פרעגן באַשייד האָט ער נישט — דערפאַר שטייט ער אויפן זעלבן אָרט און וואַרט... וואַרט ביז עפּעס וועט דאָ געשען פון זיך אַליין. פּעלאַ איז אַריינגעפאַלן אין אויפרעגונג. זי איז צוגעלאָפן נאָענט צו אים און אויפגעהויבן די נאַקעטע אירע:

— דו שווערער אידיאָט! מען זאָגט דיר — אַנטלויף!!! האָסט נאָך געציילטע סעקונדן אויסצונוצן... וואַריאַט, משוגענער, כאַם... איינגע־שטעלט דאָס לעבן צוליב דיר — שטייסטו גאָר!? מאַרש! מאַרש פון דאַ־נעט!!!

אירע געשרייען האָבן אָנגעצויגן נאָך עטלעכע וואַכמענער, אָבער זי האָט זיך פון זיי קיין וועזן נישט געמאַכט. אויך מעכעלע האָט זיך אויפ־געטרייסלט און זיך אַ ריס געטון פון זיין אָפּגעשטאַרבנקייט. ער האָט אפילו נישט געוווּסט אויב ער ז אָ ל איר איצט דאַנקען, אויב ער מ ע ג איר דאַנקען... האָט ער זיך אַ לאָז געטון ווי אַן אַרויסגעשאָסענע

פייל וואָס פּליט צוליב אַן אַנדערנס כח, אָן איר ווילן און וויסן.

פּעלאַס צוריק־באַרואיקט קול האָט אים אָבער גערופן, ווען ער איז שוין געווען נישט ווייט פון בריקל:

— אַנטלויף וואָס גיכער פון דאַנעט... אָבער ווייז זיך איצט נישט פאַר קיינעם און זע זיך צו באַהאַלטן איבער נאַכט. מאַך זיך נישט וויסנ־דיק, אויב אפילו וועסט הערן אַז מען זוכט דיך — און מאָרגן זאָלסטו אַלעמען זאָגן, אַז מען האָט דיר געגעבן 25 שמיץ אין דער יידישער פּאָ־ליציי... הערסט? און זאָלסט אויך געדענקען, ווי אַזוי די „בעסטיע פון ווערק צע" האָט געהאַנדלט קעגן דיר... אַזוי האָסטו מיך דאָך אַמאָל אָנ־גערופן... נו, לויף!...

מעכעלע האָט איר גאָרנישט געקענט ענטפערן, ווייל זי האָט זיך באַלד אויסגעדרייט און איז אַריין אין דער וואַך־שטוב. די ווערקשוץ האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געמישט... די ערשטע פאָר טריט איז מעכע־לע געלאָפן ווי משוגע. ערשט ווען ער איז געקומען צווישן ביידע זייטן וואַלד, האָט ער פאַרלאַנגזאַמט די טריט און צוגעשפּרייזט מיט אַ פאַרקיל־טער גלייכגילטיקייט ביזן טויער.

(סוף פון בוך איינס)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט

33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות

34) **יחיאל לערער** — מיין היים (**פּאָעמע**)

35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...

36) **צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן

37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן

39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)

40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)

42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע

43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)

44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב

45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...

46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)

48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**ראָמאַן**) (**אויספאַרקויפט**)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (**זכרונות**)

51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**טאָג־בוך**)

52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פוילן

53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן

54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (**ראָמאַן**)

55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן

56) **שלום אַש** — פּעטערבורג (**ראָמאַן**)

57) **שלום אַש** — וואַרשע (**ראָמאַן**)

58) **שלום אַש** — מאָסקווע (**ראָמאַן**)

59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13

61) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **ערשטער באַנד**

62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **צווייטער באַנד**

63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע״

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער

68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (**זכרונות**)

69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד

70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן...

72) **י. י. טרונק** — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד ביים קולטור־קאָנגרעס, סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פוילן און ליטעראַטור־־פּרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאַדזשער ראָמאַן

80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

זלמן שזר — שטערן אינעם פרימאָרגן **(זכרונות)**
ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
מנשה אונגער — חסידות אין פוילן און גאַליציע

עס גרייט זיך צום דרוק:

מיכאל מ. באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע דערציילונגען
יוסף רייך — זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן
ד״ר יעקב וויגאָדסקי — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין — דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש — פּופּציק בריוו
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — אַמאָל איז געווען
הערשעלע — שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו — אַ ליד נאָך אייך
גרשם באַדער — קראָקע
משה זאַנשיין — „יידיש וואַרשע״

Este libro se terminó de imprimir el día 16 de Mayo de 1952, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, - Corrientes 1976 - Bs. Aires.